This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

10 1974

היימלאַנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

אָקטיאַבער

10

1974

אינהאלט

הערשל פאָליאנקער. שטארקער פון אײַזן (ראָמאַן. סאָף) 3

ארן ווערגעליס. נײַע לידער 56

שירע גאָרשמאן. כאנעס שאָף און רינדער (דערציי־לונג. דריטער טייל) 61

ווערק פון אונדזערע לייענער. לידער פון וועלוול ווערניק, מאָניע מיניעוויטש, בראָניע סינעלניקאָווע, י. טאבאקמאַ־כער, זאלמען מינקין, ארן זײַטשיק; דערציילונג פון מוישע מאנדעל; קריטישע נאָטיצן פון יאנקעוו פליך, איציק באָראָוויטש 88—100

מוישע אלטמאן. זקײנישע נאָטיצן 101

אווראָם גאָנטאר. פונעם בוך „נעגינע" (לידער) 105

לעבעדיקע גרוסן. מישע כאזין. אונדזער היים קע־שענעוו 109

אירמע דרוקער. געזען און געהערט 116

מאָטל טאלאלאיעווסקי. הערצער זיך צעבלײַען (לידער) 129

ליטעראטור־קריטיק. ביבליאָגראפיע. פראגן פון קונסט

הערש רעמעניק. פראָבלעמען פון דעם ניסטערס שאפן 131

מיט פערציק יאָר צוריק 141

אוקראַיִנישע שרײַבער וועגן די שעפער פון דער ייִדישער ליטעראטור. פאוולאָ טיטשינא. אָשער שווארצ־מאן; מאקסים רילסקי. א פאָעט א דענקער; זײַן דיכטונג — מיט זוניקער פרייד דורכגעוועבט 147

ליטעראַרישער טאָגבוך. אוראן גוראלניק. די וועלט־באדײַטונג און די צווישנפעלקערלעכע קאָנטאקטן פון דער סאָוועטישער ליטעראטור 154

טעאטער. שמועל גאָרדאָן. שאָלעם־אלייכעם און לויט שאָלעם־אלייכעמען... („דער פארקישעפטער שנײַדער" אינעם מאָסקווער ייִדישן דראמאטישן אנסאמבל) 158

צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאגע. ייִסראָעל קאָ־וועלמאן. עליִעזער ליסיצקיס ייִדישע גראפיק 163

פובליציסטיק. ג. ריכטער. אין סטירע צו די פאקטן פונעם לעבעדיקן לעבן 166

מיר ענטפערן אף פראגעס פון אונדזערע לייענער. לעאָ־נעל דאדיִאני. דער קלעריקאליזם אין ייִסראָעל 171

אונדזערע מיטיילונגען. אווראָם פריבלודע. צונע־מענישן בא שאָלעם־אלייכעמען 177

בלעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען. י.־א. ראָנטש. וועמען מע דערלויבט זיך צו פארשווײַגן; מ. באהעל־פער. ייִדישע קונסט און ייִדישע קינסטלער 181

פארשיידנס 184

קאָמענטארן פון רעדאקציע 186

כראָניק 100, 104, 128, 165, 170, 180

נאָטיצן אפן קאלענדאר 187

לאָמיר זינגען נײַע לידער. כאוויירים מײַנע! ווערטער פון ארן ווערגעליס, מוזיק פון סערגיי טשעבאָטאריאָוו 189

עליע פאלקאָוויטש. שמועסן וועגן ייִדישער שפראך 191

הויפט־רעדאקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

כ.ביידער, א. גאָנטאר, ש. גאָרדאָן, ט. געז, י. טשיטשעלניצקי (שטעלפארטרעטער פון הויפט־רעדאקטאָר), נאָטע לוריע, מ. לעוו, ב. מילער, כ. מעלאמוד, ה. פאָליאנקער, ס. פרײַ.

פאראנטוואָרטלעכער סעקרעטאר

י. שוסטער

הערשל פאָליאַנקער

שטאַרקער פון אײַזן

(ראָמאַן)

דאָס לעבן גייט ווײַטער

די יעדיע האָט געבראַכט אַהער ראָמאַן קראַוטשוק: די רויטע אַרמיי וועט ניט דערלאָזן, אַז די פאַשיסטן זאָלן פאַרכאַפּן גאַליציע, מײַרעוו־אוקראַיִנע, פאַרקנעכטן דאָס אוקראַיִנישע פאָלק און אַלע, וואָס באַוווינען די דאָזיקע ערד. עס דערנעענטערט זיך די צײַט, ווען עס וועט מעקוים ווערן דער לאַנגיאָריקער טרוים פון הונדערטער טויזנטער מענטשן און מע וועט זיך פאַרייניקן מיט די ברידער פון יענער זײַט זברוטש.

די אַרבעטער האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז עס שטייט פאַר אַ גרויסער קאַמף. קיינער טאָר ניט בלײַבן אין דער זײַט.

אין די אַרבעטער־יִשוּווים, אין די שטעט און דערפער האָט מען געשאַפן זעלבשוץ־אָטריאַדן, זיך באַוואָפנט מיט וואָס מע האָט נאָר געקאָנט און זיך געגרייט שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

אומגעקערט זיך פון דער גרויסער שטאָט, האָט ראָמאַן קראַוטשוק זיך גלײַך גענומען שאַפן אַן אָטריאַד פון זעלבשוץ. ער האָט געוווּסט, אַז דער סוינע וועט זיך באַמיִען פאַרניכטן די נאַפט־באַצירקן, די קאָטשעגאַרקעס און פאַרוואַנדלען דעם „שוואַרצן טאָל" מיט זײַנע נאַפט־טורעמס אין אַ מידבער.

האָט מען טאָג און נאַכט געהיט דאָס פאַרמעגן, אינגאַנצן פאַרגעסן אין רו.

דאָס, וואָס ראָמאַן קראַוטשוק האָט פאַרשריבן אין זײַן אָטריאַד זײַן יונגן פלעמעניק, סטאַסיקן, טאַראַס' זון, יוליסן, זאַלמענס באָכער, און זי, מאַרגאַריטען, פיליפּס מיידל, האָט דעם דרײַלינג שטאַרק דערפרייט און זיי האָבן זיך מיטאַמאָל דערפילט דערוואַקסענע.

כאָטש זיי זײַנען אַלט געווען ניט מער, ווי צו זעכצן יאָר און מאַרגאַריטע איז געווען נאָך ייִנגער פון זיי, האָבן זיי שוין אַלע דרײַ געאַרבעט אָפּן באַצירק.

הײַנט זײַנען זיי דרײַען אַרויסגעגאַנגען אויף דער וואַך מיט אַ היפּשער גרופּע באַוואָפנטע אַרבעטער.

סטאַסיק האָט זיך געפילט גליקלעך, וואָס אין דער גרופּע, צו וועלכער מע האָט אים פאַרעכנט, איז אויך געווען מאַרגאַריטע. ער האָט זיך דערלעבט אַ נעקאָמע אין זײַן בעסטן

סאָף. זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 8, 9.



פּרײַנט, מיט װעלכן ער האָט זיך קײנמאָל ניט צעשײדט — אין יוליס מאַרקוסן, װאָס האָט געדאַרפֿט אַרומגײן איבערן באַצירק מיט אַ צװײטער אַרבעטער־גרופּע.

כאָטש בײדע יִנגלעך זײַנען געװען אַלטע פּרײַנט, צוזאַמען אין שול געלערנט, געגרײט די לימודים אײנינעם, געלאָפֿן צום גרױסן באַרג־שטראָם כאַפּן פּאָרעל, זאַמלען אין די בערג שװאָמען און יאַגעדעס, איז אָבער שױן אַ שטיקל צײַט אַ קאַץ דורכגע־לאָפֿן זײ דעם װעג.

און די קאַץ איז געװען מאַרגאַריטע... בײדע זײַנען זײ געװען פֿאַרליבט, נאָר עס באַהאַלטן אײנער פֿונעם צװײטן. קײנער פֿון זײ האָט ניט געװוּסט, צו װעמען ציט זיך דאָס מײדל. סטאַסיק האָט געטראַכט, אַז װען יוליס גיט איר ניט די בעסטע און שענסטע ביכער און לײענט איר ניט אָפּ אױסװײניק קײן לידער, װעלכע נעמען פֿאַר דער נעשאָמע, װען ער שרײַבט איר ניט קײן בריװלעך, פֿון װעלכע זי איז באַגײַסטערט, װאָלט זי זיך בעסער באַצױגן צו אים, צו סטאַסיקן. יוליס, פֿאַרקערט, האָט געװוּסט, אַז זײַן כאַװער איז שענער און שטאַלטנער פֿון אים און קאָן גיכער געפֿעלן װערן, װי ער, יוליס, װאָס מוז טראָגן צוליב זײַן קורצזיכטיקײַט ברילן. און זי, מאַרגאַריטע, האָט זיך צו בײדן באַצױגן גוט, ניט געמאַכט צװישן זײ קײן שום אונטערשײד. און דאָס האָט בײדן געמאַטערט.

דעריבער איז הײַנט מאַמעש אַ ראַכמאָנעס געװען צו קוקן אױף יוליסן, װען ער האָט געזען, װי סטאַסיק און מאַרגאַריטע גײען אַװעק צום „שװאַרצן טאָל" מיט אַ גרופּע אַר־בעטער־זעלנער.

מאַרגאַריטע איז גראָדע צוגעגאַנגען צום עלטסטן און געבעטן, אַז יענער זאָל דער־לױבן יוליסן אױך גײן אין זײער גרופּע, נאָר מע האָט אױף איר אָנגעשריגן און געדראָעט, אַז מע װעט זי פֿונעם אָטריאַד אױסשליסן, אױב זי װעט זיך ניט אונטערװאַרפֿן דער דיס־ציפּלין. זי דאַרף פֿאַרשטײן, אַז מע גײט ניט אין די בערג זאַמלען שװאָמען, נאָר אָפּהיטן די באַצירקן פֿונעם סױנע.

דאָס מײדל האָט ניט געװאָרט אױף אַזאַ פּסאַק און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

די נאַכט איז געװען אַ פֿינצטערע און אומרויִקע. צװישן די אָנגעכמורעטע בערג האָט אַרומגעבלאָנקעט אַ שטיקל לעװאָנע, װאָס האָט קױם באַלױכטן דעם „שװאַרצן טאָל". עס האָט זיך געדאַכט, אַז אונטער יעדער דעמב, אונטער יעדער סמערעקע, אין די געדיכטע קוסטעס האָבן זיך פֿאַרטײַעט סאָנים, אַז אָט־אָט װעלן זײ אַרױסשפּרינגען און זיך װאַרפֿן אױפֿן הײַפּל װעכטער.

און װיאַזױ װעט זי זיך פֿון די שלענג ראַטעװען? מע האָט איר געגעבן אַ שטיק אײַזן און מער גאָרניט. בײַ סטאַסיקן, עמעס, איז געװען אַ ביקס, נאָר אַ יעגערישע, דערצו נאָך האָט זי ניט געקאָנט שיסן, װײַל ס'האָט געפֿעלט אין איר עפּעס אַ טײל. נאָר דאָך האָט עס מאַרגאַריטען ניט געשראָקן, װײַל אײנעם אָטריאַד זײַנען געװען אַ סאַך נאָפּטלער און אירע שכײנים, דערצו נאָך דער פֿאָטער, װעלכער װעט זי געװיס ראַטעװען פֿון אַלע געפֿאַרן. שױן ניט רײדנדיק װעגן סטאַסיקן אָדער יוליסן...

אינגיכן איז די שרעק אײַנגאַנצן אָפּגעטראָטן פֿון איר, זי האָט זיך דערפֿילט זיכערער, געשפּאַסט צוזאַמען מיט די אַרומיקע, און דאָס דזשורען איז איר גאָר געפֿעלן געװאָרן. באַנאַנד מיט מאַרגאַריטען האָט געשפּאַנט סטאַסיק מיט זײַן אומגעלומפּערטער ביקס, און װי ער האָט ניט באַמיט זיך שטאַרקן, דאָך האָט ער געפֿילט, װי דער שלאָף מאַטערט אים, און אױף אַלע אירע פֿראַגן האָט ער געענטפֿערט דער טײַװל װײסט װאָס.

לאַנג האָט מען אַרומגעשפּאַנט צװישן די נאַפֿט־טורעמס, װאָס האָבן אײנעם כױשעך אָנגעװאָרפֿן אַ גרױל, און װען עס האָט אָנגעהױבן שאַרײַען אױף טאָג, האָט מען זיך צוגעזעצט אָפּרוען אױף אַ דיקן שטאַם פֿון אַן אומגעװאָלגערטן בױם.

מע איז בײַגעקומען דעם שלאָף, געזעסן אײנס לעבן צװײטן און זיך אײַנגעקוקט אין די בערג, װעלכע האָבן יעדער מינוט גענומען װערן ליטערער. די קעלט האָט דורכגענומען די הױט מיט די בײנער, און מאַרגאַריטע האָט אַלײן ניט געפֿילט, װי זי האָט זיך מיטן אַקסל

צוגעטוליעט צום ייִנגל. ער איז דערפֿון געווען אפֿן זיבעטן הימל, ניט געשאַטעמט, זי זאָל זיך כאַטש ניט כאַפּן און זיך ניט אָפּרוקן פֿון אים. די באַגלייטער זייערע זײַנען אוועקגעגאַנגען ווײַטער, נאָר ביידע האָבן עס ניט באַמערקט.

איז מען אַזוי געזעסן און געשוויגן. געקוקט אין דער ווײַט. און ער, סטאַסיק, האָט זיך שיר ניט אופֿגעגעסן לעבעדיקערהייט, וואָס ער האָט ניט געקאָנט צוקלײַבן די בייטיקע ווער־טער, קעדיי איר זאָגן, וואָס באַ אים איז אפֿן האַרצן. ווער ווייסט, צי וועט זײַן נאָך אַזאַ גינסטיקע מינוט, ווי איצט?

די צונג זײַנע איז געווען שווער, ווי אַ שטיק האָלץ, און גייט טו עפּעס!

ער וואָלט זי אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך, נאָר זי קאָן זיך צעבייזערן! ער געדענקט נאָך דעם פּאַטש, וואָס זי האָט אים דערלאַנגט אונטער דעם קליאַן, באַ איר קאַליטקע. ער האָט זי דעמלט קוים איבערגעבעטן, געמיינט, אַז זי וועט שוין קיינמאָל ניט קוקן אין זײַן זײַט. איצט וועט ער שוין זײַן פֿאָרזיכטיק.

סטאַסיק האָט געוואָלט דערציילן מאַרגאַריטען וועגן זײַנע פֿיר טויבן, וואָס ער האַלט אינעם טויבנשלאַק, נאָר יענע האָט אים איבערגעשלאָגן, געזאָגט, אַז זי האָט ניט ליב קיין טויבן־טרײַבער, אַז בלויז פּוסטע יונגען פֿאַרנעמען זיך מיט יאָגן איבער די דעכער טויבן. און, כאָץ דעם, האָט זי צוגעגעבן, אַז אין אַזאַ שווערער צײַט דאַרף מען ניט ריידן וועגן אַזעלכע נאַרישקײַטן.

איז סטאַסיק געבליבן זיצן פֿאַרלוירן, ניט געוווּסט, וויאַזוי זיך אַרויסצודרייען.

— און מער קאָנסטו מיר גאָרניט דערציילן? — האָט זי אַ קוק געטאָן אַף אים מיט אירע בלויע אויגן און אים דורכגענומען אַף דורך־און־דורך. — וועלן מיר אַזוי זיצן און שווײַגן, ביז מירן אײַנשלאָפֿן ווערן אפֿן קלאָץ און די כאַווײרים וועלן אונדז אויסלאַכן?

— ניין. וואָס הייסט?

— זאָג מיר נאָר, סטאַסיק, — האָט דאָס מיידל אים איבערגעשלאָגן, — דיר איז געפֿעלן נאַטאַשע ראָסטאָוואַ?

ער האָט אַף איר אַ פֿאַרוווּנדערטער אַ קוק געטאָן:

— איך ווייס ניט וועמען דו מיינסט, איך האָב זי קיינמאָל ניט געזען. איך גיב דיר דאָס וואָרט — ניט געזען אַפֿילע.

— נאַרעלע! — האָט מאַרגאַריטע געלאַכט. — דו האָסט זי ניט געקאָנט זען! געדענקסט, אין שול האָט אונדז דער לערער דערציילט וועגן איר. לעוו טאָלסטאָי האָט באַשריבן דאָס מיידל. נאַטאַשע ראָסטאָווא...

— אָ! איך בין דעמלט אפֿן לימעד ניט געווען און גאָרנישט ניט געהערט, — האָט ער שולדיק אַרויסגעבראַכט און זיך פֿאַרויטלט.

מאַרגאַריטע האָט צופֿרידן אונטערגעשמייכלט, קוקנדיק אַף דעם פֿאַרלוירענעם באָכער, און אים אַרופֿגעלייגט די האַנט אפֿן אַקסל.

אַזוי איז זי אַ לענגערע מינוט געזעסן, געקוקט אַף אים מיטן פֿאַרכידעשט־כיינעוודיקן שמייכל אירן און אינגאַנצן ניט באַמערקט, ווי עמעצער קוקט אַף איר. זי האָט דערשראָקן אופֿגעהויבן דעם קאָפּ, דערהערנדיק אַ הוסט. זי האָט דערקענט יוליסן. ער איז געשטאַנען אפֿן גרינעם בערגל מיט עטלעכע עלטערע אַרבעטער, וואָס זײַנען אונטערגעקומען אַהער פֿון די בערג.

מאַרגאַריטע האָט אַראָפּגענומען די האַנט פֿון סטאַסיקס אַקסל. איר פּאָנעם האָט גענומען פֿלאַמען.

— אַזוי־אָ קאָן מען טראָגן די וואָך אַ יאָר צײַט, — האָט זיך צעשמייכלט שיקע קושניר, — נאָך גוט, וואָס דער טאַטע דײַנער האָט עס ניט געזען.

מאַרגאַריטע איז אופֿגעשפּרונגען פֿונעם שטאַם, צוגעלאָפֿן צום שמיד און מיטן קאָפּ זיך צוגעטוליעט אַ פֿאַרשעמטע און דערשראָקענע צו זײַן פּעלצל:

— פּעטער שיקע, וואָס רעדט איר! מיר זײַנען די גאַנצע צײַט אַרומגעגאַן און גוט געהיט. אָט דאָ ערשט האָבן מיר זיך אַף איין ווײַלע צוגעזעצט אָפּרוען.

— איך פֿאַרשטיי, טאָכטער, — האָט ער מאַמזעריש פֿאַרזשמורעט זײַנע טונקעלע טיפֿע אויגן, — איך זע, אַז איר האָט גוט געהיט...

— אוי, פּעטערל, ווי שעמט איר זיך ניט אַזוי צו ריידן! — האָט זי אים איבערגעשלאָגן און אַ קוק געטאָן אַף דעם אָנגעכמורעטן יוליסן.

— יוליס! — האָט דאָס מיידל זיך געלאָזט צום באָכער. — איך האָב גאָר ניט געוווּסט, אַז דו ביסט הײַנט אויך אַף דער וואַך...

— וואָס איז דיר די נאַפּקעמינע? — האָט יענער אַ זאָג געטאָן, ניט קוקנדיק אין איר זײַט.

— ווארט א ווײַלע, יוליס! איך דארף דיר עפּעס זאָגן! — איז זי ניט אָפּגעשטאַנען פון אים. — וואָס אײַלסטו אזוי?

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט:

— וואָס ווילסטו מיר זאָגן? רעד גיכער, זעסט ניט, מענטשן ווארטן אף מיר. איך בין אף דער וואך און האָב קיין צײַט ניט צו ריידן מיט דיר.

— עס מאכט ניט אויס. זאָלן זיי גיין, און דו וועסט בלײַבן מיט אונדז... וועט זײַן היימלעכער...

ער האָט א ווונק געטאָן אף סטאַסיקן, וואָס איז געשטאַנען באַם שטאַם, און שטיל זיך אָנגערופן צו איר:

— נישקאָשע, איך זע, אז אײַך איז אזוי אויך היימלעך, — ער האָט א הוסט געטאָן, פאריכט אף דער נאָז די ברילן, דערנאָך איבערגענומען די ביקס אפן צווייטן אקסל און זיך געלאָזט דעריאָגן זײַניקע.

באַ ריטען איז קאַליע געוואָרן די שטימונג. זי איז געווען אין קאַס אף זיך און אף דער גאנצער וועלט, לעמײַ זי האָט ניט געקאָנט מיט א טאָלק דערקלערן סײַ יוליסן, סײַ דעם פעטער שיקע קושניר, פארוואָס זי האָט זיך דאָ מיט סטאַסיקן א ביסל פארהאַלטן. איצט וועלן יענע איבערטראַכטן דער טײַוול ווייסט וואָס.

זי האָט שוין ניט געקוקט אין סטאַסיקס זײַט. געגאנגען, ווי אין כאָלעם, נאָך יוליסן און זײַנע כאַווײרים, וואָס האָבן זיך שנעל דערווײַטערט.

סטאַסיק איז אונטערגעקומען און זיך אָנגערופן:

— זע נאָר, וואָס איז ער אזוי בייז? זיך אפילע ניט געגריסט מיט אונדז. עמעס, ריטע, ער זעט אויס קאָמיש אין די ברילן און מיט דער ביקס אפן אקסל?

— דו זעסט אויס קאָמיש, ניט יוליס! — האָט זי זיך אפּגעמעסן צעבייזערט. — און ביכלאל איז ניט שיין אויסצולאכן, שפּאָטן פון א כאַווער. יוליס איז א גוטער, הארציקער און איבערגעגעבענער. ער איז בעסער פון אונדז ביידן! און אויב דו ווילסט וויסן, סטאַסיק, האָב איך אים ליב, יוליסן.

— דו האָסט ליב יוליסן? — האָט צעשטרייט אף איר א קוק געטאָן סטאַסיק. — און מיך?

— און דיך? — האָט זי אף אים דורכדרינגעוודיק א קוק געטאָן און נאָך א פּאוזע צוגעגעבן:

— אף קיין נארישע פראַגן ענטפער איך ניט!

זי האָט זיך שנעל געלאָזט גיין אין דער ריכטונג, פונוואַנען עס האָט אָנגעהויבן אופקומען דער בלאסער פרימאָרגן.

סטאַסיק איז געגאנגען נאָך איר מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט ניט געוואָרט אף אזא ענטפער.

„זי איז הײַנט עפּעס א מאָדנע, מארגאַריטע! — האָט געטראַכט דאָס ייִנגל. — גיי זײַ א בעריע און טרעף, צי האָט זי עס געזאָגט ערנסט, צי האָט זי געשפּאַסט".

די מוטער האָט באַגעגנט מארגאַריטען אף דער שוועל. זי האָט געוואָלט גוט אויסזידלען די טאָכטער: וואָס איז דאָס פאר א פּאַטרולירן? וואָס זשע, אָן איר וועט מען זיך ניט באַגיין? נאָר דערזעענדיק מארגאַריטען, האָט זי זיך דערפרייט און גאָרנישט ניט געזאָגט, אפילע ניט דערמאָנט, אז זי, די מאַמע, האָט די גאנצע נאכט ניט צוגעמאכט מיט קיין אויג, באַומרויִקנדיק זיך פאר איר.

אפן טיש איז געשטאַנען גרייט דער פרישטיק, נאָר מארגאַריטע האָט זיך ניט געכאַפּט. זי איז געווען צעשטרייט און צעטראָגן. זיך שנעל ארומגעוואַשן און זיך איבערגעטאָן, האָט זי געזאָגט דער מוטער, אז זי איז גאָר ניט מיד און וויל נאָך ניט שלאָפן. זי וועט באַלד זיך ארײַנכאַפּן צו יוליסן אָפּגעבן אים זײַנע ביכער און נעמען אנדערע צום לייענען. נישקאָשע, זי וועט זיך אין עטלעכע ווײַלעס ארום אומקערן.

„וואָס איז געשען מיטן מיידל? — האָט בערטע זיך געבראַכן דעם קאָפּ. — עפּעס קומט מיט איר פאר? יוליס... דער רועך ווייסט עס, וואָס עס קריכט איר אין קאָפּ!"

בערטע האָט געוואָלט זי אָפּשטעלן, ארײַנזאָגן, נאָר די טאָכטער איז שוין ארויס פון שטוב. זי האָט א טראַכט געטאָן, ווי שווער איז האָבן צו טאָן מיט קינדער, וואָס ווערן עלטער. אפן זינען זײַנען געקומען די ווערטער, וועלכע עס כאַזערן אָפּט איבער אלע מאַמעס אף דער וועלט: „קליינע קינדער — קליינע צאָרעס. גרויסע קינדער — גרויסע צאָרעס!".

פארגעסן אין שלאָף, אין מידקײַט, איז מארגאַריטע געלאָפן מיט דער באַקאַנטער סטעזשקע צו יוליסן און מיט גרויס אומרו געטראַכט, ווי וועט ער זי באַגעגענען. ער איז געווען

א גוטער בעטעווע, אָבער אַן אקשן. זי האָט געטראַכט און ניט געקאָנט צוטראַכטן, ווי־אַזוי זאָל זי זיך האַלטן מיט אים, וואָס זאָל זי אים זאָגן. איך וואָס קאָן ער זי, אייגנטלעך, באַ־שולדיקן? וואָס פאַר א פאַרברעכן איז זי באַגאַנגען? זי האָט אַרומגענומען סטאַסיקן? זי וואָלט פּונקט אַזוי געקאָנט זיצן מיט אים, מיט יוליסן. ניט מער, סטאַסיק קומט אַלעמאָל צו איר און וואַרט שאָענוויז אויף דער באַנק אונטערן קליאָן. וואָס זשע קאָן זי טאָן? זאָל ער, יוליס, אויך קומען, וועט זי מיט אים פּונקט אַזוי זיצן. און ביכלאַל ווייסט זי נאָך ניט, וועמען פון זיי ביידן זי האָט מער ליב... זיי זײַנען ביידע גוטע און טרײַע כעווערע, און איר איז מיט זיי ביידן פריילעך!

צוגעלאָפן צו יוליסעס פּלויטל, האָט מאַרגאַריטע זיך אָפּגעשטעלט, איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און פאַרזיכטיק אויפגעעפנט די פּירטקע. דאָרט האָט זי זיך אָנגעשטויסן אויף יוליסעס באַבע, אויף דער מומע שיפּרען. יענע האָט פאַרוווּנדערט געקוקט אויפן מיידל:

— זע נאַר, אַזאַ פרי־ער גאַסט! וואָס איז געשען, מאַרגאַריטע?

דאָס מיידל האָט זיך פאַרלוירן, זיך שטאַרק פאַרויטלט:

— דער זייגער האָט זיך בא אונדז אָפּגעשטעלט. איך האָב געמיינט, אַז ס׳איז שוין שפּעט.

— וואָס זשע, ביסטו געקומען זיך דערוויסן, וויפל עס האַלט דער זייגער? וועל איך דיר טאַקע גלײַך זאָגן.

מאַרגאַריטע איז א לאַנגע רעגע געשטאַנען אָן לאָשן, געקוקט אויף די ביכער:

— דאָס האָב איך געבראַכט יוליסן זײַנע ביכער.

די באָבע שיפּרע האָט א טעווע געהאַט רעדן עטוואָס העכער, ווי מע דאַרף, באַזונדערס, ווען מע שלאָפט אין שטוב. און יוליס האָט דערהערט. דערזען דורכן פענצטער מאַרגאַריטען מיט די ביכער אונטערן אָרעם, איז ער אַרויסגעגאַנגען, קרום א קוק געטאָן אויף דער באָבען, מיינענדיק, אַז זי האָט ניט שטאַרק איידל באַגעגנט דעם גאַסט.

די באָבע האָט פאַריכט די גראָוועע האָר אונטערן געקווייטלטן קאָפּטיכל, געשטאַנען נאָך א רעגע און אוועק אין שטוב.

מאַרגאַריטע מיט יוליסן זײַנען געשטאַנען אונטער אַן אַלטן עפּלבוים און געשוויגן, ניט ווויסנדיק, וואָס זאָגן איינער דעם צווייטן.

דאָס מיידל האָט געטראַכט, אַז זי איז מיט עפּעס ניט גערעכט בענגעגייע דעם באָכער אין די ברילן, און ער, קוקנדיק אויף איר כיינעוודיק פּאָנעם, האָט דערפילט, אַז ער וואָלט געווען גליקלעך, ווען ער קאָן זי אַרומנעמען און א קוש טאָן.

איז מען אַזוי געשטאַנען אָן לאָשן, געקוקט אין א זײַט.

— נו, יוליס, — האָט מאַרגאַריטע זיך ענדלעך אָנגערופן, — ביסט נאָך אויף מיר באַרויגעז?

— פאַרוואָס זאָל איך זײַן אויף דיר באַרויגעז? — האָט ער איבערגעפרעגט. דערזען אויף א צווײַג א גרויסן עפּל מיט רויטע בעקלעך, האָט ער זיך פלינק אַרופגעדראַפּעט אויפן בוים, אים אָפּגעריסן און דערלאַנגט דעם מיידל.

זי האָט גענומען דעם עפּל, אָפּגעווישט דעם טוי, אונטערגעטראָגן צו די פּערלדיקע ציין, אָבער זיך פאַרכאַפּט, געהייסן, ער, יוליס, זאָל דער ערשטער אָפּבײַסן א שטיקל.

ער האָט מיט א שמייכל אויף איר א קוק געטאָן:

— וואָס זשע, ריטע, דו האָסט מוירע, איך זאָל דיך מיטן עפּל ניט אָפּסאַמען אָדער זיך דערוויסן דײַנע געדאַנקען?

— ווער ווייסט, — האָט זי קינדעריש־צאַרט א שמייכל געטאָן, — האָסט אויף מיר דעמלט, ווען דו האָסט מיך געזען מיט סטאַסיקן, אַזוי בייז געקוקט, אַז איך האָב זיך דערשראָקן. האָסט אפילע זיך ניט געגריסט מיט מיר.

זי האָט א רעגע געקוקט אויף אים און דערנאָך צוגעגעבן:

— דו ביסט א גוטער, יוליס, נאַר... זאָלסט קיין שלעכטס וועגן מיר ניט טראַכטן.

זי האָט א ביס געטאָן דאָס רויטלעכע בעקעלע פונעם עפּל און אונטערגעטראָגן יוליסן, ער זאָל אויך א ביס טאָן.

— און איך האָב גאָרנישט ניט געמיינט, — האָט ער געזאָגט.

— דו האָסט זיך געביייזערט. און נאָך איצט זע איך, אַז דו ביסט אויפגעבראַכט אויף מיר. איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט ערנסטער. איך בין געווען מיט סטאַסיקן אין איין גרופּע, וואָס זשע האָב איך געקאָנט טאָן? ווייסט דען ניט, אַז מיט דיר איז מיר שטענדיק אינטערע־סאַנט און גוט...

— און מיט אים?

— וואָס קאָן איך מאַכן, אַז ער קומט אַלעמאָל צו אונדז און וואַרט? מוז איך דאָך אַרויסגיין.

— נארעלע, איך זאָג דיר דען עפּעס? — האָט יוליס איבערגעשלאָגן און א שמייכל געטאָן. — איך זאָג דיר גאָרניט. איך האָב דערויף קיין רעכט ניט.

— יאָ, דו זאָגסט מיר גאָרניט, האָט זי זיך אָנגעבלאָזן, — בעסער וואָלסטו מיר געזאָגט אָפן אַלץ, וואָלט מיר געווען גרינגער.

— גוט. און דו וועסט זיך אָף מיר ניט באַליידיקן פאַרן עמעס, וואָס איך וועל דיר זאָגן?

— קיינמאָל. אָף מײַן ערנוואָרט!

— און וועסט קיינעם ניט דערציילן, וואָס איך זאָל דיר ניט זאָגן?

— קיינעם.

— אפילע סטאַסיקן? דער מאַמען — קיינעם?

— קיינעם!

יוליס האָט זיך ארומגעקוקט, צי איז קיינער נישטאָ, אָנגענומען מאַרגאַריטען פאַר דער האַנט און איר אַרײַנגעקוקט טיף אין די אויגן. ער האָט דערפילט מיטאמאָל, ווי עפּעס א מאָדנער שטראָם איז דורכגעלאָפן איבערן גאַנצן לײַב. עס האָט אים פאַרשלאָגן דער אָטעם. א באַלויכטענע פון דער זון, וואָס האָט זיך דורכגעשלאָגן אין דער געדיכטעניש פון דיביימער, האָט מאַרגאַריטע אויסגעזען נאָך קיינעוודיקער, נאָך מילדער. אירע האָר זײַנען געווען באַגילדעט, ער האָט דאָס מיידל איצט ניט דערקענט, געקוקט אָף אירע פּײַכטע, פולבלעכע עטוואָס צעעפנטע ליפּן, און ניט געטראַכט, וואָס פאַר א פּסאָק ער קאָן אַרײַנכאַפּן פון דעם שטרענגן מיידל, זי ארומגענומען און א קוש געטאָן.

מאַרגאַריטע האָט אים אָפּגעשטויסן פון זיך, דערשראָקן געקוקט א רגע אָף אים.

— וואָס האָסטו געטאָן? גוט אזוי? וועסט דערנאָך קיין שלעכטס וועגן מיר ניט טראַכטן? סטאַסיק האָט מיך געוואָלט א קוש טאָן, און איך האָב אים אזוי דערלאַנגט אין דער באַק. און אָף דיר בייזער איך זיך ניט... נאָר מער זאָלסטו אזוי ניט טאָן. איך בעט דיך, יוליס.

אירע אויגן זײַנען פּײַכט געוואָרן. אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, האָט זי זיך געלאָזט צו דער פירטקע, פאַרגעסנדיק, אז זי איז געקומען נאָך ביכער.

מיט איין פלינקן שפּרונג האָט ער זי דעריאָגט א צעשײַנטער און א גליקלעכער. זי האָט אים נאָך קיינמאָל ניט געזען אזא, ווי איצט. ער איז אין אירע אויגן אפילע שענער געווען, ווי שטענדיק. און די ברילן אָף זײַן קורצער נאָז האָבן אים מער ווי שטענדיק, דאַכט זיך, געפּאַסט צום פּאָנעם. ער האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג און מיט פאַרטײַטען אָטעם געגומען שעפּטשען אָפן אויער:

— בייזער זיך ניט אָף מיר, טײַערע. באַליידיק זיך ניט. וועו דו ווייסט, ווי איך האָב דיך ליב...

מאַרגאַריטע האָט אופגעהויבן אָף אים אירע גרויסע דערשראָקענע אויגן:

— וואָס רעדסטו, יוליס! ווי האָסטו געוואָגט אזוינס זאָגן? וואָס זשע, דו שעמסט זיך גאָרניט?

— ניין, איך שעם זיך ניט! איך האָב שוין לאַנג עס דיר געוואָלט זאָגן און ניט געוואָגט. זײַ ניט באַרויגעז אָף מיר. דאָס זאָג איך דיר דעם ריינעם עמעס. דו פאַרשטייסט מיך, ריטע? ניין, דו קאָנסט מיך ניט פאַרשטיין.

זי האָט אָף אים געקוקט, ווי זי זאָל אים זען דאָס ערשטע מאָל אין לעבן. אין די ברילן, מיט די עטלעכע קלײַנע אָפן פּאָנעם, וואָס האָבן ניט איין מאָל ארויסגערופן וויצן מיצאַד אירע באַוועדטעס, האָט ער איצט אויסגעזען אין אירע אויגן שענער, ווי אַלע כעווורע, וועלכע זי האָט געקענט. נעמענדיק אים פאַר א האַנט, האָט מאַרגאַריטע זיך אָנגערופן:

— איך פאַרשטיי, יוליס. דו ביסט אזא הארציקער, א גוטער, נאָר דו זאָלסט זיך אָף מיר קיינמאָל ניט בייזערן און זיך ניט באַליידיקן. אויב דו ווילסט מיך באַליידיקן, זאָלסטו פּרוּער ציילן ביז הונדערט, דער קאַס זאָל איבערגיין. אָט אזא, ווי איך זע דיך איצט, זאָלסטו זײַן שטענדיק. און ניט אזא, ווי איך האָב דיך געזען דאָרט, גוט?

— יאָ, ריטע, איך בין געווען אופגערעגט, בייז און ניט אזוי אָף דיר... דו ווייסט, סאַראַ כמאַרע עס רוקט זיך אָן אָף אונדז? וויל איך דיר זאָגן, וואָס עס זאָל מיט אונדז ניט געשען, זאָלן מיר מיט דיר שטענדיק בלײַבן פרײַנט, זיך ניט צעשיידן קיינמאָל. אויב די פאַשיסטן וועלן אהער קומען, לאָמיר אוועק אין די בערג, נעמען געווער, קעמפן...

— די פאַשיסטן וועלן אהער קיינמאָל ניט קומען. קיינמאָל!

— פונוואַנען ווייסטו?

— ראָמאַן קראַווטשוק האָט געזאָגט. ער ווייסט אַלץ. די רויטע ארמיי וועט צו אונדז קומען.

— גוט! גלענצנדו! — האָט זיך יוליס דערפרייט. — נאָר אויב ניט, וועלן מיר גיין צו דעם זברושש, קיין רוסלאַנד. מיר וועלן זיך דערקלײַבן קיין קיִעוו, קיין מאָסקווע, און דאָרטן וועט מען אונדז באַגעגענען, ווי אייגענע.

— אָבער אהין איז דאָך אזוי ווײַט!

— נישקאָשע, דאָס מאַכט ניט אויס, מירן זיך דערקלײַבן! וועסט גיין מיט מיר?

מאַרגאַריטע האָט זיך א ווײַלע פאַרטראַכט, פאַרשאַרט די האָר, וואָס זײַנען געפאַלן איבער די אויגן, און, קוקנדיק אַף אים מיט א פאַרליבטן בליק, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— יאָ, יוליס, מיט דיר וועל איך גיין... מיט דיר וועט מיר אין ערגעץ ניט זײַן שרעקלעך. און איך ווייס, אז די מוטער און דער פאָטער וועלן מיך אָפּלאָזן מיט דיר. זיי האָבן דיך זייער ליב. זיי האַלטן, אז דו ביסט דער בעסטער.

— איך האָב זיי אויך ליב.

ער האָט פרײַער אָפּגעאָטעמט, פאַריכטעט די ברילן, זיך ארומגעקוקט און צערטלעך א גלעט געטאָן אירע האָר. מאַרגאַריטע האָט אים ניט אָפּגעשטויסן פון זיך.

— ביסטו, הייסט עס, גרייט מיט מיר גיין?

— געוויס. וווּהין דו וועסט וועלן.

— נו, און סטאַסיק? — האָט זיך בא אים פּלוצעם, ניט ווילנדיק, ארויסגעריסן.

— סטאַסיק? — האָט זי זיך פאַרטראַכט. — סטאַסיק... ווייסטו וואָס, יוליס, מיר וועלן אים אויך מיטנעמען. צוזאַמען וועט זײַן פרײלעכער. רוסלאַנד איז גרויס און ברייט, און דאָרטן וועט פאַר אַלעמען זײַן פּלאַץ.

— נו, גוט, אויב דו ווילסט, זאָל זײַן אזוי. איך בין ניט קעגן. זאָל ער אויך גיין מיט אונדז!

די זון האָט זיך אופגעהויבן איבער די גרינע בערג. שטיל און רויִק איז געווען ארום. די קרוינען פון די ביימער האָבן זיך קוים באַוועגט. קיין זאַך האָט דאָ ניט דערמאָנט אין מילכאָמע, געפאַר. און פּלוצעם האָט זיך צעברומט דער האָריזאָנט. עס איז אָנגעוואַקסן א גרילצערײַ פון מאָטאָרן. הויך אין הימל האָבן זיך באַוויזן אעראָפּלאַנען מיט שוואַרצע צלאָמים אַף די פליגלען.

אַפן שיידוועג

יוליס איז געווען אַפן זיבעטן הימל.

און טאַקע — נאָך דעם, ווי ער האָט שוין געהאַט באַשטימט, אז זײַנע וועגן מיט מאַרגאַריטען זײַנען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, און סטאַסיק, וועמען ער האָט אזוי געגלייבט, האָט געפאַנגען ריטעס האַרץ, האָט ער, יוליס, שוין ניט געהאַט אַף וואָס צו האָפן. לאָזט זיך גאָר אויס, אז ער האָט געלעבט אין טאָעס!

ניין, וועט אויס, אז דאָס מאַזל האָט אים נאָך ניט פאַראַטן. ער איז געווען באַגײַסטערט ניט בלויז דערפון, וואָס מאַרגאַריטע האָט אים ליב, נאָר דעריקער דערפון, וואָס זי האָט געזאָגט, אז זי איז גרייט גיין מיט אים אין פײַער און אין וואַסער.

און יוליס איז איר מויכל געווען אַלץ. ער איז איצט געווען דער גליקלעכסטער אין דער וועלט. ער האָט אין איר קיין טאָעס ניט געהאַט. יוליס האָט פעסט באַשטימט, אז מע טאָר ניט ריידן קיין שלעכטס וועגן מענטשן.

יאָ, נאָר מאַרגאַריטע האָט געזאָגט, אז סטאַסיק זאָל אויך מיט זיי גיין? דאָס האָט אים עטוואָס א קאַראָבע געטאָן. וואָס קער זיך דאָ אָן סטאַסיק, מיט וועלכן ער האָט זיך צעקריגט טאַקע צוליב איר? נאָר מיילע, מע וועט אים אויך מיטנעמען מיט זיך. וואָס קאָן ער שטערן? עס וועט זײַן היימלעכער און גרינגער אין וועג. ווי עס זאָל ניט זײַן, האָט מען פאַרט צוזאַמען געלערנט אין איין שול, געזעסן אַף איין פאַרטע. און ניט בלויז סטאַסיקן דאַרף מען נעמען מיט זיך, נאָר אַלע כעווערע פונעם יִשעווּ. דאָרטן, אין רוסלאַנד, וועט מען זיך אויסלערנען, וויאַזוי מע דאַרף אײַנשטעלן ראַטנמאַכט דאָ, בא זיך אַף דער ערד.

יוליס האָט צוגעטראַכט פאַרשיידענע פּלענער, איינער דרייסטער פונעם אַנדערן. זיך געצייצעט וועגן אַלץ מיט זײַנע כאַווײרים, וועלכע האָבן אים אונטערגעהאַלטן.

ווען אַלץ איז שוין געווען אָפּגערעדט, דורכגעטראַכט און מע האָט שוין געדאַרפט זיך צונויפריידן, ווי מע באַגעגנט זיך, קעדיי זיך לאָזן אין ווײַטן וועג אַרײַן, האָט יוליס א טראַכט געטאָן, אז מע וואָלט זיך געדאַרפט אויסייצענען מיט ראַמאַן קראַווטשוקן. יענער

האָט גוט געקענט דעם וועג קיין רוסלאַנד. ער איז דאָרט אַמאָל געווען און דערציילט וווּנ־דער וועגן דעם דאָזיקן לאַנד.

נאָר גיי זײַ א כאָכעם און שטויס זיך אָן, אַז גראָדע ראַמאַן קראַווטשוק וועט אים צעשטערן אַלע פּלענער!

ראַמאַן האָט אים זייער אויפמערקזאַם אויסגעהערט און געזאָגט, אַז דערווײַל איז ניט קעדײַ זיך רירן פונעם אָרט. מע דאַרף, ווי פריער, פּאַטרולירן אַף די באַצירקן און זיי אָפּהיטן פון די סאָנים. עס קאָן ניט זײַן, האָט ער ווייטער געזאָגט, אַז די אַרבעטער פון יענער זײַט זברוטש זאָלן גלײַכגילטיק קוקן אַף דעם, ווי די פאַשיסטישע מערדער וועלן זיך אַהער אַרײַנהײַסן און פאַרניכטן אַלץ און אַלעמען פאַרשקלאַפן.

און נאָך האָט ראַמאַן געזאָגט, אַז קיין גרויסע כאָכמע ליגט ניט אין דעם, וואָס ער, יוליס, סטאַסיק, מאַרגאַריטע און אַנדערע כעווורע וועלן פאַרלאָזן די היים און זיך גיין ראַ־טעווען. מע דאַרף אין דער שווערער צײַט זײַן צוזאַמען מיטן גאַנצן פאָלק און קעמפן, אויב עס וועט אויסקומען, ביזן לעצטן טראָפּן בלוט.

ראַמאַנס ווערטער האָבן יוליסן פולקאָם איבערצײַגט. ער האָט מיט צוטרוי געהערט דעם שרעקלאָזן קאָמוניסט, וועלכער האָט זיך אַלע יאָרן — בא די עסטרײַכער, בא די פּוילישע פּאַנעס געמוטשעט אין די טורמעס.

די טעג און נעכט האָבן זיך געצויגן מעשונעדיק לאַנג. די אומבאַוווסטקײַט — וואָס וועט ברענגען דער מאָרגעדיקער טאָג — האָט געטאָטשעט די נעשאָמע און ניט געלאָזט רויִק אָטעמען. בעזשענצעס, וועלכע האָבן זיך אַהער דערקלײַבן פון די אָקופּירטע פּוילישע שטעט און שטעטלעך, פון דער ברענענדיקער וואַרשע, האָבן דערציילט וועגן מאַסן־האַרי־געס, וועגן סרייפעס און אומגליק.

מענטשן האָבן אויסגעהערט און געווען דערשיטערט. קיינעם האָט זיך ניט געגלייבט, אַז אַזוינס איז מעגלעך אין צענטער פון אייראָפּע. צי דען איז נישטאָ אַזאַ קויעך, וואָס זאָל אָפּשטעלן די קוילער?

„וואָס זשע וועט זײַן מיט אונדז, אַז מיר זײַנען איצט אַזוי אומבאַהאָלפן?״ — די דאָזיקע פראַגע האָט מען אַלעמאָל פאַרגעבן ראַמאַנען.

צו שנעל האָט זיך צו די קאַרפּאַטן דערנעענטערט דער סוינע. עס איז אַהער געגאַן א מוירעדיקע קראַפט. אַלץ אַפּטער האָבן זיך געוויזן איבערן באַוויַזן „שוואַרצן טאָל״ די פּאַשיסטישע עראָפּלאַנען און אָנגעוואָרפן אַף יעדערן א גרויל. ראַמאַן קראַווטשוק האָט אויסגעמיטן זיך באַגעגענען מיט יוליסן, מיט די יונגע כעווורע, וועלכע ער האָט ניט געייצעט זיך לאָזן איבערן זברוטש.

און עפשער איז נאָך איצט ניט שפּעט? ניט בלויז די יונגע כעווורע דאַרפן אַהין גיין — אויך די נאַפּטלער?

מענטשן זײַנען אַרומגעגאַנגען דערשלאָגענע, פריטשמעליעטע, און די הענט האָבן זיך צו גאָרנישט געלייגט.

ווי אַפּצולאָכעס, זײַנען געשטאַנען זוניקע, לויטערע סענטיאַבער־טעג און שטילע לע־וואַניקע נעכט. אָן אַנדערשמאָל וואָלט עס געפרייט, נאָר איצט האָט מען פאַרשאָלטן די נאַטור, וואָס האָט געהאָלפן די פאַשיסטישע באָמבאַרדירער אַרומפליִען פראַנק־און־פרײַ.

ווען עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ איז שוין פאַרפאַלן, איז געקומען די לאַנגדערוואַרטע אויסלייזונג, די רעטונג, די גרויסע מענטשלעכע הילף.

אין איינעם פון די סענטיאַבער־פרימאָרגנס, נאָך א שווערער שלאָפלאָזער נאַכט, האָט דעם גאַנצן קאַנט אויפגעוועקט א געריוש פון עראָפּלאַנען. דער אוילעם איז אַרויס אַף די גאַסן, פאַרלאָזט די הײַזער און, זשמורענדיק פון די ערשטע זון־שטראַלן די אויגן, זיך אײַנגעקוקט מיט פּאַכעד אין הימל.

מאַרגאַריטע איז אופגעשפּרונגען פונעם געלעגער, געכאַפּט אַף זיך דאָס לײַכטע קליידל, און, א צעשויבערטע, א דערשראָקענע, אַרויסגעלאָפן פון שטוב און זיך געלאָזט לויפן צו יוליסעס סעדל. זי האָט אים דערזען פונדערווײַטנס. פאַריסן דעם קאָפּ, האָט ער זיך אײַנגע־קוקט אין הימל און ניט באַמערקט, ווי מאַרגאַריטע איז צו אים צוגעלאָפן.

— יוליס! — האָט זי זיך אָנגערופן מיט א ציטערנדיקער שטים. — מיר דאַרפן גלײַך זיך לאָזן גיין צו דער גרענעץ. עפשער וועלן מיר נאָך באַווײַזן!

ער האָט אָנגענומען איר האַנט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ:

— דאַכט זיך, פאַרשפּעטיקט.

— וואָס רעדסטו! מיר טאָרן דאָ ניט פאַרבלײַבן. הערסט, וואָס עס טוט זיך?

זי האָט זיך צוגעטוליעט צו זײַן אַקסל, און ער האָט דערפילט, ווי זי ציטערט.
— בארויִק זיך, מאַרגאַריטע, איך בעט דיך, האָב ניט מוירע, — האָט יוליס איר גע־שעפטשעט אַפן אויער און אַליין געפילט, ווי מורעשקעס לויפן איבער זײַן לײַב, — מיר דאַרפן גלײַך אַוועק אין די בערג. דאָרטן איז ניט אַזוי געפערלעך, ווי דאָ... מיר... מיר וועלן...
דער גערויש פון די עראָפּלאַנען האָט זיך פאַרשטאַרקט, און עמעצער פון אוילעם האָט זיך צעשריגן:
— וואָס שטייט איר? באַהאַלט זיך! באַלד וועלן זיך א שאָט טאָן באָמבעס!
פון אַלע זײַטן האָט זיך געהערט א געשריי, א געוויין. ראַמאָן איז געשטאַנען, אָנגע־שפּאַרט אַף זײַנע מיליצעס, און, פאַרזשמורעט די אויגן פון דער זון, זיך אײַנגעקוקט אינעם הימל.
— היי, ווער שטייט עס דאָרט! באַהאַלט זיך! — האָט זיך ווידער עמעצער צעשריגן, זעענדיק, ווי דאָ און דאָרט שטייען נאָך מענטשן און קוקן זיך אײַן אין הימל.
דער גערויש פון מאָטאָרן איז אָנגעוואַקסן מיט א שרעקלעכער קראַפט, זיך אַלץ דער־נעענטערט.
מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט ראַמאָן קראַוווטשוקס קאָל:
— מענטשן, קומט אַרויס! אונדזערע פליִען! רוסישע! זעט, רויטע שטערנס! אונדזערע!
ער האָט אופגעהויבן אײַנדערלופטן א מיליצע און געגומען פאָכען מיט איר, שרײַען, רופן. דאָס געקנייטשטע, פאַרברוינטע פּאָנעם האָט געשײַנט פון גליק. דער קאַרטוז איז אַראָפּגעפאַלן אַף דער ערד, און די גראַווע האָר זײַנע האָט צעשויבערט דער ווינט.
אַלע זײַנען אַרויסגעלאָפן פון די באַהעלטענישן, מ'האָט אונטערגעוואָרפן אײַנדערלופטן די היטלען און קאַפּעליושן, געמאַכט מיט די הענט צו די פליִער.
ווען די עראָפּלאַנען האָבן זיך באַוויזן איבער די קעפּ, איבער די נאַפט־טורעמס, האָט זיך פון הימל א שאָט געטאָן א רעגן פון פּילפאַרביקע פלוגבלעטלעך. דער ווינט האָט זיי אונטערגעכאַפּט און זיי געטראָגן, ווי א טשאַטע פויגלען.
דער אופגעוואַכטער טומלדיקער אוילעם האָט זיך א לאָז געטאָן כאַפּן די בלעטלעך. די עראָפּלאַנען, מאַכנדיק א גרויסן קרײַז איבער דעם „שוואַרצן טאָל", — באַגריסנדיק דעם קאַנט, די מענטשן, — זײַנען פאַרשוווּנדן געוואָרן פון יענער זײַט בערג.
דער אוילעם האָט אַרומגערינגלט ראַמאָן קראַוווטשוקן, וואָס האָט שוין געהאַלטן א פלוגבלעטל אין די הענט. מיט א ציטערנדיקער שטים האָט ער געלייענט אַף א קאָל, און אַלע אַרומיקע האָבן זיך אופמערקזאַם אײַנגעהערט:
„ברידער און שוועסטער! אין דער שווערער שאָ, ווען איבער אײַך, אײַערע קינדער, פּאַטערס און מוטערס, איבער אײַערע שטעט און דערפער, איבער אײַער לײַבלעכער ערד, וואָס האָט אַזויפיל יאָר געשמאַכט אונטערן שווערן יאָך פון די עסטרײַך־אונגאַרישע באַ־ראָנען, פּוילישער שליאַכטע, רוקט זיך אָן א נײַע געפאַר פון פאַרשקלאַפונג, איז צו אונדז דערגאַנגען אײַער רוף נאָך הילף. אײַער דויִרעסלאַנגער טרוים זיך פאַרייניקן מיט אײַערע ברידער פון יענער זײַט זברוטש, מיט דער פרײַער סאָוועטישער אוקראַיִנע, סאָוועטישן רוסלאַנד איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. מיר גייען אײַך צוהילף און שטרעקן אויס אונדזער ברידערלעכע האַנט. עס דערנעענטערט זיך די שאָ פון אײַער באַפרײַונג! מיר גייען צו אײַך..."
פאַרגאַפטע, האָט מען געהערט די האַרציקע ווערטער.

די זון האָט זיך שוין געגומען זעצן הינטער די בערג, ווען מע האָט דערזען אַפן שליאַך פּאַסמעס שטויב. פון די שטויב־וואָלקנס זײַנען אַרויסגעשוווּמען טאַנקען, וואָס האָבן זיך שנעל דערנעענטערט צו ראַפּײַעווקע, צום „שוואַרצן טאָל". דער רוישיקער, האַמיִק, ניט וואַרטנדיק, ביז די מאַשינעס וועלן צוקומען, האָט זיך אַליין מיט טומל און געשריי א לאָז געטאָן אַנטקעגן.
דער וועג איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט מענטשן, מ'האָט פאַרוואָרפן די פאַרשטויבטע מאַשינעס מיט בלומען. אַרויסגעשלעפּט די טאַנקיסטן פון די מאַשינעס, זיי געהאַלדזט, גע־קושט, געטראָגן אַף די הענט.
קינדער האָבן ניט געוואַרט אַף קיין קאָוועד און זיך אַרופגעדראַפּעט אַף די טאַנקען, געטאַפּט די פאַרשטויבטע רערן פון די האַרמאַטן, אויסגעווישט דעם שטויב, קעדיי מע זאָל אָנזען די רויטע שטערנס אַף די טאַנקען־טורעמלעך.

פון אַלע זײַטן האָבן זיך אַהער דערטראָגן באַגריסונגס־געשרייען. עס זײַנען אָנגעקומען נײַע מאַשינעס, אַף וועלכע עס זײַנען געשטאַנען און געזעסן פאַרשטויבטע רויטאַרמייער אין קאַסקעס. אין הימל האָבן זיך ווידער באַוויזן אַעראָפּלאַנען מיט רויטע שטערנס אַף די פליגלען, וועלכע האָבן גאַנצפרי געבראַכט דעם ערשטן גרוס פונעם סאָוועטנלאַנד. באַשאָטענע מיט בלומען, זײַנען די טאַנקען און אויטאָס אַרײַן אין דער טומלדיקער, יאָמטעוודיקער שטאָט.

פון די אָרומיקע יישווים, פון די בערג האָבן זיך אַהער אַראָפּגעלאָזט טויזנטער מענטשן, קעדיי באַגריסן זייערע באַפרײַער, באַגעגענען די לאַנג געגאַרטע שעליכים פונעם סאָוועטנלאַנד.

דאָס לעבן הייבט זיך אָן אָפּסנײַ

נאָך די גרויזאַמע טעג און וואָכן, ווען קיינער האָט ניט געוווּסט, אַף וואָס פאַר אַ וועלט מע געפינט זיך, ווען אַלע זײַנען געווען צווישן לעבן און טויט, און די הענט האָבן זיך צו גאָרנישט ניט געלייגט, האָט מען זיך איצט דערפילט ווי אָפּסנײַ געבאָרענע.

די ערשטע באַגעגעניש מיט די באַפרײַער, מיט די גוטמוטיקע און האַרציקע יונגע מענטשן אין סאָלדאַטישע מונדירן, וואָס זײַנען מער געווען ענלעך אַף ציווילע, ווי אַף מיליטערלײַט, און אַזוי פראָסט געריעדט מיטן אויילעם, געלאַכט, געטאַנצט און געזונגען באַגלײַך מיט אַלעמען, אַזוי ווי מע וואָלט זיך ערשט ניט לאַנג צעשיידט און זיך אָפּסנײַ באַגעגנט, האָט בא יעדן דאָ אַרויסגערופן גוטע געפילן. מע האָט נאָר באַדויערט, וואָס אָט די פריידיקע באַגעגעניש איז ניט פאָרגעקומען פריער מיט אַ סאַך יאָרן.

מ'האָט אָבער ניט לאַנג געיובלט. די רויטאַרמייער האָבן אַף זייערע מאַשינעס זיך גע־לאָזט ווײַטער אין זייער באַפרײַונגס־מאַרש — אַף זיי האָבן מיט אומגעדולד און האָפענונג געוואַרט נאָך טויזנטער און טויזנטער אַרבעטער און פויערים.

ווידער האָט זיך איבערן גאַנצן אַרום צעטראָגן דער געהילך פון די עגבער־מאַשינעס און איבער די קאָטשעגאַרקעס האָבן זיך געגומען ווירקלען וואָלקנס דאַמף, די זשעלאָנקעס האָבן אָנגעהויבן שעפּן נאַפט פון די ערד־טיפענישן, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די אַרבעט איז נאָך קיינמאָל ניט געגאַן אַזוי פריילעך, ווי איצט, ווען די נאַפטלער זײַנען אַליין געוואָרן די באַלעבאַטים פון זייערע רײַכטימער.

די קליינע באָן־סטאַנציע, וואָס האָט זיך פאַרקליבן אַהין, פון יענער זײַט באַרג־שטראָם, אין דער געדיכטעניש פון די ביימער, און איז געשטאַנען אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט, ווי אַ יאָסעם, איז מיטאַמאָל אופגעמונטערט געוואָרן. פון מיזרעך זײַנען אָנגעקומען שווערגעלאָדענע עשעלאָנען מיט מאַשינעס, אויסשטאַטונג, סכוירעס, מעדיקאַמענטן, אַנטאָן און עסנוואַרג. עס זײַנען געקומען וואַגאָנעס, געלאָדענע מיט פּאַפּיר און ביכער, העפטן און לערן־מאַכשירים.

דאָס סאָוועטנלאַנד האָט געשיקט דעם באַפרײַטן קאַנט מאַטאָנעס פון דער ברייטער האַנט. גאָרנישט ניט געקאַרגט, קעדיי דער קאַנט זאָל וואָס גיכער אופגעריכט ווערן.

מיט די ערשטע צוגן זײַנען אַהער אָנגעקומען הונדערטער לערער, דאָקטוירים, טעכ־ניקער און אינזשעניערן. מע האָט דאָ געדאַרפט העלפן אײַנשטעלן דאָס נײַע לעבן, אײַנ־פירן אַף די נאַפט־באַצירקן די נײַסטע מעכאַניזמען.

דערזען דאָס אַלץ, האָט שיקע קושניר געמיינט, אַז זײַן קוזניע וועט אים אויסקומען פאַרשליסן צוזאַמען מיט די אַלטע קאָטשעגאַרקעס. נאָר עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז דאָס איז ניט אַזוי. אַ גוטער שמיד איז דאָ נייטיק געווען, ווי לופט, און ער איז צוזאַמען מיט זײַן געטרײַען פרײַנט פיליפּן שוין פון דעם ערשטן טאָג צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. פאַר יעדן איז געווען וואָס צו טאָן.

צוזאַמען מיט אַלע נאַפטלער זײַנען אַרויסגעגאַנגען אַפן באַצירק, צו די עגבערן, סטאַ־סיק קראַווטשוק און יוליס מאַרקוס. מיט זיי איז אויך געקומען מאַרגאַריטע, פיליפּס טאָכ־טערקע. זי האָט באַקומען די שטעלע פון אַ כעזשבנפירער אַפן באַצירק. די אַלטע עמעס, מאַרגאַריטע איז ניט געווען צופרידן מיט איר נײַער אַרבעט, — זי האָט געוואָלט אַרבעטן דאָרט, ווו אירע כאַווירים, בא די נאַפט־גרובנס, נאָר ראַמאַן קראַווטשוק האָט איר געגעבן אָנצוהערן, אַז ער ווייסט בעסער, ווו זי דאַרף אַרבעטן.

אלע פאַרטאָג, ווי נאָר די סירענעס אפן באַצירק האָבן זיך צעהודעט, האָט דער דרײַ־לינג זיך געלאָזט מיט די אויסגעטראָטענע סטעזשקעס פון יישעוו אפן באַצירק, צו דער אַרבעט, צוזאַמען מיט הונדערטער עלטערע און ייִנגערע אַרבעטער.

אײנמיטן איז געגאַנגען מאַרגאַריטע, און באַ בײדע זײַטן, ווי די היטער — סטאַסיק מיט דער צעפּאַטלטער טשופּרינע, שטענדיק אַ פריילעכער, אַ לאַכנדיקער, אַן אופגעלייגטער, און יוליס מאַרקוס, שוין אַ צו ערנסטער און פאַרדײַגעטער. בײדע האָבן זיך אָפּ זײער אויפן געסטאַרעט אויספּײַנען פאַרן מײדל, און בײדע האָבן געפילט, אַז ניט שטענדיק גיט עס זיך אײַן, ווײַל צווישן רוישיקן און אופגעלייגטן אוילעם זײַנען געוועזן מער באַריידעוודיקע און פריילעכע, מער פאַרשײַטע, וואָס האָבן זי אַלעמאָל פאַרטשעפּעט מיט אַ וויץ, אַ שאַרף וואָרט.

גייענדיק אין דער ענגשאַפט צוזאַמען מיט די נאַפּטלער אָף דער וואַכטע, האָט מאַרגאַ־ריטע זיך געפילט אײנגאַנצן אַ דערוואַקסענע. פאַר איר איז גאָרניט שווער געווען. אין רעגנס און קעלטן, אָנגעטאָן אין איר וואַרעמען מאַנטל, אין די שטיוול, מיטן וואַלענעם קאָפּטיכל, איז זי אַרומגעגאַנגען פון אײן רעזערוואַר צום אַנדערן, געמאָסטן און פאַרשריבן אין בי־כעלע, וויפל נאַפט מע האָט אַרויסבאַקומען.

אַזוי האָט זיך באַקומען, אַז אַלע טאָג אין דער זעלבער צײַט האָבן אַלע דרײַ זיך באַגעגנט באַ דער קרענעצע, וואָס אונטערן דרײַהונדערטיאָריקן דעמב, און מע האָט זיך געלאָזט צו דער אַרבעט.

ווי נאָר דער הודאָק האָט געמאָלדן דעם סאָף פון דער וואַכטע, האָט סטאַסיק מיט יוליסן שוין געװײַלט צו דער קאָנטאָר, געשטאַנען באַם פענצטער, ביז מאַרגאַריטע איז צו זיי אַרויס־געגאַנגען, און מע האָט זיך געלאָזט אַהיים.

רוען איז באַ קײנעם קײן צײַט ניט געווען, ווײַל מע האָט זיך שנעל געדאַרפט אומ־קערן אַהיים, איבערכאַפּן, זיך איבערטאָן און לויפן אין קלוב אַרײַן. דאָרטן האָט מען אַלע אָפּדערנאַכט געוויזן סאָוועטישע פילמען. דאָס זײַנען געווען די בעסטע גרוסן פונעם גרויסן לאַנד, צו וועלכן זיי געהערן איצט אויך.

בײדע, סטאַסיק און יוליס, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר גרויסע אַקשאָנים. אָפּטלעך האָבן בײדע געפילט, אַז אײנער שטערט דעם צווייטן. ווען מע איז ניט אײנדרײַען, וואָלט מען געקאָנט רעדן מיטן מײדל מער אָפן. נאָר קײנער האָט ניט געטראַכט אָפּטרעטן דאָס אָרט. ווי נאָר יוליס האָט זיך געלאָזט מיט ריטען שפּאַצירן, אַזוי איז גלײך, ווי אַ שאָטן, אויסגעוואַקסן סטאַסיק. און פאַרקערט. און כאָטש דאָס מײדל האָט מער סימפּאַטיזירט יוליסן, האָט דאָך צײַטנווײַז איר זיך געדאַכט, אַז מיט סטאַסיקן איז איר אויך ניט אומעטיק. בעשאַס מע האָט זי באַגלייט אַהיים און געשטאַנען זאַלבעדריט באַ איר פירטקע, האָט אַזוי פּאַסירט, אַז אַמאָל איז פון איר אוועקגעגאַן אַן אומצופרידענער און אופגערעגטער סטאַסיק, און אַמאָל — יוליס.

אָבער בײדע האָבן זיך ניט געקאָנט באַלײדיקן אָף איר, ווײַל זיי זײַנען פּאָשעט געווען פאַרליבט און זי האָט זיי געמאַטערט, ניט געקאָנט זאָגן, ווער פון בײדן איז איר ליבער. מעגלעך, אַז זי איז גאָרניט שולדיק געווען דערין. ווינגען ווינט מען דאָך אַלע דרײַ בישכיינעס, אין שול האָט מען געלערנט אין אײן קלאַס. אַרבעטן אַרבעט מען אָף אײן וואַכטע. בײדע פאַרלויפן מאַרגאַריטען אַלע וועגן. נעמט אײנער בילעטן אין טעאַטער און באַוויזט זיך נאָך ניט אַרומקוקן, שטייט שוין דער צווייטער אויך מיט בילעטן. ברענגט אײנער פאַר מאַרגאַריטען אַ שקאַרמיץ מיט קאָנפעטן, האַלט שוין דער צווייטער פונקט אַזאַ שקאַרמיץ. קוקנדיק אָף זיי, האָט זיך דאָס מײדל אָפּט געהאַלטן פאַר די זײַטן פון געלעכטער.

אַנדערע מײדלעך זײַנען איר אַפילו מעקאַנע — וואָס קלעפּן זיי אַזוי צו מאַרגאַריטען...

וואָס עמעס, איז עמעס, בילעטן, צוקערקעס, אַנדערע זאַכן — אַלץ האָט סטאַסיק איר געקענט אונטערטראָגן, אָבער ביכער — דאָס ניט!

ווען מע האָט געעפנט די ערשטע ביכער־קראָמען און געבראַכט אַן אַ שיר ליטעראַטור פון קיִעוו און מאָסקווע, האָט יוליס מאַרקוס אָנגעקויפט אַ גאַנצן סטאָס ביכער. און מאַר־גאַריטע האָט זיי מאַמעש געשלונגען. גאַנצע נעכט ליגט זי באַם לאָמפּל און לייענט זשעדנע, ווי זי וואָלט וועלן אָניאָגן דאָס, וואָס זי האָט דורכגעלאָזט פאַר איר לעבן. דאָס, אײגנטלעך, האָט זי געצוווּנגען אָפּטער קומען צו יוליסן אַהיים. און דערפון איז ניט גאָר געווען צו־פרידן סטאַסיק. ער האָט אויך געקויפט אַ ביסל ביכער און פאָרגעלייגט דעם מײדל עפּעס אויסקלײַבן, נאָר אַלץ האָט זי שוין, לאָזט זיך אויס, געלייענט פריִער באַ יוליסן.

ווער ווייסט, וויפל עס וואָלט זיך געצויגן אָט די שטילע מילכאָמע, ווען עס קומט ניט אויס זיך צעשיידן.

עס איז דורכגעגאנגען דער הארבסט און דער ווינטער, און אין א שיינעם פרילינג באגינען האָט ראָמאַן קראַווטשוק אײַנגעלאַדן צו זיך אלע דרײַ און פאָרגעלייגט פאָרן קיין לוואָוו זיך לערנען אין נאפט־טעכניקום, וועלכער האָט זיך אָקאָרשט דאָרט געעפנט. דער באצירק דאַרף האָבן גוטע מײַסטערס, טעכניקער, און פון זיי דרײַען קאָן ארויס א טאָלק.

יוליסן און סטאסיקן איז דער איניען געפעלן געוואָרן, און מע האָט גלײַך געגעבן די האסקאָמע צו פאָרן אין דער גרויסער שטאָט זיך לערנען, כאָטש א שאָד געוועזן זיך שיידן מיטן לײַבלעכן קאנט, מיט די כאווײרים און מיט זייער ארבעט. נאָר מע וועט זיך דאָך אין א פּאָר יאָר ארום צוריק אומקערן. דערצו נאָך פאָרט צוזאמען מיט זיי אין טעכניקום מאר־גאריטע, וועלן זיי זיך ביכלאל פילן, ווי בא זיך אין דער היים.

לאָזט זיך אויס, אז דאָס איז ניט אזוי פראָסט, ווי די ייִנגלעך האָט זיך געדאכט! בערטע האָט זיך אײַנגעאקשנט, אז זי וועט דאָס מיידל פון זיך ניט אָפּלאָזן. זי מיט פיליפּן זײַנען שוין אין די יאָרן, און בלײַבן אָן דער טאָכטער, וועט מען אומקומען פון אומעט און בענקעניש. דערצו נאָך איז בערטע ניט אינגאנצן געזונט, קרענקט אָפּטלעך און קאָן ניט פארבלײַבן אָן דער טאָכטערס הילף. פרידריך איז גאנצע טעג און נעכט אף דער ארבעט, אף זיצונגען און פארזאמלונגען, אין פּאָליטשול און נאָך ווער ווייסט ווו, און אין שטוב איז פּוסט, טאָ זאָל דאָ בלײַבן מארגאריטע!

בערטע האָט דערבײַ געטראכט, אז זי האָט זיך שוין אײנמאָל באנארישט, אָפּגעלאָזט פון זיך דעם זון, טאָמאסן. און יענער האָט זיך אינגאנצן אָפּגעשלאָגן פון די הענט. ער שרײַבט קימאט קיינמאָל ניט קיין בריוול, און אָט דאָ צוריק מיט א צײַט, ווען ער איז אהער געקומען, האָט זי פון אים קיין נאכעס ניט געהאט. געוועזן, דאכט זיך, א שטילער, רויִקער, עמעס, מיט א שווערן כאראקטער, נאָר איצט האָט זי אים ניט דערקענט. דאָרטן, ווו ער ארבעט, אין רעסטאָראַן, האָט ער זיך אויסגעלערנט טרינקען, ער האָט זיך ארײַנגע־לאָזט אין געשלעגן, אין סקאנדאלן, זיך געשלײַדערט מיט געלט, ניט דורכגעלאָזט דאָ קיין איין מיידל. און זי איז שוין ניט געוועזן גערן, וואָס ער איז צו איר געקומען. מיטן פאָטער האָט ער זיך געפּירט פרעך. אים פּאָשעט באליידיקט.

מיט גרויס ווייטעק האָט בערטע געטראכט, אז פון איר טאָמאסן איז דאָרטן אינדער־פרעמד אויסגעוואקסן דער רועך ווייסט וואָס, און דאָס, אייגנטלעך, האָט געבראכט דערצו, וואָס דאָס הארץ האָט איר אָנגעהויבן שטארק ווײי טאָן און זי האָט זיך געמוזט אָפּט ווענדן צו א דאָקטער.

די אופירונג פון טאָמאסן האָט אויך דערשיטערט פיליפּן. ער האָט געפּרוווט מיט אים ריידן מיט גוטן און מיט שלעכטן, נאָר יענער האָט זיך אויסגעלאכט. און אז פיליפּ האָט אים געזאָגט, ער זאָל אוועקוואַרפן דעם רעסטאָראַן און פארבלײַבן אין יישעוו, זיך אײַנאָרדענען לעבן אים אפן באצירק ארבעטן, האָט טאָמאס אים אָנגעקוקט, ווי א מעשוגענעם: „ווער פארבײַט אזא שיינע שטאָט, ווי לוואָוו, אף א פארוואָרפענעם יישעוו? ווער פארבײַט א גרויסן רעסטאָראַן, ווו צו דיר שוועבט פון אלע זײַטן געלט, ווו דו טרינקסט שאמפאניער און קאָניאק, ווי וואסער, אף אײַערע קויטיקע ביר־שענקלעך?"

מארגאריטע האָט שטארק איבערגעלעבט, וואָס זי האָט פארלאָרן דעם איינציקן ברוי־דער, נאָר זי האָט נאָך פאָרט געגלייבט, אז טאָמאס וועט זיך מיט דער צײַט ארומקוקן און זיך נעמען פארן סייכל.

געוויס איז דער אײַנרײַס פון די עלטערן מיט טאָמאסן געוועזן די סיבע, וואָס מע האָט זי ניט געוואָלט אָפּלאָזן פון דער שטוב. נאָר ווי עס זאָל דאָרט ניט זײַן, האָט מארגאריטע זיך געמאטערט, וואָס אירע גוטעפרײַנט פאָרן אוועק אָן איר און זי פארבלײַבט אליין. די צעשיידונג האָט זי די ערשטע צײַט שטארק באומרויִקט. און זי האָט זיך דאָ לאנג ניט געקאָנט געפינען קיין אָרט.

איצט איז מארגאריטע שוין איינע אליין געגאנגען צו דער ארבעט, און נאפטלער האָבן צו איר גוטמוטיק געשמייכלט:

— ווו זײַנען דײַנע באגלייטער?

— וואָס שרײַבן דײַנע סטודענטן?

נאָך דער אומדערוואַרטער צעשיידונג מיט אירע פרײַנט האָט זי אָנגעווירן איר לעבנסלוסטיקײַט און אפילע דעם גוטמוטיקן שמייכל. אין הארצן האָט זי זיך געבייזערט אף דער מוטער, נאָר עס איז שוין געוועזן א פארפאלענע זאך.

1*

עמעס, די ערשטע צײַט האָט זי באַקומען אָפּטע בריוו פֿון די פֿרײַנט, אָבער די בריוו האָבן ניט געקאָנט פֿאַרבײַטן יוליסן מיט סטאַסיקן. זי האָט געטרויִמט, די צײַט זאָל שנעלער אַריבער און יענע זאָלן זיך אומקערן.

נאָר ווי אַפּצולאַכעס איז די צײַט געגאַנגען פּאַמעלעך, און דאָס פּעקל בריוו אַף איר טישל איז געוואַקסן. זי איז געווען שטאַרק פֿאַרטאָן אין דער אַרבעט, ווי אויך אין קלוב אין פֿאַרשיידענע קרײַזלעך, און ניט שטענדיק געקאָנט געפֿינען פֿרײַע צײַט אַף צו ענטפֿערן. דערצו נאָך האָט זי זיך געכאַפּט, אַז אירע בריוו באַקומען זיך ניט אַזעלכע ווי זייערע, וואָס רײַסן אַף שטיקער דאָס האַרץ, צווינגען זי זיך רויטלען. כאָטש דעם, שרײַבן זיי ביידע איר אָפּטלעך אין גראַמען, און זי קאָן דאָס ניט, כאָטש שרײַ גוואַלד!

זי האָט צופֿיל געטראַכט, וואָס ענטפֿערן די כעוורע, און ניט באַקומענדיק פֿון איר קיין אָפּטע בריוו, האָבן זיי געמיינט, אַז זי הייבט זיי אָן פֿאַרגעסן, זי האָט זיך, מעגלעך, געפֿרײַנט אַנדערע כעוורע, מיט וועלכע זי גייט אין קלוב... ניט אומזיסט זאָגט די וועלט אַ ווערטל: „דאַלי אָטשי — דאַלי סערדצע".

ווען גרענעצן עפֿענען זיך

ווען מע האָט אַרויסבאַגלייט קיין לוואָוו אין טעכניקום סטאַסיק קראַוטשוקן, יוליס מאַרקוסן און נאָך אַ בינטל יונגע כעוורע, זײַנען דאָ אַלע זיי מעקאַנע געווען.

— הערט נאָר, מענטשן, — האָט זיך געוווּנדערט טאַראַס, — איך מיט זאַלמען מאַרקוסן האָבן אָפּגעלעבט דאָס גאַנצע לעבן אין יישעוו און ווײַטער פֿון ראַפּײַעווקע, ליובאַוויטש, סאַמבאַר ניט אַרויסגעפֿאָרן, און די כעוורע, באַ וועלכע דער מאַמעס מילך איז נאָך אַף די ליפּן, פֿאָרן אַזש קיין לוואָוו!

— ניט געזאָרגט, איצט וועלן פֿאָרן סײַ אַלטע, סײַ יונגע. עס וועט אײַך נאָך נימעס ווערן, — האָט זיך אָנגערופֿן מיטיאַסאָוו, דער אינזשעניער און פֿאַרטאָרג פֿונעם באַצירק.

כאָטש סערגיי מיטיאַסאָוו אַרבעט דאָ ניט לאַנג, געדענקען אים אַלע פֿונעם ערשטן טאָג פֿון דער באַפֿרײַונג. אַ קאָמאַנדיר פֿון אַ טאַנקען־ווזוואָד, איז ער אַף זײַן מאַשין דער ערשטער אַרײַן קיין ראַפּײַעווקע און אַרויסגעטראָטן אַפֿן ערשטן מיטינג מיט אַ רעדע טאַקע שטייענדיק אַפֿן פּאַנצער, באַם אָפּענעם ליוק.

אַ שטאַלטנער, מיט אַ בלאָנדער קוטשמע האָר און ליכטיקע אויגן, איז ער געשטאַנען מיט אַ פֿאַרהויבענער האַנט, אין אַ שוואַרצן קאָמבינעזאָן און באַגריסט די מענטשן, וואָס זײַנען געקומען באַגעגענען די באַפֿרײַער. דער אוילעם האָט אויסגעהערט זײַן קורצע באַגריסונג־רעדע, פֿאַרשאָטן אים מיט בלומען, אים אונטערגעכאַפּט אַף די הענט און עטלעכע מאָל אונטערגעוואָרפֿן אינדערלופֿטן. עפּעס איז דער באַשיידענער באַאַרטער מענטש אַלעמען דאָ געפֿעלן געוואָרן, מעגלעך צוליב זײַן פּראָסטקייט און האַרציקייט. ער האָט דערציילט, ווער ער איז און פֿונוואַנען, און מע האָט זיך דערפֿרייט — לאָזט זיך אויס, אַז דער קאָמאַנדיר איז גאָר בלויז צײַטווײַליק אַ זעלנער, ער שטאַמט פֿון באַקו, פֿון אַזערבײַדזשאַן, אַן אינזשעניער, און אַרבעט אַף די נאַפֿט־באַצירקן.

זײַנע טאַנקען זײַנען דעם זעלבן טאָג אַוועק ווײַטער, און מיט זיי סערגיי איוואַנאָוויטש מיטיאַסאָוו.

און ניט נאָר אים האָט מען פֿאַרגעדענקט, מ'האָט פֿאַרגעדענקט אויך דאָס, וואָס ער האָט דערציילט וועגן זײַן היימשטאָט באַקו, וועגן די נאַפֿט־באַצירקן פֿון אַזערבײַדזשאַן, וועגן די מענטשן און די וווּנדערלעכע מעכאַניזמען, וואָס שעפּן אַליין נאַפֿט, אָן זײַטיקער הילף.

אין אַ קורצער צײַט אַרום, ווען דער מאַרש אַף צו באַפֿרײַען דעם קאַנט האָט זיך געענדיקט, האָט מען געשיקט אַהער אַפֿן באַצירק צוזאַמען מיט אַנדערע ספּעציאַליסטן, וואָס זאָלן איבערבויען די אַרבעט, אויך מיטיאַסאָוון.

דער אוילעם פֿון „שוואַרצן טאָל" האָט זיך מיט אים דערפֿרייט.

צוזאַמען מיט ראָמאַן קראַוטשוקן, דעם פּאַרוואַלטער פֿון באַצירק, האָט דער אינזשעניער, וואָס איז אײַנצײַטיק אויך געווען דער פֿאַרטאָרג, אָנגעפֿירט מיט דער גאַנצער אַרבעט.

הײַנט איז מיטיאַסאָוו געשטאַנען אין דער ענגשאַפֿט אַף דער קליינער פּלאַטפֿאָרמע פֿון וואָקזאַל, געשפּאַסט מיט די כעוורע, וואָס זײַנען אָפּגעפֿאָרן קיין לוואָוו אין טעכניקום, און זיך אײַנגעהערט אין די רייד פֿון די נאַפֿטלער, וועלכע זײַנען יענע מעקאַנע געווען.

— ניט געזאָרגט, — האָט מיטיאַסאָוו באַרויִקט די מענטשן, — ניט נאָר יונגע וועלן פֿאָרן...

און ווי אין וואַסער געקוקט!
אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט מען פֿון דעם זעלבן וואָקזאַל אַרויסבאַגלייט אַ גאַנצע גרופּע נאַפֿטלער קיין באַקו, זיי זאָלן זען, ווי מע באַקומט אַרויס דאָרטן דאָס שוואַרצע גאָלד.

דאָס מאָל איז מיט דער גרופּע אַרבעטער געפֿאָרן טאַראַס קראַווטשוק און זאַלמען מאַרקוס. עס איז אויך געפֿאָרן שיקע קושניר. ער איז געקומען צו מיטיאַסאָוון און געזאָגט, אַז ער מוז אויך אַ קוק טאָן אַף באַקו, ווײַל, ווי עס איז באַוווּסט, איז ער שוין ניט קיין ייִנגעלע, וויפֿל ס'איז אים געבליבן צו לעבן, ווייסט ער ניט. און אַזוי־ווי פֿון יענער־וועלט האָט מען נאָך דערווײַל קיינעם ניט געשיקט אין קיין ווײַטע נעסיעס, האָט ער אויך כּיישעק צופֿאָרן קיין באַקו און זען אַ וועלט.

זײַן באַקאָשע האָט מיטיאַסאָוו ניט געקאָנט ניט נעמען אין אַכט, און מע האָט דעם אַלטן שמיד געשיקט מיט דער ערשטער גרופּע אַרבעטער.

זינט ער לעבט, שיקע קושניר, האָט ער נאָך ניט געזעהן אַזאַ פֿאַרגעניגן ווי איצט! אַ שפּילעכל אויסצורײדן — דורכפֿאָרן קימאַט דאָס גאַנצע לאַנד, זען, ווי מענטשן לעבן און אַרבעטן! ער האָט ניט צוגעמאַכט מיט קיין אויג דעם גאַנצן וועג. אַ פֿאַרגאַפּטער, געקוקט דורכן וואַגאָן־פֿענצטער אַף די שטעט און דערפֿער, וועלדער און פֿעלדער, זאַוואָדן און פֿאַבריקן, קאָלווירטן, וועלכע האָבן זיך דורכגעטראָגן פֿאַרבײַ זײַנע אויגן. און ניט נאָר ער אײנער איז געווען ווי פֿאַרקישעפֿט פֿון דעם, וואָס מע האָט געזען, נאָר אַלע, וועלכע זײַנען מיטגעפֿאָרן מיט שיקע קושנירן.

די שטאָט באַקו אַפֿן קאַספּישן יאַם, די אָנצאָליקע שטאָלענע נאַפֿט־טורעמס, די זאַוואָדן און פֿאַבריקן, דער האַפֿן, די גאַסן און פּלעצער — אַלץ האָט אויסגעזען, ווי אַ שיינער כאַלעם. הײַנט די מענטשן, די נאַפֿטלער! מיט וואָס פֿאַר אַ פֿרייד האָבן זיי אויפֿגענומען די געסט פֿון די ווײַטע קאַרפּאַטן, טאַקע ווי געטרײַע ברידער!

דאָ, אַף די נאַפֿט־באַצירקן פֿון אַזערבײַדזשאַן, האָבן די געסט פֿאַרשטאַנען, ווי עס איז אָפּגעשטאַנען זייער קאַנט. מע האָט אַפֿילע ניט געקענט פֿאַרגלײַכן די הויכע שטאָלענע טורעמס, די מעכאַניזמען, וואָס האָבן געעגבערט די ערד און אַרויסבאַקומען דעם ברענשטאָף, מיט זייערע קאַרפּאַטער הילצערנע, שוואַרצע נאַפֿט־טורעמס, אוראַלטע קאָטשעגאַרקעס און זשעלאָנקעס. מע האָט פֿאַרשטאַנען, אַז עס דאַרף אַדורך ניט איין צענדליק יאָר, ביז די קאַרפּאַטער נאַפֿט־באַצירקן וועלן זײַן ענלעך אַף די באַקוער.

נאָר די באַקוער פֿרײַנט האָבן באַרויקט:

— באַ דער ראַטנמאַכט וועט מען עס מאַכן שנעל...

אין צוויי וואָכן אַרום האָט די דעלעגאַציע, אַ באַגײַסטערטע, זיך אומגעקערט אַהיים. געקומען איז מען ניט מיט ליידיקע הענט — מיט אַן עשעלאָן אויסשטאַטונג נײַע מעכאַניזמען, מעכטיקע באַלאַנסירן, עלעקטראָמאָטאָרן.

דערצו נאָך איז געקומען אַ גרופּע אַרבעטער, וועלכע וועט אויסלערנען די נאַפֿטלער פֿון „שוואַרצן טאָל" זיך באַגיין מיט די נײַע מעכאַניזמען, זיי אײַנשטעלן.

באַם צופֿוסנס פֿונעם הויכן באַרג האָבן די נאַפֿטלער אָנגעהויבן מאָנטירן דעם ערשטן שטאָלענעם טורעם. פֿון דער באַן־סטאַנציע האָבן שווערע טראַקטאָרס געבראַכט אַהער מעכטיקע קאָנסטרוקציעס, וועלכע מע האָט שנעל געגומען צונויפֿשטעלן. אַפֿן פּאָן פֿון די אַלטע הילצערנע טורעמלעך האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ טורעם אַ גיבער, וואָס האָט געענדערט דעם אויסזען פֿונעם „שוואַרצן טאָל".

די אַרבעטער האָבן געקוקט, ווי די באַקוער געסט דערגרונטעווען זיך צו די נאַפֿט־אויצרעס, גייען דורך מיטן עגבער די שטאַרקע שטיין־פּלאַסטן און שטעלן זיך ניט אָפּ פֿאַר גאָרניט. באַנאַנד מיט די געסט האָבן באַ דער נאַפֿט־גרוב געאַרבעט טאַראַס קראַווטשוק, זאַלמען מאַרקוס. זיי האָבן זיך צוגעקוקט צו זייערע כאַווײרים און אין עטלעכע וואָכן אַרום שוין אַליין געשיקט געאַרבעט.

טאָג און נאַכט האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט די אַרבעט. צענדליקער שטאָלענע רערן האָט מען שוין אַראָפּגעלאָזט אין די טיפֿעניש, מע האָט זיך אײַנגעשרויפֿט אין די ערד־טיפֿענישן, צום „גרויסן נאַפֿט".

סערגיי איוואַנאָוויטש מיטיאַסאָוו האָט געטאָגט און גענעכטיקט באַ דעם שטאָלענעם טורעם. דאָס איז געווען דער ערשטלינג, און פֿון אים האָט מען אַ סאַך דערוואַרט. מע האָט געדאַרפֿט אום יעדן פּרײַז זיך דערקלײַבן צו די רײַכע נאַפֿט־קוואַלן, בּיסלעכווײַז אָפּרייניקן דעם „שוואַרצן טאָל" פֿון די אַלטע הילצערנע טורעמלעך, פֿון די זשעלאָנקעס און קאָטשע־גאַרקעס, וואָס זײַנען דאָ אײַנגעשטעלט געוואָרן נאָך אין יענע ווײַטע צײַטן, ווען מע האָט אין די דאָזיקע ערטער אַנטדעקט נאַפֿט.

אין צווייטן עק פונעם טאָל האָט מען מאָנטירט א באַלאַנסיר, וואָס וועט פּאָמפּען נאַפט אָן דער הילף פון מענטשן. דעם מעכטיקן מעכאַניזם האָט מען געשטעלט אַף א צעמענטענעם פונדאַמענט. דאָ האָבן געאַרבעט עטלעכע באַקוער נאַפטלער מיט א גרופּע היגע אַרבעטער. אויך שיקע קושניר האָט דאָ אונטערגעשטעלט א פּלייצע.

יוסיף מאַמעדאַוו, דער יונגער קליינוואוקסיקער און שוואַרץ־אויגיקער טעכניקער פון באַקו, האָט זיך באַמיט, אַז דער ערשטער באַלאַנסיר זאָל וואָס גיכער ווערן אײַנגעשלאָסן. מיט אים איז געווען גוט און פריילעך. ער איז געווען א כיינעוודיקער, האַרציקער באָכער, וואָס האָט געשאָטן מיט כאָכמעס, אָן אופהער געזונגען אַזערבײַדזשאַנער לידער.

מיטיאַסאָוו איז זעלטן ווען אהער אַראָפּגעקומען. ער האָט געקאָנט יוסיפן פון דער היים און געוווּסט, אַז אַף אים מעג מען זיך פאַרלאָזן.

דער ערשטער באַלאַנסיר איז שוין געשטאַנען גאַדלעסדיק אַפן בעטאָנירטן פונדאַמענט, און די אַרבעט האָט שוין געהאַלטן באַם סאָף. ניט ווײַט האָט מען אויך פאַרענדיקט בויען א גרויסן רעזערוואַר, אין וועלכן עס וועט שטראָמען דער ברענשטאָף, וואָס דער באַלאַנסיר וועט אַרויסבאַקומען פון דער ערד. אהער זײַנען זיך צונויפגעקומען מענטשן זען אַף ציקאַוועס, וו׳אַזוי וועט אַרבעטן דער נײַער מעכאַניזם.

דער באַריידעוודיקער טעכניקער האָט באַטראַכט דעם אַרומיקן אוילעם, זײַן פּולבלעך, עטוואָס פאַרוואַקסן פּאָנעם האָט געשײַנט. איצט, אַז די אַרבעט איז געגאַנגען צום סאָף, האָט ער זיך שוין אַזוי ניט געאײַלט. ער האָט געוואַרט, ביז דער רעזערוואַר וועט פאַרטיק ווערן. צוגע־גאַנגען נעענטער צו די מענטשן, האָט ער זיך אָנגערופן:

— נו, געפעלט אײַך די „הוידעלקע”? איר וועט זען, וו׳אַזוי זי וועט פּאָמפּען... עפּשער טוט אײַך באַנק, וואָס מע וועט אײַנגיכן דאַרפן אַראָפּוואַרפן די הילצערנע קאַראָנעס? נישקאָשע! אין עטלעכע יאָר אַרום וועט איר אײַערע הילצערנע טורעמס מיט די קאַראָנעס, די זשעלאָנ־קעס און קאָטשעגאַרקעס קאָנען זען נאָר אין מוזיי. מירן דאָ מיט אײַך אויסבויען א גרויסן מוזיי און צונויפנעמען דאָס גאַנצע קלאַפּערגעצײַג, וואָס פראַנץ־יאָסיף און די פּוילישע שליאַכ־טע האָט אײַך געגעבן.

דער אוילעם האָט גוטמוטיק געשמייכלט. שווער געווען צו גלייבן, אַז די הילצערנע טור־רעמס וועלן אינגאַנצן פאַרשווינדן ווערן. יוסיף האָט דאָס פאַרשטאַנען און גענומען באַרויִקן די היגע טורישווים:

— באַ אונדז אין באַקו איז אַמאָל אויך געווען אַזוי, אָבער די טעכניק גייט פאָרויס, און דאָס אַלטע האָבן מיר שוין לאַנג איבערגעגעבן אין מוזיי.

באַמערקט, ווי מאַרגאַריטע גייט מיט איר העפּטל צו די רעזערוואַרן, האָט יוסיף מאַמע־דאַוו זי א רוף געטאָן:

— זעט נאָר, אונדזער נאַטשאַלניק וויל גאָר צו אונדז ניט צוגיין. קום צו נעענטער, שעם זיך ניט, טו א קוק אַף אונדזער הוידעלקע. צי עפּשער איז זי דיר ניט געפעלן?

דאָס מיידל האָט זיך פאַררויטלט, צעשמייכלט און פאַרשעמט זיך געלאָזט גיין ווײַטער. נאָר יוסיף איז צוגעלאָפן צו איר, זי צוגעפירט צום באַלאַנסיר און פאָרגעזעצט:

— פאַרשרײַב אים אויך. אײַנגיכן וועלן מיר אים אײַנשליסן. איצט זאָלסטו נעמען א דיקן העפט, ווײַל נאַפט וועט זײַן א סאַך.

— איך בין פאַרנומען, איך האָב קיין צײַט ניט, — האָט זי זיך געפּרוּווט אַרויסרײַסן פון זײַנע הענט.

— איך פרעג, צי דיר איז די מאַשין ניט געפעלן?

— זייער געפעלן. נאָר לאָזט מיך צורו, איך האָב קיין צײַט ניט!

— איר זעט, זי האָט קיין צײַט ניט! נו, און איך האָב צײַט? — האָט ער מיט קלוימערשטן פאָרוואָרף איבערגעשלאָגן. — איך, אַז איך זע א שיין מיידל, געפין איך שטענדיק צײַט. נאָר אַזאַ אָקשנטע האָב איך נאָך אין ערגעץ ניט באַגעגנט. אַלע גייען צו א קוק טאָן אַפן באַ־לאַנסיר, נאָר זי גייט פאַרבײַ און באַמערקט מיך גאָר ניט. וואָס, דו האָסט עפּשער אָן איי־פערזיכטיקן כאָסן? באַ אונדז אין אַזערבײַדזשאַן האָבן אַמאָל די פרויען ניט געטאָרט קוקן אַף קיין מאַנצבילען, נאָר דיר פאַרווערט דאָך קיינער ניט קוקן אַף מיר. לאַך ניט. אָט וועל איך פאַרענדיקן די אַרבעט און ווערן עטוואָס פרײַער, וועל איך דיך אַלצייִנס צונעמען צו אונדז קיין באַקו. אין די בערג, ווו מײַן פאָטער וווינט. באַ אונדז זײַנען אויך פאַראַן אַזעלכע בערג, ווי דאָ, ווײַנטרויבן וואַקסן באַ אונדז, קאַוועניעס, דיניעס. ווײַן — א גאַנצער יאַם! אַלץ איז באַ אונדז פאַראַן. נאָר אַזעלכע בלאָנדע מיידלעך זײַנען ניטאָ! און אַזעלכע בלויע אויגן — אויך ניט!

מאַרגאַריטע האָט ניט געוווסט וווּהין באַהאַלטן דאָס פּאַנעם פֿון בושע. די באַקן האָבן בא איר געפּלאַמט, ווי פֿײַער, זי האָט זיך אַלץ געפּרוווט אַרויסרײַסן פֿון זײַנע הענט, נאָר ניט געקאָנט. דער אַרומיקער אוילעם האָט זיך אײַנגעהערט אין זײַנע רייד און געקײַכט פֿון געלעכטער. יוסיף האָט פּאָרגעזעצט:

— דו אַנטלויף ניט פֿון מיר. איך וועל דיר נאָך עטלעכע ווערטער זאָגן, דערנאָך וועסטו גיין, ווו דו ווילסט. נאָר הער רויק אויס. פֿאַרוואָס קוקסטו ניט אָף מיר? וואָס זשע, איך בין ניט קיין שיינער? צי דו האָסט ניט ליב קיין שוואַרצע מיט שוואַרצע אויגן? מיט מיר וועט דיר זײַן גוט. ווען איך בין געפּאָרן צו אײַך, האָט דער טאַטע מיר באַפוילן, איך זאָל זיך ניט דערוועגן אומקערן פֿון די קאַרפּאַטן אָן א קאַלע. ער וועט מיך, האָט ער געזאָגט, אפילע אָף דער שוועל ניט אַרופלאָזן. מײַן טאַטע איז געווען אָף דער מילכאָמע אין די קאַרפּאַטן און דערציילט, אַז קיין שענערע מיידלעך, ווי דאָ, איז ניט צו געפינען אָף דער גאַנצער וועלט. וואָרט, וועסט באַווײַזן! נאָך צוויי ווערטער וועל איך דיר זאָגן. מיך רופט מען כאַסאַן יוסיף מאַמעד אלי אָגלי. וואָס לאַכסטו, מיידל? מײַן נאָמען איז דיר עפשער ניט געפעלן? צי א לאַנגער עפשער? וועסט אים ניט פאַרגעדענקען? וועל איך אָף דיר ראַכמאָנעס האָבן. רוף מיך פּאָשעט יוסיף, און גענוג! גוט? וואָס שוויַגסטו? דו לאַכסט? נו, יוסיף מאַמעדאָוו. אָט פרעג סערגיי איוואַנאָוויטשן. ער איז מײַן לאַנדסמאַן. א גוטער מענטש. ער וועט ניט לאָזן ליַיגן. ער קען מיך פֿון באַקו. צוזאַמען געאַרבעט. ער וועט דיר דערציילן, אַז יוסיף וועט זײַן פּאַר דיר א גוטער פריַינט. לאָך ניט. אָט וועלן מיר פאַרענדיקן די אַרבעט, וועל איך מיט דיר אווועקפּאָרן קיין באַקו. קיין אַזערבײַדזשאַן. בא אונדז איז א וווּנדערלעך לאַנד. בא אײַך איז קיין יאַם נישטאָ. בא אונדז א יאַם א וווּנדער! פרעג מיטיאַסאָוון.

יוסיף האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, און באַמערקט, אַז דאָס מיידל רײַסט זיך שוין ניט פֿון זײַנע הענט, האָט ער זי אָפּגעלאָזט און, קוקנדיק אָפן אַרומיקן אוילעם, פּאָרגעזעצט אין דעם זעלבן נוסעך מיט א פריילעכן שמייכעלע אָפן שטאַרק פאַרברוינטן פּאַנעם:

— באַקו וועט דיר זייער געפעלן ווערן, פּאָלג מיך! פֿון איין זײַט די בערג, פֿון דער צווייטער זײַט דער קאַספּישער יאַם און אינמיטן — באַקו! שיין, האַ? וועסט א גאַנצע וועלט אויספּאָרן און ניט באַגעגענען נאָך אַזאַ, ווי אַזערבײַדזשאַן. אַלציינס וועל איך דיך צונעמען.

— טשעפּע זיך אָפּ פֿון איר! — האָט אַרײַנגעשטעלט שיקע קושניר. — מאַרגאַריטע האָט שוין פֿון לאַנג א כאָסן. אפילע צוויי. זיי זײַנען געפּאָרן לערנען אין טעכניקום.

— וואָס טעכניקום, ווען טעכניקום! ביז זיי וועלן זיך אויסלערנען, וועט זי אַלט ווערן! און איך האָב שוין לאַנג געענדיקט דעם טעכניקום. מיר וועלן פּאָרן צו אונדז, קיין באַקו! דו ווייסט ניט די געשיכטע פֿון אונדזער קאַנט, וועל איך דיר באַלד דערציילן. מע זאָגט, אַז ווען גאָט האָט פּאַנאַנדערגעטיילט די ערד, זײַנען זיך אַלע פעלקער צונויפגעקומען. דער אַלטער האָט פּאַנאַנדערגעטיילט דעם א שטיק סטעפּ, יענעם א שטיק וואַלד, א דריטן — א זומפּ. דעם דאָס, יענעם — יענץ. און אַזוי ווי ער איז געווען ניט קיין וואַזשנע מאַטעמאַטיקער, האָט ער שלעכט אויסגערעכנט, און ניט פֿאַר אַלעמען האָט געקלעקט ערד. ווען ס'איז געקומען צו די אַזערבײַדזשאַנער, האָט ער שוין ניט געהאַט וואָס צו געבן. האָט גאָט זיך פאַרשעמט, אַרויסגערופן זײַנע מאַלאָכים און געזאָגט: „די באַשיידענע און שטילע אַזערבײַדזשאַנער זאָלט איר געבן א שטיק פֿון מײַן געטלעכער ערד”. און די מאַלאָכים האָבן אונדז אָפּגעשניטן א שטיק באַם קאַספּישן יאַם. א געטלעכער קאַנט, וועסט קיין כאַראָטע ניט האָבן, אויב דו וועסט קומען צו אונדז... האָבן מיר אָפּגערעדט? וועסט מיט מיר פּאָרן?

מאַרגאַריטע איז אָפּגעגאַנגען אין א זײַט און זיך אָנגערופן:

— ניין, כ'וועל ניט פּאָרן! בא אונדז איז אויך ניט שלעכט!

מיטיאַסאָוו איז צוגעקומען אומבאַמערקט און דערזען א גרויס רעדל מענטשן אַרום יוסיפן, האָט ער זיך אָנגערופן:

— נו, יוסיף, וואָס פאַר א מיטינג אינמיטנדערינען?

— איך דערצייל וועגן אונדזער אַזערבײַדזשאַן.

יענער האָט זיך פּאַנאַנדערגעלאַכט:

— ווידער וועגן אַזערבײַדזשאַן? דו האָסט דאָך שוין צען מאָל דערציילט. איז עפשער וועט אָף הײַנט זײַן גענוג?

— געוויס. נאָר איך וואַרט שוין אָף אײַך, — האָט ער א זאָג געטאָן, — בא מיר איז אַלץ גרייט. איך קען שוין אײַנשליסן.

— זייער גוט. באַלד וועלן מיר א קוק טאָן, — איז מיטיאַסאָוו צוגעגאַנגען צום באַלאַנסיר, אים באַטראַכט פֿון אַלע זײַטן.

די מענטשן האָבן געקוקט אויפן אינזשעניער, געוואַרט, וואָס ער וועט זאָגן. זיך איבער־צײַגט, אַז אַלץ איז געמאַכט געוואָרן ראיעל, האָט מיטיאַסאָוו געבעטן דעם אוילעם, מע זאָל אָפּגיין אין אַ זײַט. צו יוסיפֿן האָט ער אַ ווונק געטאָן:

— נו, יוסיף, באַוויַיז, אַף וואָס דו ביסט פֿייִק! זאָל זײַן אין אַ גוטער שאָ!

יוסיפֿס פּאָנעם איז געוואָרן ערנסט, אָנגעשטרענגט. אין איין רעגע האָט מען דעם פֿריי־לעכן באָכער שוין ניט געקאָנט דערקענען. ווי שטענדיק אין אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכער אָנגע־שטרענגטער מינוט, האָט ער פֿאַרגעסן אין אַלץ, צוגעגאַנגען אַ רויִקער צום עלעקטרישן רו־בילניק, אים אײַנגעשלאָסן, און דער באַלאַנסיר, וועלכער האָט פֿונדערווײַטנס אויסגעזען, ווי אַ גיגאַנטישער פֿויגל מיט ברייט צעשפּרייטע פֿליגלען, האָט זיך גערירט. דער באַלאַנסיר האָט זיך גענומען פּאַמעלעך באַוועגן.

מיט פֿאַרטײַעטן אָטעם האָבן די מענטשן זיך אײַנגעהערט אינעם אייגנאַרטיקן גערויש פֿון דער מאַשין. אינגיכן האָט פֿון די ערד־טיפֿענישן אָנגעהויבן פֿליסן צום גרויסן רעזערוואַר וואַרעמער נאַפֿט.

מענטשן זײַנען אַרופֿגעלאָפֿן אַף די טרעפּ, אַרײַנגעקוקט אין זײַן טיף. די ערשטע שטראָ־מען געדיכטע שוואַרצע פֿליסיקײַט האָט אַ זעץ געטאָן אָפּן דעק פֿונעם רעזערוואַר.

מיט פֿאַרטײַעטן אָטעם האָט מען זיך אײַנגעהערט אינעם כליופּען פֿונעם נאַפֿט.

ווידער אין קלעם

עס האָט זיך קיינעם אַפֿילע ניט געכאָלעמט, אַז פֿאַר אַזאַ קורצער צײַט וועט מען באַוויַיזן אַזויפֿיל אויפֿטאָן!

ס'איז שווער געוועזן דערקענען דעם טאָל, ראָפּײַעווקע, בראָדניצע, און באַזונדערס — די מענטשן!

אַלץ איז ווי אָפּסנײַ געבוירן געוואָרן.

פֿריילעכער איז געוואָרן דער אוילעם. לײַכטער איז געוואָרן אויפֿן האַרצן. און אַלע האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז אויב עס וועט זײַן שטיל אַף דער וועלט און מע וועט לאָזן לעבן, בויען, וועט מען דעם „שוואַרצן טאָל" אין עטלעכע יאָר אַרום אינגאַנצן ניט דערקענען.

דער צווייטער זומער נאָך דער באַפֿרײַונג פֿונעם קאַנט האָט אָנגעזאָגט אַ סאַך פֿרייד און נאַכעס.

דעריקער האָט זיך מיטן זומער דערפֿרייט מאַרגאַריטע. עס וועלן קומען אַף קאַניקולן אירע פֿרײַנט, נאָך וועלכע זי האָט זיך שוין אַזוי פֿאַרבענקט, — יוליס און סטאַסיק. אַף זיי האָט זי אַרויסגעקוקט מיט אומגעדולד. פֿאַר דער צײַט זײַנען דאָ פֿאָרגעקומען אַזויפֿיל ענ־דערונגען, אַז דער אָטעם האָט אַזש פֿאַרכאַפּט, און מע האָט זיך געדאַרפֿט מיט עמעצן טיילן. זי וועט די כעוורע שוין מער ניט מאַטערן און אָפּן זאָגן, וועמען פֿון זיי איז איר ליבער און טײַערער. זי האָט שוין, דאַכט זיך, געמאַכט דעם אויסוואַל. נאָר דאָ לאָזט זי ניט רוען אָט דער פֿריילעכער יוסיף. ערשט ניט לאַנג האָט זיך איר געדאַכט, — זי איז אַפֿילע געווען איבער־צײַגט, אַז ער שפּאַסט, ווען ער דערציילט איר ניסים וועגן זײַן היים און טײַנעט, אַז ער וועט זי צונעמען מיט זיך אַהין, ווען זײַן בריגאַדע וועט פֿאַרענדיקן די אַרבעט. לאָזט זיך אויס, אַז דאָס מיינט ער גאַנץ ערנסט! ער האָט זיך שטאַרק באַפֿרײַנדעט מיט איר פֿאָטער און קומט אָפֿט צו זיי אין שטוב, שפּילט מיטן טאַטן אין שאָך, מע טרינקט קאַווע און מע רעדט וועגן פֿאַרשיידענע זאַכן. נאָר טראַכטן טראַכט ער, זעט אויס, וועגן איר.

שטענדיק, אַז ער קומט, ברענגט ער מיט זיך אַ סאַך פֿרייד, געלעכטער, וויצן. און דער פֿאָטער און די מוטער באַגעגענען אים מיט פֿאַרגעניגן, ווי אַן אייגענעם און אַלטן באַקאַנטן. מאַרגאַריטע האָט מוירע געהאַט, ער זאָל ניט אָנהייבן ריידן מיט די עלטערן וועגן איר...

צי דען פֿאַרשטייט ער ניט, אַז זי וועט יוליסן קיינמאָל אַף קיינעם ניט פֿאַרבײַטן? זי האָט זיך שוין אַפֿילע געגעבן דאָס וואָרט, און קעדיי זי זאָל ניט איבערטראַכטן, וועט זי אים מעלדן, ווען יענער וועט קומען אַף זומער. ער, יוסיף, איז איר אויך געפֿעלן. גיין מיט אים אין טעא־טער, אין קינאָ, שפּאַצירן איז גאַנץ פֿריילעך, נאָר דאָך ליגט דאָס האַרץ צו אירע שול־פֿרײַנט.

די לעצטע צײַט האָבן אָנגעהויבן קריכן אין קאָפּ מאָדנע געדאַנקען.

זי האָט געפֿילט, אַז די טעג, ווען זי זעט ניט יוסיפֿן, איז איר אומעטיק אויפֿן האַרצן. און ווי אַפּצולאָכעס, באַקומט זי זעלטענער בריוו פֿון די כעוורע. זיי שרײַבן, אַז מע איז איבער־געלאָדן מיט אַרבעט. מע גרייט זיך צו די עקזאַמענעס. עס גייען קלאַנגען, אַז מע וועט

פאַרקירצן דעם קורס און מע וועט זיי אַרויסלאָזן אַף אַ גאַנץ יאָר פריִער, ווײַל עס מערקן זיך אָן זייער גרויסע פּלענער פון איבערבויען דעם „שוואַרצן טאָל״ און מע דאַרף האָבן אַ סאַך גוטע ספּעציאַליסטן.

בכלל איז מאַרגאַריטען גוט און פריילעך צו לעבן אַף דער וועלט. און זי דאַרף זיך ניט זאָרגן פאַר איר מאָרגן, פאַר איר גורל. אָט איז איר גאָר אופגעקומען אַ נײַער פּלאַן אין קאָפּ — זי וועט זיך צוגרייטן און אין האַרבסט פּרווון אָנקומען אין נאַפט־אינסטיטוט, וואָס געפינט זיך אויך אין לוואָוו, און יוסיפס אײַנגעאַקשנטקייט פאַרווײַלט זי בלויז. מער גאָרניט.

פּלענער... פּלענער... מע האָט שוין דאָ אָנגעהויבן צוביסלעך פאַרגעסן אין די אַלטע צאָרעס און געטראַכט, אַז דאָס לעבן איז אַרײַן אין דער רעכטער קאָלייע. לאָזט זיך אויס, אַז דאָס איז ניט אַזוי. די סאַקאָנע האָט זיך ווידער אָנגערוקט, און געקומען איז זי פון דײַטשלאַנד...

יענעם שטילן שאַבעס פאַרנאַכט איז צו מאַרגאַריטען געקומען יוסיף און זי אײַנגעלאַדן שפּאַצירן אין פּאַרק. אווילעם איז געווען אַ סאַך. דער אָרקעסטער אַף דער קליינער עסטראַדע האָט געשפּילט, און מע האָט געטאַנצט. עס איז געווען גוט און פריילעך אַפן האַרצן. מע האָט פאַרבראַכט גאַנץ שפּעט, און יוסיף האָט זי באַגלייט אַהיים, ביז דער קאַליטקע.

דער באָכער האָט צעבויטעט אירע געדאַנקען, ווידער געזאָגט, אַז ער וואָלט געווען גליקלעך, ווען זי באַציט זיך צו אים בעסער און דערציילט אים ווייניקער וועגן אירע גוטע־פרײַנט — יוליסן און סטאַסיקן.

לאַנג האָט מאַרגאַריטע ניט געקאָנט אײַנשלאָפן, נאָך דעם, ווי יוסיף איז אַוועק. עפּעס האָט זי געמאַטערט, נאָר וואָס, האָט זי בעשום־אויפן ניט געקאָנט פאַרשטיין. אַ שווערער כאָלעם האָט זיך געפּלאָנטערט, אַלעמאָל זי אופגעוועקט. באַגינען, ווען זי איז סאַפּקאָלסאָף אײַנגעשלאָפן, האָט זי אופגעהויבן אַ שטאַרקער גערודער, געשרייען, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון דער גאַס.

אַרויסגעלאָפן פון שטוב, האָט זי דערזען, ווי אין גאַס שטייען הײַפלעך שכיינים. פאַררײַסנדיק די קעפּ, האָבן אַלע געקוקט אַפן הימל. איבער די קאַרפּאַטן איז געשטאַנען אַ גרויליקער געוויש פון שווערגעלאָדענע אַעראָפּלאַנען. זיי זײַנען געגאַנגען נידעריק טשאַטעסווײַז, און אַף די פיוזעליאַזשן האָבן זיך דײַטלעך אָנגעזען שוואַרצע צלאָמים. דאָרטן, ווו עס ציט זיך די אײַזנבאַן־ליניע, האָבן זיך געהערט אופרײַסן, און דער הימל איז פאַרנעפּלט געוואָרן פון רויכן און פלאַמען.

— אַ מילכאָמע!

— און עפּשער איז דאָס גאָר מאַנעוורעס?

— נאַרישע, וואָס פאַר מאַנעוורעס, ווען עס רײַסן זיך באָמבעס?

— איר זעט ניט די שוואַרצע צלאָמים? דײַטשן...

— ווידער דײַטשן?

— ביז ווען וועט די וועלט שווײַגן?

ווײַבער האָבן געוויינט, געבראָכן די פינגער, געטוליעט צו זיך די קליינע קינדער, וואָס זײַנען געשטאַנען טויט־דערשראָקענע און מיט פּאַכעד געקוקט אַף די פאַרוויינטע מאַמעס.

— פאַשיסטן זײַנען אָנגעפאַלן. ווידער מילכאָמע!

מאַרגאַריטע איז געשטאַנען אין אַ זײַט און געפּילט, ווי דאָס האַרץ ווערט באַ איר צעריסן אַף שטיקלעך. איר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע קוקן אַף איר קרום. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי איז אויך אַ דײַטשקע, און דאָס האָט זי איצט געמאַטערט. זי האָט קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן דעם, ווער זי איז. זי האָט דאָ געלעבט גלײַך מיט אַלע. און זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז עמעצער קאָן טראַכטן, אַז זי האָט וואָסער־ניט־איז שײַכעס צו „יענע״ דײַטשן, וואָס האָבן געבראַכט אַף דער ערד אַזאַ אומגליק.

זי האָט געפּרווט אָפּטרײַבן פון זיך די שווערע געדאַנקען, נאָר זיי זײַנען אַקשאָנעסדיק געקראָכן אין קאָפּ.

מע האָט געווענדט די בליקן אַפן פאַרטאָרג סערגיי מיטיאַסאָוון און אַף ראָמאַן קראַוטשוקן, גלײַך ווי זיי וואָלטן אַלץ געוווּסט און קיינעם דערפון ניט אויסגעזאָגט.

סערגיי מיטיאַסאָוו איז געשטאַנען אין זײַן בלוי ספּעצרעקל, אַ ניט־געגאָלטער, מיט אַן אַנטבלויזטן צעשויבערטן קאָפּ און זיך אײַנגעקוקט אין יענער ריכטונג, וווהין עס האָבן זיך אוועקגעטראָגן די דײַטשישע באָמבאַרדירער, און געטראַכט, וואָס ער זאָל זאָגן די מענטשן, וואָס לאָזן פון אים ניט אַראָפּ די אויגן. ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם בריוו, וואָס ער האָט באַקומען פון דער פרוי, פון באַקו. זי האָט געשריבן, אַז זי האָט שוין אָפּגעשיקט אַלע שטובזאַכן, דאָס מעבל און פאָרט די טעג אַרויס צו אים מיטביידע קינדער און מיט דער אַלטער

מוטער... מע דאַרף גלײַך איר טעלעגראַפירן, זי זאָל צוװאַרטן און זיך ניט רירן פון אָרט, ביז ער װעט ניט געבן צו װיסן. נאָר װער װײסט, צי װעט ער איצט קאָנען שיקן א טעלע־גראַמע?

— נישקאָשע, איצט װעט דער היטלער, אָט דער פאַרשאָלטענער אישאַק, באַקומען די װיסטע מאַפּאָלע... — האָט געזאָגט יוסיף.

— פון דײַן מױל אין גאָטס אױערן, — האָט אונטערגעכאַפּט שיקע קושניר, — נאָר דו האָסט געזען, װי זײ זײַנען געפלױגן און קײנער האָט זײ ניט אָפּגעשטעלט?

— מע װעט זײ ניט נאָר אָפּשטעלן, — האָט יוסיף איבערגעשלאָגן, — נאָר געבן אַזױ איבער די הענט, אַז זײ װעלן מער ניט קריכן!

סערגײ מיטיאַסאָװ האָט געמאַכט עטלעכע טריט, צוגעגאַנגען נעענטער, זיך צוגעזעצט אױף עפּעס א קעסטל, צוגעקעמט מיט דער האַנט די צעשױבערטע האָר.

— געװיס װעט מען זײ צעקלאַפּן, — האָט ער זיך אָנגערופן מיט זײַן הײזעריקלעכער שטים, — נאָר מע דאַרף ניט מײנען, אַז עס װעט זײַן אַזױ גרינג. עס װעט זײַן שװער. די פאַשיסטישע פּאַראַזיטן האָבן אָפּגערױבט און פאַרקנעכטעט האַלב אײראָפּע. זײ האָבן א גרױסע און א גוט־באַװאָפנטע אַרמײ, אָן א שיער געװער. און עס װעט זײַן ניט גרינג, יוסיף. מע טאָר זיך ניט לײגן קײן פײגעלעך אין בוזעם. — א טראַכט געטאָן, האָט ער צוגעגעבן. — נאָר מיר װעלן אַלצײנס זיגן! א מילכאָמע װעט זײַן א שװערע, זײער א שװערע, נאָר אונדזער פאָלק װעט קײנער ניט שטעלן אױף די קני.

— װאָס איז דאָס פאַר א כײַע, דער דײַטש, — האָט זיך אָנגערופן טאַראַס קראַװטשוק.

פיליפּ איז געזעסן אין א זײַט, אױף א סלופּ, און זיך ניט אַרײַנגעמישט אינעם געשפּרעך. פון מאָל צו מאָל האָט ער אױף זיך געכאַפּט פאַרדעכטיקע בליקן. ניט אַנדערש, װי די אַרומיקע טראַכטן איצט װעגן אים...

סערגײ מיטיאַסאָװ האָט א קוק געטאָן אױף טאַראַסן, דערנאָך ניט װילנדיק איבערגעפירט דעם בליק אױף פיליפּן, װאָס איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— פאַרשטײסט מיך, טאַראַס, פאַרשײדענע דײַטשן זײַנען פאַראַן. און מע קאָן ניט באַ־שולדיקן אַלעמען מיטאַמאָל. עס איז פאַראַן היטלער מיט זײַן באַנדע... און עס זײַנען פאַראַן אַנדערע דײַטשן. אַזעלכע, װאָס פאַרשעלטן דעם פירער. עס זײַנען נישטאָ קײן שלעכטע פעלקער און קײן גוטע פעלקער. עס איז פאַראַן אן אַרבעטער־קלאַס און א קלאַס פון קאַ־פּיטאַליסטן.

— סערגײ איװאַנאָװיטש, — האָט איבערגעשלאָגן יוסיף מאַמעדאָװ, — דאָס זאָגט איר עמעס. נאָר אין היטלערס אַרמײ זײַנען דען נישטאָ קײן אַרבעטער?

— פאַראַן! — האָט צוגעשטימט מיטיאַסאָװ. — געװיס פאַראַן. היטלער האָט אָפּגענאַרט און איבערגעצױגן אױף זײַן זײַט א גרױסן טײל פונעם דײַטשישן פאָלק און פון אַרבעטער־קלאַס אױך. פאַרבלענדט זײ די אױגן. נאָר װען זײ װעלן באַקומען די ערשטע קלעפּ פון אונדזער רױטער אַרמײ, װעלן א סאַך פון זײ גלײַך ניכטער װערן און זיך אָפּקערעװען פונעם הױפּט־הענקער.

אַלע האָבן זיך אױפמערקזאַם אײַנגעהערט אין מיטיאַסאָװס רײד, צוגעשאָקלט מיט די קעפּ. נאָר מיטאַמאָל האָט זיך פון װײַט אָפּסנײַ דערהערט א הודזשען פון באָמבאַרדירער, און אַלע האָבן זיך אױסגעצױגן אױף דער ערד.

— װידער קריכן די הינט! — האָט געזאָגט דער אַלטער שיקע קושניר, קוקנדיק אױף דער נײַער כװאַליע באָמבאַרדירער, װאָס האָט זיך אַהער אָנגערוקט, װי א כמאַרע.

די אַעראָפּלאַנען זײַנען דורכגעפלױגן און פאַרקערעװעט צו דער גרױסער שטאָט.

— די נאַפט־באַצירקן װעלן זײ ניט באָמבירן, — האָט, אױפהײבנדיק זיך פון דער ערד, געזאָגט מיטיאַסאָװ. — זײ װילן, זעט אױס, פאַרכאַפּן די נאַפט־אױצרעס גאַנצינקע, נאָר א טױט װעלן זײ בא אונדז באַקומען!

ער האָט א קוק געטאָן אױפן פאַרומערטן ראָמאַן קראַװטשוקן און א װוּנק געגעבן צו אים:

— מע דאַרף אַװעק אין קאָנטאָר און דאָרט אָנקלינגען, זיך דערװיסן, װאָס קומט פאָר אױף דער װעלט, װאָס דאַרף מען טאָן?

דער באַצירק איז גלײַך פּוסט געװאָרן. די נאַפטלער האָבן זיך אַװעקגעצױגן צו דער קאָנטאָר.

פיליפּ איז אײנער אַלײן געבליבן זיצן אױפן קלאָץ. כאָטש מיטיאַסאָװס לעצטע װערטער האָבן אים א ביסל באַרויִקט, האָט ער זיך געפילט, װי א געפּלעפטער. װאָלט ער געװען ייִנגער און דער פּוס װאָלט אים ניט געשטערט, װאָלט ער געבעטן, מע זאָל אים נעמען אױפן פראָנט. ער װאָלט מיט זײַן בלוט, מיט זײַן לעבן דערװיזן, אַז ער איז טרײַ אָט דער ערד,

די מענטשן, דעם לאַנד, ווו ער איז געוואָרן אַ פּולבאַרעכטיקטער בירגער, ער וואָלט באַוויזן, אַז ער איז אַן ערלעכער אַרבעטער.

פּיליפּ איז צוגעקומען צו דער קאַנטאָר. די נאַפּטלער האָבן זיך וועגן עפּעס געאַמפּערט. דערזען אים, זײַנען זיי שטיל געוואָרן. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטיין, וואָס איז געלעגן ניט ווײַט פונעם פענצטער, און פאַררייכערט אַ ציגאַר.

אינעם גרויסן צימער פונעם פאַרטקאַבינעט זײַנען זיך צונויפגעקומען די נאַפּטלער. ניט פאַר אַלעמען האָט געקלעקט פּלאַץ, איז מען געשטאַנען בײַ די פענצטער, זיך אײַנגעהערט אין די ווערטער פונעם פאַרטאָרג. די הייזעריקלעכע שטים זײַנע האָט עטוואָס געציטערט, ער איז שוין געווען אין זײַן מיליטער־אַנטאָן, אין וועלכן ער איז אַהער אַמאָל געקומען.

סערגיי מיטיאַסאָוס אומרויִק ענערגיש פּנים איז געווען פאַרדײַגעט. קוקנדיק אין צעעפנטן פענצטער צו די קאַרפּאַטן־בערג און אָפּשאַרנדיק מיטן שטיוול דעם אַש פון די ערשט ניט לאַנג פאַרברענטע פּאַפּירן, האָט ער געזאָגט, סטאַרענדיק זיך אויסמײַדן די פאַרווײנטע אויגן פון די מענטשן:

— טײַערע פרײַנט, איך בין געקומען צו אײַך זיך געזעגענען. איך גיי אַוועק אויפן פראָנט, נאָר איך גלייב, אַז ניט אויף לאַנג, ניט אויף שטענדיק. איך וועל זיך אומקערן צו אײַך, אויב איך וועל בלײַבן לעבן. אויב איך האָב ווען־ניט־איז עמעצן באַליידיקט, בעט איך מיר מוחל זײַן. איר בלײַבט דאָ. מײַן פרײַנט, דער טרײַער קאָמוניסט ראָמאַן קראַווטשוק, בלײַבט מיט אײַך... עס וועט, מעגלעך, אויסקומען פאַרלאָזן די היים. אויב דער פאַרשאָלטענער סוינע וועט צוקומען אַהער, דאַרפט איר פאַרניכטן די טורעמס, די מעכאַניזמען, די אויסשטאַטונג, קעדיי ניט לאָזן, דער אָקופּאַנט זאָל זיך קאָנען באַנוצן מיט אונדזער נאַפט...

מיטיאַסאָוו האָט גערעדט שטיל, ניט געײַלט, ווי ער וואָלט יעדער וואָרט אָפּגעוויגן, און דער אוילעם האָט געשוויגן, קיינער האָט זיך, דאַכט זיך, קיין ריר ניט געטאָן. מע האָט מיט פאַרווײנטע, פײַכטע אויגן געקוקט אויף דעם באַשיידענעם, מוטיקן אינזשעניער און געווען דערצאָרנט, וואָס אַזאַ מענטש פאַרלאָזט זיי אין דער מוירעדיק־שווערער צײַט.

מע האָט זיך דעם פאַרנאַכט געזעגנט מיט סערגיי מיטיאַסאָוון, און בײַ די מענטשן האָבן זיך אויף שטענדיק אײַנגעקריצט אין זיקאָרן זײַנע פּאָשעטע און האַרציקע ווערטער.

דער גרויזאַמער אויספּרוּוו

מע האָט געוואַרט אויף אַ נעס, נאָר קיין נעס איז ניט געשען.

שפּעט באַנאַכט האָט מען אָנגעקלונגען אין טעלעפאָן פונעם שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט. ראָמאַן קראַווטשוק האָט גענומען דאָס טרײַבל, זיך אײַנגעהערט. דאָס פּנים זײַנס איז געוואָרן בלאַסער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די האָר אויף זײַן קאָפּ זײַנען אין דער רגע געוואָרן גראָוער.

אין קאַבינעט זײַנען געזעסן אויף די קעסטלעך, אויפן פענצטער און ווו עס האָט זיך געמאַכט די נאַפּטלער, געקוקט אויף ראָמאַנען, ער האָט זיי שוין מער גאָרנישט ניט געדאַרפט דערקלערן.

עס איז שלעכט. דער סוינע איז שוין ניט ווײַט, און מע דאַרף זיך גלײַך נעמען אויספילן דעם באַפעל: פאַרניכטן אַלץ, וואָס מע קאָן מיט זיך ניט מיטנעמען אין וועג, באַהאַלטן אין בונקערס די מאַשינעס, מעכאַניזמען און אַרמאַטור, אופרײַסן די עלעקטראָסטאַנציע, פאַרניכטן די טורעמס, פאַרשטאָפּן די נאַפט־גריבער, אופרײַסן די רעזערוווואַרן — איבערלאָזן דעם סוינע אַ מידבער, ער זאָל ניט קאָנען אַרויסבאַקומען קיין טראָפּן נאַפט פון דער ערד...

קיין אַנדער בריירע איז ניט געווען. מ׳האָט זיך געמוזט נעמען צו דער שרעקלעכער אַרבעט. דאָס, וואָס איז אויסגעבויט, אויפגעשטעלט געוואָרן מיט שווערער האָרעוואַניע, האָט מען געמוזט פאַרניכטן מיט די אייגענע הענט. קאַיאָר האָט מען געדאַרפט שפּאַנען די וועגענער, נעמען מיט זיך וואָס עס וועט זיך לאָזן און מיט ווײַב־און־קינדער זיך אַוועקלאָזן אויף מיזרעך, צו דער קנופּ־סטאַנציע.

עס האָבן געטראַכקעט איבערן ברוקירטן שליאַך די שווער־געלאָדענע וועגענער, אויף וועלכע מע האָט אַריבערגעפירט אין באַהעלטענישן די מאַשינעס און מעכאַניזמען. מע האָט פאַרוואָרפן, פאַרהאַקט די נאַפט־רערן, אופגעריסן די באַלאַנסירן, די שטאָלענע טורעמס. אין פאַרשיידענע ערטער האָבן זיך געהערט אופרײַסן. מענטשן האָבן געוויינט, וויסנדיק, אַז עס ווערט פאַרניכטעט דאָס טײַערסטע, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט.

מיטאמאָל האָט זיך איבערן גאַנצן ארום צעטראָגן א שטאַרקער געברום, א מוירעדיקער אופּרײַס — דאָס איז אופגעפלויגן אינדערלופטן די עלעקטראָסטאַנציע. די שײַן האָט זיך אומעטום אויסגעלאָשן. א פּאַכעד איז באַפאַלן די ארומיקע יישוּווים — דעם „שוואַרצן טאָל", ראַפּײַעווקע...

דאָ און דאָרט האָבן זיך געוואַלגערט ברוכשטיקער פון די טורעמס, פליגלען פון די באַלאַנסירן, שטיקער ווענט, דעכער.

זאָל ער זען, דער סוינע, וואָס פאַר א קאַבאַלעס־פּאָנעם מע האָט פאַר אים דאָ צוגעגרייט.

דער גאַנצער ארום איז מיטאַמאָל ווי טויט געוואָרן, אָפּגעשטאָרבן און דערמאָנט אין א בעסוילעם, איבער וועלכן עס האָט זיך דורכגעטראָגן א הוראַגאַן.

אין דער ארומרינגלונג פון די נאַפטלער האָט יוסיף מאַמעדאָוו זיך אומגעקערט פון זײַן אומגעוויינלעכער ארבעט א דערשיטערטער. אזויפיל האָרעוואַניע פאַר דעם יאָר ארײַנגעלייגט אינעם „שוואַרצן טאָל", און אָט איז דאָס אַלץ געגאַנגען צו גרונט.

דער שטענדיק פריילעכער און לעבנסלוסטיקער באַכער האָט אינגאַנצן אָנגעוואָרן דאָס לאָשן.

דאַך האָט ער זיך באַמיט באַרויִקן דעם אוילעם, געטײַנעט, אז מע וועט געוויס אָפּשטעלן דעם סוינע אַף דער גרענעץ און אים צעשמעטערן. דערנאָך, אז די פאַשיסטן האָבן זיך דער־נעענטערט, האָט ער עס דערקלערט דערמיט, וואָס מע וויל די אישאַקעס ארײַנאַרן און ערשט נאָכדעם דערלאַנגען זיי איבער די קעפּ, אָפּהאַקן דעם ווײַדל... אָבער איצט האָט ער שוין ניט געוווּסט, וואָס צו זאָגן, און געשוויגן.

יוסיף האָט זיך דאָ פאַרהאַלטן מיט א גרופּע ארבעטער פון באַקו, געמיינט, אז די מיל־כאָמע וועט געדויערן א וואָך, א טעג צען, און מע וועט ווידער זיך נעמען צו דער ארבעט. נאָר גיי ווייס, אז עס וועט זיך אזוי באַקומען, אז מע וועט דאַרפן העלפן די נאַפטלער אַלץ פאַרניכטן און מיט זיי זיך לאָזן אין וועג, אַף מיזרעך!

די מאַמע וואַרט שוין לאַנג אַף אים. אָבער ער איז דאָ אזוי ארײַנגעקראָכן אין דער ארבעט, אז ס'איז ניט געווען קיין צײַט גיין אין אורלויב. דערצו נאָך האָט ער ניט אופגעהערט טראַכטן, אז מאַרגאַריטע וועט דאַך ווערן ווייכער צו אים, זיי וועלן כאַסענע האָבן און אוועק־פאָרן צוזאַמען קיין באַקו. און איצט? איצט ווייסט ער שוין אַליין ניט, וואָס עס וועט זײַן. ווער קאָן אין אזא צײַט טראַכטן וועגן אזעלכע זאַכן, אז ארום דונערט און ברענט און קיינער ווייסט ניט, אַף וואָס פאַר א וועלט מע געפינט זיך.

יוסיף טראַכט שוין, אז ער וואָלט פריִער געדאַרפט געווען אוועקגיין אין אַרמיי. ער איז געווען מעקאַנע סערגיי מיטיאַסאָוו, וואָס איז שוין געוויס אין שלאַכט צוזאַמען מיט זײַנע טאַנקיסטן. א שאָד, וואָס ער איז ניט אוועק מיט אים צוזאַמען! נאָר יענער האָט באַפוילן, אז ער, יוסיף, זאָל ניט אײַלן, זיך ניט רירן פון אָרט, ביז די נאַפטלער וועלן ניט זײַן אַף דער באַן־סטאַנציע... און נאָך האָט ער אים געבעטן, יוסיפן, אז אויב זײַן ווײַב מיט די קינדער וועלן קומען אהער, זאָל ער זיי באַגעגענען און העלפן ארויספאָרן צוריק.

טאַקע געפונען א צײַט, ווען זיך אופהייבן מיט די קינדער און זיך שלעפּן אהער, אין געהענעם! זיי זײַנען שוין אין וועג. עפשער וועט מען זיי ערגעץ אָפּשטעלן און אומקערן? דאָרטן ווייסט מען, דאַכט זיך, בעסער, וואָס עס טוט זיך אַפן פראָנט, און מע וועט אהער ניט לאָזן פאָרן א פרוי מיט קינדער צו איר מאַן, וואָס איז שוין אַפן פראָנט. נאָר ווו וועט מיטיאַסאָוו זיי געפינען? באַם געזעגענען זיך האָט ער גראַדע געזאָגט יוסיפן, אז ער וועט אים פונעם פראָנט אָנשרײַבן, נאָר ווו וועט ער, יוסיף, שוין דעמלט זײַן?

פיליפ איז געווען דערשלאָגן. דאָס האַרץ האָט גענאַיעט דערפון, וואָס ער האָט געזען דעם שוידערלעכן ארום נאָך די אופרײַסן און סריי֯פעס, אָבער ניט ווייניקער האָט אים גע־מוטשעט דער געדאַנק, אז מע גלייבט אים ניט. מע האָט אים ניט גערופן, ווען מע האָט ארויסגעפירט אין די בערג די אויסשטאַטונג, מאַשינעס און אַרמאַטור. מע האָט אים ניט געזאָגט, וואָס קלײַבט מען זיך איצט טאָן. וואָס זשע, מע גלייבט אים ניט?

נאָר וואָס זאָל ער איצט זאָגן און מיט וועמעןריידן, אז אַלע זײַנען אזוי דערשיטערט און צעבראָכן?

אין יישוּוו האָט געהערשט א גרויסער טומל, אַן אײַלעניש. עס זײַנען געקומען די געשפּאַנטע פורן, און מענטשן האָבן געלאָדן זייערע קלומעקלעך, טשעמאָדאַנעס. פיליפ האָט געקוקט אַף די פאַרהאָוועטע שכיינים, זיך געדרייט איינעם, א צווייטן פאַר די אויגן, עפשער וועט מען אים אויך זאָגן, ער זאָל מיט זיי פאָרן, נאָר אַלע האָבן געשוויגן. אים האָט קיינער ניט גערופן. ער האָט פונוויַטנס באַמערקט ראַמאַנען. יענער האָט אים אויך גאָרנישט ניט געזאָגט.

ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט, צוגעגאַנגען צו ראַמאַנען:

— און וואָס זאָל איך טאָן?

יענער האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ מידן, צעשטרייטן בליק.

— איך מיין, צי מעג איך מיט דער פאַמיליע אויך פאָרן?

ראַמאַן האָט זיך באַגעגנט מיט זײַנע פּראָוואָלקנטע אויגן, זיך אָנגערופן:

— יאָ, געוויס... עס הייסט... נו, אוודאי, שנעלער, שנעלער... שנעלער...

און, ניט קענענדיק קוקן דעם מענטשן גלײַך אין די אויגן, זיך געלאָזט צו זײַן שטוב.

פּיליפּס פּראַגע האָט אים, ראַמאַן קראַווטשוקן, געשטעלט אין אַן אומבאַקוועמער לאַגע. אים האָט זיך פּריִער געדאַכט, אַז יענער וועט זיך ניט וועלן עוואַקוירן, און אין האַרצן האָט ער זיך איצט אַ זידל געטאָן, לעמײַ ער האָט שלעכטס געטראַכט וועגן דעם מענטשן, זיך צו אים די לעצטע טעג באַצויגן מיט אומצוטרוי. מעג מען דען אַזוי שנעל, ניט אויספּרווונדיק דעם מענטשן, אין אַ שווערער צײַט זיך אָפּקערעווען פון אים? די צײַט איז דער בעסטער ריכטער. זי וועט אַלץ באַווײַזן.

און, אָפּשטעלנדיק זיך בײַ דער קאַליטקע, האָט ראַמאַן אויסגעשריגן:

— היי, פּיליפּ, אויב דו האָסט טאַקע באַשטימט מיט אונדז גיין, טאָ קלײַב זיך שנעלער! ברענג דײַנע זאַכן און דײַניקע, מע דאַרף שוין פאָרן!

— אַ דאַנק, ראַמאַן! אַ גרויסן דאַנק! איך לויף גלײַך, — האָט אויסגעשריגן פּיליפּ און זיך שנעלער געלאָזט אהיים.

ראַמאַן האָט ניט געקאָנט זען, ווי טרערן האָבן זיך געקײַקלט איבער פּיליפּס פּאַרוואַקסענע, אײַנגעפאַלענע באַקן. ער האָט אויך ניט געוווּסט, ווי ער האָט דערפרייט דעם מענטשן, וואָס איז די לעצטע טעג אַרומגעגאַנגען אַ צעבראָכענער.

אַרײַנגעלאָפן אין שטוב, האָט פּיליפּ געטראָפן בערטען מיט דער טאָכטער זיצן אויף די קלומקעס פאַרווינטע, דערשלאָגענע.

— וואָס איז געשען, פאַרוואָס גרייט איר זיך ניט אין וועג? וואָס זיצט איר?

— וואָס פּרעגסטו אונדז? — האָט, אויסוויישנדיק די טרערן, געזאָגט בערטע. — מע האָט אַלעמען גערופן צו די פורן, און אונדז...

פּיליפּ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער באַנק, פאַרייכערט און אונטערגעשפּאַרט מיט דער האַנט דעם שווערן קאָפּ.

בערטע מיט מאַרגאַריטען האָבן אויף אים געקוקט דערשראָקן, וואַרטנדיק, וואָס וועט ער זיי זאָגן.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דורכן פענצטער אַ קוק געטאָן אויפן הימל, וואָס איז געווען רויט פון די אַרומיקע סריפּעס:

— דאָס האָט זיך אײַך אויסגעוויזן, אַז מע האָט אײַך ניט פאַרגעלייגט פאָרן. אַלץ צו־נויפגעבונדן? פאַרשליס, בערטע, די טיר, מיר פאָרן צוזאַמען מיט אַלע!

— ניט־געבעטענע זײַנען מיר. מע קוקט אויף אונדז, ווי אויף פרעמדע. זעסט אַליין ניט, פּיליפּ?

— נו, געגנוג, בערטע! נאַרישקײַטן. איצט איז ניט די צײַט. זעסט ניט, וואָס פאַר אַן אומגליק עס רוקט זיך אָן? מע דאַרף אַוועקגיין. צוזאַמען מיט אַלעמען. און גאָר. שנעלער! שנעלער!

— ניין, מיר וועלן זיך פון אָרט ניט רירן, — האָט בערטע זיך אײַנגעאַקשנט.

פּיליפּ איז אונטערגעשפּרונגען. מע האָט אים נאָך ניט געזען אַזאַ צערייצטן:

— וואָס? וועסט זיך פון אָרט ניט רירן? איך וועל דיך דערשטיקן! דו שטעלסט זיך פאָר, וואָס מענטשן וועלן טראַכטן וועגן אונדז, אויב מיר וועלן דאָ בלײַבן? ניין, דו ביסט באַם זינען, בערטע? אַנו, געגאַנגען!

מאַרגאַריטע האָט פאַרשטעלט די מאַמע, געמיינט, אַז דער אויפגערייצטער פּאָטער וועט זיך באַלד וואַרפן אויף איר מיט קולעקעס. דעם מיידל איז גוט געווען אָנגעזאַליעט אויפן האַרצן. זי האָט די גאַנצע צײַט אײַנגעטײַנעט מיט דער מוטער, אַז מע דאַרף גיין צוזאַמען מיט אַלע, און יענע האָט געזאָגט — ניין. איצט איז זי געווען זיכער, אַז די מוטער וועט גיין.

פּיליפּ האָט שוין ניט געקוקט אויף דער פרוי און אויף דער טאָכטער. ער געדענקט שוין ניט די צײַט, ווען ער זאָל געווען ריידן מיט זיי אַזוי שטרענג, ווי איצט. אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די פאַרשמאָלצעוועטע ספּעצאָוועקע, האָט ער זיך אַרומגעוואַשן, איבערגעטאָן אין ריינעם אָנטאָן, געגומען עטלעכע ברעטער און פאַרקלאַפּט די פענצטער און טירן, דערנאָך האָט ער געכאַפּט אויף די פּלייצעס דעם קלומעק, אַ ווונק געטאָן צו דער פרוי און צו דער טאָכטער, הייזעריק אַ זאָג געטאָן:

— נו, שנעלער! דער אוילעם וועט אַף אײַך ניט ווארטן!
בערטע האָט אים אָנגעכאַפּט באַם ארבל:
— פרידריך... מירן אוועקגיין. און וואָס וועט זײַן מיט טאָמאַסן? לאָמיר עפּשער צוווארטן. ער וועט זיך דערשלאָגן צו אונדז.
— ער האָט וועגן דיר פריִער ניט געטראַכט, דײַן טאָמאַס. ווילסטו, ער זאָל איצט טראַכטן? — האָט זיך אָנגערופן פיליפּ. — ער איז שוין ניט קיין ייִנגעלע און וועט זיך אליין געבן אַן אייצע. מיר קאָנען אַף אים ניט ווארטן. נישטאָ קיין צײַט.
און אלע דרײַ, מיט די קלומעקלעך אַף די פּלייצעס, האָבן פארלאָזט די היים.
עס איז נאָך געווען טונקל אין דרויסן, ווען איבערן געדרייטן שליאַך האָט זיך אויסגע־צויגן א לאנגע ריי פורן, קיביטקעס, פורגאָנעס. אַף זיי, צווישן זעק און פּעק, זײַנען געזעסן פרויען, קינדער, עלטערע לײַט.
באנאנד, מיט פארנייגטע קעפּ, האָבן געשפּאנט אָנגעכמורעטע, שווײַגנדיקע נאפּטלער, פארטאָן אין זייערע שווערע מאכשאָוועס. מע האָט אונטערגעמונטערט מיט די בײַטשן די פערד, זיי זאָלן זיך רירן שנעלער, און די שטומע באשעפענישן, קוקנדיק מיט פּאַכעד אַפן רויטן הימל, אַף די סרייפעס, האָבן, זעט אויס, אויך פארשטאנען, אז מע דארף אײַלן, און געשטעלט פיס, זיך ניט באליידיקט אַף די בײַטשן און אַף די זידלווערטער, וואָס די אָנטרײַ־בער האָבן אין זיי ארײַנגעשאָטן.
דער ווינט, וואָס האָט געבלאָזן פונעם גרויסן בארג־שפּאַלט, האָט גע̆טראָגן דעם אש פון די פארברענטע פּאפירן. אונטער די פיס האָבן זיך געפּלאָנטערט די צעריסענע דראָטן פון דער עלעקטרע־ און טעלעפאָן־נעץ. דאָ און דארט האָבן געוואיעט, געבילט הינט, וועלכע די באלעבאטים האָבן איבערגעלאָזט אין די הויפן.
מע האָט געשפּאנט שנעל. יעדער איינער האָט פארשטאנען, אז צײַט איז געבליבן וויניק, מע דארף וואָס גיכער קומען צו דער גרויסער קנופּ־סטאנציע, קעדיי פארכאַפּן ערטער אין עשעלאָן.
די קאַלאָנע האָט זיך ארײַנגעצויגן אינעם געדיכטן וואלד, וואָס האָט געפירט ארוף־בארג, אין די קארפּאטן.
באַ דער זײַט פון ברוקירטן וועג, ניט ווײַט פון דעם הײַפל נאפּטלער, איז געגאַן אין איר לײַכטן מאנטל מארגאריטע. דער ווינט האָט געשויבערט אירע לײַנענע האָר. אין דער האנט האָט זי געהאלטן דאָס רענצעלע, אין וועלכן עס זײַנען געלעגן אירע עטלעכע באַ־ליבטע ביכער, דער טאָגבוך, ווו זי האָט שוין עטלעכע יאָר פארשריבן אירע פארטרײַעטע געדאנקען, טרוימען. אין רענצל זײַנען אויך געלעגן די אקוראַט־צונויפגעבונדענע בריוו, וואָס זי האָט באקומען פון סטאסיקן און יוליסן, בריוו מיט ווונדערלעכע ווערטער וועגן ליבע און טרײַשאפט צו איר. דאָ זײַנען אויך געווען די פּאָטאָ־בילדלעך פון די ייִנגלעך, וועלכע זיי האָבן איר ערשט ניט לאנג צוגעשיקט פון לוואָוו.
טראַכטנדיק וועגן די כעוורע, האָט זי געפילט, ווי דאָס הארץ נאָיעט פון בענקשאפט צו זיי. ווען זי ווייסט, אז אזוי אומדערווארט וועט זיך דאָס גאנצע לעבן איבערקערן, וואָלט זי זיי געשריבן אַפּטער און געפונען פאר זיי די סאמע צערטלעכע ווערטער, ניט געמאַטערט זיי אזוי מיט איר שווײַגן. אָבער וואָס קאָן זי איצט טאָן, אז די פאשיסטן זײַנען שוין געוויס ניט ווײַט פון דער שטאָט. וואָס איז מיט די כעוורע — שטעלט זי זיך אפילע ניט פאָר. ווער ווייסט, עפּשער שלעפּן זיי זיך איצט אויך אזוי, ווי זי, מיט פרעמדע, אומבאקאנטע וועגן. עפּשער וועט מען זיך ערגעץ באגעגענען? ווען עס טרעפט אזא נעס, וואָלט זי זיך שוין מיט זיי קיינמאָל ניט צעשיידט.
פארטאָן אין אירע אומרויִקע געדאנקען, האָט זי ניט באמערקט, ווי באנאנד איז אויס־געוואקסן יוסיף. זײַנע אויגן, מידע און רויטע פון שלאָפלאָזע נעכט, האָבן זיך צעשמייכלט. ער האָט געוואָלט נעמען באַ איר דאָס רענצעלע, איר העלפן עס טראָגן, נאָר זי האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: נישקאָשע, הייסט עס, איר איז ניט שווער.
ער האָט איצט ניט געקאָנט צוקלײַבן פארן מיידל די נייטיקע ווערטער, זעענדיק, וויאַזוי זי איז דערשיטערט. ער איז געגאנגען שווײַגנדיק, פון מאָל צו מאָל אופגעהויבן אַף איר דעם פארליבטן בליק און קעדיי ניט שווײַגן, ווי א באַק, זיך אָנגערופן:
— פאל ניט אראָפּ באַ זיך, מארגאריטע. דאָס איז ניט אַף לאנג. אלצײַנס וועט זיך די מילכאָמע גיך ענדיקן און דו וועסט זיך אומקערן אהיים. אָט וועלן מיר זיך דערקלײַבן צו דער סטאנציע; זיך ארײַנזעצן אין וואגאָן און פאָרן צו אונדז קיין באקו. איך וועל דיך באַ־קענען מיט מײַנע עלטערן, מיט די שוועסטערלעך און ברידערלעך. וועסט לעבן באַ אונדז. פאר אלעמען וועט סטײַען פּלאץ... אין סאָד זײַנען שוין צײַטיק די קארשן און ווײַנשל. אינגיכן

וועלן פאַרטיק ווערן קאַוונעס און דיניעס. היינט ווייַנטרויבן — א גאַנצער יאַם! עס, וויפל דיַין האַרץ גלוסט!

— יוסיף, — האָט זיך אַריַינגעמישט דער פּעטער שיקע קושניר, וואָס איז אונטערגעקער־מען, — וואָס רעדסטו? ווער ווייסט, וווהין דער גורל וועט אונדז פאַרפירן? קיין באַקו וועלן מיר ניט פאַרפאָרן. דער דיַיטש וועט זיך פּרוּוון דורכריַיסן אַהין. ער דאַרף האָבן נאַפט, בענזין פאַר זיַינע טאַנקען, מאַשינעס און באָמבאַרדירער... היטלער וועט זיך פרוּוון פאַרכאַפּן באַקו.

— א טויט וועט ער פאַרכאַפּן, ניט באַקו! — איז אופגערעגט געוואָרן יוסיף. — איך האָב איַיך ליב, פּעטער שיקע, איר זיַינט עלטער פון מיר, און איך וויל ניט אָנרירן איַיער קאָוועד, נאָר איר רעדט ניט גוט! איַי, ניט גוט! וויאַזוי קאָן די רויטע אַרמיי דערלאָזן, היטלער זאָל פאַרכאַפּן באַקו? קיינמאָל ניט!

דער פּעטער שיקע קושניר האָט א קנייטש געטאָן מיט די אַקסל:

— איך פאַרשטיי, יוסיף, — האָט ער זיך גענומען פאַרענטפערן, — נאָר א מילכאָמע... און ווער קאָן אויסשטעלן, וויאַזוי זי וועט גיין וויַיטער?

— אַלצייַנס, פּעטער שיקע! איר טאָרט אַפילע אַזוי ניט טראַכטן! קיין באַקו וועלן די סאָנים ניט דערגייַין! מע וועט זיי פריִער צעברעכן הענט און פיס!

— פון דיַין מויל, יוסיף, אין גאָטס אויערן.

— אָט אַזוי איז גוט! זייער גוט! אַזוי זאָלט איר טראַכטן.

די קאַלאָנע האָט זיך אַלץ דערוויַיטערט פון דער פאַרלאָזטער היים, זיך טיפער און טיפער אַריַינגעצויגן אינעם גרינעם לאַבירינט פון די קאַרפּאַטן. עס האָט זיך אַריַינגעמישט אינעם שטורמישן געוויש פון די ביימער און באַרג־שטראָם דאָס גרילצעריַי און סקריפּעריַי פון די וועגענער, דאָס פּיַיפּעריַי פון די ביַיטשן.

דער פרימאָרגן איז אופגעשטאַנען אין די בערג א זוניקער, א לויטערער. אין די וויַיטע און נאָענטע הימלען האָבן זיך צעברומט די שווערע באָמבאַרדירער מיט די שוואַרצע צלאָמים. פון פאַרשיידענע זיַיטן האָבן זיך אָהער דערטראָגן שווערע אופריַיסן. דער גאַנצער אַרום האָט געהודעט, ווי בעשאַס אַן ערדציטערניש.

און מענטשן זיַינען איַינגעאַקשנט געגאַנגען, פאַרגעסנדיק אין דער מידקיַיט און אין דער געפאַר, וואָס האָט איבער זיי געלויערט. מע האָט זיך געדאַרפט אום יעדן פּריַיז דערקליַיבן צו דער קנופּ־סטאַנציע, און דאָרטן וועט מען זען, וואָס מע דאַרף טאָן וויַיטער.

די זון איז שוין געשטאַנען הויך איבערן קאָפּ. ראָמאַן קראַווטשוק איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער פור און, צוקוקנדיק זיך צום פאַרמאַטערטן אוילעם, צו די אָפּגעגאַסענע מיט שווייס פערד, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אויב מע וועט זיך ניט אָפּרוען, וועט מען צו דער איַיזנבאַן־סטאַנציע זיך ניט דערשלעפּן. און ער האָט באַפוילן פאַרקערעווען אין א זיַיט, צו דער גרי־נער לאָנקע.

דער אוילעם האָט זיך דערפילט גליקלעך. מע האָט אויסגעשפּאַנט די פערד און זיי אָפּגע־לאָזט אַף פּאַשע. דערפילנדיק דעם רייַעך און רויש פון א קוואַל, האָבן זיי זיך א לאָז געטאָן אַהין און זיך געקוויקט מיט דער זויבערער וואַסער, גענומען מיט פליַיס טשיפּען דאָס פרישע גראָז, זיך קאַטשען איבער דעם, הירזשען.

ניט ווייניקער האָבן זיך מיטן קוואַל דערפרייט די מענטשן.

געשטילט דעם דאָרשט, האָט מען זיך אויסגעזעצט אַרום אָקסאַנען און שיפרען, וועלכע האָבן אַף א גרויסן טישטעך אַרויסגעלייגט ברויט, פלייש, ציבעלעס און אַנדערע זאַכן, און אַלע האָבן זיך גענומען שטילן דעם הונגער.

יוסיף איז געזעסן אין קריַיז, געגעסן א שטיקל ברויט מיט א פיסל פון א הון און זיך געקוויקט:

— איַי וועל איך איַיך צוגרייטן א שאַשליק, ווען מירן קומען צו אונדז קיין באַקו! איך וועל שטעלן צוויי פּעסלעך אַלטן וויַין, — האָט ער געפּרוּווט מאַכן פריילעכער דעם אוילעם.

ניט געקוקט אַפן גרילצעריַי און געברום פון מאָטאָרן, האָט זיך דאָך אינעם גרינעם לאַ־בירינט געהערט דאָס צוויטשעריַי פון פויגלען. אַן איַינגעאַקשנטע קוקאווע האָט עמעצן גע־ציילט די יאָרן.

לענגער זיך דאָ פאַרהאַלטן אַף דער לאָנקע האָט מען ניט געטאָרט. און די קאַלאָנע האָט זיך ווידער אויסגעצויגן איבערן אַלטן צעפּאָרענעם שליאַך.

פּאָרויס האָט געשפּאַנט יוסיף מאַמעדאָוו. זיַין העמדל איז געווען צעכראַסטעט, די קויל־שוואַרצע טשופּרינע צעשויבערט, און ער האָט אַף א קאָל זיך אונטערגעזונגען א טרויעריקן אַזערבײַדזשאַנישן ניגון, וואָס האָט שטאַרק דערמאָנט אין א טפילע.

מאַרגאַריטע האָט זיך אײַנגעהערט און אַ פֿרעג געטאָן דעם באַכער, וואָס ער זינגט.

— דו ווילסט, וועל איך דיך אויסלערנען, — האָט ער אויסגעשריגן, — אַ וווּנדער־שיינע ליד. אַלע זינגען זי בײַ אונדז. דאָס איז אַ ליבע־ליד. אַ שיינער באַכער האָט געליבט אַ מיידל, און זי האָט זיך אָפּגעקערט פֿון אים...

— אַזעלכע לידלעך דאַרפֿן מיר ניט! — האָט איבערגעריסן אָקסאַנע. — דו זינג בעסער אַנדערע לידלעך, עס זאָל גרינגער זײַן אויפֿן האַרצן.

יוסיף האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ רעגע, זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט און גלײַך אויף אַ קאָל אָנגעהויבן זינגען אַ פֿריילעכע ליד.

— אָט דאָס איז עפּעס אַנדערש! — האָט זיך אָנגערופֿן אָקסאַנע. — איצט וואָלט מען זיך נאָר געדאַרפֿט שטעלן טאַנצן, וואָלט מען געמיינט, אַז מיר זײַנען שוין אינגאַנצן משוגע געוואָרן.

— וואָס איז? — האָט יוסיף אויפֿגעהויבן אויף דער שטרענגער פֿרוי די אויגן.

— גאָרניט... נאָר זינגען גייט אונדז איצט אָפּ.

— עס מאַכט ניט אויס, מומע אָקסאַנע, — איז ער פֿריילעכער געוואָרן, — ניט געזאָרגט! איר וועט נאָך דערמאָנען מײַנע ווערטער. מיר וועלן נאָך זינגען און טאַנצן אויף היטלערס הינטישן קייווער!

— אַזוי גאָר, — האָט זיך אַרײַנגעמישט שיפֿרע, — אויב אַזוי, זינו, טאָ זינג, אַלע סאָנים אַפּצולאָכעס!

ווען דאָס הילכערײַ פֿון דײַטשישע באָמבאַרדירער איז אײַנגעשטילט געוואָרן און מע איז שוין געווען ניט ווײַט פֿון דער סטאַנציע, האָט יוסיף מאַמעדאַוו געזאָגט, אַז ער וועט אַוועק פֿאָרויס, אַ קוק טאָן, ווי האַלט עס מיט אַ צוג.

מאַקסים סוכאַדאָל האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ גלײַכער געדאַנק, מע דאַרף פֿריִער אַ טאַפּ טאָן דעם וועג, אָבער שיקן איין מענטשן אַהין טאָר מען ניט. ער וועט אויך גיין מיט יוסיפֿן, זאָל מען דאָ וואַרטן אויף זיי.

דער דאָקטער האָט אויסגעבראָכן אַ גראָבן שטעקן און זיך געלאָזט נאָכן באַכער. צו זיי האָבן זיך אויך פֿאַרייניקט טאַראַס און זאַלמען מאַרקוס. און דאָ האָט ניט אויסגעהאַלטן מאַר־גאַריטע. זי וועט גיין מיט זיי.

דערזען, ווי די דאָקטער איז אַוועקגעלאָפֿן, האָט בערטע אויפֿגעהויבן אַ טומל: וווּהין, אין אַזאַ געפֿערלעכן וועג? זי איז אַרויסגעלאָפֿן, געוואָלט זי אָפּהאַלטן, נאָר ריטע האָט זיך בעשום־אויפֿן ניט געוואָלט אומקערן. און בערטע איז אויך אַוועק מיט זיי.

דער געדיכטער דעמבענער וואַלד האָט אײַנגעשלונגען די גאַנצע גרופּע מענטשן.

מע איז געגאַנגען ניט געײַלט, אײַנקוקנדיק זיך אין דער ווײַט, פּונוואַנען עס האָט זיך געהערט אַ טעמפּע פּײַפֿערײַ פֿון לאָקאָמאָטיוון. זעט אויס, אַז ביז דער סטאַנציע איז געבליבן ניט קיין סאַך וועג. מע האָט פֿאַרגיכערט דעם טראָט.

יוסיף האָט אַרויסגענומען דאָס פּושקעלע פּאַפּיראָסן, פֿאַררייכערט, מעכאַבעד געווען די מאַנצבלען. דערבײַ האָט ער דערציילט, ווי אַזוי ער וועט בײַ זיך אין דער היים אַוועקפֿירן אַלעמען אין די בערג צו זײַנע באַקאַנטע טשאַבאַנעס און מע וועט צוגרייטן דעם עמעסן קאַווקאַזער שאַשליק.

דער באַכער האָט זיך אַזוי פֿאַרטיפֿט אינעם שאַשליק, אַז ער האָט ניט באַמערקט, ווי פּונעם וואַלד־יאַר, וואָס האָט זיך געשלענגלט לענגויס דעם שליאַך, האָבן זיך אויפֿגעהויבן עטלעכע דײַטשישע פֿאַראַשוטיסטן און, אָנצילנדיק אויף אים די אווטאָמאַטן, אויסגעשריגן:

— האַלט! הענדע האָך!

אַלע זײַנען, דערשטיטערטע, געבליבן שטיין, ניט וויסנדיק, וואָס מע דאַרף טאָן.

דערזען אויפֿן בערגל דײַטשן אין זייערע קאָמבינעזאָנען, מיט די אווטאָמאַטן אין די הענט, האָט מאַרגאַריטע מיט אַלע קויכעס געגומען שרײַען:

— מאַ־אַ־מע!

די דײַטשן האָבן געקוקט אויפֿן דערשראָקענעם מיידל און אויסגעשאָסן אַ ווילד געלעכטער. אַ לאַנגער, דאַרער דײַטש אין ברילן מיט אַ לענגלעך, פֿאַרוואַקסן פּאָנעם איז צוגעגאַנגען, אַ טאָרע געטאָן יוסיפֿן מיט דער רער פּונעם אווטאָמאַט און געזאָגט:

— רוס? פּאַרטיזאַן? וועק! וועק!

יוסיף האָט אַ קוק געטאָן אויף דער טויט־דערשראָקענער מאַרגאַריטע, זיך געסטאַרעט בײַקומען די שרעק, וואָס האָט אים ווי געקאַוועט, און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

דער לאַנגער דאַרער דײַטש איז צוגעגאַנגען צום מיידל, זי אָפּגעשטויסן אין אַ זײַט צום



ראנד פונעם שליאַך און עפּעס אַ זאַג געטאָן צו זײַנע צוויי אויטאָמאַטלער, זיך לעפּיש צעלאַכט.

יוסיף האָט זיך אָנגעצונדן פון רעציכע, זיך אַ לאָז געטאָן צום דײַטש און אויסגעשריגן:

— טשעפּע זי ניט! דו ביסט אַ גרויסער העלד מיט דײַן ביקסל...

דער דײַטש האָט געפּינטלט מיט די אויגן, גאָרניט פאַרשטאַנען, אָנגעקוקט דעם צעביי־זערטן באָכער, און אָנגעשטעלט אויף אים דעם אויטאָמאַט:

— דו, פּאַרטיזאַן, רוס, באָלשעוויק, יודע?

יוסיף האָט אָפּגעשטויסן ווײַטער פון זיך מאַרגאַריטען, אַ ווונק געטאָן, זי זאָל אַפּגיין אין אַ זײַט, און געמאַכט אַ שפּאַן צום דײַטש, אים אָפּגעמאָסטן מיט זײַן בליק פון קאָפּ ביז די פיס:

— דו פערעגסט, ווער איך בין? אַ מענטש בין איך! דו הערסט — אַ מענטש! איך בין יוסיף מאַמעדאָוו. אַלע קענען מיך. און ווער ביסטו? שײַטאַן! דו ביסט ניט קיין מענטש, אַ ווילדע כײַע ביסטו!

ער האָט אין דער רעגע פאַרגעסן אין דער געפאַר, וואָס איז געהאַנגען איבער אים. פאַרהויבן דעם פויסט, האָט ער זיך געוואָלט וואַרפן אויפן זעלנער. פון אומדערוואַרטקײַט האָט יענער זיך אַ צי געטאָן צוריק, זיך פאַרטשעפּעט פאַר אַ שטיין און אַ פאַל געטאָן אויפן ברוק.

— ניט קיין מענטשן זײַט איר, כײַעס! — האָט יוסיף נאָך שטאַרקער זיך צעשריגן, שטייענדיק איבערן דײַטש, נאָר אין דער רעגע האָט עמעצער פון די פאַראַשוטיסטן אַרויסגע־לאָזט פונעם אויטאָמאַט אַ קורצע ריי, און יוסיף איז געפאַלן, באַגיסנדיק זיך מיט בלוט.

— וואָס האָט איר געטאָן! — האָט אויסגעשריגן מאַרגאַריטע און זיך אַ לאָז געטאָן צו יוסיפן, זיך אַראָפּגעלאָזט לעבן אים אויף די קני, געפּרוּווט אופהייבן, נאָר לעבן איר איז שוין אויסגעוואַקסן דער זעלנער, אופגעהויבן איבער איר קאָפּ די קאָלבע פונעם אויטאָמאַט. אין דער רעגע איז בערטע צוגעלאָפן צו דער טאָכטער, זי פאַרשטעלט מיט איר קערפּער. דער טאַליען האָט די קאָלבע אַראָפּגעלאָזט אויף בערטעס קאָפּ.

— פאַרפלוכטער שווײַן, — האָט ער אַרויסגעשיפּעט, קוקנדיק, ווי די פרוי ראַנגלט זיך מיטן טויט.

בערטע האָט דאָס לעצטע מאָל אופגעהויבן אויפן דײַטש אירע אויגן, דאָס פּנים איז געווען פאַרגאָסן מיט בלוט. זי האָט קוים אַרויסגעבראַכט:

— פאַרשאָלטן זאָלט איר ווערן, קוילערס. די ערד זאָל אײַך ניט נעמען אין איר שויס... פאַרשאָלטענע כײַעס...

דער דײַטש האָט אַ שטעפּ געטאָן מיטן אויטאָמאַט. מאַרגאַריטע איז אַנידערגעפאַלן. ניט ווײַט פון איר — מאַקסים סוכאָדאָל.

דער לאַנגער דײַטש האָט ווידער א שטעפּ געטאָן מיט זײַן אווטאָמאַט. איצט שוין איבער די מענטשן, וואָס זײַנען געשטאַנען אין דער זײַט. דערזען, ווי זײַנע כאַווײרים האָבן זיך אראָפּגעלאָזט אין יאַר און גענומען לויפן צו דער סטאַנציע, האָט ער זיך ווילד ארומגעקוקט און אויך אוועקגעלאָפן אַהין, נאָך זיי.

מאַקסים סוכאַדאָל האָט דערפילט א ווייטעק אין דער האַנט. זי איז אײַנגאַנצן געווען פאַרגאָסן מיט בלוט. קוים זיך אופגעהויבן פון אָרט, האָט ער מיט דער רעכטער, געזונטער האַנט ארויסגעשלעפּט פון דער קעשענע א נאָזטיכל און עס צוגעלייגט צו דער וווּנד. מיט די לעצטע קויכעס האָט ער געמאַכט עטלעכע שפּאַן צום אָרט, ווו עס זײַנען געלעגן בערטע, יוסיף און מאַרגאַריטע.

בערטע איז געווען טויט. דער דאָקטער האָט א נעם געטאָן איר האַנט און אין א רעגע ארום זי ארויסגעלאָזט. צוגעלייגט דעם אויער צו יוסיפס פאַרבלוטיקטער, נאָך וואַרעמער ברוסט, האָט ער מיט ווייטעק א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. ער האָט זיך באַגעגנט מיט מאַרגאַ־ריטעס פאַרווײנטן בליק, זי אונטערגעהויבן און א ווונק געגעבן צו די מענטשן, מע זאָל העלפן.

מע האָט אופגעהויבן דאָס מיידל. סוכאַדאָל האָט צוגעלייגט דאָס נאַסע טיכעלע צו איר וווּנד. איבער זײַנע פּולבלעכע פּאַרוואָקסענע באַקן האָבן זיך געקײַקלט טרערן.

עמעצער האָט אָפּ זיך צעריסן דאָס העמד און געהאָלפן סוכאַדאָלן פאַרבאַנדאַזשירן מאַר־גאַריטען.

— שטאַרק זיך, טאָכטער, שטאַרק זיך... מיר וועלן דיך ראַטעווען. די וווּנד איז ניט קיין טיפע. שטאַרק זיך... דײַן מוטער, בערטען, יוסיפן קאָן איך שוין לעבעדיק ניט מאַכן... די ראָצכים האָבן זיי דערהאַרגעט. דו ווּעסט לעבן. שטאַרק זיך, — האָט ער געשעפּטשעט צום מיידל, וואָס האָט זיך געקאָרטשעט פון ווייטעק. — שטאַרק זיך. דו מוזסט לעבן. דו מוזסט...

סוכאַדאָל האָט אוועקגעשיקט טאַראַסן און זאַלמענען נאָך א פור. מע האָט געדאַרפט נעמען די דערמאָרדעטע, די פאַרווונדעטע און זיך אומקערן אַהיים.

דער אומגליק אָפּ די וועגן

דער טויט פון בערטען און יוסיפן, דאָס, וואָס מע האָט פאַרוווּנדעט מאַרגאַריטען און סוכאַדאָלן, האָט אַלעמען דערשיטערט.

אַלע האָבן גוט פאַרשטאַנען, אז ארויסרײַסן זיך פונעם קלעם, גיין אָפּ מיזרעך, איז שוין אומעגלעך. אין פאַרשיידענע פּונקטן האָבן די אָקופּאַנטן אראָפּגעוואָרפן דעסאַנטן, וועלכע האָבן איבערגעריסן די פאַרבינדונג, פאַרכאַפּט די אײַזנבאַן־סטאַנציע.

און, ניט צוגעפּאַסט זיך, האָבן אַלע שטיל באַשטימט, אז מע דאַרף באַוויַזן זיך אומ־קערן אַהיים, ביז די פאַשיסטן וועלן אַהער קומען און אַלעמען אויסהאַרגענען.

נאָר ווי אַזוי וועט מען לעבן צווישן ווילדע כײַעס, וואָס קאָנען מיט יעדן איינעם טאָן, וואָס זיי גלוסט זיך?

איצט האָט מען וועגן דעם קיין סאַך ניט געקאָנט טראַכטן. מע וועט שוין זען שפּעטער, וואָס מע האָט צו טאָן. דער אוילעם און די פערד זײַנען שטאַרק פאַרמאַטערט, קוים וואָס זיי פּלאָנטערן מיט די פיס. און דאָך מוז מען זיך שנעלער באַוועגן.

מאַרגאַריטע איז געזעסן אָפּ דער פור באַנאַנד מיט סוכאַדאָלן. זי האָט זיך שוין געגוג אָנגעוויינט. די ווונד האָט גענאָיעט. די קויל איז געזעסן אין לײַב און געבראָטן. ארויסשלעפּן זי האָט מען געקאָנט בלויז אין שפּיטאָל. אָבער נאָך גרעסער איז געווען דער ווייטעק, וואָס די מוטער איז געפאַלן אָנשטאָט איר. זי האָט מאַרגאַריטען פאַרשטעלט מיט איר קערפּער. די מאַמע האָט זי אָפּגעהיט פון אַלע געפאַרן און דאָס מאָל זי ארויסגעריסן פונעם מאַלעכ־האַמאָוועסעס הענט, נאָר אַליין זיך צעצאָלט דערפאַר מיטן לעבן.

ניטאָ די מאַמע, ניטאָ יוסיף. ער איז אָפּ שטענדיק אַנשוויגן געוואָרן. אויב דאָס מאָל וועט ניט אונטערפירן און מע וועט זיך אומקערן צו דער פאַרלאָזטער היים, ווו מע האָט פאַרהאַקט טיר־און־פענצטער, וועט מען אים ברענגען צו קווורע. נאָר צי וועט דער שטיין, וואָס מע וועט שטעלן אָפּ זײַן קייווער, דאָ אין דער פרעמד, אין דער ווײַט פון זײַן היים, בעקויעך זײַן דערציילן, אז דאָ ליגט א יונגער מענטש, א פּאַשעטער נאַפּטלער פון באַקו, וואָס איז אַהער געקומען פון א ווײַטן עק לאַנד און האָט אזויפיל אופגעטאָן, אז דער „שוואַר־צער טאָל", דער גאַנצער קאַנט זאָל ענדערן זײַן אויסזען...

וועגן דעם האָט איצט געטראַכט מאַרגאַריטע. און נאָך האָט זי געטראַכט, אַז אויב זי וועט בלײַבן לעבן, וועט זי אומבאַדינגט אַמאָל קומען קיין באַקו, געפינען יוסיפס עלטערן, פרײַנט און אַלץ דערציילן וועגן אים, וועגן זײַן שיין, ווונדערלעך לעבן און העלדישן טויט... אויף זײַן מאַציייווע וועט מען אויסקריצן זײַן פולן נאָמען. אַזוי ווי ער הייסט באַ זיך אין באַקו: כאַסאַן יוסיף מאַמעד אלי אָגלי.

דאָס מיידל האָט געפילט, אַז זי טראַכט וועגן אים, ווערט איר עטוואָס גרינגער און די ווונד מוטשעט ניט אַזוי.

נאָר וואָס איז דאָס? — האָט זי זיך פּלוצעם דערשראָקן פאַר אירע געדאַנקען. — פאַרוואָס טראַכט זי מער וועגן דעם באָכער, איידער וועגן דער מוטער?..

די פור איז אַלעמאָל אונטערגעשפּרונגען אויף די טרוקענע הרודעס ערד, און מאַרגאַריטע האָט זיך געקרימט פון ווייטיק. זי האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, וויפל וועט זיך ציִען דער שרעקלעכער וועג. סוכאָדאָל האָט זי אַלעמאָל אונטערגעהאַלטן, ווען דאָס פּאָנעם האָט זיך געמינעט פון ווייטיק, און שטיל באַרויִקט. אָט־אָט וועט מען קומען. ער וועט אַלץ טאָן, קעדיי פאַרלײַכטערן אירע ווייטיקן. נאָך אַ ביסעלע.

אָנהאַלטנדיק זיך אין וואָגן, ווו עס איז געלעגן זײַן פרוי, איז ער געגאַנגען, פיליפּ, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. פון מאָל צו מאָל האָט ער אויפגעהויבן די פאַרנעפּלטע אויגן אויפן לײַוונט, אונטער וועלכן עס איז געלעגן בערטע. ער האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט אויסקומען מיטן געדאַנק, אַז זי לעבט ניט. אָפּגעגעבן אים דאָס געזונט, געוועזן אים און דער טאָכטער אַזוי געטרײַ, איבערגעגעבן, און פון אים זעלטן געהערט אַ גוט וואָרט. זי האָט געפילט, אַז ער האָט זי קיינמאָל ניט געהאַט ליב און זיך באַצויגן צו איר, ווי צו אַ צוגעווווינטער זאַך. זי האָט עס שטענדיק געפילט און שאָלעם געמאַכט מיט איר גורל. איצט האָט ער אַלץ מער געפילט זײַן שולד. זי האָט אים געפעלט מער ווי שטענדיק, און נאָך מער — דער טאָכטער, וועלכע איז דורך אַ נעס לעבן געבליבן. און ווער ווייסט נאָך, צי איז דאָס אַזוי? דער דאָקטער האָט אים באַרויִקט, אָבער ווער ווייסט, ווי וועט זיך ענדיקן די אָפּעראַציע? אַז מע צעשנײַדט אַ פינגער, טוט אויך וויי און עס קאָן דערגיין צו אַן אומגליק, הײַנט ווען אַ קויל שטעקט אין לײַב?

ניטאָ בערטע. די שטוב, די גאַנצע באַלעבאַטישקײַט וועט ווערן פּוסט. וויִאַזוי גיט מען צו וויסן טאָמאַסן, ער זאָל קומען אויף דער מוטערס לעווײַע, זיך געזעגענען? ווו קאָן ער איצט זײַן? אין לוואָוו זײַנען שוין געוויס אַרײַן די הענקער. ווער ווייסט, צי לעבט ער, טאָמאַס?

אַ דערשלאָגענער, איז פיליפּ געגאַנגען נאָך דער פור און געשוויגן, נאָר דאָס האַרץ האָט אין אים געוויינט.

ראָמאַן קראַווטשוק איז געזעסן אויף דער פור, אַראָפּגעלאָזט דעם פּוס. דער מויעך האָט געאַרבעט אָנגעשטרענגט. וואָס וועט מען טאָן, אַז מע וועט זיך אומקערן? וויִאַזוי וועט מען לעבן אין דער אַרומרינגלונג פון שלענג, וואָס ווילן אָט־אָט קומען? ער האָט זיך צוגעקוקט צו פיליפּן, צו מאַרגאַריטען און זיך דערפילט שולדיק פאַר זיי. דער ברודער טאַראַס האָט אים דערציילט, אַז בערטע און מאַרגאַריטע האָבן שיר ניט געשפּיגן די טאַליאָנים אין פּאָנעם אַרײַן. ראָמאַן האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז שולדיק קעגן די מענטשן, וועלכע ער האָט פריִער כוישעד געווען. ער האָט געלעבט, ווי אַ סאַך אַנדערע, אין טאָעס! עס זײַנען נישטאָ קיין שלעכטע פעלקער, עס זײַנען פאַראַן שלעכטע מענטשן. עס זײַנען פאַראַן פּירער־טאַליאָנים, וועלכע עס גיט זיך אײַן דורך שרעק, האַריגעס, טורמעס, לאַגערן פאַרשקלאַפן דאָס אייגענע פאָלק, אָנוואַרפן אויף דעם אַ פּאַכעד, עס טרײַבן אויף פאַרברעכנס, אויף רויב, נאָר דאָס גאַנצע פאָלק קאָן מען ניט פאַרבלענדן די אויגן. אין דעם שרעקלעכן אויספּרווו האָט פיליפּ, זײַן פרוי און זייער טאָכטער דאָס באַוויזן.

די ערשטע זון־שטראַלן האָבן זיך דורכגעשלאָגן דורך די ביימער, ווען מע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון די באַרג אַהיים. דער גאַנצער יישעוו איז געווען אויף די פּיס. לעבן דעם קליינעם פּלאַץ, אויפן קרייצוועג, זײַנען געשטאַנען אויף צונויפגעשטעלטע טישן צוויי אָפּגיך צונויפגעקלאַפּטע טרונעס פון ניט־געטעסעטע ברעטער. יונג און אַלט איז געקומען אַהער זיך געזעגענען מיט די קאָרבאָנעס. עס זײַנען ניט געווען קיין רעדעס. אָנגעכמורעטע, אויפגערעגטע נאַפּטלער האָבן פאָרזיכטיק אויפגעהויבן די טרונעס אויף די אַקסל, און מע האָט זיך אוועקגעלאָזט אַרויף־באַרג, צום אַלטן בעסוילעם.

צווישן באַשיידענע אײַזערנע און הילצערנע צלאָמים און שטיקער גראַניט־שטיינער, אויף וועלכע עס זײַנען געווען אָפּגעבליאַקעוועטע, אויסגעשמיסענע פון ווינטן און רעגנס איינפאַכע אויפשריפטן אויף רוסיש, אוקראַיִניש, ייִדיש, פּויליש, זײַנען אויסגעוואַקסן צוויי פרישע קוואָרים. מע האָט אויף די בלעכענע שילדלעך, וואָס מע האָט אַרײַנגעשטעקט באַם צוקאָפּנס

פון די פרישע בערגלעך, נאָך ניט אָנגעשריבן די נעמען פון די אומגעקומענע — מע וועט עס מאכן שפּעטער, ווען מע וועט פּאַטער ווערן פון די שלענג, וואָס רײַסן זיך אהער אף זייערע טאנקען, אעראָפּלאנען. דעמלט וועט מען אלץ אָנשרײַבן פּינקטלעך, קעדיי פאררייביקן זייערע ערלעכע נעמען.

און איצט האָט מען די קוואָרים בלויז באצירט מיט פּראָסטע זומער־בלומען.

מע איז געשטאנען מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ, פּארוויינטע, פאַרצאַרנטע. בלויז דער דאָקטער מאקסים סוכאָדאָל און די מומע נאסטיע האָבן ניט געקאָנט קומען אהער. זיי זײַנען געווען פּאַרטאָן אין זייער ארבעט. זיי זײַנען געשטאנען באַם אָפּעראַציע־טיש, קעדיי אָט דאָ, אף דעם טרויעריקן אָרט, זאָל ניט אויסוואקסן נאָך איין קייווער.

פרײַנט דערקענט מען אין א נויט

אין עטלעכע טעג ארום, ווען די זון האָט שוין געהאט געגומען פארגיין, האָט דעם אײַנגעשטילטן יישעוו אופגעוועקט א טומל פון עטלעכע לאסטמאשינעס, געדעקטע מיט גרינבלעכע ברעזענטן. די מאשינעס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן יישעוו לעבן דער גרויסער קרענעצע, און פון זיי זײַנען אראָפּגעשפּרונגען א פּאָר צענדליק סאָלדאטן אין גרינע רעקלעך מיט פּארקאטשעטע ארבל, אין פארשטויבטע קאסקעס. אין די הענט האָבן אלע געהאלטן אווטאָמאטן, אנגעצילטע אף די הײַזער.

זיי האָבן זיך צונויפגעשלאָגן, ווי א טשערעדע שאָף, מיט מוירע זיך ארומגעקוקט, גערעדט צווישן זיך אף א קאָל, ווי זיי וואָלטן אף עמעצן זיך בייזערן.

פון דער קאבינע, פון דער ערשטער מאשין, האָט זיך באוויזן א באַיאָרטער דיקער אָבערלייטענאנט אין ברילן, מיט א קורצער נאָז. דער מענטש איז, זעט אויס, געווען אָנגעשטאָפּט מיט יאָרן, ווי זאַגט עס שיקע, ווי א גוטער הונט מיט פליי.

דערזעען אים, זײַנען די סאָלדאטן שטיל געבליבן, זיך אויסגעצויגן, ווי עס פּאסט אין אזעלכע פאלן, און געוואַרט אף זײַן באפעל.

פאריכט דעם הויכן הוט אפן גרויסן הוילן קאָפּ, האָט ער אראָפּגענומען די ברילן און מיט א טיכל גענומען שנעל און נערוועז אויסווישן די פארשטויבטע גלעזלעך, זיך אײַנקוקן אין די פארהאקטע טירן און פענצטער.

דער אָבער האנס קעצלבראנדט האָט זיך געפילט ניט איבעריקס גוט פאר זײַנע זעלנער. אים האָט זיך גערדאכט, אז אין זייערע אויגן זעט ער פארלוירנקײַט און אנטוישונג.

און טאקע, ער האָט זיי צוגעזאָגט, אז דאָ וועט מען זיי אומעטום באגעגענען מיט ברויט און זאלץ, מיט דאנקבארקײַט... לאָזט זיך גאָר אויס, אז קיין מעשוגענער הונט איז ניט ארויס באגעגענען די ריטער פון דער „נײַער אָרדענונג”.

די גרינע ארומיקע בערג, די שווארצע נאפּט־טורעמס, וואָס האָבן זיך פונדאנען געזען, און דעריקער די פוסטקײַט פון די גאסן האָבן אָנגעוואָרפן א פאכעד. אויס היימלעכקײַט האָט דער אָבער ארויסגענומען פון דער קאָבורע זײַן שווערן פאראבעלום.

האנס קעצלבראנדט האָט באפוילן די סאָלדאטן אוועק צו די הײַזער און ארויסטרײַבן פון דאָרטן די שווײַנען, ער דארף מיט זיי זיך דורכריידן. מע דארף דאָס אָבער מאכן שנעלער, ווײַל דעם איניען מוז מען פארענדיקן, ביז עס וועט ווערן פינצטער, מע זאָל זיך קענען אומקערן קיין ליובאָוויטש. נישטאָ, הייסט עס, וואָס ריזיקירן. קיין סאך זײַנען זיי ניט, און סאָנים זײַנען דאָ פאראן, זעט אויס, גענוג...

אין עטלעכע מינוט ארום איז מען צוגעטראָטן צו דער ארבעט.

עס האָט זיך דערהערט א שיסערײַ, גוואלדן פון ווײַבער, ביטערע קלאָלעס, א געוויין פון איבערגעשראָקענע קינדער. די סאָלדאטן האָבן צונויפגעטריבן די מענטשן אפן פלאץ.

דער אָבער האָט באטראכט די עטלעכע מאנצבלען, די אלטע פרויען און קינדער און א טראכט געטאָן, אז מיט אָט דער ארבעט־קראפט וועט ער ניט אזוי שנעל אויספילן דעם באפעל — אופשטעלן די קוואלן און ארויסבאקומען פאר דער זיגרײַכער ארמיי ברענשטאָף.

די סאָלדאטן האָבן מיט די קאָלבעס אונטערגעטריבן דעם הינקענדיקן פיליפּן, טאראס קראַוטשוקן און סוכאָדאָלן. וואָרטן, ביז מע וועט אלעמען צונויפטרײַבן אהער, האָט דער אָבער ניט געוואָלט, ווײַל די צײַט איז געגאן. ער האָט א מאך געטאָן מיט דער האנט צו די זײַניקע, מע זאָל צוקומען נעענטער. ער וועט אָנהייבן דעם געשפּרעך.

ארויסגענומען פון די גראָבע נאַסע ליפּן דעם ניט־דערייכערטן ציגאַר, א וויש געטאָן מיטן טיכל די קורצע נאָז, זיך פאַרקרימט א ביסל, האָט ער אַף א מעסוקן צעקאַליעטשעטן רוסיש, א געמישטן מיט דײַטש, און דעריקער מיטן שווערן האַריקן פּויסט, אַנגעהויבן דער־קלערן דעם ציל פון זײַן קומען אהער. כאָטש דיק איז ער געווען, ווי א באַקדיישעע, און אָן אויסזען געהאַט פון א קאַלבאַסניק, דאָך האָט ער פאַרמאָגט א דינע, קימאַט א פרויען־שטים. ער האָט געמאָלדן, אַז ער, דאָס הייסט דער אָבער־לייטענאַנט האַנס קעצלבראַנדט, איז געשיקט אהער אַלס קאָמענדאַנט, און זײַן מיסיע איז: אײַנשטעלן די „נײַע אָרדענונג", אופשטעלן די נאַפט־קוואַלן און ארויסבאַקומען א קאָלאָסאַל גרויסע צאָל ברענשטאָף פאַר דער אומבאַזיג־באַרער היטלער־אַרמיי. ווער עס וועט העלפן דעם דריטן רײַך, וועט באַקומען ברויט, שפּעק, וווּרשט, און ווער עס וועט זיך פוילן, ווי די שווײַנען, וועט באַקומען א קויל.

די לעצטע ווערטער זײַנען דעם אָבער שטאַרק געפעלן געוואָרן, און ער האָט זיך צע־לאַכט. אַף אים קוקנדיק, האָבן אויך געגומען לאַכן די זעלנער, וועלכע זײַנען געשטאַנען בא די זײַטן. און ווײַטער האָט דער אָבער דערקלערט, אַז אַלע מוזן ארויסגיין צו דער אַרבעט אַפּריינִיקן און אָפּרעמאָנטירן די וועגן, ברענגען אין אָרדענונג דעם גאַנצן באַצירק. אויב מע וועט ניט אויספילן זײַן באַפעל, וועט ער אַלץ אָוועקלאָזן מיטן פײַער און אַלעמען צעשיסן. דערבײַ האָט ער ארויסגעכאַפּט דעם פאַראַבעלום און געוויזן, ווי־אַזוי ער וועט עס מאַכן, און זיך ווידער צעלאַכט.

און נאָך האָט ער געזאָגט: ער גלייבט, אַז אַלע זײַנען זייער צופרידן, וואָס אַדאָלף היטלער האָט אהער צוגעשיקט אים, האַנס קעצלבראַנדטן, וואָס וועט דאָ זײַן קאָמענדאַנט, ווי אויך זײַנע סאָלדאַטן, מיט וועלכע די נאַפּטלער וועלן זיך גאַנץ שנעל באַפרײַנדן און זיי מיטהעלפן וואָס שנעלער אײַנשטעלן די „נײַע אָרדענונג". די מענטשן וועלן אויסגעבן אין די סאַמע נאָענטסטע טעג אַלע קאָמוניסטן און באָלשעוויקעס, יידן און ביכלאַל יענע, וואָס האָבן מיט־געאַרבעט מיט די סאָוועטן. דער, וואָס וועט דאָס טאָן, וועט באַקומען ברויט, שפּעק, וווּרשט און אַנדערע מאַטאָנעס. ווער עס וועט זיך אַנטקעגנשטעלן דער נײַער מאַכט, דאָס הייסט דעם קאָמענדאַנט און זײַנע זעלנער, איז קאַפּוט!

דער קאָמענדאַנט האָט אָפּגעווישט מיטן טיכל דעם שווייס פונעם פּליכעוואַטן קאָפּ, אַף וועלכן עס זײַנען געוואַקסן עטלעכע בינטעלעך רויטע האָר, און געפרעגט, צי וויל עמעצער ריידן.

צו זײַן באַוווּנדערונג, האָט קיינער ניט געוואָלט ריידן, מע האָט אים, הייסט עס, גאַנץ גוט פאַרשטאַנען.

דער נײַער באַלעבאָס האָט זיך בעשאַס דער ערשטער באַגעגעניש מיט זײַנע אונטערטע־ניקע ניט געוואָלט שטאַרק פאַרקריגן, ווײַל אים וועט דאָ אויסקומען אַרבעטן. די סאָלדאַטן וועט מען בא אים צונעמען און איבערלאָזן בלויז עטלעכע, וועלכע וועלן אים העלפן. ער וועט פּרווון מיט די מענטשן זיך באַגיין ניט שטאַרק שטרענג, קעדיי זיי זאָלן בעסער אַרבעטן, אופשטעלן די נאַפט־קוואַלן. און דערנאָך וועט ער זען. דערצו האָט ער ניט פאַרגעסן דעם אָנזאָג פון זײַן פראַו, אַז ער זאָל זיך ווייניקער רוקן אינעם פײַער, ווײַל עס איז גלײַכער ארויס פון דער מילכאָמע א גאַנצער, אָן קרייצן, איידער א קאַליקע אָדער א מעס מיט אײַזערנע קרייצן און מעדאַלן.

דער אוילעם האָט זיך דערפרייט, וואָס מע איז שוין אָט דעם אומגליק אויך איבערגעקור־מען. דער טײַוול מיט זײַנע היצעלעס זײַנען אוועקגעפאָרן, און מע וועט קענען באַטראַכטן, וואָס מע האָט צו טאָן.

שפּעט באַנאַכט איז ראַמאַן קראַווטשוק ארויס פון זײַן באַהעלטעניש, ארײַנגעקומען אין שטוב און געבעטן סטעפּען, זי זאָל צונויפנעמען אהער די שכיינים — מע דאַרף באַשליסן, וואָס פאַרצונעמען.

אין א האַלבער שאָ אַרום האָבן זיך אַרום דעם גרויסן טיש אויסגעזעצט מאַקסים סוכאָדאָל, טאַראַס, זאַלמען, זײַן מוטער, פּיליפּ, דער פּעטער שיקע קושניר.

ראַמאַן האָט אופמערקזאַם אויסגעהערט, ווי עס איז דורכגעגאַנגען די באַגעגעניש מיטן נײַעם קאָמענדאַנט און זײַנע סאָלדאַטן. יעדערער האָט איבערגעגעבן אײַנצלהײַטן, און ראַמאַן האָט אַלץ אָפּגעווויגן, באַטראַכטנדיק, וואָס מע דאַרף איצט טאָן און ווי־אַזוי זיך פירן אין די אומגעווײנלעך־נײַע באַדינגונגען.

אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז איצט שטייען פאַר שווערע אויספּרווון. עס וועט אויסקומען ארויסגיין אַף דער אַרבעט, נאָר מע דאַרף זען, אַז די נאַפט־קוואַלן זאָלן ניט אופגעלעבט ווערן, דער סוינע דאַרף באַקומען א קרענק, ניט קיין נאַפט. מע וועט דאַרפן מאַנעווורירן,

נאָר זיך ניט אונטערגעגעבן. איינס איז געווען פאַר אַלעמען קלאָר, אַז ראַמאַן קראַוטשוק דאַרף אַוועקגיין אין די בערג, זיך פאַרקלײַבן אין אַ פאַרוואָרפן דערפל און איבערזײַן דאָרט די שווערע צײַט. דאָ וועט מען אים אומברענגען.

ער איז געזעסן שטיל, זופנדיק פון אַ גלאָז הייסע טיי, און געטראַכט. נאָך אַ לאַנגער פּאַוזע האָט ער זיך אָנגערופן:

— יאָ, זעט אויס, אַז מירן זיך איצט דאַרפן צעשיידן. דאָ בלײַבן וועל איך ניט קענען. נאָר איך מיין, אַז דאָס איז ניט אויף לאַנג. איך וועל זיך אומקערן. אַלעמען וועט זײַן שווער, נאָר אַראָפּלאָזן די קעפּ טאָר מען ניט. איצט דאַרף מען, ווי קיינמאָל, זײַן באַפרײַנדעט, פאַרגעסן אַלטע באַליידיקונגען, קליינלעכע רײַסערײַען. מע דאַרף געדענקען דעם אײַזערנעם געזעץ — אַלע פאַר איינעם און איינער פאַר אַלע... דער סוינע טאָר זיך ניט דערוויסן, וווּ מיר האָבן באַהאַלטן די מאַשינעס, די אַרמאַטור. איין ענטפער דאַרף זײַן — די סאָוועטן האָבן אַלץ אַרויסגעפירט. אונדזערע נאַפט־אויצרעס דאַרפן מיר פאַרהיטן, ביז אונדזערע וועלן זיך אומקערן. געבן די אָקופּאַנטן נאַפט הייסט העלפן זיי פאַרכאַפּן אונדזערע שטעט און דערפער, פאַרניכטן אונדזערע מענטשן.

אינמיטן דער נאַכט האָט די מאַמע אים צונויפגעלייגט אין רענצל גרעט, ביכער, העפטן, ברויט און אַלץ, וואָס איז געווען אין שטוב. ער האָט מיט זיך גענומען אַ קליינינקן ראַדיאָ־אַפּאַראַט — ער וועט דאָך זײַן אָפּגעריסן פון דער וועלט.... — זיך איבערגעטאָן אין פּראָסטע פּויערישע בגדים און פאַרלאָזט די שטוב.

ראַמאַנען האָבן באַגלייט אין די בערג דער ברודער און זאַלמען מאַרקוס. זיי וועלן קומען צו אים אַלעמאָל, ווען עס וועט נייטיק זײַן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן זיך באַוויזן באַפעלן פון דער קאָמענדאַטור: ווער עס וועט ניט אַרויס צו דער אַרבעט — טויט! אויב עמעצער וועט זיך באַווייזן אין די בערג — ווידער טויט! די קאָמוניסטן, באָלשעוויקעס, קאָמיוגיסטן און יענע, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיט די סאָוועטן, מוזן זיך רעגיסטרירן אין משך פון דרײַ טעג, אויב ניט — טויט! אויב מע וועט בא עמעצן געפינען געווער, אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט, ווער עס וועט האַלטן אַ הונט, טויבן — טויט! אַלע ייִדן מוזן אויפהענגען אויף די פּלייצעס געלע לאַטעס, ניט גיין אויפן טראָטואַר, זיך מעלדן אין דער קאָמענדאַטור. פאַר ניט אויספילן — טויט! ווער עס וועט פאַרלאָזן די שטאָט, דעם ייִשעוו אָן אַ דערלויבעניש פון דער קאָמענדאַטור — טויט!

פון די אַרומיקע שטעט און דערפער זײַנען אָנגעקומען ייִדיעס וועגן מאַסן־עקזעקוציעס איבער קאָמוניסטן, קאָמיוגיסטן, מיטאַרבעטער פון סאָוועטישע אַנשטאַלטן, ייִדן. מע האָט דערציילט וועגן טלײַעס אויפן פּלאַץ פון דער געגנט־שטאָט, וווּ עס העגנען הונדערטער מענטשן, וועגן יאַרן, גריבער, באַ וועלכע מע האָט צעשאָסן אָן אַ שיר אומשולדיקע מענטשן — מאַנצבלען, פרויען, קינדער, זקנים, וועגן קאָנצלאַגערן, וווהין מע האָט פאַרטריבן אויף אומקום מענגעס מענטשן.

נאָך אַ שוידערלעכע ידיעה איז אָנגעקומען פון ליובאַוויטש, אַ ידיעה וועגן דעם, אַז מע האָט צונויפגעטריבן צום יאַר היינטער דער שטאָט טעלעכע הונדערט קאָמוניסטן, ייִדן, געזאָגט זיי, אַז מע וועט זיי אַרויספירן אין אַן אַנדער אָרט, וווּ זיי וועלן אַרבעטן און וווינען, נאָר ווען די מענטשן זײַנען געקומען מיט די מישפּאָכעס, מיט די קלומעקלעך, האָט זיי אַרומגערינגלט אַ מאַכנע עסעסאָווצעס מיט קוילנוואַרפער און אויטאָמאַטן און זיי צעשאָסן...

שיקע קושניר איז אַרומגעגאַנגען, ווי אַ דולער. עס האָט זיך ניט געלייגט אויפן זינען, אַז אַזוינס קאָן פאָרקומען אויף דער וועלט. קיינער געדענקט ניט אַזעלכע שכיטעס! עפּשער טראַכט עמעצער אויס, קעדיי איבערשרעקן דעם אוילעם, מע זאָל זיך אונטערוואַרפן די פאַרכאַפּער און אַרבעטן אויף זיי?..

דער אַלטער שמיד האָט ניט צוגעטשעפּעט קיין געלע לאַטע און געמאָלדן זײַניקע, זיי זאָלן עס ניט טאָן. ער האָט אויסגעקאָוועט אַ שטיק אײַזן און געזאָגט, אַז ער וועט זיך ניט אונטערוואַרפן די באַפעלן פון די נאַציסטן, און אויב זיי וועלן צו אים צושטיין, וועט ער פּלעטן קעפּ, נאָר אַזוי פּאַשעט ניט גיין צום טויט. טאַראַס, זאַלמען מאַרקוס האָבן אויסגעגראָבן פון דער ערד די אַלטע ביקסן, אָפּגערייניקט פון זיי דעם זשאַווער, אַרומגעשמירט מיט פעטס און געבראַכט זיי אין אָרדענונג. זיי וועט מען מיט די הוילע הענט ניט נעמען. מ׳וועט זיך שלאָגן פאַר זיך, פאַר די מאַמעס און פרויען, פאַר אַלע פרײַנט.

מע איז אַלע גאַנצפרי אַרויסגעגאַנגען צו דער אַרבעט, אויפן באַצירק, נאָר געאַרבעט פּונקט אַזוי, ווי עס ברענט נאָס האָלץ — אָפּגעקומען ווי־ניט־איז דעם טאָג און זיך אומגעקערט אַהיים.

נאָך די שווערע יעדיִעס, וועלכע האָבן זיך דערטראָגן אהער, איז געוואָרן מיטאמאָל שטיל. דער קאָמענדאַנט און זײַנע אופזעער האָבן מיט גאָרניט ניט ארויסגעוויזן, אז עס גרייט זיך אן עקזעקוציע, און מענטשן האָבן זיך עטוואָס באַרויִקט.

און סאמע דעמלט, ווען מע האָט געמיינט, אז די געפאר איז שוין אדורך און מע וועט לאָזן לעבן, איז געשען דער אומגליק.

שפעט באנאכט איז אין יִישעוו ארײַנגעקומען א קאָפּטע פאשיסטן. מיט די אוטאָמאטן האָבן זיי זיך ארײַנגעריסן אין די יִידישע הײַזער און אראָפּגעשלעפּט פון די געלעגערס קליין און גרויס.

זאלמען מארקוס האָט אפילו ניט באוויזן ארויסכאפּן זײַן ביקס.

מע האָט ארויסגעשלעפּט די מענטשן פון די הײַזער אינעם וועש.

א געוויין און א געיאָמער האָט אופגערודערט דעם גאנצן יִישעוו. פון אלע הײַזער זײַנען ארויסגעלאָפן די שכיינים, זיך געלאָזט צו די ארעסטירטע, געפּרוווט זיי אָפּשלאָגן, נאָר די סאָלדאטן האָבן אופגעהויבן א שיסערײַ פון די אוטאָמאטן און געדראָעט אלעמען פארניכטן צוזאמען מיטן יִישעוו. ניט שרעקנדיק זיך פאר דער שיסערײַ, זײַנען מענטשן נאָכגעלאָפן, געוויינט, געכאלעשט, געבעטן אָפּלאָזן די שכיינים. פארוואָס שלעפּט מען זיי אוועק פון זייערע הײַזער? גוטע, ערלעכע מענטשן, האָרעפאשניקעס!

די סאָלדאטן האָבן געטראָטן די מענטשן מיט די פיס, געשלאָגן מיט די אוטאָמאטן, גע־שאָסן איבער די קעפּ, געטריבן.

אין דער מעהומע האָט אָקסאנע דערזען דעם קאָמענדאַנט, זיך דורכגעריסן צו אים און אים גענומען בעטן פאר אירע פרײַנט.

יענער האָט ארויסגעשלעפּט פון דער קאָבורע דעם פאראבעלום און זיך אָנגעצילט אין איר, זי אָפּגעשלײַדערט מיט רעציכע.

דערהערנדיק די קוילעס, דאָס געוויין און שיסערײַ, האָט פּיליפּ איבערגעלאָזט די קראַנקע טאָכטער, וואָס איז נאָך געלעגן צו בעט, אָן אָפּגעשוואכטע נאָך דער אָפּעראציע, און ארויס אין גאס אין איינעם העמד. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ניט ווײַט פונעם קאָמענדאַנט און זיך געוווּנדערט צו אים. זײַנע אויגן האָבן בא אים געברענט פון קאַס.

— הער אָבערלייטענאַנט, — האָט ער, קוים איבערכאפּנדיק דעם אָטעם, זיך אָנגערופן, — וואָס האָט איר פארטראכט? ווּהין פירט איר אָט די מענטשן? איר גלייבט אין גאָט? איר האָט גאָט אין הארצן? וואָס האָט איר צו זיי? ערלעכע מענטשן, זיי ארבעטן צוזאמען מיט אונדז אף אײַער באצירק... אָן די מענטשן וועט די ארבעט זיך ניט רירן פון אָרט... גאָלדענע ארבעטער...

האַנס קעצלבראַנדט האָט אָפּגעמאָסטן א פּאָר מאָל דעם מענטשן אינעם צעכראַסטעטן העמד, פארזשמורעט די אויגן און א שיפּע געטאָן:

— פרעכער שוויַין! ביסט, דאכט זיך, אויך א ייִדי? וועל איך פאר דיר קיין קויל ניט זשאַלעווען. דו וועסט גיין גלײַך מיט זיי.

— אויב איר פירט זיי, טאָ נעמט מיך אויך. אלע זײַנען מיר גרייט גיין מיט די מענטשן! — האָט פּיליפּ ארויסגעשריגן ניט מיט זײַן קאָל.

דער קאָמענדאַנט האָט זיך בעסער אײַנגעקוקט אינעם דארן, אײַנגעהויקערטן מענטשן און מיטאמאָל אויסגעשריגן:

— דו ביסט א דײַטש? פארוואָס זשע שטעלסטו זיך אײַן פאר זיי?

פּיליפּ האָט זיך פארלוירן, ניט געוווּסט, וואָס ער זאָל ענטפערן.

— דו, א דײַטש? א פאָלקסדײַטש! — האָט האַנס קעצלבראַנדט געקוויטשעט.

— איך בין א מענטש! א שמיד! א נאָפטלער... איך בין אזא, ווי אלע, — האָט ער, קוים כאפּנדיק דעם אָטעם, ארויסגעבראכט און זיך אָנגערוקט אף דעם קאָמענדאַנט, ווי ער זאָל זיך קלײַבן ווארפן אף אים.

— צוריק! צוריק! — האָט דער קאָמענדאַנט אָנגעצילט אין אים דעם פאראבעלום. אין זײַנע אויגן האָט זיך באוויזן שרעק.

א רעגע האָבן זיי געקוקט איינער אפן אנדערן. האַנס קעצלבראַנדט האָט באפוילן פּיליפּן קומען מאָרגן צו אים אין קאָנטאָר.

דער ארומיקער אוילעם, זעענדיק, ווי פּיליפּ שטייט, אָן אופגערעגטער, א צערייצטער, קעגן דעם אָבער, איז דערציטערט געוואָרן. מ׳האָט פרײַער אָפּגעאָטעמט, ווען צווי סאָלדאטן זײַנען צוגעלאָפן און פּיליפּן דערלאַנגט מיט די פויסטן אין די זײַטן און אים אָפּגעשטויסן פונעם קאָמענדאַנט.

ארומגערינגלט די פּאַראַהאַלטענע, האָבן די דײַטשן זיי אַוועקגעטריבן אין דער ריכטונג פון דער שטאָט.

פיליפּ איז געבליבן שטיין אפן אָרט, אַרומווישנדיק מיטן אַרבל פונעם העמד דאָס בלוט. טאַראַס איז אונטערגעקומען, געוואָלט אים העלפן, נאָר יענער האָט אים אָפּגעשטויסן.

— דו זעסט, מע פירט אונדזערע צום טויט, — האָט פיליפּ אַרויסגעבראַכט, און טרערן האָבן אים פאַרוואָלקנט די אויגן.

— גאַטעניו, פאַרוואָס קומט זיי עס? — איז אָקסאַנע אַרויסגעלאָפן פון דער שטוב מיט אַ פּאַק אָנטאָן און זיך געלאָזט דעריאָגן די אַרעסטירטע. זי האָט זיך אַרײַנגעשניטן אין דער געדיכטעניש, ניט טראַכטנדיק וועגן דער געפאַר, וואָס לויערט איבער איר, און אויסגעשריגן, ווי ניט מיט איר קאָל:

— שיפרע! רייזל! שיקע! נעמט, טוט עפּעס אָן אף זיך! — מיט אַלע קויכעס אַ שלײַדער געטאָן צו זיי דאָס אָנטאָן. — טוט זיך אָן, ס׳איז קאַלט, איר זאָלט זיך ניט צוקילן!

פאַרן קאָנוואָי און פאַרן קאָמענדאַנט איז דאָס געווען אַזוי אומדערוואַרט, אַז זיי האָבן ניט באַוויזן אָפּשטויסן די פרוי. און דאָך האָט איין סאָלדאַט זי אָנגעכאַפּט פאַר די צעשויבערטע האָר, אַ שטאַרקן טרייסל געטאָן און אַ שלײַדער געגעבן אפן ברוק.

די שכיינים האָבן געשריגן, געוויינט, געשאָטן מיט קלאָלעס, נאָר דער קאָנוואָי מיט די אַרעסטירטע האָט זיך שוין געריקט פונעם אָרט. אָבער די מענטשן, וואָס זײַנען געשטאַנען בײַ די שטיבער, האָבן געוואָרפן צו די אַרעסטירטע ברויט, אוגערקעס און וואָס עס האָט זיך געלאָזט.

מע איז געשטאַנען אף דער גאַס בײַ די הײַזער, ווי פאַרכאַלעשטע, און עס האָט זיך ניט געגלייבט, אַז עס איז מעגלעך אַזאַ שווידער.

פיליפּ איז אַרײַנגעשפּרונגען אין שטוב, געכאַפּט אף זיך דאָס רעקל, דעם קאַפּעליוש און אַרויסגעלאָפן צוריק. מאַרגאַריטע, וואָס האָט געהערט די קוילעס און דאָס געוויין, די שיסערײַ, האָט זיך געוואָלט דערוויסן, וואָס איז געשען אין יישעוו, נאָר פיליפּ האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, געזאָגט, אַז ער וועט זיך שנעל אומקערן.

ער האָט זיך נאָך ניט פאַרגעשטעלט, וואָס ער קאָן טאָן אף צו ראַטעווען זײַנע פרײַנט, נאָר איינס האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער וועט זיך קיינמאָל ניט מויכל זײַן, ער וועט ניט קאָנען לעבן אף דער וועלט, אויב ער וועט זיך ניט באַמיִען עפּעס טאָן פאַר זיי.

ער האָט דעריאָגט טאַראַסן, וואָס איז געגאַנגען, ווי אַ פריטשמעליעטער, צו דער שטוב, אַ ווונק געטאָן צו אים און מיט די סעדלעך און זײַטיקע געסלעך זיך געלאָזט לויפן אין יענער ריכטונג, וווּהין מע האָט אַוועקגעטריבן די יידן.

ווי די שאָטנס האָבן זיי ביידע, טאַראַס קראַוטשוק מיט פיליפּן, זיך געגאַנווועט איבער פרעמדע הויפן, סעדלעך, קעדיי ניט פאַרשפּעטיקן, ניט פאַרלירן פון אויג די קאָלאָנע. אַ ניט־געלונגענער טראָט, און ס׳וואָלט זיי אויך אויסגעקומען טיילן דעם גוירל פון די געטריבענע און געיאָגטע. די קאָמענדאַנט־שאַ האָט שוין לאַנג געשלאָגן, און אַלץ אַרום איז געווען טויט, אויסגעשטאָרבן. איבער די געסלעך האָט זיך צעטראָגן דער געהילך פון שווערע געקאָווועטע סאָלדאַטישע שיך, די ביידזע אויסגעשרייען, די פאַרמישפּעטע זאָלן זיך באַוועגן שנעלער.

פון צווישן די ביימער האָבן זיי דײַטלעך געזען דעם דיקן קאָמענדאַנט, געהערט זײַן שווער סאָפּען. ער האָט ניט געוואָלט אָפּשטיין פון זײַנע סאָלדאַטן, וועלכע זײַנען געגאַנגען שנעל. ער האָט זיך אַלעמאָל אַרומגעקוקט — די געדיכטע קוסטעס, די בערג, וועלכע האָבן זיך געצויגן באַנאַנד, האָבן אף אים אָנגעוואָרפן אַ פּאַכעד.

פון זינט דער קאָמענדאַנט פאַרנעמט זײַן נײַעם פּאָסטן, האָט ער נאָך באַ זיך אין דער דירע, וואָס געפינט זיך ניט ווײַט פון דער קאָנטאָר, קיין איין מאָל ניט איבערגענעכטיקט. די קאַרפּאַטן און, דעריקער, די אָנגעכמורעטע נאַפּטלער, וואָס קוקן אף אים מיט סינע, האָבן אים געשראָקן. ער איז ניט צופרידן געווען מיט זײַן גוירל. מאַלע וואָס מע האָט אים פאַר־פליכטעט זײַן אַ קאָמענדאַנט צווישן אָט די שווײַנען, דאַרף ער נאָך זיי צווינגען אופשטעלן די נאַפט־קוואַלן, דערצו נאָך דורכפירן אַרעסטן, פאַרשיידענע שטראָף־אָפּעראַציעס, און דאָ נאָך אויסראַמען דעם קאַנט פון די פאַרפלוכטע קאָמוניסטן, אומצופרידענע, פּאַרטיזאַנער און יידן...

גיי קלײַב זיך דאָ פאַנאַנדער, אַז סאָנים רינגלען דיך אַרום! אפילע די עטלעכע דײַטשן, וואָס וווינען אין דער אומגעגנט, מאַכן זיך אויך געפייגערט און ווילן ניט דינען דעם דריטן רײַך, ווילן אים ניט העלפן. ניט אַלע פאָלקסדײַטשן זײַנען געקומען זיך רעגיסטרירן, ניט געקוקט דערויף, וואָס מע האָט זיי צוגעזאָגט פאַרשיידענע פּריווילעגיעס. און אינגאַנצן קאָן ער ניט פאַרשטיין אָט דעם נאַרישן שמיד, דעם פרידריכן. מע רופט אים דאָ פיליפּ. נעכטן האָט

ער מיט אים צוויי שטונדן גערעדט, אויסגעפרעגט, ווי קומט ער אהער, אין דעם ווילדן קאנט, פאַרגעלייגט זײַן דאָ, אפֿן באַצירק, אַן אופֿזעער, צוגעזאָגט אַ הויכן געהאַלט, אַ נײַע שטוב, נאָר יענער האָט דערפֿון ניט געוואָלט הערן! ער לייקנט אַפֿילע, אַז ער איז אַ דײַטש, אַרבעט מיט דער לאָפּעטע, פֿאַריכט די וועגן, און האָט זיך אָפּגעזאָגט צו ווערן אַן אופֿזעער, זײַן האַנס קעצלבראַנדטס, רעכטע האַנט.

דער דאָזיקער פֿרידריך קריכט אים גאָר ניט אַרויס פֿונעם קאָפּ. וואָס איז די סיבה פֿון זײַן אַקשאָנעס? ער איז דאָך אַן עכטער אַריער. און די טאָכטער זײַנע, וועלכע ער האָט געטראָפֿן אין שטוב, איז דאָך אַן אויסגעוואַקסענע דײַטשקע. ער האָט צו איר און צום טאַטן איר גערעדט אויף דײַטש, נאָר זיי האָבן זיך ביידע געמאַכט ניט ווייסנדיק, ניט פֿאַרשטאַנען קלוימערשט, וואָס ער זאָגט. וואָס זשע זאָל דאָס באַטײַטן? צי דען האָט ער אַ טאָעס? מעגלעך, אַז די באָלשעוויקעס און קאָמוניסטן האָבן זיי דאָ אַזוי געפּלעט, אַז זיי זײַנען ניט באַ די געדאַנקען. ווער קאָן זיך אין אַזאַ צײַט אָפּזאָגן פֿונעם דריטן רײַך? אין עטלעכע כאָדאָשים אַרום וועט זיך פֿאַרענדיקן די מילכאָמע, און די דײַטשן וועלן הערשן איבער דער גאַנצער וועלט. אַ דײַטש אָדער אַפֿילע אַ פֿאָלקסדײַטש וועט דעמלט זײַן מיט גאָלד גלײַך. אָט דער שמיד קאָן דאָ ווערן אַ גאַנצער באַלעבאָס אַפֿן באַצירק און לעבן גליקלעך, רײַך, האָבן באַ־דינער, און ער, דער נאַר, שלאָגט זיך אָפּ מיט הענט און מיט פֿיס...

נאָר האַנס קעצלבראַנדט האָט באַשטימט, אַז ער וועט אים נאָך אײַנברעכן און אים שטעלן צו דינסט דעם פֿאַטערלאַנד, אָדער ער וועט אים ווי אַ הונט דערשיסן!

טראַכטנדיק וועגן דעם אקשן, האָט דער אָבער ניט באַמערקט, ווי ער איז אָפּגעשטאַנען פֿון דער קאָלאָנע, און זיך געלאָזט לויפֿן, דעריאָגן זײַניקע.

פֿיליפּ האָט אין דער זעלבער רעגע אויך געטראַכט וועגן קאָמענדאַנט. אין זײַן זיקאָרן האָט זיך אויך פֿאַרקריצט די נעכטיקע באַגעגעניש מיט אים, זײַנע זיסע רייד...

איצט, קוקנדיק אַפֿן פֿעמפּיק דורך די געדיכטע צווײַגן פֿון די ביימער, האָט זיך אים שטאַרק געגלוסט אַ שפּרונג טאָן, דערלאַנגען אים איבערן פּליכעוואַטן קאָפּ אַזוי, אַז ער זאָל שוין ניט אויפֿשטיין. אָבער ער קאָן דאָס ניט טאָן. ניט ווײַט זײַנען זײַנע סאָלדאַטן מיט די אויטאָמאַטן...

פּונקט ווי טאַראַס, האָט פֿיליפּ איצט געטראַכט וועגן דעם, וואַזוי העלפֿן די פּרײַנט. אויב די ראָצכים וועלן זיי אומברענגען, וועט ער זיך קיינמאָל ניט מויכל זײַן. בעסער שטאַרבן צוזאַמען מיט זיי, מיט זײַנע גוטעפֿרײַנט, וועלכע האָבן אים ניט איין מאָל געראַטעוועט, אום־געקערט דאָס לעבן.

ענדלעך האָט זיך די קאָלאָנע אָפּגעשטעלט ניט ווײַט פֿון דער קלויז, וואָס שטייט אַפֿן קליינעם פּוסטן פּלאַץ, צוגעשפּאַרט צו די הויכע בערג.

אַ באַשײַנטע פֿון דער פּולער לעוואָנע, וואָס האָט געבלאָנקעט אין הימל, צווישן שטיקער וואָלקנס, האָט זיך געזען אַ געזעצטע מיטלאַלטערלעכע געבײַדע מיט הויכע שווערע ווענט, אויסגעשמיסענע פֿון רעגנס און ווינטן. העט־העט, אונטערן סאַמע דאַך האָבן אַרויסגעקוקט אַף דער וועלט קלייניקע פֿענצטערלעך, ווי אַמבראַזורעס פֿון אַ פֿאַרלאָזטער אַלטער פֿעסטונג. באַ די שווערע, געקאָוועטע טירן זײַנען געשטאַנען צוויי סאָלדאַטן מיט ביקסן אין די הענט. דער דיקער קאָמענדאַנט איז צוגעגאַנגען צו די סאָלדאַטן, עפּעס געזאָגט צו זיי, און יענע האָבן גלײַך צעעפֿנט די טירן און אַרײַנגעשטויסן אַהין די מענטשן.

פֿון דער געבײַדע האָט זיך דערטראָגן אַ מוירעדיק געוויין פֿון קינדער, פֿרויען, אַ טופּען פֿון פֿיס, געשרייען. נאָר די צוויי סאָלדאַטן האָבן גלײַך פֿאַרהאַקט די שווערע טיר.

די אויטאָמאַטלער, וועלכע האָבן אַהער געבראַכט די אַרעסטירטע, האָבן זיך נאָך פֿאַר־האַלטן אַף עטלעכע מינוט, פֿאַררייכערט, געקלאַפּט איבער די פּלייצעס ביידע היטער, וואָס זײַנען געשטאַנען באַ דער טיר, און אײַנגיכן זיך געלאָזט אַף צוריק צום „שוואַרצן טאָל".

טאַראַס קראַווטשוק מיט פֿיליפּן האָבן זיך פֿאַרטײַעט אין די קוסטעס ניט ווײַט פֿון דער קלויז, זיך אײַנגעקוקט אין דער געבײַדע, אין די צוויי סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זי אָפּגעהיט, אונטערפֿײַפֿנדיק זיך צוליב היימלעכקײַט אַ סאָלדאַטישן ניגון. זיי האָבן זיך אַ ווערטל געטאָן אַפֿן אַדרעס פֿונעם דיקן אָבער און זיך אַראָפּגעלאָזט אַף דער לאַנגער באַנק, וואָס איז געשטאַ־נען ניט ווײַט פֿון דער טיר, און זיך אָנגעשפּאַרט אין די ביקסן.

איצט, ווען דער שעף זייערער איז אוועקגעגאַנגען שלאָפֿן און ביז טאָג איז נאָך געווען גענוג צײַט פּאַטרולירן די יידן, וועלכע מע האָט אַהער צונויפֿגעטריבן פֿון די אַרומיקע יישוווים, האָט מען געקאָנט זיך צוזעצן אָפּרוען און אַפֿילע אַראָפּנעמען פֿונעם קאָפּ די קאַס־קעס, וועלכע האָבן שטאַרק געמוליעט. נאָך דעם, ווי מע האָט די טעג דורכגעפֿירט אַן עק־זעקוציע אין אַ דאָרף, וווּ די שווײַנען האָבן געוואָרפֿן אַ גראַנאַטע און פֿאַרוווּנדעט דרײַ

זעלנער, איז די הײַנטיקע מיסיע פון די דאָזיקע סאָלדאַטן ניט געווען קיין געפערלעכע. מע האָט אהער, אין קלויז, צונויפגעטריבן פרויען און קינדער, עלטערע בערדיקע ייִדן, אינוואַלידן, קאַליקעס, דערבײַ האָט מען זיי געמאָלדן, אז מע וועט זיי אין עטלעכע טעג ארום ארויספירן קיין לעמבערג, ווו זיי וועלן זיך, קלומערשט, קאָנען רויִק לעבן, ארבעטן... אָף קיין ווידער־שטאַנד מיצאַד די אומבאהאָלפענע מענטשן איז נישטאָ וואָס צו וואַרטן. ווען מע וועט אהער אלעמען צונויפטרײַבן, וועט מען זיך מיט זיי לײַכט ספּראַווען. דער כיטרע אָבערלייטענאַנט האָט געמאָלדן די מענטשן, אז זיי מעגן מיט זיך נעמען אין וועג זייערע טײַערע זאַכן... וועט מען טאַקע אָפּלעקן א ביינדל, ווען מע וועט זיי ארויספירן צום וואַלד, עפּעס וואָס כאַפּן און אָפּשיקן די קרוויווים קיין דײַטשלאַנד.

זײַנען זיי געזעסן, די צוויי סאָלדאַטן, אָנגעשפּאַרט אָף זייערע ביקסן און געפּלאַנעוועט, וויאַזוי אָפּשיקן אהיים די זאַכן פון די פּאַרמישפּעטע. פאַרשטייט זיך, גוט וואָלט געווען ארײַנגיין אין קלויז און אָפּקלײַבן א פּאָר גוטע רענצלעך מיט טײַערע זאַכן, נאָר דער אָבער האָט עס שטרענג פאַרבאָטן, געזאָגט, אז מע וועט באַווײַזן עס טאָן שפּעטער, ווען מע וועט די שווײַנען ליקווידירן.

און דיסציפּלין — איז דיסציפּלין! אָרדנונג — איז אָרדנונג. וועט מען זיך אָנעמען מיט געדולד און וואַרטן. ווײַט פון זיי וועלן די זאַכן פון די פאַרשפּאַרטע ניט אוועק.

די וועכטער האָבן ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס מע האָט געבראַכט די לעצטע גרופּע ייִדן באָרוועסע און נאַקעטע, אָן קלומעקלעך? נאָר דאָ, זעט אויס, ליגט דעם אָבערסטס א שפּיצל. דאָס זײַנען ייִדן פון די בערג, און מיט זיי איז זיך געפערלעך זיך אײַסעקן.

איז מען זיך געזעסן, אונטערגעפּײַפט, געריכערט און געגענעצט. בא דער קנאַפּער שײַן פון דער קאַלטער לעוואָנע האָט טאַראַס און זײַן שאָכן געשפּירט נאָך די צוויי זעלנער. ארום איז געווען פּוסט און שטיל. בלויז פון דער שול האָט זיך דערטראָגן א געוויין פון קינדער, טפילעס פון אלטע לײַט, וועלכע האָבן זיך געווענדט צום אלמעכטיקן, ער זאָל זיי ברענגען א רעטונג פון דעם שרעקלעכן אומגליק, וואָס איז געקומען אָף זיי.

די צײַט איז געגאַן פאַמעלעך. פּיליפּ מיט טאַראַסן זײַנען אלץ געשטאַנען מיט פאַרטײַטען אָטעם. געטראַכט, וויאַזוי ראַטעווען די פאַרשפּאַרטע.ביידע האָבן אָבער פאַרשטאַנען, אז מע טאָר ניט אָפּלייגן, עס קאָן ווערן שפּעט.

ווען זיי האָבן באַמערקט, אז די וועכטער זײַנען אײַנגעשטילט געוואָרן, אז זיי זיצן אָנגעשפּאַרט אָף די ביקסן, פאַרנייגט די קעפּ צו דער ברוסט, האָט מען פאַרשטאַנען, אז די מינוט איז געקומען. אָף די שפּיץ פינגער האָט מען זיך ארײַנגעכאַפּט אין א פאַרלאָזט הייפל, געפונען צוויי שײַטלעך האָלץ און ווי די שאַטנס אויסגעוואַקסן לעבן דער שול.

איצט איז געבליבן עטלעכע געציילטע טריט צו די אײַנגעשלאָפענע וועכטער. נאָר עפּשער שלאָפן זיי ניט — האָבן זיך בלויז פאַרטײַעט און וועלן זיך אָט־אָט אופכאַפּן? אָבער טראַכטן וועגן דעם איז שוין געווען שפּעט. כאָטש די עטלעכע טריט ביז די וועכטער האָבן איצט אויסגעזען מײַלנווײַט, דאָך האָבן זיי זיך אָנגענומען מיט מוט. אָף די שפּיץ פינגער זיך דער־נעענטערט צו די וועכטער, און אין איין אויגנבליק ארויפגעלאָזט די דרענגלעך איבער די אָנגעבויגענע קעפּ...

פון דער באַנק האָבן זיך אראָפּגעגליטשט צוויי געליימט געוואָרענע קערפּערס. טאַראַס קראָוטשוק און פּיליפּ האָבן זיך איבערגעקוקט, אָפּגעווישט די פאַרשוויצטע פּענעמער. אופּ־געהויבן די ביקסן פון דער ערד, האָבן זיי געשיקט אראָפּגענומען פון די סאָלדאַטן די קוילן־טאַשן.

אלץ ארום איז געווען אײַנגעהילט אין שווערן שלאָף. די ביימער ארום האָבן אומרויִק גערוישט, ווי זיי זאָלן אונטעריאָגן, דערמאָנען, אז צײַט איז געבליבן ווייניק, מע דאַרף זיך אײַלן.

ניט ווײַט פון דער קלויז איז געשטאַנען א פאַרלאָזט הייפל און אין סאַמע עק האָט זיך געזען א קרענעצע, איבער וועלכער עס האָט זיך אויסגעצויגן א לאַנגער זשוראַוול. בא ביידן איז איינצײַטיק געבוירן געוואָרן דער זעלבער געדאַנק: „די דערמאָרדעטע אין ברונעם”... אין א פּאָר מינוט ארום איז אלץ געווען געמאַכט, און מע האָט זיך א לאָז געטאָן אופּרײַסן דעם שלאָס פון דער שול.

דערשראָקענע און גליקלעכע, זײַנען די פאַרשפּאַרטע ניט מיטאַמאָל ארויס אָף דער פרײַ, זיך ארומגעקוקט, ווי מע זאָל ניט גלייבן, אז מע קאָן אוועק פונעם שרעקלעכן אָרט.

טאַראַס, וואָס איז געשטאַנען בא דער ברייט צעעפנטער טיר, האָט אונטערגעײַלט דעם אוילעם:

— גיכער, גיכער, פאַרהאַלט זיך ניט! גייט אין די בערג, אין די וועלדער, צו אײַערע גוטע־פרײַנט! גיכער! זעט, פאַלט מער ניט אַרײַן אין די לאַפּעס פון די הענקער. נאָר רויק, שטיל!

און דער אוילעם איז זיך פאַנאַנדערגעלאָפן, קוקנדיק מיט דאַנקבאַרקײַט אף די צוויי אומבאַקאַנטע מענטשן, וועלכע האָבן זיי אויסגעלייזט פונעם טויט.

אין דער ענגשאַפט און שטורעמעניש האָט פיליפּ דערזען דעם פעטער שיקע קושניר, זאַלץ מענען, זײַן ווײַב, שיפרען און נאָך אייניקע פרײַנט.

מע האָט זיך אַלע צוזאַמען אופגעהויבן אין די בערג און מיט געדרייטע סטעזשקעס זיך געלאָזט צום יישעוו. אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז צײַט איז געבליבן ווייניק. די געפאַר איז נאָך גרויס. נאָר, פאַרגעסנדיק אין דער מידקייט, האָט מען געײַלט צום היימישן ווינקל.

עס איז שוין געווען טיפע נאַכט, ווען מע איז מיט זײַטיקע וועגן און שטעגן געקומען צו פיליפּס הויז.

מאַרגאַריטע, וואָס איז די גאַנצע צײַט געזעסן באַם פענצטער א פאַרווײנטע, האָט זיך שטאַרק דערפרייט, דערזעענדיק דעם פאָטער. קוקנדיק אף זײַן פאַרשוויצט, אופגערעגט פּאַ־נעם, אף די הוילע און נאַקעטע שכיינים, האָט זי אָנגעהויבן פאַרשטיין, וואָס דאָ איז פאָרגע־קומען. כאָטש זי איז נאָך געווען אָפּגעשוואַכט, בלאַס, אָנמעכטיק, דאָך האָט זי זיך אוועק־געלאָזט אין קיך, אָנגעגאָסן וואַסער אין דער שיסל און געהייסן די אויסגעמאַטערטע, דער־שראָקענע שכיינים זיך אָרומוואַשן, נעמען עפּעס עסן.

טאַראַס מיט פיליפּן האָבן געכאַפּט זאַסטעפּעס און זיך אוועקגעלאָזט אין עק הויף, זיך אַראָפּגעלאָזט אין קעלער, אָנגעצונדן קאַנעצלעך און פיבערדיק־שנעל גענומען גראָבן א באַ־העלטעניש פאַר די מענטשן. דעם אַרײַנגאַנג האָט מען צוגעדעקט מיט ברעטער, פאַרשטעלט מיט דייזשעס אַזוי, אַז קיין שום טײַוול זאָל די באַהעלטעניש ניט קאָנען געפינען, ער זאָל אַפילע זײַן מיט אַכצן קעפּ.

ביז באַגינען האָבן זיי געהאָרעוועט, און ווי נאָר עס האָט גענומען שאַרײַען, האָט מען די מענטשן אַראָפּגעפירט אין זייער באַהעלטעניש.

אָרומגעוואַשן זיך מיט קאַלטער וואַסער, זיך איבערגעטאָן, באַהאַלטן די ביקסן מיט די קוילן, האָבן טאַראַס און פיליפּ גענומען זייערע רענצעלעך און זיך שנעל אַוועקגעלאָזט צום באַצירק אף דער אַרבעט.

הײַנט האָבן זיי, ווי קיינמאָל, געאַרבעט איבערגעגעבן, ענערגיש, קעדיי דער אופזעער זאָל פאַרגעדענקען, ווי די מענטשן סטאַרען זיך פאַרן דריטן רײַך, ווי זיי זשאַלעווען ניט קיין קויכעס, די דײַטשן זאָלן גיכער באַקומען נאַפט.

מענטשן גיבן זיך ניט אונטער

דער פעטער שיקע קושניר האָט זיך קיינמאָל ניט פאַרגעשטעלט, אַז אף דער עלטער וועט אים אויסקומען איבערלעבן אַזא שוידער, אַז ער וועט זיך דאַרפן באַהאַלטן אין א פינצטערן קעלער און זיך ניט טאָרן באַווײַזן אף גאָטס וועלט, מוירע האָבן פאַרן אייגענעם שאָטן און וואָרטן, מע זאָל אים אַראָפּלאָזן אין זײַן לעבעדיקן קייווער א טעפּל געקעכץ, א שטיקל ברויט, וואָס ניט ער אַליין האָט עס פאַרדינט באַ דער קאָוואַדלע!

נאָך מער האָט אים געמאַטערט דער געדאַנק, אַז אין דער שרעקלעכער צײַט, ווען פיליפּ און טאַראַס קראַווטשוק מוטשען זיך, ווי אָפּן טויט, ביז זיי פאַרדינען זיך אָפּן טאָג דורכקוי־מעניש, קומט זיי אויס אָפּרײַסן פון זיך דעם ביסן און אוועקטראָגן אים און זײַנע כאַווײרים, דער פרוי, רייזלען, זאַלמענען.

ווען מע זאָגט אים פריִער מיט א פּאָר וואָכן, אַז אַזוינס איז מעגלעך, אַז מע וועט אים אופּטאָרען פונעם שלאָף און אוועקפירן צום טויט, וואָלט ער יענעם אָנגעקוקט, ווי א מעשוגענעם.

אַזוינס איז נאָך ניט געווען אין דער געשיכטע! ער האָט איבערגעלייענט דעם גאַנצן טאַנאַך, א סאַך ביכער פון אַמאָליקע צײַטן, געוווּסט וועגן גרויסע גזיירעס, אומגערעכטיקײַט, קנעכטשאַפט, נאָר דאָס, וואָס ער אַליין מיט זײַנע פרײַנט האָבן איבערגעלעבט, איז ניט צו דערציילן און ניט צו באַשרײַבן.

ליגנדיק אַף זײַן מאַטראַץ אין קעלער, צוגערוקט צו דער רער, וואָס שטעקט אַרויס אין דרויסן, אַז עס זאָל אַרײַנקומען אַהער אַ ביסל פרישע לופט, האָט ער געהאַלטן אין אײן טײַנען צו זײַניקע, גלײַך ווי יענע וואָלטן געקאָנט ענטפֿערן אַף זײַנע טויזנט שאַלעס.

רײזל איז גאָר משוגע געוואָרן. זי פּאַרעדט זיך שוין. אַזאַ יונגע, אַזאַ שײנע, מאַלע־כײן. אירע שוואַרצע סמאַלע־האָר זײַנען גראָוו געוואָרן אין אײן מינוט, פּאַר אַלעמען אין די אויגן. זי עסט ניט און טרינקט ניט. זי האַלט אין אײן פֿרעגן, וווּ איז איר בעניאַכיד, איר יוליס? פֿאַרוואָס ברענגט מען אים ניט צו איר, זי זאָל כאָטש אײן קוק טאָן אַף אים? מע קאָן שוין אויך ניט דערקענען שיפֿרען. אַלעמאָל קומט אויס זי ראַטעווען. דאָס האַרץ אירס ווערט שיר ניט צעריסן פֿון צאַר. זי בעט אַף זיך יעדע רעגע דעם טויט. און ער, זאַלמען, — וואָס טוט זיך מיט אים? ער בעט, אַז פיליפ זאָל אים געבן אַ ביקס, ווערט ער גײן נעקאָמע נעמען. וווּהין ווערט ער איצט גײן, אַז אַף יעדן שריט און טריט לויערט דער טויט! מע דאַרף צוווּאַרטן, עפּשער ווערט זיך עפּעס אײַנשטעלן, די קוילער וועלן אַזוי שטאַרק ניט ווילדעווען און מע ווערט זיך קאָנען נעמען פֿאַרן געווער.

שיקע קושניר האָט אַלעמען באַרויִקט, יעדן באַזונדער אויסגערעדט דאָס האַרץ, ער האָט אַלץ געטרײַסט, אַז מענטשן זײַנען נאָך דאָ אַף דער וועלט, עס לעבט נאָך דאָס גרויסע רוס־לאַנד, וואָס ווערט ניט לאָזן, מע זאָל די וועלט פֿאַרוואַנדלען אין אַ משוגאָים־הויז, רוסלאַנד ווערט געפֿינען אָן אָפּראַווע אַף די היטלערישע כײַעס...

פיליפ... עך, ווי מע קאָן אַמאָל אַ טאָעס האָבן אין אַ מענטשן! און טאַקע, מע טאָר וועגן אַ מענטשן ניט טראַכטן שלעכטס, קאַלזמאַן דו זעסט אים ניט אין אַ שווערער מינוט. ווער האָט זיך געקאָנט פֿאַרשטעלן, אַז אָט דער שטילער, רויִקער מענטש, וואָס ברענגט קײנמאָל ניט אַרויס קײן הויך וואָרט, זאָל צוליב שכײנים גײן אַף קידעש־האַשעם, אײַנשטעלן פֿאַר יענעם דאָס לעבן?

מאַרגאַריטע האָט אײַנגערעדט דעם פֿאָטער, אַז זי איז שוין געזונט און קאָן שוין אַרומ־גײן, גרײטן פֿאַר די מענטשן עסן. סוכאָדאָל און די מומע נאַסטיע, וואָס קומען אָפּטלעך צו איר, האָבן זי געוואָרנט, אַז זי מוז נאָך ליגן, זי דאַרף זיך היטן. נאָר ווי האָט זי זיך געקאָנט היטן, אַז אַזויפֿיל זאָרגן האָט זי באַלאַגערט.

דער אָבער האַנס קעצלבראַנדט האָט שטאַרק איבערגעלעבט, וואָס די געשעפֿטן גײען בײַ אים ניט אַזוי, ווי ער האָט זיך אויסגעמאָלט, אַז צו וואָס ער נעמט זיך ניט, גײט עס אים מיט דער פּוטער אַראָפּ. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער ווערט אין אַ פּאָר וואָכן אַרום אופֿלעבן די פֿאַרוואַלגערטע נאַפֿט־קוואַלן און צושטעלן דער אַרמײ ברענשטאָף, נאָר אַ נעכטיקער טאָג, עס האַלט נאָך מיט דעם אײניגן גאַנץ ווײַט. באַמיִענדיק זיך אָפּרײניקן דעם קאַנט פֿון קאָמוּ־ניסטן, סאָוועטישע אַגענטן, דיווערסאַנטן, ייִדן, האָט ער אײַנגאַנצן פֿאַרגעסן אין דעם באַצירק, און עס האָט זיך באַקומען דער רועך ווײסט וואָס! גוטע נאַפֿטלער, אַנשטאָט אָפּרײניקן די נאַפֿט־גריבער, וואָס די סאָוועטן האָבן פֿאַרהאַקט, אײדער זײ זײַנען אָפּגעטראָטן, גײען אַרום מיט זאַסטעפּעס, פֿאַריכטן די וועגן, טוען זאַכן, וואָס וואָלטן געקאָנט צוואַרטן. אָט האָט מען שוין אָפּגערײניקט פֿונעם אײַזנברוך אײן סקוואַזשינע, און עס האָט זיך געדוכט, אַז מע ווערט שוין קאָנען פֿון דאָרטן אַרויסבאַקומען ברענשטאָף, איז דאָרט ווידער געשען אַן אַוואַריע און אַלץ האָט זיך אָפּגעשטעלט.

דער אָבער האָט אַראָפּגעבראַכט אַהער פֿון ליובאָוויטש צוויי אופֿזעער, צוויי פֿאָלקס־דײַטשן, וועלכע זײַנען מעסוקן טרײַ געוועזן דעם דריטן רײַך און צוגעזאָגט, אַז זײ וועלן שנעל אַלץ ברענגען אין אָרדענונג. די לײַט זײַנע האָבן זיך ווירקלעך מיט ברען גענומען צו דער אַרבעט, אײַנגעשטעלט אַן אײַזערנע דיסציפּלין, געצוווּנגען אַרבעטן גאַנצע מעסלעסן. ס'איז דורכגעגאַנגען אײַנגאַנצן אַ וואָך, און אײנער פֿון די דאָזיקע אופֿזעער איז געוואָרן אַ קאַליקע. אין אַ שײנעם פֿרימאָרגן איז ער געשטאַנען בײַ אַ טורעם און געשפּירט, ווי די שווײַנען אַרבעטן. פּלוצעם איז פֿון אויבן, פֿון טורעם, אַראָפּגעפֿאַלן אַ סלופּ און איבערגע־בראָכן דעם אופֿזעער בײדע פֿיס... ווען דער אָבער איז געקומען און אָנגעהויבן אויספֿאָרשן, האָבן אַלע, ווי מע וואָלט זיך צונויפֿגערעדט, געזאָגט, אַז יענער איז אַלײן שולדיק. ווײַל ווער ווײסט עס דען ניט, אַז מע טאָר ניט בעשאַס דער אַרבעט שטײן און כאַפּן פֿליגן. דאַנקען גאָט, האָבן זײ געזאָגט, וואָס ער איז געבליבן נאָר אָן פֿיס. ער וואָלט אויך געקאָנט בלײַבן אָן אַ קאָפּ. דער אָבער האָט געבראַכט נײַע אופֿזעער, נאָר פֿון זײ איז קײן גרויסער טאָלק ניט געווען. אײנעם האָט מען אַראָפּגעשטויסן פֿונעם באַרג אין אָפּגרונט — אײנע האָבן געזאָגט, אַז ער האָט זיך אָנגעשיקערט, זיך אַרופֿגעדראַפּעט און אַלײן אַראָפּגעפֿאַלן, אַנדערע

האָבן געטײַנעט, אַז דאָס לעבן איז אים נימעס געוואָרן און ער האָט זיך אַליין אַראָפּגעוואָרפן אין אָפּגרונט.

גיי דערגיי אַ טאָלק בײַ די שוויַינען!

און דער אָבער האָט זיך ווידער געגומען צום שמיד, דעם פרידריכן. לויט דעם, ווי די אופזעער האָבן איבערגעגעבן, אַרבעט דער מענטש גאַנץ גוט. הערט זיך צו, וואָס מע זאָגט אים, פּילט אויס אַלע באַפעלן, נאָר ער פירט זיך זייער מאָדנע. רעדסטו צו אים, הערט ער אויס, שאָקלט מיטן קאָפּ, נאָר טאָן טוט ער זיך זײַנס. דו הייסט אים רייניקן די נאַפט־גרוב, שטעלט ער זיך פאַריכטן די עסטאַקאַדע, קאָוועט עפּעס אין קוזניע. ער נעמט זיך גאַנץ געשמאַק פאַר דער אַרבעט, נאָר ניט צו יענע אַרבעטן, וואָס מע דאַרף מאַכן אין דער ערשטער ריי. זידלסטו אים דערפאַר, זאָגט ער, אַז אַזוי איז ער צוגעוווינט. ביז ער ענדיקט ניט איין אַרבעט, וועט ער זיך ניט נעמען פאַר אַ צווייטער.

דער אָבער האָט אים אַרויסגערופן, פּיליפּן, צו זיך אין קאַבינעט און אויג־אַף־אויג גע־נומען ריידן מיט גוטן:

— פרידריך, צי דען פליסט אין דײַנע אָדערן ניט קיין בלוט פון אַן אַריער? דו ביסט עלטער פון מיר, און איך דאַרף דיך ניט לערנען. וואָרום זאָלסטו ניט אַראָפּוואַרפן פון זיך די אַרבעטער־שמאַטעס, אָנטאָן אַ שניפּס און ווערן אַן אופזעער, דערנאָך וועסטו קאָנען ווערן מײַן געהילף...

— איך דאַנק אײַך, — האָט נאָך אַ לאַנגער פּאַוזע אַרויסגעבראַכט דער שמיד, — נאָר ניט מײַן פאָטער, ניט מײַן זיידע זײַנען ניט געווען קיין אופזעער און ניט קיין קאָמענדאַנטן. מיר האָבן שטענדיק געאַרבעט מיט דער לאָפּעטע אָדער מיטן האַמער בײַ דער האָרניע.

— אונדזער גרויסער פירער, — האָט איבערגעשלאָגן דער אָבער, — וויל, אַז די דײַטשן זאָלן לעבן גליקלעך. איצט וועלן אָט די רוסישע, אוקראַיִנישע, פּוילישע שוויַינען אַרבעטן אַף אונדז... דער באַרוף פון דער ריינער אַריער־ראַסע איז געוועלטיקן איבער דער וועלט. אַ העלפט פון די רוסישע שוויַינען וועט דער פירער פאַרניכטן, זיי וועלן פאַרפוילט ווערן אין די לאַגערן, און די איבעריקע וועלן אונדז באַדינען. צוליב וואָס דאַרפסטו אַזוי שווער אַרבעטן?

— איך, הער קאָמענדאַנט, בין געוווינט אַרבעטן. בײַ אײַך אַרבעט איך מיט אַלע גלײַך.

— געוויס, מיר האָט מען איבערגעגעבן, אַז דו אַרבעטסט דאָ ערלעך אַלע טאָג. נאָר איך וויל דיר פאַרגרינגערן דאָס לעבן. דײַן באַרוף איז זײַן דאָ אַן עלטסטער. דו דאַרפסט אונדז העלפן, דערציילן, ווו האָבן די פאַרפלוכטע קאָמוניסטן באַהאַלטן די מאַשינעס, ווער פירט דאָ פּראָפּאַגאַנדע קעגן רײַך.

— געוויס... איך פאַרשטיי...

— מאָרגן ווערסטו אַן אופזעער. אויב ניט, וועסטו פאַרפוילט ווערן אין טורמע, איך וועל דיך מישפּטן, ווי אַ פאַררעטער. דו ביסט אַ דײַטש, און דײַן כיווו איז אונדז קומען צוהילף. ווײַז, ווו עס זײַנען באַגראָבן די מאַשינעס.

— קיין שום מאַשינעס זײַנען נישטאָ, — האָט געזאָגט פּיליפּ, — די רוסן האָבן זיי אַרויס־געפירט קיין סיביר... זיי האָבן דאָ אַלץ פאַרניכטעט, פאַרברענט.

— ווער האָט עס פאַרניכטעט? — האָט דער אָבער איבערגעשלאָגן.

— יענע, וואָס האָבן עס געטאָן, זײַנען אַרויסגעפאָרן אַף מיזרעך. אַלץ אַרויסגעפירט.

— דו לײַגסט, דו לײַגסט! — האָט אויסגעשריגן דער אָבער, און דאָס געקנייטשטע פּאָנעם זײַנס האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט.

די קאַלטבלוטיקײַט און די איראָניע פון פּיליפּן האָט דעם קאָמענדאַנט אַרויסגעבראַכט פון די קיילים. אים האָט זיך ניט פּאָטופעט אין קאָפּ, וואָס אַ מענטש זאָגט זיך אָפּ פון אַ פּאָסטן, פון אַ הויכן לוין, פון אַ לײַכט לעבן...

— ניין, פרידריך, דו ביסט ניט קיין דײַטש, בײַ דיר פליסט ניט קיין דײַטשיש בלוט! ער איז צוגעשפרונגען צו אים און אים גענומען שלאָגן מיטן פויסט אין פּאָנעם, אין קאָפּ. פרידריך האָט אָפּגעווישט דאָס בלוט פונעם פּאָנעם, אופגעהויבן אַף דעם אָבער זײַן בליק און זיך אָנגערופן:

— אָט אַף דעם זײַנט איר פייַזק. איר האָט געזאָגט, אַז איך בין ניט קיין דײַטש? ניין, איך בין אַן עכטער דײַטש! דו ביסט אַ מערדער, דו ביסט ניט קיין דײַטש.

— פאַרמאַך דײַן מיִעס מויל, ווײַל איך וועל דיך צעקוועטשן, ווי אַ וואָרעם! — דער קאָמענדאַנט האָט אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער פון דער קאַבורע.

פרידריך איז אָפּגעטראָטן אין אַ זײַט, אַ ריס געטאָן אַף זיך דאָס העמד:

— נאָר אַף דעם זײַנט איר פייַזק. איך בין אַ דײַטש, ניט דו, איך! איך!

יענער האָט פֿרידריכן ווידער דערלאַנגט מיטן פֿויסט אין קאָפּ און אַ ריטשע געטאָן צום סאַלדאַט, וואָס איז געשטאַנען לעבן דער וואַנט, ער זאָל אים פֿאַרשפּאַרן אין טורמע.

די יעדיע, אַז מע האָט פֿאַרשפּאַרט דעם פֿאָטער אין טורמע, האָט דערשיטערט מאַרגאַריטען. זי האָט זיך ניט פֿאַרגעשטעלט, וואָס זי דאַרף איצט טאָן, וויאַזוי וועט זי איצט לעבן. איינס האָט זי געוווּסט, אַז זי מוז זיך אָנעמען מיט קויכעס און ווערן געזונט, גיין אַף אַרבעט, קעדיי האָבן די מעגלעכקייט העלפֿן דעם פֿאָטער און די מענטשן, וואָס לעבן אין דער באַהעלטעניש.

זי האָט געוווּסט, אַז מענטשן וועלן איר קומען צו הילף, זי וועט ניט בלייַבן אייִנזאַם. דעם פֿאָטער האָבן געהאָלפֿן טאַראַס, אָקסאַנאַ, סטעפּע, און זיי וועלן זי איצט אויך שטיצן מיט וואָס זיי וועלן קאָנען. נאָר צום קעלער, צו דער באַהעלטעניש טאָר קיינער ניט האָבן קיין צוטריט. בלויז זי און טאַראַס דאַרפֿן זיך באַגעגענען מיט די באַהאַלטענע.

אַ שווערער גורל איז איר אויסגעפֿאַלן. יעדער טאָג האָט געבראַכט נייַע צאָרעס, נייַע געפֿאַרן. מע האָט געלעבט אין שרעק, און די געפֿאַר האָט שטענדיק געלויערט איבערן קאָפּ.

מאַרגאַריטע האָט געפֿויעלט באַ זיך, אַז זי איז געזונט. זי קאָן זיך שוין באַוועגן, גיין, עפּעס טאָן. און אין עטלעכע טעג אַרום האָט זי צונויפֿגענומען אַ קוישל עסן, גרעט, אַ פּריש העמדל און זיך אוועקגעלאָזט קיין ראַפּייַעווקע צו דער טורמע.

די זעלבע טורמע. די זעלבע פֿאַרזשאַווערטע גראַטעס. נאָר אַנדערע וועכטער. אין קאַסקעס. אין גרינע און שוואַרצע מונדירן.

עס איז זי באַפֿאַלן אַ פּאַכעד, ווען זי האָט זיך באַגעגנט נאָענט מיט די פֿאַשיסטן.

אַ בלאַסע, אָפּגעשוואַכטע, האָט זי פֿאַרבונדן דעם קאָפּ מיט אַ טיכל און עס אַראָפּגערוקט איבער די אויגן, זי זאָל פֿאַר די טורמע־לייַט אויסזען עלטער, מיִעסער.

מע האָט זי אַרייַנגעפֿירט אין אַ קליין האַלבטונקל צימערל, ווו עס איז געזעסן באַ אַ קליין טישל אַ דאַרער פֿאַרשוין מיט אַן ערד־שוואַרץ פּאָנעם. דער פֿאַרשוין האָט געהאַט אַזאַ אויסזען, ווי עס וואָלט געווען אונטער אַ פּרעס. זייַנע גרויסע גרינע אויגן האָבן אויסגעזען, ווי אָנגעמאָלטע, ניט קיין לעבעדיקע. זיך אופֿגעהויבן, פֿאַריכט דעם פּרענטש, וואָס איז געהאַנגען אַף אים, האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט קלוימערשט מיטפֿילנדיק:

— אייַער פֿאָטער, מעדכען, געפֿינט זיך באַ אונדז? ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אונדז העלפֿן. ער שטאָלצירט ניט דערמיט, וואָס ער איז אַ דייַטש... און איר זייַט אַ דייַטשקע? — האָט ער אַ שמייכל געטאָן און איר אונטערגערוקט אַ בענקל.

— איך בעט מיר דערלויבן איבערגעבן דעם פֿאָטער שפּייַז, — האָט זי געוויזן מיט די אויגן אַפֿן קוישל, — דערלויבט מיר זיך זען מיט אים... און ווער איך בין, איז ניט וויכטיק.

— ניט וויכטיק. נאָר דייַטשיש בלוט רינט אין אייַערע אָדערן און איר דאַרפֿט זייַן שטאָלץ, וואָס איר געהערט צו דער ריינער אַריער־נאַציע.

— איך בין זייער שטאָלץ, — האָט זי אַ באַמקע געטאָן אונטער דער נאָז און, קעדיי פֿאַרענדיקן דעם געשפּרעך, אַרויסגענומען דאָס עסן און עס באַוויזן דעם פֿאַרשוין.

ער האָט אַ קוק געטאָן מיט די גרויסע פֿאַרגלייווערטע אויגן אַפֿן לעבל ברויט, אַף די ציבעלעס און אַ שמייכל געטאָן:

— באַ אונדז אין דייַטשלאַנד עסן אַזוינס ניט אַפּילע קיין שוויַינען. איר וועט זאָגן אייַער פֿאָטער, אַז אויב ער וועט זיך דערמאָנען, אַז אין זייַנע אָדערן פֿליסט אַריש בלוט, אויב ער וועט אונדז העלפֿן, וועט ער באַפֿרייַט ווערן און באַקומען באַ אונדז אַלץ. דער הער קאָמענדאַנט האָט אים פֿאָרגעלייגט אַ גוטן געהאַלט, אַ גוט הויז, און דער פֿאָטער האָט זיך אַנטזאָגט. ער וויל ניט דינען דעם פֿיורער, דעם פֿאָטערלאַנד, נאָר די סאָוועטן, די שוויַינען. גייט און זאָגט אים, ער זאָל זיך באַטראַכטן. ניט גוט, ניט גוט.

דעם אָפּיצערס ווערטער האָבן זי דערמונטערט. דער פֿאָטער איז אויסגעוואַקסן אין אירע אויגן, און זי איז מיט אים געווען שטאָלץ. איצט האָט זי שוין פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס מע האָט אים פֿאַרשפּאַרט הינטער די גראַטעס, און אַ שווערער שטיין איז אַראָפּ פֿון איר האַרצן.

דער דראָנג האָט זי באַגלייט מיטן קויטיקן שוואַרצן קאָרידאָר אין קאַמערע, ווו דער פֿאָטער איז געלעגן אַף אַ ביסל איבערגעפֿר:יטער שטרוי, אַ פֿאַרוואַקסענער, אַן אָפּגעריסענער, מיט אונטערגעשלאָגענע אויגן. אַז די טיר האָט זיך צעעפֿנט, האָט ער זיך אַפּילע ניט אופֿגעהויבן, נאָר, דערקענט די טאָכטער, איז ער אופֿגעשפּרונגען, זי אַרומגענומען.

— מאַרגאַריטע? טאָכטער מייַנע. זיי האָבן דיך אויך...

— ניין, ניין, פאַטער. מיר האָט מען דערלויבט אַרײַנקומען אַף עטלעכע מינוט צו דיר, שפּײַז איבערגעבן, — האָט זי א ווײַז געטאָן אַפן קוישל און קוים זיך אײַנגעהאַלטן, זי זאָל זיך ניט צעוויינען.

אירע אויגן זײַנען דערשראָקענע אַרומגעלאָפן איבער די ווענט. דאָס לאָשן האָט בא איר ווי אָפּגענומען, קוקנדיק אַפן פאַטער, ווי די באַנדיטן האָבן זיך איזדיעקעוועט איבער אים.

— מײַן גאָט, — האָט זי שטיל אַרויסגעבראַכט, — סאַראַ מערדער! פאַרוואָס? מײַן גאָט! ניט קיין מענטשן זײַנען זיי, ווילדע חײַעס. — און פונעם האַרצן האָט זיך בא איר אַרויסגעריסן א געיאָמער.

— טאַטע, האַלט זיך פעסט, גיב זיך ניט אונטער! — האָט זי קוים אַרויסגעזאָגט. — דער עמעס וועט זיגן.

דער פאַרשוין מיט די גרויסע טויטע אויגן איז געוואָרן מאָלע־רעציכע. דאָס פּאָנעם האָט זיך בא אים איבערגעקרימט און געוואָרן שרעקלעך. ער איז צוגעשפּרונגען צום מיידל, זי אָנגעכאַפּט פאַר די האָר און מיט כוצפּעדיקע ווערטער זי אַרויסגעשטויסן פון דער קאַמערע.

— דײַטשן זײַנט איר? קרעציקע הינט, ניט קיין דײַטשן! — האָט ער געשריגן.

און האַלטנדיק זי פאַר די צעפּ, אַרויסגעשטויסן אַף דער גאַס.

מאַרגאַריטע האָט ניט געפילט קיין ווייטעק. זי איז געווען גליקלעך, וואָס זי האָט כאָטש עטלעכע מינוט געזען דעם פאַטער, וואָס זי האָט זיך איבערצײַגט, אַז ער איז ניט אײַנגעבראָכן. זי איז געגאַנגען פאַמעלעך. דער קאָפּ האָט זיך מוירעדיק געדרייט. אָך, ווי עס פעלט איר איצט אויס דער פאַטער, אירע טרײַע פרײַנט יוליס און סטאַסיק! יענע זײַנען שוין געווען אין פיל שטעט, זײַנען שוין דערוואַקסן און וואָלטן איר געקענט פאַרענטפערן פיל פראַגן. נאָר ווער ווייסט, ווו זײַנען זיי און וואָס איז מיט זיי געשען?

א פאַרמאַטערטע איז מאַרגאַריטע געקומען אַהיים. עס איז שוין געווען פינצטער, און אין די אַרומיקע הײַזער האָט מען לאַנג אויסגעלאָשן די שײַן. טאַראַס איז ניט געשלאָפן. ער איז געשטאַנען בא דער טיר און געוואַרט אַפן מיידל. ער האָט זיך שטאַרק באַאומרויִקט, וואָס זי האָט זיך אַזוי לאַנג ניט אומגעקערט, שוין איבערגעטראַכט דאָס ערגסטע.

מאַרגאַריטע האָט שנעל אויסדערציילט וועגן דער באַגעגעניש מיטן פאַטער און דעם אָפּיצער. ער האָט אופמערקזאַם זי אויסגעהערט, באַרויִקט, ווי ער האָט געקענט, און מיטן קלומעקל עסן, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך, פאַרזיכטיק זיך אַראָפּגעלאָזט אין קעלער, אין דער באַהעלטעניש פון זײַנע פרײַנט. ער האָט זיי געדאַרפט פיל דערציילן. דעריקער זאָגן, זיי זאָלן ניט פאַרלירן די האָפענונג, ניט אַראָפּפאַלן בא זיך. וואָס עס זאָל ניט געשען אין יישעוו, וועט מען זיי ניט פאַרלאָזן. ער האָט זיי אויך געבראַכט גוטע נײַס, וואָס דער ברודער האָט איבערגעשיקט אַהער פון די בערג: היטלערס בליצקריג איז דורכגעפאַלן. עס איז א ליגן, אַז די פאַשיסטן האָבן פאַרכאַפּט מאָסקווע און לענינגראַד... און קאַלזמאַן מאָסקווע לעבט, וועט לעבן די ראַטנמאַכט, דער סוינע וועט צעשמעטערט ווערן.

נאָך עטלעכע כאַדאָשים איזדיעקעווען זיך איבער פרידריכן האָבן די פאַשיסטן באַשטימט, אַז ער איז אַראָפּ פון זינען, און מע האָט אים אַרויסגעטריבן פון דער טורמע. אויב ער וויל ניט לעבן שיין און ברייט, ווי אַלע דײַטשן און פאָלקסדײַטשן, טאָ זאָל ער אומקומען פון הונגער צוזאַמען מיט די רוסישע און אוקראַיִנישע שווײַנען.

אַזאַ איז געווען דער אורטייל נאָך דעם, ווי מע האָט אים ניט געקאָנט אײַנברעכן.

א קראַנקער, צעשלאָגענער, האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים. מאַרגאַריטע מיט די שכיינים האָבן זיך דערשראָקן, קוקנדיק אַף אים.

פיליפּ האָט ווייניק גערעדט. ער האָט געוואָלט לעבן ווי אַלע, און אים האָט ניט געאַרט, וואָס די פאַשיסטן האַלטן אים פאַר א מעשוגענעם.

מאַקסים סוכאָדאָל האָט אַף א צײַט גענומען פיליפּן צו זיך אין שפּיטאָל, און ביסלעכווײַז איז דער „מעשוגענער" געקומען צו־זיך.

פיליפּ האָט אָנגעהויבן מײַסטערווען אין שטוב קווערטלעך, טאַבורעטקעס, שאַפּקעלעך אַף צו פאַרקויפן. ער האָט אויסגעאַרבעט פאַרשיידענערליי ברען־מאַשינקעס פון קוילן־הילזעס, לעמפּעלעך, און דאָס האָט אים געגעבן א מעגלעכקײַט זיך און די טאָכטער דערנערן און דערנערן די מענטשן, וועלכע ער האָט אויסגעהאַלטן בא זיך אין קעלער.

אָנהײב פרילינג, נאָך דעם שווערן, הונגעריקן ווינטער, האָט פיליפּ זיך אָנגעהויבן פילן בעסער. ער האָט זיך אָבער באַמיט ניט וואַרפן אין די אויגן פון די דײַטשן.

דאָס, וואָס אַפן באַצירק האָט מען נאָך אַלץ ניט פאַריכט די נאַפט־סקוואַזשינעס און נאַפט האָט מען אַרויסבאַקומען זייער ווייניק, האָט ניט געלאָזט רוען דעם קאָמענדאַנט און זײַנע

אופזועער. מע האָט ניט באוויזן אופשטעלן א טורעם, אָנהייבן ארויסבאַקומען ברענשטאָף, ווי ער איז אפסניי קאַליע געוואָרן. און די דײַטשן האָבן געזוכט די שולדיקע, דורכגעפירט נײַע און נײַע אָבלאַוועס, אונטערזוכונגען אין אלע ווינקלען.

טאַראַס מיט פיליפן האָבן זיך באַטראַכט, אז האַלטן ווײַטער אין זייער באַהעלטעניש, אין קעלער, די מענטשן איז געפערלעך און מע וועט דאַרפן, ווען עס וועט זיך אײַנשטעלן א טרוקענער וועטער, צוזוכן אין די בערג א ווינקל, ווו מע וועט קאָנען אויסגראָבן א מער זיכערן בונקער, קעדיי אונטער א נויט אריבערפירן אהין די פריינט.

דער אומדערוואַרטער גאַסט

אין איינעם פון די סאָפּהאַרבסטיקע אָוונטן, ווען עס האָט געגאָסן אן אײַנגעאַקשנטער רעגן, אן איבערגעמישטער מיט שניי־גריפּן, פון יענע רעגנדלעך, וואָס, אז זיי טשעפּען זיך צו אין די קאַרפּאַטן, קאָנען זיי זיך זיפּן וואָכנווײַז, איז צו פיליפּס הויז צוגעפאָרן א שוואַר־צער „מערסעדעס". פון דאָרטן זײַנען אַראָפּגעשפּרונגען צוויי בראַווע יונגע אָפיצערן אין נײַע שוואַרצע מונדירן מיט הויכע היטלען, אף וועלכע עס האָבן געגלאַנצט די שײַנע צייכנס — צוויי איבערגעקרייצטע ביינער מיט א שאַרבן.

לויט דעם, ווי די מאַשין איז געווען פאַרליאַפּעט מיט בלאָטע, איז געווען צו זען, אז זי איז אהער געקומען פון אויסרײַסעניש.

פיליפּ, וואָס איז א מידער, אן אויסגעווייקטער פונעם רעגן, געשטאַנען בא דער גרויסער שיסל אונטערן בוים און געוואַשן זיך, קעדיי זיך זעצן עפּעס איבערכאַפּן — ער האָט שוין ווידער געאַרבעט אפן באַצירק, — האָט זיך דערשראָקן אײַנגעקוקט אין די אומגעבעטענע געסט און געבליבן שטיין א דערשיטערטער.

ער האָט זיך גראָדע געקליבן אַראָפּטראָגן אין קעלער פאַר זײַנע כאַווירים שפּײַז און זיי ארויספירן א ביסל אף דער פרישער לופט. איז האָסטו דיר!

וואָס האָט דער אומגעוואַרטער באַזוך געקאָנט באַטײַטן?

שיקט זיך, א שפּאָגל־נײַע אָבלאַווע? מע האָט דאָך פריִער אויסגעמיטן זײַן הויף, ווײַל ער, פיליפּ, איז לויט דעם כעזשבן פון די באַלעבאַטים געווען א מעשוגענער.

ער האָט איבערגעפּירט דעם בליק אפן סעדל, נאָר דאָרטן איז קיינער ניט געווען. עפּעס ניט ענלעך אף קיין אָבלאַווע, און ער האָט זיך א ביסל באַרויִקט, ארײַנגעגאַנגען נאָך דעם פּאָרל אין שטוב.

איינער פון די געקומענע איז געבליבן שטיין אף דער שוועל, באַטראַכטנדיק די אָרעמע באַלעבאַטישקײַט, און זיך פאַרקרימט. דער אנדערער האָט א קלאַפּ געטאָן מיט די אַפּצאַסן און פריילעך אויסגעשריגן:

— נעמט אוף געסט!

מאַרגאַריטע, וואָס האָט זיך געפּאָרעט באַם טיש, איז אוועקגעגאַן צום אויוון, און פיליפּ, ניט קוקנדיק אף די ארײַנגעקומענע, האָט פאַרגעזעצט זיך אַרומוווישן מיט דעם האַנטעך.

— אַלאָ, איר דערקענט מיך ניט? — האָט דער ערשטער זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

פיליפּ האָט אָפּגעמאָסטן מיט א קאַלטן בליק דאָס פולבלעך־זעלבסטצופרידענע פּאָנעם פונעם יונג, און א קנייטש געטאָן מיט די אקסל. ניין, ער דערקענט ניט, כאָטש אין האַרצן בא אים האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן, ווען ער האָט דערזען בערטעס בענאַק...

— פּאַטער, וואָס זשע, טאָמאַסן דערקענט איר ניט? דאָס בין איך, טאָמאַס! — האָט יענער פײַערלעך אויסגעשריגן און זיך א לאָז געטאָן צו אים מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע הענט, נאָר דער פאַטער האָט זיך ווי ניט אומיסטן אויסגעקערעוועט צו אים מיטן רוקן.

זיך א ביסל פאַרלוירן פונעם קאַלטן אופנאַם, האָט טאָמאַס געמאַכט א טראָט צום אויוון, ווו עס האָט זיך געפּאָרעט די שוועסטער, און שוין ווייניקער פײַערלעך זיך אָנגערופן:

— זע נאָר, מאַרגאַריטע, ווי דו ביסט אויסגעוואַקסן! און דו דערקענסט מיך אויך ניט?

זי האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט א לאַנגן שווײַגנדיקן בליק:

— טאָמאַס? און מיר האָבן שוין געמיינט...

ער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט מיט א שיקער געלעכטער, געוומען צעשפּיליען דעם פרענטש מיט די בליאַכעס:

— האָסט געמיינט, אז טאָמאַסן האָט מען שוין דערהאַרגעט? ניין, טאָמאַס לעבט! ניט

אזוי גיך וועט מען טאָמאסן... אַלאַ, ריכאַרד, וואָס שטייסטו, ווי אַ פּרעמדער, טו זיך אויס, פּיל זיך ווי בײַ זיך אין שטוב, — און ער האָט אים אונטערגערוקט אַ טאַבורעטל.

— זעץ זיך צו. באַקען זיך מיט מײַניקע. ווי געפעלט דיר מײַן פּאַטערס פּאַלאַץ? נישקאָ־שע, איך וועל זיי אַריבערפירן צו זיך קיין לעמבערג. גענוג געמאַטערט זיך אין דער לאָך. דאָרטן האָב איך פאַר זיי צוגעגרייט אַ ווונדערלעך מאָווערל, ווו עס האָט געוווינט דער פּאַרזיצער פון שטאַטראַט. — ער האָט זיך ווידער פאַנאַנדערגעלאַכט, אָפּגעשפּיליעט דעם רי־מען מיטן רעוואָלווער, אַראָפּגענומען דעם נאַסן קיטעל און אים אופגעהאַנגען אויפן בענקל אַזוי, אַז דער פּאַטער און די שוועסטער זאָלן זען דעם אײַזערנעם קרייץ.

ער איז צוגעגאַנגען צום אויוון, אַרײַנגעקוקט אין די טעפּ, דערנאָך אַ פּײַף געטאָן צום שאַפער, וואָס איז געבליבן אין דרויסן בײַ דער מאַשין, און באַפוילן ברענגען דעם קויש מיטן עסנוואַרג.

מיט דער פלינקײַט און זאַכלעכקײַט פון אַ קעלנער האָט טאָמאַס צעשטעלט אויפן טיש דאָס גוטס, וואָס איז געווען אין קוישל, אויפגעפּראָבקעוועט אַ פלאַש קאָניאַק און אונטערגע־ווונקען צום פּאַטער און דער שוועסטער:

— זעצט זיך, וועלן מיר אויסטרינקען פאַר אונדזער זיג.

טאָמאַס האָט איבערגעקערט אין גאָרגל אַרײַן די גלאָז און געשמאַק גענומען פאַרבײַסן מיט אַ שטיק וווּרשט.

זײַן קאָלעגע, דאָס דאַרע בלאָנדע אָפיצערל מיט די שמייכלענדיקע בלאָווע אויגן, האָט אַ באַמקע געטאָן „כּײַלן" און אויך אויסגעטרונקען, זיך גלײַך גענומען פאַר דער אכילע. צווײ פּולע גלעזלעך זײַנען געבליבן שטיין אויפן טיש.

— זע נאַר, און פאַרוואָס טרינקט איר ניט? — האָט טאָמאַס אויפגעהויבן דעם בליק אויף פּיליפּן און מאַרגאַריטען. — בײַ אונדז, אַז מע האַלט ניט אונטער אַזאַ טאָסט, קאָן מען באַקו־מען טויט־שטראָף, מיר טרינקען דאָך פאַר אונדזער פּירער, — ער האָט אַ ווונק געטאָן אויפן לאַץ פון זײַן קיטעל, — און פאַר מײַן ערשטן קרייץ.

דער פּאַטער האָט זיך געפּאַרעט אין שופלאָד, קלוימערשט עפּעס געזוכט, און ניט געקוקט אין יענעמס זײַט. מאַרגאַריטע איז געשטאַנען באַם פענצטער אַ בלאַסע, אָן אופגערעגטע. „אַפילע ניט געפרעגט, ווו איז די מוטער..." — האָט זי אַ טראַכט געטאָן, געוואָלט אים זאָגן, נאָר זיך פאַרהאַלטן, קוקנדיק, ווי ער שלינגט זשעדנע דעם ווורשט.

טאָמאַס האָט איבערגעקערט אין מויל דאָס צווייטע גלעזל, פאַרביסן און צוגעגאַן צו פּיליפּן מיט אַ שטיק ווורשט אין די ציין, אַ קלאַפּ געטאָן אים איבער דער פּלייצע:

— נעמט, פּאַטער, טרינקט אויס מיט אונדז. דאָס איז ריכאַרד, מײַן בעסטער פרײַנט. מיט אים זײַנען מיר פונעם ערשטן טאָג אין פײַער צוזאַמען.

— זייער שיין, — האָט פּיליפּ, אַראָפּנעמענדיק טאָמאַסעס האַנט פון דער פּלייצע, שטיל געזאָגט, — אַפילע אויף דער מוטער פרעגסטו ניט... דיך האָט דאָך אַ מוטער אַמאָל געבאָרן.

— אַך, יאָ! שיר ניט פאַרגעסן, — האָט טאָמאַס זיך געכאַפּט, — דער קאָפּ איז אַזוי פאַר־טראָגן. אַלע טאָג אין וועג. אַ שווערע שטראָף־אָפּעראַציע... איר מיינט, אַז אומזיסט האָב איך באַקומען אַ קרייץ און פאַגאָנעס פון אָן אָפיצער? ווו איז די מוטער? זי וועט באַלד אַרײַנגיין? איך וויל אויסטרינקען פאַר מײַן מוטער...

פּיליפּ האָט טיף אַ זיפץ געטאָן:

— יאָ, זי וועט באַלד אַרײַנגיין.

— מאַרגאַריטע, קאָך אונדז אָפּ קאַפע. איך האָב געזאָגט ריכאַרדן, מײַן פרײַנט, אַז דו גרייטסט גלענצנד קאַפע. אָט שטייט זי אין קוישל. בעסער גרייט צו זודיקע וואַסער, וועל איך אַליין. אין רעסטאָראַן, ווו איך האָב געאַרבעט, האָט קיינער ניט געקענט קאָכן קיין קאַפע, ווי איך. איך וועל דיך אויך אויסלערנען. גרייט נאָר צו זודיקע וואַסער.

ער האָט ווידער אויסגעטרונקען, פאַרביסן און ניט אופגעהערט פּלאַפּלען:

— אַ שווידערלעכער וועטער. אָבער אַז איך טרינק גוט אויס, נעמט מיך ניט קיין קרענק. אַזאַ שווערער טאָג הײַנט! די רוסישע שווײַנען לעבן ליובאָוויטש, וואָס זיצן אין לאַגער, די געפאַנגענע, האָבן אופגעהויבן אַ בונט, זיך געוואָלט צעלויפן. נו, מיר האָבן זיי געגעבן! קיין איינעם ניט איבערגעלאָזט לעבעדיק... ווילדע שווײַנען. איינער אַ פאַרווונדעטער האָט מיך אַ ביס געטאָן אין פוס, ווען איך האָב אים אַ טאָרע געטאָן... ער האָט בײַ מיר גלײַך געקראָגן נאָך אַ קויל און זיך באַרויִקט.

— יאָ, דו געדענקסט, ריכאַרד, דאָרטן איז געווען אַ מעדכען. אַ שיינע, מיט שוואַרצע אויגן. זי האָט זיך געוואָרפן מיט אַ מעסער אויף אונדזער גרופּנפירער. אַ פאַרווונדעטע, און מיט אַ מעסער, אַזאַ טײַוול! ווען איך דערשיס זי ניט, וואָלט זי דעם גרופּנפירער דערשטאָכן.

מאַרגאַריטע האָט זיך אײַנגעהערט אין די שרעקלעכע רייד און זיך קוים אײַנגעהאַלטן, זי זאָל טאָמאסן ניט אָנשפּײַען אין פּנים. זי האָט אַף אים געקוקט מיט דערשראָקענע אויגן און ניט געגלייבט, אַז איר ברודער איז געוואָרן אַזאַ אויסוואורף. וואָס וועט זײַן, אויב עמעצער פון די שכיינים וועט אים זען אין דער פאַרהאַסטער אוניפאָרם מיטן קרייץ! וואָס וועט מען זאָגן וועגן איר, וועגן פאָטער? ניין, דאָס איז שוידערלעך! ווי זאָגט מען אים, אַז ער זאָל אוועקגיין פונדאַנען, אַז זי פאַראַכטעט אים צוזאַמען מיט אַלע זײַנע לײַט. בעסער וואָלטן איר די אויגן אַרויס, איידער זי האָט דערזען דעם אויסוואורף. בעסער וואָלט זי טויב געוואָרן, איידער זי האָט דערהערט זײַנע שוידערלעכע רייד! ווען עס זיצט ניט אָט דער ריכאַרד, וואָס שמייכלט נאַריש און פרעך, און מעסט זי ניט אַלעמאָל מיט זײַנע כוצפּעדיקע בלאָווע אויגן, וואָלט זי אים דערלאַנגט מיט אַ שטיק האָלץ אין קאָפּ, ווי דער פאָטער האָט געטאָן דאָרטן, באַ דער שול, זי וואָלט אים מיט די פיס געטאָפּטשעט.

מאַרגאַריטע האָט זיך איבערגעקוקט מיטן פאָטער. ער איז געזעסן אַף דער באַנק באַם אויוון מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַ דערשיטערטער. זעט אויס, ער האָט איצט געטראַכט פּונקט אַזוי, ווי זי. עס האָט זיך געפילט, אַז ער האַלט זיך קוים אײַן, נאָר פאַרביסן די ליפּ, האָט ער געשוויגן.

טאָמאַס האָט צעשפּיליעט דאָס העמד, זיך אופגעהויבן, געמאַכט עטלעכע טריט איבערן צימער, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— יאָ, און איך האָב געמיינט, אַז איר האָט זיך שוין געקראָגן גוט מעבל. אָרעם לעבט איר. איך וועל קומען אַ צווייט מאָל, וועל איך אײַך ברענגען אַ גאַנצע לאַסטמאַשין מיט אַנטאָן, קילעמעס, געפעס. באַ מיר אין לעמבערג איז די גאַנצע שטוב פאַרוואַלגערט מיט גוטס. די סאָוועטן האָבן אַלץ געוואָרפן. אַ קאָמעדיע... דער גרופּנפירער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ווען דער קריג וועט זיך ענדיקן, וועט ער מיך מיטנעמען קיין בערלין. און אײַך וועל איך אויך נעמען אַהין. גענוג זיך מאַטערן אין דער לאַך.

— אַ דאַנק, טאָמאַס, פאַר דײַן גוט האַרץ, — האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ פיליפּ. מאַרגאַריטע האָט געזען, ווי עס האָבן זיך צוניפגעדריקט דעם פאָטערס פינגער אין אַ פויסט. זי איז צוגעשפּרונגען, אים אַרומגענומען און אַ שעפּטשע געטאָן, ער זאָל זיך באַרויקן. טאָמאַס איז איצט ווילד, שיקער, און מע קאָן פון אים אַלץ דערוואַרטן.

שאָקלענדיק זיך, איז טאָמאַס צוגעגאַנגען צום אויוון, אַרויסגעשלעפּט דעם זודיקן טשײַניק, אוועקגעשטעלט אים אַפן טיש און גענומען גרייטן קאַווע. פּלוצעם האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אָנצילנדיק דעם בליק אַף דער שוועסטער, און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— יאָ, מאַרגאַריטע, שיר ניט פאַרגעסן! איך האָב דיר געבראַכט אַ גרוס פון דײַנע קאַוואַלערן — פון סטאַסיק קראַוועטשוקן און דעם יידן מיט די ברילן, ווי הייסט ער דאָרט... יוליס.

מאַרגאַריטע איז דערציטערט געוואָרן.

אָפּגעזופּט אַ ביסל קאַווע פון דער טשאַשקע, האָט טאָמאַס פאַרגעזעצט:

— דו געדענקסט זיי, ריכאַרד, צווי העלדן! לעבן לעמבערג, אין לאַגער פון די קריגס-געפאַנגענע, האָב איך זיי דערקענט. פאַר דעם קריג בין איך באַ זיי געווען אין טעכניקום. זיי זײַנען דאָרטן געוואָרן פלאַמיקע קאָמסאָמאָלצעס. נו, אַז דער קריג האָט זיך אָנגעהויבן, זײַנען זיי אוועק אין דער רוסישער אַרמיי. זיך געשלאָגן הינטער לעמבערג. און מע האָט ביידע פאַרכאַפּט אין געפענקעניש. זיי זײַנען, עמעס, געווען פאַרוווּנדעט. מיט אונדזער גרופּנפירער זײַנען מיר געקומען אין לאַגער. און דאָרטן האָב איך זיי דערקענט. איך הייב אָן מיט זיי ריידן, געוואָלט ראַטעווען, און זיי קוקן ניט אַף מיר. עס געפעלט זיי ניט מײַן מונדיר. נו, טראַכט איך, אויב אַזוי, וועט איר פאַרפוילט ווערן צוזאַמען מיט אַלע קאָמוניסטישע שווײַנען. דעם מיט די ברילן, יוליסן, האָט מען גלײַך אַפן אָרט צעשאָסן — ער האָט פרעך באַליידיקט אונדזער פירער. און דעם סטאַסיקן האָט דער גרופּנפירער פאַרגעלייגט אַרײַנטרעטן צו אונדז אין דינסט. און וואָס מיינסטו? דער סמאַרקאַטש האָט אָנגעשפּיגן דעם מאַיאָר אונדזערן אין פּנים! און מיר האָבן זיך מיט אים גלײַך צערעכנט... מער וועט ער שוין ניט שפּײַען!

מאַרגאַריטע האָט געפילט, ווי דער קאָפּ האָט זיך איר פאַרדרייט, אָט־אָט וועט זי פאַלן, און, קוים אײַנהאַלטנדיק אין זיך דעם געוויין, אַרויסגעלאָפן אין הויף.

דערזען, ווי די שוועסטער איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב און דער פאָטער האָט זיך אָפּגעקערט, האָט טאָמאַס אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסל. פאַררייכערנדיק אַ פּאַפּיראָס, האָט ער געזאָגט צו ריכאַרדן:

— נערוועזע זײַנען מײַנע פרײַנטלעך געוואָרן. מע קאָן מיט זיי קיין וואָרט ניט אויסריידן, — ער האָט אָנגעגאָסן זיך און זײַן קאָלעגע נאָך צו גלעזלעך, — מע דאַרף זיי מיטנעמען

אַף אַן אַקציע, וועלן זיי ניט זײַן אַזוי נערוועז. געדענקסט, באַם קעגנטאַנקען־יאַר לעבן סאַמ־באַר, ווען לעבעדיקע האָבן אָנגעהויבן אַרויסקריכן פון אונטער די דערשאָסענע. דאָס ערשטע מאָל איז מיר אויך געווען שרעקלעך. כ׳האָב געשאָסן און ניט געקוקט. דערנאָך — זיך צוגעוווינט. און דו, ריכאַרד?

— געוויס, — האָט יענער אַ באַמקע געטאָן אונטער דער נאָז און צוגעפּאַלן מיטן קאָפּ צום טיש.

פּיליפּ האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט עס מער ניט אויסהאַלטן. טאָמאַסעס רייד האָבן אים ניט געלאָזט לעבן. „מײַן גאָט, — האָט ער געטראַכט, — ווען וועט זיך דאָס ענדיקן? איך וועל אַראָפּ פון זינען. איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטן. אויסגעכאָוועט אַ שרעקלעכע גיפטיקע שלאַנג. ווען איך וויים, וואָס פאַר אַ טײַוול דאָס וואַקסט, וואָלט איך אים דערשטיקט אין וויג. אַ גליק, וואָס בערטע האָט ניט דערלעבט די שאָ און זעט ניט טאָמאַסן. זי וואָלט אָפן אָרט געשטאָרבן".

דער שאָפער האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער, דערמאָנט טאָמאַסן, אַז עס איז שוין שפּעט און ביז באַגינען מוזן זיי זײַן אין דער זאָנדערקאָמאַנדע. עס שטייט פאָר אַ גרויסע אַקציע אין דער געטאָ.

פון די ווערטער איז טאָמאַס אַ ביסל געקומען צו־זיך. אופגעוועקט ריכאַרדן, זיך שנעל געגומען אָנטאָן.

דער שאָפער האָט אַרײַנגעבראַכט אין שטוב אַן עמער קאַלטע וואַסער פונעם ברונעם, גענומען גיסן די וואַסער די אָפיצערן אַפן קאָפּ. שוין פון דער שוועל האָט טאָמאַס אַ זאָג געטאָן צום פאָטער, אַז ער אַנטשולדיקט זיך, וואָס ער איז הײַנט אַזוי ווייניק דאָ געווען. ווען־ניט־איז, באַ אַ גינסטיקן פאַל, וועט ער ווידער זיך אַראָפּכאַפּן צוגאַסט.

פּיליפּ איז געבליבן שטיין אינמיטן דער שטוב מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט. דערהערט, ווי פון יענער זײַט פענצטער האָט זיך צעזשומעט דער מאָטאָר און דער שוואַרצער „מערסע־דעס" איז אָפּגעפאָרן, האָט ער פרײַער אָפּגעאָטעמט, אופגעהויבן די אויגן צו דער סטעליע און אַרויסגעשעפּטשעט:

— מערדער, אַהין ניט פאָרפאָרן און צוריק ניט קומען. די ערד זאָל אַרויסוואַרפן דײַן מיִעס געביין. קיין זייכער זאָל פון דיר און דײַן בלוטיקער קנופּיע ניט פאַרבלײַבן!

פּיליפּ האָט צעעפנט דאָס פענצטער אַף דורכלופטערן די שטוב, טאָמאַסעס געדעך זאָל דאָ ניט פאַרבלײַבן. ער האָט אַרײַנגערופן מאַרגאַריטען. זי איז געשטאַנען צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט אַ פאַרכאַלעשטע. דאָס האַרץ איז שיר ניט צעריסן געוואָרן. זי האָט געטראַכט גלײַך לויפן צו סטעפען, צו אַקסאַנען, טאַראַסן און דערציילן וועגן סטאַסיקס טויט. געוואָלט זיך אַראָפּלאָזן אין דער באַהעלטעניש און דערציילן וועגן דעם, וואָס זי האָט זיך דערוווּסט וועגן יוליסעס לעצטער לעבנס־מינוט. נאָר זיך באַטראַכט, אַז זי וועט דערווײַל קיינעם ניט זאָגן. מע וואַרט מיט אומגעדולד אַף סטאַסיקן און יוליסן. זאָלן דערווײַל די אומגליקלעכע מענטשן ניט וויסן. אַז מע האָט אַ האָפענונג, איז גרינגער איבערטראָגן אַלע צאָרעס.

פּיליפּ האָט זי ניט געלאָזט גיין אין קעלער איבערגעבן די פּרײַנט עסן און וואַסער. ער איז אַליין אַהין געגאַנגען.

די בערג שווײַגן ניט

באַ קעצלבראַנדטן זײַנען די געשעפטן אַפן באַצירק נאָך אַלץ געגאַנגען ניט פּויגלדיק. וויפל ער האָט זיך ניט באַמיט, מע זאָל פאַרגרעסערן דעם אַרויסבאַקום פון ברענשטאָף, האָט זיך עס באַ אים ניט באַקומען. בלויז עטלעכע נאַפט־סקוואַזשינעס האָט זיך אים מיט גרויס מאַטערניש אײַנגעגעבן אופשטעלן. מע האָט געפּאָמפּעט נאַפט מיט די זשעלאָנקעס, ווי אין די אַמאָליקע אַלטע צײַטן, נאָר זײַנע באַלעבאַטים האָט עס ניט באַפרידיקט. מע האָט אים געזידלט, געדראָעט, אַז אויב אַף ווײַטער וועט עס אַזוי גיין, וועט מען באַ אים אַראָפּרײַסן די פּאַגאָנעס און אַוועקשיקן אַפן פראָנט.

נאָר וואָס האָט ער געקאָנט טאָן, אַז די נײַע מעכאַניזמען האָבן די סאָוועטן מיט זיך אַרויסגעפירט, די צוגעזאָגטע מאַשינעס פון דײַטשלאַנד שיקט מען ניט, ווײַל אַף די פראָנטן האָט זיך אַלץ ניט געקלעפּט, די דײַטשישע אַרמייען האָבן זיך פאַרגראָבן אין דער ערד, באַפן שווערע קלעפּ. נאָך דעם, ווי מע האָט צעשמעטערט די דײַטשישע דיוויזיעס הינטער

מאָסקווע און דערנאָך אין דאָנבאַס, אַפּן דאָן, איז דער קאָפּ איצט ניט דערביַי, מע זאָל שיקן מעכאַניזמען פון דייַטשלאַנד.

ער האָט אין דער גאַנצער אומגעגנט אויסגעזוכט איבערגעגעבענע, טרייַע מענטשן פון די פאָלקסדייַטשן און יענע, וואָס זייַנען געווען מאסקים מיטאַרבעטן מיט דער נייַער מאַכט, נאָר אַלעמאָל, ווי נאָר עס איז געקומען אַהער אַן אופזעער, אַן אינזשעניער אָדער טעכניקער, איז ער שנעל נעלעם געוואָרן, ווי אין וואַסער אַרייַן, אָדער מיט אים איז גאָר געשען אַן אומגליקספאַל. און דאָ, ווו עס רינגלען זיך אַרום באַהאַלטענע סאָנים, וואָס כאָטש שנייַד זיי אָף שטיקער, ווילן זיי ניט אַרויסגעבן די שעדיקער, אָט דאָ אין די שרעקלעכע בערג, באַרג־שפּאַלטן און וועלדער, זיי אַ בעריע און שטעל אייַן אַן אָרדענונג!

מיט די אַרטיקע נאַפּטלער האָט ער שוין געפּרוווט מיט גוטן און מיט שלעכטן. זיי גייען טאַקע אַרויס צו דער אַרבעט, שטייען ניט ליידיק, נאָר קיין גרויס נאָכעס זעט מען ניט. און די נאַפּט־גריבער זייַנען אַ בלינדע זאַך. אָט שטייען שאָענוויַיז באַ זיי דער טאַראַס קראַווטשוק, פרידריך, וועלכן אַלע רופן דאָ פּיליפּ, זיי אַרבעטן, שלעפּן אַרויס פון די פאַרשאָטענע, פאַרהאַקטע גרויסע גריבער שטיקער אייַזן, רעלסן און דער רועד ווייסט וואָס, נאָר קיין נאַפּט זעט מען ניט.

מע זעצט די נאַפּטלער אין טורמע, מע שלאָגט זיי, מע מיימעסט, נאָר דאָס זייַנען מאָדנע באַשעפעניש — זיי גיבן קיינעם ניט אויס.

פאַרטאָג, ווען די אופזעער קומען צו דער אַרבעט, רייַסן זיי אַראָפּ פון די טורעמס און סטויפּעס נייַע פלוגבלעטלעך, ווו עס שרייַבט זיך וועגן דעם, אַז אינגיכן וועט די רויטע אַרמיי באַפרייַען די ערד פון די אָקופּאַנטן... און זיי, די פינצטערע און אָפּגעשטאַנענע, גלייבן אָט די נאַרישע בלעטלעך און אַרבעטן אָף אָפּקומען דעם טאָג, מער דאַרפן זיי גאָרניט.

די צייַט איז געגאַנגען. אָט איז שוין ווידער אונטערגעקומען דער זומער. אויב דער נייַער דייַטשישער אָנגריף אָף אַלע רוסישע פראָנטן וועט זיך אייַנגעבן און מע וועט דערגייין ביז אוראַל, וועט דער קאָמענדאַנט בעטן, מע זאָל צושיקן אַהער אַ ספּעציִעלע שטראָף־קאָמאַנדע, וואָס זאָל אויסלערנען די שווייַגן אַרבעטן, אויספּילן אַלע באַפעלן זייַנע. דערווייַל האָט ער אַליין מיט זייַנע באַשיידענע קויכעס געמוזט לאַווירן, זיך ניט פאַרקריגן מיט די נאַפּטלער, זאָל דערווייַל זייַן ניט קיין סאַך ברענשטאָף, נאָר שפּעטער וועט אַלץ אופגעשטעלט ווערן און עס וועט גיין אַ גאַנג.

דער קאָמענדאַנט האָט געלייגט גרויסע האָפענונג אָף דער דריטער סקוואַזשינע, וועלכע איז שוין קימאַט געווען אָפּגערייניקט. אַהער האָט ער געשטעלט ערלעכע מענטשן. זיי האָבן צוגעזאָגט, אַז גאָר אינגיכן וועט פון דער גרוב אַ פליס טאָן ברענשטאָף, אַז מע וועט פאַרגיסן מיט אים דעם גאַנצן טאָל. געאַרבעט האָט דאָרטן אויך טאַראַס, וואָס האָט פון שטענדיק אָן געשעמט פאַרן בעסטן מייַסטער אַפּן באַצירק. מיט אים איז געווען דער מעשוגענער דייַטש, דער פּיליפּ. כאָטש ער האָט זיך אָפּגעזאָגט ווערן אַן אופזעער, נאָר, דאַכט זיך, אַרבעטן אַרבעט ער געטרייַ. די מענטשן זייַנען שטילע, רויִקע און פאַרנעמען זיך ניט מיט קיין זייַטיקע זאַכן. מע צאָלט זיי גוט, און זיי זייַנען מיט דער אַרבעט צופרידן. עמעס, דער אופזעער, וועלכן דער אָבער האָט אַראָפּגעבראַכט פון סטאַניסלאַוו, האָט לעצטנס גענומען צווייפלען אין דער איבערגעגעבנקייַט פון די אַרבעטער. ער האָט געהאַלטן, אַז מע דאַרף זיך בעסער צוקוקן צו זיי.

ער האָט באַמערקט, אַז אָפּטלעך פאַרשווינדן אייניקע פון זיי און מע זעט זיי ניט אַ פּאָר טעג אָף דער אַרבעט. דער אופזעער האָט ניט געקאָנט וויסן, אַז טאַראַס גאַנוועט זיך אָפּטלעך אַרויס פון יישעוו און גייט אַוועק דורך די גרינע לאַבירינטן פון די בערג צום ברודער, צו ראָמאַן קראַווטשוק, וועלכער האָט אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט און פאַרשרייַבט די נייַס, וואָס עס גיט איבער מאָסקווער ראַדיאָ. ער כאַפּט אוף די נייַס, שרייַבט זיי איבער אָף אַ שרייַבמאַשין, און דער ברודער, טאַראַס, צעקלעפּט זיי אָף די פּלויטן, אָף די ווענט, אָף די נאַפּט־טורעמס אינעם „שוואַרצן טאָל“, אין ראַפּיַיעווקע און אין די אַרומיקע יישוווים.

מיטן אָנקומען פונעם זומער האָט די דאָזיקע אַרבעט גענומען אָף זיך מאַרגאַריטע. פון מאָל צו מאָל האָט זי זיך דערקליבן צו ראָמאַן קראַווטשוק, געבראַכט אים נייַס פון דער היים און דערנאָך זיך אומגעקערט מיט די בלעטלעך.

פאַרשפּרייט די בלעטלעך האָבן אויך אַנדערע — אירע כאַווערטעס פונעם יישעוו.

דאָס מאָל האָט זיך אויסגעגעבן אַ שווערער טאָג. טאַראַס האָט זיך באַגינען אומגעקערט פון די בערג אַ פאַרמאַטערטער און שלעפעריקער. דער נייַער אופזעער, וואָס האָט לאַנג געשפּירט נאָך אים, האָט פאַרנאַכט, ווען מע האָט שוין געקליבן זיך גיין אַהיים, באַמערקט,

ווי טאַראַס האָט זיך פאַרגאַנוועט צו דער דריטער נאַפט־גרוב, וואָס מע האָט שוין געהאַלטן באַם לאָזן אין גאַנג, און איבערגעהאַקט דעם שטאַלענעם קאַנאַט.

דער אופזוער איז צוגעשפרונגען, געכאַפט טאַראַסן, געוואַלט שלעפּן אים צום קאָמענדאַנט, נאָר פיליפ און נאָך עטלעכע אַרבעטער זײַנען אויסגעוואַקסן לעבן אופזוער. זיי האָבן געפּרוּווט דערווײַזן, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן ניט בעקיוון און אַז טאַראַס איז דאָ ניט שולדיק... זיי האָבן געוואָרנט דעם אופזוער, וואָס האָט זיך ערשט ניט לאַנג באַזעצט מיט זײַן מישפּאָכע אין פאַרשטאָט פון ראַפּיִעוּוקע, אַז אויב ער וועט מעלדן דעם קאָמענדאַנט, וועט ער מיט דער גאַנצער מישפּאָכע זײַנער אומקומען. זיי האָבן אויך צוגעזאָגט, אַז אויב ער וועט האַלטן די צונג צווישן די ציין, וועט מען אין עטלעכע טעג אַרום ברענגען אין אָרדענונג די גרוב, ליקווידירן די אַוואַריע. און יענער האָט פון שרעק צוגעזאָגט, אַז ער וועט שווײַגן.

נאָר צי קאָן מען גלייבן אַן אופזוער, אַ טרײַען דינער פון קאָמענדאַנט?

טאַראַס האָט אַליין פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געהאַנדלט ניט באַטראַכט, לײַכטזיניק און דאַרף זײַן איצט באַזונדערס געהיט.

מע האָט זיך אומגעקערט אַהיים, נאָר די שטימונג איז געווען געפּאַטערט. אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז אויב דער אופזוער וועט טאַראַסן אויסגעבן, וועט מען אים צעשיסן. אַ שרעק איז די מענטשן באַפאַלן.

פאַרשיידענע פּלענער זײַנען געבוירן געוואָרן. אייניקע האָבן געהאַלטן, אַז טאַראַס מוז גלײַך פאַרשווינדן פונעם יִשעוו, אַוועק אין די בערג. נאָר ווי קאָן ער פאַרלאָזן די שטוב אַזוי פּלוצעם?

איינס האָט ער געוווּסט, אַז די געפאַר האָט זיך אָנגערוקט, און ניט בלויז אויף אים, נאָר אויך אויף זײַן פרוי, דער מוטער, זײַנע פרײַנט און כאַווײרים.

פון דער היים האָט טאַראַס מיט פיליפן זיך אָוועקגעלאָזט צו סוכאָדאָלן אין שפּיטאָל. מע האָט זיך געדאַרפט אויסייעצנען, וואָס טאָן, ווי־אַזוי אויסמײַדן אַ טראַט, וואָס קאָן טײַער קאָסטן. מע האָט זיך דערמאָנט, אַז דער נײַער אופזוער איז געווען צוריק מיט אַ קורצער צײַט קראַנק און זיך געהיילט באַם דאָקטער. עפּשער וועט סוכאָדאָל צו אים גיין און בעטן פאַר טאַראַסן?

אָבער אין אַזאַ שפּעטער צײַט גיין אין שטאָט איז געווען געפערלעך. דער קאָמענדאַנט איז אין קאָנטאָר ניט געווען די לעצטע פּאָר טעג, און אַלצײַנס, ביז ער וועט זיך ניט אומקערן פון ליובאָוויטש, וווּהין ער פאָרט נעכטיקן אַף זײַן מאַשין, וועט דער אופזוער, זעט אויס, קיינעם ניט דערציילן וועגן טאַראַסן. מע האָט אָפּגערעדט, אַז סוכאָדאָל וועט גיין צום אופזוער איינדערפרי.

באַם דאָקטער איז מען זיך לאַנג פאַרזעסן. ס'איז געוואָרן גאַנץ שפּעט. דער אַרום איז געווען אײַנגעהילט אין טיפן שלאָף. פאַרטאָן אין אומרויִקע מאַכשאָוועס, האָט טאַראַס מיט פיליפן געשפּאַנט אַהיים.

יאָ, עס שטייט אַלעמען פאַר אַ שווערער אויספּרווו. מע דאַרף זײַן אַף דער וואַך. יעדע מינוט קאָן זיך אַראָפּלאָזן די האַק.

זיי האָבן זיך געזעגנט לעבן טאַראַס' שטוב. פיליפ האָט זיך מיט אַ ברייטן שפּאַן געלאָזט אַהיים. ער איז געווען מיד. די געפאַר, וואָס איז איצט געהאַנגען איבער זײַן כאַווער, האָט אים אײַנגאַנצן געפּלעטט. ער האָט צוגעזאָגט, אַז באַגינען וועט ער צו אים קומען. פאַר דער נאַכט וועט מען עפּעס דאַרפן צוטראַכטן.

אַרום איז געווען פינצטער. אַ שווערער פאַרגעפיל האָט באַגלייט פיליפן און געטאָטשעט זײַן נעשאָמע. ער האָט געוווּסט, אַז שלאָפן די נאַכט וועט ער שוין ניט קענען. כאָטש אַלעמען, האָט ער געדאַרפט זיך נאָך אופהייבן אין די בערג, זיך אַוועקלאָזן צום אָפּגרונט, אַהין, ווו ער מיט טאַראַסן האָבן צוריק מיט אַ פּאָר כאַדאָשים אויסגעגראַבן אַ געהיימען בונקער און איבערגעפירט אַהין שיקע קושנירן מיט זײַניקע. שוין דעם דריטן טאָג איז פיליפ צו זיי ניט געגאַנגען, און יענע זײַנען געווען אָן שפּײַז. אומבאַדינגט, אום יעדן פּרײַז מוז ער נאָך הײַנט צו זיי גיין. די טאָכטער האָט שוין געוויס צוגעגרייט פאַר זיי עסן.

די פינצטערניש וועט פיליפן ניט אָפּשטעלן — ער קאָן צום בונקער זיך דערקלײַבן אַפילע מיט פאַרמאַכטע אויגן.

טראַכטנדיק אַזוי, האָט ער פאַרקערעוועט צו זײַן געסל און דערשטויִנט געוואָרן, דער־זעענדיק באַ דער שטוב דרײַ אויטאָמאָבילן. ער איז דערציטערט געוואָרן פון שרעק. עפּשער האָט שוין דער אופזוער איבערגעגעבן וועגן דער אַוואַריע און מע איז געקומען מיט אַן אונטערזוכונג? ער האָט זיך געוואָלט אומקערן, נאָר זיך דערמאָנט, אַז דאָרטן איז דאָך גע־בליבן מאַרגאַריטע. שטילערהייט איז ער צוגעגאַנגען נעענטער.

וואָס איז דאָס? פאַרוואָס זײַנען אַזוי באַלויכטן די פּענצטער און עס טראָגט זיך פון דער שטוב א געזאַנג, עמעצער שפּילט אַף א האַרמאָניק, עס הערן זיך שיקערע קוילעס...

צוגעגאַנגען אַף די שפּיץ פינגער צום זײַטיקן פענצטער, האָט פּיליפּ דערזען אין שטוב טעלעכע שיקערע, צעכראַסטעטע אָפּיצערן און האַלב־נאַקעטע צעפּאַטלטע פרויען. באַם טיש איז געשטאַנען טאָמאַס, געשפּילט אַף דער האַרמאָניק, געקרײַכט פון גלעזלעך און געגאָסן אין די גלעזער ווײַן. „ווידער געקומען און מיט א שיקערער קאָמפּאַניע, — האָט פּיליפּ א טראַכט געטאָן, — עס איז דאָך א כאַרפּע, א שאַנדע פאַר שכיינים. פאַרוואַנדלט די שטוב אין א שאַנד־הײַזל". ער האָט זיך בעסער צוגעקוקט. דאָס זײַנען געווען העכערע באַיאָרטע אָפּיצערן.

ער האָט מיט די אויגן א זוך געטאָן מאַרגאַריטען. ווו איז זי?

פּיליפּ האָט זיך געלאָזט צו דער הינטערטיר. בא דער קנאַפּער שײַן, וואָס האָט זיך אַרויס־געשלאָגן פונעם פענצטער, האָט ער דערזען בא א בוים צוויי. ער איז צוגעגאַן נעענטער און דערקענט די טאָכטער. זי האָט זיך מיט הענט און פיס אָפּגעשלאָגן פון א צעכראַסטעטן אָפּיצער, אין וועלכן פּיליפּ האָט גלײַך דערקענט טאָמאַסעס פרײַנט, ריכאַרדן. מאַרגאַריטעס מויל איז געווען פאַרשטעקט מיט א נאָזטיכל, דאָס קאָפּטל אַף איר — צעריסן, און מע האָט אַרויסגעזען די אַנטבלויזטע בריסט. זי האָט ניט געקאָנט שרײַען, און דער הונט האָט זי אײַנגעקלעמט אין זײַנע הענט.

פּיליפּ איז צוגעשפּרונגען, אָנגעכאַפּט דעם מערדער באַם קאָלנער, א שלײַדער געטאָן אַף דער ערד, געגומען טאָפּטשען מיט די שטיוול. יענער האָט זיך אויסגעדרייט און, קוקנדיק מיט פאַכעד אַפן צעבייזערטן פאָטער, אַרײַנגעלאָפן אין שטוב.

פּיליפּ האָט געגלעט די טאָכטער איבערן צעפּאַטלטן קאָפּ, געפּרוווט זי באַרויקן:

— מײַן גאָט, סאַרא מערדער... וויאַזוי האָט ער זיך דערלויבט. איך וועל אים דערשטיקן. איך וועל באַלד... — ער האָט זיך א ריס געטאָן צו דער טיר, נאָר די טאָכטער האָט אים אָפּגעשטעלט, באַהאַלטן מיט די הענט די אַנטבלויזטע ברוסטן:

— גיי ניט אַהין, פאָטער, זיי וועלן דיך האַרגענען. אלע זײַנען זיי טויט־שיקער. טאָמאַס האָט זיי אַהער געבראַכט. איך האָב געוואָלט אַנטלויפן, נאָר דער מערדער, ריכאַרד, האָט מיך אָנגעיאָגט און זיך איזדיעקעוועט איבער מיר.

זי האָט געוויינט, ציטערנדיק פון פאַכעד, קוים געכאַפּט דעם אָטעם.

— וואָס טוט זיך בא מיר אין שטוב? — האָט פּיליפּ געבראָכן די הענט. — איך וועל גיין דיר אַרויסטראָגן עפּעס אָנטאָן. וועסט אוועקגיין נעכטיקן צו טאַראַסן. באַלד טראָג איך דיר אַרויס...

פּיליפּ איז אַרײַן אין מאַרגאַריטעס צימערל, גענומען א פּאַק קליידער פון דער שאַפע און אַרויס אַפן גאַנעקל. איבערגעגעבן איר דאָס אָנטאָן, האָט ער זי אַרויסגעפירט אַף א זײַטיקער סטעזשקע.

— גיי אַהין און וואַרט אַף מיר. דערציי̆ל דערווײַל גאָרניט. איך וועל שפּעטער קומען צו דיר. גיי, טאָכטערקע. וואָס קאָן מען טאָן? גוט, וואָס די מאַמע האָט ניט דערלעבט דערצו...

ער האָט זיך אומגעקערט צו דער שטוב, געשטאַנען עטלעכע מינוט הינטער דער טיר, ניט געוווסט, וואָס דאַרף ער טאָן. סײַדן דערשטיקן דעם הונט, דעם ריכאַרדן, וואָס האָט געוואָלט שענדן זײַן טאָכטער. ווען ער, פּיליפּ, קומט ניט אָן... זי וואָלט זיך דאָס לעבן גענומען. וואָס טוט זיך? עק וועלט!

פּיליפּ איז אַרײַן אין שטוב. ריכאַרד האָט זיך פאַרקליבן אין א ווינקל. דערזען דעם פאָטער, איז טאָמאַס צוגעגאַן צו אים מיט זײַן שיקערן גענגל, אויסגעשטרעקט די האַנט, אים געוואָלט אַרומנעמען. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף דער באַנק און עפּעס גענומען שטאַמלען. אין צימער זײַנען געזעסן און געלעגן אין פאַרשיידענע פּאָזעס שיקערע אָפּיצערן מיט זייערע מוידן. מע האָט שוין ניט געוווּסט, אַף וואָס פאַר א וועלט מע געפינט זיך.

פּיליפּ האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, וואָס דאַרף ער טאָן. די שכיינים וועלן דאָס דערזען, וועט קיינער ניט וועלן קוקן אין זײַן זײַט, מע וועט זיך פון אים אָפּקערן, ווי פון א קרעציקן, און גיי דערציי̆ל, אַז דאָס איז ניט זײַן זון, נאָר זײַן שאַנדע, זײַן אומגליק...

עס איז שוין שפּעט. מע דאַרף צוײַלן. ווען די קלאָװים וועלן זיך אויסניכטערן, וועט פּיליפּ שוין ניט קאָנען גיין צום בונקער.

גענומען דאָס קלומעקל עסן, האָט ער זיך אַרויסגערוקט פאַרזיכטיק פון דער טיר, אַרי־בערגעקראָכן איבערן שטיינערנעם פּלויט און זיך געלאָזט אַרוף־באַרג, צום גרינעם לאַבירינט פון ביימער, קאַרטשעס, פעלדזן, יאַרן. עס איז געווען שווער צו גיין. ער האָט געפילט א מוירעדיקע מידקײַט, נאָר דאָרטן וואַרטן זײַנע אויסגעהונגערטע כאַווירים. ווער ווייסט, ווען

ער וועט זיך א צווייט מאָל אהין ארויסרײַסן? וואָס קאָנען נאָך אָפּטאָן יענע שלעק, וועלכע האָבן פארפולט זײַן שטוב? עפשער זײַנען זיי געקומען דורכפירן אן אקציע?

ער האָט געאײַלט צו די בערג, צום בונקער.

א האלבע לעוואָנע איז ארויסגעקראָכן פון אונטער די אָנגעדראָלענע וואָלקנס און באשײַנט א שטיק וועג. אָט איז ער שוין באלד באם ציל. באלד וועט ער זיך באגעגענען מיט די מענטשן, וואָס ווארטן אף אים. נאָך א ביסל... נאָר פארוואָס איז אים הײַנט אזוי שווער זיך דראפּען איבער די בערג, איבער די מאָכיקע פעלדזן?

אָט האָט ער זיך ענדלעך דערקליבן ביזן ראנד פונעם אָפּגרונט. אָט דאָ דערנעבן געפינט זיך דער בונקער. פיליפּ וועט צוגיין צו דער קרומער סמערעקע, וואָס הענגט אָנגעבויגן איבערן שווארצן בארג־אָפּריס, דרײַ מאָל אָנקלאָפּן מיטן שטעקן, א פּײַף טאָן, ווי א פויגל, און די מענטשן וועלן אופשטיין פון דער ערד, זיך לאָזן צו אים.

ער האָט שוין אופגעהויבן א שטעקן, צוגעגאנגען נעענטער צו דער סמערעקע. אָבער וואָס איז דאָס? ער הערט, דאכט זיך, א שטארק סאָפּען. עמעצער שפּירט אים נאָך?

פיליפּ איז דערציטערט געוואָרן, זיך אומגעקוקט. ניט ווײַט פון אים איז געשטאנען ברייט צעשטעלט די פיס א צעכראסטעטער און שמייכלענדיקער טאָמאס.

א קעלט איז דורכגעלאָפן איבער פיליפּס לײַב. מיט א שווערער צונג האָט טאָמאס ארויסגעבראכט:

— נו, וואָס האָט איר זיך, פאָטער, אָפּגעשטעלט? גייט! איר גייט געוויס אף א שפּאציר אין די בערג... און עפשער גייט איר זאמלען שוואָמען?

מיט רעציכע איז ער צוגעשפּרונגען צו אים, ארויסגעריסן פון זײַנע הענט דאָס קלומעקל, עס אויסגעשאָטן אפן גראָז. עס האָט זיך א שאָט געטאָן פון דאָרטן ברויט, קעז, ציבעלעס.

— דאָס האָט איר געוויס מיטגענומען פאר זיך עסן? איך פארשטיי. — און, קוקנדיק פּיליפּן כוצפּעדיק אין די אויגן, פאָרגעזעצט: — וועמען באהאלט איר דאָ אויס? וועמען טראָגט איר עסן, — קאָמוניסטן, ייִדן? באווײַזט, ווו באהאלט איר זיי?

אף א פּאָר רעגעס האָט פיליפּ אָנגעווירן דאָס לאָשן. ער האָט געקוקט אפן שיקערן טאָמאסן, ווי אף א בייזוווּנדער. ער האָט אים נאָך קיינמאָל ניט געזען אזא אופגעבראכטן. און, גענומען זיך אין די הענט, געזאָגט:

— טאָמאס? ווי קומסטו אהער? דו ביסט טויט־שיקער, גיי שלאָפן.

— גוט... איך וועל גיין שלאָפן, — האָט ער איבערגעשלאָגן, — נאָר פריִער וועט איר מיר באווײַזן די שווײַנען, וועלכע איר באהאלט. איך וועל ברענגען מײַן עלטסטן א מאטאָנע. איר האָט אים געזען? ער איז דאָרט בא אײַך אין שטוב. זאָגט מיט גוטן. צווינגט ניט, איך זאָל מײַנע גענאָסן רופן אהער. פאר אײַך וועט זײַן ערגער...

ער האָט ארויסגעשלעפּט פון קאָבורע דעם פּאַראַבעלום און אים אופגעהויבן אינדערלופטן.

— באַלד וועל איך אופהייבן א שיסעריַי, און מײַנע וועלן גלײַך אהער קומען. דעמלט, פּאַטער, וועט פאר אײַך זײַן ערגער. באַלד רוף איך זיי. פּאַטער...

— וואָס? — האָט מיט רעציכע ארויסגעבראַכט פיליפּ און צוגעגאַן נעענטער צו טאָמאַסן, אים אַרײַנגעקוקט אין די אויגן. — דו וואַגסט מיך רופן פּאַטער? דו ביסט מײַן זון? איך קען ניט קיין זון קיין מערדער.

און ניט ווייסנדיק, ווי עס האָבן זיך צו אים גענומען קויכעס, האָט פיליפּ א מוירעדיקן קלאַפּ געטאָן טאָמאַסן איבער דער האַנט. דער רעוואָלווער איז אַראָפּגעפאַלן אפן גראָז. ווען טאָמאַס, א דערשראָקענער פונעם אומדערוואַרטן קלאַפּ, האָט זיך א לאָז געטאָן צום געווער, האָט פיליפּ אים דעריאָגט, אָנגעכאַפּט פאַר די לאַצן פונעם צעכראַסטעטן קיטעל, אַף וועלכן עס האָט א בלאַנק געטאָן דער קרייץ, מיט אַלע קויכעס אים א טרייסל געטאָן און א שלײַ־דער געגעבן אַף די שאַרפע שטיינער.

טאָמאַס האָט זיך פון ווייטעק געקאָרטשעט, ווי א שלאַנג, — א שווערן קרעכץ געטאָן און זיך אויסגעצויגן.

פיליפּ איז א רעגע געשטאַנען איבערן טויטן קערפּער פון טאָמאַסן מיט פאַרמאַכטע אויגן. ער האָט זיך מיט שרעק ארומגעקוקט, צי קיינער גייט ניט אהער. ארום איז געווען שטיל און פוסט. דער ווינט האָט געפײַפט אין די קרוינען פון די ביימער. די האַלבע לעוואָנע, דער איינציקער איידעס, איז אַף א פּאָר רעגעס פאַרקראָכן אונטער א וואָלקן און ווידער זיך באַוויזן.

ער האָט אופגעהויבן די אויגן צום הימל, ווי ער זאָל זיך ווענדן צו גאָט אליין, און א שטילן שעפּטשע געטאָן:

— פאַרגיב מיר, בערעט... דײַן טאָמאַס איז אויסגעוואַקסן א מערדער, אַן אויסוואָרף, און ער האָט פאַרדינט אַזא טויט. גאָט זעט דעם עמעס...

ער איז צוגעגאַנגען נעענטער צום טויטן קערפּער און מיטן פוס אים אַראָפּגעשטויסן פון דער קרוטשע אין פינצטערן טהאָם.

פיליפּ האָט זיך אָנגעבויגן, צונויפגענומען דאָס צעוואָרפענע איבערן גראָז עסן אין טאָר־בעלע, באַהאַלטן דעם רעוואָלווער אין בוזעם און זיך שנעל געלאָזט צו דער סמערעקע, דרײַ מאָל אָנגעקלאַפּט און א פײַף געגעבן.

אין עטלעכע מינוט ארום האָט ער זיך באַגעגנט מיט זײַנע כאַווײרים.

ער האָט קיין צײַט ניט געהאַט זיך פאַרהאַלטן און געזאָגט, אַז זיי זאָלן שפּעטער וואַרטן אַף אים. אויב קיין שטערונג וועט ניט זײַן, וועט ער נאָך קומען און מיט זיי איניינעם אוועק טיפער אין די בערג. אַזוי דאַרף זײַן.

פיליפּ האָט זיך אָנגעהויבן פאַרזיכטיק, נאָר שנעל אַראָפּלאָזן פונעם באַרג.

מיט א פאַרטײַטעטן אָטעם איז ער אַף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צום פענצטער. אין שטוב איז געשטאַנען אַזא כראַפּעריַי, אַז מע האָט זי געקאָנט הערן אין צווייטן עק יישעוו. דאָ און דאָרט זײַנען געלעגן די שיקערע אָפּיצערן מיט זייערע מוידן. באַם טיש, צוואָרפן די הענט, איז געשלאָפן, ווי א דערהאַרגעטער, ריכאַרד. אַף די בעטן — די עלטערע אָפּיצערן, טאָמאַסעס נאַטשאַלניקעס. זיי זײַנען געלעגן דיקע, פעטע, ווי די זאַטע פּיאַווקעס, וועלכע האָבן זיך נאָרוואָס אָנגעזויפט מיט פרעמד בלוט.

„נעקאָמע, — האָט א שניט געטאָן אין מויעך. — נעקאָמע!"

ער האָט אין איין מינוט באַשטימט, וואָס ער דאַרף טאָן, וויאַזוי זיך אָפּרעכענען פאַר זײַן כאַרפּע, פאַר זײַנע יעסורים, פאַר דער טאָכטער, פאַר בערעטן, יוסיפן, סטאַסיקן, יוליסן — פאַר טויזנטער, טויזנטער אומשולדיקע מענטשן.

ער האָט שוין מער וועגן גאָרנישט ניט געטראַכט. אוועקגעלאָפן צו טאַראַסן, האָט ער אים אופגעוועקט, געהייסן, מע זאָל די מינוט וואַרפן אַלץ, ווײַל די געפאַר איז נאָענט. מע זאָל אויך נעמען סוכאַדאָלן, נאַסטיען...

אַלע זײַנען געשטאַנען און מיט פּאַכעד אים אָנגעקוקט, ניט פאַרשטאַנען, וואָס איז גע־שען, נאָר טאַראַס האָט פאַרשטאַנען, אַז מע מוז אַנטלויפן.

מיט זײַטיקע סטעזשקעס, קיינער זאָל ניט באַמערקן, האָט מען זיך געלאָזט ארויף, צו די בערג.

פיליפּ האָט אָנגעוויזן, ווו מע זאָל זיך דאָרטן צונויפנעמען, און וואַרטן אַף אים, און אליין זיך אוועקגעלאָזט צו זײַן הויז, ווו די פענצטער זײַנען שוין געווען אויסגעלאָשן. מע האָט נאָך קיינמאָל, דאַכט זיך, ניט געזען דעם שמיד אַזא אופגערעגטן און אַנטשיידענעם.

מע האָט זיך ניט נאָכגעפרעגט, צי איז עס טאַקע אַ מוז אַנטלויפן פון דער היים און אַלץ וואַרפן, ווי בעשאַס אַ סריייפע. טאַראַס האָט פאַרשטאַנען, אַז די אײַלעניש איז פאַרבונדן מיט דעם היינטיקן אינצידענט זײַנעם אַפן באַצירק. דער אופזעער, דער הונט, האָט, זעט אויס, אים, טאַראַסן, טאַקע אויסגעגעבן, און די טויט־געפאַר הענגט איבער זײַן קאָפּ. ער האָט אַלעמען אָפּגעשיקט אַהין, וווּהין פיליפּ האָט געהייסן, און אַליין אַוועקגעגאַנגען נאָך אים.

ער איז אַף די שפּיץ פינגער צוגעקומען צום פענצטער און צוזאַמען מיט זײַן כאַוווער אַרײַנגעקוקט אינווייניק. ער האָט געזען, ווי עס כראָפּען עטלעכע אָפיצערן מיט מוידן. פיליפּ איז אָפּגעטראָטן, צוגעגאַנגען צו די מאַשינעס, דערזען אַף איינער פון זיי אַן אײַזערנע דייזשקע מיט בענזין, זי פאַרזיכטיק אַראָפּגעקײַקלט אַפן גראָז, אופגעדרייט דעם קאָרעק, אַרײַנגעשפּרונגען אין הויף און געכאַפּט צוויי עמער, אַ ווונק געטאָן צו טאַראַסן, ער זאָל אָנגיסן, און מיט די פולע עמער צוגעגאַנגען און באַגאָסן די טיר, די פענצטער. עטלעכע מאָל האָט ער זיך אומגעקערט און געכליופּעט דעם בענזין, ווו עס האָט זיך געמאַכט, צונויפגעטראָגן צו דער טיר די שטרוי, וואָס איז געלעגן אין עק הויף, פאַרוואָרפן מיט שמאַטעס די טיר, די פענצטער. צונויפגעדרייט און אַ צינד געטאָן אַ גרויסן שטורקאַטש. די שטוב האָט גענומען פלאַקערן פון אַלע זײַטן, אַזוי אַז דער טײַוול אַליין וואָלט ניט געקאָנט אַרויס אַ לעבעדיקער פון דאָרטן.

ער האָט מיט טאַראַסן זיך געלאָזט לויפן איבער דער פאַרדרייטער סטעזשקע, וואָס פירט אין די בערג, אַהין, ווו עס זײַנען פריִער אַוועק די ייִשוווניקעס.

זיי זײַנען שוין געווען העט אַפן גרויסן באַרג, ווען מע האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך אַרומגעקוקט. אַ מוירעדיקער פלאַם האָט זיך געהויבן אין הימל אַרײַן. די שטוב האָט געפלאַקערט פון אַלע זײַטן, און מעכטיקע פײַער־צונגען האָבן געבושעוועט אינעם ווינט.

פיליפּ איז געשטאַנען און געקוקט אַף דער סרייפע, דאָס האַרץ האָט אַ ביסל געגנאַיעט — עס ברענט אַלץ, וואָס ער האָט פאַר די שווערע צענדליקער יאָר דאָ אָפּגעשפּאָרט, אַלץ איז אַוועק מיטן פײַער, נאָר, נישקאָשע, דאָס איז גוט! ער האָט אַ ביסל געשטילט זײַן האַס, גענומען נעקאָמע. זאָלן די מערדער ברענען צוזאַמען מיט זײַן גוטס. אויב די בלוטיקע הענקער וועלן אומקומען, אָפּגעווישט ווערן פון דער ערד, וועט ער לעבן, אַרבעטן, זיך פאַרדינען אַף אַלץ. און אויב זיי וועלן דאָ בלײַבן געוועלטיקן — דאַרף ער גאַרניט!

זיי האָבן דעריאָגט די מענטשן, וועלכע זײַנען אַוועק אין די בערג פריִער. אַלע האָבן מיט שרעק געקוקט אין יענער ריכטונג, ווו עס האָט געבושעוועט די סרייפע. מע האָט מיט פּאַכעד באַטראַכט פיליפּן און טאַראַסן, אָנשטויסנדיק זיך, אַז דאָס דאַרף זײַן זייער אַרבעט.

— וואָס איז דאָרט, דער גאַנצער ייִשעוו ברענט?

— ניין, — האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ פיליפּ, — די קאַטן ברענען. מײַן שטוב.

ער האָט ניט גערן געענטפערט. אין די אויגן זײַנען האָבן זיך באַוויזן טרערן. אים איז שווער געווען ריידן. עפּשער שפּעטער, ווען מע וועט שוין זײַן ווײַט, וועט ער אַלץ דערציילן געניי, דערווײַל מוז מען אײַלן, מע טאָר זיך ניט פאַרהאַלטן.

פיליפּ האָט פאַרקערעוועט צום ראַנד אָפּגרונט, אַ רעגע געשטאַנען, זיך אײַנגעקוקט אין דער טיף. פון דאָרטן האָט זיך בלויז דערטראָגן אַ שטיל כליופּעריי פון אַ שטראָם, וואָס האָט זיך געשלענגלט צווישן געוואַלגער פון שטיינער און שוואַרצע קוסטעס. קיינער פון די מענטשן האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס קוקט ער אַראָפּ אינעם טהאָם און וואָס זוכט ער דאָרטן.

ער האָט פאַרקערעוועט צו דער סמערעקע, וואָס איז געהאַנגען איבערן שוואַרצן אָפּגרונט, אַ קלאַפּ געטאָן מיטן שטעקן, וואָס ער האָט אופגעהויבן, דרײַ מאָל זיך צעפּײַפט, ווי אַ סאָלאָוויי, און פון דער זײַט, פון צווישן די געדיכטע קוסטעס, האָט זיך פאַמעלעך געעפנט אַ שטיקל ערד, און די אַרומיקע מענטשן זײַנען דערשטוינט געוואָרן, דערזעענדיק, ווי עס קומט אַרויס פון אונטער דער ערד דער פעטער שיקע קושניר, שיפרע, רייזל, זאַלמען און די איבעריקע.

אַלע זײַנען עטלעכע רעגעס געשטאַנען, ניט דערקענענדיק איינע די אַנדערע. נאָר ווען מע האָט זיך ענדלעך דערקענט, האָט מען זיך אַ לאָז געטאָן האַלדזן און קושן. אין דעם ווינקל פון די קאַרפּאַטן, ווו זעלטן האָט געטראָטן אַ מענטשישער פוס, האָט זיך צעטראָגן אַ געוויין, אַ געיאָמער.

כאָטש מע איז שוין געווען גאַנץ ווײַט פונעם ייִשעוו, האָט מען נאָך אַלץ געזען, ווי עס בושעווען די פלאַמען. די מענטשן פון בונקער האָבן דערשראָקענע אַהין געקוקט, ניט פאַרשטייענדיק, וואָס ברענט און פאַרוואָס אײַלט מען טיפער אין די בערג.

פון מאָל צו מאָל האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אין דער געדיכטעניש פון די ביימער און מאָכיקע פעלדזן, קעדיי איבערכאַפּן דעם אָטעם, זיך אָנעמען מיט פרישע קויכעס און גיין ווײַטער.

די זון האָט שוין גענומען פאַרגיין, ווען מע איז געקומען צו א ווינקל, ווו מע האָט ניט אָנגעזען קיין וועגן און קיין שטעגן. אין דער גרינער געדיכטעניש זײַנען זיך פּאַנאַנדערגע־לאָפן, ווי מע וואָלט זיך אַמאָל צעקריגט, עטלעכע הײַזער, געדעקטע מיט מאָכיקן שינדל. ניט קיין דערפאַרענער וואָלט ניט אַזוי גרינג געפונען די דאָזיקע כאַטעס, נאָר טאַראַס און מאַרגאַריטע זײַנען דאָ שוין ניט איין מאָל געווען, געגאַנגען צו ראַמאַן קראַווטשוק נאָך פלוגבלעטלעך. אָט ערגעץ דאָ ניט ווײַט איז געווען זײַן באַהעלטעניש. קימאַט אין אַלע כאַטעס האָבן געוווינט די מענטשן, וועלכע זײַנען געוואָרן פאַר די שווערע כאַדאָשים זײַנע טרײַע פרײַנט און אים מיטגעהאָלפן אין אַלץ, אין וואָס ער האָט זיך גענייטיקט. איצט איז צוגעקומען הילף. אָט דאָ וועט מען צײַטווײַליק בלײַבן וווינען, אַרבעטן, קעמפן. אָט דאָס ווינקל איז געבליבן סאָוועטיש, כאָטש ווײַט, אונטן, אין די שטעט און דערפער, אין די יִשוּוִים, האָבן געווילדעוועט די אָקופּאַנטן.

אהער, אינעם ווילדן ווינקל, האָט ניט דערגרייכט קיין פוס פון די פאַשיסטן. אהער האָבן זיי זיך ניט אײַנגעשטעלט קריכן, און דאָס ווינקל האָט אויסגעזען, ווי א וווּנדערלעך אינדזעלע אין א צעבושעוועטן יאַם.

אין א פּערטל שעה אַרום האָט זיך דער שוועל פון א קליין שטיבל, וואָס אונטער א מאָכיקן פעלדז, באַוויזן ראַמאַן קראַווטשוק אויף זײַנע מיליצעס, און דער אוילעם האָט מיט טומל זיך א לאָז געטאָן צו אים.

— גאַטעניו... ראַמאַן? אַזאַ צײַט געווען צעשיידט...

דאָס פאַרוואַקסענע געעלטערטע פּאָנעם האָט א שמייכל געטאָן. אָפּגעגאַנגען פון דער שוועל, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויפן גראָז, צעשפּיליעט דעם קאָלנער פונעם העמדל און, באַטראַכטנדיק יעדן באַזונדער, אָפּגעשטעלט דעם בליק אויפן ברודער און פיליפּן:

— נו, דערציילט, קינדער, וואָס פאַר א ווינט האָט אײַך אַזוי אומדערוואַרט געבראַכט אהער?

ער האָט אָנגעשטרענגט זיך אײַנגעהערט אין פיליפּס ווערטער. און פּונקט ווי די אַרו־מיקע, באַגיטיקט אַלץ, וואָס ער האָט זיך נאָרוואָס דערוווּסט וועגן טאָמאַסן, דער סרייפע, די אומגעבעטענע געסט, וואָס זײַנען אוועק מיטן פײַער. פיליפּ האָט אויך דערציילט וועגן טאַראַסן, וועגן דער אוואַריע.

ראַמאַן קראַווטשוק האָט אויסגעהערט פונעם אָנהייב ביזן סאָף די געשיכטע, און די אויגן האָבן זיך בא אים צעשײַנט.

שיקע קושניר, וואָס האָט זיך פאַרבענקט נאָך א ציגאַר טוטין, האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע זײַן פאַרייכערטע ליולקע, צוגעגאַנגען צו ראַמאַנען, גענומען א ביסל טוטין פון זײַן טאָרבעלע, פאַררייכערט און געזאָגט:

— איך וועל אײַך זאָגן, די געשיכטע איז א קלוגע זאַך! זי לערנט, ווי א גוטער רעבע. וועגן דעם אַלץ טראַכט איך שוין גאָר לאַנג. ווי איר ווייסט, האָב איך אין מײַן לעבעדיקן קיוועיר געהאַט גענוג צײַט צו טראַכטן. איר פאַרשטייט, מײַנע טײַערע פרײַנט, אַז מע האָט בא מיר צוגענומען דעם האַמער מיט דער קאַוואַדלע, מיטן בלאָזזאַק און מע האָט געמאָלדן, אַז שיקע קושניר, דער פּאַטאַמסטוווענער קאָוועל, און אַלע זײַנע איינגלויביקע זײַנען מענטשן פון לעצטן סאָרט, אַז מע דאַרף אים אָפּמעקן פון דער ערד, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַזאַ ווילדע מעשוגאַס, וואָס די וועלט האָט נאָך ניט געזען און די געשיכטע האָט נאָך ניט געהערט. אַזעלכע טאַליאָנים, ווי די פאַשיסטישע מערדער, זײַנען נאָך ניט געווען און וועלן קיינמאָל, דאַכט זיך, ניט זײַן...

זיך טיף פאַרצויגן מיטן רויך פון זײַן ליולקע, האָט דער פעטער שיקע קושניר פאַרגע־זעצט:

— איז אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט — די געשיכטע... די שרעקלעכע מילכאָמע וועט זיך ענדיקן, און די שולדיקע וועלן הענגען אויף דער טליִע. דאָס איז א געזעץ. נאָר יענע, וואָס האָבן געבוירן אַזעלכע שרעקלעכע טאַליאָנים, וועלן לאַנגע יאָרן כאַראָטע האָבן. לאַנג־לאַנג וועט די וועלט זיי דערמאָנען זייערע פאַרברעכנס. דויר־דוירעס וועט מען זיי פאַרשעלטן די ביינער. אַזוי וויל די געשיכטע. און עס וועט דאַך קומען א צײַט, ווען מע וועט אין די צאָרעס און רעדיפעס דאַרפן א ביסל פאַרגעסן און מע וועט מאכן שאָלעם... גוט, זייער גוט, וואָס מיר, פיליפּ, זײַנען ניט געוואָרן מיט דיר קיין סאָנים. געבליבן גוטע־פרײַנט... און דאָס ווערטל

זאָגט: „מע טאָר ניט מעסטן אַלע אויף איין אַרשין". עמעצס פּרײַנט דערקענט מען אין אַ נויט. און דו, פיליפ, מיט דײַן טעטעטרל האָבן אויסגעהאַלטן דעם שווערן עקזאַמען. און מיר דאַכט, אַז אַפילו הײַנט פלאַנצן מיר שוין דעם איילבירט־בוים...

— וואָס פאַר אַן איילבירט־בוים? — האָט איבערגעשלאָגן אָקסאַנע. — עפּעס רעדסטו ניט אַזוי ווי שטענדיק, שיקע!

— אוודאי ניט ווי שטענדיק, — האָט ער אַ שמייכל געטאָן, — איך האָב דאָך געזאָגט, אַז איך האָב אַ סאַך געטראַכט אין מײַן לעבעדיקן קייוועד. איר ווילט וויסן — וואָס פאַר אַ בוים? באַלד וועל איך אײַך פּרווון דערקלערן. עפּשער וועט איר צושטימען מיט מיר. און עפּשער ניט. ווער ווייסט? די אַלטע גריכישע לעגענדע דערציילט וועגן אַן איילבירט־בוים — דעם בוים פון שאָלעם און פרײַנטשאַפט, — וועלכער האָט געגעבן פּרוכט ערשט אויף איין־און־נײַנציקסטן יאָר, נאָך דעם, ווי מע האָט אים פאַרפלאַנצט. ניט יעדערער האָט געוואָלט פּאַטערן קויכעס, צײַט, פלאַנצן אַזאַ מין בוים, וויסנדיק, אַז ניט ער וועט געניסן פון זײַנע פּיירעס... אָבער יענע גערטנער, וועלכע האָבן פאַרפלאַנצט אַזאַ איילבירט־בוים, האָבן זיך דעראַבערט קאָוועד און דאַנקבאַרקײַט פון די קינדער און קינדסקינדער, פון די קומענדיקע דוירעס און זײַנען אַרײַן אין דער אייביקײַט... איך טראַכט, קינדער, אַז מיר האָבן פאַרפלאַנצט אונדזער איילבירט־בוים.

— אוי, שיקע, — האָט זיך אָנגערופן שיפרע, — און איך האָב גאָר ניט געוווּסט, אַז דו ביסט בײַ מיר אַזאַ כאַכעם!

— איך האָב דאָך אײַך גלײַך געזאָגט, אַז איך בין פאַר דער צײַט געוואָרן אַ שטיקל פילאָסאָף, — האָט אַ ווייטעקלעכן שמייכל געטאָן דער שמיד.

ראָמאַן קראַווטשוק האָט באַטראַכט דעם אוילעם, ווי מע איז גראָוו געוואָרן, אויסגעטריקנט, אויסגעמאַטערט, דערצאָרנט, און זיך אופגעהויבן פון אָרט:

— נו, מײַנע טײַערע, דעריקער איז דאָס, וואָס מע האָט ניט פאַרלוירן די האָפענונג, דעם גלויבן אין דער צוקונפט. דער סוינע טאָפּטשעט נאָך אונדזער ערד, און מיר מוזן מיט אַלע קויכעס אים שטערן, נעמען נעקאָמע. מיר, עמעס, זײַנען דאָ ניט קיין סאַך. נאָר, ווי זאָגט מען, פון קליינע שטראָמען ווערט אַ גרויסער טײַך...

באַטראַכט דעם אַרום, האָט ער צוגעגעבן:

— אָט דאָ וועט דערוויַיל זײַן אונדזער היים. באַלד וועלן מיר זיך ווי־ניט־איז אײַנאָרדענען, עטלעכע טעג זיך אָפּרוען, קומען צו־זיך, אָנעמען זיך מיט קויכעס — און צו דער אַרבעט!

זינט יענער שרעקלעכער און רומפולער צײַט האָט זיך דורכגעטראָגן איבער די קאַרפּאַטן אַ שיין ביסל יאָר. די ווינטן און ווויגעס האָבן שוין לאַנג אויסגעגלײַכט מיט דער ערד די בונקערס און שוצגראָבנס, ווו עס האָבן זיך אופגעהאַלטן ערלעכע מענטשן, קעמפער. שוין לאַנג־לאַנג, אַז זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פון די בערג צו זייערע היימען, צו זייערע נאַפט־טורעמס און וואַרשטאַטן.

דער „שוואַרצער טאָל" איז שוין ווידער ניט צו דערקענען. עס זײַנען פאַרניכטעט געוואָרן די שוואַרצע הילצערנע טורעמס און אַלטמאָדישע קאַטשעגאַרקעס. הויכע שטאָלענע טורעמס הייבן זיך אַלץ העכער און העכער אין די בערג, און אַלע מאָל דערפרייט זיך דער קאַנט מיט אַ נײַעם נאַפט־פאָנטאַן, וואָס שלאָגט פון די אָקאַרשט־דורכגעעגבערטע טיפע סקוואַזשינעס — נאַפט־גריבער. ראַפּײַעוקע און די אַרומיקע ישוווים זײַנען אין די נעכט פאַרגאָסן מיט אַ יאַם עלעקטרישער שײַן.

שוין לאַנג האָט מען אַראָפּגעטראָגן די נידעריקע הײַזלעך, און עס זײַנען דאָ און דאָרט אויסגעוואַקסן ליכטיקע מויערן, נײַע גאַסן.

אָפּט קומען אויף די באַצירקן, צו די שטאָלענע נאַפט־טורעמס דער גראָוער שיקע קושניר און ראָמאַן קראַווטשוק. מע שטייט לעבן די עסטאַקאַדעס, ווו טאַראַס, פיליפ, זאַלמען מאַרקוס לערנען די יונגע כעוורע עגבערן די ערד, זיך דערקלײַבן צו די טיפסטע נאַפט־האָריזאָנטן, און מע איז זיי מעקאַנע, וואָס זיי זײַנען נאָך אין זאָטל. אומעטיק איז ביידע פרײַנט אַרומגיין אָן אַרבעט, זײַן אויף מעלוכישע קעסט — פענסיאָנערן. נאָר וואָס וועסטו טאָן, אַז עס האָט זיך אַרײַנגעמישט דער העכסטער געזעץ פון לעבן — קיין זאַך עלטערט ניט אַזוי די מענטשן, ווי יאָרן...

מוז מען זיך אָפּרוען אויף דער עלטער. אָפּט זיצן זיי ביידע אין סעדל, וואָס מע האָט דאָ פאַרפלאַנצט אויפן הויכן ברעג פון דעם שוימיקן און שטענדיק רווישנדיקן באַרג־שטראָם. מע שפּילט אין ביינדלעך, מע כאַפּט אַרײַן אַ שאַך. ראָמאַן קראַווטשוק קוקט אָפּטער פון אַלץ

אַרײַן אין אַ פֿרישער בלאַט, און דער פֿעטער שיקע קושניר, וואָס איז געוואָרן די לעצטע צײַט אַ ביסל שוואַך אויף דער ריִע, פֿרעגט:

— נו, ראָמאַן, וואָס שרײַבט מען דאָרט? וואָס הערט זיך אויף דער וועלט?

ראָמאַן קראַוטשוקס צעקאַרבט פֿאַרברוינט פּאָנעם צעשמייכלט זיך, און אַ יאַם קנייטשעלעך לויפֿן זיך צונויף בײַ זײַנע טיפֿע דורכדרינגעוודיקע אויגן:

— אויף דער וועלט איז רויִק, שיקע, און ניט שטאַרק רויִק. נאָר אונדזער אײלבירט־בוים, דאַכט זיך, וואַקסט און נעמט זיך אָן מיט קויכעס.

— נו, דאַנקען גאָט דערפֿאַר, — שאָקלט צו מיטן שווערן קאָפּ דער אַלטער, גראַוווער שמיד און פּיפּקעט זײַן אַלטע אויסגערייכערטע ליולקע, — אַבי דער אײלבירט־בוים וואַקסט, וועלן שוין עפּשער מער קיין מילכאָמעס זיך ניט איבערכאַזערן און מענטשן וועלן שוין לעבן רויִק, אָן צאָרעס, אָן יעסורים.



ארן ווערגעליס

נײַע לידער

איך בענק נאָך אײַך

דעם אַנדענק
פון מוישע טייף, מאָטל גרוביאַן, שיקע דריז

כאַוויירים מײַנע בא דעם ווײַן און באם געוויין
און בא דער לוסט
און בא דעם גלוסט — כאַוויירים מײַנע,
איר זײַנט אוועק
און מיך געלאָזט אליין —
איך האָב צו אײַך א טײַנע.

איך בענק נאָך אײַך.
אין מיר די בענקשאַפט ווייעט באַדערנאַכט.
אַף מיר די ענגשאַפט לויערט, ווען איך וואַרט,
ווען כ׳קאָן פון איינזאַמקײַט מײַן לעבן ניט באַוואָרענען,
ווײַל שוין פאַריכטן קאָן מען איצטער גאָרניט...

די שײַן, וואָס איז פאַרלאָשן, מיך באַשײַנט.
פון אונדזער קרײַז איך בין פאַרבליבן איינער.
איך הער נאָך הײַנט דעם ראַש,
און ס׳טרייסלט מיך נאָך הײַנט,
ווי אין א וואָגן
אַף א וועג מיט שפּיצעכיקע שטיינער.

געוועזן דער וואָגן איז געמאַכט מיט פּיל פאַרשטאַנד,
ער האָט אויך איבער הימלען זיך געטראָגן,
און מיטאַמאָל האָט איר זיך, אָדלערס, אויסגעשפּאַנט
און איבערגעלאָזט
מיך
באַם וואָגן.

כאַוויירים מײַנע! נאָענט נאָך איז דער אַמאָל,
אין אים איך זע נאָך אַלץ, און כ׳וועער פון אלץ מעוווּלוול.
די העכסטע פּרײַז אַצינד פאַר דעם איך צאָל,
וואָס ערשט ניט לאַנג געשאַצט מיר האָבן וואָלוול.

א קלייניקײַט, א שפּאַס, וואָס מיר דערמאָנט אין אײַך,
פאַרשיקערט מײַן געמיט, עס נאָיען אזש די אייוורים.
מײַן יעדן שפּאַן מיט אײַערן כ׳פאַרגלײַך,
מײַנע כאַוויירים.

איך בענק נאָך אײַך.
אין מיר די בענקשאַפט וויעט באַדערנאַכט.
אָף מיר די ענגשאַפט לויערט, ווען איך וואַרט,
ווען כ׳קאָן פון איינזאַמקײַט מײַן לעבן ניט באַוואָרענען,
ווײַל שוין פאַריכטן קאָן מען איצטער גאָרניט...

איך נעם צונויף
אײַערע טיפקײַטן און פלאַכקײַטן, די עמעסן און די געמאַכטקײַטן,
איך פּרווו אין איין געשטאַלט אײַך איצט צונויפנעמען,
צונויף־דרײַען,
מיט מײַנעם, מיטן אייגענעם געשטאַלט צונויפירן,
צונויף־פירען,
און עס באַקומט זיך, ווי מע וואָלט דרײַ רענדלעך ווען אויסלײַען,
ווײַל ס׳איז באַוווסט די פרײַז פון פערטן אויספירלעך.

כ׳וואָלט בעסער שוין פאַרלאָרן אײַך אין דער טראַנשיי,
כ׳וואָלט בעסער פון אַן אומזיניקן אומגליק אײַך פאַרלאָרן.
אָ, זאָל מען מויכל זײַן מײַן מאַנצבלשן געשריי,
אָ, ווײ צו מײַנע יאָרן.

בא ליאַמעס ייִנגלשע, אין הייליקער הולטײַסטווע,
אין אָט דער קורצער צײַט, ווען מענטש איז נאָך אָן זאָרג,
ווען ס׳איז שוין מינץ פאַראַן און נאָך ניטאָ קיין טײַסטער —
מיר האָבן איינס באַם אַנדערן גענומען פרייד אָף באָרג.

און ס׳הארץ מיר האָבן אויסגעביטן אָף דעם ניגן,
וואָס אַלע מאָל האָט אים פאַרשריבן דער פון אונדז,
ווער ס׳האָט געוואָגט זיך אָפּזאָגן פון פאַרגעניגן
לעטויוועס קונסט.

איך בענק נאָך אײַך.
אין מיר די בענקשאַפט וויעט באַדערנאַכט.
אָף מיר די ענגשאַפט לויערט, ווען איך וואַרט,
ווען כ׳קאָן פון אײַנזאַמקײַט מײַן לעבן ניט באַוואָרענען,
ווײַל שוין פאַריכטן קאָן מען איצטער גאָרניט...

דיכטונג

שטייט א בוים אינמיטן דער וועלט,
אליין א וועלט א פולע,
אָנגעשטאָפּט מיט היץ און קעלט
און מיט פייגל דולע.

און דער בוים שטייט הויל־קאַטויל
אין דעם שלעכטן וועטער,
און מיר הערן פון זײַן מויל
א געזאנג מיט ווערטער:

שפּעט אין הארבסט, ווען ס׳פאלט די בלאט,
דאן ווייסן אלע גרינטלעך:
ס׳האָט דעם בוים די קעלט פארשאט,
קומט זײַן לעצטער ווינטער.

איך... בוים... אינמיטן... וועלט...
אליין... א וועלט... א פולע...
איך פארלאָז זיך... אין דער קעלט...
אָף די פייגל דולע...

מאָרגן — הײַנט

ווען טרעפן מײַנע ייִדן וועט איר מאָרגן,
דערמאָנט זיך, אז געלעבט זיי האָבן הײַנט.
די נײַס פון זייער זײַן איר האָט פארבאָרגן,
פארלייקנט אָן א סיבע, ווי מיר שײַנט.

נאָר מאָרגן וועט איר טרעפן מײַנע ייִדן,
דערפרייען זיך מיט זיי איר וועט פילײַכט.

און, מעגלעך, איר וועט זײַן פון דעם צופרידן,
וואָס זיי אין מאָרגן ווײַכן ניט פון אײַך.

פארוואָס זשע זײַנט איר הײַנט אזעלכע בלינדע?
פארוואָס זשע זײַנט איר טויב צו זיי אצינדער?

בריסעל, 1971

גאנץ פאריזש

איך קום צו פאריזש, ווי מע קומט צו א פרוי —
אף א ביסעלע צײַט, אף א קאפּעלע פרייד.
זי באגעגנט אזוי:
„איך געטרוי"... „איך פארטרוי"...
זי געזעגנט מיט לייד:
„מע צעשיידט"... „מע צעשפרייט"...

וואָס מאכסטו, פאריזש?
וואָס וואַרטסטו?
וואָס לאכסטו, פאריזש?
וואָס טראכסטו?

עס טרעפט, ס'נעמט אן אנדערע דעם אויבנאָן —
אווינײאָן, צי ליאָן, צי דיזשאָן, צי טולאָן, —
נאָר דאָס דויערט ניט לאנג,
ווײַל פאריזש לאָזט ניט אָפּ
ניט דעם גוף,
ניט דעם שלאָף,
ניט דאָס הארץ,
ניט דעם קאָפּ.

וואָס ווילסטו, פאריזש?
וואָס פילסטו?
וואָס שפּילסטו, פאריזש?
ווּהין צילסטו?

פאריזש מיך פארנארט אין איר גאס־בודואר,
און איך ווער באדערנאכט אין פאריזש א קלאָשאר,
און דאָ גלײַך
ווער איך רײַך,
אזש א ראָטשילד איך ווער,
און דאָס הארץ איז מיר לער...

וואָס שטײנסטו, פאריזש, דו שײנס דו?
וואָס וויינסטו, פאריזש?
וואָס מיינסטו?

איך קום אין געוויל קיין פאריזש — אף א ווײַל,
ס'איז דער אייפל מײַן דאך,
מאָנפּארנאס איז מײַן טיש.
קיין פאריזש כ'האָב געבראכט קופּידאָנישע פײַל,
פיר אוועק פון פאריזש
גאנץ פאריזש, גאנץ פאריזש.

פאריזש, 1968

ווער איז א ייִד

די שײַלעס אײַערע — זײַ האָבן דאָך איין מײַלע:
מע זעט, ווױהין דאָס שטריקעלע זיך ציט.
איך ענטפֿער גלײַך, ראַבויסײַ, אַף דער שײַלע,
וואָס מוטשעט אײַך אזוי:
ווער איז א ייִד?

דאָס לאַנד, ווו כ'לעב, געווען אמאָל א ציצנס,
איצט איז סינטעטיק האָט עס א געשמאַק.
א ייִד איז דער, ווער ס'טראָגט שוין ניט קיין ציצעס
און ווייסט ניט, וואָס עס איז א לאַפּסערדאַק.

דעם מענטשן מיר דערקענען לויט די מידעס
און לויטן ייִכעס, וואָס איז זיך ער היט.
א ייִד איז דער, וואָס פֿרעגט ניט, ווער א ייִד איז,
און איז פֿון זיך אליין א ייִד.

ווין, 1971

כ'זיץ לעם באָלאָניע אין א שענק

פֿונוואַנען איז דער מענטש געגאַן —
פֿון אפֿריקע צי פֿון די אַנדן?
געאַרבעט מיט א שטיין אין האַנט,
צי דאַן מיט שטיינער שוין געהאַנדלט?

וואָס האָט מיט זיך דער מענטש געבראַכט
אינעם פּאַרמעסט פֿון פֿרייד און זאָרגן —
פֿון טריבע שענקלעך דעם באַנאַכט,
צי פֿון די פֿעלדער דעם פֿרימאָרגן?

כ'זיץ לעם באָלאָניע אין א שענק,
ווו פֿײַנ־סיניאָרן עסן — זויפֿן.
עס קומט אַרײַן א קינד און ברענגט
אַן עמער וואַסער צו פֿאַרקויפֿן.

דערנאָך א מיידל קומט אַרײַן,
צעשפּיליעט באַ די בריסט דאָס קאָפּטל
און זאָגט, אַז פֿאַר א בוטל ווײַן
דו קאָנסט מיט איר דײַן ווילן אָפּטאָן.

נו, יאָ — דער מענטש, ער איז געגאַן
פֿון דאָרט, פֿון דאָ, פֿון ערטער אַנדערע,
געאַרבעט מיט א שטיין אין האַנט
און שוין מיט שטיינער אויך געהאַנדלט.

באָלאָניע, 1972

פאַר גוטסקייט פאַר דײַנער כ'האָב מוירע

איך וויל ניט, דו זאָלסט זיי פאַרצײַען,
וואָס פרעמדע געפעלן זיי טרעפֿ,
וואָס איצט אינעם ברונעם זיי שפּײַען,
פון וועלכן זיי האָבן געשעפּט.

מיט זיי ניט קעדיי איז צו טײַנען
וואָס גוט איז און וואָס עס איז שלעכטס:
די נישטיקע ברוזים — זיי זײַנען
דעם שטויב אַף דײַן ערד ניט די ווערט.

פאַר אונדז ביסטו, רוסלאַנד, דאָס מוז־לאַנד,
דאָס לאַנד, וואָס דעם שעקער פאַרפאָלגט,
דער שטיין, וועלכער טרעפט אין דיר, רוסלאַנד,
ער טרעפט אינעם יידישן פאָלק.

איך וויל ניט, אַז זײַן זאָלסטו מויכל,
איך דאַרף ניט, זאָלסט זײַן צו זיי מילד.
פאַר גוטסקייט פאַר דײַנער כ'האָב מוירע,
דאָס אייגענע פאָלק זיי פאַרשילט.

ווין, 1961

פונעם ליבע־ציקל

איך געדענק

איך געדענק דײַן בּיאָגראַפיע,
אָנגעהויבן פון דעם בליץ,
וואָס באַשײַנט האָט גאָטס באַשאַפונג
און וואָס דויערט נאָך ביז איצט.

איך געדענק דיך, אָנגעהויבן
פון דעם דונער, וועלכער האָט

אויסגעבראָכן אַף דעם גלויבן,
אַז געשאַפן האָט דיך גאָט,

ווײַל אַרויסגעוויזן האָט זיך,
אַז אין דיר זײַנען פאַרקניפּט:
פרווישקייט (וואָס איז א גאָט־זאַך),
ערדישקייט (וואָס פון א ריפּ).

מערער—ווייניקער

אַזוי, און ניט אַנדערש, איך פּאַסקן, —
צעברעך מיר דעם קאָפּ אין א שטיין:
אַף ווייניקער בין איך ניט מאַסקים,
מיט מערער איך וועל זיך באַגיין.

אומיסטן אַף גלאָז גיי איך באָרוועס,
און טאָמער, דו שטעלסט מיך ניט אָפּ,
דאַן שלאָגן מיט זיך כ'וועל קאַפּאָרעס
אַרום דײַן פאַרטראָגענעם קאָפּ.

קיין מאָס, קיין באַשייד און קיין גרענעץ!
איך בעט און איך בענטש און איך קוועל.
די ליבע — אָט קליין ווי א גענעץ,
און אָט איז זי גרויס ווי די וועלט.

פון אייגענעם הארצן דאָס באַסקאָל
דערהערן איז שווער און פאַרשטיין.
אַף ווייניקער בין איך ניט מאַסקים,
מיט מערער איך וועל זיך באַגיין.

שירע גאָרשמאַן

כאנעס שאָף און רינדער

(דערציילונג. דריטער טייל)

כאנע איז ניט געשלאָפן. פונדעסטוועגן איז איר ניט גרינג געווען אראָפּצוגיין פון געלעגער. דאָס קליינע צימערל איז פול געווען מיט פינצטערער ענגשאַפט, די פאַרפרוירענע פענצטער האָבן ניט דורכגעלאָזן קיין טראָפּן שײַן פונעם ווינטערדיקן פרימאָרגן. כאנען איז שווער אָנגעקומען אראָפּצושאַרן די קאָלדרע. זי האָט פּאַוואָליע אראָפּגעלאָזט די פיס פון דער צעהויקערטער סאָפע און איז אַזוי געזעסן א רעכטע ווײַלינקע. זיך ארומגעקוקט, גאָרנישט ניט דערזען, ארײַנגעטאָן די הענט אין די ארבל פון דער סאַטינענער שווארצער קאַסאָוואָראָטקע, נאָר זיי ניט דורכגעצויגן. אזוי איז זי געשטאַנען מיט אַן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ, פון צײַט צו צײַט שווער אָפּגעאָטעמט. זי האָט זיך עפּעס ניט אײַנגעפּאַסט אינעם דאַזיקן רעמל, פונקט ווי אהער וואָלט ניט צוגעפּאַסט, אשטייגער, א בוים, ווען מע וואָלט אים פלוצעם דאָ פארפלאַנצט. סאָפּקאָלסאָף האָט כאנע דורכגעצויגן די הענט דורך די ארבל פון דער קאַסאָוואָראָטקע און גענומען אָנטאָן די יופּעצע, וועלכע איז אופגענייט געווען פון דעם מין מאַנופאַקטור, וואָס מע רופט „טשאַרטאָווע קאָזשע". איצט איז איר געבליבן ארײַנצוקריכן אין די קירזעווע שטיוול, פון וועלכע איינער וואָלט געווען איבערגענוג פאַר אירע בײדע פיס. און שוין אזוי שטייענדיק אין די קאָמונע־בגאָדים, צווישן די קינדער, וואָס זײַנען געשלאָפן אף דער פּאָדלאָגע און נעכעמיען, וואָס האָט אזוי רעגלמעסיק, אזוי גרינג־צוצי‍ענדיק געאָטעמט אף דער באַוווסטער סאָפע, וועלכע ס'איז שוין לאַנג צײַט געווען ארויסצוּוואַרפן, האָט זי זיך פארטראַכט.

וויפל ס'איז דער זייגער, האָט כאנע ניט געוווסט. אָבער זי איז אופגעשטאַנען פונקט צו דער צײַט פונעם ערשטן געמעלק. מיט דעם כילעק, וואָס אין אלע אוועקגעשטראָמטע באַגינענס האָט זי פינקטלעך געוווסט, וואָס זי וועט טאָן. איצט האָט זי לאַכלוטן ניט אָנגעהויבן וויסן, וו‍יאזוי זי וועט באַגעגענען דעם טאָג. זי האָט זיך ארומגעקוקט, אָבער איר שאַרפע רי‍ע האָט אומזיסט געעגבערט די געדיכטע פינצטערניש. עס האָט זיך איר געדוכט, אַז די ווענט זײַנען מאַמעש לעבן אירע אויגן. האָט זי ארויסגעצויגן א האַנט, און זי איז געווען פארכידעשט, וואָס איר האַנט באַוועגט זיך פרײַ און טרעפט ניט אין דער וואַנט.

זי האָט געמאַכט א פּאָר שפּאַן אהער, א פּאָר שפּאַן אהין, ענדלעך אָנגעטאַפּט די קליאַמקע פון דער טיר, ארײַבערגעשפרײַזט די שוועל און איז שטיין געבליבן אין דער קיך. די שוואַכע שײַן פון עלעקטרישן לעמפּל, וואָס איז געהאַנגען אונטערן סאַמע סופיט, אַן ארומגעפלאָכטנס מיט דינעם דראָט, האָט ארויסגערופן בא כאנען ראַכמאָנעס. א ראַכמאָנעס צו דער שײַן, וואָס האָט קוים געזשיפּעט דורך דער טונקעלער נעץ פון דרעטלעך. און זי האָט א טראַכט געטאָן: „שוין בעסער א לאַמטערן, איידער אזא לעמפּל". עפּעס א קאָל האָט איבערגעריסן איר געדאַנק. אָבער כאנע האָט ניט גלײַך דערהערט, וואָס עס האָט געזאָגט די עלטערע פרוי, וועלכע כאנע האָט פלוצעם דערזען, יענע האָט איבערגעכאַזערט דאָס, וואָס איז שוין געזאָגט געוואָרן:

דעם ערשטן און צווייטן טייל פון דער דערציילונג זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נום. 7 און 9 פאַרן 1973 יאָר.

— איר דאַרפֿט אין קלאָזעט? אַט דאָ.

כאַנע האָט אָנגעקוקט די פּרוי, זיך ראַפּטום אַ לאָז געטאָן צו דער טיר און איז צוריק אַרײַן אין צימער.

ווי פֿריִער, זײַנען די קינדער געשלאָפֿן. ווי פֿריִער, האָט נעכעמיע רעגלמעסיק־גרינג געאָטעמט. כאַנע האָט, ענדלעך, פֿאַרשטאַנען, אַז זי איז צו פֿרי אופֿגעשטאַנען. זי האָט אַראָפּ־געטרייסלט די גרויסע שטיוול פֿון אירע קליינע פֿיס, אין אָנטאָן זיך צוגעשפּאַרט לעבן די קינדער אַף דער פֿאַדלאָגע. זי איז געלעגן מיט אָפֿענע אויגן, די בידנע שײַן פֿון לעמפּל אין פֿינצטערן געפֿלעכט איז געשטאַנען פֿאַר אירע אויגן. זי האָט געטראַכט, אַז די מעלקערנס מעלקן איצט די דריטע בעהיימע. אַזוי וואַרהאַפֿטיק האָט זי עס געהערט, געזען, ווידער גע־הערט, ווי די מילך פֿאַלט מיט אַ ווייכער מורמלערײַ אין עמער, און דאָס האָט אָנגעיאָגט אַף איר אַ דרעמל. דער לײַכטער דרעמל האָט געבראַכט צו איר די קינדהײַט. זי האָט פּלוצעם דערזען, ווי דער זיידע זיצט באַם טיש, ווי זײַן יאַרמלקע שאָקלט זיך אַ ביסינקע, ווי ער נעמט פֿאַרכטיק מיט צוויי פֿינגער אַ בלאַט פֿון דער אָפֿענער געמאָרע, ווי ער בייגט זיך צו די קליינע אויסיִעלעך. אַלץ נידעריקער און נידעריקער זינקט זײַן קאָפּ, אַזש די יאַרמלקע פֿאַלט אים שיר ניט אַף די אויגן. טוט ער אַ כאַפּ די יאַרמלקע, גלײַכט זיך אויס, שאָקלט זיך הין־און־הער, פֿרעפּלט שטיל, פֿאַרטיפֿט, אָפּגעשיידט פֿון אַלץ און אַלעמען. און אַט פֿאַר־שווינדט דער זיידע, און באַלד ווערט אַ זומערדיקער טאָג, די עפּלביימער אין סאָד שטייען אין ווײַס־ראָזלעכער בליִונג, עס פֿלאַטערן די גרינע בלעטער, ווי זומער־פֿייגעלעך. דער זיידע רײַסט אַרויס ווו נאָר אַ גרעזל אַרום די ביימער פֿון די שטאַמען, און ער זאָגט טיף־פֿרום, ווי אַ טפֿילה:

— העלף, טעכטערל, לעבן דײַן פֿיסל וואַקסט אַ כריין־בלאַט.

זי פֿאָלגט, אָבער דער געוויקס רירט זיך ניט פֿון אָרט. דער זיידע שפּאַרט אָן דעם רעכטן פֿוס אַפֿן ראַנד פֿון דער לאָפּעטע, טוט אַ זיפֿץ, די לאָפּעטע שנײַדט זיך אַרײַן אין דער ערד, און אַט ליגט שוין אַ בלייכער, לענגלעכער וואָרצל מיט האַריקע וואָנצעלעך. דער זיידע טוט אים אַ הייב, טרייסלט אָפּ פֿון אים די ערד און הייסט שטיל:

— טעכטערל, ליבינקע מײַנע, טראָג דאָס אוועק דער באָבען, וועט זי מאַכן כריין צו דער פּעציאַ. איבערמאָרגן איז דאָך שאַבעס.

פֿאַר אירע אויגן שטייט דער סאָד, די גרינע גלאַנציקע קאַרשן אַף די צווײַגן פֿון די קאַרשנביימער. די ווײַמפּערלעך־קוסטעס זײַנען מיט אָן אַ שיר קניפּלעך. די בינען זײַנען פֿאַרנומען ביז גאָר... דער זיידע שטייט אָנגעשפּאַרט אַפֿן הענטל פֿון דער לאָפּעטע, קוקט אַזוי לײַטזעליק אַף אַלץ, שעפּטשעט צו איר:

— זעסט, ווי מע האָרעוועט, מע ווייסט ניט וואָס פֿריִער צו טאָן.

— ווער? — פֿרעגט כאַנע ווי אַף דער וואָר.

— ווער? דער אינדיק מיטן בערד! קוק אַף די בינען. אַ דאַנק אים אין הימל. איך בין זוכעַ געווען צו זען זײַן באַשאַף.

כאַנע האָט זיך אופֿגעכאַפּט, נאָר אַלץ שטייט פֿאַר אירע אויגן. „פֿאַרוואָס איז מיר אַזוי אומעטיק? פֿאַרוואָס קוועטשט מיר אַזוי דאָס האַרץ?" — טראַכט זי. ניט דאָס ערשטע מאָל איז אַזוי. קימאַט טאָמיד, ווען זי שטייט עפּעס פֿאַר אַ ניסאָיען, שווימט צו איר די קינדהײַט, קומט צו איר דער סאַמע באַליבטער, טײַערסטער, דער איינציקער אַף דער גאַנצער וועלט — דער זיידע אירער.

און אַלעמאָל ווערט גרינגער איר געמיט דערפֿון. אַלעמאָל, אָבער ניט איצט...

— מאַמע, איך וויל צו דיר, — דאָס האָט זיך אופֿגעכאַפּט דאָס עלטערע מיידעלע, פּערעלע.

— איך בין דאָך לעבן דיר, מײַן קינד.

— מאַמעלע, לאָז, איך וויל אָנרירן דײַנע באַקן און דײַנע ליפּן. ס'איז אַזוי פֿינצטער, אַז איך זע דיך ניט. פֿאַרוואָס איז דאָ ניטאָ אַזאַ לאָמפּ, ווי אין קינדערהיים?

— דו געדענקסט ניט, מיר זײַנען דאָך אין מאָסקווע.

— איך ווייס, אַף קיין בעטעלע וועל איך שוין קיינמאָל ניט שלאָפֿן.

— וועסט שלאָפֿן, וועסט שלאָפֿן, לעבן מײַנס. אָבער שטילער, וועסט אופֿוועקן אַלעמען.

— זאָלן אַלע אופֿשטיין. איך וויל עסן!

— כאַנוקל, גיב פּערעלען אַ שטיקל צוקער, — האָט נעכעמיע זיך אופֿגעכאַפּט און זיך געלאָזט הערן.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן כאַנעס ערשטער טאָג אין מאָסקווע.

עס איז גרינג צו זאָגן — אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן כאַנעס טאָג. זי האָט לאַכלוטן ניט געוווּסט, וואָס פריִער צו טאָן. א גליק, וואָס נעכעמיע האָט ארויסגעהאָלפן.

— כאַנוקע, כאַפּ ניט, איַיל זיך ניט, זאָלן די גאָלעגערס ליגן. פריִער טו אָן די קינדער, און איך וועל דערוויַיל ארויסלויפן נאָך מילך, — האָט נעכעמיע גענומען דעם רודער אין זיַינע הענט.

בייס נעכעמיע איז געקומען מיט דער מילך, זיַינען די גאָלעגערס געווען אין אָרדענונג. כאַנע האָט אָנגעטאָן און ארומגעוואַשן די קינדער. זיי זיַינען געזעסן יעדערער מיט א שטיקל צוקער אין האַנט, און דאָס צימער איז פול געוואָרן פון זייערע קלינגענדיקע קעלעכלעך.

נאָך אָנבייַסן איז נעכעמיע מיט כאַנען אוועק אפן מאַרק, וואָס האָט זיך געפונען אף אַרבאַט. אַהין איז געגאַנגען א טראַמוויַי. ווי נאָר כאַנע האָט דערהערט, אַז דער טראַמוויַי קלינגלט, האָט זי ארויסגעריסן פון נעכעמיען איר האַנט און זיך געלאָזט לויפן. ער האָט זי דעריאָגט, ווידער גענומען איר האַנט, שטיל און שטרענג צו איר געזאָגט:

— וואָס לויפסטו? דו קענסט גיין ווו דו ווילסט. אָבער דער טראַמוויַי קאָן ניט גיין ווי דו, ער מוז גיין נאָר אף רעלסן. דערפאַר זאָלסטו זיך ניט שרעקן, ער וועט אף דיר ניט ארופאָרן.

בייס זיי זיַינען געקומען אפן מאַרק, האָט נעכעמיע געגעבן כאַנען א קליין טיַיסטערל מיט דריַי רובל. דערזען, אַז כאַנע קוקט אף אים מיט אירע בלויע רײנע אויגן, האָט ער ניט פאַרזאַמט זי צו באַרויִקן:

— שרעק דיך ניט, קינדעלע. איך וועל באַלד צוריק קומען. גיב אַכטונג אפן טיַיסטערל, און דאָ זאָלסטו שטיין. גיי אין ערגעץ ניט אוועק, אַז ניט, וועל איך דיך פאַרלירן. זיַי א טשוטעטשקע פריילעכער, מיַין טרייסט.

— בולבע זאָל איך קויפן פאַרן גאַנצן געלט?

— וואָס רעדסטו, כאַנוקל? אַזויפיל קאַרטאָפל וועלן מיר דאָך ניט דערשלעפּן. מע וועט דאַרפן א וואַגאָן! און געדענק, וואָס איך זאָג דיר: אָט דאָ זאָלסטו שטיין!

כאַנע האָט אים באַגלייט מיטן בליק, ביז ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. דערנאָך איז איר געפעלן געוואָרן א יונג פּאָרל. דאָס פּאָרל איז געשטאַנען בא א קליין טישל, ניט וויַיט פון דאָרטן, ווו מע האָט פאַרקויפט קאַרטאָפל. אפן טישעלע זיַינען געווען אָנגעוואַלגערט בלעכענע געצאַקטע פּיטשינקע פורעמלעך. און דאָס פּאָרל האָט פריילעך און פאַרשיַיט מיט א ניגן געזונגען:

— ניע פּראָכאָדיטיע מימאָ! ניע פּראָכאָדיטיע מימאָ! פּאָרמאָטשקי דליא פּעטשעניא, פּאַלטשיקי אָבליזשעטיע! — דאָס באַטיַיט: קויפט פורעמלעך פאַר קיכעלעך! די פינגער וועט איר אָפּלעקן!

כאַנען זיַינען די פורעמלעך זייער געפעלן. זי וואָלט בעפּיירעש געקויפט אַזוינע דריַי פאַר די קינדער. ניט ווינציקער איז איר אויך געפעלן דאָס פּאָרל. זיי זיַינען געווען אַזוי לוסטיק, יונג, אַזוי מאָדנע אויסגעפּוצט, כאַנע האָט פון זיי די אויגן ניט אראָפּגענומען און ניט געקאָנט באַשליסן, צי זיַינען זיי כאָסן־קאַלע אָדער זיי זיַינען שוין מאַן און וויַיב? און ווי זי שטייט אַזוי פאַרגאַפט און קוקט אף זיי, גייט פּלוצעם צו אַן עלטערע פרוי, טוט זי א שטאַרקן שטויס אין אַקסל, בייגט זיך איַין, הייבט עפּעס אוף און ווערט פאַרשוווּנדן. כאַנע האָט געוואָלט א שפּאַן טאָן און זאָגן דער פרוי א צוויי ווערטער, אָבער זי האָט זיך דערמאָנט, אַז נעכעמיע האָט איר ניט געהייסן זיך רירן פון אָרט. און טאַקע גליַיך האָט זי דערזען, ווי נעכעמיע גייט צו איר.

— האָסט נאָך ניט געקויפט קיין קאַרטאָפל?

כאַנע האָט ניט געענטפערט אף זיַין פראַגע, וויַיל איר צונג איז ווי געליימט געוואָרן. זי האָט דערפילט, אַז איר רעכטע האַנט איז ליידיק. זי האָט אָנגעקוקט נעכעמיען און באַגעגנט אין זיַין בליק מיטגעפיל און וווּנדער. ערשט איצט האָט זי פאַרשטאַנען, פאַרוואָס די פרוי האָט זי אַזא שטויס געטאָן און דערנאָך זיך גליַיך איַינגעבויגן. כליפּענדיק, האָט זיך כאַנע פאַרענטפערט:

— טיַיערינקער, איך בין א האָר ניט שולדיק. איך בין די גאַנצע ציַיט געשטאַנען, ווי דו האָסט מיר געהייסן. פּלוצעם האָט מיך איינע אַזא שטורכע געטאָן. נו, האָב איך פאַרלאָרן דאָס טיַיסטערל, און זי האָט עס אופגעהויבן.

— פאַרפאַלן, מיַין קינד. אָבער ווייַנען דאַרפסטו ניט. אין מאָסקווע טאָר מען ניט גענעצן. מע דאַרף זיַין מיט א קלאָרן זינען. וואָרעם דאָ קאָן מען פאַלן אפילע, ווען קיינער שטופּט

ניט. — אזוי האָט נעכעמיע געטרייסט כאנען, ניט פאַרפעלט זי א קוש צו טאָן, און אינגיכן זײַנען זיי געווען אין שטוב.

די קינדער האָבן אזוי געשריִען און געקוויטשעט, אקוראט כאנע מיט נעכעמיען זײַנען א יאָר ניט געווען אין שטוב. כאנע האָט זיי באַרויִקט און זיך גענומען צו דער אַרבעט. זי האָט לאַנג ניט געטראַכט וואָס צו קאָכן. אָבער דער קאַרטאָפּל־זופּ איז זייער געפעלן געוואָרן נעכע־מיען און די קינדער. ווען נעכעמיע איז נאָך וואַרעמס אַוועקגעגאַנגען, האָט כאנע זיך גענומען אַרומקוקן, וואָס עס טוט זיך אַרום איר. געעפנט די צווייטע טיר, וואָס איז די גאַנצע צײַט געווען פאַרמאַכט, האָט זי דערזען נאָך א קליין צימערל. „אויב אזוי, איז די זאַך גרינגער", — האָט כאנע א טראַכט געטאָן. זי האָט אַלץ אַרויסגעטראָגן פון צימערל, געעפנט די פאָרטקע, אַרומגעוואַשט דעם שטויב פון די ווענט און פון סופיט. ווען דער צימער איז געווען אָפּגעוי־ראַמט, האָט זי אַרײַנגעפירט אַהין די קינדער און צוגעמאַכט די טיר. צו פאַרנאַכט־צו האָבן ביידע צימערן געבלאַנקט, און בייס נעכעמיע איז געקומען פון שטאָט, איז ער שטיין געבליבן פון יענער זײַט טיר אַף אויסגעשפּרייטע צײַטונגען.

— גיי אַרײַן, האָב קיין מוירע ניט, — האָט כאנע זיך געוואונדערט.

— טרייסט מײַנער, ווי האָסטו דאָס באַוויזן? — האָט נעכעמיע זיך געוווּנדערט. און ווען ער האָט דערזען, אַז דאָס צווייטע צימערל איז אויך ריין, האָט ער טרויעריקלעך אָנגעזאָגט:

— וואָס האָסטו געדאַרפט אופראַמען דאָס צווייטע צימערל, עס איז דאָך ניט אונדזערס.

— ווּעמענס דען איז דאָס?

— כ'האָב דיר דאָך געזאָגט, אַז איך וווין מיטן בלאַנדן. ער איז אויך געווען אין קאַמונע, געדענקסט?

— איך געדענק. ווי זשע? אָבער ווו איז ער איצטער?

— ער איז אַוועקגעפאָרן קיין קיִעוו מאַכן דעקאָראַציעס צו א ספּעקטאַקל.

— ער וועט קומען צוריק? — האָט כאנע געפרעגט מיט אזא טאָן, אַז זי וואָלט זייער געוואָלט הערן, אַז דער קינסטלער וועט ניט קומען.

— איך זע, אַז דו ווילסט עס ניט, נאָר ער וועט קומען. דערבײַ האָט ער געשריבן, אַז ער קומט מיט א ווײַב, ווײַל ער האָט דאָרטן כאַסענע געהאַט.

— זעסטו, דאָס פאַרדריסט מיך גראָד. כײַ וואָלטן זיי געזען, וואָס פאַר א גרויסאַרטיקער סמיטניק בא זיי אונטערן בעט איז געווען, — האָט זי שאַדנפריידיק אויסגעשריִען.

— מיילע, קיין גרויסע טײַנעס וועלן זיי צו דיר ניט האָבן. האָבן זיי ניט געזען, וויפל מיסט זיי האָבן פאַרמאַגט, — האָט נעכעמיע זיך געוואונדערט.

וואָס א טאָג ווײַטער, האָט נעכעמיע אַלץ מער געזען, אַז כאנע איז טאַקע ניט קיין פוילערקע. זיכער האָט ער דאָס געוווּסט פריִער אויך. און פונדעסטוועגן האָט ער זיך ניט אופגעהערט צו וווּנדערן.

— קום אהער, זיך א מינוט.

— מיט דיר, וויפל דו ווילסט, — פלעגט זי גרייטפאַרטיק זיך אָנרופן. אָבער אין א ווײַ־לינקע אַרום איז זי שוין לעבן אים ניטאָ. איז זי ווידער פאַרנומען מיט עפּעס. גאַנץ אָפּט פלעגט נעכעמיע אופהערן צייכענען און לאַנג נאָכגעקוקט, ווי זי רייניקט מערן, שיילט בולבע, בראַקט קרויט, שײַערט מיט זאַמד דעם טשײַניק. וואָרעם וואָס זי זאָל ניט געווען טאָן, האָבן אירע הענט צו אַלץ געקלעפּט. איבער אַלע אַרבעטן זײַנען זיי געפלויגן ווי די פויגלען. נע־כעמיע האָט ניט איין מאָל געזען, ווי זײַן מאַמע אָדער די עלטערע שוועסטער פלעגן זיך פּאָרען אין קיך. אָבער אַז זיי זאָלן, ווי כאנע, קאָנען אַראָפּנעמען אזוינע לאַנגע דינע גע־קרײַזלטע שאָלעכץ פון א בולבע, מע זאָל אזוי גיך, שפּאָרעוודיק־דין שאָבן א מער, האָט ער ניט געזען קיינמאָל.

— גיי טו, וואָס דו דאַרפסט. וואָס קוקסטו מיר אין די הענט? — האָט אין אזוינע פאַלן געזאָגט כאנע.

— טרײַב מיך ניט, גיב אַף א מינוט דאָס מעסער. כ'וויל אָפּרייניקן א מערל פאַר זיך.

— נו וואָס כאַפּסטו. שנײַדסט און שנײַדסט מיטן מעסער אַף איין אָרט. גיב אהער. זעסט, איין שאָב און פאַרטיק.

ער האָט געזען, אַז זי איז גערעכט, אָבער ער האָט געוואָלט וויסן:

— ווער האָט דיר. עס געוויזן, פונוואַנען קענסטו דאָס?

— וואָס איז דאָ צו וויסן. דער סייכל דאַרף האָבן אויגן. זעט מען שוין, אַז מע דאַרף ניט מוטשען, וואָס מע האַלט אין האַנט. מע דאַרף ניט פּאַטערן דאָס, אַף וואָס מענטשן האָבן געהאָרעוועט.

דוכט זיך, א קלייניקייט, אָבער נעכעמיען האָט עס געלערנט צו פאַרשטיין, ווי דאָס מאַזל האָט אים צוגעשפּילט. די שטוב־אַרבעט האָט זיך איינגעשטעלט ווי פון זיך אַליין, אַלץ איז געווען צו דער צייט, ווייל כאַנע איז קיינמאָל ניט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. אין א פרייער שאָ איז זי געגאַנגען מיט די קינדער אין זאָאָלאָגישן גאָרטן, אָדער זי איז פּאַשעט מיט זיי געווען אין הויף, אַזוי אַז נעכעמיע האָט אַלע טאָג געהאַט שטילע שאָען צו אַרבעטן. די קינדער זיינען, פאַרשטייט זיך, געווען ווי אַלע קינדער. עס האָט ניט געהאָלפן, וואָס נעכעמיע האָט געזאָגט ניט איין מאָל, אַז צום טיש, ווו ער זיצט און אַרבעט, טאָר מען זיך ניט צורירן. ווי נאָר ער איז אַף א רעגע אַוועקגעגאַנגען פון טיש, זיינען די קינדער שוין געווען דאָרטן. מע האָט געכאַפּט פּאַפּיר, בלייערס. אַזוי אַז נעכעמיע האָט געמוזט געפינען אַן אייצע. ער האָט די קינדער געגעבן פּאַפּיר און פאַרב, א טעמפּ שערעלע. דאָס אַלץ האָט ער אַוועקגעלייגט אַף דער סאָפע, ווו די קינדער זיינען געווען פאַרנומען שאָענלאַנג. די עלטערע, פּערעלע, האָט זיך זייער צוגעבונדן צו אים. ביילקעלע און ראָכעלע פלעגן זעלטן צו אים צוגיין.

אַנומלטן האָט כאַנע געהערט, ווי ביילקע זאָגט צו פּערעלען:

— פאַרוואָס רופסטו אים טאַטע? די מומע פון קיך האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז א פרעמ־דער פעטער און מער קיינער ניט.

— די מומע פון קיך ווייסט גאָרנישט. ווען ער וואָלט ניט געווען אַייער טאַטע, וואָלט ער אין קאָמונע ניט געקומען. און דו, ביילקע־בולקעלע, זאָלסט ניט ריידן מיט דער מומען. און דעם טאַטן האָב ליב, ווייל ער האָט דיך אויך ליב,—האָט כאַנע געזאָגט צו די קינדער, אָבער אַפן האַרצן איז איר געווען ניט היימלעך.

אין אָוונט האָט זי געוואַשן א קינדערש געוועש. די שכיינע האָט געסמאַליעט אַפן פּלאַם פון פּרימוס כאַזערשע פּיסלעך. כאַנע האָט פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז די ריכטיקע מינוט צו זאָגן דער שכיינע א צוויי ווערטער.

— איך בעט אייך זייער, איר זאָלט ניט ריידן מיט מיינע קינדער.

יענע האָט אופגעהערט צו רייניקן דאָס פאַרשוואַרצטע פּיסל און, פאָכנדיק מיטן מעסער אינדערלופטן, זיך אָנגערופן:

— אַזוינע באַריניעס ווי דו גייען בא מיר הונדערט אַף א טוץ. בא דיר פרעג איך ניט, וואָס צו ריידן און ווען צו שווייגן!

כאַנע האָט שוין גוט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר א פּראַכט די שכיינע איז, און האָט מער צו איר קיין וואָרט קיינמאָל ניט אויסגערעדט. די קינדער האָט זי ניט אַרויסגעלאָזט פון צימער, און ווי נאָר זי האָט געהאַט א פרייע שאָ, איז זי מיט זיי אַוועקגעגאַנגען. כוץ אַלע אַרבעטן, האָט נעכעמיע געלערנט מיט כאַנען רוסיש. זי האָט שוין גאַנץ פליסיק געלייענט, ניט שלעכט געשריבן. דאָס איז אויך געווען א גוט צייט־פאַרברענגען פאַר די קינדער. זיי פלעגן זיצן, ווי פאַרקישעפט, בייס נעכעמיע האָט פאָרגעלייענט.

גאַנץ אָפט זיינען אַריינגעקומען קינסטלער, דיכטער. עס זיינען געווען אַזוינע, וואָס פלעגן קוקן אַף כאַנען, ווי אַף א פּוסטקייט. און דערביי פרעגן: „קיינער איז ניטאָ אין שטוב?". „קיינער ניט",— פלעגט כאַנע ענטפערן. דערביי פלעגט זי דערפילן, ווי עס באַשלאָגט זי א היץ.

נעכעמיע איז אַנומלטן פון ערגעץ געקומען, גלייך דערזען, אַז כאַנע איז עפּעס צעטראָגן, און געפרעגט:

— ס׳האָט עפּעס געטראָפן?

— ווי זאָל איך דיר זאָגן, דאָ איז געווען קאָרנבלום, צי קאָרנווייץ. איך געדענק ניט, ווי זיין פאַמיליע איז. קוקט ער אַף מיר, ווי מע קוקט אַף א פלוי, און גיט א זאָג: „קיינער איז אין שטוב ניטאָ, כ׳וועל קומען שפּעטער..." ענטפער איך אים: „צו וועמען רעדט איר, קיינער איז דאָך ניטאָ".

— מאָלאָדיעץ, אַזוי זאָלסטו אַלעמאָל טאָן. זיי וועלן זיך מוזן צוגעוווינען.

— זיי וועלן זיך יאָ צוגעוווינען, ניט צוגעוווינען, אָבער וואָס איז עס פאַר א כאַזערייַ?

— כאַנוקל, האָבן אַן אינטעליגענטע פּראָפעסיע איז נאָך ווייט פון זיין אַן איידעלער מענטש. צוביסלעך וועסטו זיך אויך צוגעוווינען, ביסט דאָך שוין ניט קיין קינד. נעם זיך וואָס ווינציקער צום האַרצן פון אַזוינע זאַכן.

גאָר גיך איז כאַנען פאָרגעשטאַנען א גרויס פאַרגעניגן. נעכעמיע האָט געקראָגן בילעטן אַף „פּרינצעסן טוראַנדאָט". כאַנע האָט אָנגעטאָן דאָס בלויע קלייד, וואָס נעכעמיע האָט גע־בראַכט אין קאָמונע. „דאָס כאַסענע־קלייד",—האָט כאַנע עס גערופן. אָבער קיין שיך האָט זי נאָך ניט געהאַט, דעריבער האָט זי אָנגעטאָן די קירזעווע שטיול. זי האָט ניט באַמערקט,

ווי אייניקע מענטשן באטראכטן אירע פּיס. ווען דער פּאַרהאַנג האָט זיך אופגעהויבן, האָט כאנע ביכלאל אין זיך פארגעסן. זי האָט געזען פאר זיך אזא יאָמטעוו, אזא פּײַערלעכקײַט, אזויפיל רײַכע קאָלירן, אז נעכעמיע האָט זי אלע מאָל געדאַרפט א צי טאָן פארן ארבל, ווײַל פון צײַט צו צײַט האָט זי ארויסגעגעבן א קוויטש, ווי אין סטעפּ. ווען זיי זײַנען נאָכן ספּעקטאַקל ארויסגעגאַנגען אף דער גאס, איז כאנע צוגעפאלן צו נעכעמיען, זי האָט אויסגע־קושט זײַנע באַקן, די שלייפן, דעם שטערן און מיט א פארכאַפּטן אָטעם פון דאנקבארקײַט געהאַלטן אין איין שיטן:

— אוי, וואָס פאר א שיינע זאַך דו האָסט מיר געוויזן! די גאס און די הײַזער זעען איצ־טער אויס וואָכעדיק. פיר מיך אלעמאָל אין טעאַטער.

— טרייסט מײַנער, שטילער, מיר זײַנען דאָך אף דער גאס, מענטשן קוקן אף אונדז. געוויס וועלן מיר גיין אין טעאַטער. נעשאָמעלע מײַנע, אלץ פארשטייסטו, אלץ פילסטו. דו האָסט מיך נאָך ליב אזוי ווי אין קאָמונע?

— וואָס פרעגסטו דאָס, וואָס דו ווייסט? קיינער אין דער וועלט האָט נאָך קיינמאָל קיינעם אזוי ניט האָלט ג־ע־ה־א־ט!

דאָס איז געווען עמעס. די צוויי מענטשן זײַנען געווען איין גוף און איין נעשאָמע. וואָס ווײַטער, האָט זיך כאנע אלץ מער צוגעוווינט צו דער נײַער אויסקומעניש. ניט אלע קינסט־לער, דיכטער, וועלכע פלעגן קומען אהער, האָבן געקוקט אף כאנען ווי אף א פּוסטן אָרט, עס פלעגט אָפּטער ארײַנגיין א קינסטלער, וואָס האָט געהאַט, ווי כאנען האָט זיך אויסגעוויזן, א מאָדנע טעווע: ער פלעגט קושן די האַנט. וועגן דערויף האָט כאנע אויך באמערקט נעכע־מיען. און ער האָט איר קלאָר געמאַכט די זאַך:

— דו געדענקסט, איך האָב דיר דערציילט, אז אין קאָסטראָמא איז געווען ניקאָלײַ ניקאָ־לײַעוויטש קופּרעאַנאָוו, צו וועלכן איך בין אָנגעקומען זיך לערנען מאָלערײַ. און ער האָט מיך ארויסגערופן קיין מאָסקווע. ער שטאַמט דאָך פון דוואָריאַנסטווע. און ניט נאָר דערפאר, ער איז פּאַשעט א ריטער, זייער אן איידעלער. קוק זיך צו צו אים.

ס׳פלעגט אויך ארײַנקומען איינע א קינסטלערן, פרידע בליומבערג. זי איז זייער צוגעלאָזט געוואָרן. אָפּט געבראַכט צאַצקעס פאר די קינדער. אנומלטן האָט זי געזאָגט צו כאנען:

— עפּשער וועט איר זיך באליידיקן אף מיר, אָבער איך וויל אײַך עפּעס זאָגן. מײַן מאמע איז א פּאַרוואַלטערן פון א קינדערגאָרטן. עס קאָן טרעפן, אז דאָרטן זאָל זײַן א פרײַ אָרט. עפּשער וואָלט איר אהין גיין ארבעטן. דאָס וואָלט פאר די קינדער אויך געווען בעסער.

— פאַרוואָס זאָל איך זיך באליידיקן, איך בין אײַך זייער דאנקבאר. דאָס וואָלט געווען זייער גוט, — האָט זיך כאנע אָנגעכאַפּט.

אָבער דערווײַל איז זיך געגאַנגען טאָג נאָך טאָג. קיין ארבעט האָט ניט געפעלט. נעכע־מיע האָט איצט ניט געהאַט קיין באַשטעלונגען, אָבער אלציינס איז ער געזעסן גאַנצע טעג באַם טיש. כאנע האָט אים געזען יעדער שאָ און יעדע מינוט, און אָפּט פלעגט זי זיך דער־מאָנען דעם זיידן. ס׳פלעגט איר דורכפלִיען א געדאַנק: „אזא צאַדיק איז מיר באַשערט געווען, אזא צאַדיק, ער איז דאָך פּונקט ווי דער זיידע”.

דאָס איז טאַקע אזוי געווען, מיט דעם כילעק, וואָס דער זיידע האָט זיך געשאָקלט באַ דער געמאָרע און נעכעמיע האָט מיט דער בלײַקע אין האַנט אָדער מיטן פּענדזעלע זיך גע־ראַנגלט און געראַנגלט, ביז עס איז צו שטאַנד געקומען אפן פּאַפּיר, וואָס ער האָט געוואָלט. און אזוי פריש און לעבעדיק, ווי עס וואָלט געמאַכט געוואָרן מיט איין אָטעם.

וועגן שמועס מיט פרידען האָט כאנע גאָרנישט געזאָגט נעכעמיען. אָבער ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזן, האָט יענע אליין גערעדט מיט נעכעמיען. און אין א קורצער צײַט ארום איז כאנע אוועק ארבעטן אין קינדערגאָרטן.

דער הימל איז געוואָרן העכער און ליכטיקער, די טעג לענגער, אָבער פאר כאנען זײַנען זיי אלציינס געווען צו קורץ. דאָס פאָרן צום קינדערגאָרטן מיטן טראַמוויי האָט געדויערט מער ווי א שאָ, ווײַל ער האָט זיך געפונען אף ראָגאָזשסקע. דערווײַל איז כאנע געווען א באַהעלפערקע אין קיך. אָבער אין א מאָנאַט ארום איז זי שוין אָפּט געשטאַנען באַ דער פּליטע. די קעכן קסעניע טימאָפייעוונע איז נאָכאַנאַנד ערגעץ אוועקגעגאַנגען, זי פלעגט אָנ־זאָגן כאנען:

— כאנא דאַווידאָוונא, כ׳מוז צולויפן אין אן אָרט, קאָך אויס א רײַז־קאַשע פאר די קינדער.

— פאַרוואָס ניט? גיט מיר רײַז, מילך, צוקער, פּוטער.

— אלץ, כוץ פּוטער, איז אפן טיש.

פאַרוואָס „כוץ פּוטער", האָט כאַנע ניט געפרעגט. זי האָט שוין געוווּסט, אַז אָפּטלעך באַגייט זיך די קאַשע אָן „דערוף". דאָס האָט זיך גוט אָנגעזען אויף דער קעכן גופא. קוקנדיק אויף יענער, האָט כאַנע געטראַכט: „אויף אַלע מײַנע ליבע געזאָגט געוואָרן..."

אַלץ וואָלט געווען גוט, ווען אין קיך וואָלט ניט געווען אַ דריטע. געהייסן האָט זי יעוודאָקיִע און זי האָט געטאָן אַלע שוואַרצע אַרבעטן. ווי נאָר די קעכן פּלעגט אַרויסגיין, פּלעגט יעוודאָקיִע ווערן אויסער־זיך:

— אוך, איז דאָס אַ סטערוואַ! אַליין פּרעסט עס און זויפט, אַזש די שקורע אירע פּלאַצט. זי זאָל דאָס אַמאָל זאָגן: „נאַ דיר, דוסקע, אַ ברעקל פּוטער, אַ לעק סמעטענע".

כאַנע האָט געהערט און געשוויגן, אָבער ווען די קעכן פּלעגט צו איר זאָגן:

— כאַנאַ דאַווידאָוונאַ, נעם אַ פלעשל מילך. ווילסט ניט קיין מילך, נעם דיר אַ צוויי הערינג, אַ סלאָיִקל פּאָווידלע.

כאַנע האָט עס ניט נאָר ניט גענומען, זי האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק. עס זײַנען געווען פאַלן, ווען כאַנע איז אויף אַ נידעריק וועגעלע מיט קליינע רעדעלעך אַהינטער קסעניע טימאָ־פייעוונען געגאַנגען צו דער באַזע נאָך פּראָדוקטן. דעמלט האָט יענע אויסגעגאָסן דאָס האַרץ:

— כאַנאַ דאַווידאָוונאַ, דו מיינסט, איך ווייס ניט? דוסקען קריכן אַרויס די אויגן. די איבעריקע וואָלטן זיך אויך ניט אָפּגעזאָגט פון אַ מאַרך־ביינדל, אָבער קיינער זעט ניט, ווי איך שלעפּ, ווי איך הייב גאַנצע זעק מיט צוקער, ווי איך שטיי און בראָט זיך בײַ דער פּליטע.

כאַנע האָט געהערט און געשוויגן. זי האָט נאָך ניט געזען, אַז קסעניע טימאָפייעוונע זאָל עפּעס שלעפּן. אַנומלטן האָט זי געפרעגט בײַ דער קעכן:

— פאַרוואָס גייען ניט אײַערע קינדער אין גאָרטן? איר זאָגט דאָך, אַז איר האָט צוויי קינדער.

— מײַנע קינדער האָבן דאָרטן גאָרנישט ניט פאַרלאָרן. מײַן מאַן איז איצט אין דער היים, מײַן מאַן איז ניט קיין שיקער, ניט קיין אויסברענגער, מײַנע קינדער וועלן זיך באַדרייען אָן דעם קינדערגאָרטן.

וואָס ווײַטער, האָט כאַנע אַלץ מער פאַרשטאַנען, וואָס אין דער קעכן שטעקט. יענע האָט עס דערפילט און זיך געסטאַרעט אויסמײַדן כאַנען, בייס מע האָט געדאַרפט גיין נאָך פּראָדוקטן אויף דער באַזע. נעמען יעוודאָקיִען — איז געווען ערגער ווי שלעכט. דעריבער האָט אויף איינער אַ פאַרזאַמלונג די קעכן אַזוי לאַנג געשריִען: „איך בין ניט קיין פערד, איך וועל ניט שלעפּן אויף זיך", ביז די פאַרוואַלטערן איז אײַנגעגאַנגען אויף נאָך אַ „יעדיניצע". דאָס הייסט, נעמען אַ מענטשן, וואָס זאָל ברענגען פּראָדוקטן פון דער באַזע, האַקן האָלץ, אַרײַנ־טראָגן קוילן, אײַנהייצן די פּליטע, צוקלײַבן אַרום דער שטוב. די פאַרוואַלטערן האָט נאָר גע־פאָדערט, „אַז דער מענטש זאָל זײַן אַ מאַנצבל, ווײַל עס הייבט זיך דער דאַך פון די קוילעס אין קיך".

דערווײַל האָט זיך כאַנע היפּש צוגעלערנט לייענען רוסיש. צו דער אַרבעט און פון דער אַרבעט איז זי געפאָרן אַלעמאָל מיט אַ בוך. אַ גאַנצע וואָך זײַנען די קינדער געווען אין קינדערגאָרטן. אויף זונטיק האָט זיי כאַנע גענומען אַהיים. איין זונטיק איז זי געגאַנגען מיט זיי אין זאָאָלאָגישן גאָרטן, אַ צווייטן — אויף וואָלכאָנקע, אין פּושקין־מוזיי. כאַנע האָט געבעטן נעכעמיען:

— דו גיי מיט די קינדער ווּ דו ווילסט, איך וועל אַליין גיין. דערנאָך וועל איך דיר ווײַזן, וואָס מיר געפעלט.

בייס זי האָט נעכעמיען צוגעפירט צו סעזאַנען, צו פּיסאַראָ, צו דעגאַ, האָט ער מיט אַ שמייכל באַגיטיקט:

— ס'איז ווויל, כאַנוקל. עס פּאַסט דיר זייער צו קוקן אויף גוטע בילדער. דו שײַנסט.

— ביסט געראָטעכט. דעם קומענדיקן זונטיק, אויב דו וועסט מאַסקים זײַן, וועסטו ערגעץ גיין מיט די קינדער, און איך וועל אַליין גיין אַהער.

אַזוי איז טאַקע געווען, און קומענדיק פון מוזיי, פּלעגט כאַנען זײַן אַזוי אויפן האַרצן, ווי בייס עס פּלעגט זיך ענדיקן שאַבעס אָדער יאָמטעוו און די באָבע פּלעגט אַראָפּנעמען דעם טישטעך פונעם טיש.

וואָס ווײַטער, האָבן זיי זיך אַלץ מער ליב געהאַט. ס'האָט נאָך ניט געטראָפן, ער זאָל ניט אָפּוואַרטן כאַנען, ווען זי קומט מיטן טראַמוויי פון דער אַרבעט. ניט אומזיסט זאָגט דאָס ווערטל: „וואָס מער מע האָט, אַלץ מער וויל מען". אַנומלטן האָט כאַנע צו אים געזאָגט:

— באַגעגענען אין אָוונט איז גרינגער ווי ניט באַגלייטן אינדערפרי.

— כאַנוקל, האָב אַ ביסל סאָוועסט. איך לייג זיך דאָך זייער שפּעט.

— ערשטנס, קומט מיר אויס, אז מע דאַרף ניט ריידן ביז נאָך האַלבער נאַכט וועגן קונסט. די בעסטע זאַך איז, אַז דו מאַכסט קונסט. אָבער ווען דו לייגסט זיך פריִער און דו גייסט מיך ניט אַרויסבאַגלייטן, וואָלט איך שוין געוווּסט, וואָס איך האָב צו טאָן.

— וואָס וואָלסטו געטאָן?

— פּרוּוו מיך אַרויסבאַגלייטן אינדערפרי, וועסטו זען.

ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס כאַנע האָט זיך אַזוי געוווּרטלט, איז זי געווען ניט די, וואָס אין קאָמונע. און ווען נעכעמיע וואָלט ניט געווען אַזוי אַרײַנגעטאָן אין זײַנע זאַכן, וואָלט ער דאָס געקאָנט לינדערן. וואָרעם כאַנע איז געווען פאַרומערט ניט ווײַל זי איז געווען פאַר־האָרעוועט. איר געמיט האָבן געדריקט די שטאָט, די גרויסע הויכע הײַזער, די טראַמוויַען, די מענגעס מענטשן. ניט איין מאָל האָט זי געטראַכט: „אַן אומגליק, וואָס אַזויפיל מענטשן האָבן זיך צונויפגעקליבן אויף איין אָרט״. די קיך האָט אויך ניט גרינגער געמאַכט איר האַרץ. דוסיע האָט נאָך אַלץ צוגעזאָלצן אויף די ווונדן:

— אַזאַ פּאַראַזיטקע! אַלץ פאַר זיך און נאָר אין זיך! זאָל דאָס אַמאָל זאָגן: „נאַ דיר, דוסיע, אַ שטיקל פלייש אָדער אַן אַנדער זאַך״.

כאַנע האָט ווי ניט געהערט, אָבער דוסיען האָט עס געבראָטן באַם האַרצן. זי האָט זיך ניט באַרויִקט:

— שווײַגסט? האָסט דאָך אויגן, זעסטו? פאַרוואָס זאָגסטו ניט וועגן דערוף דער פאַר־וואַלטערן? נישקאָשע, איך וועל זיך נעמען צו איַיך. אַ פּראָש האָט אַ לאַנגן עק אויף אַ קורצער צײַט!

כאַנע האָט עס ניט געקאָנט איבערטראָגן. פאַרשטייט זיך, זי האָט געוווּסט, אַז עס זײַנען דאָ גאַנאָווים, ליגנערס, כאַניפּעסניקעס, צווייפּנעמדיקע ברויִם. אָבער אַזוי נאָענט לעבן זיך האָט זי דאָס קיינמאָל ניט געזען. ס׳איז איר איצט ניט איין מאָל געקומען אויפן זינען, ווי זי פלעגט אַמאָל זאָגן צו הענקען פון קינדערהיים, וואָס פלעגט קומען נאָך דער מילך אין שטאַל: „נאַ דיר אַ קווערטל מילך, טרינק אויס״. און ווי הענקע פלעגט נעמען דאָס קווערטל, פלעגט אַ גאָס טאָן די מילך אין פּאַן, און אַ מאַך טאָן: „מיט אַ קווערטל מערער פאַר די קינדער״.

די קינסטלער, דיכטער האָבן זיך טאַקע צוגעוווינט צו דעם, אַז כאַנע איז די באַלעבאָסטע פון שטוב. פון מינסק פלעגן אויך קומען דיכטער — דעם בלאָנדנס ברודער און אַ באַרימטער פּאָעט מיט אַ מוירעדיק־געקרײַזלטער פּאַטלע האָר. פון זײַנע לידער איז כאַנע געווען אַנציקט. ווען ער פלעגט לייענען אויף אויסווייניק, האָט זי געשלונגען די ווערטער. אָבער האָבן אים פאַר אַ שאָכן איז איר געווען אומדערטרעגלעך. ווו כאַנע האָט זיך געווענדט און געקערט, האָט זי געקליבן זײַנע שטײַפע געקרײַזלטע האָר, אַפילו אין דער גלאָז, פון וועלכער ער האָט געטרונקען טיי, זײַנען זיי אויך געווען.

— גוואַלד, ווי דערלעב איך שוין, ווען פאָרט ער שוין אַוועק קיין מינסק?

— כאַנוקל, דו וועסט טאַקע זײַנע האָר ניט געפינען, אָבער זײַנע לידער וועסטו אויך ניט הערן.

— ביסט גערעכט. אַ קאַפּאָרע די האָר פאַר די לידער.

עס פלעגט טרעפן, אַז כאַנע האָט ניט געקאָנט צוקלײַבן, ווען זי איז געקומען פון דער אַרבעט. מע איז געזעסן אויף דער סאָפע, אויף די שטולן, אויפן פענצטער־ברעט, און עס איז געגאַנגען אַ געפעכט וועגן די אימפּרעסיאָניסטן, וועגן רענעסאַנס, וועגן די צוואַנציקער יאָרן און וועגן איצטיקער קונסט. ס׳זײַנען געווען אַזוינע זונטיקס, בייס כאַנע האָט ניט געקאָנט אויסבאָדן די קינדער. און מאָנטיק אינדערפרי, אַ מידע, ניט קיין אויסגעשלאָפענע, גייט זי מיט נעכעמיען און מיט די קינדער צום טראַמווײַ. גוט כאָטש, וואָס אויף דער אַרבעט איז איצט געוואָרן אַ ביסל רויִקער. קסעניע טימאָפּייעוונע האָט טאַקע געקראָגן אַ שוואַרצאַרבע־טער און גראַדע אַ מאַנצבל, ווי די פאַרוואַלטערן האָט עס געוואָלט. דעם מאַנצבל רופט מען מאַקאַר. ער איז ווּקסיק, ברייטפּלייציק, רירעוודיק. ווען ניט די באָרד און וואָנצעס, וואָלט ער אויסגעזען אַ סאַך יינגער. איצט שאַצט אים כאַנע — אין אַ יאָר דרײַסיק. די אַרבעט אין קינדערגאָרטן איז פאַר אים אַ שפּילעכל. דער הויף אַרום קינדערגאָרטן איז שטענדיק ריין. האָלץ, קוילן איז צו דער צײַט. די פּראָדוקטן, וואָס כאַנע פלעגט ברענגען פאַר דרײַ מאָל, ברענגט ער פאַר איין מאָל. כאָטש אין דרויסן איז שוין גאַנץ לינד, טראָגט מאַקאַר זײַן שאָפּן פעלצל, די אויערן פונעם האָזן־היטל באָמבלען זיך. ווען די קעכן טוט צו אים אַ געשריי: „מאַקאַר, קושאַט!״, לאָזט ער איבער דאָס שאָפּן פעלצל אין קאָרידאָר, זעצט זיך אויף אַן איבערגעקערטן עמער, עסט פּאַוואָליע, די ברעקלעך, וועלכע פאַלן אויף דער געפאַרבטער פּאָד־לאָגע, נעמט ער צונויף און לייגט אַרײַן אין קעשענע פון דער וואַטענער קאַמיזעלקע. נאָכן

עסן גייט ער צו צום קראַן, טרינקט לאַנג, מיט גרויס האַנאָע. די קעכן טראָגט אים אונטער אַ גלאָז, ער נעמט זי ניט, ווישט אויס די וואָנצעס, טוט אַ שפּאָן, און ער איז שוין פון יענער זײַט טיר. דאָרטן טרייסלט ער אויס די קעשענעס, און די שפּערלעך האָבן האַנאָע פון די ברעקלעך.

— אַ ווילער יונג. פלאַם־פײַער. וועט עס וועט אים נעמען פאַר אַ מאַן, וועט זײַן גליקלעך, — באַמערקט קסעניע טימאָפּײעוונע.

— וואָס איז דער טאַלק, אַז ער האָט קיין פּאַספּאָרט ניט, — שטעלט אַרײַן יעוודאָקיִע.

— און אַז דו ביסט געקומען פון דאָרף, האָסטו געהאַט אַ פּאַספּאָרט? איצטער ביסטו געוואָרן אַ כאַכאַמע. געדענקסט, ווי דו האָסט געגאָסן טרערן און געקליאַנטשעט, איך זאָל דיך נעמען, געדענקסט, ווי דו האָסט געטײַנעט, אַז דו וועסט האָרעווען נאָר פאַרן שטיקל ברויט?

אַזוי פלעגט זיך דורכשמועסן די קעכן מיט דער באַהעלפערן.

כאַנע פלעגט אָפּטמאָל קוקן אַף מאַקאַרן, און זי האָט געהאַט אַ מאָדנע געפיל, עס האָט זיך איר געדוכט, אַז ווען זי זעט אים ערגעץ אין פעלד, וואָלט זי זיך שוין יאָ דערמאָנט ווו און וואָס... אָבער דאָס פלעגט געדויערן אַ רעגע, ניט מער. און מאַקאַר, ווי ער וואָלט גאָרנישט ניט געהערט, ניט פאַרשטאַנען. טוט זיך, וואָס מע דאַרף. שאַבעס נאָך וואַרמעס גייט ער מיט אַ בעזעמל אין מערכעץ, קומט פון דאָרטן אַ רויטער, טרינקט זיך גוט אָן מיט וואַסער פון קראַן, דערנאָך עסט ער אויף אַ פולע שיסל הירזשענע קאַשע און זאָגט געלאַסן צו כאַנען:

— כאַנאַ דאַווידאָוונאַ, דו פּאַסט זיך אַזוי אַהער, ווי איך. דו מיינסט, איך זע ניט. דוסקע וואָלט דיך דערטרונקען אין אַ לעפל וואַסער.

— נעמסט צו האַרב, — טוט אַ זאָג כאַנע. ווײַל דוסיע שטייט אַף אַ לייטערל און וואַשט די פענצטער. דאָס לייטערל גיט זיך אַ דריי אַ ביסעלע, מאַקאַר טוט אַ געשריי:

— קריך אַראָפּ, קריך אַראָפּ, זאָגט מען דיר!

כאַנע האָט אופגעהערט איבערצודרייען די קאָטלעטן אַף דער סקאָווערדע. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז פון מאַקאַרס געשריי האָבן זיך די טעפּ אַף דער פּליטע אַ הייב געטאָן... כאַנען גופע האָט דער געשריי אָוועקגעטראָגן ווײַט־ווײַט פונדאַנען. עס איז בײַ איר קיין ספק ניט געווען, אַז דער מענטש, ניט קיין אַנדערער, האָט זיך דעמלט אין סטעפּ געיאָגט נאָך איר, ווען זי איז געזעסן אַפן פערד, און ער, ניט קיין אַנדערער, האָט געשריִען: „קריך אַראָפּ!". ערשט פאַרנאַכט, פאַרן אַוועקגיין פון דער אַרבעט, האָט כאַנע געלאַסן און ווי גלײַכגילטיק אַ פרעג געטאָן:

— מאַקאַר, פונוואַנען ביסטו געקומען אַהער?

— פונוואַנען איך זאָל ניט קומען, בין איך שוין דאָרט ניטאָ.

— ווילסט ניט, דאַרף מען ניט.

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אין דער זײַט, ווו יעוודאָקיִע איז געשטאַנען. כאַנע האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וו'ל ניט קיין איבעריקע אויערן. און זי האָט טאַקע געטראָפן. בייס יעוודאָקיִע איז אַרויסגעגאַנגען אַף אַ ווײַלע פון קיך, האָט מאַקאַר אַ שטילן הוסט געטאָן, אָפּגעזיפּצט, ווי ער וואָלט צוגעבראַכט נעענטער די ווערטער צום מויל, און האָט שטיל געזאָגט:

— פונוואַנען בין איך? קסעניע טימאָפּייעוונען האָב איך געזאָגט, אַז איך בין פון קערטש. אינדערעמעסן בין איך פון אַ דאָרף ניט ווײַט לעבן סאַקי. איך וועל לאַנג קיין קיך־מוזשיק ניט זײַן. ווילסט וויסן, פונוואַנען איך בין? איך בין פון דזשאַבאַהי. ניט ווײַט פון אונדז זײַנען דאָ זשידאָווסקע קאָמונעס. ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז איינער אַ מערזאַוועץ האָט געמאַסערט מײַן טאַטן. ער האָט אָנגעהאויקעט, אַז מײַן טאַטע און מײַן זיידע זײַנען געווען קולאַקעס. מע האָט אופגעדעקט דעם ליגן. דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן ניט דערלעבט, מײַן ווײַב אויך ניט. איך בין אָבער געקומען צוריק קיין דזשאַבאַהי. און איין מאָל האָב איך געזען, ווי אַ זשידאָווסקע קאָמונאַרקע רײַט אַף מײַן פערד. איך האָב זי אָבער ניט געקאָנט דעריאָגן. אויך, ווען איך דעריאָג זי דאַן!

— וואָס וואָלט געווען?

— בעסער פרעג ניט. איך בין דאַן געווען זשעדנע נאָך אַ באַבע! נו, אָבער דאָס פערד האָב איך גענומען. איך האָב עס פאַרקויפט, און איך האָב געהאַט הויצאָעס צו קומען אַהער. אַף דער באַזע האָט מיר איינער געזאָגט, אַז מע נעמט דאָ בויען אַ גרויסן זאַוואָד, „שאַריקאָפּאָדשיפּניק". אַהינצו וועל איך גיין אַרבעטן.

— דו ביסט דאָך אָן ערד־אַרבעטער, ווי וועסטו זיך קאָנען באַגיין אָן ערד?

— נישקאָשע, איך וועל זיך באַגיין. מיט ערד האָבן מיר מער ניט צו טאָן. כ'זאָל אַפילע

וויסן, אז יעדער זאַנג איז פול מיט גילדענע קערנער, בין איך מער קיין ערד־אַרבעטער ניט!
נו געוווּג, איך וועל גיין אַ קראַץ טאָן מיט דער גראַבליע דעם הויף.
אין אָוונט האָט עס כאַנע דערציילט נעכעמיען.
— גאַנץ פײַן! ווען דאָס דערציילט מיר אַן אַנדערער, וואָלט איך זיך אויסגעלאַכט, — האָט נעכעמיע באַמערקט.

■

דאָס, וואָס יעוודאָקיע האָט געזאָגט צו כאַנען: „איך וועל זיך נעמען צו אײַך“, האָט כאַנען אַ ברען געטאָן ווי פײַער. זי האָט שוין אַליין ניט איין מאָל געטראַכט, אַז זי דאַרף מעלדן וועגן דערוף דער פּאַרוואַלטערן. איצט האָט זיך די קעכן מיט יעוודאָקיען געקריגט קימאַט אַלע טאָג. ס'איז דאָ אַ ווערטל: „מע גייט אַזוי לאַנג מיטן קרוג נאָך וואַסער, ביז דאָס אויערל רײַסט זיך אָפּ“. אין איינעם אַ פאַרנאַכט האָבן זיך אין קיך אַרײַנגעשטעלט צוויי פּריוען מיט אַ מאַנצבל, זיי האָבן אַרויסגערופן די קעכן, און ערשט אין דרײַ טעג אַרום איז די קעכן צוריק געקומען אָף אַ ווײַלע. נאָכמאָל האָט זי כאַנע געזען אָפן געריכט. דאָס סאַמע מערקווירדיקע אָפן געריכט איז געווען, וואָס קסעניע טימאָפּייעוונעס מאַן איז געקומען אַן אומגעבעטענער. לויט זײַן גוטן ווילן האָט ער זיך אַרויסגערופן צו זאָגן איידעס.
— איך וואָלט ניט געקומען, נאָר שווײַגן קאָן איך ניט. פרעגט באַ איר, כאַווירים ריכ־טער, וויפל מאָל איך האָב איר געזאָגט, אַז זי זאָל ניט שלעפן אַזויפיל, מיר האָבן ניט געקאָנט פאַרניצן דאָס, וואָס זי פלעגט ברענגען. פונדעסטוועגן בעט איך באַם געריכט, אַז מע זאָל זי ניט שטרענג מישפּעטן, ווײַל זי איז אַ מאַמע פון צוויי קינדער. איך האָב אַלץ געזאָגט.
דער פּסאַקדין איז געווען ניט קיין האַרבער, אָבער אויך ניט קיין ווייכער. קסעניע האָט געקראָגן דרײַ יאָר טפיסע. די באַלעבאָסטע פון פּראָדוקטן־שפּײַכלער און די קעכן איז גע־וואָרן כאַנע.
ווי באַוווּסט, איז פאַר כאַנען ניט געווען קיין נאָוונע האַרעוואַניע. אָבער איצטער פלעגט זי זײַן פאַרנומען ביז שפּעט אין דער נאַכט. די שפּעטע נאַכט איז נאָך געווען אַ האַלבע צאָרע, ס'איז אָבער געווען אומעגלעך אַריבערצוטראָגן יעוודאָקיעס פּערעבענדעווען. אַלע עסן דאָס, וואָס ס'איז געבליבן פון די קינדער, — זי וויל אַ שטיקל הערינג. אַלע עסן זופּ, — זי וויל אַ שטיקל רוי פלייש, וועט זי זיך אין דער היים אויסקאָכן, וואָס זי האָט ליב. ביז כאַנע האָט ניט אויסגעהאַלטן:
— דו ווייסט גוט, דוסיע, אַז איך בין ניט קיין קאַצעוו. ווילסט ניט עסן, וואָס אַלע עסן, גיי צו דער פּאַרוואַלטערן.
— יאָ, איצטער קאָן איך גיין וווּ איך וויל. כאַטש קסעניע איז געווען אַ גוטע שטוקע, פונדעסטוועגן...
— איך וועל ניט גיין זיך פאַנאַנדערקלײַבן, וואָס דו מיינסט, נאָר איך ווייס גאַנץ גוט, אַז ווער עס וועט גאַנוונענען און דיר אויך געבן אַ ביילעק, דער וועט זײַן פאַר דיר גוט. און מער וועל איך מיט דיר וועגן דערוף ניט ריידן. ווילסט עס, ווילסט ניט, ניט מײַן דײַגע!
אין אַ דרײַ־פיר טעג אַרום איז מאַקאַר, ווי זײַן שטייגער איז געווען, געזעסן אָפן איבער־געקערטן עמער און האָט געררייכערט. כאַנע איז געווען אין פּראָדוקטן־שפּײַכלער. פּלוצעם טוט מאַקאַר אַ געשריי:
— כאַנאַ דאַווידאָוונאַ, גיי גיכער, טו אַ קוק, וואָס טוט די מאַכשייפע באַ דײַן קאַשעק. כאַנע איז צוגעלאָפן. מאַקאַר האָט אַליין אַרויסגענומען פון קאַשעק אַ היפש שטיקל פּוטער און אַ שקאַרמיץ מיט צוקער. כאַנע האָט אופגעהויבן די האַנט, און עס וואָלט געשען דאָס, וואָס ס'איז געשען מיט די פּאַסטעכער אין סטעפּ, דערפאַר וואָס זיי האָבן ניט אָנגע־פּאַיעט די קעלבער, נאָר מאַקאַר האָט באַצײַטנס אָנגעכאַפּט כאַנעס האַנט, מיט דער אַנדערער האַנט פאַרהאַלטן יעוודאָקיען און געהייסן כאַנען לויפן נאָך דער פּאַרוואַלטערן. אַזוי האָט זיך געענדיקט דער בילבל, וואָס יעוודאָקיע האָט געוואָלט מאַכן אָף כאַנען.
וואָס ווײַטער, איז כאַנען געוואָרן אַלץ שווערער צו אַרבעטן. ווײַל זי פלעגט ענדיקן די אַרבעט זייער שפּעט, איז נעכעמיע זי געקומען אָפּנעמען פון דער אַרבעט. אויב זי איז פאַר־נומען, דרייט ער זיך אַרום אין הויף פונעם קינדערגאָרטן, און די צײַט ציט זיך פאַר אים, ווי אַ פאָדעם פון אַ פלאָנטער. דערפאַר אין טראַמווײַ פלעגט ער זיצן לעבן איר און שעפן נאַכעס. ער קוקט און קוקט אָף איר, און וווּנדערט זיך שטילינקערהייט:
— כאַנוקל, פונוואַנען האָב איך דיך גענומען. קוק אָף מיר, זאָג איך דיר. וואָס קוקסטו דאָרטן אָפן יונגן באָכערל, וואָס דאַרפסטו אים?

אין די זונטיקס פֿארמאַכט זיך די טיר ניט. פֿון גאַנצפֿרי הייבן אָן צו קומען דיכטער, קינסטלער, אויך אַזוינע, וואָס קלעפּן גלאַט צו קונסט. עס קומט, אַשטייגער, אַ הויכער, אַ שווערוואָגיקער יונגערמאַן, וועלכער שרײַבט ניט און מאָלט ניט, נאָר הערט ניט אויף צו לערנען אַלעמען, וויאַזוי מע דאַרף זיך פֿירן, וויאַזוי מע דאַרף זײַן ערלעך, אָפּגעהיט פֿון אַ ניט־ריין וואָרט. מיט אַ וואָך צוריק זונטיק איז ער געקומען האַלב אַכט אינדערפֿרי און גאַנצע צוויי מיט אַ האַלבער שאָ געהאַלטן אַ דראָשע וועגן ערלעכקײַט. נעכעמיע האָט געהערט, געהערט און באַמערקט:

— נאָסן, איך פֿאַרשטיי, אַז דאָס איז זייער נייטיק, אָבער עס וואָלט געוועזן געוווּנטשן, דו זאָלסט דאָ האָבן אַ צוויי־דרײַ צוהערער, וועלכע פֿאַלשעווען און קריכן צו יענעמס אין קעשענע.

כאַטש כאַנע איז געווען אין קיך, האָט זי דאָס געהערט, און זי האָט זיך זייער צעלאַכט. נעכעמיע איז דורכגעלאָפֿן די קיך, האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען, ווי איינער זאָגט: „נישקאָשע פֿון אַ רעדע״ און איז אַרויסגעלאָפֿן נאָך ברויט. ביז ער איז געקומען מיטן ברויט און כאַנע האָט געגומען גרייטן צום טיש, האָט זי ערשט געקײַכט פֿון געלעכטער, ווײַל נאָסן איז אין מאַנטל געלעגן אַף דער צעפּאַרענער סאָפֿע און געשמאַק געכראָפּעט, ווי אַ האַלצהעקער, און גאָר ניט ווי קיין פֿילאָסאָף, וואָס האָט ערשט געהאַלטן אַזאַ טיפֿע רעדע.

זונטיק פֿלעגט אויך קומען ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש, נעכעמיעס לערער. ער גייט אַרײַן, כאַפּט אַראָפּ דעם הוט, בייגט זיך אײַן און טוט אַ קוש כאַנעס האַנט. אויב זי טוט עפּעס, וואַשט דאָס געפֿעס אָדער שיילט בולבע, טוט ער זי אַ קוש באַם עלנבויגן. זעצט זיך קיינמאָל ניט אַף דער סאָפֿע, נאָר אַלעמאָל אַף אַ שטול. נעמט אַרויס פֿון דער אייבערשטער, ברייטער רעקל־קעשענע אַ ווײַסע מויז מיט ראָזע אויגן, ווי קרעלן, רופֿט צו די קינדער, און עס הייבט זיך אָן אַ שפּרינגערײַ מיט אַ קוויטשערײַ, פֿאַרטויבט צו ווערן. ער גלעט די קינדער איבער די קעפּלעך, לייגט אַרײַן די מויז אין קעשענע און נעמט שמועסן מיט נעכעמיען וועגן אַן אויסשטעלונג, וואָס ער האָט געזען, וועגן וואַן־גאָגס בריוו צו זײַן ברודער טעאָ און וועגן נאָך אַ סאַך זאַכן. כאַנע הערט זיך צו אופֿמערקזאַם, פֿונדעסטוועגן באַנעמט זי זייער ווינציק פֿון דעם, וואָס ער רעדט. בייס ער גייט אַוועק, באַגלייט אים נעכעמיע. ווען ער קומט צוריק, טיילט ער זיך מיט זײַנע געדאַנקען:

— וואָס פֿאַר אַ וווּנדערלעכער מענטש דאָס איז, ווי באַשיידן ער פֿירט זיך, און צו מיר באַציט ער זיך פֿראַסט, ווי אַן עמעסער ברודער.

— דו ביסט גערעכט, נאָר וואָס דאַרף ער קושן די האַנט? פֿאַרדרײַוואָכן זונטיק איז ער געקומען, האָב איך גראָד געוואַשן ־גרעט, האָט ער מיך גאָר אַ קוש געטאָן אין שטערן. כ'האָב זיך אַזוי פֿאַרשעמט.

— האָסט זיך ניט וואָס צו שעמען, קיין בייז ניט, — האָט נעכעמיע זי באַרויִקט, און זיי האָבן ביידע געגומען צוראַמען אין צימער.

ניט איין זונטיק זײַנען די קינדער געבליבן אומגעבאָדן, קיין געוועש האָט כאַנע אויך ניט געקאָנט מאַכן, ווײַל עס איז געווען פֿול מיט מענטשן: ס'איז געקומען דער דיכטער, דעם בלאָנדנס ברודער פֿון מינסק, און דער דיכטער מיט דער מוירעדיקער טשופּרינע געקרײַזלטע האָר. דעם בלאָנדנס ברודער האָט געלייענט אַ ליד: „און אַזוי הייבט זיך אָן דײַן געשיכטע, מיטן לעבן, וואָס שלעפּט דיך מיט, האָסט אַף אַזויפֿיל געריכט זיך, לאָזט זיך אויס, נאָר אַ נײַע ליד״.

כאַנען איז עס זייער געפֿעלן געוואָרן, אָבער זי האָט געפֿרעגט:

— אַ נײַע ליד איז דען ווינציק?

— אויב אַ גוטע, איז גאָר ניט קנאַפּ. אָבער בעסער איז עטלעכע גוטע, — האָט ער דערקלערט. דערזען, ווי זי שטייט מיטן בעזעם, האָט ער זי געטרייסט:

— לאָז זיך אָפּ פֿון דערוף, כאַנעלע. זײַ ניט באַרויִגעז אַף אונדז, רו אָפּ אַ ביסל. זאָל בלײַבן אַ ביסל מיסט אַף איבעראַכטאָג, — און גלײַכצײַטיק צום דיכטער מיט דער געקרײַזלטער טשופּרינע:

— הער אויף, ברעך ניט אָפּ די פֿלעכטלעך פֿון אַלע בולקעלעך, טרייפֿע קישקע!

אָבער יענער קײַט שוין גאַנץ געשמאַק, ער שטייט לעבן קריטיקער, וואָס האָט זיך אַרײַנגעשאַרט, ווי אַ שאָטן, רעדט אַזוי שטיל, קוים וואָס מע הערט. זאָגט כאַנען אַ ווייכן, העפֿלעכן, פּרײַנטלעכן „גוטמאָרגן״.

איצט האַלט דער דיכטער מיט דער געקרײַזלטער טשופּרינע דעם קריטיקערס נאָז מיט צוויי פֿינגער, און יענער בעט שטיל און מילד:

— וואָס טוט איר, געַנוג, קוועטשט ניט אַזוי, איך בעט אײַך, דאָס איז מיר זייער אומאַנגענעם, נו!

יענער לאָזט אָפּ די נאָז, דער קריטיקער דעקט זי צו מיט זײַן האַנט, און עס גייט שוין אָן אַמפּעריַי. מע אַמפּערט זיך וועגן לידער. איינער זאָגט, אַז האַפּשטיינס לידער זײַנען בעסער, דער צווייטער זאָגט, אַז האַלקינס. דערנאָך טרינקט מען טיי, מע לייענט ווידער לידער. אויב עס מאַכט זיך, אַז ניקאָליַי ניקאָלײַעוויטש פּאַלט אַרײַן אין אַזאַ שאָ, נעמט ער ניט אַרויס די ווײַסע מויז פֿון דער אייבערשטער רעקל־קעשענע, ער קנייטשט פּאַרלאַרן מיט די אַקסלען, טוט אַ זאָג צו נעכעמיען: „קאַקאַי שום, קאַקאַי שום, פּאַשלי נאַ וואָלכאַנקו”[1].

גאַנץ אָפט האָט כאַנע געראַמט און געוואַשן ביז נאָך האַלבער נאַכט, אָבער אופשטיין האָט זי אַלצייַנס געמוזט פינף אַזייגער. זי פּלעגט אָפּט פילן, אַז זי פּאַלט פון די פיס.

אַזוי איז זיך געגאַנגען די צײַט. דער פרילינג האָט זיך צוגערוקט, אַרבעט איז אַלץ צוגעקומען און צוגעקומען. כאַנע האָט זיך געסטאַרעט, אַלץ זאָל זײַן צו דער צײַט. שוין אָפּגערעדט, אַז דאָס עסן פאַר די קינדער איז געווען געשמאַקער, ווי פריִער, ווײַל אַלע פּראָדוקטן זײַנען געגאַנגען אין קעסל. צו דעם אַלץ איז טאַקע אַזוי געשען, ווי נעכעמיע האָט פאָרויסגעזאָגט. דער בלאָנדער מיט זײַן ווײַב זײַנען געקומען פון קיִעוו. איצט האָט שוין כאַנע געוווּסט, אַז מע רופט אים יאַשע, אַמאָל פּראָסט — יאַק. דאָס ווײַב האָט מען גערופן בראָניסלאַווע יאַסיפּאָוונע. יאַקאָוו האָט זי גערופן בראַן. אין די אויגן האָט זי נעכעמיע גערופן מיטן נאָמען און פּאַטערנאָמען, הינטער די אויגן האָט ער זי גערופן מאַדאַם. זי איז געווען העכער פון מיטעלן וווּקס, איר קליינער קאָפּ איז געווען באַוואַקסן מיט גלײַכע, שטײַפע, ווי דראָטלעך, געשווירענע האָר. איצט איז זי שוין, אַפּאַנעם, אַ היפּשע צײַט ניט געווען אין שערערײַ — זײַנען זיי שטײַפע, געדיכטע, שוואַרצע געשטאַנען אויף אירע אַקסלען. איר הויכער בוזעם איז געלאָפּן פאָרויס, די פּלאַטשיקע קליבעס האָבן זיך קוים־קוים באַוועגט. אָבער מערקווירדיקער פון אַלץ זײַנען אין איר יאַמטעוודיקן אַנבליק געווען אירע וואַכעדיקע, טונקעלע קאַלירלאָזע אויגן. פאַרשטייט זיך, אַז כאַנע האָט גלײַך דעם זעלבן אָוונט ניט פאַרזאַמט צו זאָגן וועגן דעם נעכעמיען.

— ריכטיק, מײַן טרייסט, ווי האָסטו דאָס מאַמענטאַלנע דערזען? אירע אויגן זײַנען דאָך טאַקע ווי צוויי אָפּגעריבענע קנעפּלעך.

— כ׳קאָן ניט אויסהאַלטן פון דיר. אינדערעמעסן האָסטו דאָס פריִער געדאַרפט זען, דו ביסט דאָך דער קינסטלער.

— איצט זע איך, אַז מיר זײַנען בעעמעס מאַן און ווײַב, איך דערקען אין דײַן טאָן, אַז דו האָסט צו מיר טײַנעס.

— וואָס רעדסטו? וואָס פאַרא טײַנעס? וואָס ווײַטער, האָב איך דיך אַלץ מער האָלט, — איז כאַנע זיך מודיע געווען.

איצט האָט כאַנע ניט געקאָנט פאַרוואַרפן נעכעמיען, אַז ס׳איז גרינגער אין אָוונט צו באַגעגענען, ווי באַגינען צו באַגלייטן. אַלע טאָג האָט ער זי באַגלייט. דער טראַמווײַ גייט שוין — און ער לויפט נאָך אַלץ און וואַרנט:

— כאַנוקל, זײַ געהיט! איבערן וועג ניט לויפן, ניט לויפן! הערסט, וואָס איך זאָג?

— איך הער, איך וועל זײַן פאָרזיכטיק, גיי צוריק, קאָנסט נאָך כאַפּן אַ שלאָף. כ׳וועל ניט לויפן, ניט לויפן! וואָס דאַרף איך זיך אָנהייבן מיט אַלע טראַמוויַיען און מיט אַלע וואַזשטשיקעס, — שרײַט כאַנע, שטייענדיק מיט איין פוס אין טאַמבור און מיטן צווייטן אָפּן טראַמווײַ־טרעפּל.

— גיי שוין אַרײַן אין וואַגאָן, שטיי ניט אַזוי, — פּאָדערט ער, און אַליין גייט ער צוריק טאַקע כאַפּן אַ דרעמל.

כאַנע ווידער זעצט זיך, ווײַל אין טראַמווײַ איז אין אַזאַ פריִער שאָ פרײַ. זי נעמט אַרויס דעם בוך, וואָס ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש האָט אַנומלטן געבראַכט. זי לייענט און פּראַלט אַלע ווײַלע אַרויס אַ געלעכטער, אַזוי אַז די פּאַרשלאָפענע פּאַסאַזשירן קוקן זי פאַרוווּנדערט אָן. געקומען צו דער אַרבעט, שטעלט זי צו קאָכן אַ הירזשענע קאַשע, מאָלט פלייש אויף דער פלייש־מאַשינקע, צעלייגט פּירקאַנטיקע שטיקעלעך פּוטער אויף די פּלאַכע טעלערלעך. דערהערט, ווי די טיר עפנט זיך, קערעוועט זי אויס דעם קאָפּ און דערזעט די פאַרוואַלטערקע יעוּליזאַוועטע אַבראַמאָוונע. יענע קוקט אָן כאַנען און וויל וויסן:

---

[1] „סאַראַ טומל, סאַראַ טומל, קום אויף וואָלכאַנקע”.

— וואָס זײַט איר אַזוי פריילעך? איך זע, אַז אָט־אָט צעלאַכט איר זיך.
— איר האָט געטראָפן, דער פרינץ גייט מיר ניט אַרויס פון זינען.
— וואָסער פרינץ?
— יענער פרינץ, וואָס האָט געזוכט אַ שידעך מיט אַן עמעסער פּרינצעסן און האָט נעבעך בעשום־אויפן ניט געקאָנט געפינען אַזאַ. ביז אײן אַ גוסרעגן האָט צוגעבלאָנקעט די אויסגע־ווייקטע, די עמעסע פּרינצעסן צום קייזערלעכן פּאַלאַץ.
— איך הייב ניט אָן צו פאַרשטיין, וואָס איר רעדט, — האָט יעליזאַוועטע אַבראַמאָוונע זיך מוידע געווען.
— וואָס פאַרשטייט איר ניט? די פּרינצעסן שטייט לעבן טויער פון פּאַלאַץ אַן אויסגע־ווייקטע ביזן לעצטן פאָדעם. מע האָט זי טאַקע אַרײַנגעלאָזט אין פּאַלאַץ, און די אַלטע באַ־האַוונטע קייסערינע האָט געזאָגט: „מיר וועלן שוין באַלד זען, צי זי איז די עמעסע פּרינ־צעסן, צי ניט?"
און ווי זי זאָגט עס, שלײַדערט זי אַראָפּ דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט פון בעט, לייגט אַוועק אַן אַרבעס אויף די הוילע ברעטער, לייגט אַרויף צוועלף פּערענעס. און וואָס זשע מיינט איר, די פּרינצעסן האָט קיין אויג ניט צוגעמאַכט אַ גאַנצע נאַכט איבערן אַרבעסל. אויף די זײַטן זײַנען איר פאַרבליבן ברוין־בלויע סימאָנים.
— אוי, דאָס איז אויסגעצייכנט! איך ווייס שוין, דאָס איז די פּרינצעסן אויפן אַרבעסל, — האָט יעליזאַוועטע אַבראַמאָוונע אויסגערופן און זיך אויך צעלאַכט. זיך אויסגעלאַכט, האָט זי זיך פאַרוואונדערט:
— כאַנע דאַווידאָוונע, איר לייענט אַנדערסנענען דאָס ערשטע מאָל?
— כ'האָב אַפילע ניט געהערט קיינמאָל, אַז עס איז דאָ אַזאַ שרײַבער.
— איך בין אײַך מעקאַנע, איר וועט נאָך האָבן אַ סאַך פאַרגעניגן. כאָטש איך האָב געלייענט די מײַסעלעך, ווען איך בין אַלט געווען נײַן יאָר, געדענק איך זיי ביז איצט, — האָט די פאַרוואַלטערן געזאָגט און איז אַוועק צו דער טיר.
— יעליזאַוועטע אַבראַמאָוונע, איר קענט איצט אָפּעסן פרישטיק, כ'האָב אויסגערעכנט און איך זע, אַז ס'וועט זײַן פאַר די קינדער איבערגענוג.
— ניין, ניין. ווי אַלע, אַזוי איך, — האָט די פאַרוואַלטערן געזאָגט און איז אַרויסגעגאַנגען.
זי איז אַרויסגעגאַנגען, און מאַקאַר איז אַרײַנגעקומען. ער האָט זיך געזעצט, ווי שטענדיק, אויפן איבערגעקערטן עמער, און כאַנע האָט אים דערלאַנגט אַ פולן טעלער מיט קאַשע.
— דו ווייסט, כאַנאַ דאַווידאָוונאַ, איך עס באַ דיר דעם לעצטן אָנבײַסן. איך בין געווען נעכטן דאָרט, ווו מע בויט „שאַריקאָפּאָדשיפּניק", און איך גיי אַהינצו אַרבעטן.
— וועסט יאָ אַרבעטן, וועסט ניט אַרבעטן. נאָ דיר צו דער קאַשע אַ גלאָז זויערמילך.
— זויערמילך האָב איך ליב, אין דער היים פלעגט די מאַמע אָפּקאָכן קאַרטאָפל אין מונ־דירן, זי פלעגט ברענגען אַ פולע מאַקיטרע זויערמילך, עס וויפל דו ווילסט! — האָט זיך דער־מאָנט מאַקאַר.
— עס גיכער, איין פוס דאָ, אַ צווייטער — אויף דער באַזע. וואָרעם ווער עס קומט פריִער, דער מאָלט פריִער, — האָט כאַנע אונטערגעיילט מאַקאַרן. זי האָט קעסיידער אונטערגעײַלט יענעם און זיך.
אויב אין קאָמונע פלעגט זי אָפּט קומען צו די קינדער ניט צו דער באַשטימטער שאָ און מע האָט זי אַרײַנגעלאָזט, האָט זי איצטער די קינדער געזען נאָר זונטיק, ווײַל די דערציִערנס פון קינדערגאָרטן האָבן געזאָגט אויסדריקלעך:
— דו מיינסט, אַז דו אַרבעטסט דאָ, קאָנסטו אַרײַנגיין, ווען עס ווילט זיך דיר? — עס האָט איר אָפּט געקוועטשט דאָס האַרץ און טרערן האָבן זי געוואָרגן. אַגעוו, טרערן פלעגן איצט גאַנץ אָפּט אויפזידן אין אירע אויגן. איז עמעצער געווען אין קיך, האָט זי זיך געהאַמעוועט, אויב קיינער איז ניט געווען כוץ איר, איז די מאָס איבערגעגאַנגען, זי האָט זיך גוט אויסגע־וויינט, דערבײַ זיך אָפּגעהיט, די טרערן זאָלן ניט פאַלן אין טאָפּ אָדער אויפן ברויט, וואָס זי שנײַדט, דערנאָך האָט זי גוט אויסגעווישט דאָס פּאָנעם און זיך געמוסערט: „העלדיניע, אַ מאַמע ביסטו? דאַרפסט נאָך אַליין אַ מאַמען". עס איז איר איצט אָנגעקומען גאַנץ שווער צו גיין פון דער אַרבעט אַהיים, אַפילע אויב נעכעמיע האָט זי באַגעגנט. זי האָט גוט געפילט, אַז זי איז אינעם צימערל אַ פינפטע ראָד צום וואָגן, כאָטש ניט יאַקאָוו, ניט בראָניסלאַווע יאָסיפּאָוונע האָבן איר קיין איין וואָרט ניט געזאָגט. אָבער כאַנע האָט געפילט אויף שריט און טריט, אַז זי פאַרנעמט דאָ צופיל אָרט. עס זײַנען געווען נאָך סיבעס, וואָס האָבן כאַנען קלאָר געמאַכט, אַז זי איז דאָ ניט זייער גלײַכן. ווי נאָר זי פלעגט זיך זונטיק שטעלן וואַשן גרעט, איז שוין בראָניסלאַווע געשוווּמען מיט אַ היפּש פּעקל קריטיקס אין די אויסגעשטרעקטע,

ברייט־פּאַנאַנדערגענומענע הענט. זי טוט אַ וואָרף דאָס פּעקל אויף דער פּאָדלאָגע לעבן כאַנעס פיס און זאָגט, שמייכלענדיק:

— פּאַריינס ווּעסטו דאָס מאַכן, ס'איז נאָר עטלעכע שטיקלעך.

אָפּטער פון אַלץ פלעגט זי דאָס טאָן, בייס נעכעמיע פלעגט ערגעץ אַוועק מיט די קינדער. און כאַנע האָט וועגן דעם אים קיינמאָל קיין וואָרט ניט געזאָגט. עס איז אָבער דאָ אַ ווערטל, אַז „יעדער שטריק האָט אַן עק". אין איינעם אַ זונטיק איז נעכעמיע מיט די קינדער גראָד געווען אין שטוב, ווייל עס האָט געריגנט. כאַנע איז געשטאַנען בא דער בלעכענער מולטער און האָט געמאַכט אַ געוועש. בראָניסלאַווע יאַסיפּאָוונע איז אַרויסגעגאַנגען פונעם קליינעם צימערל, טראָגנדיק אין די אויסגעצויגענע הענט אַ היפּש פּעקל. זי האָט עס אַ וואָרף געטאָן לעבן כאַנעס פיס און, ווי טאָמיד פאַרבייגייענדיק, צוגעוואָרפן:

— עטלעכע שטיקלעך פּאַריינס.

נעכעמיען האָט ווי אַ הייב געטאָן פון זיין אָרט. מיט איין שפּריי איז ער געשטאַנען צווישן כאַנען און, ווי ער האָט גערופן בראָניסלאַווען, צווישן דער מאַדאַם. ער האָט זי אָנגעקוקט, קוים פאַרשטאַנען, וואָס ער טוט. זיינע פיס האָבן, ווי אָן זיין ווילן, צונויפגעשאַרט דאָס, וואָס בראָניסלאַווע האָט צוגעוואָרפן, און, עס אַזוי שאַרנדיק, ניט מיט זיין קאָל אויסגערופן:

— ווען אַ טויטער וועט ווּעט ניסן און איר וועט אים זאָגן „צו געזונט", דאַן וועט כאַנעלע!..— און צו כאַנען: — כאַנוקל, איך פאַרשטיי, אַז דאָס איז ניט דאָס ערשטע מאָל. פאַרוואָס האָסטו מיר עס ניט געזאָגט? דו האָסט ניט געוווּסט, אַז דו ווּעסט באַגעגענען אַ כאַזער, האָסטו קיין פאַמיליעציע ניט צוגעגרייט?! אָך דו, אָרעם קינד מיינס, — האָט נעכעמיע מיט אַ געפּאַלן קאָל געריידט צו כאַנען און געגלעט אירע האָר.

כאַנע האָט מאַמעש ניט געקאָנט אָנקוקן ניט נאָר בראָניסלאַווען, נאָר אַפילו איר קלייד, אירע לאַקירטע לאַדעטשקעס. עס האָט איר געשלאָגן צו דער גאַל, ווען זי האָט געהערט, ווי יענע זאָגט:

— יאַקאָוו, יאַשענקע, העלף מיר אויסטאָן די טופליעס. — יענער האָט געפּאָלגט, און כאַנע האָט עס אָפּט איבערגעקרימט. נעכעמיע האָט געקייכט פון געלעכטער און באַגיטיקט:

— כאַנוקל, ביסט אַ מאַלאַדיעץ. דו האָסט אויגן, וואָס זעען.

■

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די „מאַדאַם" איז אַ וויסנשאַפטלעכער טוער. זי האָט אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אין אַ מאַנאַטשריפט, און די שטוב־אַרבעט פלעגט אָפּטאָן אַ געקומענע עלטערע פרוי. אַנומלטן, בייס די מאַנצבלען זיינען אין שטוב ניט געווען, האָט בראָניסלאַווע זיך געווענדט צו כאַנען מיט אַזאַ פראַגע:

— זאָג מיר, זיי אַזוי גוט, פאַרוואָס ווילסטו ניט מיט דיינע קינדער לעבן אין ביישטאָט, עס געפעלט דיר גראָד מיין דירה?

כאַנע האָט קיין איין וואָרט ניט געענטפערט. פאַרוווּנדערט איז זי אויך ניט געווען. זי האָט מער אָדער ווייניקער שוין געקאָנט אָפּשאַצן די דאָזיקע וויסנשאַפטלעכע טוערן. אָבער גרינגער איז איר פון דעם ניט געוואָרן. זי האָט נעמלעך אויך פאַרשטאַנען, אַז נעכעמיע איז ניט קיין באַלעבאָס אַפילו פונעם צימערל, וווּ זיי געפינען זיך.

אויף מאָרגן בא דער אַרבעט איז כאַנען אַלץ געפאַלן פון די הענט. די פאַרוואַלטערקע האָט געקוקט, ווי כאַנע טיילט סמעטענע אין קליינע טעפּעלעך, און ווען דאָס איז געוואָרן אויסגעטיילט, האָט זי, ווי גלייכגילטיק, געפרעגט:

— כאַנע דאַווידאָוונע, איר זייט פאַרמאַטערט, אָדער בא אייך האָט עפּעס געטראָפן?

— נאָך דער אַרבעט, אויב איר וועט האָבן צייט, וויל איך זיך מיט אייך דורכריידן.

— גוט, איך וועל זיין אין קאַבינעט.

ניט צוליב פוסטער נייגעריקייט האָט יעליזאַוועטע אַבראַמאָוונע עס געפרעגט. ניט דערפאַר וואָס כאַנע איז גרייט געווען פאַר אַ באַליבּיקן אויסגיסן דאָס האַרץ, האָט זי געזאָגט: „איך וויל זיך מיט אייך דורכריידן". די פאַרוואַלטערן האָט געזען און פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ מענטש כאַנע איז. כאַנע האָט זיך אויך ניט גענאַרט אין דער פאַרוואַלטערקע. גאַנץ אָפּט אין אָוונט זיינען זיי געזעסן, געמאַכט די כעזשבוינעס, דערביי געשמועסט צוביסעלעך. פאַר וואָליע האָט זיך יעליזאַוועטע אַבראַמאָוונע דערוווּסט, ווי אַזוי כאַנע איז מעגולגל געוואָרן אַהער.

בייס זי האָט אויסגעהערט, וואָס כאַנע האָט גערעדט, איז זי אַ ווײַלינקע געזעסן פאַרטראַכט, דערנאָך האָט זי, ווי ציילנדיק יעדער וואָרט, אָנגעהויבן:

— איך פאַרשטיי, אַז אײַער מאַן האָט זייער ערנסט געדאַרפט דורכטראַכטן, איידער ער האָט אײַך מיט די קינדער געגומענען אהער. אָבער איר האָט אים כאַטש געפרעגט: האָסט א ווינקל?

— ס'איז מיר אפילו ניט אײַנגעפאַלן, ער איז דאָך ניט קיין ייִנגעלע, ער איז אַלט קנאַפּע דרײַסיק יאָר.

— זעט איר שוין, וואָס זשע האָט איר פּרעטענזיעס צו אים? ער איז נאָך קיין טאַטע ניט געווען, און איר א מאַמע זײַט יאָ געווען... אָבער איר דאַרפט ניט זײַן אַזוי דערשלאָגן. ס'וועט זיך געפינען עפּעס אַן אויסוועג.

— איך האָב צו קיינעם קיין טענות ניט. און איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז די שכײנע מײַנע דאַרף מיך מיט מײַנע קינדער, ווי א לאָך אין קאָפּ. אָבער איך קאָן אהין מער ניט גיין. ווען איך האָב זיך ווו אהינצוטאָן, וואָלט מײַן פוס דאָרטן קיינמאָל ניט געווען!

— דאָרטן איז דאָך אײַער מאַן, איר זאָגט דאָך, אַז איר האָט אים ליב?..

— זייער! אָבער ווי קאָן ליבע דערלאָזן, אַז מע זאָל דערנידעריקן און באַליידיקן? איך האָב אײַך דאָס דערציילט דערפאַר, ווײַל איך האָב געהאָפט, אַז איר וועט מיך לאָזן נעכטיקן דאָ אין קאָרידאָר, ביז איך וועל קריגן ווו צו נעכטיקן מיט מײַנע קינדער.

— פאַרוואָס עפּעס דאָ אין קאָרידאָר? א געוויסע צײַט וואָלט איר געקאָנט נעכטיקן בא מיר, אָבער איר קענט איצט קיין זאַך ניט באַשליסן אָן אים, דער ערשטער האָט ער געדאַרפט וויסן וועגן דעם. איר זײַט באַגלײַך שולדיק. פאָלגט מיך, גייט אהין, ווי אַלע טאָג. דאָס איז ערשטנס. צווייטנס, דערציילט אים ניט קיין מײַסעס, וואָס יענע האָט אײַך געפרעגט און געזאָגט. רעדט זיך פּאָשעט פּראָסט דורך מיט אים, ברענגט אים אפן געדאַנק, אַז ס'איז נייטיק צו קריגן א דירע, אַז אין בײַשטאָט איז עס מער מעגלעך. אײַער עלטער מיידעלע וועט דעם קומענדיקן האַרבסט אוועק אין שול? ווו וועט איר זי אוועקזעצן מיט א העפט, מיט א ביכל? קורץ, איך דאַרף אײַך ניט לערנען וואָס צו זאָגן.

כאַנע האָט אײַנגעזען, אַז די פּאַרוואַלטערקע איז גערעכט. אין אָוונט האָט זי נעכעמיע באַגעגנט, ער האָט גאָרנישט ניט באַמערקט. ערשט דערנאָך, ווען זיי האָבן אָפּגעטרונקען טיי, האָט ער דערזען און פאַרשטאַנען, אַז זי איז זייער צעררודערט. אַזוויוי יאַקאָוו מיט בראָ־ניסלאַווען זײַנען געווען אין זייער צימערל, האָט ער שטיל געזאָגט:

— קום, לאָמיר זיך א ביסל דורכגיין.

אויף דער גאַס האָט ער געפרעגט:

— ס'איז עפּעס געשען אויף דער אַרבעט?

— וואָס פעלט דיר אײַן?

— איך זע דאָך, זאָג, וואָס האָט געטראָפן?

— כ'וואָלט זיך געוווּנדערט, ווען דו וואָלסט ניט געזען.

— וואָס איז, דו פילסט זיך שלעכט?

— איך האָב ניט קיין צײַט זיך צו פילן. און איך וויל מער ניט וווינען אינאיינעם מיט זיי.

— איך וויל דאָס אויך ניט, דערווײַל זע איך ניט, מיר זאָלן זיך קאָנען אַרויסקלײַבן. איך האָב דיר ניט געזאָגט וועגן דעם, אָבער איך האָב דערלאַנגט א מעלדונג אין קינסטלער־פאַריין.

— ביז וואָס־ווען מוזן מיר געפינען עפּעס א צימערל. די פּאַרוואַלטערקע פון קינדער־גאָרטן האָט מיר געזאָגט, אַז אויסער דער שטאָט קאָן מען עפּשער יאָ קריגן.

— געוויס וועל איך צופאָרן. אָבער מע דאַרף האָבן געדולד, ס'איז גאָרניט פון די גרינגע זאַכן. איך דאַרף דיר זאָגן, אַז דאָס צימערל, ווו מיר זײַנען, איז טאַקע מײַנס. זנאַטשיט, דו וווינסט ניט מיט זיי, נאָר מיט מיר. איך האָב געהאַט א גרויסן ליכטיקן צימער, איז איינמאָל געקומען צו מיר יאַקאָוו, ער האָט געדעדט און גערעדט און מיך אײַנגערעדט, כ'זאָל זיך אַריבערקלײַבן צו אים. דערנאָך האָט ער מיר געמאַכט די פּראָפּיסקע.

— נעכעמיעלע, איך פאַרשטיי אין דערוף גאָרנישט. נאָר אויב איך זאָג דיר, אַז איך קאָן דאָ מער ניט לעבן, זאָלסטו וויסן, אַז איך וועל ניט זײַן אונטער איין דאַך מיט יאַקאָווס ווײַב. וואָס פאַר א צימערל דו וועסט ניט קריגן, זאָל זײַן פינף שפּאַן, וועל איך זײַן צופרידן. כ'וועל עס אויסקאַלכן, אופראַמען. מיר וועלן פרײַ אָפּעטעמען.

— באַרויִק זיך. גוט, געוויס וועל איך זוכן. און קום אין שטוב. זײַ ניט אַזוי טרויעריק. איך קען דאָס ניט זען. דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז אַלץ וועל איך טאָן, קעדיי דיר זאָל זײַן בעסער ווי דיר איז.

אין שטוב האָט כאַנע מער קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. זיי האָבן אויסגעלאָשן די שײַן און זיך געלייגט שלאָפן. אינדערפרי האָט נעכעמיע געהאַט א טײַנע:

— כאנוקל, פּאַרוואָס טראָגסטו ניט דײַן כאַסענע־קלײד? שוין צײַט, זאָלסט אױעקװאַרפֿן דײַנע קאָמונע־טואַלעטן. מע האָט דיר דאָך צום אַכטן מאַרט געגעבן אַ פּרעמיע — טופֿליעס. פּאַרוואָס זשע גײסטו אַרום אין די שטיװל?

— אױב דו האָסט דערפֿון קלעמעניש, װעל איך אָנטאָן די טופֿליעס, אַ נאָפּקעמינע.

— טו אָן איצט.

— איצט האָב איך קײן צײַט ניט.

— פּאַרוואָס? דו זיצסט דאָך בעמיִלע.

— איך זיץ, װײַל איך װיל זיך דערמאָנען מײַן כאָלעם. שװײַג־שװײַג, איך האָב זיך שוין דערמאָנט. איך גײ זיך אַזױ באַנאַכט אין סטעפּ. עס איז אַ כױשעכדיקע נאַכט, שטאָקפֿינצטער. איך גײ און איך גײ אין דער פֿינצטער, מיטאַמאָל נעמט אױפֿגײן די זון. זי גײט אױף פּאַמעלעך־פּאַמעלעך, פּונקט װי עפּעס אַ ריז װאָלט זי מיט קױעך אַרױסגעשטופּט פֿון דער פֿינצטערניש. די ליכטיקײט שפּרײט זיך, שפּרײט זיך, און אײנײנעם מיט דער ליכטיקײט דערהערט זיך פֿונדערװײַטן אַ טופּען פֿון פֿערד, אַ הירזשערײַ. איך הער עס אַלץ בױלעטער, אַלץ נעענטער, און אָט יאָגט שוין איבערן סטעפּ אַ טאַבון פֿערד. זײ יאָגן מיט פֿאַריסענע קעפּ און אױפֿגע־ריסענע מײַלער, אַזױ אַז איך זע די צײן, און זײערע טלאָען פּויקן אָף דער טרוקענער ערד, װי אָף אַ פּויק. איך לויף אויך מיט די פֿערד אײנײנעם. אָט־אָט כאַפּ איך זיך שוין אָן באַ דער גריװע פֿון אַ טונקל־שװאַרצן פֿערד, נאָר ער טוט אַ דרײ מיטן האַלדז, די גריװע גליטשט זיך אַרױס פֿון מײַן האַנט, איך פֿאַל אַנידער. איבער מיר טראָגט זיך אַ טופּען און אַ הירזשערײַ, מיט אַלע קױכעס קװעטש איך זיך צו דער ערד. איבער מיר טראָגט זיך אַ גװאַלדיקע, הירז־זשענדיקע כװאַליע, און די פֿלײצע טוט מיר אַזױ װײ, איך כאַפּ זיך אַזש אױף פֿון װײטעק. דער באַלױכטענער סטעפּ פּויקט, צי דאָס האַרץ מײַנס? יאָ, אַװדע דאָס האַרץ, עס שפּרינגט אַזש אַרױס.

— טרײסט מײַנער, כאַנוקל. דו ביסט דאָך אַ פּאָעט.

— װעסט לאַכן פֿון מיר, אָפּט װילט זיך מיר אַזױ אָנשרײַבן, װאָס איך װײס, װאָס איך האָב געזען און װאָס איך זע איצט. ס'אַ װערטעלע צו זאָגן, דאָס אַלץ צו געדענקען. אַמאָל װיל איך אַזױ דערצײלן װעגן דעם, אַז איך פֿיל אָף זיך אַ שװערע־שװערע מאַסע, און די מאַסע קאָן איך ניט אַראָפּװאַרפֿן. דאָס איז אַ סאַך שװערער װי האָרעװען.

— כאַנוקל, זאָלסט עס קײנמאָל ניט טאָן. דו דאַרפֿסט דאָס ניט!

— װאָס רעדסטו, נעכעמיע? פֿונװאַנען װײסטו, אַז איך דאַרף דאָס ניט!

— דו מעגסט מיר טרױען, אַז דו דאַרפֿסט עס ניט. זאָלן דאָס טאָן די, װאָס זײַנען מיִעס, װאָס זײַנען... מיט אײן װאָרט — דו דאַרפֿסט דאָס ניט! איך האָב דיך אַזױ ליב, איך װעל זיך שוין פֿאַסטאַרעװען צו קריגן אַ קװאַרטיר, דאַן װעל איך אַרבעטן מער װי איצט, דו װעסט אױעקגײן פֿון קינדערגאָרטן, דו װעסט זײַן מײַן באַלעבאָסטע און מײַן געליבטע. גלײב מיר, עס װעט זײַן אױסגעצײכנט!

— איך װײס, אַז דו האָסט מיך ליב. איך װײס, אַז אומעטום װעט אונדז זײַן אױסגעצײכנט. איך האָב דיך ליב מער װי זיך אַלײן! פֿונדעסטװעגן, זיצסטו באַם טיש און דו אַר־בעטסט, דו דערצײלסט מיט בלײַקעס, מיט פֿענדזלען װעגן דעם, װאָס דו זעסט. פּאַרוואָס זשע זאָגסטו, אַז איך דאַרף דאָס ניט טאָן?

— טרײסט מײַנער, מיר דערצײל װעגן אַלץ, װאָס דו זעסט. און קום צום טראַמװײַ, װעסט פֿאַרשפּעטיקן, — האָט נעכעמיע זי געבראַכט צו דער װאָר, און װי שטענדיק, בײס זי איז שוין געשטאַנען אָפֿן טראַמװײַ־טרעפּל, האָט ער געװאָרנט:

— זײַ געהיט, איבערן װעג ניט לױפֿן, ניט לױפֿן!

■

צי אַ מאַלעך שנעלט יאָ אין נעזל, בײס אַ קינד דאַרף דערזען די ליכטיקע װעלט, צי ניט, אָבער אַז איטלעכער האָט זיך זײַן מאַזל, דאָס האָט כאַנע פֿאַרשטאַנען. זי גופֿע האָט ניט געטראַכט, צי האָט זי באַם געבױרן װערן געכאַפּט פֿון אַ מאַלעך ניט קײן מאַזלדיקן שנאָל... אָבער זי האָט אָפּט געפֿילט, אַז ס'װאָלט ניט געװען קײן אוװלע, ס'זאָל איר זײַן אַ ביסל גרינגער, װי איר איז. דערװײַל איז קײן שום אױסזיכט און קײן האָפֿענונג ניט געװען, אַז איר אױסקומעניש זאָל געלינדערט װערן.

אין די קראָמען זײַנען די פּאָליצעס געװען פֿול מיט פּעקעלעך קאַװע פֿון כאַזערשע ניס. ברױט קױפֿן אַלע נאָר אָף ברױט־קאַרטלעך. שניט־סכױרע, שוכװאַרג קאָן מען באַקומען נאָר װען מע באַקומט אָף דער אַרבעט אָן אָרדער. אין קינדערגאָרטן האָט כאַנע אױך גוט געזען,

ווי די מאַמעס, וואָס ברענגען און נעמען אָפּ די קינדער, זײַנען פֿאַרדײַגעט. אָפּט זאָגט צו כאַנען יעליזאַוועטע אַבראַמאָוונע: „דאָ וועט אַרײַנגיין אַ פּרוי, גיט איר אַ צוויי גלאָז רײַז און אַ שטיקל מאַרגאַרין". און לויט דעם, ווי די פּרוי נעמט עס, פֿאַרקוועטשט כאַנען דאָס האַרץ. די לעצטע צײַט איז איר צוגעקומען נאָך אַ דײַגע: זי האָט נאָך וועגן דעם נעכעמיען ניט געזאָגט, אָבער זי ווייסט, אַז זי טראָגט. „מער פֿעלט איר ניט, ווי ברענגען אַן אויפֿל צו דער „מאַדאַם".

עס טרעפֿט אויך, אַז זי מישט מיטן גרויסן הילצערנעם לעפֿל די הירזשענע קאַשע און אין איר זינען מישן זיך טײַנעס צו זיך זעלבסט: „אַ מאַמע פֿון קינדער טאָר קיינעם ניט ליב האָבן. אין קאָמונע זײַנען מײַנע פֿייגעלעך געוועזן ווי אין אייגענע הענט, איצט זײַנען זיי ווי איבערגעזעצטע פּלאַנצונגען. זיי זײַנען עלטער געוואָרן אַף צען יאָר, און איך גופֿע?" דעם געדאַנק וועגן זיך האָט זי געטריבן פֿון זיך, וואָרעם אויב די קינדער זײַנען „איבערגעזעצטע פּלאַנצונגען", איז זי דאָך ווי אַן אַרויסגעריסענער בוים.

די שטאָט, די גאַסן, דער טראַמוויי, די איזוואָזשטשיקעס, די הײַזער, די מענגעס מענטשן האָבן איר אויסגעזען ווילד־פֿרעמד. „דער הימל איז פֿאַרשטעלט פֿון די אויגן, באַנאַכט זעט מען ניט קיין שטערן, ווײַל מע איז מיד און מע אײַלט זיך לייגן שלאָפֿן. באַגינען זעט מען ניט דעם זון־אויפֿגאַנג, ווײַל מע לויפֿט אָן אָן אָטעם צו דער אַרבעט. פֿאַרנאַכט זעט מען ניט דעם זון־פֿאַרגאַנג, ווײַל מע וויל שוין גיכער דערזען דעם טראַמוויי, וואָס וועט אָוועקפֿירן אַהיים. אַזויפֿיל מענטשן, אַזאַ גוזמע שטיבער, אַזאַ געלאַף, אַזאַ אײַלעניש. אַן אומגליק, וואָס אַזויפֿיל מענטשן האָבן זיך צונויפֿגענומען אַף איין אָרט". — אַזוי האָט כאַנע ניט דאָס ערשטע מאָל באַזיניקט דאָס, וואָס האָט זי אַרומגערינגלט.

ווי האָט עס אַנדערש געקאָנט זײַן? איר זיידנס שטוב אין קליינעם שטעטעלע איז געווען ניט ווײַט פֿון פֿעלד. דאָס פֿעלד איז געווען נאָענט צום וואַלד. אַלע האָבן געקענט איינער דעם אַנדערן. איינער האָט דעם צווייטן אונטערגעטראָגן דעם גוטמאָרגן, דערציילט, וואָס נעכטן האָט מען געקאָכט און וואָס מע האָט בעדייע צו קאָכן הײַנט. אַז אַ קינד האָט ווי געטאָן דאָס בײַכל, האָט געוווּסט די גאַנצע גאַס. איז געווען אַן איבערגאַנג מאָזלען, ווינט־פּאָקן — האָבן אַלע מאַמעס געגנייט לײַוונטענע פּיטשינקע טאָרבעלעך, אָנגעשאָטן אַהין נאַפּטאַ־לין, צוגעניייט בענדעלעך און זיי אָנגעטאָן די קינדער אַף די העלדזלעך. זומערצײַט איז כאַנע מיט דער באָבען און מיטן זיידן אָפּט געגאַנגען אין וואַלד, מע האָט געדאַרפֿט צונויפֿבינדן אַ סאַך בעריאָזעווע בעזעמלעך, עס זאָל זײַן מיט וואָס זיך צו בעזעמען אין מערכעץ. די באָבע האָט געוווּסט, אַז ראַמונקעס איז צום מאָגן, מענטע צו קאָפּווייטעק, טויזנטגעבלעטער צו די געלענקען. קינדרווײַז האָט עס כאַנע געהאָלפֿן איבערקלײַבן, בינדן. אָן אַ שיר טרוקענע גראָז־בעזעמלעך פֿון ליפּע־בלימונג, האָזן־שטשאַוו זײַנען געהאַנגען אַף צוועקעס אין דער באָבעס שלאָפֿקאַמער. דער זיידע, זיכרונו־ליוראָכע, האָט געטײַנעט צו דער באָבען:

— דײַן גראָזוואַרג קומט מיר צו כאָלעם. דו זאָגסט, עס העלפֿט פֿון אַלערליי כאַלאַסן? איך זאָג דיר, אַז דאָס העלפֿט נאָר צום ניסן, אַפּ־טשי, אַפּ־טשי! — האָט דער זיידע זיך גע־מאַכט אַקוראַט ווי ער ניסט.

אין קאָמונע איז קיין וואַלד ניט געווען, איז אָבער געווען אַ סטעפּ, אַ הויכער, ברייט־פֿאַנאַנדערגעשפּרייטער הימל, אַ פֿרײַער שמעקנדיקער ווינט. איז דאָך טאַקע גאָר קיין ווונ־דער ניט, וואָס כאַנע האָט זיך געפֿילט אינעם צימערל, ווי אין אַ שטײַג, און אין קיך אַף דער אַרבעט — ווי אין קלעם. אָבער בייס אַ מענטש איז געבענטשט מיט פֿייִקײַט צו טראַכטן, צו פֿאַרשטיין, וואָס אים רינגלט אַרום, האָט ער פֿרייד פֿון דעם, וואָס ער קאָן עס באַזיניקן. כאַנע האָט קיין שײַכעס ניט געהאַט צו דער מערהײַט מענטשן, וואָס טראָגן זיך מיטן יאָך פֿון דער אַלטעגלעכקײַט, פֿון טיף־פֿאַרזונקענע איבערלעבונגען. בייס אין קיך פֿלעגט קומען אַ פּרוי, וועלכע די פֿאַרוואַלטערקע האָט געשיקט צו כאַנען, האָט כאַנע אָפּט אָנשטאָט צוויי גלעזער רײַז אַרײַנגעשאָטן אַ ביסעלע מערער. איינע אַ פּרוי פֿלעגט קומען אָפּטער ווי אַנ־דערע. כאַנע פֿלעגט זי מעכאַבעד זײַן מיט אַ ביסל קאַשע, אַמאָל מיט אַ גלאָז טיי. איין מאָל, נאָכאַמאָל, ביז די פּרוי האָט דערציילט, אַז זי איז אַן איינזאַמע מאַמע, אַז דער מאַן האָט זי פֿאַרלאָזט, איז ערגעץ אָוועקגעפֿאָרן און האָט פֿאַרגעסן, אַז ער האָט דאָ געלאָזט צוויי קינדער. כאַנע האָט עס געהערט, מיטגעפֿילט, זיך דערוווּסט בא דער פֿאַרוואַלטערקע, אַז ניט מיט איינער טרעפֿט עס, אַז אין קינדערגאָרטן זײַנען דאָ עטלעכע קינדער, וועלכע האָבן קיין טאַטעס ניט. כאַנע האָט עס געהערט, דערבײַ זיך דערמאָנט דעם קינדערהיים פֿון דער קאָ־מונע, די דערצײַערנס פֿון קינדערהיים, וועלכע האָבן קיין ביסן ניט אַראָפּגעשלונגען פֿון די קינדערס עסן. שוין אָפּגערעדט דערפֿון, אַז אַ מאַמע זאָל פֿילן, איר קינד איז געקריוודעט, ניט צו זאָגט אָנגעהאַדוועט. און אָט קומט איר ווידער אָפּן זינען, ווי הענקע, ווי וואָס אַרבעט אין

קינדערהיים, קומט אין שטאָל נאָך מילך, ווי זי, כאַנע, דערלאַנגט איר דאָס קווערטל מילך און זאָגט: „טרינקט אויס!“, ווי העניקע גיסט אויס די מילך פון קווערטל אין פאַן, טוט א זאָג: „זײַ ניט בעסער צו מיר ווי צו זיך“. צי דען איז עס צו פאַרגלײַכן, ווי די דערציִערנס פון קינדערגאָרטן זאָגן צו כאַנען: „זשאַלעווע ניט, זשאַלעווע ניט, גיב נאָך א צוויי לעפל, מיר לייגן גענוג קויכעס פאַר די קינדער“.

אַף די פאַרזאַמלונגען פון קינדערגאָרטן האָט כאַנע ניט איין מאָל גערעדט וועגן דערוף, אָבער עס העלפט, ווי א טויטן באַנקעס. אָט טראַכט זי וועגן דעם, אָט טראַכט זי וועגן עפּעס אַנדערש: „אוואָדע איז מיר באַשערט א גליק. געוויס איז נעכעמיע א זעלטנהײַט, אוואָדע דאַרף איך דאָס שאַצן. אָבער ער האָט גאָרנישט ניט פאַרלאָרן. אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט, איז מיט אים. דערצו האָט ער נאָך מיך אויך“.

אַנומלטן האָט זי אים געפרעגט:

— נעכעמיעלע, זאָג מיר, וואָס האָסטו געטראַכט, ווען דו ביסט געקומען נעמען מיך מיט די קינדער?

— איך האָב געטראַכט, אַז איך וועל דיך נעמען אַהער, וועלן זיי ניט גיין אין קיין קינדערגאָרטן, זיי וועלן זײַן מיט אונדז, איך האָב דאָך ניט געוווּסט, אַז יאַקאָוו וועט אַזוי גיך קומען פון קיִעוו און דערצו נאָך מיט אַזא מאַדאַם. איך ווייס, אַז דאָס געפעלט דיר ניט...

— דו געפעלסט מיר, בין איך גליקלעך. פאַרוואָס ווילסטו קלאָר מאַכן דאָס, וואָס איז קלאָר? איך האָב געטראַכט, דיר זאָגן, צי ניט, נאָר סײַווי ווייסטו דאָס וויסן דער ערשטער. ווו וועלן מיר זיך אַהינטאָן, אויב עס וועט זײַן נאָך א קינד?

כאַנע האָט עס אַרויסגערעדט און זיך אַליין דערשראָקן. אָבער נעכעמיע איז צוגעפאַלן צו איר, געקושט איר פּאָנעם און אירע הענט און אַלץ געוואָלט וויסן:

— כאַנוקל, דו ביסט זיכער, אָבער געוויס?

— הער אויף, נעכעמיע. וואָס וועלן מיר טאָן, ווו וועלן מיר זיך אַהינטאָן? שטענדיק איז פול מענטשן, מע שרייט און מע רייכערט. ס'איז אוממעגלעך צו ברענגען א קליינס אַהער.

■

ניט גרינג, אוי ניט גרינג איז כאַנען איצט געווען אַפּן האַרצן! ניט גרינג איז איר אויך אָנגעקומען די אַרבעט. מאַקאַר איז טאַקע אַוועק אַף „שאַריקאָפּאָדשיפּניק“, עמעס, מע האָט גענומען נאָך א מענטשן אין קיך, די פּאַרוואַלטערקע האָט געזאָגט כאַנען, זי זאָל ניט פאָרן נאָך פּראָדוקטן, ווײַל זי האָט פאַרשטאַנען, אַז כאַנע איז אַף דער צײַט, אָבער די פּראָדוקטן קומען ניט אַליין אין קיך. די לעצטע צײַט גייט אַרײַן יעליזאַוועטע אַבראַמאָוונע, זי העלפט איבערקלײַבן גרויפּן, אַרבעס. ס'איז איר פון איר ניט פאַרבאָרגן, וואָס בא כאַנען אַפּן האַרצן טוט זיך. דערפאַר פרעגט זי שטיל, אײַנגעהאַלטן:

— כאַנע דאַווידאָוונע, אויב איך קאָן אײַך מיט עפּעס העלפן, וועל איך דאָס טאָן מיט פאַרגעניגן.

— כ'האָב אַליין געטראַכט זיך ווענדן צו אײַך נאָך הילף. אָבער, ערשטנס, האָב איך דערפילט, אַז איך וויל דאָס ניט, צווייטנס, איז שוין צו שפּעט.

— עס איז קיינמאָל ניט שפּעט צו העלפן.

— ס'איז דאָ פאַלן, ווען עס איז שפּעט, ס'איז שוין בא מיר דער פערטער כוידעש.

— אײַער מאַן ווייסט?

— יאָ.

— איך האָב אײַך געזאָגט עטלעכע מאָל, איר זאָלט אַף דער באַזע נאָך פּראָדוקטן ניט פאָרן, און זײַט ניט אַזוי דערשלאָגן און פאַרלאָרן. א בלינדע הון געפינט אויך א קערנדל. אײַער מאַן וועט געפינען אַן אויסוועג. איך זאָג אײַך נאָכאַמאָל, איר זאָלט קיין פּראָדוקטן ניט שלעפּן!

— יעליזאַוועטע אַבראַמאָוונע, איך וווּנדער זיך אַף אײַך, איר ווייסט דאָך, אַז עס איז ניט דאָס ערשטע מאָל.

— איך פאַרשטיי אײַך ניט. איר רעדט, ווי א פּיצל. אין אַזעלכע זאַכן איז אַלעמאָל דאָס ערשטע מאָל.

כאָטש די ווערטער האָבן כאַנען געטראָפן אין סאַמע האַרצן, איז זי געווען אַזוי זיכער אין זיך, אַז זי איז יעדעס מאָל געפאָרן מיטן וועגעלע און מיט דער צווייטער אַרבעטערקע אַף דער באַזע. אָפּט האָט זי זיך געווונטשן, אַז זי זאָל פאַטער ווערן פונעם טראָגן, נאָר קוים

האָט זי זיך דערמאָנט, ווי גליקלעך נעכעמיע איז, ווי ער וואַרט אַף דעם, האָט זי זיך באַ־רויקט. זי האָט דאָך גוט געוווסט, ווי גינציק, ווי געטריַי, ווי באַהעפט נעכעמיע איז צו איר. פונדעסטוועגן איז כאַנען וואָס וויַיטער געווען אַלץ שווערער און ביטערער.

■

די טעג זיַינען געוואָרן לענגער, ליכטיקער און וואַרעמער. כאַנע האָט געאַרבעט ווי פריִער, ווי פריִער איז זי אַף זונטיק מיט די קינדער געפאָרן אַהיים און יעדער מאָל פלעגט זי זיך אָפּסניַי וווּנדערן, ווי פאַר זעקס טעג וואַקסט אָן ברויט אַף אַלץ, וואָס געפינט זיך אין צימער: די צעראַטע, די פענצטער־ברעטער, אַפילו די אָנלענען פון די שטולן זיַינען געווען ווי אויסגעשמירט אין פעטס. אַלץ האָט זי געוואַשן מיט זודיקער וואַסער. און נעכעמיע האָט זי געטרייסט:

— כאַנוקל, נעם זיך ניט צום האַרצן. אַלץ איז באַשמירט מיט זייער פּוטער.

— פונוואַנען האָבן זיי אַזויפיל פעטקייט?

— זיי קויפן דאָס אין דער קאָמערטשעסקער קראָם.

דער זונטיקדיקער טאָג פלעגט אַוועקגיין איינס־און־צוויי. אָט האָט זי געלייגט די קינ־דער שלאָפן, אָט האָט זי זיי שוין געדאַרפט וועקן. דאָס איז געווען אַ ביטערע זאַך. די קינדער האָבן געוויינט, זיך ניט געלאָזט אָנטאָן, צו דער אַרבעט איז זי געקומען אַ פאַרמאַטערטע, און עס האָט זיך ערשט פאַר איר אָנגעהויבן אַ נייַער אַרבעטסטאָג.

אָפּט הייבט זיך אָן דער טאָג מיט פאָרן נאָך פּראָדוקטן אַף דער באַזע. עמעס, זי פאָרט מיטן וועגעלע דריַי מאָל אַנשטאָט איין מאָל, פונדעסטוועגן קומט עס איר אָן ניט גרינג.

יעליזאַוועטע אַבראַמאָוונע איז געווען אַ באַהאַוונטער מענטש, און זי איז געווען גערעכט, בייס זי האָט געזאָגט: „אין אַזוינע זאַכן איז אַלעמאָל דאָס ערשטע מאָל". כאַנע האָט זיך געפילט ערגער ווי יענע דריַי מאָל. דאַן האָט זי געטרונקען און געגעסן, ווי אַלע מענטשן. איצט האָט זי נאָר געטרונקען... פון אַלץ האָט איר געזיִבלט. זי האָט ניט געקאָנט אַריבערטראָגן דעם רייעך פון די געריכטן, וואָס זי האָט געקאָכט. ניט איין מאָל איז זי אַרויסגעלאָפן פון קיך כאַפּן פרישע לופט. פלוצעם פלעגט אַף איר אָנפאַלן אַזאַ האַרצקלאַפּעניש, אַז זי האָט געשפּירט — אָט שפּרינגט איר אַרויס דאָס האַרץ. טאַקע איבער די רייכעס פון קיך איז כאַנע מיט גרויס כיישעק געפאָרן אַף דער באַזע. עטלעכע מאָל האָט נעכעמיע אונטערגעהאָלפן. איצט איז ער גראָד געווען פאַרנומען, ער האָט געהאַט אַ באַשטעלונג, און ער איז גאַנצע טעג און ביז שפּעט אין אָוונט געזעסן באַם טיש. אַזוי אַז כאַנען האָט ער באַגעגנט, אָבער מער ווי אַף דעם האָט ער קיין צייַט ניט געהאַט. אין די זונטיקן פלעגט נעכעמיע זי אָפּריַיסן פון דער שטוב־אַרבעט, און זי פלעגט עטלעכע שאָ זיַין מיט די קינדער אַף דער פרישער לופט. ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז דער קינסטלער־פאַריין האָט געגעבן נעכעמיען אַ פּוטיאָווקע אַף צוויי וואָכן, און ער איז אַוועקגעפאָרן אין אַ ביַישטאָטישן שעפערישן אָפּרו־הויז.

איינעם אַ פרימאָרגן איז כאַנע פּאַמעלעך געגאַנגען באַם סאַמע טראָטואַר, די שטריק פון וועגעלע האָט זי אַרומגעדרייט אַרום דער האַנט, קעדיי דאָס וועגעלע מיט די פּראָדוקטן זאָל גיין גליַיכמעסיק און זיך ניט גליטשן אַף אַלע פיר רעדעלעך, בייס די גאַס גייט אַ ביסעלע באַרג־אַראָפּ. אַ גאַנצן פרימאָרגן האָט זיך כאַנע געפילט ניט גוט, אירע אַלע גלידער זיַינען געווען ווי מיט בליַי אָנגעגאָסן. אין קאָפּ האָט איר אַ ביסעלע געשווינדלט, נאָר פאָרנדיק צו דער באַזע, האָט זי זיך צעשטרייט און ס'איז ווי גרינגער געוואָרן. איצט, פאָרנדיק צוריק, האָט זי פלוצעם דערפילט אַ ווייטעק אין קרייץ. מיט די לעצטע קויכעס האָט כאַנע דער־שלעפּט די פּראָדוקטן צום הויף פון קינדערגאָרטן. אין הויף האָט איר שוין קיין קויעך ניט געקלעקט אַריַינצושלעפּן דאָס וועגעלע, אַ קעלט האָט זי דורכגענומען, און אין דער זעלבער צייַט האָט עפּעס פריַי און הייס אַ פלייץ געטאָן פון איר, און זי איז אומגעפאַלן.

■

כאַנע איז צו־זיך געקומען אין שפּיטאָל, און זי האָט ניט געפרעגט, „ווו בין איך", זי האָט זיך גליַיך דערמאָנט, וואָס מיט איר האָט געטראָפן. די פאַלאַטע־שוועסטער האָט דערזען, אַז כאַנע פּרווט זיך אַ קער טאָן אַף אַ זיַיט, האָט יענע שטרענג געוואָרנט:

— קראַנקע, איך ווייס, אַז ס'איז אײַך ניט באַקוועם, אָבער ליגט רויק, וויַיל ערשט נעכטן איז געווען איַיער אָפּעראַציע.

— וואָס פאַר אַן אָפּעראַציע?

— איר האָט דאָך געהערט, איידער מע האָט אײַך געגעבן דעם שלאָף־טרונק, ווי דער דאָקטער האָט געזאָגט, אַז מע דאַרף אַרויסנעמען בא אײַך דאָס קינד. מיט איין וואָרט, אַלץ איז אין אָרדענונג, ליגט רויִק, אַז ניט, קאָן זײַן אַ בלוט־שטורץ.

פון דער שוועסטערס ווערטער איז אַרײַנגעדרונגען אין כאַנעס גלידער אַ קאַלטע פּוסט־קײַט. זי האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צו דער וואַנט, און פּײַנלעכע, הייסע טרערן האָבן אַ גאָס געטאָן פון אירע אויגן. די שוועסטער איז ווידער צוגעגאַנגען צו איר:

— קראַנקע, נעמט זיך די מינוט אין די הענט, צעלאָזט זיך ניט, וואָרעם איר קענט אײַנ־גאַנצן פאַרשפּאָרן געזונט צו ווערן.

כאַנע האָט אופגעהערט צו וויינען, און אַף וויפל זי איז געווען בעקוועם, האָט זי פּונ־דעסטוועגן אָפּגעענטפערט דער שוועסטער:

— ס'וואָלט געווען גלײַכער, איר זאָלט האָבן צו טאָן מיט געזונטע, זיי וואָלטן אײַך געענטפערט מיט קעגנזײַטיקער ליבע.

לאַנג האָט כאַנע ניט געקאָנט טראַכטן וועגן דער שוועסטער. זי האָט געטראַכט וועגן דעם, וואָס מיט איר האָט געטראָפן, אָבער מער פון אַלץ האָט זי געטראַכט וועגן די קינדער: „ס'האָט געדאַרפט טרעפן מיט מיר אַזאַ אומגליק, קעדיי איך זאָל פאַרשטיין, ווי פאַריאָסעמט מײַנע קינדער וועלן בלײַבן אָן מיר".

...און די קינדער?

די קינדער האָבן ניט אופגעהערט צו פרעגן בא די דערציִערס און בא יעליזאַוועטע אַבראַמאָוונען: „ווו איז אונדזער מאַמע? פאַרוואָס איז זי נעכטן און נאָכאַמאָל נעכטן ניט געקומען צו אונדז, אונדזער מאַמע?"

— כ'האָב אײַך דאָך געזאָגט, אַז די מאַמע איז קראַנק. זי וועט נאָר געזונט ווערן, וועט זי קומען צו אײַך.

— מיר ווילן זען, ווי זי איז קראַנק, — האָבן אַלע דרײַ מיטאַמאָל געזאָגט.

— איר ווייסט דאָך, אַז מע טאָר אין שפּיטאָל ניט גיין.

— מיר וועלן זאָגן דעם דאָקטער, אַז מיר זײַנען אויך קראַנק, — האָט די קלענסטע גע־פונען אָן אײַצע.

אַפן זעקסטן טאָג נאָך דער אָפּעראַציע האָט יעליזאַוועטע אַבראַמאָוונע געפּויעלט באַם הויפּט־דאָקטער, ער זאָל איר דערלויבן צו ברענגען די קינדער אין שפּיטאָל. ווי נאָר די טיר האָט זיך געעפנט, קוים האָבן די קינדער פאַרשטאַנען, אַף וואָס פאַר אַ בעטל זייער מאַמע ליגט, האָבן זיי זיך אַוועקגעריסן פון דער פאַרוואַלטערקע און זײַנען צוגעפאַלן צו כאַנען. זיי זײַנען זיך פאַרגאַנגען אין אַזאַ ביטער געוויין, אַז די קראַנקע און אַפילע די שוועסטער, וועלכע איז שטענדיק געווען האַרב און ניכטער, האָבן געוויינט ניט ווינציקער פון כאַנען. דער דאָקטער האָט דערהערט דעם יאָמער, איז ער צוגעגאַנגען צו די קינדער און האָט קלוי־מערשט פאַרוווּנדערט געזאָגט:

— דאָס ערשטע מאָל זע איך אַזעלכע קינדער, וואָס האָבן ניט ליב זייער מאַמען.

די קינדער האָבן נאָך העכער געגומען וויינען. דאַן האָט דער דאָקטער מיט גוטן און מיט בייזן זיי אײַנגערעדט, אַז ער האָט עפּעס פאַר זיי אין קאַבינעט. ער האָט זיי טאַקע געגעבן מאַנפּאַסיע, און אַז זיי האָבן שוין געהאַט עפּעס אין מויל, האָט ער ערשט געקאָנט זיי אײַנ־שמועסן, אַז אויב זיי וועלן וויינען, וועט ער מער אַהער קיינעם ניט אַרײַנלאָזן.

בײַס יעליזאַוועטע אַבראַמאָוונע איז אַוועקגעגאַנגען מיט די קינדער, האָט דער דאָקטער ערשט גוט אויסגעמוסערט כאַנען. זי האָט זיך אופגעגעסן, וואָס זי איז אײַנגעגאַנגען אַף דעם, אַז נעכעמיע זאָל אוועקפאָרן אין אָפּרו־הויז.

אַף מאָרגן איז געקומען פרידע און האָט דערציילט:

— איך בין געגאַנגען צו יאַקאָוון זיך דערוויסן נעכעמיעס אַדרעס. איך האָב אים געשיקט אַ טעלעגראַמע. פאַריינס האָב איך אים געזאָגט, אין וואָס פאַר אַ שפּיטאָל איר ליגט. זיי זײַנען געווען בא אײַך?

— דערווײַל ניט. זיי דאַרפן מיך אַזוי, ווי אַ פּראָש אַ שירעם. צווייטנס, בין איך גאָר ניט אַזוי איינזאַם. אײַער מאַמע קומט אַלע טאָג, איר קומט. יעוודאָקיִע האָט מיר נעכטן געבראַכט אַ פלעשל מילך, עטלעכע טרוקענע בייגל, אַזוי, אַז איך קאָן זיך באַגיין אָן יאַקאָוון מיט זײַן בראָניסלאַווע.

■

פון טאָג צו טאָג האָט כאַנע זיך געפילט בעסער. זי איז שוין צוביסלעך אַרומגעגאַנגען, זי האָט געפּרוּווט ריידן מיטן דאָקטער וועגן אַרויסשרײַבן, נאָר ער האָט זיך געמאַכט ניט־

הערנדיק. כאַנע האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ער פירט זיך אַזוי, אָבער אַ סיבה איז געווען. יעליזאַוועטע אַבראַמאָוונע האָט זיך דורכגערעדט מיטן דאָקטער, זי האָט אים דערציילט כאַנעס לאַגע און האָט געפּועלט בא אים, ער זאָל זיך ניט אײַלן מיטן אויסשרײַבן. פאַרשטייט זיך, אַז יעליזאַוועטע אַבראַמאָוונע האָט עס ניט דערציילט כאַנען, אַקוראַט ווי זי האָט איר קיין וואָרט ניט געזאָגט וועגן דעם, אַז אַף זונטיק נעמט זי די קינדער צו זיך, זי באָדט זיי און טוט אַלץ, וואָס מע דאַרף.

אַנומלטן נאָך מיטיק איז כאַנע געזעסן אַף איר געלעגער און געלייענט „כאָלסטאָמער". כאָטש די דערציילונג האָט זי זייער פאַרכאַפּט, האָט זי ניט געקאָנט ניט באַמערקן, אַז דאָ קומט עפּעס פאָר. ס'איז דורכגעלאָפן די שוועסטער, דערנאָך איין ניאַניע און די אַנדערע, מיטאַמאָל איז דער דאָקטער אויך דורכגעלאָפן די פּאַלאַטע, דערנאָך איז שטיל געוואָרן און די ניאַניע האָט געבראַכט אָוונט־ברויט.

— וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ טומל נאָך מיטיק? — האָט כאַנע געפרעגט בא דער ניאַניע.

— אַ טומל? ס'איז שוין געווען איינמאָל אַ מײַסע. עס איז געקומען איינער אַ יונגערמאַן צו זײַן ווײַב, נעמט די ניאַניע פון דער דריטער פּאַלאַטע און זאָגט אים אָן אַ גוטע בסורע, אַז זײַן ווײַב איז געשטאָרבן. אַז ער טוט עס אַ פאַל אין כאַלאַשעס, מע האָט אים קוים אָפּגע־מינטערט, ער ליגט נאָך איצט אויך אין אופנאַם־קאַבינעט. איך בין אַרײַנגעגאַנגען אַ קוק טאָן אַף אים, ס'איז אַזאַ ראַכמאָנעס, אַז איך קאָן אײַך גאָרניט זאָגן.

— פון וואָס איז געשטאָרבן זײַן ווײַב?

— איך ווייס ניט, איך אַרבעט דאָך ניט אין יענער פּאַלאַטע. אָבער דאָס ווײַב איז גאָר־ניט געשטאָרבן. דער דאָקטער האָט געגעבן דער ניאַניע, וועלכע האָט עס אַרויסגעליאַפּעט, יענעם ביילעק!

כאַנע האָט זיך ווידער פאַרטיפט אין לייענען. אין אַ ווײַלינקע אַרום האָט זי פאַרמאַכט דאָס בוך, אָבער אַלץ איז געשטאַנען פאַר אירע אויגן. זי האָט געדענקט יעדער וואָרט פון דער דערציילונג, מאַמעש געזען אַלץ פאַר די אויגן. זי האָט פּלוצעם אַ טראַכט געטאָן: „מיך וואָלט מען אויך אָוועקגעשלעפּט, ווען איך וואָלט געווען אַ פערד, בייס איך בין אומגעפאַלן". און באַלד האָט זיך שוין ווידער געדרייט אין איר מויעך דאָס קעסיידערדיקע: „וואָלט איך גפאָלגט יעליזאַוועטע אַבראַמאָוונען און ניט געשלעפּט די פּראָדוקטן, וואָלט דער אומגליק ניט געטראָפן". אָט אַזוי קרײַזן די געדאַנקען, קרײַזן אָן אַ סאָף, און כאַנע בלײַבט ליגן אַ פאַרכושטע. וויאַזוי די טיר פון פּאַלאַטע האָט זיך געעפנט, האָט זי ניט געהערט, אָבער זי האָט גלײַך דערהערט, ווי די קראַנקנשוועסטער האָט הויך אויסגערופן:

— כאַווערטע פײַנבערג, צו אײַך איז מען געקומען.

נאָר דער שוועסטערס אויסרוף איז לאַכלוטן געווען איבעריק, ווײַל נעכעמיע איז שוין געשטאַנען לעבן כאַנעס בעט.

— ווי פילסטו זיך, ווי פילסטו זיך? — האָט ער געפרעגט.

— איך פיל זיך ניט שלעכט. וואָס ביסטו אַזוי בלייך?

די קראַנקנשוועסטער איז צוגעגאַנגען און האָט געוואָרנט:

— דאָ זאָלט איר זיך גוט האַלטן. פריִער האָרעוועט דאָס ווײַב אין שטוב און אַף דער אַרבעט ווי אַן אָקס! און דער געטרײַער לײַבלעכער מאַן מאַכט זיך ניט־זעענדיק. דערנאָך וואָרט ער ווייך, ווי פּוטער, גיסט טרערן, מאַכט אַ כאַלאַשעס מער ווי אַף אַ שאַ, דער דאָך הייבט זיך אין שפּיטאָל.

— יעקאַטערינאַ פּאַוולאָוונאַ, איר זעט דאָך, ער האַלט זיך זייער גוט, — און צו אים: — אָט שטייט אַ שטול, זעץ זיך. וואָס איז געשען?

— אַ קלייניקײַט, מע האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביסט געשטאָרבן.

— דו זעסט דאָך, אַז איך לעב. זעץ זיך. פונוואַנען האָסטו זיך דערוווּסט, וואָס מיט מיר האָט געטראָפן? דו האָסט געקראָגן פרידעס טעלעגראַמע?

— די טעלעגראַמע בלאָנדזשעט ערגעץ, מיסטאַמע. פרידע אַליין איז געקומען. איצטער פאַרשטיי איך גאָרניט, ווי איך האָב געקענט אַוועקפאָרן. מיט די אייגענע הענט...

ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר כאַנע האָט אים איבערגעשלאָגן:

— איך בעט דיך, האָב ראַכמאָנעס. וואָס איז די פּולע, מיט אייגענע הענט, צי מיט פרעמדע הענט. ס'איז ניטאָ וואָס צו כאַלעשן און ס'איז ניטאָ וואָס צו וויינען. וויש אויס די טרערן. מעגסט זײַן זיכער, אַז איך האָב שוין געוויינט פאַר דיר אויך. רוק צו דעם שטול. וואָס זיצסטו פונדערווײַטן? איך זע עפּעס, אַז זיי לויפן, זיי טומלען, נאָר פרעג מיך בעכיירעס. ערשט דערנאָך האָט מיר די ניאַניע דערציילט, אַז איינער אַ יונגערמאַן איז געפאַלן כאַלאַ־שעס, ווײַל מע האָט אים געזאָגט, אַז דאָס ווײַב איז געשטאָרבן.

— ביסט גערעכט, ס'איז טאקע קיין פולע ניט. מאָרגן פאָר איך זוכן א דירע. דאָס איז איצט דאָס סאמע וויכטיקסטע. דו וועסט מער ניט דארפן ארבעטן, ס'הייסט דו וועסט האָבן א סאך ארבעט, אָבער ניט אין קיין אנשטאלט.

דוכט זיך, אזוי ווינציק צײַט איז נעכעמיע געווען אין פאלאטע, און די דעזשורנע שוועס־טער הייסט אים שוין גיין פונדאנען.

■

נאָך נעכעמיעס אוועקגיין איז אַף א ווײַלינקע געקומען יעליזאַוועטע אבראַמאָוונע. זי האָט זיך זייער פארוווּנדערט, וואָס כאנע האָט בא איר געבעטן עטלעכע בייגעלעך פּאַפּיר.

— איר דארפט אָנשרײַבן א בריוו, וועל איך אײַך ברענגען א קאָנווערט אויך.

— א דאנק, קיין קאָנווערט דארף מען ניט. איך וויל פּראָסט עפּעס פארשרײַבן, — האָט כאנע אויסגעמײַדט א קלאָרן ענטפער.

כאָטש כאנע איז געווען זייער צוגעבונדן צו יעליזאַוועטע אבראַמאָוונען, האָט זי איצט געוואָלט, אז יענע זאָל גיכער אוועקגיין, ווײַל זי האָט די גאנצע צײַט געהאַט א געפיל, אז איר איז נייטיק עפּעס גרינטלעך באטראכטן. און טאקע, ווי נאָר יעליזאַוועטע אבראַמאָוונע איז אוועקגעגאנגען, האָט כאנע דערזען א בילד פון איר ווײַטער קינדהײַט. „ס'איז א ווינטערדי־קער שאַבעסנאכטס. אפן טיש שטייט א גרויסע שיסל מיט אַפּגעקאָכטער בולבע אין מונ־דירן, אין א צווייטער שיסל שטייט זויער קרויט, אף א גרויסן פּאָרצעלײַענעם טעלער ליגן געבאקענע הערינג, ארום טיש זיצן עטלעכע שכיינים, עטל כײַקל דעם גלעזערס האָט שוין איר כיילעק אופגעגעסן, זי שטייט לעבן אויוון און וואַרעמט זיך. קיינער זעט ניט, אָבער כאנע זעט זייער גוט, ווי עטל האָט אופגעהויבן דאָס אייבערשטע קלייד און שטייט אזוי, קעדיי עס זאָל איר זײַן וואַרעמער. אפאָנעם, אז די באָבע האָט אויך געזען דאָס, וואָס דאָס אייניקל זעט, און האָט זיך צעבייזערט: „טרייפער ביין, מאזיק, וואָס האָסטו צו קוקן, ווו מע דאַרף ניט!" דאָס אלץ איז אזוי אויסדריקלעך־בוילעט געשטאנען פאר כאנעס אויגן, אז זי האָט זיך אזש צעשמייכלט, נאָר אין א ווײַלע ארום האָט כאנע שוין געטראכט: „פארוואָס זאָגט נעכעמיע „דו דאַרפסט דאָס ניט", בייס איך האָב אים געזאָגט, אז כ'וויל עפּעס פארשרײַבן. ער האָט עס ניט געדאַרפט זאָגן, דאָס איז ניט גוט, כ'קאָן ניט פארשטיין זײַן מיין דערבײַ, אָבער פאָלגן וועל איך אים ניט..." — האָט כאנע באשלאָסן.

ווי נעכעמיע האָט כאנען צוגעזאָגט, אזוי האָט ער געטאָן. ער איז אוועקגעפאָרן קיין אודעלנע, און עס האָט אים אַפּגעגליקט: ער האָט לאנג ניט געדאַרפט זוכן. ניט ווײַט פונעם וואָקזאל אין א זײַטיקער גאס האָט ער געדונגען צוויי צימערן מיט א באזונדער ארײַנגאנג. די צימערן זײַנען געווען ליכטיקע, ניט קיין קליינע, און מער פון די צימערן איז נעכעמיע געווען צופרידן פון דער באלעבאָסטע. פונעם ערשטן קוק איז זי אים געפעלן געוואָרן. ערשטנס, האָט זי גערעדט ייִדיש בעסער פון אים; צווייטנס, האָט זי גלײַך בא אים געפרעגט:

— ווען פאָרט איר אריבער?

— גלײַך ווי מע וועט אויסשרײַבן מײַן ווײַב פון שפּיטאָל.

— פארוואָס האָט איר מיר גלײַך ניט געזאָגט, אז אײַער ווײַב איז קראנק?

— כ'האָב געטראכט, אז דאָס איז ניט וויכטיק צו זאָגן.

— וואָס איר האָט געטראכט, ווייס איך ניט, אָבער קיין אדערוף וועל איך בא אײַך ניט נעמען. זײַט אזוי גוט, לייגט ארײַן דאָס געלט צוריק אין קעשענע. איך מאַך מיט אײַך אַפּ אזוי: ביזן פינפטן מײַ איז געבליבן א וואָך. הייסט עס, אז אין א וואָך ארום קומט איר צו פאָרן מיר זאָגן, צי איר דאַרפט די דירע, צי ניט? אויב איר זאָגט מיר גאָרניט, וועל איך פארדינגען די צימערן, ווײַל דאטשניקעס פעלן ניט, די טיר מאכט זיך ניט צו. נאָר אזוווי איר דאַרפט די דירע אף ווינטער אויך, וועל איך אף אײַך וואַרטן.

— פארוואָס נעמט איר דאָס געלט ניט?

— זײַט ספּאָקוינע, בא ווענען ס'איז טײַער געלט, בא מיר — א וואָרט.

פון אודעלנע איז נעכעמיע געפאָרן צו כאנען, און כאָטש עס איז געווען ניט קיין טאָג פון באזוכן די קראנקע, האָט אים די שוועסטער ארײַנגעלאָזט. און פאָרגעוואָרפן:

— גייט שוין, גייט ארײַן, וואָס זאָל איך מיט אײַך טאָן. איר קאָנט נאָך ווידער מאכן א כאלאָשעס.

נעכעמיע האָט זיך געמאכט ניט־הערנדיק, האָט א שפּאַן געטאָן צו כאנעס בעט און אָנגעזאָגט:

— כאנוקל, ביסט א באלעבאָסטע פון צוויי צימערן.

— ווײַט פֿון מאָסקווע?

— ניין, ניין, ניט ווײַט פֿון מאָסקווע און ניט ווײַט פֿון וואָקזאַל, און בײדע צימערן האָבן טירן, וועל איך קענען זיצן און ארבעטן, ווי א גראַף.

— נו, אַז דו וועסט זײַן א גראַף, וועל איך זײַן א גראַפֿיניע. דער דאָקטער האָט מיר הײַנט געזאָגט, אַז אָנהייב קומענדיקע וואָך שרײַבט מען מיך אויס.

— אויב אַזוי, פֿאַר איך מאָרגן אין אודעלנע, זאָל די באַלעבאָסטע צוגרייטן די צימערן,— האָט נעכעמיע געזאָגט צו כאַנען, און ער איז אוועקגעגאַנגען.

געקומען צו ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטשן, האָט ער אים דערציילט וואָס און ווען, און יענער האָט אַף אים געקוקט און פֿון צײַט צו צײַט געזאָגט: „טאַק, טאַק, טאַק". ער האָט ארויסבאַגלייט נעכעמיען און גערעדט ווי מיט זיך אַליין:

— איך בין געווען בא יאַקאָוון. ניט ער און ניט זײַן ווײַב האָבן קיין וואָרט ניט געזאָגט, אַז כאַנא דאַווידאָוונא איז קראַנק. דאָס איז ניט פֿאַרשטענדלעך.— און מיטאַמאָל האָט ער א פֿרעג געטאָן:— געלט דאַרפֿט איר?

— ניין, א דאַנק.

— דערלאַנגט א מעלדונג אין „מאָסך"[1], אַז איר זײַט געבליבן מאַמעש אפֿן גאַס. דאָס איז דאָך טאַקע אַזוי.

— יאָ, כ'וועל דאָס טאָן.

— יאַקאָוו אָדער זײַן ווײַב האָבן באַזוכט כאַנע דאַווידאָוונען אין שפּיטאָל?

— קיינמאָל ניט. אָבער כאַנע דאַווידאָוונע איז ניט געווען איינזאַם.

ערשט איצט, ווען נעכעמיע האָט געזאָגט די ווערטער: „כאַנע דאַווידאָוונע איז ניט געווען איינזאַם", האָט ער אין דער פֿולער מאָס פֿאַרשטאַנען, וואָס יעליזאַוועטע אבראַמאָוונע און פֿרידע האָבן פֿאַר אים געטאָן. בייס ער האָט אין א פּאָר טעג ארום געטראָפֿן יעליזאַוועטע אבראַמאָוונען אין כאַנעס פּאַלאַטע און ער האָט איר דערציילט, אַז ער האָט געדונגען א דירע, האָט זי מיט א געפֿאַלן קאָל געזאָגט:

— די ערשטע צײַט זאָלט איר העלפֿן וויפֿל איר קענט. כאַנע דאַווידאָוונע דאַרף אָפּרוען.

און ווען זי איז מיט אים ארויס פֿון פּאַלאַטע, האָט זי זיך ווידער אומגעקערט צו דעם:

— ס'איז וויכטיק, איר זאָלט ניט זײַן אַזוי זיכער ווי פֿריִער, אַז כאַנע האָט אָן א שיר קויכעס און זי קאָן אַלץ בײַקומען. מע דאַרף זייער אכטונג געבן אַף איר, ווײַל זי געהערט צו די מענטשן, וואָס וויפֿל זיי זאָלן ניט נעמען אַף זיך, דאַכט זיך זיי, אַז עס איז אַלץ ווינציק.

— א דאַנק, יעליזאַוועטע אבראַמאָוונע, איך וועל דאָס אין זינען האָבן.

— אין זינען האָבן איז ווינציק. וואָס איר קאָנט אַליין ניט, זאָגט מיר און מײַן פֿרידען, מיר וועלן אײַך העלפֿן. איר וועט מיר אנטשולדיקן, נאָר מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איר פֿאַרשטייט ניט אינגאַנצן כאַנען. זי האָט מיר אנומלטן איבערדערציילט אנדערסענס א מײַסעלע מיט אַזויפֿיל געשמאַק און פֿאַרשטאַנד, אַז דאָס האָט מיך מער ווי פֿאַרוווּנדערט. דאָס איז דאָך עמעסע פֿייִקײַטן. זי נעמט אוף מיט אַזא פֿרישן אָריגינעלן געפֿיל, איך וועל ניט זײַן פֿאַרוווּנדערט, אויב מיט דער צײַט וועלן זיך בא איר ארויסווײַזן גאָר זעלטענע פֿייִקײַטן.

אײַך האָט זייער אָפּגעגליקט, דאָס טרעפֿט ניט אַזוי אָפֿט,— האָט יעליזאַוועטע אבראַמאָוונע געזאָגט צו נעכעמיען, געזאָגט עס ניט נאָר דערפֿאַר, וואָס זי האָט געוואָלט ווײַזן, אַז זי פֿאַרשטייט מער פֿון אים, זי איז אויסן געווען דערמיט, אַז ער זאָל וויסן, ווי הויך זי שטעלט כאַנען.

■

איצט איז נעכעמיע געווען פֿאַרנומען מיט אײַנאָרדענען די דירע. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז קיין סאַך דײַגעס האָט ער ניט געהאַט. די באַלעבאָסטע האָט געגעבן צוויי בעטן, שטולן, צוויי טישן, אַזוי אַז ער האָט געדאַרפֿט קריגן נאָר דאַטשע־בעטלעך פֿאַר די קינדער און שווין. בייס כאַנע איז ארײַנגעגאַנגען און האָט דערזען דעם צימער, אַפֿילע צוויי־דרײַ נאַרציסן מיט א גרין צווײַגעלע אין א סלאָיִקל, האָט זי אַזש א פּאַטש געטאָן מיט די הענט פֿאַר פֿרייד. אין א פּאָר טעג ארום האָט נעכעמיע געבראַכט די קינדער, און, ענדלעך, זײַנען זיי געוואָרן עמעסע באַלעבאַטים. איין זאַך האָט נעכעמיען א ביסעלע פֿאַרשטערט זײַן פֿרייד. ער האָט געפֿילט, אַז כאַנע איז מיט אים ניט ביזן סאָף אָפֿנהאַרציק, און ער איז געווען גע־רעכט. אַף דעם פּאַפּיר, וואָס יעליזאַוועטע אבראַמאָוונע האָט געבראַכט כאַנען אין שפּיטאָל,

---

[1] מאָסקווער קינסטלער־פֿאַריין.

האָט זי אָנגעשריבן וועגן דעם, ווי איר באָבע פֿלעגט שאַבייסענאַכטס מעכאַבעד זײַן די שכיינע ווינטער מיט בולבע אין מונדירן און מיט זויער קרויט, זומער מיט קאַלטן שטשאַוו. זי האָט עס אָנגעשריבן פּונקט אַזוי, ווי דאָס בילד איז אַנטשטאַנען פֿאַר אירע אויגן. און איינמאָל, בײַס נעכעמיע איז ניט געווען אין שטוב און ס׳איז גראָד געקומען פרידע, האָט כאַנע פֿאַרגעלייענט דאָס, וואָס זי האָט אָנגעשריבן. פרידע האָט געלאַכט און געלויבט. אָבער נעכעמיע האָט אַ היפּשע צײַט ניט געוווּסט וועגן דעם.

יעליזאַוועטע אַבראַמאָוונע האָט כאַנע איצט גערופֿן פּראָסט לייע, און ס׳האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז לייע רעדט גאַנץ פֿײַן ייִדיש, אַ סך בעסער, ווי נעכעמיע האָט גערעדט מיט אַ קורצער צײַט צוריק. כאַנע האָט אָנגעשריבן נאָך אַ קליינינקע דערציילונג וועגן דעם, ווי זי האָט זיך געלערנט בײַ שמועל דעם רעבן אין כיידער, און וועגן מיילעכקע סענדערס, וואָס איז געזעסן לעבן איר און ניט אָנגעהויבן צו גערענקען קיין איין וואָרט פֿון כומעש; און וויאַזוי זי, כאַנע, פֿלעגט אים אונטערזאָגן, דערפֿאַר פֿלעגט איר מיילעכקע אַלע פֿרײַטיק געבן אַ גראָשן. אַזוי האָט זיך בײַ איר אָנגעקליבן צוויי קאָפּעקעס און זי, כאַנע, האָט געקויפֿט בײַ וויכנע דער צוקערניטשקע כאַלווע. געקומען מיט דער זיסקײַט אַהיים, האָט זי זיך באַהאַלטן אַהינטערן האָלץ, געגעסן און געגעסן און דערפֿילט, אַז עס גייט שוין צוריק. דעמלט האָט זי פֿאַרוואָרפֿן דעם רעשט כאַלוואַ צווישן האָלץ און איז אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב. אַרײַנגעגאַנ־גען און דערזען וויכנען, דערפֿילט אַ קעלט אין אַלע גלידער, און ניט אומזיסט, ווײַל דער זיידע האָט געפֿרעגט: „פֿאַר אונדז האָסטו געלאָזט אַ שטיקעלע נאַשערײַ?" די באָבע האָט גאָרנישט געפֿרעגט, זי האָט געגעבן אַ פּאָר גוטע פּעטש. דעריבער האָט כאַנע פֿײַנט כאַלוואַ ביז הײַנטיקן טאָג. דאָס אַלץ האָט זי באַשריבן מיט אַלע פּראָטים, און ווען זי האָט עס איבערגעלייענט לייען, האָט יענע געקײַכט פֿון געלעכטער. דערנאָך האָט לייע געפֿרעגט:

— נעכעמיען האָט איר דאָס געלייענט?

— ער זאָגט, אַז איך דאַרף דאָס ניט.

— וואָס דאַרפֿט איר ניט?

— ער זאָגט, אַז איך דאַרף ניט שרײַבן.

— איר פֿאָלגט אים דאָך ניט.

— איך פֿאָלג ניט און וועל ניט פֿאָלגן!

אַזוי איז טאַקע געווען. אָבער עס זײַנען אַוועק יאָרן, ביז כאַנע האָט אופֿגעהערט צו צערײַסן דאָס, וואָס זי פֿלעגט אָנשרײַבן.

עס האָט זיי שטאַרק אָפּגעגליקט מיט דער באַלעבאָסטע. ראָזאַליע סאָלאָמאָנאָווונע האָט זי בײַ זיי געהייסן. בײַ די קינדער — באָבע רייזע. זי איז טאַקע געווען ווי אַ מאַמע צו כאַנען מיט נעכעמיען און אַ באָבע צו די קינדער. די קינדער האָבן מאַמעש אופֿגעלעבט. ס׳איז אָף זיי אַרויף אַ נײַע הויט, זייער געלעכטער און זייער שפּילן זיך האָט היימלעך געמאַכט אַלץ אַרום און אַרום. כאַנע האָט זיך געוווּנדערט:

— נעכעמיע, איך פֿאַרשטיי ניט, ס׳איז זיי דאָך ניט צו דערקענען. פֿון געבוירן־טאָג אָן זײַנען זיי געווען אין קינדערהיים, און איך האָב ניט אָנגעהויבן צו וויסן, אַז זיי קאָנען זײַן אַזוי פֿריילעך.

כאַנע האָט זיך גוט פֿאַריכט, די לופֿט האָט אויך צוגעהאָלפֿן. אַ ביסל האָבן זיי זיך געערגערט, ווײַל זיי זײַנען געווען זיכער, אַז רייזע וועט אָף די זומערדיקע כאַדאָשים הע־כערן דאָס דירע־געלט, אָבער רייזע האָט קיין וואָרט וועגן דעם ניט געזאָגט, און נעכעמיע מיט כאַנען האָבן געהאַט די פֿולע מעגלעכקײַט צו פֿאַרגלײַכן רייזען מיט יאַקאָווס ווײַב, מיט בראָניסלאַווען, וואָרעם רייזע האָט געטאָן פּונקט פֿאַרקערט, זי פֿלעגט צונויפֿכאַפּן דאָס, וואָס עס האָט זיך איר אויסגעוויזן צו זײַן ניט זייער ריין, בײַס כאַנע איז אין שטוב ניט געווען, און דערנאָך פֿלעגט זי זיך אַרײַנשטעלן מיט אַ היפּש פּעקל אויסגעפּרעסטע ציכלעך, האַנטע־כער, קינדער־זאַכן, און ס׳האָט ניט געהאָלפֿן, וואָס כאַנע האָט יעדער מאָל מאַמעש זיך געבייזערט.

— נו, טאָכטער, וואָס בייזערסטו זיך? ניט צוליב דעם האָב איך זיך געשטעלט צו דער מולטער. כ׳האָב גענומען וואַשן אייגענע זאַכן, האָב איך זיך דערמאָנט אין דײַנע. הײַנט וואָס קומט מיר דערפֿאַר?

האָט זי פֿרײַטיק אינדערפֿרי געבאַקן געבעקס, אַ פּאָר קוילעטשן, האָט זי שוין אויסגע־מאַרקירט, אַז עפּעס זאָל בלײַבן אָף זונטיק, פֿאַר כאַנעס געסט, וואָרעם זונטיק פֿלעגט קומען פרידע מיט דער מאַמען, ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש מיט דער ווײַסער מויז אין דער אייבערשטער קעשענע פֿון רעקל, און רייזעס געבעקס איז טאַקע גוט צוניץ געקומען.

דערווײַל האָט זיך די צײַט גערוקט צו זומער־צו, און אָט איז שוין טאקע טאמוז. אנומלטן האָט נעכעמיע געזאָגט צו כאנען, אז דער קינסטלער־פאריין גיט אים א שעפערישע קאָמאנ־דירונג.

— וואָס הייסט, דו וועסט אוועקפאָרן? — איז כאנע געוואָרן אויסער־זיך.

— טײַערינקע, אלע זומער פאָר איך אוועק. ווען ניט דאָס, ווי וואָלט איך זיך מיט דיר באקענט?

כאנע האָט זיך געמאכט ניט־הערנדיק. זי איז אוועק אין קיך אָנצינדן דעם פרימוס, פאריינס אויסלעשן דעם פארדראָס. „אלע זומער פאָר איך אוועק. אײַ דער זומער איז גאָר אן אנדערער, ווי די פריערדיקע״, — האָט כאנע געטראכט. כאָטש נעכעמיע האָט ניט דער־מאָנט וועגן איר קרענק, האָט ער זייער גוט פארשטאנען, אז מע האָט דאָס געקאָנט אויסמײַדן. ער האָט זיך מאמעש אופגעגעסן, און ניט איין מאָל איז אים געקומען אין זינען: „ווען איך פארלאָז זיך ניט אַף יאקאָוון, ווען איך פאָלג אים ניט, און ווען איך דינג גלײַך א דירע, וואָלט דערצו ניט געקומען״. דאָך איז אים אפילע ניט אײַנגעפאלן, אז דאָס יאָר דארף ער אין ערגעץ ניט פאָרן. כוץ דערוף, איז זיך דאָס לעבן געגאנגען רעגלמעסיק. די קינדער זײַנען געווען געזונט און זאט, כאנע האָט געפירט די באלעבאטישקײַט באדאכט און שפּאָרעוודיק. נעכעמיע איז געווען פול מיט ארבעטס־אימפעט. די באָבע רייזע האָט געהאָלפן מיט וואָס זי האָט געקענט. אָבער א מענטש ווייסט קיינמאָל ניט, וואָס עס שטייט אים פאָר. אין איינעם א טאָג, בײַס כאנע איז געזעסן אפן גאנעק און האָט געלייענט, זײַנען צוגעגאנגען א פרוי מיט א מאנצבל. זיי האָבן גאָרנישט ניט געפרעגט, זײַנען גיך פארבײַגעגאנגען כאנען, זי אפילע א שטויס געטאָן מיטן טשעמאָדאן, און אין א פאָר שאָ ארום האָט כאנע דערהערט קוילעס פון דער באָבע רייזעס צימער ארויס, און זי האָט פארשטאנען, אז עס זײַנען געקומען יאָרשים.

כאנע האָט עס ריכטיק פארשטאנען, זי האָט נאָר ניט געוווּסט, אז זי וועט אין א פאָר טעג ארום דארפן זוכן א דירע. זי האָט געלאָזט די קינדער בא דער באָבע רייזען און איז מיט נעכעמיען צוזאמען אויסגעפאָרן זייער א סאך ערטער פון מאָסקווער בײַשטאָט. זיי האָבן ענדלעך קוים מיט צאָרעס געפונען א קליינעם צימער אין ליובלינאָ. פארשטייט זיך, אז נעכעמיע האָט אָפּגעלייגט זײַן רײַזע. ביז זיי האָבן זיך א ביסעלע אײַנגעאָרדנט, עפּעס גע־קויפט, איז שוין געווען אווגוסט. טאקע דאן איז יאקאָוו געקומען צו זיי און האָט כאנען דערלאנגט א בריוו. כאנע איז געווען זייער פארוווּנדערט, נאָר קוים האָט זי אופגעריסן דעם קאָנווערט און איבערגעלייענט די ערשטע ווערטער, איז איר שוין קלאָר געוואָרן וואָס און ווען. און אָט איז דאָס, וואָס אין בריוו איז געשטאנען: „כאנע־כאנטשע, א גוטמאָרגן אַף דיר, שיינער מענטש! אוועקגעפאָרן און ארויסגעוואָרפן פון הארצן און פון מויעך. ס'וואָלט דיר זייער געפאסט, זאָלסט כריוקען... דו דארפסט זיך ניט וווּנדערן, פונוואנען איך האָב דײַן אדרעס. כעוועד האָט אופגערעאמט דעם צימער, האָט זי געפונען אין דײַן געלעגער א פּאָסטן קאָנווערט מיטן מאָסקווער אדרעס. דעם עמעס געזאָגט, האָב איך זייער געוואָרט, דו זאָלסט ארײַנשיקן א צוויי ווערטער. און איך האָב אָפּט געטראכט: כאסענע געהאט און פארגעסן דעם זיי־געזונט. צי געדענקסטו כאָטש, מיט וואָס פאר א כיישעק דו פלעגסט אופעסן די אוגערקע אין גאָרטן! אזוי פארגעסן. פײַן, שענער קאָן גאָר ניט זײַן! עס דארף דיר זײַן קלאָר, ווי באָב־יויך, אז איך וואָלט דיר אויך ניט געשריבן, אָבער נויט ברעכט אײַזן. צו וועמען זאָל איך ריידן? וועמען האָב איך? זאָג שוין אליין, וועמען?.. דארפסט וויסן זײַן, אז ס'איז שוין אויס קאָמונע. גלײַך ווי מיר זײַנען געוואָרן קאָלווירטניקעס, זײַנען היפש קאָמו־נארן אוועקגעפאָרן. די, וועלכע זײַנען געבליבן, האָבן האסטיק פון האסטיקער זיך גענומען פאָרן, וואָרעם ווער עס האָט קיין זיוועג ניט געהאט, דעם האָט די פראוולעניע פון קאָלווירט קיין קו ניט געגעבן. כ'האָב דערהערט אזא זאך, זאָג איך, אז איך וויל אויך א בעהיימע, אויב ניט קיין געקעלבטע, איז כאָטש א קעלביקע, אויב ניט קיין קעלביקע, זאָל זײַן א טע־לעצע. מאכט צו מיר דער פאָרזיצער פון קאָלווירט: „כײַע, ווילסט א בעהיימע, נעם א מאַן!״ קורץ גערעדט, איך האָב גוט געלאכט, נאָר אז איך האָב דערזען, וואָס פאר א שידוכים מע טוט, האָב איך געלאכט נאָך מער. עפראַים האָט כאסענע געהאט מיט זעלדקען, אײַזיק האָט כאסענע געהאט מיט כעוועדן, מיט דײַן שכיינע. שימקע קאָגיוך האָט כאסענע געהאט מיט מינען, געדענקסט, אָט די, וואָס האָט געארבעט אין קינדערהיים. פארשטייסטו אליין, אז ווי־באלד איך האָב ניט געוואָלט קיין מאַן, בין איך געבליבן אָן א בעהיימע. דעריבער בעט איך בא דיר, דערוויס זיך, צי איז טאקע עמעס, צי מע בויט אין מאָסקווע א זאוואָד, וועלכער רופט זיך „שאריקאָפּאָדשיפּניק״. פאראכטאָגן האָב איך אוועקגעפירט גרינס קיין סאקי, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אָנפּאָיען די אָקסן אין טעמעש באם ברונעם. איך זע, אין איין שטוב איז

פארקלאַפּט די טירן מיט די פענצטער, אין נאָך אַ שטוב, אין אַ דריטער שטוב אויך אַזוי. פרעג איך באַ אַ פּויערטע, וואָס איז צוגעגאַנגען צום ברונעם: וואָס טוט זיך דאָ? דערציילט זי מיר, אַז איינער האָט געקראָגן אַ בריוו פון זײַן פּלעמעניק פון מאָסקווע, מע קאָן דאָרטן גוט פאַרדינען, שרײַבט דער פּלעמעניק. אַרבעט איז דאָ איבערן קאָפּ, און אַז ער אַרבעט טאַקע באַם בויען דעם גרויסן זאַוואָד. און אַז דעם, וואָס האָט געשריבן דעם בריוו, רופט מען, דוכט זיך, מאַקאַר. אַז ער האָט גוט געקײַט די ערד, ביז ער האָט געקראָגן אַרבעט אין עפּעס אַ קיך, נאָר איצטער וווינט ער אין אַ באַראַק, מיט מענטשן גלײַך. האָט מאַקאַרס פעטער איבערגעלאָזט האַק־און־פּאַק, פאַרקלאַפּט די טירן מיט די פענצטער און הײַדאַ — קיין מאָסקווע. אַנדערע האָבן דערזען אַזאַ זאַך, האָט מען אויך אַזוי געטאָן. וואָלסט איצטער טעמעש ניט דערקענט. אַ פּוסטעניש. בעט איך דיך זייער, כאַנע, שרײַב מיר גלײַך אָן וועגן דערויף, איך וואָלט דיך אַפילו געבעטן, דו זאָלסט זיך דערוויסן דעם אַדרעס, ווו עס בויט זיך דער דאָזיקער „שאַריקאָפּאָדשיפּניק", וועל איך פאַרפאָרן גלײַך אַהין, ווײַל איך זע דאָך, אַז דו האָסט פאַר פינף כאַדאָשים ניט געפונען קיין שאַ אָנצושרײַבן עטלעכע ווערטער. האָב איך דיך ניט וואָס צו באַלעסטיקן. זײַ געזונט, פונדעסטוועגן געדענק איך דיך און איך האָב דיך ליב. כײַע פונעם גרינוואַרג".

כאַנע האָט פאַרגעלייענט דעם בריוו, ווײַל פרידע און לייע זײַנען דאָ גראָד געווען. מע האָט געלאַכט, דערנאָך האָט פרידע אומעטיק געפרעגט:

— וואָס וועט זײַן מיט די דערפער? ווער וועט זייען און שנײַדן, אויב די פּויערים לויפן זיך פאַנאַנדער?

— ווער עס לויפט, און ווער עס בלײַבט אויף אָן אָרט, — האָט נעכעמיע געטרייסט.

אינגיכן איז נעכעמיע טאַקע אוועקגעפאָרן אין אַ שפּעפערישער קאָמאַנדירונג. באַם געזעגענען זיך האָט ער געזען, אַז עס וואָלט גלײַכער געווען, ווען ער פאָרט ניט, וואָרעם כאַנע האָט אים קוים אַ קוש געטאָן, מיט געכאַלעשטע ליפּן. געקומען אין שטוב, האָט כאַנע דער־פילט, אַז עס איז גאָר ניט אַזוי שרעקלעך, וואָס נעכעמיע איז אוועקגעפאָרן, און אין די קומענדיקע טעג האָט זי שוין געוווּסט וואָס צו טאָן. די נעכט זײַנען נאָך געווען ניט אַזוי לאַנג, און ווי נאָר ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָט שוין כאַנע געשריבן. געשריבן, געריסן, ווי־דער געשריבן און ווידער געריסן. אָבער פּלוצעם האָט זי אָנגעשריבן וועגן אַ שוואַרצער הון, „ווי די דאָזיקע הון, די מאַרשאַס, פלעגט אַרײַנלויפן אין שטוב, ווי די באָבע פלעגט זי נעמען יאָגן און יענע פלעגט אַרויף אויפן טיש, גראָד דאַן, ווען די באָבע האָט געזיפּט מעל, וואָלקנס האָבן זיך געהויבן ביז דער סטעליע. דערנאָך איז די הון פאַרפאַלן געוואָרן, די באָבע האָט געזוכט און געזוכט און אין ערגעץ זי ניט געפונען. אַנומלטן האָט די באָבע געדאַרפט עפּעס אויפן בוידעם. אין אַן אַלטן קופערטל האָבן אירע הענט זיך אָנגעשטויסן אויף דער הון. זי האָט צעקרעלט דער באָבעס הענט און איז ווי אַ מעשוגענע אַרויסגעפלויגן פון קופערטל. אויפן דעק פון קופערטל האָט די באָבע אָנגעטאַפּט וואַרעמע פּלעשלעך, שפּולקעס פון פאָדעם און נאָך שמאַטעס. האָט זי פאַרשטאַנען, פון וואָס די הון האָט געוואָלט אויסבריִען הינדעלעך. האָט זי דאָס אַלץ אַרויסגעשלײַדערט פון קופערטל, געבראַכט אָנדערהאַלבן צענדליק אייער, אוועק־געלייגט אויפן אָרט פון די פּלעשלעך און די אַנדערע שמאַטעס, און ס'איז געווען אַזוי ווי די באָבע האָט געוואָלט. די מאַרשאַס האָט אויסגעבריט פופצן הינדעלעך..." אָט דאָס האָט כאַנע ניט צעריסן. שרײַבן איז געווען ניט די גרעסטע צאָרע כאַנעס, זי אַליין האָט אָפט געטראַכט: „מײַן צאָרע איז, וואָס לייענען האָב איך נאָך ליבער, ווי שרײַבן". עס האָט אָפט געטראָפן, זי זיצט און שרײַבט, מיטאַמאָל, זי געדענקט ניט וויאַזוי, האַלט זי שוין אַ בוך אין די הענט. און אוועקלייגן אים קאָן זי שוין ניט. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז זי פלעגט פון זיך באַ־האַלטן די ביכער. אָבער, פונדעסטוועגן, האָט זי געלייענט זייער אַ סאַך. און אַקוראַט ווי ס'האָבן זי געגירט שאָלעם־אַליייכעם און פּערעץ, אָפּאַטאָשו און ווײַסנבערג, האָפּשטיין און האַלקין, אַקוראַט אַזוי פלעגן זי ביז טרערן רירן טשעכאָוו און טאָלסטאָי, סערוואַנטעס און דיקענס. „האַישאַ מאַראַס כאַנע" איז געווען איינע פון אירע באַליבטע פּערסאָנאַזשן. בייס אַנדריי באָלקאָנסקי איז געשטאָרבן, האָט כאַנע געקלאָגט, ווי מע באַקלאָגט אַ לײַבלעכן מענטשן. בייס זי האָט געלייענט באַ דיקענס, ווי דייוויד קאָפּערפילד דערציילט, „אַז אין ערגעץ וואַקסט ניט אַזאַ גרין גראָז, ווי דאָס גראָז אויף דעם בעסוילעם, ווו מײַן טאַטע ליגט אין אייביקער רו", פלעגט איר פאַרקוועטשן דאָס האַרץ, און נעכעמיע האָט עס געזען לויט איר און געכויזעקט:

— כאַנוקל, וואָס פאַר אַן אומגליק האָט געטראָפן אין דער קלאַסישער ליטעראַטור?

— אין דער קלאַסישער ליטעראַטור טרעפן אומגליקן דערפאַר, ווײַל דאָס טרעפט מיט

אונדז און מיט אַלעמען! — פּלעגט כאַנע זייער ערנסט ענטפֿערן. און צוגעבן: — מיט וואָס איז דער „פּאָטער גאָריאָ״ גליקלעכער פֿון „טעוויע דעם מילכיקן״?

נעכעמיע האָט נעמלעך פֿאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף מער ניט זאָגן, בייס כאַנע זיצט און שרײַבט: „לייג זיך, סײַווי וועט זיך גאָרנישט ניט באַקומען״. אָפּט, ווען ער האָט זיך אופגעכאַפּט, האָט ער געזען, ווי כאַנע זיצט באַם טיש, און ער האָט זיך געמאַכט שלאָפֿנדיק. וואָס ווײַטער, האָט זיך זײַן זאָרג וועגן איר געמערט. איצטער האָט ער אָפּטער ווי פֿריִער געזאָגט: „עס עפּעס״. אַף באַנאַכט פּלעגט ער אַפֿן טיש אוועקשטעלן אַ גלאָז מילך, אַ שטיקל ברויט אָדער אַ ציגעלע צוקער. נאָך דער קאָמאַנדירונג איז ער אָפּט געפֿאָרן אין שטאָט מיט די אַרבעטן, וואָס ער האָט געבראַכט, אָפּגערעדט דערפֿון, אַז כאַנע האָט יעדער בויגן, יעדער געמעל באַטראַכט ניט איין מאָל. אָבער אין שטאָט נעכטיקן איז ער קיינמאָל ניט געבליבן, אָפּט געקומען מיטן לעצטן צוג, אָנגעקלאַפּט אין פֿענצטער צוויי מאָל. צוגעפֿלעטשט דאָס פּאָנעם צו דער שויב, שטייט ער אַזוי פֿון יענער זײַט, כאַנע פֿון דער זײַט, אין צימער. זיי שמייכלען אַ ווײַלעטשקע איינער צום אַנדערן, און כאַנע גייט האַסטיק עפֿענען די טיר. פֿון ליובלינאָ האָבן זיי אַריבערגעוואַנדערט קיין צאַריצינאָ, פֿון צאַריצינאָ קיין פּערלאָווקע, און אומעטום איז כאַנע געווען אַן אויסגערעכנטע, שפּאָרעוודיקע באַלעבאָסטע, און, ווי דאָס פֿאַרדינסט האָט נאָכגעלאָזט, אַזוי האָט זי געפֿירט די באַלעבאַטישקײַט. נאָר אַזאַ באַלעבאָסטע, ווי רייזע, האָבן זיי מער ניט געהאַט. און ווו זיי זײַנען ניט געווען, איז רייזע צו זיי געקומען, אַלעמאָל עפּעס געבראַכט, אָפּט גענומען די קינדער מיט זיך, אָבער זי האָט זיך זייער געעלטערט, נאָר זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט.

— כאָטש איך בין אַ שכיינע בײַ מײַן זון, בין איך נאָך מיט גאָטס הילף אַ באַלעבאָסטע אין מײַן אייגענעם צימער.

פֿון די קאַרגע ווערטער רייזעס האָבן כאַנע מיט נעכעמיען גוט פֿאַרשטאַנען, וואָס פֿאַר אַ זון רייזע האָט.

■

ערשט אין 1937 האָט דער קינסטלער־פֿאַריין געגעבן נעכעמיען אַ דירע. אינעם סאָף פֿונעם זעלביקן יאָר האָט כאַנע געבוירן אַ זון.

ווערק פון אונדזערע לייענער

דיכטונג

וועלוול ווערניק

(קיִעוו)

דער רויטער שטערן

ס'האָט מײַן טאַטע דער קירזשנער
פון רויטן געוואַנט
א שטערנדל מיר אויסגעשניטן,
דאָס שטערנדל האָט ער אליין מיט זײַן האַנט
מיר צוגענייט פלינק צו דעם היטל.
אַף שליאַכן פון לעבן, ווו כ'האָב נאָר
געשפּאַנט,
ווו ס'האָט מיך מײַן גורל געטראָפן,

דער שטערן דער רויטער — דער סימבאָל
פון לאַנד
איז שטענדיק דעם וועג מיר פאַרלאָפן.
און שפּעטער מיט יאָרן, אין הייליקן קריג
פאַרטיליקט מיר האָבן דעם סוינע.
א שטערן א רויטער — און אָרדען פון זיג
געוואָרן איז מײַן שטאָלצע באַלוינונג.

דער הערב פון מײַן היימלאַנד

איך רים אים, פון היימלאַנד פון מײַנעם דעם הערב,
באַקרוינט מיטן האַמער, באַקרוינט מיטן סערפּ.
מיט פאָנען מיט פּופּצן באַצירט ער מײַן לאַנד —
דעם בונד פון די פעלקער פון גרויסן פאַרבאַנד.

די שטראַלן פון אונדזער סאָוועטישן הערב
באַלײַכטן, באַשײַנען די גאַנצענע ערד.
דער הערב פון מײַן לאַנד, ווי די שענסטע מאַטאָנע,
שײַנט ווי א צירונג אַף אונדזער לעוואָנע.
דער הערב, א שאַליִעך פון קאָסמישער ערע,
העלט אַף פּלאַנעטעס פון מאַרס און ווענערע.

באַם יאַם

די זון האָט געוויגט זיך אין הימלשן וויגל,
געקוקט פון דער הייך אינעם יאַמישן שפּיגל.
האָט פּלוצעם דער הימל צעעפנט די טירן —
אין יאַם אויסגעגאָסן די הימל־קאָלירן.
דאָס וואַסער אין יאַם איז געוואָרן דאַן בלוי,
עס האָט זיך צעמישט מיטן הימלשן טוי.

מאַניע מיניעוויטש
(גאָרקי)

דערמאָנונג

אין קינדהייט כ׳האָב אָפט פון מײַן טאַטן געהערט:
— ציט אונטער דעם רימען, ס׳ווערט טײַערער
האָבער!
דער איקער געווען אין מישפּאָכע דאָס פערד,
דאָס פערד האָט געמוזט זײַן אי זאַט, אי ניט מאָגער.
דאָס פערד האָט געאַקערט, דאָס פערד האָט געזייט,
אין יאָזדעס אין ווײַטע געפירט באַלעבאַטים,
עס האָט אונדז געשפּײַזט און באַשוכט און
באַקליידט.
געציטערט עס האָט איבער אים אונדזער טאַטע.
נאָר מיר איז געפעלן דאָס פערד, ווען ס׳האָט פרײַ
פון לאַסט, פונעם שווער אָנגעלאָדענעם וואָגן,
געלאָזן די שטעטלשע הײַזקעס פאַרבײַ
און מיך, א פאַרשײַטס, איבער לאָנקעס געטראָגן.
אָן צוים און אָן זאָטל! די באָרוועסע פיס,
ווי קלינגענדע שפּאָרן, דעם פערד אין די זײַטן.
די הריווע — א פאָן! איך בין זיכער, געוויס
געפלאַטערט זי האָט ווי א פאָן פונדערווײַטן...

י. טאַבאַקמאַכער
(ביראָבידזשאַן)

א „קאָראַקטער" כאָווער

— אזא באַגעגעניש! כ׳האָב לאַנג געוואַרט אף איר!
מײַן ליבער פרײַנט, קום שוין אהיים צו מיר.
שוין פופצן יאָר אוועק, זיך פאָרשטעלן איז שווער.
איך האָב געהערט, דו ביסט אַן אינזשעניער...
מײַן פאַך עס איז מוזיק, אין דעם איז מײַן טאַלאַנט,
דו זעסט, אָט הענגט דער פידל אף דער וואַנט.
א רעגע וואַרט, איך נעם מײַן אינסטרומענט.
דו הערסט? ס׳איז שובערטס קלאַסישער „מאָמענט"...

דער פידלער שפּילט, זײַן פּאָנעם שײַנט פון גליק,
דער כאָווער הערט זיך אײַן אין זײַן מוזיק.

— איך האָב געשפּילט אין מאָסקווע גלאַזונאָוון,
פאַר מיר א גליקלעכער געווען איז יענער אָוונט.

דער פידלער פאָרגעזעצט זײַן שפּילן האָט נאָך לאַנג,
און ניט געלאָזט דעם גאַסט אַרויסלאָזן א קלאַנג.

— טשײַקאָווסקין כ׳לייג דיר פאַר און נאָכדעם רובינשטיינען,
אָגינסקיס פּאָלאָנעז מעלאָדישן און שיינעם...

דער גאַסט האָט מיטן פוס די טיר געטאָן א שטויס
און איז אין דרויסן, פונקט ווי פון געפענקעניש, אַרויס.

בראָניע סינעלניקאָווע

(מאָסקווע)

דער קאַוון

אהיים האָט די מאמע א קאַוון געבראַכט,
און קוים אים דערטראָגן זי האָט פונעם מאַרק.

א בײַכיקער־גרויסער, און שווער אף דער וואָג,
ס׳וועט ליגן דער קאַוון און וואַרטן א טאָג,

ביז קומען די מאמע וועט פון דער קאָנטאָר,—
וועט צײַען דער טאָג זיך פאר מיר, ווי א יאָר.

דאן האָב איך דעם קאַוון באַקוקט און באַטראַכט
און האָב פונעם שופלאָד א מעסער געבראַכט.

א מעסער א כאַלעף, סײַ גרויס און סײַ שאַרף,
נו, פינקטלעך אזא מין, ווי איך האָב באַדאַרפט.

דעם קאַוון איך שנײַד, פונקט ווי כאַלע, ווי ברויט,
אָך, שמעקט ער געשמאַק, ער איז זאַפטיק און רויט.

די קערעלעך שוואַרצע, ווי שטיקעלעך קויל,
דער קאַוון צעגייט זיך אליין אינעם מויל.

איך האָב ניט געקאַרגט אים, געגעסן ביז זאַט —
שוין לאַנג כ׳האָב האַנאָע אזוי ניט געהאַט.

פון גרויס פאַרגעניגן איך האָב מינאַסטאַמע
פאַרגעסן א ריפּטעלע לאָזן דער מאמע.

דער שאָפער

זעסט, עס וואַקסט א נײַער מויער,
ס׳איז מײַן ברודער דאָרט א בויער.
און מײַן טאַטע — א שאָפער,
פירט ער ציגל אָט אהער.

זייער פיל איז שוין אופגעטאָן
אין דעם נײַעם שטאָט־ראַיאָן.

גרין דאָס גראָז בא יעדן הויז,
און דאָס הויז איז הויך און גרויס.

דאַרף איך שוין אצינד ניט קלערן
אף זיך אויסקלײַבן א פאַך,
כ׳האָב באַשטימט א שאָפער ווערן,
אַרבעט איז פאַראַן א סאַך.

זאלמען מינקין

(דאָנעצק)

דער אינוואַליד

באַם מאַרק, אין גרינעם בײַדל,
עס זיצט אַן אינוואַליד.
פון אַרבעטן אָן אופהער
די הענט ניט ווערן מיד.

ער קלאַפּט געניט די פּלעקלעך,
און אָט — דער שוך איז גרייט.
מע קוקט אַף אים מיט כידעש,
מע וווּנדערט זיך אָן רייד.

בײַס סטאַלינגראַדער שטורעם
די פיס געלאָזט אין שלאַכט.
איצט זיצט ער, קלאַפּט די פּלעקלעך
אין בײַדל לעם דעם מאַרק.

ער אַרבעט אַלץ געשווינדער,
די אַרבעט מאַמעש ברענט.
פון ביידע פיס דער קויעך
איז איצט אין זײַנע הענט.

אַרן זײַטשיק

(אָרענבורג)

מעסושעלעכס היטל

מעסושעלעך, ווי באַוווּסט,
געלעבט האָט קנאַפּע טויזנט יאָר.
אַן עמעס צי אַ ליגן —
אַזוי־אָ שטייט געשריבן.
איז קלאָר, אַז דאָר נאָך דאָר
האָט זיך צעוואַקסן זײַן געזינד.
פון יעדן קינד,
פון יעדן זון און שנור
געהאַט ער האָט אַ סאַך אור־אור־
אור־אייניקלעך באַ טויזנט אָדער מער:
איינס גייט אַהין, איינס גייט אַהער,
האַקלאַל, אַ גאַנצן טאָג פון פרי ביז שפּעט
עס ציט זיך אַ שטאַפּעט נאָך אַ שטאַפּעט:
דאָ עמעץ איז געשטאָרבן, דאָרט — געבאָרן,
דעם כעזשבן האָט ער שוין פאַרלאָרן!
און שטאַרקער דאַרף מען זײַן פון אײַזן,
קעדיי זיך אומעטום און צו דער צײַט באַווײַזן.
און נאָך: צו יעדער סימכע און צו יעדן בראָך
זיך אָנטאָן דאַרף ער — שאַבעסדיק צי וואָך?
נאָר פאַמעלעך
האָט אונדזער מעסושעלעך
צוגעטראַכט דערצו אַ מיטל —
אַ היטל
פון צוויי פאַרקערטע טיילן אופגענייט —
סײַ אַף טרויער, סײַ אַף פרייד.
לינקס און רעכטס:
העל — אַף גוטס, און שוואַרץ — אַף שלעכטס.
און ס'גילט פון דעמלט אָן דער בײַט,
צוגעפּאַסט צו יעדער צײַט.
און אָט אַזוי עס גייט זיך:
מע דאַרף אַף רעכטס, מע דאַרף אַף
לינקס — עס דרייט זיך!
דער צופאַסלער, דער פּשאָרע־מאַן — ס'אַ זאַך...
איר זאָגט, ער איז אַ קלוגער?
נאָר סייכל דאַרף מען האָבן דען אַ סאַך
צו זײַן אַ פליוגער?

פּראָזע

מוישע מאַנדעל

(טשערנאָוויץ)

צוליב שאָלעם=באַיס

דײַנט איז זונטיק. דער טאָג ווײַזט אויס צו זײַן א שיינער, אזוי האָט אויך צוגעזאָגט די ראַדיאָ, כאָטש זי האָט איבערגעלאָזט אן אָרט פאר „אין אייניקע ערטער וועלן דורכגיין שלאַקסרעגנס”, אָבער געוויס ניט אונדז מיינט מען.

אין דרויסן איז טאקע א מעכײַע. ערשט ניט לאנג האָבן זיך, עמעס, אָנגעטראָגן שווארצע שטיקלעך כמארעס און אף א מינוט א הוליע געטאָן: זיך אָנגעדונערט, אָנגעבליצט, ווי לעכויזעק א שפּײַ געטאָן אף דער דאָרשטיקער ערד מיט עטלעכע קריגלעך רעגנוואסער און זיך פאנאנדערגעלאָפן הענדעם־פּענדעם, ווער וווּהין — פּרווּוט כאַפּט אונדז. דערווײַל שײַנט שוין ווידער די זון, סע בליאסקען די רעגנטראָפּנס אף די אויסגעצוואָגענע בלעטער און גראָזן, אפן מוטנעם הימל האָט זיך עכט באַלעבאַטיש אויסגעצויגן דער פילקאָלירנדיקער רעגנבויגן און קווועלט פון פארגעניגן. דער הימל איז שוין ווידער ריין, דער רעגן — גלײַך ווי ניט געוועען.

איך דערפיל מיך ייִנגער אף א פּאָר צענדליק יאָר און באשליס זיך דורכפּאָרן צוגאסט צו די „פּיליפּינער אייזלען”. ווייסט איר, אפּאָנעם, ניט, ווער זיי זײַנען, די „פּיליפּינער אייזלען”? וועל איך אײַך דערציילן.

...ארל איז געשטאנען בא דער געאָגראַפישער קארטע, געשטאנען, נעבעך, אין געהאקטע ווונדן און זיך געבעטן בא אונדז מיט די אויגן ראַכמים, מע זאָל אים ראַטעווען, אונטערזאָגן כאָטש א פּאָר ווערטער. באלד זײַנען די פּאָדערשטע פּארטעס געקומען אין באוועגונג און גענומען אים פלײַסיק „ראַטעווען”. דאָס האָט אים אָבער שלעכט געהאָלפן — אָנשטאָט „פּיליפּינער אינדזלען” האָבן זײַנע אָנגעשפּיצטע אויערן אופגעכאַפּט „פּיליפּינער אייזלען”.

דער לערער האָט א ביטערן שמייכל געטאָן:

— גיב נאָכאמאָל א טראַכט, דערמאָן זיך, עפּשער גאָר פּיליפּינער אָקסן?

— ניין, פּיליפּינער אייזלען, — איז ארל אײַנגעשטאנען אף זײַנעם.

פון דעמלט אָן טאקע האָט זיך צו ארלען צוגעקלעפּט דער צונאָמען „פּיליפּינער אייזלען”. איצט וווינען מיר נאָענט איינער פון צווייטן, אינגאנצן א שאָ פאָרן מיטן אווטאָבוס.

ס'וואָלט גאָרניט געשאט, — טראַכט איך בא זיך, — מיטנעמען מיט זיך אין דער נעסיִע מײַן שאָכן בערקען, וועט ניט זײַן אזוי לאַנגווײַליק דער וועג. דער שטענדיק באַרויִגעזער אף דער וועלט בערקע וועט מיר פיל פריילעכער ניט מאכן, אָבער פּאָרט א מיטשמועסער.

לעכאַטכילע וויל בערקע אפילע ניט זען און ניט הערן:

— צו קיין אייזלען פּאָר איך ניט, זאָל זײַן אפילע פּיליפּינער.

ווען איך מאך אים אָבער קלאָר דעם איניען, נעמט ער אופמערקזאם באטראַכטן דעם הימלרוים, ער גלייבט ניט דעם הימל מיט זײַן אָפּנארנדיקער בלויקײַט, דאָס קלוימערשט מילד ווינטעלע וועט נאָך באַווײַזן וואָס עס קאָן, עס וועט נאָך אראָפּברענגען יענעם גוסרעגן, און ער, בערקע, האָט קנאפּן כיישעק צו בלײַבן שטעקן בא די „פּיליפּינער אייזלען”. ער גלייבט אויך ניט דער ראַדיאָ מיט אירע פּראָגנאָזן, און ער טײַטשט זיי אויס פּונקט פארקערט. קומט מיר טאקע אָן גוט שווער, ביז איך פּעקל ארײַן דעם גרויסן סקעפּטיקער אין אווטאָבוס ארײַן.

אין אווטאָבוס זעצט זיך בערקע אנידער גרינג אפן שפּיץ באנק, דאָס הייסט, אז איך בין נאָך מיט אים ניט פארטיק, ער קאָן נאָך כאַראָטע האָבן.

בישכיינעס מיט מיר זיצט א גוואר — ווײַזט אויס, פון די בארג־אײַנוווינער, הוצולן. איך פאַרפיר מיט אים א פרײַנטלעכן שמועס.

— בא אונדז, — זאָגט ער, — אַף די בארגרוקנס, וועט איר קיין ראכוועסדיקע ווייצנפעלדער, ווי דאָ בא אײַך, ניט טרעפן, דערפאַר אָבער זײַנען פאַראַן בא אונדז א סאך שאָף. נאָר מע דאַרף זיך גוט אָנהאָרעווען ארום זיי...

— פאַרשטייט זיך, שאָף איז ניט קיין ציגן, — פּרוּוו איך ארויסווײַזן מײַנע פונדאמענטאלע יעדיִעס אין הילכעס שאָף, — שערן שעפּעלעך דאַרף מען קענען...

— געוויס, — באשטעטיקט ער, — איר מעגט זען, וואָס פאַר א גרויסער יאָמטעוו ס'איז בא אונדז, ווען מיר באגלייטן ארויס די טשאבאנען מיט די טשערעדעס אין וועג ארײַן. מיר כאַפּן דעמלט א גוטן הוליע.

— און ווען זיי קערן זיך אום בעשאָלעם אהיים, איז נאָך א גרעסערער יאָמטעוו, — זעץ איך פאָר ארויסווײַזן מײַנע טיפע יעדיִעס.

— ריכטיק, — באשטעטיקט ער ווײַטער, — הײַנט מעגט איר זען, וואָס פאַר א פּרעכטיקע נאטור איז בא אונדז. ניט אומזיסט רופט מען אונדזער קאַנט „די בלום פון אוקראַיִנע”.

דער שמועס געדויערט אָבער ניט לאנג, גיך געזעגנט זיך אָפּ דער הוצול מיט אונדז און שטײַגט אראָפּ פונעם אווטאָבוס. בערקע קערעוועט זיך אויס צו מיר און שמייכלט כיטרעוואטע פון הינטער דיברילן. ער פרעגט מיט איראָניע:

— אויב, יאנקל, דו ביסט טאקע אזא באָקי אין הילכעס שאָף, זאָג זשע מיר, זײַ מויכל, וועלכן טאַם פאַרמאָגט שאָפּענע מילך?

שאָפּענע מילך! שאָפּענעם קעז האָב איך אפילע געגעסן, אָבער שאָפּענע מילך אין לעבן ניט געזען. אָבער מע דאַרף האַלטן פאַסאָן.

— שאָפּענע מילך, — באַק איך אָפּ א טערעץ אפן אָרט, ניט לאנג געטראכט, — האָט דעם טאַם פון געוויינלעכער ציגן־מילך, נאָר א בייסעלע צוגערייכערט.

— ביסט א שאקרען ערשטער סאָרט. ניט אומזיסט האָט דיר צוריק מיט יאָרן ביילקע געגעבן דעם וועג. זי האָט באַלד דערקענט, מיט וועמען זי האָט צו טאָן. ווייסט, וואָס נאָך איך וועל דיר זאָגן? ער איז ניט קיין הוצול.

— ווער דען איז ער, א פלאָקנשיסער? — ווער איך שוין א ביסל אין כּאַס.

— עפשער, נאָר קיין הוצול געוויס ניט. הוצולן טראָגן ניט קיין וועליורעווע שליאפּעס מיט געקווייטלטע שניפּסן, זיי טראָגן פּראָסטע שליאפּקעס מיט פּעדערן.

הערן דערווידערונגען פון בערקען איז בא מיר ניט קיין נײַס, דערפאַר נעם איך זיך ניט אונטער אים לייענען א לעקציע וועגן לעבן און שטייגער פון די הײַנטצײַטיקע הוצולן, נאָר פאַרן „שטאָך” מיט ביילקען ווילט זיך מיר בעפּיירעש אים גוט ארײַנזאָגן. אָבער ווער איז דאָס ארײַן אין אווטאָבוס? דאָס איז, דוכט זיך, ארקעס בעניאָכיד. ער גייט טאקע צו גלײַך צו מיר, גיט מיר די האנט און זעצט זיך צו נאָענט לעבן מיר.

— איר פאָרט עפשער צו אונדז? — פרעגט ער.

— יאָ, צו אײַך. און פונוואנען פאָרט עס א יונגערמאַן, אויב ס'איז קיין סאָד ניט?

— געוועזן צוגאסט באַם ווײַב.

דאָס לאָזט זיך א ביסל ניט פאַרשטיין, און איך זוך א פּיירעש בא בערקען:

— בערקע, ביסט דאָך עפּעס אַן אלטער נויעף, גיב מיר צו פאַרשטיין די נײַע מאָדע. אין א רוטאָג פאָרט מען צוגאסט צום ווײַב, און וואָס טוט מען מיט די איבעריקע וואָכיקע טעג? — און איך ענטפער אליין פאַר אים. — אין דעם וואַריִאַנט שטעקט א קלוגע לאָגיק: וואָס זעלטענער מע זעט זיך, אלץ שטארקער און לאנגדויערנדיקער איז די ליבע, מע עסט זיך ניט אײַן איינער דעם צווייטן.

באַם באָכער ווערן די אויגן טרויעריק:

— איר לאכט, דיאַדיע יאשע, און איך גיי שוין ארום א שטיק צײַט ווי א דולער. עס איז א כאַרפּע צו דערציילן. דער מאַמען מיט דער באָבען געפעלט ניט דער שידעך, עס שטייט זיי ניט אָן, וואָס ליובע איז א פּאָשעטע ארבעטערן, אָן הויכער בילדונג, זיי ווילן זי ניט וויסן און ניט קענען. מיר לעבן באַזונדער: זי — אין א צוזאמענוווינונג, און איך אין דער היים...

— נו און דער טאַטע דײַנער, דער דירעקטאָר, וואָס זאָגט ער?

— ער איז דאַפקע אַף מײַן זײַט, נאָר איר ווייסט דאָך די ווערט פון זײַן דייע אין שטוב.

— ווילד, ווילד, א ביזאָיען פאַר לײַטן, נאָר בא די „פיליפּינער אייזלען” קאָן זיך אַזוינס פאַרלויפן. ווי געפעלט דיר, בערקע, אזא נארישע געשיכטע? מעגסט זיך שוין, גאַריק, פאַרלאָזן אַף אונדז, מיר וועלן שוין מאכן אָרדענונג. דו, בערקע, וועסט זיך פאַרנעמען מיט דער באָבען, און איך מיט דער מוטער. מאַסקים?

בערקע וויל אפילע ניט הערן.

— כאַס־וועכאָלילע, אָן מיר. מיש מיך ניט ארײַן אין פרעמדע געשעפטן, — טוט ער א מאַך מיט דער האנט. — איך שטעל זיך פאָר, ווי דו וועסט שוין דאָרט האַקן א טשײַניק, שיטן מיט שקאָרים, ווי דו קענסט, און דערצו נאָך מיך שטעלן פאַר אַן איידעס. איך וואָרן דיך: מיך ניט ארײַנמישן, אַף מיר ניט אויסרעכענען.

— אָבער, בערקע טײַערער, צוליב שאָלעמבאַיִס מעג מען דאָך א ביסל פאַנטאַזירן.

— לאָז מיך צורו, מיך טשעפּע ניט.

ניין איז ניין.

...אין שטוב טרעפן מיר די מישפּאָכע זיצן ארום טיש בא אַן ערנסטן שמועס, וואָס האָט זיך מיט אונדזער ארײַנקומען שנעל איבערגעריסן. די טראָפּנס שווייס, וואָס גלאנצן בא ארקען אפן שטערן, און דער קעמפערישער אויסזען פון דעם ווײַב און שוויגער זאָגן איי־

דעס וועגן דער הייסער דיסקוסיע, וואָס האָט דאָ נאָרוואָס געפלאקערט.

אונדזער ארײַנקומען און דאָס באגריסן זיך אף הויכע טענער מאכט א ביסל לינדער די אָנגעשטרענגטע אטמאָספער. די „פיליפּינער אייזלען", וואָס האָבן טכילעס אויסגעזען מיד און שווער געאָטעמט, הייבן אָן אָפּגיין, קומען צו־זיך און נעמען שיטן מיט ווערטלעך און אנעקדאָטן. איך, פארשטייט זיך, שטעל פאָר די באלעבאטים מײַן בעסטן פרײַנט באָריס אלעק־סאנדראָוויטשן (בערקע פאריכט — „אבראמאָ־וויטש"), פארגעס ניט אויסרעכענען זײַנע גרויס־סע מײַלעס און פארדינסטן, פאר וואָס בערקע איז מיך מעכאבעד מיט א בעקאָוועדיקן שטויס אין דיך.

ווען מיר זיצן שוין באם געגרייטן טיש און שלינגען געלאסן די געשמאקע מײַכאָלים נאָך די גלעזלעך מאשקע, וואָס האָבן אונדז ווויל צעווארעמט, פאָר איך ארויס מיט א געמאכטן רויגעז:

— ווי שעמט איר זיך ניט, אזא אלטן גוטנ־פרײַנט, ווי איך, ניט געבן צו וויסן, אז איר מאכט כאסענע גאריקן...

בא די באלעבאטים ווערן רויט די פּענעמער, און נאָך א קורצער פארלעגנהײַט באקומט ארקע דאָס לאָשן:

— אוי, יאָשע, ווען דו ווייסט, וואָס פאר אומזיסטע, נארישע צאָרעס מיר לעבן איבער די לעצטע צײַט, וויפל געזונט עס קאָסט שוין אונדז אָפּ די געשיכטע מיט גאריקס „כאסענע"...

— וואָס זשע, מע האָט אײַך דעם נאדן אָנ־געזעצט? — מאך איך זיך טאמעוואטע.

— נארישקײַטן, ווער רעדט הײַנטיקע יאָרן פון נאדן. סאָניען און דער שוויגער גייט ניט אונטער דער שידעך. איך האָב זיך שוין אזוי פארמוטשעט, די שטוב איז מאמעש פאר־וואנדלט אין א געהענעם.

— דו, דו אליין ביסט שולדיק אין דעם גאנצן אומגליק! — שרײַט אויס די אופּגעבראכטע די־רעקטאָרשע. — ווען דו זאָגסט פון דעם ערשטן טאָג „ניין", וואָלט גאריק ניט געסמייעט אונדז אונטערטראָגן אזא ווילדע מאטאָנע.

גאריק, דערפילנדיק, אז עס הייבט זיך שוין אָן ווידער א מאכלויקעס, רוקט זיך פאמעלעך ארויס אין צווייטן צימער.

נאָך א קורצער פּאוזע זעצט פאָר די באלע־באָסטע:

— אזא גאריק, אזא גאָלדענער גאריק וואָלט ניט געקאָנט נעמען א מיידל מיט הויכער ביל־דונג און טאקע פון א פײַנער שטוב? קארג אזעלכע מיידלעך פאראן אין שטאָט? פארוואָס קומט אונדז לײַדן אזא ביזאָיען? — דאָ פאלט זי ווידער אָן אף די „פיליפּינער אייזלען". — אז א מענטש זאָל טאָג און נאכט אין זינען האָבן נאָר די ארבעט, די פאבריק, און וואָס אין שטוב טוט זיך, גייט אים גאָר ניט אָן.

זי ווישט אָפּ מיטן טיכעלע די אָנגעלאָפּענע טרערן און קוקט מיט האָפענונג אין מײַן זײַט: זי ווארט, ווײַזט אויס, איך זאָל זי אונטער־האלטן.

— איך הער אײַך געדולדיק אויס, — זאָג איך, — נאָר איך פארשטיי ניט, מיט וואָס גע־פעלט אײַך ניט ליובע, וועלכן כיסאָרן האָט איר בא איר געפונען? זי איז עפשער מיִעס ווי דער טויט, אָדער א גרויסער נאר, עפשער ניט קיין באלעבאָסטע?

— וואָס רעדסטו? — גיבן זיך די „פיליפּינער אייזלען" א הייב פונעם בענקל. — זיי האָבן זי אפילע אין די אויגן ניט געזען.

— דאן פארשטיי איך גאָרניט, כאָטש האקט מיך און בראָקט מיך.

— ניטאָ וואָס צו זען, — שטאמלט ארויס די באָבע, — ער איז ארײַנגעפאלן, דער טאכשיט אונדזערער, אין אן עמעסער בלאָטע.

— דער רועך האָט אראָפּגעבראכט אהערצו דאָס דאָזיקע גליק פון ערגעץ א דעראזשנע, — כאפּט אונטער די באלעבאָסטע, — די מאמע אירע איז דאָרט אן אופראמערן אין א שול, און זי אליין איז א פּאָשעטע ארבעטערן אף דער פאבריק, פארמאָגט אפילע ניט קיין צען קלאסן. נישטאָ מיט וועמען גיין צום טיש.

— ווערדליק מיר איז באוווּסט, — זאָג איך געלאסן, — איז אויך גאריק קיינמאָל קיין גרויס־סער לאמדן ניט געווען, איר האָט אים קוים דערשלעפּט ביזן אכטן קלאס און נאָכדעם ארי־בערגעפּעקלט אין אן אָוונטשול. ער איז אויך אזא פּאָשעטער ארבעטער, ווי זײַן ווײַבל. גיט זשע מיר, זײַט מויכל, צו פארשטיין, מיט וואָס שטייט העכער אײַער גאריק פון דעם דעראזש־נער מיידל?

— וואָס רעדט איר? — ווערט אזש די באָבע אופגעציטערט. — אלע לערער אין שול פלעגן שטענדיק זאָגן, אז גאריק איז זייער א ספּאָ־סאָבנער, נאָר איין כיסאָרן האָט ער — ער וויל ניט. ווען גאריק וויל נאָר, וואָלט ער שוין איצט געוויס געווען א פּראָפעסאָר. וואָס איז דאָ וואָס צו טײַנען, אונדזער גאריק איז ווערט גרעסערס, און מיר מעגן אויך האָבן שענערע מעכוטאָנים.

— שולדיק זײַנען די רעפעטיציעס, — קרעכצט ארויס די באלעבאָסטע, — דאָרטן האָט זי אים פארדרייט דעם קאָפּ. איך האָב פרי־ער געוווּסט: דאָרט, ווו ס'הייבט זיך אָן מיט טעא־טער, וועט זײַן א שלעכטער סאָף. די ליבע הייבט מען אָן שפּילן אף דער סצענע און מע קאָנטשעט אין דרויסן.

— איך פארשטיי ניט, יאָשע, — ווענדט זיך צו מיר דער באלעבאָס ניט איבעריק דרייסט, — וואָס געפעלט זיי אזוי ניט דער ייִכעס? פאר־וואָס איז מיר יאָ אָנגעשטאנען דער ייִכעס, ווען איך בין באגליקט געוואָרן מיט יוקל דעם שטריקלדרייערס מיזינקע?

— עס געפעלט דיר ניט מײַן ייִכעס? — ווערט אָנגעצונדן די באלעבאָסטע. — ווער האָט דיך געצוווּנגען מיך נעמען?

— ביסט גערעכט, דאָס איז טאקע מײַן דריי־טער פעלער, וואָס איך בין באגאנגען אין לעבן.

— און וועלכע זײַנען די ערשטע צווײ? — איז סאָניע נײַגעריק צו וויסן.

— דער ערשטער פעלער — וואָס איך האָב געדונגען א צימער בא דײַן טאַטן אין שטוב. דאָרטן טאַקע האָב איך געפּאַקט דאָס גרויסע גליק. דער צווייטער פעלער — וואָס איך האָב ניט געפאָלגט מײַן באָבען. „איך דאַרף זי ניט, — האָט זי געשריִען, — זי האָט אפילע ניט קיין זיבן קלאַסן".

דאָס רופט ארויס אן אלגעמיינעם געלעכטער. ווען מיר נעמען שוין נאָך צו גלעזלעך און די שטימונג ווערט א געהויבענע, טרעט איך צו אקטיווער צו מײַן דיפּלאָמאַטישער מיסיע.

— סאָפיע יאַקאָוולעוונע, — זאָג איך, — איז קיין נאַר ניט געווען און האָט געוווּסט, וועלכן העכט ארײַנפּאַקן אין איר נעץ. ווײַזט אויס, אז ליובע איז אויך ווײַט פון א נאַר, אויב זי האָט זיך פארקוקט אף גאַריקן. גאַריק האָט מיר דערציילט, אז ליובע פארמאָגט גאָלדענע הענט, ארבעט אויסגעצייכנט און איז אף דער פאבריק דאָס אייבערשטע פון שטײַסל.

— ריכטיק, — באַשטעטיקט דער באַלע־באָס, — גאַריק זאָגט, אז זי באקומט אָפט פּרע־מיעס און גראַמאָטעס. מע קלײַבט זיך אפילע ארויסרוקן איר קאנדידאַטור פאר א דעפּוטאַט...

— אָט כאַפּט מען זי שוין אויס פאר א דע־פּוטאַט! — בייזערט זיך נאָך אלץ די באָבע.

— פארוואָס ניט? — גיי איך שוין ארײַן אין ראַזש. — מיט וואָס פארדינט זי ניט אזא ערע? איר קאָנט נאָך האָבן צווײ דעפּוטאַטן אין שטוב. נאָר ניט דאָס איז דער איקער, וויכטיק איז דער מענטש אליין. אָט האָט איר א לע־בעדיקן בײַשפּיל. באָריס אלעקסאַנדראָוויטש, — איך ווײַז אָן אף מײַן שאָכן, — איז א געווע־זענער דירעקטאָר פון א גרויסן צוקער־זאַוואָד הינטער קיִעוו. ער פארמאָגט צווײ ווילע זין, אף אלע מײַנע ליבע געזאָגט געוואָרן, איינער אן אינזשעניער, דער צווייטער א שלאָסער.

דאָ כאַפּ איך פון בערקען אונטערן טיש אזא זעץ אין פוס, אז עס גלוסט זיך מיר לאָזן א טרער פון ווייטעק. די סיבע איז קלאָר — ער איז אלע יאָרן א בוכהאלטער און פארמאָגט איין זון — א פארזעסענעם באָכער.

נאָר איך קום צו־זיך און זעץ פאָר:

— דער ערשטער זון האָט כאַסענע געהאַט פאר א דאָקטערשע, און דער צווייטער האָט גענומען א מיידל, וואָס ארבעט אף דער טרי־קאָטאַזש־פאבריק. וואָס זשע מיינט איר? פרעגט בא באָריס אלעקסאַנדראָוויטשן, וועלכע שנור איז לײַטישער און איבערגעגעבענער דעם מאַן? ווער איז מער באַלעבאָסטע אין שטוב? ווער באַציט זיך בעסער צו שווער־און־שוויגער? די דאָקטערשע כאַפּט זיך ארײַן צו זיי אַמאָל אין א יויוול, בלאָזט פון זיך שטענדיק, ווי א אינ־דיק — „איך בין א דאָקטער", הייסט עס, און די שוויגער האָט בא איר קיין אנדער נאָמען ניט, ווי „סטאַרוכאַ".

— איך וואָלט אזא שנור אף דער שוועל ניט געלאָזט, — באַמערקט די דירעקטאָרשע.

— אז בערטע אָסיפּאָוונע, די שוויגער, איז געווען קראַנק, — צעלאָז איך ווײַטער מײַן פאנ־טאַזיע, — איז די ייִנגערע שנור שאָענווײַז אָפּ־געזעסן בא איר בעט, עטלעכע נעכט ניט צו־געמאַכט מיטן אויג און זי באַדינט ווי אן אייגענע טאָכטער. די דאָקטערשע אָבער פלעגט זיך ארײַנכאַפּן אף א ווײַלע, א טאַפּ טאָן אין אײַלעניש איר דויפעק, א שמאַרע טאָן מיט דער נאָז און אוועק צו אלדי רוכעס.

— ווו נעמען זיך אף דער וועלט אזעלכע פארזעניישן? — שטאַמלט ארויס מיט רוגזע די אָנצייניקע באָבע.

— ניט איין מאָל האָט איר באָריס אלעק־סאַנדראָוויטש געוואָלט געבן דעם וועג, ווען בערטע אָסיפּאָוונע זאָל אים ניט אָפּהאלטן. עמעס זאָג איך, באָריס אלעקסאַנדראָוויטש?

בערקע גיט א מין שאָקל מיטן קאָפּ, וואָס קאָן הייסן: אי עמעס, אי א גרויסער ליגן.

— קיין יאסליעס וויל זי ניט, „זיי זײַנען ניט קראַנק, — זאָגט זי, — די שווער־און־שוויגער, זיך ניאַנטשען מיטן אייניקל, וואָס דען האָבן זיי נאָך וואָס צו טאָן?"

— הער נאָר א מין האָזע, ס'איז דאָך מאַמעש א פערעאָדעם! — רופט אויס מיט פארביטערונג די באַלעבאָסטע.

— פירן באַלעבאַטישקײַט אין שטוב האָט זי קיין צײַט ניט, דעם מאַן צווינגט זי וואַשן די דילן, אײַנקויפן אין מארק און אפילע אָפט קאָכן וואַרמעס.

— וואָס הייסט, ס'איז דען מענערישע אר־בעט? איך פארשטיי ניט, עס איז דאָך עפּעס גאָר קיין מענטש ניט, — גיט א פליעסקע מיט די הענט סאָפיע יאַקאָוולעוונע.

„איך האָב, ווײַזט אויס, איבערגעכאַפּט די מאָס, — טראַכט איך, — כ'קאָן נאָך קאַליע מאַכן דאָס גאַנצע געשעפט, מע דאַרף כאַפּן צוריק".

— פארשטייט זיך, אז איר איז אויך ניט גרינג, ארבעט אף אַנדערהאַלבן סטאַווקעס און פארדינט ניט שלעכט, קומט פאַרהאָרעוועט אַהיים.

— וואָס קער זיך אָן? ווער דאַרף איר געלט, אויב זי אליין איז קיין מענטש ניט? — היצט זיך נאָך אלץ די באַלעבאָסטע.

— אָ! דאָס טאַקע וויל איך אײַך אויסברײַען, דאָס וויכטיקסטע איז דער „מענטש". די דאָזי־קע פּאָשעטע, ווי איר זאָגט, ליובע פארמאָגט גוטע, מענטשלעכע מײַלעס, דאָס האָט מיר גאַ־ריק אליין געזאָגט. און אומזיסט טײַנעט איר „הויכע בילדונג".

— וואָס גאַריק קאָן זאָגן...

— גאַריק איז ניט קיין ליגנער. איך מוז אײַך נאָך צוגעבן, וואָס גאַריק האָט מיר געזאָגט: „אויב ס'וועט זיך אזוי פארציִען, גיי איך זיך טרינקען אין טײַך". און דאָס זײַנען איבערגע־געבענע עלטערן?

די „פיליפּינער איינזלען" האָבן אופגעציטערט, בלייך געוואָרן, ווי די וואַנט.

די דירעקטאָרשע האָט א פליעסקע געטאָן

מיט די הענט און אויסגעשריִען ניט מיט איר קאָל:

— גאַריק! ווו ביסטו דאָרט? וואָס איז דאָס פאַר א רייד?

— גאַריקל, וואָס איז דאָס פאַר נארישע שטיק? ווי און ווינד איז מיר, — פאַרגייט זיך די באָבע, — קום נאָר אהער, ווו ביסטו דאָרטן?

גאַריק קומט אַרײַן, וואַרפט אַף מיר, אומבאַמערקט, א מאמזערישן בליק, זעצט זיך אנידער מיט אן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און שווײַגט.

— וואָס שווײַגסטו? — צעשרײַען זיך אַף א קאָל די אונטערגעטרונקענע „פיליפינער אייזלען". — רעד, האָב ניט קיין מוירע. דײַן באָבע, יובעלעכע פון קאַפּצעדריילעווקע — ווי־אזוי הייסט זי דאָרטן, די לאַך — וויל פאַר דיר נאָר א געקאַנטשעטע, ניט אנדערש, אזוי איז זי דערצויגן בא פישעלען דעם וואַסערפירער. און דײַן מאמע טאַנצט איר נאָך... און דו, גאַריק, וואָס זאָגסטו?

— איך האָב שוין מײַנס אָפּגעזאָגט, — ענטפערט דער זון.

— און איר, באָריס אלעקסאנדראָוויטש, וואָס זאָגט איר אַף דער נארישער געשיכטע?

— וואָס איז שײַעך? גאָרניט, פאַרשטייט זיך, ס'איז ניט וויכטיק, נאָר ס'וועט זײַן גוט.

— אָ! אָט דאָס הער איך פון א קלוגן מענטשן, „ס'וועט זײַן גוט"; ס'מוז זײַן גוט. איז אָט וואָס, גאַריק, נעם די פיס אַף די פלייצעס און מאַרש צו דײַן ליובען, ברענג זי אהער צוזאמען מיט די בעבעכעס.

— זאָל די מאמע אויך פאָרן מיט מיר, אנדערש וועט ליובע ניט קומען.

— ריכטיק, די מאמע וועט פאָרן מיט דיר. און איר, שוויגער, עפשער וואָלט איר אויך מיטגעפאָרן?

— ווען גאַריק נעמט א טאַקסי, וואָלט איך אויך געפאָרן.

— אָט ברענג איך באלד א טאַקסי, — גאַריק גיט א שפרונג פונעם בענקל און פליט ארויס פײַל־אויסן־בויגן פון שטוב. סאָניע גייט אוועק זיך איבערטאָן.

אויב אזוי, האָבן מיר שוין דאָ ניט וואָס צו טאָן. בערקע גיט מיר אָנצוהערן, אז עס איז שוין צײַט פאָרן אהיים. מיר געזעגענען זיך אָפּ. אין דרויסן האָט זיך נאָרוואָס אָפּגעטראָגן א לײַכט רעגנדל. די נאָענטע קאַרפּאַטן האָבן אונטערגעשיקט א גוטמוטיק־וואַרעם ווינטעלע. אָבער מײַן בערקען גייט עס אפילע ניט אָן, איך פיל, אז ער איז אופגעבראַכט, רעדט קיין וואָרט ניט אויס. פרעג איך אים:

— וואָס איז דער רוגעז? ביסטו דען ניט צופרידן, וואָס מיר האָבן אזא פאַמיליע־קאָנפליקט דערלייזט?

— ניט מיט אזעלכע מעטאָדן, מיט אזעלכע שקאָרים. אוי איז ביילקע געווען א כאַכאַמע... אוי האָט זי אָפּגעטאָן קלוג. הער א מײַסע, צושרײַבן מיר אזעלכע זאכן, ניט געשטויגן ניט געפלויגן: „א דירעקטאָר פון א צוקער־זאַוואָד, צוויי זין מיט צוויי שנורן!", א מאָשל־קאַפּאָשל.

— איך האָב דאָך דאָס געטאָן צוליב שאָלעם־באַיִס.

— כ'האָב שוין געהערט.

דעם גאנצן וועג שווײַגן מיר, בערקע איז אַף מיר אָנגעבלאָזן. לעבן שטוב זעצן מיר זיך צו א קאַפּעטשקעלע אָפּרוען. אומגעריכט טראָגט זיך אָן אַף בערקען א גרויסע צאָרע. פון שטוב לויפט ארויס זײַן פרוי, א צעשויבערטע, רויט פון קאַס, און נעמט גוואַלדעווען:

— דער רוּעך האָט דיך פאַרטראָגן אַף א גאנצן טאָג אינײינעם מיט די שליסלען פון דער קוואַרטיר, און איך דריי זיך ארום און קאָן ניט אַרײַן אין שטוב!

ווײַטער גייט אוועק א סעדרע קלאָלעס. בערקע איז בלייך, טאַפּט אין דער קעשענע און מורמלט עפּעס ניט־פאַרשטענדלעכס. נאָר וואָס פאַר א באַדײַטונג קאָן האָבן דאָס פּאַכדאַנישע שטאַמלען פון דעם אַף טויט איבערגעשראָקענעם בערקען קעגן די אויסגעשרייען פון זײַן ווײַבעלע, וועלכע איז צוויי מאָל העכער און געזינטער פון אים.

ס'צעשפּילט זיך א נײַע פאַמיליע־דראַמע אין מײַן אָנוועזנהײַט. מעג איך דען פאַרלאָזן בערקען אין אזא אייס־צאָרע? זי וועט דאָך פון אים, נעבעך, מאכן אַש. מוז איך שוין ווײַטער גיין אין קאָן, פּרוּוון אים ארויסראַטעווען פון אזא אָנשיקעניש.

— אנטשולדיקט מיר, בערטע אָסיפּאָוונע, — פאַר איך אַרײַן אינמיטן, — איר ווייסט דען, וואָס מיט אים האָט זיך אָפּגעטאָן? האלעווײַ זאָל זיך דאָס מער ניט טרעפן. ווען איר ווייסט, וואָלט איר אים בעסער פּאַוואָלינקע אַרײַנגעבראַכט אין שטוב, אוועקגעלייגט אין בעט און צוגעדעקט מיט דער קאָלדרע.

— וואָס אזוינס איז געשען? — שטעלט זי אָן אַף מיר גרויסע, איבערגעשראָקענע אויגן.

— געשען איז דאָס, וואָס אינמיטן שפּאַצירן איז אים ניט גוט געוואָרן און ער איז געפאַלן כאַלאָשעס.

— ווי איז מיר, פאַרוואָס האָט איר אים באלד ניט געבראַכט אהיים?

— ווו אהיים, ווער אהיים? „גיכע הילף" האָט אים גלײַך פאַרנומען אין שפּיטאָל, ווו ער איז אָפּגעלעגן ביז איצט. ערשט ניט לאנג האָב איך דעם כאָסנבאָכער געבראַכט אהער. קוים דערגאַנגען. איר זעט דען ניט, ווי ער איז בלייך?

בערקע טוט א טיפן זיפץ — ער כאַפּט זיך גערן אָן פאַר דעם שטרויעלע, וואָס איך האָב אים אונטערגעוואָרפן. בערטע אָסיפּאָוונע בייגט זיך אָן און מיט גרויס ראַכמאָנעס באַטראַכט זי זײַן בלייך געזיכט, גלעט אים דעם פליך אַפן קאָפּ און פרעגט אים שטיל, ווי ער פילט זיך נעבעך איצט.

אָנשטאָט אַן ענטפער זעצט בערקע פאָר קרעכצן. בערטע אָסיפּאָוונע הייבט אים פּאַוואָלינקע אוף פון דער באַנק און פירט אים, צאַרט און פאַרזיכטיק, אוועק אהיים.

בערקע שפּאַנט לאַנגזאַם, קוים וואָס ער שטעלט די טריט.

6—1689

קריטיק

יאנקעוו פליר
(אדעס)

איציק קיפּניס. „אונטערוועגנס״

עס דערמאָנען זיך די יאָרן, ווען ס׳איז דערשינען איציק קיפּניסעס ערשטער בוך „כאַדאָשים און טעג״. דאָס ווערק איז גע־וועזן באַהויכט מיט א וואַרעמען געפיל, מיט אופריכטיקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן אמאָליקן שטעטל און זיין באַשרייבער. אינעם ווערק האָט זיך געפילט אן איינגאַרטי־קער טאַלאַנט מיט אן אינדיווידועלן שרייב־נוסעך. ס׳איז געווען א פילצוזאָגנדיק ווערק פון א באַדייטנדיקן מייסטער.

אין איציק קיפּניסעס „אונטערוועגנס״ („סאָ־וועטיש היימלאַנד״ נומ. 4, 5, 6 פאַרן 1968 יאָר) איז געשילדערט די זעלבע סלאָוועשנע מיט אירע איינוווינער, מיט זייער אַרט לעבן. דאָ זיינען אָבער די געשעענישן געוויזן רעט־ראָספּעקטיוו, מיט צענדליקער יאָרן שפּעטער. און כאָטש אויך דאָ איז פאַרהיט די גאַנצע אומיטלבאַרקייט פונעם העלד, זיין האַרציקייט און אופריכטיקייט, זיין טיפע, אָרגאַנישע פאַר־בינדונג מיטן אַרום, פילט זיך בעכוש, אַז דער שרייבער האָט אין מעשעך פון לאַנגע יאָרן דורכגעמאַכט א היפּשן לעבנס־וועג, אָנגעזאַמלט פיל לעבנס־באַאָבאַכטונגען. דאָס האָט אים באַ־רייכערט, צוגעגעבן קראַפט זיין טאַלאַנט. אין טאָך איז פאַרבליבן זיין פריערדיקע שרייב־מאַניר, ס׳איז איינגעהיט געוואָרן די עכטקייט פון געפיל, דער לעבעדיקער אָטעם פון די וויטע געשעענישן. ביז גאָר רעליעף טרעטן אַרויס די מענטשלעכע איבערלעבונגען פון יענער גרויזאַמער ווירקלעכקייט.

בולעט זיינען געשילדערט אין ווערק די גרוילן פון די פּאָגראָמען. די געשעענישן זיי־נען געוויזן מיט אַזאַ פּינקטלעכקייט, זייער אָפּ־קלייב איז געגעבן מיט אַזאַ באַהאַוּנטקייט און דורכגעטראַכט, אַז פאַר די, וואָס האָבן עס אַליין איבערגעלעבט, שטייען זיי מאַמעש פאַר די אויגן. זיי רופן אַרויס א שלאַל געדאַנקען און געפילן, הייבן אַרויס פון די טיפענישן פור־נעם זיקאָרן פּאַסירונגען, וואָס זיינען מיט דער צייט היפּש אָפּגערוקט געוואָרן אין א זייט. זיי וועלן אָבער קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווערן, אַזוי פאַרקריצט זיינען זיי אינעם גאַנצן וועזן. אַזוי מאָלן איז מעגלעך בלויז דעמלט, ווען דער דערציילער אַליין איז אופגערעגט, אפילע אופ־גערודערט. מיט קיין קאַלטן לונג־און־לעבער קאָן מען עס ניט דערגרייכן. די בילדער וועקן אַסאָציאַציעס און פאַרגלייכן. זיי לאָזן ניט איבער באַם לייענער קיין אָרט פאַר גלייכגילט. פאַרקערט, זיי רופן אַרויס דעם ווילן זיך טיילן מיט איינדרוקן פון יענער צייט. ווער עס האָט איבערגעלעבט אַזעלכע געשעענישן, איז דאַנק־באַר דעם שרייבער.

צוליב זייער אומופהערלעכקייט און קעסיי־דערדיקייט זיינען די פּאָגראָם־שרעקן געוואָרן א שטייגער־דערשיינונג. די געשעענישן האָבן צוגעשמידט צו זיך די אופמערקזאַמקייט פון אַלע שטעטלדיקע איינוווינער. יעדער טאָג האָט געבראַכט פרישע נייעס וועגן אומשולדיק אומ־געקומענע סיי אין שטעטל גופע, סיי אף די ווענן. די געדריקטע שטימונג ווערט איבערגעגע־געבן אין פיל בילדער, וועלכע שאַפן די רעאַל־קייט פון די אומפאַרגעסלעכע טעג:

„די נאַכט וואַרטעוועט מען, און אינדערפרי הערט מען נייעס. א פרימאָרגן אָן נייעס איז גאָר קיין פרימאָרגן ניט. טאָמער האָט זיך גאָרניט געטראָפן אין שטעטל גופע, האָט זיך געמוזט עפּעס טרעפן אין א דאָרף אַרום שטעטל אָדער אף די שליאַכן, צי אין די וועלדער. אָט האָט מען געבראַכט צוויי געהאַרגעטע פון לוטשינ־קער שליאַך: באַרעך דער קלייטניק און עליע פּאַליאַקאָוו״.

אַזעלכע באַשרייבונגען פירן אַריין דעם

לייענער אין דער סאַמע געדיכטעניש פון די געשעענישן. עס קומט אַפּילע אַפּן זינען, אַז די אַנגערופענע פּאַרשוינען זײַנען ניט קיין אויסגעטראַכטע, אַזוי רעאַל איז דאָס דערציילטע. און כאָטש מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט ווירקלעכע פאַקטן, איז קיפּניסעס דערציילונג „אונטערוועגנס” ניט קיין כראָניק, נאָר אַן עכט קינסטלעריש ווערק. ווען מיר וואָלטן דאָ געהאַט צו טאָן מיט כראָניקאַלער פאַקטאָלאָגיע, מיט בלויזער דאָקומענטירונג, וואָלט דאָס דערציילטע אופגענומען געוואָרן ווי אַן איינצל־געשעעניש, ווי פּאַסירונגען, וואָס זײַנען געבונדן נאָר מיט אַ באַשטימטן אָרט. אין קיפּניסעס דערציילונג אָבער, האַגאַם עס ווערן דערציילט בעעמעס געשעענע פאַלן, איז דער אויסוואַל געמאַכט אַזוי, אַז עס גיט דעם שרײַבער אַ מעגלעכקײַט צו מאַכן פּאַראַלגעמיינערונגען, פּאַרוואַנדלען דעם איינצל־פאַקט אין אַ טיפּישער דערשײַנונג. אָט די טיפּישקײַט, וואָס האָט זיכער געפּאָדערט פונעם שרײַבער אומבאַמערקטע פּאַר אַ זײַטיקן בליק אָנגעשטרענגטקײַט, רופט אַרויס אַ טיפן אָפּהילך באַם לייענער. עס דוכט זיך, אַזעלכעס איז פּאָרגעקומען אויך באַ אים אין שטעטל און מיט אים גופע. דאָס איז הויכע מײַסטערשאַפט.

און נאָך איין וועזנטלעכע אייגנשאַפט פונעם ווערק וויל איך אָפּמערקן. אַלע באַמיִונגען פון די פּאָגראָם־העצער און זייערע אויספּילער האָבן געהאַט אין זינען אַרויסרופן באַ דער אָרטיקער באַפעלקערונג סינע צו די ייִדן. עס זײַנען געווען פאַלן, ווען מיט דער הילף פון אַזאַ אַגיטאַציע זײַנען פּאַרכאַפּט געוואָרן אַזעלכע מענטשן, וועמען פּריִער האָט קיינער ניט כוישעד געווען אין ייִדן־סינע. דאָס זײַנען געווען אויסנאַמען. די מערהײַט פונעם אוקראַיִנישן פאָלק, דער פּאָשעטער אָרנטלעכער פּויער האָט זיך ניט אונטערגעגעבן דער שעדלעכער אַגיטאַציע, ער איז טרײַ געבליבן זײַנע פּריִערדיקע ייִדישע פרײַנט. איבערצײַגעוודיק קלינגט דעריבער אין קיפּניסעס דערציילונג דער עפּיזאָד, ווען די אוקראַיִנישע פּויערטע האָדעוועט אָן די צופעליק אַרײַנגעקומענע צו איר אין הויז אײַזיקן און פאַליען. זי גיט זיי מיט אַ פּעקל שפּײַז פּאַר איר באַקאַנטער שטעטלדיקער פאַמיליע. עס אַנטשפּרעכט דער ווירקלעכקײַט אויך דער עפּיזאָד, ווען די אוקראַיִנישע לערערן באַהאַלט אויס באַ זיך אַפּן בוידעם אײַזיקס שוועסטער שיינדל, מיט אירע כאַווערטעס, ווען עס האָבן זיי נאָכגעיאָגט צעיוּשעטע שיקערע באַנדיטן.

די שטעטלעך מיט אַ ייִדישער באַפעלקערונג זײַנען דאַן אָפּט באַפאַלן געוואָרן פון פאַרשיידענע באַנדעס. די ראַטנמאַכט האָט זיך דאַן אַף אוקראַיִנע נאָך ניט פאַרפעסטיקט. די פּאַרגעשריטענע שטעטלדיקע יוגנט האָט זיך אַקטיוו אָנגעשלאָסן צום רעוואָליוציאָנערן קאַמף, זי האָט פאַרלאָזט די אַלטגעזעסענע היים, איז צוגעשטאַנען צו דער רויטער אַרמיי. אין אירע רייען האָט זי אָנטיילגענומען אין בירגערקריג, האָט זיך באַטייליקט סײַ אין רעגולערע אַרמייִשע טיילן, סײַ אין די רויטע אָטריאַדן, וואָס האָבן געפירט אַ קאַמף קעגן באַנדיטיזם פון אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען. זײַענדיק טרײַ דער רעאַלער ווירקלעכקײַט פון יענער צײַט, מערקט קיפּניס אָפּ אָט די דערשײַנונג אין זײַן ווערק.

איציק באַראַוויטש

(כאַרקאָוו)

די דראַמע פון שטילשווײַגן

(וועגן מ. קאָבריאַנסקיס ראָמאַן „שאַ־שטיל” — „סאָוועטיש היימלאַנד” נומ. 1, 1974)

אין קאָבריאַנסקיס קורצן ראָמאַן „שאַ־שטיל” איז קימאַט ניטאָ וואָס איבערדערציילן. אַ שווער־פאַרוווּנדעטער דעמאָבילי־זירטער סאָלדאַט איז אײַנגעשטאַנען אַף קוואַרטיר באַ אַ סאָלדאַטקע אַן אַלמאָנע, און ווי נאָר די סאָוועטישע אַרמיי האָט באַפרײַט זײַן היימשטאָט, איז ער טייקעף אַוועקגעפאָרן. שטעקט אָבער אין דעם דער אייגנאַרט פונעם ווערק, וואָס אַרום דעם קליינעם יאָדערל פונעם געשעעניש־אָרעמען סיפּער־האַמײַסע קריסטאַליזירט זיך אַ שיינע באַשרײַבונג פון ליבע־געפילן, וועלכע זײַנען ניט צו שטאַנד געקומען, פון צוויי לעבנס־וועגן, וואָס האָבן זיך געקרייצט און דראַמאַטיש זיך פאַנאַנדערגעגאַנ־

גען. און קומען קומט עס פאַר ניט אינטים־
אָפגעזונדערט, ניט אין ענגן קרײַז פון „ער״
און „זי״, נאָר אַף אַ ברייטן סאָציאַלן פאָן פו־
נעם לעבן פון די פּלייטים בעשאַס דער גרוי־
סער פאַטערלענדישער מילכאָמע.

קאַבריאַנסקיס אויג זעט דײַטלעך און מאָלט
בעדערעך־קלאַל גאַנץ אויספירלעך דעם אויס־
זען פון זײַנע פאַרשוינען. ארײַנפירנדיק דעם
אָדער יענעם פערסאָנאַזש און פאָרשטעלנדיק
אים דעם לייענער, גיט דער אַוטאָר גלײַך
זײַן פאָרטרעט. אַ בערדל: האָט איר אַ „שפּי־
ציק בערדל״, אַ „קאָמעץ־בערדל״, אַ „מאַמזע־
ריש בערדל״. אַ שמייכל: האָט איר אַ „שפּאָ־
טיש שמייכעלע״, אַ „ביטערער שמייכל״, „אַ
באַגײַסטערט שמייכעלע״. אויגן: שוואַרצע,
גרינבלעכע, פאַרגליווערטע, אויגן „מיט טאַנצנ־
דיקע אין זיי שיידימלעך״. דאָס אָנטאָן: אַפן
קאָפּ „אַ שוואַרצער קאַפּעליוש מיט שמאָלע
ראַנדן״, אַ „געפּאַלדעוועט טונקל־גרוי קליידל״
אאַזוו. מערקווירדיק איז דאָס, וואָס אָט די שיל־
דערונג האָט אַ שײַכעס מערסטנטייל דאַפקע
צו די צווייט־ און דריטראַנגיקע עפּיזאָדישע
פאַרשוינען, בייס די הויפּט־העלדן — שימען און
פראַניע — זײַנען אויסערלעך געמאָלט קאַרג,
פאַרבײַגייענדיק. דער סאָלדאַט הייסט שימען,
און פאַרבײַגייענדיק דערוויסן מיר זיך, אַז ער
איז אַ „וווּקסיקער מיליטערמאַן, מעכטיקע אַקס־
לען, ברייטע ברוסט״. דעם אָביעקט פון זײַן
ליבע האָט ניט מער אָפּגעגאָלטן: פראַניע
טראָגט אַ שווער צעפּל, זי האָט גרויע אויגן
און טיפע כיינגריבלעך. נאָך דער אויבנדער־
מאָנטער שעפע פון אויסערלעכקײַטן קלינגען
די מעכטיקע אַקסלען און טיפע כיינגריבלעך
פאַריינפאַכט און אויסדריקלאָז, אויב ניט זאָגן:
באַנאַל. וואָס איז די סיבע? צי איז דאָס אַ
בעקיוונדיקע, באַוווּסטזיניקע זעלבסטבאַגרענע־
צונג, אָדער דיקטירט פון דער קינסטלערישער
אינטויציע?

דער דעמאָביליזירטער סאָלדאַט איז טאַקע
מײַסטערהאַפט דורכגעלויכטן פון אינווייניק
מיט זײַן טיפער דראַמאַטיק. צי לעבן נאָך זײַן
מאַמע און זײַן שיין מיידל — מ׳קאָן זאָגן, זײַן
קאַלע, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אינעם
היים־שטעטל, צי זיי זײַנען אומגעקומען באַ
די דײַטשן... און אויב שימען איז גלײַך לע־
כאַטכילע געשילדערט ווי אַן אין זיך אײַנגע־
שלאָסענע נאַטור, ווי אַ מענטש, באַ וועמען אַ
וואָרט איז אַ רענדל, „אַ געלאַסענער שטילער
בער״, איז פראַניע געקומען צו אַזאַ מאַצעוו
בעהאַדראָגע, אונטערן דרוק פון די געשעע־
נישן. איר פּסיכאָלאָגישע אַנטוויקלונג אין מע־
שעך פון געציילטע כאַדאָשים האָט זיך דעם
אַוטאָר אײַנגעגעבן צו שילדערן גאַנץ בוילעט.
זי קומט ארײַן אין ראָמאַן מיט נײַן מאָס רייד,
מיט אַ צונג אַף שרויפן. זי איז טאָמיד גרייט
צו מאַכן אַ פּסאַק; אָפּבריִען מיט זודיקן אָקרעפּ
יעדערן, וואָס איז איר דערווידער; אין דער
ווײַטערדיקער האַנדלונג פאַלט זי ארײַן אין
פולער אָפּהענטיקײַט, אין טיפן ייִעש, אין אַ

שאַ־שטיל־דעפּרעסיע, אין פולשטענדיקער
איינזאַמקײַט: פאַר אירע אויגן צאַנקט און גייט
אויס ווי אַ ליכט איר טעכטערל, דער איינציי־
קער אָנשפּאַר אירער שימען וועט אויך ניט
ווערן: אין דער „סוואָדקע״ פון אינפאָרמביוראָ
ווערט דערמאָנט זײַן באַפרײַטע היימשטאָט. זי
פילט, אַז שימענען ציט אַהיים, די סימכע, וואָס
באַהערשט אַלעמען, איז באַ איר אַ פאַרשטער־
טע, זי איז עלנט אינעם מאָלעסימכעדיקן אַרום.
ניין, מיר האָבן צום אַוטאָר קיין טײַנעס ניט,
וואָס ער האָט געקאַרגט פאַרבן אינעם שילדערן
דעם אויסערלעכן אויסזען פון די הויפּט־העלדן.
דורכגעדרונגען מיט טיפן מיטגעפיל צו די
הויפּט־העלדן, וועט דער לייענער אַליין, פון
דער אייגענער לעבנס־דערפאַרונג, דערמאָלן
זייער פאָרטרעט.

שימען איז טאָג־אײַן, טאָג־אויס אין דער אַר־
בעט. ווו ס׳קרעכצט אַ טויער, ווו אַ לעכערדיי־
קער דאַך, — איז שימען דאָ. וואָס באַוועגט אים
אין זײַן אומדערמידלעכער טעטיקײַט? מענטשנ־
ליבע? אַ געזעלשאַפטלעך אָדערל? אָדער סטאַם
אַן אָרגאַנישע לײַדנשאַפט עפּעס וואָס צו טאָן,
צו שאַפן? דער אַוטאָר האָט דאָ קיין אַקצענטן
ניט געשטעלט, ניט אָנגעבונדן דעם לייענער
אַ פאַרטיקן ענטפער. דער אויפמערקזאַמער
לייענער באַקומט אָבער דעם אײַנדרוק, אַז שי־
מענס ארײַנטאָן זיך מיטן קאָפּ אין דער אַר־
בעט, זײַן פאַנאַטישע האַסמאָדע — דאָס איז
דער איינציקער אויסוועג צו פאַרטויבן, שטום
צו מאַכן דעם נאָגנדיקן רוף אַהיים. עס זעען
כאַלוימעס אי פראַניע, אי עליִעזער זאַכאַראָ־
וויטש און נאָך ווער, נאָר די כאַלוימעס זייערע
מאַכן קיין אײַנדרוק ניט — פּוסטע כאַלוימעס.
שימען כאָלעמט אין שלאָף (ז. 65). כאָלעמט
אין וואָר (ז. 105), כאָלעמט אַף גאַנצע זײַט־
לעך, וואָס עס איז עפּשער פאַר אַ קורצן ראָ־
מאַן אַ ווּוּילטיק. דאָך זײַנען זיי, די כאַלוימעס,
באַלערעוודיק, זיי טראָגן די פונקציע דורכנע־
מען דעם לייענער מיטן געדאַנק, וואָס פאַר אַ
גרויס אָרט ס׳פאַרנעמט אינעם מענטשנס באַ־
ווּוּסטזײַן דאָס אַלץ „פון וואָס ס׳הייבט זיך אָן
זײַן היימלאַנד״. אין כאָלעם און אין וואָר זעט
שימען זײַן קינדהײַט, זײַן יוגנט, זײַן ערשטע
זעלבשטענדיקײַט, זײַן ערשטע ליבע, זײַן איי־
גענע וועלט, פון וועלכער די מילכאָמע האָט
אים אַרויסגעריסן.

נאָר פאַרוואָס האָט אים דער מעכאַבער גע־
שילדערט אַלס עפּילעפּטיקער? שוין זשע איז
פאַר די מענטשן, וואָס לײַדן פון אָט דער קרענק,
אַזוי אייגנטימלעך די אין זיך אײַנגעשלאָסענע,
שטילשווײַגנדיקע נאַטור? אין דער פאַר־
העלטניסמעסיק לײַכטער פאָרם פון שימענס
שלאַפקײַט איז עס אַבסאָליוט ניט קיין מוז־זאַך.
כאַראַקטעריסטיש פאַר קאָבריאַנסקיס באַגאַ־
בונג איז דאָס קאָנען צושרײַבן דער טויטער
און לעבעדיקער נאַטור ריין מענטשלעכע באַ־
גערן און אייגנשאַפטן און זי מעשאַטעף זײַן
צו דער האַנדלונג: „דיביימלעך זײַנען צופרידן,
וואָס אַ וואַרעם ווינטל שפּילט זיך מיט זיי״,

„דער שניי סקריפּעט, ווי ער וויל ניט לײַדן, וואָס מע וועקט אים פון שלאָף". פראַניעס צעפּל: „איר צעפּל האָט גערעדט ווערטער, עס האָט זיך געוואָרפן אַף דער פּלייצע, ווי אַן אָפּגעסאַמטע שלאַנג". „די גרויסע לעוואָנע, וואָס יאָגט און שפּרינגט צווישן די וואָלקנס, וויל זיך אַראָפּלאָזן אַהער נידעריקער צום שטיבל, הערן דאָס דאָזיקע געזאַנג".

קאָבריאַנסקיס ראָמאַן איז רײַך מיט נאַטור־בילדער, וועלכע אָטעמען מיט עקספּרעסיע, זײַנען לאַקאָניש געצוימט. עס זײַנען אָבער פאַראַן אויך האַמעטנע לאַנגווײַליקע נאַטור־שילדערונגען.

די שפּראַך פונעם ראָמאַן „שאַ־שטיל" איז פראַזעאָלאָגיש־רײַך. דאָס געפעלט געוויס דעם לייענער. דאָסראָוו פּערסאָנאַזשן ריידן געוויס רוסיש, דאָך איז די שפּראַך אַ ריין ייִדישע. איך שטעל מיר פאָר די שוועריקייטן באַם פּרוּוון איבערזעצן „שאַ־שטיל" אין רוסיש. אָט א פּאָר „פּערל" פון פראַניעס מײַנעלאָשן: „אַל־טער טערעך, שלינג אײַן דײַן לאַנגע צונג און נעם דאָרט אײַן שטומעניש", „ביסט אַ מייוון, ווי ער האָט זיך עפּעס פאַרקנאַקט... מאַכט אַ וואַרע, דער כאָסן פאָרט אָנקוקן די קאַלע" אַאוו. דער פאָרזיצער פונעם קאָלווירט רופט דעם יונגן אָגער זײַנעם „כאָסנבאָכער". מיט אַ כאָסן אין רוסיש קאָן מען נאָך ווי־ס'איז אויסקומען, מיט אַ כאָסנבאָכער איז עס שווע־רער... אָדער אַזאַ פראַזע: „אַז מע באָדט זיך אויס אין טײַך פאַר פּייסעך, זיצט מען ניט באַם סיידער און מע פרעגט ניט קיין קאַשעס".

אין קאָבריאַנסקיס ראָמאַן „שאַ־שטיל" ווערט איבערצײַגנדיק געשילדערט די פלײַסיקע מע־סירעסנעפעשדיקע אַרבעט אינעם הינטערלאַנד, ווו אין פולן אייַנקלאַנג מיטן פראָנט האָט זיך געשמידט דער ניצאָכן איבערן סוינע. דאָס איז אויך געוויס דעם אווטאָרס אַ פאַרדינסט.

כראָניק

זײַן צווייטער באַרוף

די ראָסטאָווער אָונט־צײַטונג „וועטשערני ראָסטאָוו" האָט אײַנ־געשטעלט אַ יערלעכע פּאַדייעוו־פּרעמיע, מיט וועלכער זי באַלוינט אירע אַקטיווסטע אַרבקאָרן, די אווטאָרן פון אינטערעסאַנטע אַק־טועלע קאָרעספּאָנדענציעס און רעפּאָרטאַזשן.

האַיאָר זײַנען מיט אָט דער פּרעמיע אָפּגעמערקט געוואָרן פינף קאָרעספּאָנדענטן פון דער צײַטונג, צווישן זיי דער געזעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" הערשל באַראַז, וועלכער וווינט אין ראָס־טאָוו. הערשל באַראַז איז אויך אַן אווטאָר פון אונדזער זשורנאַל, אין וועלכן ער האָט פאַרעפנטלעכט זײַנע „נאָטיצן פון אַ מעטעאָראָ־לאָג" און אַ ריי דאָקומענטאַלע פאַרצייכענונגען וועגן די אָנטייל־נעמער פון דער גרויסער פאָטער־לענדישער מילכאָמע.

ה. באַראַז איז לויטן פאַך אַ מעטעאָראָלאָג. זשורנאַליסטיק איז געוואָרן זײַן צווייטער באַרוף. זײַנע וויסנשאַפטלעך־פּאָפּולערע אַרטיקלען וועגן מעטעאָראָלאָגיע און נאַטורקענטעניש ווערן גע־לייענט מיט אינטערעס.

אין שײַכעס מיט דער באַלוינונג שרײַבט די צײַטונג „וועטשערני ראָסטאָוו":

„דעם דאָזיקן ענערגישן, אַר־בעטזאַמען מענטשן דאַרף מען ניט געבן קיין ספּעציעלע פאַרגעבונג. באַראַז פאַרמאָגט אַן איידעלן כוש צו די אינטערעסן פון דער לייע־נער־אַאודיטאָריע".

אַ ליבהאָבער פונעם ייִדישן געדרוקטן וואָרט, אַן אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער פּרעסע־פאַר־שפּרייטער, געפינט באַראַז צײַט נאָך דער אַרבעט זיך דורכשמועסן מיט די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" און אײַנייַנעם מיט זיי שאַפן נײַע אַבאָנענטן פונעם זשורנאַל.

מיר באַגריסן אונדזער פרײַנט מיט דער בעקאָוועדיקער באַלוי־נונג און ווינטשן אים נײַע שע־פערישע דערפאָלגן!

י. פּיִווּסאָוויטש

■ ■ ■

מוישע אלטמאַן

זקײנישע נאָטיצן

1

איך בענטש א קלויסטער

ער — דער, וואָס איך בענטש אים, — שטייט אין סאמע צענטער פון שטאָט און פאַרנעמט א פּלאַץ פון אוועלכע צוויי אָדער דרײַ העקטאַר. דער קלויסטער קאָן, לויט זײַן אויסערלעכן אויסזען, זײַן ארכיטעקטור און פאַרנעם, אָנגערופן ווערן אַף רוסיש „סאָבאָר“, אַף מײַרעוו־שפּראַכן — קאַטעדראַלע. אַן אויפשריפט אַף דעם פראָנטאָן מעלדעט: אין יאָר 1844. אין יענעם יאָר האָט מען די אימפּאָזאַנטע געבײַדע געענדיקט.

וואָס זשע גייט עס מיך אָן, פאַרוואָס בענטש איך אים?

עס גייען מיך אָן די ביימער און די בלומען־פּלעצער, וועלכע זײַנען אַף דעם גרויסן הויף און וועלכע זײַנען פאַראַן אדאנק דעם, וואָס עס איז פאַראַן דער־אָ ביניען.

אין מעשעך פון א סאך יאָרן איז דער פּלאַץ מיטן קלויסטער געווען אָפּגעשלאָסן, אָבער עפּעס האָט זיך געטאָן א בײַט, די שלעסער פון די אײַזערנע טויערן אראָפּגענומען, די טויערן אליין אוועקגענומען, עטלעכע צענדליק בענק אוועקגעשטעלט אין פאַרשיידענע ערטער, — גייט, מענטשן, זיצט, מענטשן, שפּילט אײַך, קינדער, באָבעס און יונגע מאמעלעך, אויך זיידעס און יונגע טאטעלעך, פירט קאָליאַסקעס מיט קליינוואַרג, אָטעמט פרישע געזונטע לופט.

און מײַן דירע, ווו איך וווין שוין א יאָר אכט, איז א פּאָר מינוט גאנג פון דעם קלויסטער, הײַנט הייסט שוין דער פּלאַץ — סקווער.

און אז סע קומען אָן די ווארעמע טעג, איז מײַן אָפּרו־הויז דער סקווער. און איך פאַרמאָג דאָרטן אוצרעס: ביימער און קינדערלעך.

וואָס זשע טוט דער געוועזענער קלויסטער? ער איז פאַר מיר דער שוימער פון די ביימער, פון די פּלעצער מיט בלומען, פון די טעפּיכער גרינעם גראָז, און ווער ווייסט, עפּשער קענען שטיינער, וועלכע זײַנען געפורעמט צו א געבײַ, עפּשער קענען ביימער און גראָזן אַף זייער שפּראַך בענטשן די קינדערלעך, די באָבעס מיט די מאמעלעך?

בענטש איך דעם קלויסטער:

— לאנג שטיין זאָלסטו, קלויסטער, זאָלסט דערשטיין מאָשיִעכן.

ווײַל א גרויסן זכוס האָט ער. אין זײַן זכוס שטייען די ביימער מיטן גאנצן ארום. א גרויסער זכוס!

2

מאמא, ווו ביסטו?

דאָס טרעפט מיסטאם נישט נאָר מיט מיר אליין. און עפּשער טרעפט עס גראָד מיט מיר, לאָמיר עס אָנרופן: א מאזל־זאך. און אויך איך האָב ניט צו פאַרצייכענען קיין סאך אזעלכע פאלן. פאַראַן אן אמאָליק ייִדיש ווערטל: גאָט שיקט צו דעם שיקער זײַן ווײַן. קיין שיקער בין איך ניט. מײַן ווײַן — מענטשן.

האָט עס עפּשער אויך מיט דיר, כאָווער לייענער, פּאסירט. טרעפסט זיך צונויף צופעליק מיט א פרעמדן מענטשן, עס פאַרפירט זיך צווישן אײַך א קורצער שמועס און — שוין. דעם מענטשן זעסטו ניט מער, נאָר אין הארצן איז פאַרבליבן עפּעס א מין בענקשאפט נאָך יענעם אומבאקאנטן צופעליקן פאַרשוין. ער האָט זיך פאַראנקערט אין דײַן געמיט. און ניט איין מאָל פרעגסטו:

— פרעמדער, ווו ביסטו?

מיט מיר האָט עס פּאסירט מערערע מאָל אין מײַן לאנגן לעבן, לאנגן און ניט גאָר לײַכטן. און דער לעצטער פאל, דער פרישסטער — מיט א פרוי. און איך פרעג ניט איין מאָל:

— מאמע, ווּ ביסטו?..

מאמע... זי, די, וואָס איך רוף, וואָלט געקאָנט זײַן מײַנס אַן אייניקל, אָדער עפּשער אַ יינגסטע טאָכטער. ניין, גיכער אַן אייניקל. פאַרוואָס זשע רוף איך: „מאמע"?.. האָט אַ ביסעלע געדולד, כאָווער לייענער.

צוריק מיט, — איך געדענק נישט פּינקטלעך, וויפל וואָכן — טרעפט זיך אין אַן אינדערפרי, איך זיץ אַף אַ באַנק אין סקווער. עפּעס גראָד ווינציק מענטשן, קימאַט גאָרניט קיין קינדערלעך. עס איז מיר, ניט פאַר אײַך געדאַכט, כאָווײרים לייענער, אומעטיק. אַף דער זעלבער באַנק זיצט אַ פרוי. זי זיצט אין צווייטן עק פון דער באַנק, דאָס פּאָנעם פאַרטיפט אין אַ בוך. לעבן איר אַף דער באַנק אַ פּאָרטפעל. איך קוק זיך צו צו דער פרוי, און זי פאַרינטערעסירט מיך. סײַ מיט איר פיגור, סײַ מיט איר קליידונג. ניט קיין סימען פון הײַנטצײַטיקײַט. אַ פרוי, לויטן אויסזען פון אַ יאָר דרײַסיק, עפּשער מער אַ פּאָר יאָר. אָנגעטאָן זייער באַשיידן, ניט קיין סימען פון „מיני". בקיצער, אַ פרוי פון אַמאָל (אַז וויי צו מיר! איך מוז זאָגן: אַמאָלי!), פון מײַנע יונגע יאָרן. און עס טראַכט זיך: עפּשער האָט מיר דער שרײַבער־גאָט צוגעשיקט מײַן ווײַן? אָט אַזאַ פאַרשוין דאַרף איך. וויאַזוי אופּברעכן אַ שמועס מיט איר?

מיט מײַן זקײנישער שאַרפזיכטיקײַט כאַפּ איך דעם טיטל פונעם בוך. עס איז אַ ווערק פונעם באַוווּסטן פּעדאַגאָג סוכאָמלינסקי. מײַן נײַגער ווערט נאָך שאַרפער. איך נעם זיך אָן מיט מוט און פרעג:

— אוטשיטעלניצאַ?

זי קוקט ווײַטער אין בוך, ענטפערט נאָר מיט אַ שאָקל פון קאָפּ אַף ניין, און אויך אין בוך אַרײַן מיט אַ וואָרט:

— מאַמאַ...

זי איז, הייסט עס, ניט קיין לערערן, נאָר סטאַם אַ מאַמע. און דערפאַר אינטערעסירט זי דאָס ווערק.

עס פאַרגייען עטלעכע מינוטן. איך, אַלטער שלימעזאַלניק, טראַכט אַלץ, וויאַזוי פאַרבינדן מיט איר אַ שמועס. און פּלוצעם טוט זי אַ פאַרבייג דעם בוך און דערלאַנגט מיר צו לייענען. איך זע אַן אַבזאַץ אונטערגעשטראָכן מיט אַ בלײַשטיפט, און איך לייען. עס איז אַ ציטאַט פון לעוו טאָלסטאָי, עס זאָגט זיך דאָרטן, אַז אַ קינד נעמט אויף ביזן עלטער פון פינף יאָר מערער אײַנדרוקן, ווי אין מעשעך פון דעם איבעריקן גאַנצן לעבן.

און טאַקע באַלד נעמט זי אַוועק דעם בוך און פאַרטיפט זיך ווײַטער אין לייענען. מײַן נײַגער שטײַגערט זיך. וואָס טוט מען? דער מענטש אינטערעסירט מיך. איך נעם זיך נאָך אַ ביסל מוט און פרעג, צי זי האָט אַ מישפּאָכע. זי ענטפערט, אַלץ קוקנדיק אין בוך אַרײַן:

— סין...

זי האָט אַ זון.

— אַ גרויסער? — פרעג איך.

— אין זעקסטן קלאַס.

איך וואָג אַף מערער און פרעג, צי זי האָט נאָך עמעצן, אָדער אַליין. זי ענטפערט, ניט אופהייבנדיק דעם קאָפּ פונעם בוך, נאָר מיט אַן אופגעהויבענעם פינגער. דאָס הייסט: — אַליין...

איך טרייסט זי:

— ביוויײַעט... (עס טרעפט).

זי באַשטעטיקט אַלץ ווי פאַר זיך אַליין:

— ביוויײַעט...

וואָס טוט מען? דער גאָט פון די שיקורים, איך מיין: פון די שרײַבער, האָט מיר צוגעשיקט אַן אינטערעסאַנטן פאַל. וויאַזוי אים באַהערשן, זיך דערגרונטעווען צום שטאָף, צום מענטשן? איך קלער. און דאָ טוט זי זיך אַ בייג אָן צו איר פּאָרטפעל, עפנט אים אויף, נעמט אַרויס אַ בוך און טראָגט אים מיר צו פאַר די אויגן. און איך לייען: Корней Чуковский. «Ровесники».

און אין אַ רעגע אַרום נעמט זי צו דעם בוך, פאַרשליסט אים אין פּאָרטפעל און פאַרטיפט זיך ווידער אין לייענען. דאַרף איך דיר אַרײַנטײַטשן, כאָווער לייענער, מײַן צושטאַנד פון כידעש, פון נײַגער? ווער איז די מאָדנע פרוי? איך האָב זי קיינמאָל פריִער ניט געזען. און עפּשער קען זי מיך, ווייסט, ווער און וואָס איך בין? עס ווילט זיך באַקענען נעענטער. אָבער, אַן אַלטער שלימעזאַלניק, — ווי איך קלער, וויאַזוי צו פאַרפירן מיט איר אַ ברייטערן שמועס, געשעט... האָסטו אַמאָל געזען, ווי אַ פויגל, אַ וואָראָנע אָדער אַ טויב טוט זיך אַ שפּאַר אָן מיט די פיסעלעך אין דער ערד און אַזוי, ניט צעלויפנדיק זיך, נאָר דירעקט פונעם אָרט טוט זיך אַ הייב אויף און פליט אַוועק? אָט אַזוי האָט מײַן „מאַמאַ" געטאָן... ניט אַ לויף, נאָר אַ פלי אַרויס צום טויער. און פאַרשווּנדן.

עס זײַנען שוין אַ סאַך וואָכן פאַרבײַ, איך קום יעדן טאָג אין סקווער, סײַ פאַר מיטיק, סײַ פאַרנאַכט. איך גיי אַרום, קוק אויס אַלע בענק — נישטאָ.

ווער איז זי געווען? ווער איז זי? האָט זי אויך עפּשער געזוכט אַ מענטשן זיך פונעם האַרץ אַראָפּצורײדן? און ביכלאַל... עפּעס אַ גילגל?..

איך קאָן קיינעם אַף איר ניט פרעגן, איך ווייס ניט, וועמען און וויאַזוי צו פרעגן. נאָר אין האַרצן איז פאַרבליבן אַ פאַרדראָס אַף זיך. און ניט איין מאָל פרעג איך אין געדאַנק:

— מאַמאַ, ווּ ביסטו?

3

וו י ד ע...

עס ווילט זיך גלייבן. עס מוז זיך א סאך זאכן גלייבן. אָט דאָס וואָרט ווידע. עס ווילט זיך גלייבן, כאוועור לייענער, אז דאָס וואָרט איז דיר ניט פרעמד. עפשער האָסטו נאָך געהערט ריידן עלטערע מענטשן און פון זיי געהערט די אויסדרוקן: „זאָגן ווידע", „אָפּזאָגן ווידע". און עפשער אויך דאָס ווערטל: „אז מע לעבט אָן כעזשבן, שטאַרבט מען אָן ווידע". איך וויל מיך דאָ ניט אַרײַנלאָזן אין קיין טיפע דראָכים. עפשער וועט עס אָנרעגן אונדזער אלעמענס פרײַנט, רעב עליע פאלקאָוויטשן, עפּעס צו זאָגן אין שײַכעס דערמיט. כ'האָב אָנגעשריבן העכער: „אונדזער אלעמענס פרײַנט". דאָס מאָנט א פּיירעש. עליע פאלקאָוויטש איז א פרײַנט פון יידיש־לאָשן, ער איז פארליבט אין יידיש־לאָשן, און דערמיט איז ער אונדזער אלעמענס פרײַנט... יידיש־לאָשן... מע האָט נאָך ביז הײַנט אלץ ניט געזאָגט דאָס סאמע־סאמע וועגן יידיש־לאָשן. וועגן דעם נעס פון זיך אויסבילדן און אויספורעמען פון יידישן פאָלקס־לאָשן. און פון דער גרויסער ראָליע, וואָס דאָס לאָשן האָט אָפּגעשפּילט אינעם אויספורעמען זיך פון א וועלטלעכן יידישן פאָלק. אָבער... ניט וועגן דעם וויל איך דאָך איצטער זיך טיילן מיט דיר, כאוועור לייענער. כ'האָב דאָך אוועקגעשטעלט א „קעפל" ווידע.

באם יידישן פאָלקס־מענטש האָט דער באַגריף געהאט גרויס באטײַט. פאראַן אָבער אויך שרײַבער און קינסטלער, וועמענס שאפן איז אין א גרויסער מאָס ווידע. דאָס אַראָפּריידן זיך פון הארצן. קיין כילעק ניט, מיטן וואָרט, מיט דער פארב, מיט מוזיק. און אויך איינפאך, ווי ס'האָט באם מאסן־מענטש געהייסן: אנערקענען באגאנגענע פעלערן. און דערמיט אויך א וואָרענונג צו די, וועלכע הערן אָדער לייענען: זײַט אופמערקזאם, לעבט מיט כעזשבן, באגייט ניט קיין פעלערן.

און דאָס וויל איך טאָן מיט אָט דער פאַרצייכענונג. כ'האָב באלײַדיקט אנומלטן א פרוי. ניט ווײַל כ'האָב געהאט אזא קאַוואָנע. כאָלילע. נאָר ווינציק געטראכט. עפשער ווײַל איך בין אלט, מײַן געדאנק ארבעט שוין ניט אינטענסיוו. כ'האָב שפּעטער כאראָטע געהאט און אויך איצטער.

אין סקווער, וועגן וועלכן כ'האָב דערציילט, האָב איך א סאך באקאנטע. ווער זיי זײַנען, ווי־אזוי מע רופט יעדן אפן נאָמען, ווייס איך ניט. נאָר מע באגעגנט זיך טאָג אָפּ טאָג אין די שיינע כאדאָשים, מע זאָגט זיך גוט־מאָרגן — גוט־יאָר. ווערט מען בעמיילע נאָענט. מע ווינטשט זיך גוטס.

טרעפן מיט מיר אָפטמאָל ניט אָנגענעמלעכקײַטן. קומט פלוצעם צו א מענטש, באגריסט מיך, פרעגט אָף מײַן געזונט־צושטאנד. איך דאנק, נאָר איך ווייס ניט, ווער דער מענטש איז. פרעגן שעם איך זיך. און צווישן די גוטעפרײַנט, וועלכע אינטערעסירן זיך מיט מײַן געזונט, זײַנען אויך פאראַן פרויען, און עס טרעפט, אז גאנץ סימפאטישע פרויען. גיי פרעג: ווער זײַנט איר?.. מיילע...

בין איך באשטראָפט געוואָרן דורך יענער פרוי, וועגן וועלכער כ'האָב העכער דערמאָנט, א פרוי פון מיטעלע יאָרן. לויטן פּאָנעם זעט זי אויס ייִנגער. קיינמאָל ניט געזען זי זיצן, נאָר ארומגיין, אויב אזא גיין מיט א פאסטעך־שטעקן הייסט גיין. ווײַזט אויס, געליטן אמאָל א שווערע אוואַריע און געבליבן אײַנגעבראָכן. מיר פלעגן זיך אמאָל טרעפן אין סקווער און זיך קעגנזײַטיק אָפּשאָקלען דעם גוט־מאָרגן — גוט־יאָר. איר פּאָנעם האָט מיר אויסגעזען היימיש. איך האָב, ווײַזט אויס, די פרוי אמאָל געקענט נעענטער. נאָר ניט געקאָנט זיך דערמאָנען און פרעגן צי ניט געהאט קיין אינטערעס.

מאכט זיך, צוריק מיט עטלעכע וואָכן, איך קום ארויס פון שטוב און לאָז מיך גיין צום סקווער, קומט זי מיר אנטקעגן מיט איר פאסטעך־שטעקן, שטעלט זיך אָפּ און ווענדט זיך צו מיר בעזע האלאָשן:

— מוישע, איך פאָר אוועק... איך וויל ארײַנגיין צו אײַך אין שטוב זיך געזעגענען...

וואָס איז געווען מיט מיר? האָט די אומגעריכטע פאמיליארע ווענדונג: „מוישע" און דאָס אויך אזוי אומגעריכטע וועלן ארײַנגיין צו מיר אין שטוב זיך געזעגענען אָף מיר אזוי מאָדנע געווירקט? איך ווייס ניט. איך האָב, ניט באַטראכטנדיק, געענטפערט:

— מיר קענען זיך געזעגענען אָט דאָ, צו וואָס אין שטוב?

איר דערלאנגט די האנט, אָנגעווונטשן אלדאסגוטס (האלעוואַי עס זאָל איר מעקוייעם ווערן), איר נאָכאמאָל געדריקט די האנט און אוועקגעגאנגען, זי געלאָזט שטיין מיטן פאסטעך־שטעקן.

אָפּן צווייטן טאָג דערהאלטן פון איר א בריוו, אין וועלכן זי האָט אָף א גוטן, אבסאָליוט גראמאטנעם יידיש, מיר ארײַנגעזאָגט דאָס, וואָס איך אליין האָב מיר שוין געזאָגט אין מעשעך פון דעם מעסלעס... צווישן איבעריקן: „נו, שעמט איר זיך ניט? איר האָט דאָך געקאָנט מיך פרעגן — ווער זײַט איר?.." און נאָך, און נאָך.

די כסימע איז מיר ניט קלאָר. ווער זי איז געווען, ווייס איך אַלץ נישט. זי איז מיר אין זיקאָרן פאַרבליבן מיט איר גרויסן שטעקן. מיט דער פאַר מיר דעמלט גאָר מאָדנער ווענדונג: „מוישע... איך וויל אַרײַנגײַן צו אײַך אין שטוב זיך געזעגענען”.

* * *

אָט אַזוי, כּאָווער לייענער, מײַן שטיקעלע ווידע. דאָס איבעריקע דאַרפסטו אַליין דערגאַנצן. דער לייענער דאַרף ניט נאָר לייענען, נאָר דערגאַנצן דעם אַוטאָר, וואָס יענעם איז שווער אַרויסצוזאָגן. אויך איך געזעגן מיך. מיט די ביימער... און נאָך...

כראָניק

נײַס פון אויסלאַנד

א נײַער ספּעקטאַקל אין בוקאַרעשטער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער

„אַמאָל איז געווען אַ ייִנגל און אַ מיידל” — אַזוי הייסט דער נײַער ספּעקטאַקל, וואָס עס האָט לעצטנס אויפגעפירט דער בוקאַרעשטער ייִדישער מעלוכע־טעאַטער. די דאָזיקע שטעלונג, פאַר וועלכער עס איז אויסגעקליבן געוואָרן די פאָרם פון אַ פאָלקס־שפּיל, פאַרמאָגט פיל סאַטירישע קופּלעטן און לידער אויף די טעקסטן פון מוישע נאַדיר. אינעם ספּעקטאַקל זײַנען אײַנגעפלאָכטן סײַ מאָדערנע ריטמישע טענץ, סײַ פאָלקס־ניגונים.

די הויפּט־ראָלן פּילן אויס די יונגע אַקטריסע טריקסי אַבראַמאָוויטש, וועלכע האָט אינייינעם מיט אַדינאַ טשעזאַר געשטעלט די טענץ, און בעבע בערקאָוויטש, דער אַוטאָר פונעם סצענאַרי און רעזשיסער פונעם ספּעקטאַקל.

ווי אַלט איז העברעיִשער שריפט?

אויף אָט דער פראַגע גיבן אָן ענטפער די געלערנטע, וועלכע האָבן מיט עטלעכע יאָר צוריק אָפּגעזוכט אין אַן אַלטער כאָרעווער פעסטונג, ניט ווײַט פון יאַפע, שפּורן פון העברעיִשן שריפט, געשריבן אויף געברענטע ליימענע ציגל. די געלערנטע האַלטן, אַז דער אויפשריפט איז געמאַכט געוואָרן מיט אַן ערעך 2 טויזנט 700 יאָר צוריק. דער טעקסט שטעלט מיט זיך פאָר אַ מין אָנקלאָגע פון אַ שניטער צו אַ פירשט (מע איז באַגאַנגען אַן אַוולע, אָפּנעמענדיק באַם שניטער זײַנע קליידער).

פונעם דערמאָנטן אויפשריפט זײַנען פאַרבליבן בלויז 13 שורעס. אַ סאַך אויסיעס און ווערטער פעלן. צווישן די פאָרשער, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט דעשיפרירן דעם אויפשריפט, זײַנען געווען געלערנטע פון פאַרשיידענע לענדער, אַרײַנגערעכנט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

דער אוניקאַלער אויפשריפט האָט אַ גרויסע באַדײַטונג פאַר דערלערנען די געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פון דער העברעיִשער שפּראַך.

■ ■ ■

פונעם בוך „נעגינע״

פרעסקעס

באַם ראַנד פון הימל די בערעזקעס
פאַרכאַלעמט שטייען, ווי די פרעסקעס,
כאַטש נעם און ברענג זיי אין מוזיי
אָף שפּיגלען זיך אין זיי.

און אינעם פעלד
עס פּירט אַ וועג אין קאָרן,
ער איז באַווינטיקט און באַהעלט.
אָט דאָרט איז לעוויטאַן געוואָר געוואָרן:
ניט טרוי׳ריק בלויז —
אויך שיין איז זי, די וועלט.

דער וואָלקן אין זײַן לײַכטן שוועבן
דער שאָטן, וואָס עס שפּרייט דער בוים, —
זיי העפטן אויס פאַר מיר, זיי וועבן
די וואָר, דעם כאַלעם און דעם טרוים.

איך מיין,
איר וועט מיסטאָם מיר גלויבן
(ס׳האָט קיינמאָל ניט געלײַגט מײַן ליד) —
כ׳פאַרשטיי דאָס לאָשן פון די טויבן,
אין לאָשן פונעם וואַלד בין איך געניט.

און אויב ס׳איז מיר אַ שורעלע געלונגען
און אויב עס האָט אַ קלונג געטאָן דאָס וואָרט,
האָט עס דער ווינט דאָך אויסגעזונגען
און מיר שוין אויסטראַכטן פאַרשפּאָרט.

* * *

דו זעסט,
דער מוילעד אָנגעשטעלט עס האָט דעם אויער
און הערט זיך אײַן,
וואָס טוט זיך אָף דער ערד.

און מיך פאַרדריסט,
און איך באַדויער,
וואָס כ׳האָב ניט בווילעט,
ווי דער מוילעד,
געזועען אַלץ און אַלץ געהערט.

כ׳האָב ניט געהערט
דעם צופּלוס פון די יאַמען,
ווי ס׳עלטערט זיך דער וואַלד —
כ׳האָב ניט געהערט,
ווי ס׳מערן זיך די קרײַזן אין די שטאַמען
און ווי מײַן לײַב מײַן אייגנס עלטער ווערט.

* * *

ניט אלץ איז שוין באוווסט,
ניט אלץ איז נאָך פארשטענדלעך.
א בלעטל אפן קוסט
איז אויך, מיסטאם, אומענדלעך.

און איך האָב גאָר געקלערט:
דו ביסט אין מיר געראָטן —
אז איינעם איז באשערט
דעם צווייטנס זײַן א שאָטן.

געגלייבט איך האָב דעם בליק
דעם ליכטיקן, דעם קלאָרן.
איך האָב געמיינט — מײַן גליק
איז אויך דײַן גליק געוואָרן,

פונקט, ווי דער גלי פון בלוט,
וואָס האָט געענערט אונדזביידן.
פארזען כ'האָב די מינוט,
וואָס קאָן אמאָל צעשיידן.

ווי גרויס ס'איז ניט די שטראָף,
האָב איך פארדינט נאָך מערער...
דו מיינסט, ס'איז שוין א סאָף?
עס איז פאר מיר א לערע?..

* * *

קוים נעם איך טראכטן וועגן דיר,
און טראכטן טראכט איך שטענדיק,
כ'דערזע אין שפיגל פון קלאוויר
צען פינגער פינקלען בלענדיק.

וואָס פליסטערן אין טהאָם פון נאכט,
פון מילכוועג, פון די שטערן.
אמאָל האָב איך דאָס שוין, מיר דאכט,
געהערט, איך מעג זיך שווערן.

א זיסער טרויער מיך באפאלט
און שליסט צונויף די וויִעס.
אין טיף דעם אָטעם איך פארהאלט,
ווי הערן כ'וואָלט נעוויִעס,

געהערט, ווען כ'בין געווען ניט דער —
אן אנדערער, א צווייטער.
דאָס זעלביקע אצינד איך הער,
דײַן אייביקער באגלייטער.

* * *

די אויגן דארפסטו ניט באהאלטן,
קיין טײַנעס האָב איך ניט צו דיר.
עס וועט דיך סײַווי ניט פארהאלטן
מײַן צוגעמאכטע טיר.

נאָר מײַנס געבליבן איז דער ציטער,
פון בלוט דער גלי,
פון לײַב דער ווי,
און דער זיקאָרן דער געניטער
אף אייביק וועט פארהיטן זיי.

און ווער איז שולדיק און ניט שולדיק,
איז מעסטן איצט שוין ניט קעדײַ.
איך בין געווען אומגעדולדיק,
דו ביסט געווען אומגעדולדיק,
איז אלץ אדורך, איז אלץ פארבײַ.

און ווי איך זאָל ניט זײַן דערצאָרנט,
כ'בין פול מיט דיר ביז צו דעם האלדז.
האָסט אף א לעבן מיך באוואָרנט
מיט ברויז, מיט דורשט —
מיט אלץ, מיט אלץ.

דער גיבער

אָט דאָרט, ווו ס׳איז דער וואלד
מיט וואלד פארוואקסן,
אין דער געדיכטעניש,
ווו ס׳קומט דער ווינט אָפּ רו,
איך וואַרף אראָפּ דעם אָל
פון מײַנע אקסל,
און אפן גראָז איך לייג זיך צו.

מיר כאַלעמט זיך:
איך בין א גיבער.
ניטאָ פאר מיר
קיין גרענעץ און קיין צוים.
א שפּאַן — און כ׳טרעט דעם טײַך
אריבער,
א שטויס — און ס׳פאלט א שטארקער
בוים.

נאָר קיינעם שרעקט זי ניט,
מײַן גוטע גוורע,
דאָס קלענסטע פלאטערל
קומט זוכן שוץ בא מיר.
אויב בא דער וואָלפיכע
ניט אלץ עס איז קעשורע,
זי זוכט,
און זי געפינט מײַן טיר.

און איך בין גוט
צו אלעמען, צו יעדן,
קיין צווײַגעלע צעטרעט איך ניט
אין וואלד.
און ווי דער מיילעך שלוימע,
כ׳האָב זיך אויסגעלערנט רעדן
מיט יעדן כײַעלע,
מיט יעדער שוואלב.

איך שלאָף,
און ס׳וויגן זיך די יעלן.
מײַן אָטעם, ווי א ווינט,
דיביימער נויגט.
ווער ווייסט פארוואָס
דער בין כ׳בין ניט געפעלן —
זי האָט א ביס געטאָן מיך
אין א אויג.

כ׳בין אופגעשפּרונגען
ווילד, דערצאָרנט,
און ניט פארשטאנען
פאר א וועלכער זינד...
עס האָט געררוישט דער וואלד
און מיך געוואָרנט:
— א גיבער זײַן
עס טרוימט איטלעכער קינד.

דער שמיד

איך האָב געקענט
א ייִד א שמיד —
א פּראָסטער ייִדה,
א פּראָסטער שמיד,
מיט הענט מיט שטארקע,
שווערע.
ס׳האָט אין זיקאָרן זיך פארהיט
דער קאָוועל בערע.

זײַן טאָכטער סאָרעלע
כ׳געדענק,
דאָס טונקלע מיידעלע
דאָס שטילע,
די שאבעס־צעפּלעך,
ווי די שלענג,
איר גענגעלע
אפילע.

דאָס שענסטע מיידל אינעם ליק,
געראָטן, דורכגעטריבן.
פון איר א קוק,
פון איר א בליק
מ׳האָט זיך געקענט פארליבן.

אין קוזניע בא דעם אלטן שמיד
א וויגל איז געהאנגען.
ער האָט זײַן אייניקל געוויגט,
און שטיל געזונגען דעם א ליד:
„די מאמע איז אין מארק געגאנגען"...

כ׳האָב ליב געהאַט
דעם ייִד דעם שמיד,
מיט הענט מיט שטארקע,
שווערע.
פאַראַקשנט האָט ער
און געניט
דעם אייניק אײַנגעקנעלט
זײַן לערע.

און זײַ א בעריע,
דריי זיך אויס,
אז ס׳שטייט דער בלאָזזאק
באַם צוקאָפּנס.
ער איז אין זיידן, לאָזט זיך אויס,
גערעטן, ווי צוויי טראָפּנס.

איך קען דעם אייניק —
אויך א שמיד,
א פּראָסטער, ווי דער זיידע.
דאָס אײַזן אין דער האָרניע גליט,
נאָר אנדערש קלינגט
זײַן נײַע ליד...
איך גרויס זיך מיט זייביידן.

א לידעלע

אז מיר פלעגן גיין שפּאַצירן
צו דער נײַער בריק,
פלעגט אונדז די לעוואָנע פירן
הין־און־צ׳ריק.

ביסט געגאנגען און געשוויגן,
ס׳האָט גערעדט דײַן בליק.
וויג איך איצטער שטיל דאָס וויגל
הין־און־צ׳ריק.

בענקסט אוואדע, מײַן געטרײַער,
נאָך דײַן זון, דײַן גליק.
פון ארמיי וועסט זיך באפרײַען,
קומען גיך צוריק.

דעמלט וועלן מיר אינדרײַען
גייען צו דער בריק
הין־און־צ׳ריק.

מ י ש ע כ אַ ז י ן

אונדזער הײם קעשענעוו

א ביסל געשיכטע

עס זײַנען פאראן שטעט, גרויסע און אלטע, וועמעס פלעצער און פראָספעקטן, אלט־היסטאָרישע דענקמעלער און נײַ־אופגעקומענע שיינע ווינקעלעך זײַנען אזוי באזונגען און באמאָלט, אז טויזנטער מענטשן, וואָס קענען די דאָזיקע שטעט נאָר פון ביכלעך אָדער בילדער, זײַנען מיט זיי אזוי היימיש, גלײַך זיי וואָלטן אליין דאָרט ניט איין מאָל געווען און געלעבט.

און עס זײַנען פאראן שטעט — יונגע, וועמעס באוווסטקײַט און בארימטקײַט וועט ערשט קומען דערנאָך, שפעטער. ס'איז, מיין איך, קעדײַ צו וויסן, אז יעדעס יאָר יאָוועט זיך אָף דער לאנדקארטע פונעם סאָוועטנפארבאנד אַן ערעך צוואנציק נײַע שטעט.

קעשענעוו, מיט זײַן פינפהונדערטיאָריקער געשיכטע, פארנעמט, קאָן מען זאָגן, א לאגע א אינדערמיטנדיקע צווישן די גאָר אלטע און יונגע שטעט. די דראמאטישע אָנגעלאָדנקײַט פון דער שטאָטס ווײַטן און ניט נאָר ווײַטן היסטאָרישן אמאָל לעבט דאָ בישכיינעס מיט דער דינאמישקײַט און ענערגישקײַט פון א נײַער הײַנטיקער גרויסער שטאָט — די הויפטשטאָט פון דער מאָלדאווישער סאָציאליסטישער סאָוועטישער רעפובליק.

דעם נאָמען קעשענעוו — וואָס באטײַט „קוואל", „קוועלנדיקס" — דערמאָנט צום ערשטן מאָל אין זײַנער א גראמאָטע דער מאָלדאווישער האָספאָדאר שטעפאן דער גרויסער אין 1466 יאָר. פון יענער דאטע אָן הייבט זיך אָן ציילן דער שטאָטס עלטער.

פארצײַטיקע פינקעס־שרײַבער האָבן אָנגערופן מאָלדאוויע „די ערד, אָן אָנגעזאפטע מיט אומגליק". אין קעשענעוו האָבן יאָרנלאנג געוועלטיקט די טערקישע באצווינגער. קעשענעוו איז געווען א נעסט פון אָרעמקײַט און בונטארישקײַט. אין קעשענעוו איז אין 1903 פאָרגעקומען דער בלוטיקער פאָגראָם. קעשענעוו האָבן די פאשיסטן קימאט אינגאנצן כאָרעוו געמאכט.

קיין קעשענעוו איז געווען פארשיקט דער גרויסער רוסישער דיכטער א. ס. פושקין. ער האָט דאָ געשאפן א ריי פאָעטישע שעדעוורען זײַנע, אָנגעווייעטע מיט מאָלדאווישן פאָלקלאָר. דאָ האָט פושקין אָנגעהויבן שרײַבן „יעווגעני אָניעגין".

א סאך בארימטע פערזענלעכקײַטן — רעוואָלוציאָנערן, שרײַבער, קינסטלער — האָבן אין פארשיידענע צײַטן פארבראכט אין אָט דער מאָלדאווישער שטאָט. צווישן זיי: טאָלסטאָי, קאָציובינסקי, גאָרקי, שאָלעם־אליינכעם, קאָראָלענקאָ, כריסטאָ באָטעוו, בארביס, מאיאקאָווסקי, שאליאפין.

ס'האָבן דאָ געשאפן זייערע ווערק די מאָלדאווישע קולטור־ און וויסנשאפט־טוער קאָסטאקי נעגרוצי, אלעקסאנדער כאזשדעו, גאווריל מוזיטשעסקו, ניקאָלײַ דימאָ א. אנד.

א שטיק צײַט האָט זיך דאָ אומלעגאל געדרוקט די לענינישע „איסקרא".

הײַנט איז קעשענעוו ניט צו דערקענען. די באנײַטקײַטן, וואָס זײַנען דאָ פאָרגעקומען, זײַנען קוידעמקאָל סאָציאלע, סאָציאליסטישע באנײַטקײַטן. די אמאָליקע פראָווינציעלע שטאָט, מיט אירע נויטבאדערפטיקע באלמעלאָכעס און דאלעסדיקע קרעמערלעך, מיט די איבערגעזעטיקטע נעגידים, איז אוועק אין דער פארגאנגענהײַט. עס זײַנען אויסגעוואקסן נײַע פרעכטיקע וווין־ראיאָנען — יעדער ראיאָן ניט קלענער פון א מיטעלער שטאָט.

מאָדערנע זאוואָדן און פאבריקן רינגלען ארום קעשענעוו, א סאך פון זיי זײַנען אָפגעטיילט פון די וווין־בלאָקן מיט געדיכט־צעוואקסענע וואלד־פאסן און צעגרינטע מאסיוון.

אין די דאָזיקע אונטערנעמונגען ארבעטן העכער פינף הונדערט טויזנט ארבעטער, וואָס שאַפן טראַקטאָרס פאַר די פעלדער און ווײַנגערטנער, קאָלערליי מאַשינעס און אַפּאַראַטן, שוכוואַרג און קליידערוואַרג, וווּנדערלעכע ווײַנען, עסנוואַרג, הונדערטערליי זאַכן, וואָס האָבן אַ שעם איבערן גאַנצן לאַנד און ווערן עקספּאָרטירט אין צענדליקער אויסלענדישע מעדינעס.

אין אַלע צווײַגן פון עקאָנאָמיק, וויסנשאַפט און קולטור ארבעטן האַנט־בײַ־האַנט מיט מאָלדאַוואַנער רוסן, אוקראַיִנער, ייִדן.

מײַנע קעשענעווער פרײַנט, נאָענטע בנייאיר, וויל איך ווידמען די ווײַטערדיקע עטלעכע זײַטלעך. מיט זיי קאָן איך די דרײַ ווערטער — „אונדזער היים קעשענעוו" — ארויסריידן מיטן פולן מויל.

די זון אַפן פּאַקל

ווען פאַלט מיטאַמאָל אײַן אַ פּאַרנומענעם מענטשן אַ געדאַנק אין קאָפּ צו לויפן און קויפן אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט, אָנלאָדן אים מיט פאָטאָ־לענטעס און אָנהייבן „אַראָפּכאַפּן רעגעס"? ווײַל, אזוי וועדליק איך האָב זיך צוגעקוקט, ווערן מאַנצבלען קראַנק אַף דער פאָטאָגראַפּיערקרענק מערסטנס דעמלט, ווען עס יאָוועט זיך בײַ זיי אַ קינד.

מײַן לאַנגיאָריקער פרײַנט הערש פליישמאַן, אַן ארבעטער פונעם טראַקטאָרן־זאַוואָד, האָט זיך אָנגעשטעקט מיט דער דאָזיקער „האָבי", ווען ס'איז בײַ אים געבוירן געוואָרן טאַמאַרע. ווען זײַן ווײַב האָט אים געהאַט דאָס צווייטע טעכטערל, גאַליען, האָט זיך אין אים דער שוין קימאַט פאַרלאָשענער כיישעק צו „סנימאַיען" ווידער צעפלאַקערט... פון דעמלט אָן איז שוין אַוועק אַ היפּש ביסל יאָרן. טאַמאַרע האָט פאַרענדיקט די שול, ארבעט אַלס נאָרמירערין אַף דעם זעלבן זאַוואָד, ווו דער טאַטע ארבעט. גאַליע גייט אין נײַנטן קלאַס, לערנט אייניצײַטיק אין אַ קונסט־שול, און הערשס פאָטאָאַפּאַראַט ליגט שוין לאַנג פאַרשטופּט ערגעץ ווײַט אין אַן אונטערשטן שופלאָד.

און אָט איינמאָל אין אַ גאַנצפרי באַגעגן איך פליישמאַנען אַף אונדזער יוגנט־פּראָספּעקט, לעבן דעם דענקמאָל, וואָס מ'האָט געשטעלט די העלדן קאָמיוגיסטן. ער דרייט זיך, זע איך, אַרום מיט אַ פאָטאָ־אַפּאַראַט אין די הענט, און דאָס רימענדל פונעם אַפּאַראַט שלעפּט זיך אים נאָך אַפן אַספאַלט.

— אַ גוטמאָרגן, ברודערקע! וואָס איז די סיבע, וואָס דו האָסט זיך ווידער געגומען צום דאָזיקן אינסטרומענט? ס'איז בײַ דיר נאָכאַמאָל געבוירן געוואָרן אַ טאָכטער?..

— ס'איז בײַ מיר געבוירן געוואָרן אַ געדאַנק! — האָט מיר מײַן פרײַנט געענטפערט. מיר זײַנען געשטאַנען לעבן דעם האָטעל „טוריסט" און האָבן ביידע געקוקט אַפן פרימאָרגנדיקן קעשענעוו. ערגעץ־ווו אין דער הייך, איבער אַ נײַ צוועלפגאָרנדיק הויז, זײַנען אופגעגאַנגען די זון־שטראַלן פונעם נײַגעבוירענעם טאָג. דורך די גרויסע שפּיגלפענצטער אין אוניווערסאַלן קינדער־מאַגאַזין „דעטסקי מיר" זעט מען, ווי עס האָווען אינווייניק די יונגע פאַרקויפערנס, גרייטן זיך עפענען דעם מאַגאַזין. פולע טראָלייבוסן פירן אָפּ די ארבעטער צו זייערע אונטערנעמונגען אַף דער רישקאַנאָווקע, אַף דער סקוליאַנקע. כוואַליעס מענטשן האָבן זיך צעפלייצט איבער די ברייטע טראָטואַרן, אַפן בולוואַר אין דער סאַמע מיט פונעם יוגנט־פּראָספּעקט.

— זאָג מיר, כ'בעט דיך, — האָט מיך מיט נײַגער אַ פרעג געטאָן פליישמאַן, — וועלכער דענקמאָל אין קעשענעוו געפעלט דיר, אַשטייגער, מערער פון אַלע?

— וואָס פּלוצעם?

פליישמאַן האָט זיך אַראָפּגעזעצט אַף די קני, צוגעקוועטשט דעם פאָטאָ־אַפּאַראַט צום אויג און אָנגעצילט אים אַף דעם קאָמיוגישן דענקמאָל.

— ווייסט דאָך, אַז מײַן גאַליע לערנט זיך אין אַ קונסט־שול, מאָלט. האָב איך שוין קיין ברייטע ניט. איך מוז, הייסט עס, אויכעט האָבן אַ שטיקל באַגריף, וואָס עס איז אַזוינס קאָמפּאָזיציע, קינסטלערישער אײַנפאַל, פאַנטאַזיע־פלי...

— ביסט עפּשער גערעכט, — טו איך אַ זאָג פליישמאַנען. — מיר דאַכט זיך אויך, אַז דאָס איז זייער אַ אינטערעסאַנטער דענקמאָל. עפּשער אַפילע דאָס בעסטע, וואָס לאַזאַר דוביינאָווסקי האָט געשאַפן.

— נו, און זײַן קאָטאָווסקי אַפן פערד? דער רעוואָלוציאָנערער דער באַפרײַער לעבן דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע? און עמינעסקוס ביוסט אין שטאָט־גאָרטן?

דאָס אַלץ איז מיר, פאַרשטייט זיך, גוט באַוווּסט. נאָך אין 1943 יאָר, אין אירקוטסק אין אַ שפּיטאָל, אַ פאַרוווּנדעטער אַפן פראָנט, האָט דער סקולפּטאָר, ווייס איך, טראַגנדיק אין זיך אַ גוואַלדיקע בענקשאַפט נאָך די היים־געגנטן, וואָס זײַנען דעמלט געווען אָקופּירט דורך די פאַשיסטן, געשאַפן די קאָמפּאָזיציע „מאָלדאַוויע אין פײַער". די דאָזיקע „מאָלדאַוויע" זײַנע איז דעמלט אויסגעשטעלט געוואָרן אין אירקוטסק. אין די נאָכמילכאָמע־יאָרן האָט דער סקולפּטאָר לאַזאַר דוביגאָווסקי באַקומען דעם טיטל פאָלקס־קינסטלער פון מאָלדאַוויע, איז געוואָרן לאַורעאַט פון דער רעפּובליקאַנישער פּרעמיע, מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פון דער קונסט־אַקאַדעמיע...

מײַן פרײַנט פליישמאַן קנאַקט מיטן צינגל פונעם פאָטאָ־אַפּאַראַט ווי אַן עמעסער מײַסטער.

— ווערסט זיך גאָר ניט פאַרשטעלן, וואָס איך האָב צוגעטראַכט... וואָס פאַר אַ מין קאָמפּאָזיציע... — האָט ער אַ זאָג געטאָן. — פאַרשטייסט? איך וויל די זון ארופּזעצן אַפן פּאַקל, וועלכן ס'האַלט אין דער קאָמפּאָזיציע פונעם דענקמאָל די קאָמיוגיסטקע...

ער האָט די דאָזיקע רייד ארויסגעבראַכט מיט אזא זיכערקייט אין זײַן קויעך, גלײַך ווי עס גייט נאָר אין דעם וועלן זײַנעם — וויל ער, זעצט ער ארויף די זון אפן פאקל, וויל ער, טוט ער מיט דער זון אלץ, וואָס ער וויל...

— הערסט? — גיט ער א זאָג. — ס'איז דאָך מאמעש א כאַריפעס: דאָס מיידל האלט אין דער האַנט א פאקל, אינדערעמעסן איז דאָס אָבער ניט פּאָשעט א פאקל, נאָר א זון, די גאנצע זון...

די גאַס פון כאַיע ליפשיץ

נאָך איין באַגעגעניש — מיט יאשע קאַפּאַנסקין.

מיר האָבן אינײַנעם געלערנט אין קעשענעווער אוניווערסיטעט: יאשע — אפן היסטאָרישן פאקולטעט, איך — אפן פילאָלאָגישן. יאשע איז געוואָרן אין מאָלדאַוויע א באַוווּסטער היסטאָריקער, א געשיכטע־פאָרשער פון דער בעסאַראַבער אונטערערדישער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אין פּעריאָד פון דער רומעניש־באָיאַרישער אָקופּאַציע.

צווישן אנדערע ארבעטן זײַנע האָט ער אויך אָנגעשריבן א בוך וועגן כאַיע ליפשיץ. כאַיע ליפשיצעס יוגנט, איר שטאַרקע איבערגעגעבנקייט די רעוואָליוציאָנערע אידעאַלן, איר אָרמיטלבאַרע כיינעוודיקייט, איר העלדישקייט — אלצדינג איז אין איר אזוי וווּנדערלעך, אז ניט נאָר געלערנטע, אויך קונסט־מײַסטערס האָבן זיך באַמיט און באַמיִען זיך צו פאַרייביקן איר געשטאַלט. דער דענקמאָל אפן יוגנט־פּראָספּעקט — א מיידל א קאָמסאָמאָלקע מיט א פאקל אין דער האַנט — איז, פאַרשטייט זיך, א געשטאַלט א פאַראַלגעמיינערטס. נאָר דאָס איז אָן שום סאָפעק אויך זי — כאַיע ליפשיץ.

דאָס דאָזיקע ייִדישע מיידל פון די קעשענעווער אָרעמע געסלעך, כאַיע, האָט פון קליינווײַז אָן, קאָן מען זאָגן, געווידמעט איר לעבן דעם שווערן קאַמף פאַר פרײַהייט, יושער און ברידערלעכקייט צווישן מענטשן. זי איז געווען דער סעקרעטאַר פונעם קעשענעווער אונטערערדישן קאָמיוגישן שטאָט־קאָמיטעט. דערנאָך — סעקרעטאַר פונעם צענטראַלן קאָמיטעט פונעם רומענישן קאָמיוג. זי האָט שטאָלץ און דרייסט איבערגעטראָגן די ארעסטן, די שרעקלעכסטע סיגוראַנצע־פּײַניקונגען. זי האָט אין דער פרויען־טפיסע, ווו זי איז געזעסן, אויסגעהאלטן א 45־טאָגיקן הונגער־שטרײַק, און זיגנדיק, אויסקעמפנדיק אן אמניסטיע פאַר די פּאָליטיש־ארעסטירטע פרויען, אוועקגעגאַנגען פון דער וועלט אין עלטער פון 26 יאָר... דאָס איז געשען אין דער נאַכט פונעם זעכצעטן אפן זיבעצעטן אווגוסט 1929.

אויך איך פאַרמאָג א העפטל נאָטיצן וועגן כאַיע ליפשיץ. אין מאָסקווע האָב איך גערעדט מיט דער העלדנס שוועסטער, מיט טאַמאַרען, זיך דערוווּסט בא איר פּראַטים, פּינקטלעכקייטן.

טוט א טראַכט: כאַיע וואָלט איצט אלט געווען זיבעציק יאָר. זי וואָלט דאָך נאָך געקאָנט לעבן אין אונדזער שיין־געוואָרענעם קעשענעוו.

ס'איז קעדײַ דאָ אָנצורופן א פּאָר נעמען פון געוועזענע בעסאַראַבער אונטערערדישע רעוואָליוציאָנערע טוער, וועלכע לעבן הײַנט אין קעשענעוו: זשעניע אווערבוך, וועלכע האָט מיטגעמאַכט אינײַנעם מיט כאַיע ליפשיץ דעם 45־טאָגיקן הונגער־שטרײַק; אלטער גאָלדשטיין, איסאַק גרינבלאַט, ליאָניע לעפּושניאַן אאַ. יעדער פון זיי איז א לעבעדיק שטיק געשיכטע פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אין בעסאַראַביע.

יאשע קאַפּאַנסקי דערציילט מיר, אז ער גייט איצט פונעם ראַיקאָם. מ'האָט הײַנט אין א קלוב געפּײַערט כאַיע ליפשיצעס זיבעציקיאָריקן געבורטסטאָג. אף דער פּײַערלעכער פאַרזאַמלונג זײַנען בײַגעווען אי וועטעראַנען פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, אי יונגוואַרג.

— אגעוו, — זאָגט יאשע קאַפּאַנסקי, — איז כאַיע ליפשיצעס שוועסטער, טאַמאַרע, אויך געקומען צו פאָרן פון מאָסקווע אף דער הײַנטיקער פאַרזאַמלונג. זי האָט אונדז געבראַכט א פּאָר בריוו, וואָס כאַיע האָט געשריבן פון ווין, ווו זי איז געווען מיט א פּאַרטיי־מיסיע אָסיען־צײַט 1925. ס'האָט זיך שוין דעמלט אָנגערוקט אף איר די סאַקאָנע ארעסטירט צו ווערן.

...די רירנדיק־הייסע שורעס פון די דאָזיקע בריוו רופן נאָך הײַנט ארויס כידעש און באַגײַסטערונג. וועלנדיק וואָס גיכער אומקערן זיך פון ווין אהיים, ווידער א נעם טאָן זיך צו דער ארבעט, דריקט כאַיע אויס איר דעמלטיקן צושטאַנד אין אזעלכע שורעס: „מיר ווייסן ניט, ווי עס וועט זײַן אונדזער ענדע, גיכער מיסטאַמע ניט מיט קיין אייגענעם טויט. נאָר דאָס שרעקט אונדז ניט. קאַמף ברענגט פרייד, מאַכט אונדזער לעבן פולער און רײַכער. איך וויל איין זאָך: קענען ארבעטן, קעמפן, און טאָמיד האָבן דאָס געפיל, אז איך לייג אויך ארײַן א ביילעק אין דער דאָזיקער גרויסער זאַך".

און אָט איז א צווייטער בריוו, וואָס זי האָט געהיים ארויסגעשיקט פון דער קלוזשער טפיסע. דאָ שרײַבט כאַיע ליפשיץ פאַרשטעלט, מיט רעמאָזים. „קראַנק געוואָרן" מיינט „ארעסטירט געוואָרן". „יענער געוויסער אנשטאַלט" הייסט „די סיגוראַנצע" אאַוו.

„כ'בין קראַנק געוואָרן אין טימישאָרע, — שרײַבט כאַיע. — פון דאָרטן האָט מען מיך איבערגעשיקט קיין אראַד, ווו איך בין געווען צוויי וואָכן. פון אראַד — קיין בוקאַרעשט, דאָרט האָט מען מיך געהאלטן פיר טעג. דערנאָך האָט מען מיך געשיקט קיין אָראַדיע־מארע, אָפּגעווען דאָרט נײַן טעג. ארום און ארום האָט מען מיך געהאלטן אין יענעם געוויסן אנשטאַלט אריבער דרײַ וואָכן. דו שטעלסט זיך מיסטאַמע פאָר, וואָס עס הייסט

זײַן דאָרט דרײַ וואָכן, און דורכגיין אַלע פּאַרגניגנס, מיט וועלכע עס איז באַרימט דער דאַזיקער אַנשטאַלט".

די אומענטשלעכע פּײַניקונגען האָבן כאַיען אַף קיין האָר ניט אײַנגעבראָכן, ניט אָפּגעשוואַכט איר אַנטשלאָסנקײַט אַרויסצוטרעטן אַפן פּראָצעס ווירדיק, געוואַגט, מיט אַ הויך־אויפגעהויבענעם קאָפּ.

„איך קלײַב זיך ריידן דרײַ שאָ... איך וועל זיי אַ וואָרף טאָן אין פּנים אַרײַן דעם גאַנצן עמעס..."

און אַזוי טאַקע האָט זי אַפן פּראָצעס געטאָן.

כ'בין דאַנקבאַר יאַשע קאַפּאַנסקין פאַר זײַנע היסטאָריש־רעוואָלוציאָנערע פאָרשונגס־אַרבעטן, אין וועלכע ס'איז פאַראַן ניט בלויז אָן אַ שיר פאַקטישע מאַטעריאַלן, נאָר זיי זײַנען אויך אָנגעלאָדן מיט טיף־רירנדיקער עמאָציאָנעלקײַט און מענטשלעכקײַט.

...כאַיע ליפשיץ, וואָס וואָלט אין פאַרגאַנגענעם דעקאַבער אַלט געוואָרן זיבעציק יאָר, גייט אום אין קעשענעוו אַ יונגע, אַ זעקס־און־צוואַנציקיאָריקע. איר נאָמען איז אַף די ליפּן פון אַלע קעשענעווער. זי לעבט אין געאָרגע מאַלאַרטשוקס דראַמע „כאַיע ליפשיץ", וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין היגן טעאַטער אַף פּושקינס נאָמען. זי לעבט אין דער נײַער גאַס פונעם קעשענעווער מיקראָראַיאָן רישקאַנאָווקע, וועלכע טראָגט דעם נאָמען פון דעם שוואַרצכיינעוודיקן קעשענעווער ייִדישן מיידל. „אוליצאַ כאַיע ליפשיץ"...

וואָס אין פידעלע שטעקט

כאָטש קעשענעוו איז זיך אין די לעצטע יאָרן שטאַרק צעוואַקסן, און די באַפעלקערונג זײַנע דערגרייכט שוין, קיין אײַנהאָרע, אַריבער אַ האַלבן מיליאָן, פונדעסטוועגן, אַז דו גייסט אַרויס אַפן לענין־פּראָספּעקט, צי, לאָמיר זאָגן, אַף דער פּושקין־גאַס, האָסטו ניט קיין געפיל פון ענגשאַפט, ווערסט ניט אויסגעמישט ווערן אינעם ריזיקן אוילעם, וואָס פאַרפלייצט שטענדיק ביידע טראָטואַרן אַף די גאַסן. פאַרקערט: קימאַט טאָמיד באַגעגנסטו אַ היימישן מענטשן, אַ באַקאַנטן, וואָס שטעלט זיך אָפּ מיט דיר כאַפּן אַ שמועס, אויספרעגן דיך דאָס און יענץ, נעמען מיט דיר אַ וואָרט אין מויל אַרײַן.

אַגעוו, אָט שפּאַנט טאַקע אַנטקעגן מיר דער דאָקטער סאַליק גענדלער. מיט סאַליקן האָב איך אויך געלערנט אינײנעם — אין איין מיטלשול. ער איז געווען אַ שטיל בענימעסדיק ייִנגל, האָט פאַרמאָגט, געדענק איך, גאַנץ ערנסטע מוזיקאַלישע פייִקײַטן. אַף די שול־אָוונטן פלעגט ער טאָמיד אַרויסטרעטן מיטן פידל באַם אַקסל. פלעגט מיט אַזאַ וואַזשנער פּאַרטראַכטקײַט שפּילן טשײַקאָווסקין, סען־סאַנסן, און דאָס בלאַנדע טשובריקל זײַנס אַפן שטערן פלעגט אַלעמאָל אַזוי באַדײַטנדיק און איבערלעבנדיק אונטערשפּרינגען... דערנאָך האָט ער פלוצעם, אַפּאַנעם אַף גאָר־גאָר לאַנג, באַהאַלטן דאָס פידל אין דעם טונקעלן פוטליאַר און אָנגעהויבן מיט דער גאַנצער ערנסטער לײַדנשאַפט שטודירן מעדיצין.

נאָכן מעד. אינסטיטוט איז דער דאָקטער גענדלער אַוועק אַרבעטן אין דער קעשענעווער „גיכער הילף" און זיך דאָרטן אויסגעלערנט ניט אײַלן זיך. (זאָל דער לייענער ניט מיינען, אַז דאָס איז אַזאַ וויציקער פּאַראַדאָקס, אָדער, כאַלילע, אַ רעמעז, אַז די „גיכע הילף" אונדזערע אײַלט זיך ניט איבעריק קומען אַהין, וווהין מע רופט זי. ניין, די קעשענעווער „גיכע הילף" איז גראָד זייער־זייער אַ גיכע. נאָר ווען די מאַשין מיטן רויטן קרייץ שטייט שוין בײַ דער טיר און דער דאָקטער זיצט באַם שווערקראַנקן צוקאָפּנס — אָט דעמלט דאַרף ער בעפּײַרעש קענען ניט אײַלן זיך.)

אין אונדזערע שמועסן מיטן דאָקטער גענדלער דערמאָנען מיר קימאַט טאָמיד אוסט־לאַבינסק. מיט דער דאַזיקער קאַזאַקישער סטאַניצע, ערגעץ אַפן טײַך קובאַן, איז דער דאָקטער גענדלער פאַרבונדן, קאָן מען זאָגן, מיט אַ בלוטיק־קרוווישער פאַרבונדנקײַט. ער שרײַבט זיך שוין ניט איין יאָר איבער מיט די אוסט־לאַבינסקער פּיאָנערן און קאָמיוגיסטן.

די מײַסע איז אַזאַ. דאָקטער גענדלער קער זיך אָן אַ שוועסטערקינד מיטן באַוווּסטן פּיאָנער מוסיק פינקענזאָן, וועמען די היטלעריסטן האָבן אין איין־און־פערציקסטן יאָר דערשאָסן אין דער סטאַניצע אוסט־לאַבינסק, אינײנעם מיט צענדליקער אַנדערע עוואַקויִרטע סאָוועטישע בירגער. דער קליינער מוסיק האָט דעמלט אַ פּאָר מינוט פאַרן דערשאָסן ווערן אַ נעם געטאָן דאָס פידעלע זײַנס און, ווי אַ מין ענטפער די ראָצכים, ווי אַ לעבנס־הימן ערעוו דעם טויט, אָנגעהויבן שפּילן דעם „אינטערנאַציאָנאַל". די דאָזיקע העלדישקײַט מוסיק פינקענזאָנס איז פּראָטימדיק באַשריבן געוואָרן אין אונדזער פּרעסע און דאָס גאַנצע לאַנד האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט.

נאַטירלעך, אַז די אוסט־לאַבינסקער שילער, דערשיטערטע פון דער נעשאָמעדיקער דערהויבנקײַט, וואָס דאָס דאָזיקע ייִדישע ייִנגעלע פון מאָלדאַוויע האָט אין זײַנע לעצטע רעגעס אַרויסגעוויזן, גאָרן דערוויסן זיך די סאַמע מינדסטע קלייניקײַטן וועגן דעם קורצן לעבן פון זייער וווּנדערלעכן כאַווער, וואָס איז דעמלט געווען אין דעם זעלבן עלטער, ווי זיי זײַנען, און וועמעס נאָמען עס טראָגט איצט די שול זייערע, ווו זיי לערנען זיך. זיי זוכן קעסיידער מאַטעריאַלן, וואָס האָבן אַ שײַכעס מיט מוסיק פינקענזאָנען, פאַרן שול־מוזיי. אַזוי האָבן די אוסט־לאַבינסקער יונגע שפּורן־זוכער אויסגעפונען דעם דאָקטער סאַליק גענדלער, מוסיק פינקענזאָנס נאָענטסטן קאָרעוו, וואָס איז איינער פון דער גאַנצער מישפּאָכע פינקענזאָן געבליבן לעבן.

דאָקטער גענדלער האָט זיי געשיקט פאָטאָגראַפיעס פון די היימישע ערטער אין מאָלדאַ־

וויע, ווי מוסיק איז געבוירן געוואָרן, ווי ס'האָבן זיך פֿאַר אים צום ערשטן מאָל אַנטפּלעקט די שיינקייטן פֿונעם לעבן, די דערהויבנקייט פֿון מוזיק.

דאָקטער גענדלער ייִכעסט זיך מיט זײַן העל־דישן שוועסטערקינד. באַ יעדער באַגעגעניש איז דאָס די געשמאַקסטע טעמע זײַנע. ער באַטאַפּט זיך די בוזעם־קעשענע און נעמט פֿון דאָרט אַרויס אַ קאָנווערט, באַווײַזט מיר אַ בריוו.

— אָט, — זאָגט ער, — מע פֿאַרבעט מיך קיין אוסט־לאַבינסק... עס שרײַבט מיר דער סעקרעטאַר פֿונעם אוסט־לאַבינסקער קאָמיוג... מע דאַרף, אַז אונדזערע קעשענעווער זאָלן אַלע זײַן געזונט, וועל איך מיר קענען אויסשטוקעווען אַ ביסל צײַט צוצופֿאָרן אַהין...

באַם געזעגענען זיך טוט ער מיטאַמאָל אַ זאָג:

— אײַ, וואָס אין פֿידעלע שטעקט! און איך האָב דאָס פֿידל מײַנס פֿאַרביטן אַף עפּעס אַנדערש. נאַר, כ'ווייס? — טוט זיך דער דאָקטער גענדלער שטיל אַ טרייסט. — ברענגען מענטשן אַ רפֿואה איז דען ווייניקער ווי שפּילן פֿידל?..

באַ יעקבֿעל שרײַבמאַנען

מײַן פֿרײַנטשאַפֿט מיטן פּראָזאַיקער יעקבֿעל שרײַבמאַן דויערט שוין קימאַט צוואַנציק יאָר. מיר זײַנען אײַנעם אויסגעפֿאָרן מאָלדאַוויע אין דער לענג און אין דער ברייט, אַרויסגעטראָטן צוזאַמען אַף באַגעגענישן מיט די לייענער. מיר זײַנען געווען אין בעלץ, אין סאָראָקע, אין אורהייעוו און אין קאַלאַראַש, אין קאַהול און אין טשאַדיר־לונגע.

כ'האָב איבערגעזעצט אַף רוסיש אַ סאַך זאַכן שרײַבמאַנס — זײַנע מיניאַטורן, נאָוועלן, דעם ראָמאַן „זיבעצניאַריקע". די אָפּדערנאַכטן, וואָס איך האָב מיט יעקבֿעלן פֿאַרבראַכט איבער די קסאַוויאַדן, האָבן מיר פֿאַרשאַפֿט גרויס פֿאַרגעניגן.

כ'האָב וועגן שרײַבמאַנען שוין ניט איין מאָל געשריבן, מערסטנס אין שײַכעס מיט אַ נײַ־דערשינענעם ביכל זײַנס. כ'האָב אויך אַנומלטן דערציילט אין דער פּרעסע די היגע לייענער וועגן זײַן נײַעם ווערק „יאָרן און רעגעס".

אויסטײַלנדיק איינע פֿון די אייקערדיקסטע אייגנשאַפֿטן אין יעקבֿעל שרײַבמאַנס שאַפֿן, האָט דער מאָלדאַווישער פּראָזאַיקער יאָן ק. טשאָבאַנו אונטערגעשטראָכן זײַן קענען אויסזוכן אינעם מענטשן „דעם ליכטיקן שטראַל פֿון מענטשלעכקייט". שרײַבמאַנס שפּעריִשער וועג טײַלט זיך אויס מיט זײַן קלאָרער אײַדיִיש־קינסטלערישער פּאָזיציע.

ווי אַ טײַך, וואָס נעמט אין זיך אַרײַן אַלע אַרומיקע ריטשקעלעך, וועלכע פֿלייצן צו אים,



אין אויסשטעלונג פֿון יעקבֿעל שרײַבמאַנס ווערק, געווידמעט זײַן 60־טן געבוירנטאָג

אַזוי האָט שרײַבמאַנס ראָמאַן „זיבעצניאַריקע" אַרײַנגענומען אין זיך דעם מעכאַבערס כאַראַקטעריסטישע שפּעריִשע מאַנירן און אייגנשאַפֿטן. ניט אומזיסט, אַפּאַנעם, האָט מיר שרײַבמאַן אין די טעג, ווען ער האָט געאַרבעט אַפֿן ראָמאַן, אַמאָל אַ זאָג געטאָן:

— עס דאַכט זיך מיר אויס, אַז אַלצדינג, וואָס איך האָב ביז איצט אָנגעשריבן, איז געווען אַ מין אַרײַנפֿיר, אַ מין צוגרייטן זיך, אַ מין לערנען זיך שרײַבן, קעדיי כ'זאָל קענען אָנשרײַבן דעם דאָזיקן אין טאָך גאָר קליינעם ראָמאַן...

דערנאָך האָט ער אַ לאַך געטאָן, צוריקגעכאַפּט זיך:

— נע. אויב מײַנע אַ נאָוועלע אַף אַנדערהאַלבן זײַטלעך קאָן האָבן אַן אָנהייב, אַ מיט און אַ סאָף, און קען זײַן אַ נאָוועלע, זײַנען הונדערט זײַטן ניט קיין קליינער ראָמאַן, נאָר אַ גרויסער ראָמאַן...

„זיבעצניאַריקע" איז אַ ווערק וועגן דעם וועג אין לעבן, וואָס דער מענטש קלײַבט זיך אויס נאָך אין די פֿריִע יאָרן זײַנע. ס'איז אַ ווערק וועגן ערלעכקייט, ריינקייט, נאַיִווקייט, שיינע ראָמאַנטישקייט. וועגן מענטשן, וואָס טראָגן אין זיך און זוכן אין אַנדערע „דעם ליכטיקן שטראַל פֿון מענטשלעכקייט". דאָס איז אַ ווערק, וואָלט איך געזאָגט, וועגן יענע „נאַראָנים", אַף וועמען עס האַלט זיך די וועלט,

אלקאָלפאָנעם די שיינקײַטן און דערהויבנקײַטן פון דער וועלט. דער ראָמאן איז אין א גרויסער מאָס אויטאָביאָגראפיש. דער לירישער העלד איז אויך איינער פון זיי. „זיבעצניאָריקע" איז א ווערק וועגן יענעם גילדענעם פאָרגעשריטענעם יונגווארג, אף וועמען אי די וועלט האלט זיך, אי זיי מאכן זי איבער.

שרײַבמאן האָט פארטראכט א נײַעם ראָמאן, א ווערק, וואָס דארף געבן די צײַט נאָך דער זיבעצניאָריקײַט. די צײַט „צווישן ראשקעוו און בוקארעשט". דער שרײַבער ארבעט איצט איבער א ציקל הײַנטצײַטיקע „קעשענעווער דערציילונגען". ער האָט נאָך אויך ניט פארענדיקט מיט דער טעמע ראשקעוו.

...ווען מיר פאָרן איניינעם ארויס אף באגעגענישן מיט לייענער, קלײַבט שרײַבמאן אויס אזעלכע ערטער, ווו ער וועט ארויסטרעטן פאר די צוהערער אף מאמע־לאָשן.

און אָט לייענט ער זײַנע א נאָוועלע אין א גרויסן ניי־צעך, אשטייגער, ווו ארום די לאנגע טישן שטייען צושנײַדערס מיט די סאנטימעטערס אף די העלדזער, און פרויען זיצן בא זייערע שטיל־געבליבענע ניי־מאשינעס.

איך זע, ווי אין זייערע אויגן הייבט זיך פאַמעלעך אָן באווײַזן א פריידיקער בליאסק. דער אוילעם, סײַ אלט, סײַ יונג, הערט דעם שרײַבער אופמערקזאם און מיט גרויסער האנאָע.

...אז די סאָוועטישע ליטעראטור איז א פילנאציאָנאלע, איז פארשטענדלעך: זי באשטייט דאָך פון ליטעראטורן, וואָס עס שאפן אזויפיל פעלקער פון אונדזער לאנד. די ליטעראטור אין איין באזונדערער סאָוועטישער רעפובליק איז אויך אָפט א פילנאציאָנאלע. אזוי איז, לעמאָשל, בא אונדז אין מאָלדאוויע. דאָס האָט מען גוט געקאָנט זען אין דעם טאָג, ווען שרײַבמאנס פען־ברידער האָבן אינעם לאָקאל פונעם קעשענעווער שרײַבער־פאריין געפײַערט זײַן זעכציקיאָריקן יובילײ.

באגריסן דעם יידישן קאָלעגע זייערן זײַנען, כוץ די מאָלדאווישע שרײַבער, געקומען אויך יענע, וואָס שרײַבן אף רוסיש, אף גאגאוזיש, אף בולגאריש.

ווי עס פירט זיך אין אזעלכע טעג, זײַנען, פארשטייט זיך, געזאָגט געוואָרן וועגן באליויול א סאך שוואָכים, דערבײַ א סאך איקערדיקס און אינטערעסאנטס. אלעקסאנדער קאָזמעסקו, וועלכער האָט איבערגעזעצט אף מאָלדאוויש שרײַבמאנס ווערק און קען דעריבער טיפער, ווי עמעצער אנדערש, זײַן שרײַב־מאניר, האָט אונטערגעשטראָכן דעם שרײַבערס שטרענגקײַט צו זיך, זײַן אומדערמידלעך שלײַפן די שורע און פארטיפן דעם געדאנק. ער האָט ציטירט שרײַבמאנס א זאָג, אז „מע דארף איבער דער שורע אזויפיל מוטשען זיך און אזוי זי פוצן, זי זאָל זיך באקומען ניט געמוטשעט און ניט געפוצט".

צווישן אלע מײַנע שול־כאווײרים איז וויטאליע ריקליס געווען דער פייִקסטער און, אין דער זעלבער צײַט, דער סאמע אניוועסדיקער. ריקליס איז מיר, אפאָנעם, געפעלן דערפאר, ווײַל די באשיידנקײַט זײַנע איז געווען עפעס גאָר פון אן אנדער מין: זי איז געקומען ניט פון צוריקגעהאלטנקײַט אָדער שוואכקײַט, נאָר, פארקערט, זי איז גיכער געווען נאָענט צו שטאָלצקײַט, צו אייגנווירדע.

כ׳געדענק, ווען מיר זײַנען נאָך געווען שילער, האָבן מיר איינמאָל זיך צערעדט, וואָס איז עס אזוינס „טאלאנט".

— טאלאנט איז א קוואל, וואָס ריזלט אין די טיפענישן... — האָב איך געטײַנעט. — אויב מע פארמאָגט אים שוין אפילע, דארף מען אים העלפן דורכשלאָגן זיך צום דרויסן, צו דער פרײַ...

— איך מיין פארקערט... — האָט וויטאליע געזאָגט. — אויב מע פארמאָגט אים שוין אפילע, דארף מען מיט אלע קויכעס אים שטערן ארויסצוּיאווען זיך. און אויב, ניט קוקנדיק דערויף, רײַסט ער זיך פונדעסטוועגן יאָ דורך, אָט דעמלט איז דאָס עמעסער טאלאנט!..

די דאָזיקע רייד זײַנען געווען זייער כאראקטעריסטיש פאר ריקליסן. די צײַט האָט מיר באוויזן, אז דאָס איז בא אים ניט פּאָשעט קאפוירע, „צעלאָכעסדיקע" פראזע, נאָר, מעגלעך, זײַן אני־מײַמין, זײַן לעבנס־קרעדאָ.

פארענדיקט די שול מיט א זילבערנער מעדאל, האָט וויטאליע ריקליס, לעהייפעך די אנדערע מיטשילער זײַנע, וואָס האָבן געשטרעבט ניט צו קיין וואָכעדיקע פראָפעסיעס, נאָר געטרוימט ווערן קאפיטאנען אף שיפן, אסטראָנאָמען, — אויסגעקליבן געוויינלעכע לערערײַ.

ער האָט פארענדיקט א פעדאגאָגישן אינסטיטוט און איז געוואָרן א לערער, שפעטער דירעקטאָר אין א דאָרפישער שול. און ער האָט אָפגעארבעט אין דאָרף ניט קיין דרײַ, נאָר פופצן יאָר.

דערנאָך האָט מען אים סאָפקאָלסאָף פארבעטן ארבעטן אין א פעדינסטיטוט. בעפיירעש פארבעטן: מאכמעס וויטאליע האָט זיך אליין קיינמאָל קיינעם ניט אָנגעבאָטן.

נאָר ניט וועגן דעם וויל איך איצט דערציילן. איך וויל דערציילן וועגן א צווייטן עפיזאָד, אין וועלכן עס האָט זיך ארויסגעוויזן וויטאליעס כאראקטער.

אין יענע יאָרן איז יונגווארג געווען פארליבט אין סימאָנאָוון — אין זײַן לײַדנשאפטלעכער ליריק, אין זײַנע מוטיקע פראָנט־לידער. ס׳איז, דאכט זיך, ניט געווען קיין איין באָכער, וואָס זאָל ניט געווען קענען אויסווייניק סימאָנאָווס באלאדע „דעם ארטילעריסטס זון" — ווו דער מאיאָר דייעוו שיקט אף אויסשפיר אין סוינעס הינטערלאנד ליאָנקען, זײַן כאווערס זון. און ווען די פאשיסטן האָבן דעם יונגיטשקן אויסשפירער דערטאפט, בעט דעמלט ליאָנקע, דורך

זייַן ראַציע, מע זאָל עפּענען אַ פֿײַער אױף דעם פּלאַץ, וווּ ער איז אַרומגערינגלט, אױף זיך, הייסט עס. און דער מאַיאָר שטעלט אָן אױף דער דאָזיקער סאָפּקע די באַטאַרייעס זײַנע...

האָב איך דען זיך געקאָנט דעמלט פֿאָרשטעלן, אַז סימאָנאָװוס „מאַיאָר דײַעוו״ איז וויטאַליעס פֿאָטער, יעפֿים סאַמסאָנאָװיטש ריקליס?

יאָ, דער שרײַבער קאָנסטאַנטין סימאָנאָוו האָט ניט איין מאָל געשריבן וועגן יעפֿים סאַמסאָנאָוויטשן, וועגן זײַן העלדישקייט אױפֿן פֿראָנט. נאָר וויטאַליע האָט דאָס קיינמאָל ניט דערציילט זײַנע כאַווײרים, קעדיי ער זאָל, מאָלט אײַך, ניט אויסזען קיין באַרימער.

...עס זײַנען דאָ מענטשן מיט אַן אַבסאָלוטן געהער. עס טוט זיי אַ שנײַד דעם אויער דער מינדסטער פֿאַלשער טאָן, וועלכן מענטשן מיט אַ ווייניקערער דינקייַט באַמערקן אַפֿילו ניט. וויטאַליע ריקליס, מיין איך, איז זייער עמפֿינדלעך צו דער קלענסטער פֿאַלשער נאָטקע אין דעם, וואָס הייסט לײַטישקייט. זײַן אַניוועסדיקייַט קומט בא אים אי פֿון שטאָלצקייַט, פֿון ווירדע, אי פֿון געוויסנהאַפֿטיקייַט, ערלעכקייַט, און דאָס גיט איר צו אַ באַזונדער מין באַדײַטונג.

עס בלײַבט צוצוגעבן, אַז אין פּעדינסטיטוט, אױף זײַן ליטעראַטור־קאַטעדרע, האָט מען וויטאַליע יעפֿימאָוויטש ריקליסן פֿאָרגעלייגט אַלס טעמע פֿאַר אַ וויסנשאַפֿטלעכער פֿאָרשונג קאָנסטאַנטין סימאָנאָװוס שאַפֿן. וויטאַליע יעפֿימאָוויטש האָט זיך געקווענקלט. מ׳האָט אים לאַנג דערוויזן, אַז ער האָט רעכט אױף דער דאָזיקער טעמע, אַלקאַלפֿאָנעם ניט ווייניקער ווי יעדער אַנדערער. סאָפֿקאָלסאָף האָט מען דעם „אַרטילעריסטס זון״ אײַנגערעדט.

<u>אָפּרופֿן, אויסזיכטן</u>

עס איז עפּשער קעדײַ צו ברענגען אַ פּאָר אַרויסזאָגונגען פֿון געסט, וועלכע האָבן באַזוכט אונדזער שטאָט.

„דער וויזיט מײַנער אין קעשענעוו — דאָס זײַנען די גליקלעכסטע טעג אין מײַן לעבן. כ׳האָב געהאַט דאָס געפֿיל, ווי כ׳וואָלט אַנטדעקט אַ נײַע ערד, באַפֿעלקערט מיט פֿריילעכע, לעבנסלוסטיקע, האָפֿערדיקע מענטשן...״ — שרײַבט דער פּראָפֿעסאָר פֿונעם האַרוואַרדער אוניווערסיטעט לויִס סאָלאַנאָ.

„באַזונדערס וואַרפֿן זיך אין די אויגן די אָן אַ שיר בויונגען. עס איז צו כידעשן זיך, ווי עס ווערן בא אײַך באַפֿרידיקט דעם מענטשנס ווינקבאַדערפֿעניש...״ — אַזוי זאָגט זיך אַרויס דאָס פֿאָרפֿאָלק האַנדעל פֿון מאָנטרעאַל.

אַזעלכע באַריוו קומען אָפּט אָן קיין קעשענעוו.

די באַשטימונג פֿונעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון קפּסס און פֿונעם מיניסטאָרן־ראַט פֿון פּססר, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין 1971, „וועגן די מאָסמיטלען צו אַנטוויקלען די שטאָט קעשענעוו״, איז אַ פֿריידיקע געשעעניש פֿאַר מאָלדאַוויע.

אױף איבערצואַנדערשן דאָס אויסזען פֿון דער שטאָט אַרבעטן פּראָיעקט־אינסטיטוטן פֿונעם גאַנצן לאַנד. אַשטייגער, אױפֿן פּראָיעקט פֿון איבערבויען דעם שטאָט־צענטער אַרבעטן די מאָלדאַווישע און לענינגראַדער אַרכיטעקטאָרן. פּראָיעקטן פֿון טוריסטיק־ און האַנדל־קאָמפּלעקסן האָבן צוגעגרייט די מאָסקווער ספּעציאַליסטן. לענינגראַד שאַפֿט פֿאַר אונדז דעם פּראָיעקט פֿון אַ 24־גאָרנדיקן האָטעל, אַ קינאָטעאַטער אױף 1200 פּלעצער, אַ נײַעם פּאָליגראַף־קאָמבינאַט. אינעם פּראָיעקט פֿון אַ שטאָט־ביבליאָטעק אױף אַ מיליאָן בענדער באַטייליקן זיך די טבילִיסער שטאָט־בויער. קיִעוו פּראָיעקטירט אַ בנין פֿאַרן קעשענעווער רוסישן דראַמאַטישן טעאַטער.

פֿינף יאָרהונדערטער און — געציילטע עטלעכע פֿינפֿיאָרן. עס קאָן זיך אויסדאַכטן, אַז ס׳איז ניט אַנטקעגנצושטעלן צוויי אַזעלכע ניט גלײַכע צײַט־אָפּשניטן. נאָר גראָד די דאָזיקע עטלעכע פֿינפֿיאָרן באַרײַכערן די שטאָט מיט אַזעלכע אַרכיטעקטור־אַנסאַמבלען, פּאַרקן, גאַסן, הײַזער, היסטאָרישע דענקמעלער, נײַ־געשאַפֿענע כיינעוודיקע ווינקעלעך, וועלכע פֿאַרעמען אויס דאָס פּאָנעם פֿון אונדזער שיינעם און ליבן קעשענעוו.

אירמע דרוקער

געזען און געהערט

טשערנאָביל

טשערנאָביל איז איינס פון די עלטסטע שטעטלעך אויף אוקראַינע. אין סאָף צוועלפטן יאָרהונדערט, אין 1193, ווערט טשערנאָביל שוין פאַרצייכנט אין דער איפּאַטיעווער כראָניק, ווי אַ ייִשעוו בײַ די ברעגן פונעם טײַך פּריפּיאַט.

פון די פאַרשיידענע טײַכן, בײַ וועלכע ייִדן האָבן געוווינט און געוויינט און פון וועלכע זיי זײַנען פאַרטריבן געוואָרן, פון די פאַרשיידענע גאָלעסן, יאָגענישן און פּלאָגענישן, — האָבן אין 400 יאָר אַרום בײַ זיבן הונדערט ייִדן געוואָרפן זייער גורל און געפּרוּווט זייער מאַזל בײַם פּריפּיאַט אין טשערנאָביל.

טשערנאָבילער כקירעניקעס האָבן בעשום־אויפן זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז זייערע אורעלטערן האָבן אויף אַזויפיל יאָרהונדערטן פאַרשפּעטיקט.

— אַז ס'זײַנען דאָ ייִדן, — האָבן זיי געהאַלטן אין איין דערווײַזן, — איז דאָ אַ שטעטל. הײַנט ווי זשע האָט געקאָנט זײַן אַ שטעטל אָן ייִדן? אײַ די היסטאָריע שרײַבט זיך אירס, איז דאָס פּאַשעט דערפאַר, ווײַל די ערשטע טשערנאָבילער ייִדן האָבן אויסבאַהאַלטן זייער ייִדישקײַט, זיי זײַנען הונדערטער יאָרן געווען ניסטערס, ביז זיי איז געגעבן געוואָרן דער צײַכן זיך אַנטפּלעקן.

טײַערע בני־איר מײַנע, איר האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן דאָס שטעטל אָן ייִדן אַפילע אין דער ווײַטער פאַרגאַנגענהײַט, ווען קיין ייִדישער פוס האָט נאָך דאָ ניט געטראָטן. און אוואַדע און אוואַדע האָט איר זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, ניט געקאָנט פאָרויסזען, אַז עס וועט קומען אַ צײַט, ווען עס וועט אויסברעכן די גרעסטע מאַגייפע פון אַלע מאַגייפעס — דער פאַשיזם, און טשערנאָביל וועט בלײַבן „יודענריין”...

די ערשטע טשערנאָבילער ייִדישע אײַנוווינער האָבן זיך באַזעצט בײַם סאַמע ברעג פונעם פּריפּיאַט. בײַ אַזאַ טײַך וועט מען שוין פון דאָרשט און פון הונגער ניט אויסגיין. מ'האָט פאַרזייט גערטנער, פאַרפלאַנצט סעדער, אַז ס'זאָל זײַן צו די פיש און נאָך די פיש מיט וואָס צו פאַרבײַסן.

ניט ווײַט — אַרום און אַרום — פּאָליעסער וועלדער, אַזוי אַז ס'איז געווען פון וואָס און מיט וואָס צו בויען, מיט וואָס צו הייצן, מיט וואָס צו דערוואַרעמען זיך אין די גרויסע, בייזע ווינטער־פרעסט.

האָבן זיך גוטע קלאַנגען וועגן טשערנאָביל פאַרשפּרייט — ס'איז אַ געבענטשט אָרט! און די קלאַנגען האָבן גערופן, געצויגן און געבראַכט אַהער פון מאָל צו מאָל אַלץ מער נײַע אײַנוווינער.

ווען דער ברעג און העכער דעם ברעג זײַנען שוין געווען פאַרבויט מיט הילצערנע הײַזקעס, האָט מען זיך פון דער נידער געהויבן אין דער הייך און גענומען בויען הײַזער אויף ביידע ברעג פון רעכטס און פון לינקס. אָט אַזוי איז טשערנאָביל געוואָרן אַ מין קליין קיִעוו — מיט אַ פּאָדאָל, מיט אַן אונטן און מיט אַן אויבן.

דער אויבן האָט געטרונקען דאָס וואַסער פון אונטן, און אויך פיש האָט פאַר אים געקלעקט. און וואָס שײַעך גערטנער און סעדער, האָט ער גענוג ערד פאַרמאָגט.

אַ שטעטל — איין גרויסער סאָד, אַ ווײַניק שטעטל!

פאַר מײַן לעבן איז מיר אויסגעקומען פאַרזוכן פּיירעס פון פאַרשיידענע געגנטן, פון פאַרשיידענע ערדן, נאָר ביז איצט איז צווישן אַלע

טאמען דער געשמאקסטער טאם, דער זאפטיקסטער, ווײַניקסטער רייעך — פון די טשערנאָבילער עפּל, בארן און פלוימען, וועלכע איך האָב שוין ניט פארזוכט העכער פופציק יאָר.

אזוי אויך איז מיט די טשערנאָבילער הימלען. אזויפיל הימלען שוין געזען אין מײַן לעבן, און אלע הימלען ווערן פארהימלט פאר מיר מיט די טשערנאָבילער הימלען. זיי, די טשערנאָבילער הימלען, פלעגן אראָפּנידערן אַף דער ערד, און איך האָב געשפּאנט איבער זיי און געזען דעם גאניידן מיטן גענעם, די אָנצאָליקע מאכנעס זינדיקע און געלײַטערטע נעשאָמעס, געהאט נאכעס פון די צאדיקים פארן שיינעם כיילעק אוילעם־האבע, וואָס זיי האָבן באקומען פאר ניט האָבן אוילעם־האזע, געהאט צאר פאר די רעשאָים, וואָס איבער זייער אוילעם־האזע האָבן זיי ניט קיין ברעקל אוילעם־האבע.

די טשערנאָבילער הימלען זײַנען געווען לויטערע, גוטע, ערלעכע און געטרײַע הימלען. אין דער קינדהײַט האָבן זיי ניט געוואָלט צעשטערן מײַנע פאָרשטעלונגען, מײַנע זעונגען. און ערשט דאן, ווען איך בין עלטער געוואָרן, האָבן זיי דורך דער שײַן פון בליצן באוויזן, אז זיי זײַנען ליידיק, אז אין זיי איז קיין סימען ניטאָ פון דעם אלץ, אין וואָס מ׳האָט מיך אײַנגערעדט, אין וואָס איך האָב געגלייבט, וואָס איך האָב זיך פאָרגעשטעלט און מיט פארמאכטע אויגן געזען, ווי איך זע מיט אָפענע אויגן די זון, די לעוואָנע און די שטערן.

אין די טשערנאָבילער הימלען האָט זיך גאָט פאר מיר אנטפלעקט, און פון די טשערנאָבילער הימלען איז ער פארשוווּנדן פון מיר.

די הויכע שול

פון קיִעוו ביז טשערנאָביל, מיטן טײַך, איז הונדערט און צוואנציק קילאָמעטער. באם אײַנגוס פונעם פּריפּיאט אינעם דניעפּער פלעגן פונדערווײַטן דעם ערשטן באָרעכהאבע און די ערשטע שאָלעם־אלייכעמס אָפּגעבן די צוויי קלויסטערס, דער קאָסטיאָל און די הויכע שול.

באם ערשטן באָרעכהאבע און בא די ערשטע שאָלעם־אלייכעמס פלעגן ניט איין מאָל פאָרקומען מאכלויקעסן צווישן די פאסאזשירן: די קלויסטער־ און קאָסטיאָל־לײַט פלעגן האלטן אין איין דערווײַזן, אז פריִער פון אלץ דערזעט מען די קלויסטערס מיטן קאָסטיאָל און ערשט דערנאָך די סינאגאָגע, און די טשערנאָבילער יִידן האָבן אפן ערשטן אָרט געשטעלט די הויכע שול. ס׳איז אָפּהענגיק, ווי איינער קוקט, ווי איינער זעט.

— ווער האָט געבויט די שול? — האָט געפרעגט א דאָר נאָך א דאָר, האָבן געפרעגט די אָנגעפאָרענע, און קיינער האָט ניט געקאָנט געבן קיין קלאָרן ענטפער.

צווישן די פּילצאָליקע אויסשניצונגען אין שול, אין דעם סאמע באשיידנסטן און פארוואָרפנסטן ווינקל ערגעץ־ווו מיט קליינע דריבנע אויסיִעס איז ניט געווען צו געפינען דעם נאָמען פונעם מעכאשעף, וואָס האָט אזויפיל קישעפדיקן ווונדער באוויזן, וואָס האָט אזויפיל כיִעס און אזויפיל הייס פליסיק בלוט ארײַנגעטריפט אין יעדן זײַל. אמאָל־אמאָל זײַנען זיי, די זײַלן, ביימער געווען, ביימער מיט וואָרצלען און מיט צווײַגן, זיי האָבן אין וועלדער געלעבט, געבליט, גערוישט און אויסגעהוליעט זייער יוגנט. זײַנען העק זיי באפאלן, האָבן זיי זעגן געפאלמעסט, און דער מעכאשעף האָט, ווי אין דעם יעכעזקל־טאָל פון די טויטע ביינער, פארייניקט א סטויפּ צו א סטויפּ, א ברעט צו א ברעט — און ס׳איז געשען דער נעס פון טכיִאס־האמייסים.

דער אומבאוווּסטער בויער האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט זײַנע זײַלן, מיט זײַנע גאלערייען, מיט זײַנע שניצערײַען, און זײַן גײַסט האָט געשוועבט און געלויכטן מיט דער סימכע פון באשאפן און מיטן צאר פון די טיקן־טאָעסן, וואָס וואָלטן געקאָנט ארײַנגעטראָגן ווערן אהער. אָט דער שיינער אומרויִקער גײַסט איז ווייניק־וואָס אָנגעגאנגען זײַנע בניי־דאָר, און ער איז פארגעסן געוואָרן און קיינמאָל ניט דערמאָנט געוואָרן פון די קומענדיקע דוירעס. דערפאר אָבער האָט מען אין טשערנאָביל פארצייכנט אין די פּינקאָסים, געדענקט און דערמאָנט די רײַכע מענאדווים, וואָס האָבן געהילץ און געלט געשענקט אַף בויען די הויכע שול.

כסידים האָבן די הויכע שול פארעכנט פאר א מויפעס, פאר איינעם פון די גרעסטע מאָפסים. דער רעבע האָט באפוילן איינעם א יִידן, וואָס האָט קיינמאָל קיין האק אין האנט ניט געהאלטן, ער זאָל בויען — האָט ער געבויט און אויסגעבויט.

כסידים פון א צווייטן דאָר, פון א שפּעטערדיקן רעבן האָבן ניט אָפּגעפרעגט דעם מויפעס, זיי האָבן אים נאָר אנדערש אופגענומען און אנדערש אויסגעטײַטשט — דער, וואָס האָט געבויט די שול, האָט גראדע יאָ א האק געקענט האלטן אין דער האנט, ער איז געווען א פּאָשעטער בויער, אים צו הילף איז געקומען דער שטאָטישער שניצער. און קלאָר, אז די גרעסטע הילף האָט דערבײַ ארויסגעוויזן דער רעבע אליין: ער האָט דעם בויער און דעם שניצער געבענטשט, אז אַף זיי זאָל רוען דער רועך־האקוידעש פון דעם גרויסן מישקן־מײַסטער, פון בעצאלעלן, דעם זון פון אורי, דאָס אייניקל פון כורי, וועלכער האָט געהערט צום שייוועט יעהודע. האָט ער גערוט, דער רעבע, און זיי, דער בויער און דער שניצער, האָבן ווונדער באוויזן.

די שול איז געווען אומגעהייער גרויס. גלײַך באם ערשטן ארײַנגאנג פלעגט מען זיך מאמעש פארלירן, די אויגן פלעגן אומרויִק ארומלויפן הין און הער און ניט געקאָנט צו זעט זיך אָנקוקן אפן גרויסן אָרן־קוידעש, אַף וועלכן כײַעס און פויגלען האָבן געלעבט בעשאָלעם, אַף די ברייטע געשניצטע זײַלן, אַף

די גאַלערייען ארום און ארום, אַף די אייבערשטע פּיסעם־און־ראַמסעס־באַפּוצונגען, ווי אין טשערנאָביל האָט עס געהייסן.

אַף יעדן זײַל, אַף יעדער באַזונדערער הייך האָבן פֿויגלען זיך נעסטן געבויט, פֿלעגן פראַנק־און־פרײַ ארומלויפן היין און הער און זינגען שירע.

ערטער, פונוואַנען אַרײַן און אַרויס, זײַנען דאָ איבערגענוג געווען פאַר די פֿויגלען. פֿאַרשיידענע כאַלעלס אין די ווענט, אָפענע פענצטערלעך פון אויבן. מיט איין וואָרט, א שול פון געמישטע מיספּאַלעלים — ייִדן און פֿויגלען צוזאַמען.

ווינטער, ווען די מיספּאַלעלים פלעגן צעזייט און צעשפּרייט ווערן איבער אַלע שולן און באַטעמעדראָשים פון שטאָט, ווײַל די שול פלעגט ניט באַהייצט ווערן, פלעגן א סאַך פֿויגלשע מיניאָנים דאָ פאַרבלײַבן, אַז די שירע און טפילע צו זײַן ליבן נאָמען זאָלן, כאָלילע, ניט איבערגעריסן ווערן.

א כאַזן א טענאָר האָט דאָ ניט געטויגט, מיט א קאָוועלאַטור האָט מען דאָ אויך גאָרנישט ניט געקאָנט אופטאָן, א קאָל דמאָמע דאַקע, א פאַלצעט, פלעגט דאָ דערשטיקט ווערן אינווייניק און ניט באַווײַזן איבערלאָזן נאָך זיך דעם מינדסטן ווידערקאָל.

דאָ האָט מען באַדאַרפט א שאַאַגאַס אַרי, א קאָל פון א לייב. די כאַזאָנים פון דער הויכער שול האָבן טאַקע געהייסן „די הוקאַלקעס", די שרײַער, וואָס האָבן געהוקעט, ווי פאַרבלאָנדזשעטע אין וואַלד, וועמענס ווידערקאָל עס טראָגט זיך פאַנאַנדער ווײַט און מע ווייסט ניט פונוואַנען.

גרויס איז געווען די הויכע שול, און אין מײַנע אויגן האָט זי אויסגעזען א סאַך גרעסער, ווי זי איז אָפּדערעמעסן געווען. כ'האָב אַלע גרויסקײַטן איר אָוועקגעגעבן, מיטן בייס־האַמיקדעש זי פאַרגליכן, און ווי וועגן בייס־האַמיקדעש, פלעג איך שטענדיק שטאָלצירן און זאָגן וועגן איר: ווער ס'האָט ניט געזען די טשערנאָבילער הויכע שול, האָט קיין שיינס ניט געזען. אַפילע ווען איך בין עטוואָס עלטער געוואָרן און איבערגעלייענט וועגן דער גרויסער אַלעקסאַנדרי׳ער שול, וואָס אין מיצראַ׳ים, איז די טשערנאָבילער שול אַף א האָר ניט פאַרמינערט געוואָרן אין מײַנע אויגן. כ'האָב זיי פאַרגלײַכט, און דער פאַרגלײַך האָט זיך בא מיר געגלײַכט.

צוויי זײַלן מיט שורעס בענק ארום־און־ארום, איינע העכער פון דער אַנדערער, ווי גאַלערייען, זײַנען געווען אין דער אַלעקסאַנדרי׳ער שול. זײַלן און בענק זײַנען אויך דאָ, אין דער טשערנאָבילער הויכער שול, געווען.

אינעם ביכל וועגן דער אַלעקסאַנדרי׳ער שול איז געווען געשריבן, אַז צוויי מאָל זעקס הונדערט טויזנט מענטשן האָבן געקאָנט אַרײַן אין איר, צוערשט א ביסל געענגט, נאָר באַם דאַווענען האָט זיך אַן עלנבויגן אין אַן עלנבויגן ניט אָנגערירט. דאָס איז שוין געווען אַפילע צופיל פאַר מײַן קינדערשער פאַנטאַזיע — האָב איך די צוויי מאָל זעקס הונדערט טויזנט צעטיילט אַף צוויי טיילן: א העלפט פאַר דער אַלעקסאַנדרי׳ער שול און א העלפט פאַר דער טשערנאָבילער.

גאָלדענע קאַטעדרעס זײַנען אין דער אַלעקסאַנדרי׳ער שול געשטאַנען פאַר די סאַנהעדערן, די געזעצגעבערס — האָב איך זיי מעוואַטל געמאַכט. אַף וואָס באַדאַרף האָבן די טשערנאָבילער שול צענדליקער קאַטעדרעס, אַז ס'איז דאָ איין מייער דער דײַען, און די ראַבײ׳ים, דער אַלטער און דער יונגער, זײַנען פאַרנומען מיט א סאַך וויכטיקערע זאַכן.

געפעלן געוואָרן איז מיר אין דער אַלעקסאַנדרי׳ער שול דאָס, וואָס זי האָט פאַרמאָגט א גאַנצע מאַכנע מיט שאַמאָסים, יעדערער מיט א טוך אין דער האַנט, און אַלע צוזאַמען האָבן זיי געפאָכט מיט די טיכער, אַז די, וואָס זיצן פונדערווײַטן און הערן ניט, זאָלן דערזען און ענטפערן „באָרוך הו ובאָרוך שמוי" און „אָמיין". האָב איך אַף זיך גענומען, אַז ווי נאָר איך וועל עלטער ווערן און האָבן א דייע אין קאָהאָל, זאָל איך אײַנפירן אין דער טשערנאָבילער הויכער שול דעם מינהעג פון פאָכן מיט די טיכער.

אין דער אַלעקסאַנדרי׳ער שול איז מען געזעסן ניט צונויפגעמישט, נאָר צעכנווײַז: גאָלדשמידער, שלאָסערס, קעסלערס, וועבער — יעדערער באַזונדער לויט זײַן פאַך, און אַז אַן אוירעך איז געקומען, האָט ער זיך גלײַך געזעצט צווישן זײַן צעך. האָב איך דעם מינהעג אָפּגעוואָרפן: מיר איז געווען א סאַך נעענטער צום האַרצן דאָס, וואָס אין דער טשערנאָבילער שול זײַנען אַלע פאַכן, אַלע צעכן צונויפגעמישט געווען צוזאַמען. דאָ, אין דער טשערנאָבילער שול, האָבן געדאַוונט שוסטערס, וועלכע האָבן זיך ניט געוואָלט אָפּטיילן אין זייער באַזונדערן שוסטערשן בעסמעדרעש, קאַראַבייניקעס, אָרעמע קרעמערלעך, וועלכע האָבן ניט געוואָלט זיך פאַרייניקן מיט די רײַכע באַלעבאַטים, מיט די פּניי פון קאָהאָלשן בעסמעדרעש. דאָ האָבן געדאַוונט שנײַדער, וואָס האָבן געוואָלט זײַן צוזאַמען מיט די שוסטערס, באַלעגאָלעס, שמידן, בלעכערס, באָנדערס.

אַלע פון די ענגע שטיקנדיקע הײַזקעס, וווּ עס האָט אויסגעפעלט פרישע לופט, האָבן כאָטש איין מאָל אין דער וואָך — שאַבעס און עטלעכע מאָל אין יאָר — אין די יאָמטויווים זיך אָנגעטאָן דעם ווײַלטיק פון ראַכוועס, דעם ווײַלטיק פון אָטעמען פרײַ מיט פרישער לופט.

איבער זאַמדן און איבער בלאָטעס

זאַמד, א סאַך זאַמד האָט טשערנאָביל פאַרמאָגט. זאַמד אין אַלע גאַסן און אין אַלע געסלעך.

האָט אויסגעבראָכן א ווינט — האָט זיך אופגעהויבן א שטויב־געווירבל, האָט זיך געדוכט,

אז טשערנאָביל וועט לײַכטער אָפּטעמען. און צום סאָף — ווער וואָס, דער אוועקגעטראָגענער שטויב־געווירבל האָט זיך ניט געזוכט קיין נײַ אָרט, פאַרקערט, וויפל שטויב־געווירבלען ער פלעגט באגעגענען אין וועג, פלעגט ער זיי מיטנעמען מיט זיך, און טשערנאָביל פלעגט ווערן זאמדיקער און זאמדיקער.

א צאר איז געווען צו קוקן אַף די פערד, אַף די פּויערשע און באלעגאָלישע פערד. די אויסגעטריקנטע, ניט געשמירטע רעדער אָכצן און קרעכצן, און די פערדלעך שטרענגען אָן אלע זייערע קויכעס, אז דאָס קײַקלען און דרייען זיך פון די רעדער זאָל ניט איבערגעריסן ווערן.

נאָר אָט פארהריזנען די רעדער אין אזא טיף, ווו יעדער קלאנג זייערער ווערט פאַרשאָטן און פאַרשטיקט. די פערדעלעך שטרענגען אָן זייערע אויערן, זיי דערשרעקן זיך פאַר דער שטילקײַט, גיבן זיך א ריס און א צעפּודזשע און ראַטעווען ארויס די רעדער, און ווידער אָכצן זיי און ווידער קרעכצן זיי, און אנטקעגן — ווידער זאמדן און זאמדן.

דער ביטערסטער גוירל איז אויסגעפאלן אַף די פערד פון די וואסערפירער. פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאכט פלעגן זיי שלעפּן בארג־ארוף פונעם פּריפּיאַט פולע פעסער מיט וואסער. א פולע פאס מיט וואסער איז שווער, בארג־ארוף איז שווער, עס סטײַען קיין קויכעס ניט, מע שטייט צו, און וואָס מער מע שטייט צו, אלץ מער בײַטשן, מער שטעקנס און אלץ מער „פאָהיבעלס“, און אלץ מער „טשערנאָהיבעלס“ פלעגן פליִען איבער די פערדס קעפּ (די טשערנאָבילער פלעגן זיך שעלטן מיט טשערנאָביל — „א טשערנאָהיבעל אַף דיר!“).

פון איין צאָרע ארויס, און אין דער צווייטער ארײַן — האָט זיך פאַרענדיקט דער בארג־ארוף, האָבן די זאמדן גענומען פאַרשווערן דעם גאנג, און ווידער בײַטשן, און ווידער שטעקנס, און ווידער קלאָלעס.

האנאָע און פאַרגעניגן פון דעם זאמד האָבן געהאט בלויז די סאוויונסקע קינדער, די סאוויונטשיקעס. סאוויון האָט געשטאמט פון א שלעכט וואָרט, פון א ביטערן שוירעש. ער איז באהעפט געוואָרן פון צוויי ווערטער: „סארא עוויען“, אין מערצאָל איז עס געווען א צאָראַס ראבים — סאוויונעס. אַף יעדן אָקסן־הענדלער, אַף יעדן וואלד־סויכער, אַף יעדן גארבער, אַף יעדן בערלינשטשיק, אַף יעדן רײַכן קרעמער זײַנען אין טשערנאָביל געווען קאפּצאָנים מיקאָל האאמינים אין די הונדערטער. אַף יעדן שיניק, א ייִד, וועלכן מ'האָט געשאצט אין דרײַ הונדערט רובל, אַף יעדן ריישניק, א צווייהונדערטרובלדיקן נאָגיד, אַף יעדן קאנער, וואָס האָט אָפּגעשפּאָרט זײַן אייגנס ק'ן — הונדערט פופציק רובל, — צענדליקער און הונדערטער, וואָס האָבן קיינמאָל קיין לעבעדיק קערבל ניט געזען אין די אויגן.

די אָרעמקײַט האָט זיך געפּרוכפּערט און געמערט, און פאַר זיי איז מער קיין אָרט ניט געבליבן צווישן די סאָכרים, קרעמער און פעסטע באלעבאטים, און ס'איז אויסגעוואקסן א נײַ שטעטל פון ענגע און שמאָלע געסלעך, פול און פיל מיט סאוויונעס און מיט סאוויונטשיקעס.

דער הייסער זאמד האָט געבריט די באָרוועסע פיסלעך פון די סאוויונטשיקעס, ווי ווינטער אַף די אָפּן־אויוונס. גרויס איז געווען דער פאַרגעניגן פון בראָדזשען און זינקען מיט די פיסלעך אין זאמד. די מערהײַט סאוויונטשיקעס האָבן געליטן אַף דער „ענגלישער קרענק“, וואָס האָט זיי באגליקט מיט דינע פיסלעך און מיט גראָבע בײַכלעך. די דאָקטוירים האָבן געהאלטן, אז קיין בעסערע רעפוע פאַר זיי, ווי דער טשערנאָבילער הייסער זאמד, איז גאָר אַף דער וועלט ניטאָ.

טאטעס און מאמעס האָבן ניט געשריגן, ניט געשטערט און געהייסן — נאָך און נאָך! בראָדזשע נאָך א ביסל, מײַן קינד, אינעם הייסן זאמד, זאָל עס דיר זײַן צו רעפוע, בראָדזשע נאָך א ביסל!

אָבער פרילינג און הארבסט, ווען דער זאמד פלעגט פאַרוואנדלט ווערן אין איין גרויסן בלאָטיקן יאם, פלעגן אפילע די סאוויונטשיקעס פאַרשעלטן יעדעס זעמדל, וואָס האָט זיך געלאָזט פאַרקוואטשען אין דעם גרויסן אומענדלעכן קוואטש.

באזונדערס בייז זײַנען געווען די בלאָטעס אַפּן שול־הויף, בא די יאטקעס און אַפּן מארקפּלאץ. צענדליקער קלאדקעס האָבן זיך ארויסגעריסן פון אונטער די פיס, און מענטשן האָבן זיך געקויקלט אין די בלאָטעס, געגוואלדעוועט און געשריגן, פונקט ווי זיי וואָלטן צו גרונט געגאנגען.

ניט איין פּאָר טיפע קאלאָשן און באָטן זײַנען אראָפּגעריסן געוואָרן פון די פיס, און מ'האָט ניט געוווּסט, וווהין זייער געביין איז אהינגעקומען.

אזא קויעך, האָבן די טשערנאָבילער געהאלטן, איז אומעגלעך פאַר דער סאמע קלעפּיקסטער און סאמע טיף אראָפּציִענדיקער בלאָטע. ניט אנדערש, אז אין אָט די בלאָטעס פּרוכפּערן און מערן זיך ניטגוטע, מאזיקים, שיידים אפצולאָכעסניקעס, וואָס האָבן א באזונדערן פאַרגעניגן פון טרעטן א ייִדן אין דער בלאָטע, פון אראָפּרײַסן פון זײַנע פיס די טיפסטע קאלאָשן, וועלכע ס'איז ניט אזוי גרינג אָנגעקומען צו קויפן.

אין די סאוויונסקע הײַזער, ווו איין פּאָר שטיוול האָט געדינט פאַר א גאנצער מישפּאָכע, האָבן די שטארקסטע שטיוול לאנג ניט אויסגעהאלטן, די צעווייקטע פּאָדעשוועס פלעגן עפענען מײַלער און די פיס פלעגן זיך אָנזשליאָקען מיט בלאָטע ביז שיקער צו ווערן.

סארא ביטערער טאם! ווײַל ניט נאָר די פיס זײַנען דאָ באוולט, נאָר אלע אייווורים פונעם גוף.

דער סאוויון מיט די צעריסענע שטיוול דערפילט זיך, גלײַך אלע בלאָטעס זאָלן, ווי א

טשאטע הינט, אים באפאלן, און אלע צוזאמען זאָלן זיי אים שפײַען אין פאָנעם.

דאָ אף די ערטער, ווו די בלאָטעס האָבן געהאט די גרעסטע שליטע — אפן שול־פלאץ, בא די יאטקעס און אפן מארק־פלאץ, — האָט זיך פארלאָפן א מײַסע, וואָס האָט אופגערודערט גאנץ טשערנאָביל און איז א סאך מאָל דערציילט געוואָרן בא אונדז אין שטוב.

אין איינעם א פינצטערן אפדערנאכט איז מיט א לאמטערן אין האנט א סטאָליער־יונג, א סאוויון, ארויס שפאצירן מיט זײַן געליבטער, א נייטערן א סאוויונקע.

ווו עס האָט זיך געלאָזט, האָט דער סטאָליער־יונג דורכגעטראָטן פאר דער נייטערן סטעזשקעס, און זי איז בעשאָלעם דורכגעגאנגען און נאָכגעגאנגען נאָך אים. אָבער דאָרט, ווו ס׳איז אומעגלעך געווען, האָט ער זי געכאפט אף די הענט און איז מיט איר דורכגעלאָפן, דורכגעשפרונגען, פון איין בלאָטע ארויס און אין דער צווייטער ארײַן.

דער נייטערן — אין דער דערציילטער מײַסע האָט זי געהייסן „די הולטײַקע” — איז עס שטארק געפעלן געוואָרן, זי האָט אים ארומגעכאפט מיטביידע הענט און געהאלטן זיך אין איין נורען און פעסטער זיך צודריקן צו אים.

ניט ווייניקער, ווי דער הולטײַקע, איז עס אים, „דעם הולטײַ” — אזוי האָט אין דער מײַסע געהייסן דער סטאָליער־יונג — שטארק געפעלן געוואָרן, און ער האָט געזוכט א טיפערע בלאָטע, און וואָס טיפער — אלץ פלינקער האָט ער זיך געטראָגן איבער די בלאָטעס, גלײַך ווי די ליבע האָט דאָ לעקאָוועד אים פאנאנדערגעשפרייט פערסישע טעפיכער.

פון דער דאָזיקער מײַסע דרינגט ארויס, אז טאקע גערעכט זײַנען די מיילי־יושערס, וועלכע האָבן געזאָגט, אז ליבע איז ווי גאָלד — זי שײַנט אפילע פון בלאָטע ארויס.

גאָטס געטרײַע דינער אָבער האָבן מיקויעך דער געשיכטע געהאלטן, אז ניט געקוקט אף דעם, וואָס די אווירע איז געטאָן געוואָרן אין דער פינצטער און עס האָבן דאָס געזען בלויז עטלעכע דורכגייער, איז דאָס פאָרט א בעפארהעסיע־אווירע, פאר וועלכער גאָט וועט זיי שטראָפן מיט נאָך טיפערע און מיט נאָך ערגערע בלאָטעס...

פינצטער און וויסט זײַנען באזונדערס די בלאָטעס געווען פאר די פערד, זיי האָבן זיך מאמעש אין זיי געטרונקען. אף צו דערטרונקען ווערן זײַנען, עמעס, די בלאָטעס געווען ניט גענוג טיף, און אף ארויסנעמען די פיס פון זיי זײַנען זיי געווען גענוג קלעפיק און גענוג הארטנעקיק.

אין דער יוגנט, ווען איך האָב געווינט אין קיִעוו און שוין געקענט אָשער שווארצמאנס לידער אף אויסווייניק, פלעגט דאָס „ניאָקען און וויאָקען” און „טאפן אין דער פינצטער” פון שווארצמאנס ליד „אין א הארבסטיקן אָוונט” שטענדיק אופוועקן אין מײַן זיקאָרן דאָס בילד, ווי א שרעקלעך ניאָקען און וויאָקען האָט איבערגעריסן מײַן געשמאק לייענען און מיך ארויסגעשלעפט אין דרויסן.

אָט זע איך יאנקעוו־יאָסל דעם וואסערפירערס פערדל, וואָס איז ביזן בויך אײַנגעזונקען אין בלאָטע, זײַנע דארע אויסגעדייווערטע ביינער טרישטשען פון דער בײַטש און פונעם שטעקן, וואָס הערן ניט אוף זיי צו מאזיקן. דאָס פערדל ריטשעט און שרײַט אף זײַן פערדישן לאָשן: איך קאָן ניט! פארוואָס שלאָגסטו מיך? דערהארגע מיך שוין — און א סאָף זאָל עס נעמען!”

נאָר יאנקעוו־יאָסל ווייסט ניט פון קיין ראכמים, ער שלאָגט, שרײַט און שעלט:

— א מיסע־מעשונע זאָל קומען אף דיר און אף מיר צוזאמען! איך דארף דאָך נאָך פינף פעסלעך וואסער פאנאנדערפירן פאר מײַנע באלעבאטים! א פאָהיבעלי! א טשערנאָהיבעל אף דיר!

איך בין אן אופגערודערטער ארײַנגעלאָפן אין שטוב, פארמאכט דאָס ביכל, זיך געפילט שולדיק פאר יאנקעוו־יאָסלען, פאר זײַן אומגליקלעך פערדל, פאר אלע סאוויונעס, און איך האָב טפילע געטאָן, געבעטן מיט אָשער שווארצמאנס נאָך דאן ניט באשאפענעם געבעט: „פארגיב מיר, מײַן גאָט, פאר פײַער, וואָס ברענט דאָ...”

די צווייטע מאקע נאָך די בלאָטעס זײַנען אין טשערנאָביל געווען די כראפעס. כראפעס — דאָס זײַנען געווען די זעלבע בלאָטעס אין זייער סאמע הארבסטער הארטקײַט, אין זייער פארפרוירענער רישעס, וואָס די ערשטע פרעסטלעך פלעגן ארײַנהויכן אין זיי.

די מעמשאָלע פון די כראפעס פלעגט דויערן ביזן ערשטן טיפן שניי, ביז עס פלעגט זיך אוועקלייגן א שליטוועגס.

אף די כראפעס פלעגט מען גיין, ווי אף שטאָלצן, און די וועגענער פלעגן טראסקען און ארויסטרייסלען די נעשאָמע מיט די קישקעס בא די פויערים, בא די קאָראָבייניקעס, באלעגאָלעס און פאסאזשירן.

און אויך פאר זיי, פאר די כראפעס, האָבן די טשערנאָבילער געשאָלטן טשערנאָביל: „ס׳איז דען א טשערנאָביל? ס׳איז דאָך א טשערנאָהיבעלי!”

איך האָב קיינמאָל אף טשערנאָביל קיין לאָשנהאָרע ניט גערעדט. טשערנאָביל איז דאָך דאָס וויגעלע, וואָס האָט מיך פארהוידעט, פארשלעפערט און אופגעוועקט מיט די שענסטע ניגונים, מיט די שענסטע מײַסעס, מיט די וווּנדערלעכסטע אנטפלעקונגען. טשערנאָביל — דאָס איז דאָך מײַן מאמע, מײַן טאטע, מײַנע זיידעס און באָבעס, דער ערשטער כיידער, וואָס האָט פאר מיר אזויפיל סוידעס געעפנט.

אזויפיל ביכער האָב איך דאָ, אין טשערנאָביל, אײַנגעשלונגען אין די שאבעסדיקע באטאָגן און אין די ווינטערדיקע אפדערנאכטן, ווען מײַן אויג האָט זיך ניט געקאָנט אָפרײַסן פון זיי ביזן לעצטן טראָפן קעראָסין אינעם אכטער לעמפל.

טשערנאָבּיל — דאָס איז דער אומויסשעפּנדי־קער קוואַל, פון וועלכן איך הער ניט אויף צו שעפּן ביז היינטיקן טאָג.

כאָלעמט זיך מיר אַ כאָלעם, אַ גוטער כאָ־לעם, אַ שלעכטער כאָלעם — איז וווּהין די כאָ־לוימעס זאָלן מיך ניט פאַרטראָגן, בראָדזשע איך אַלץ איבער די זאַמדן פון טשערנאָבּיל. צווישן אַלע פּרילינגען, וואָס איך האָב דורכ־געלעבט, האָבן די פּרילינגען פון מיין קינדהייט און פון מיין פריִער יוגנט ניט אויסגעפּעלט.

איבער אַ סאַך יאָמען און טייכן האָט מיך דאָס לעבן געפירט. אַזויפיל שטורעמס, אַזויפיל כוואַליעס — אָבער עס האָט זיך זיי ניט איינגע־געבן צו פאַרפּלייצן און פאַרשלינגען אין זיך דעם פּריפּיאַט.

אין אַלע מיינע וועגן האָט מיך טשערנאָבּיל קיינמאָל ניט געלאָזט אַליין, ער פלעגט שטענ־דיק קומען צו דער צייט, מיך אַריינעמען אין זיינע צאַרטע אָרעמס, מיך אָוועקטראָגן אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, מיך פאַרוויגן אין דער וויג פון מיין קינדהייט און מיך קרעפּ־טיקן מיט די שטאַרקסטע זאַפטן פון מיין ערשט אופגייענדיקער יוגנט.

גערעכט, טויזנט מאָל גערעכט איז כאַיִם־נאַכמען ביאַליק, ווען ער זאָגט אין זיין אוי־טאָבּיִאָגראַפישן שעדעווער „ספיח” („ווידער־ווּקס”), אַז דער רייעך און דער טאַם פון די אַלע קינדערשע און יוגנטלעכע זעונגען ווערן מיט דער צייט ניט געמינערט, פאַרקערט, וואָס מער צייט עס גייט דורך, אַלץ לויטערער, אַלץ שאַרפער ווערן זיי, וואָס מער עלטער — אַלץ שטאַרקער איז זייער קראַפט, אַלץ מער איז זייער זיסקייט. „ניטאָ קיין שטאַרקערער און איינציִיטיק קיין זיסערער ווייַן, ווי די אַגאָדע פון אונדזער קינדהייט! איין טראָפּן פון איר איז אָפּט גענוג צו פאַרשיקערן דאָס האַרץ ביז פון זינען אַראָפּ. עד כלות הנפש”.

און וועד זשע האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז עס וועלן דורכגיין יאָרן, און עס וועט קומען אַ צייט, און טשערנאָבּיל, מיט וועלכן מע האָט זיך געשאָלטן — „אַ טשערנאָהיבעל אַף דירן!” — זאָל ווערן אַ שעם־דאָווער און אַ בראָכע... אין 1973 איז בּאַ די ברעגן פונעם פּריפּיאַט אויס־געבויט געוואָרן איינע פון די צוויי טורבּאַגע־נעראַטאָרס פון דער ערשטער אַטאָם־עלעק־טראָסטאַנציע אַף אוקראַיִנע.

דער אַמאָליקער טשערנאָבּיל, ווי פּינצטער־ניש אַף פּינצטערניש האָט געהויערט, איז גע־וואָרן די שטאָט פון אומויסשעפּנדיקער קוועלנ־דיקער שיין!

רעבּ נאַכעמטשע דער גרויסער און רעבּ מאָטעלע דער טענצער

דעם פאַרוואָרפענעם און פאַרשטויסענעם שטעטל טשערנאָבּיל איז באַשערט געווען באַ־רימט צו ווערן און אויך באַרימט מאַכן אַ ריי אַנדערע שטעטלעך אַף אוקראַיִנע. און געשען איז עס אַלפּי־נעס. אַלפּי־נעס האָבן די גרינדער פונעם כאַסידיזם אַראָפּגעשיקט קיין טשערנאָ־בּיל איינעם פון זייערע אָנגעזעענסטע טאַלמי־דים — רעבּ נאַכעמען, אַלפּי־נעס איז באַ רעבּ נאַכעמען געבוירן געוואָרן אַ זון רעבּ מאָטעלע, און אַלפּי־נעס זיינען באַ רעבּ מאָטעלען גע־בוירן געוואָרן אַכט זין. האָט מען איינעם, רעבּ אַרענען, איבערגעלאָזט אין טשערנאָבּיל אַלס מעמאַלע־מאָקעם פון רעבּ מאָטעלען, און די זיבן ברידער זיינען זיך צעפּאָרן אין פאַרשיי־דענע סוויוועס.

דעם באַלשעמטאָווס טאַלמיד, וואָס איז גע־קומען פאַרפלאַנצן דעם כאַסידיזם אַף אוקראַיִ־נע, האָט געשטאַמט פון נאַרינסק — האָט מען אים גערופן מענאַכעם־נאַכעם דער נאַרינסקער. מענאַכעם־נאַכעם דער נאַרינסקער האָט זיך גע־לערנט אין די ליטווישע יעשיוועס און גע־שעמט ווי אַן אילוי און מאַסמיד, ווי אַ כאַריף און באַקי. אין סאַמע ברען פון לערנען האָט ער דערפילט און באַנומען, אַז די האַלאָכע איז ניט פאַרן באַלמעלאָכע, אַז ס'איז אַ שווערער ביסן פאַרן פּאַשעטן אָרעמען יִידן — איז ער אַוועק צו רעבּ יִיסראָעל באַלשעמטאָוו דער־לערנען זיין טוירע.

מענאַכעם־נאַכעם איז באַרימט געוואָרן באַ די טשערנאָבּילער, און אין דער גאַנצער סוויווע אַרום און אַרום, מ'האָט אים צוגעגעבן אַזויפיל נעמען, אַז דער אַלטער, פון די קינ־דער־יאָרן צוגעלייגטער נאָמען מענאַכעם, איז ווי פון זיך אַליין אַראָפּגעפאַלן, און ס'איז גע־וואָרן — רעבּ נאַכעמטשע דער טשערנאָבּילער, רעבּ נאַכעמטשע דער גרויסער, רעבּ נאַכעמטשע דער מאַגיד, רעבּ נאַכעמטשע דער כאַנינע בען דויסע פון זיין דאָר, אין וועמענס זכוס עס האַלט זיך די גאַנצע וועלט און ער אַליין קומט אָפּ מיט גאָלע גאָרניט, מיט אַ קעזאַיִס.

ווען ער, רעבּ נאַכעמטשע, פלעגט אַריינקו־מען צו זיין זון מאָטעלע און דערזען באַ אים פיש אינדערוואָכן, פלעגט ער אים זאָגן:

— גוט־שאַבּעס!

דאָס איז געווען אַ שטאָך, אַן אָנצוהערעניש, אַז ער, זיין זון מאָטעלע, גייט ניט אָפּן טאַטנס וועג, אַז ער איז אַן אויסבערענגער.

שאַבּעס אינדערוואָכן איז אַ הויכע מאַדריי־גע, דאָס איז די אַליִע פון דער נעשאָמע. דער שאַבּעס אינדערוואָכן, וואָס באַשטייט בלויז פון אַכילע, איז די יערידע פון דער נעשאָמע, וואָס מאַכט נאָך וואָכעדיקער דעם אינדערוואָכן.

אין 1795 איז רעבּ נאַכעמטשע ניפטער גע־וואָרן. זיין אייביקע רו האָט ער געפונען אָפּן אַלטן טשערנאָבּילער בעסוילעם, וואָס איז דאַן נאָך געווען דער נייַער, דער איין־און־איינצי־קער. אַרום און אַרום מאַציִוועס מיט באַרי־מערייַען, איין מעס האָט געפּרוווט איבּער־שטייַגן דעם צווייטן. יעדער איינער האָט זיך פאַרגעשטעלט ווי אַן איש טאָם וועיאָשאָר, אַ כאָסיד־שעבּעכאָסיד, פול מיט מייַסים־טויוום, ווי אַ מילגרוים מיט קערנדלעך.

אַלע באַלצדאָקעס, אַלע ראַכמאָנים בניי ראַכ־מאָנים, אַלע האָבן ליב געהאַט יענעם מער, ווי

זיך, אלע — לאמדאָנים, מופלאָגים, וואָס האָבן
טאָג און נאַכט געלערנט תּורה און געדינט
דעם אייבערשטן. און צווישן די אלע מאַציי־
וועס איז געשטאַנען איינע א באַשיידענע
מאַצייווע, די סאַמע באַשיידנסטע, אָן דער
מינדסטער באַרימערײַ — די מאַצייווע פון רעב
נאָכעמטשע, אַף וועלכער ס'איז געווען אויס־
געקריצט א „פּ״נ״, וואָס קומט יעדן ייִדן, וועל־
כער ליגט טיף אין דער ערד, זײַן נאָמען און
די דאַטע, ווען ער איז ניפטער געוואָרן.

אָט דער אַלטער בעסוילעם איז געווען
בישכיינעס מיט אונדזער שטוב, און איך האָב
געזען, ווי טאָג־אײַן, טאָג־אויס פלעגן ייִדן קו־
מען אַף קייווער־אָוועס און פלעגן בא דער
באַשיידנסטער מאַצייווע פון רעב נאָכעמטשע
אויסגיסן זייער ביטער האַרץ.

רעב נאָכעמטשע איז אוועק, און מיט אים
איז אוועק א דאָר, ס'איז געקומען זײַן זון רעב
מאָטעלע, און מיט אים איז געקומען א נײַער
דאָר.

פופציק יאָר האָט רעב מאָטעלע געפּראַוועט
זײַנע טישן אין טשערנאָביל. פופציק יאָר האָט
ער די אינדערוואָכנס אין שאַבעס פאַרוואַנדלט.
רעב מאָטעלע האָט געהאַלטן פון דעם קלאַל,
אז גוטע ווײַנען און געשמאַקע מײַכאָלים זײַנען
אין א פּאַשעטן מאָנטיק אויך גוט און אויך
געשמאַק.

די כסידים פון דעם טויטן רעבן פלעגן, ווי
רעב נאָכעמטשע, אונטערטראָגן רעב מאָטעלען
אָנשטאָט א גוט־מאָרגן און א גוטן־אָוונט — א
גוט־שאַבעס. דאָס האָט באַטײַט: אז אָך און ווײ
איז אזא שאַבעס, ווײַל ווער עס מידט זיך ניט
ערעוו שאַבעס, אלע זעקס טעג פון דער וואָך,
קאָן ניט פּראַוועט קיין שאַבעס, קאָן ניט פילן
דעם עמעסן טאַם פון שאַבעס.

אָבער אין איין מאַדרייגע איז רעב מאָטעלע
געווען זייער שטאַרק, דאָס האָבן אלע מודע
געווען, אפילו זײַנע פאַרביסנסטע קעגנער —
אין זײַן טאַנצן. דער אָפּהילך פון זײַנע פּילצאָ־
ליקע טענץ איז דערגאַנגען אזוי ווײַט, אז די
קומענדיקע דורעס האָבן מעקאַנע געווען דעם
דאָר, וואָס האָט זוכע געווען זען מיט די
אייגענע אויגן דעם וווּנדער פון רעב מאָטע־
לעס טענץ.

איין מאַדרייגע איז איין טרעפּל, און ס'איז
ניטאָ אזא לייטער פון איין טרעפּל — איין
טרעפּל קאָן אין ערגעץ ניט פירן, קאָן קיינמאָל
ניט דערהייבן, ווי איין גוטע מידע, ווי איין
מיצווע, ווי איין ליכט, וועמענס שײַן עס קאָן
ווײַטער ניט אוועק פון די ענגע שמאָלע טיש־
גרענעצן.

וואָס מער מאַדרייגעס — אלץ מער צאַדיק,
און ער, רעב מאָטעלע, איז דער צאַדיק בלויז
פון איין מאַדרייגע. דורך זײַנע טענץ האָט ער
זיך מיסוואַקייעך געווען מיט זײַנע קעגנער,
און ניט איין מאָל האָט ער זיי גיווער געווען
און ניט איין מאָל האָבן זיי ניט ווילנדיק גע־
מוזט מודע זײַן, אז רעב מאָטעלעס מאַדרייגע
איז די מאַדרייגע פון די מאַדרייגעס...

ניט איין מאָל האָבן זיי געמוזט מודע זײַן,
אז די גאַנצע קעדושע איז אַרײַן אין רעב מאָ־
טעלעס פיס.

א קרײַז פון כסידים. רעב מאָטעלע איז אַרומ־
גערינגלט און אַרײַנגעכאַפּט אינדערמיט. רעב
מאָטעלע קאָן אָבער לאַנג ניט זײַן אָפּגעטיילט
און אויסגעטיילט פון אלעמען, ער רײַסט זיך
אַרויס פונעם קרײַז און פאַרייניקט זיך מיט
אלע צוזאַמען.

א האַנט אַף א האַנט — און די הענט דערד־
גרייכן אַזש ביז צום קיסע־האַקאָוועד. אויס דו,
אויס איך, אויס איינס און אויס צוויי, אויס
באַזונדערע גופים — איין גרויסער באַהעפטער
גוף, אויס באַזונדערע נעשאָמעס — איין גרויסע
פלאַקערנדיקע נעשאָמע. עס גייען דורך פופצן
מינוט, צוואַנציק מינוט, א האַלבע שאָ — דער
קרײַז ווערט אלץ קלענער און קלענער, עס
פאַרכאַפּט דער אָטעם, די פיס — קוים וואָס זיי
רירן זיך, עס רײַסט זיך אָפּ א גוף נאָך א גוף,
עס לעשט זיך אויס א פײַערל נאָך א פײַערל —
און רעב מאָטעלע בלײַבט אליין איינער, און
ער איז אַף קיין רעגע ניט מאַפסיק. איצט
באַדאַרף ער איינער אליין טאַנצן פאַר
אלעמען!

באַזונדערס באַרימט זײַנען געווען רעב מאָ־
טעלעס כאַסענע־טענץ. דער שוואָך וועגן זיי
איז געגאַנגען פון דאָר צו דאָר, מע האָט באַ־
וווּנדערט, גערעדט און דערציילט וועגן זיי ווי
וועגן די גרעסטע ניסים־וועניפלאָאָס.

ווו נאָר א כאַסענע — פלעגט רעב מאָטעלע
אַרויס מיט א לעכאָ־דודי־ליקראַס־קאַלע־טאַנץ.
ער טאַנצט פאַר דער כופּע, נאָך דער כופּע,
ער טאַנצט איבער די גאַסן, אין הויף, אין שאַ־
לאַש און אין שטוב.

יעדער טאַנץ — א באַזונדער מאַזלטאָוו,
יעדער טאַנץ — א באַזונדערע בראָכע.

און אז רעב מאָטעלע פלעגט א פּאַכע טאָן
מיט זײַן פּאַטשיילע, זײַנען מעכוטאָנים גליק־
לעך געווען — רעב מאָטעלע פאַרלאַנגט טאַנצן
מיט דער קאַלע.

אין איין קעהערעף־אײַען וואַקסט אויס א
קרײַז, קלעזמער שפּילן, און פליעסקענדיקע זיך
הייבנדיקע הענט קלאַפּן צו צום טאַקט.

דעם רעבנס פּאַטשיילע ווערט ווי א זעגל,
פון ווינט געטריבן, עס פּעלט אויס אָרט — און
דער קרײַז צעציט זיך און שפּרייט זיך פאַנאַנ־
דער אלץ לענגער און ברייטער.

די קאַלע ווײַזט די קראַפט פון איר יוגנט.
רעב מאָטעלעס אויגן זײַנען געשלאָסן, ווי בא
דער סאַמע היסלײַוועסדיקער טפילע, און די
פיס באַלאַנדזשען ניט — זיי טרעפן און שלאָגן
זיך אין ערגעץ ניט אָפּ פונעם טאַקט.

נאָר ווי לאַנג קאָן מען טאַנצן? די קראַפט
פון דער יוגנט ווערט אויסגעשעפּט, די קאַלע
הייבט אָן צושטיין און אָפּשטיין, פלאָנטערן מיט
די פיס און פאַלט אַרויס פונעם טאַנץ. רעב
מאָטעלע בלײַבט אליין, אליין דאַרף ער טאַנצן

פאר צוויי — פאר זיך און פאר דער קאלע, פאר כאָסנס־צאַד און קאַלעס־צאַד, אַליין פאַר אַלעמען! און ער טאַנצט, און דער טאַנץ ווערט פון מינוט צו מינוט לײַכטער און פלינקער.

כסידים זײַנען זיכער, אַז רעב מאָטעלע האָט שוין דערגרייכט די מאַדרייגע פון אויס גוף, אויס גאַשמיִעס, הוילע רוכניעס, און אַז מע וואַרפט פון זיך אַראָפּ אַזאַ שווערע מאַסע, אַזאַ שווערן אָל — ווערט מען לײַכט, ווי אַ פעדער, און מע קאָן אומעטום פאַרפליִען, אומעטום דערגרייכן.

ווי נאָר אָבער רעב מאָטעלע פלעגט אופהערן טאַנצן, פלעגט זיך אָפּטאָן פון אים דער שעם־האַמפּוירעש און די אוילעמהאַזעדיקע טײַוועס פלעגן טיף אין אים נעמען הוליען, ווי אַ מאַכנע יעיצערהאָרעדיקע דיבוקים.

— מאַשקע! דערלאַנגט אַהער נאָך אַ ביסל מאַשקע! אַ מעכײַע! נײַנציקער! עס ברענט אַ פײַער! כסידים דאַרפן טרינקען נײַנציקער, נאָר נײַנציקער, הייס אָדער קאַלט, נאָר ניט לעבעדיק!

רעב מאָטעלע האָט, ווי דער טאַטע זײַנער רעב נאָכעמטשע, געהייסן „דער מאַגיד״, אָבער אין זײַן מאַגידעס האָט געפעלט זאַלץ און פעפער, האָט געפעלט די נײַנציקער פון אָנצינדן, פון אופוועקן און דערהייבן. אין זײַן זאָגן האָט ער קיינמאָל ניט דערגרייכט דאָס, וואָס ער האָט דערגרייכט אין זײַן טאַנצן.

אינדערעמעסן, ווי האָט ער געקאָנט מוסערן, רעדן וועגן סכאַר און אוינעש, וועגן גאַניידן און גענעם, וועגן יענער־וועלט, וואָס זי איז טויזנט מאָל בעסער פון דער וועלט, — אַז ער איז געווען אַזאַ אוילעמהאַזעניק, אַז פאַר איין שטיקל געפילטע פיש וואָלט ער אַוועקגעגעבן דעם ליוויאָסן און שאָר־האַבאָר צוזאַמען, אַז איין קאָס נײַנציקער דאָ אָף דער וועלט איז בײַ אים ליבער און טײַערער געווען, איידער דער כאַמאַר מראַס דעמיבריישיס, ווי דער אַלטער, סאַמע אויסגעשטאַנענסטער ווײַן, אַזש פונעם ערשטן טאָג, זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן. און טאַקע דערפאַר איז קיינער ניט ניספּאָעל געוואָרן פון זײַן מאַגידעס, פון זײַן טוירע, און קיינער, קיינער האָט אים ניט גערופן „דער גרויסער״.

אין דער ערשטער צײַט, ווען רעב מאָטעלע האָט זיך נאָך ניט געלאָזט אינגאַנצן פאַרפירן פון די אוילעמהאַזע־טײַוועס, האָט ער אַליין געפילט, אַז ס׳איז אים ווײַט, זייער ווײַט צו זײַן טאַטן רעב נאָכעמטשע. ער האָט אַפילע איינמאָל זיך געווענדט צו איינעם פון זײַנע כסידים, צום לאַמדן רעב ייִסראָעל, דעם ווערעדניקער ראָוו:

— לייג אַוועק דײַן קאָפּ אָף מײַן האַרצן, און ס׳וועט זײַן גוט פאַר מיר און פאַר דיר, פאַרן סייכל און פאַרן האַרצן. דײַן קאָפּ און מײַן האַרץ, אַ שוּטפעס צווישן ראַבאָנעס און כסידעס.

אָבער דערנאָך האָט רעב מאָטעלע מער ניט געטראַכט וועגן שוטפעס, ער האָט שוין גע־

פון רעכטס אף לינקס: מוישע אַלטמאַן און אירמע דרוקער. אָדעס, 1967

קאָנט זײַן שטעטל אַליין באַשטיין. פּידיוינעס האָבן פײַנט שוטפעס, זיי געהערן אים אַליין. מיט אַ כיילעק אוילעמהאַבע איז יעדער ייִד פאַרזיכערט, און וואָס איז שײַעך דעם כיילעק אוילעמהאַזע, קומט ער ניט יעדן איינעם אָן. ער, רעב מאָטעלע, האָט זויכע געווען צו זייער און זייער אַ שיינעם כיילעק. און טאַקע דערפאַר, ווען ער איז קראַנק געוואָרן, האָט זיך אים שטאַרק ניט געוואָלט זיך צעשיידן מיט דער וועלט. דאָ איז ער דער איין־און־איינציקער, דער רעבע, דער פּירער, דער מוישל, און דאָרטן, אין גאַניידן, צווישן די אָוועס, צווישן מוישע און אַרן, צווישן ראַבי אַקיווע און כאַנינע בען טראַדיען, צווישן די צאַדיקים פון פאַרשיידענע דוירעס, וואָס האָבן זיך מויסערנעפעש געווען אָף קידעש־האַשעם, וועט ער זײַן דער לעצטער שעבעלעצטער, קיינער וועט זיך ניט אַרומקוקן אָף אים. ניין, בעסער דאָ, ווי דאָרטן.

רעב מאָטעלע האָט געבעטן ראַכמים זײַנע זין, זיי זאָלן אים פירן קיין קיִעוו צו אַ פּראָפעסאָר. זכוס־אָוועס איז אַוואַדע אַ גרויסע זאַך, טהילים איז טאַקע טהילים, און ניסים ווײַזן וווּנדער, נאָר ווען עס גייט אַ רייד וועגן אייגענעם לעבן, טאָר מען זיך ניט פאַרלאָזן אָף קיין ניסים.

די זין האָבן אויסגעפילט דעם ווילן פון זייער פאָטער.

קיין קיִעוו איז מען געפאָרן דורך האָרנאָסטײַפּאָל, און מ׳האָט זיך דאָרט אָפּגעשטעלט נעכטיקן מיטן געפערלעכן כוילע, רעב מאָטעלען, בײַ זייער ברודער יאַנקעוו־ייִסראָעל, וואָס איז געווען דער האָרנאָסטײַפּאָלער רעבע. אָף מאָרגן האָט זיך יאַנקעוו־ייִסראָעל, דער האָר־

נאָסטײַפּאָלער צאַדיק, קעגנגעשטעלט זײַנע ברידער — אײנמאָל נײַן, ער וועט ניט לאָזן פירן דעם קראַנקן פאָטער קײן קיִעוו, ער קאָן ניט און טאָר ניט זיך אָפּזאָגן פון דער גרויסער קיבעד־אָוו־מיצווע.

דער מײַן איז געווען א פּאָשעטער: דער פאָטער האָט געצײלטע טעג און עפּשער אפילע געצײלטע שאָען, און אז ער וועט קומען צו קווורע אין האָרנאָסטײַפּאָל, וועט דער קײווער ווערן א קוואַל פון פּאַרנאָסע — פון גאָר דער וועלט וועלן כסידים פאָרן אַהער, קײן האָרנאָסטײַפּאָל, אף רעב מאָטעלעס קײווער.

יאַנקעוו־ייִסראָעל איז, פאַר קײן רעבן געדאַכט, געווען א גרויסער נעמער, און ער האָט אפילע אין דעם טויטן טאַטן געוואָלט פאַרדינען. פּידיען פלעגט ער נעמען בא יעדן כאָסיד אָדער לויט דער צאָל, וואָס עס באַטרעפן די אויסיִעס פונעם כאָסידס נאָמען, אָדער פון זײַן ווײַבס נאָמען.

מע דערצײלט, אז אײנמאָל, ווען אײנער א כאָסיד האָט אויסגעקליבן דעם נאָמען פון זײַן ווײַב כײַע, איז יאַנקעוו־ייִסראָעל געבליבן שטאַרק אומצופרידן, ער האָט בעשום־אויפן ניט געקאָנט אײַנגײן אף אזא קורצן נאָמען, אף אזוי ווײניק געלט, און ער האָט זיך אָנגערופן צום כאָסיד, ווען מענס ווײַב עס האָט געהײסן כײַע:

— עס קאָן דאָך ניט זײַן, אז דײַן כײַע זאָל בא דיר שטענדיק זײַן א כײַע, עס קומט דאָך אף דיר געוויס אָן די גוטע מינוט, און דו רופּסט זי כײַעלע — אזוי, אז צאָל פאַר כײַעלען און ניט פאַר כײַען.

אַרום קראַנקן פאָטער איז פאָרגעקומען א מאַכלויקעס, די ברידער האָבן זיך גלײַך אָנגעשטויסן, וואָס יאַנקעוו־ייִסראָעל מײנט, און זײ האָבן דאָס אים אַרויסגעזאָגט אָפן און קלאָר.

די ברידער האָבן אויסגעפירט זײערס. זײ האָבן זיך לאַנג ניט פאַרזאַמט און גלײַך נאָכן אינדערפריִעדיקן דאַווענען אַרויסגעפאָרן פון האָרנאָסטײַפּאָל אפן וועג קײן קיִעוו.

— ניט אונדז און ניט אים, קײנעם ניט! — האָבן די ברידער געשטילט זײער נעקאָמע.

קײן קיִעוו האָבן זײ ניט באַוויזן דערפירן זײער קראַנקן פאָטער — אין אַנאַטאָווקע, ניט ווײַט פון קיִעוו, איז רעב מאָטעלע ניפטער געוואָרן.

דער נאַוועןאַדנער גאָלעסדיקער טויט פון רעב מאָטעלען האָט געמאַכט א גרויסן רוישעם, די כסידים פונעם טויטן רעבן רעב נאָכעמטשע האָבן געהאַלטן, אז דאָס איז א שטראָף פון זײַן ליבן נאָמען פאַר דעם, וואָס ער, רעב מאָטעלע, האָט אָפּגעקערט פון דעם טאַטנס וועגן.

די מערהײַט כסידים האָבן אָבער אין דעם אײַנגעזען א גרויסן גנאָד פון זײַן ליבן נאָמען — די מאַמע ראָכל איז דאָך אויך געשטאָרבן אינמיטן וועג... אז מע וועט טרײַבן ייִדן פון קיִעוו, פון די דערפער, וועלן זײ קאָנען צופאַלן צום קײווער פונעם צאַדיק, און ווי די מאַמע ראָכל, וועט דער טאַטע רעב מאָטעלע זיך אָנעמען פאַר זײַנע פאַרטריבענע קינדער און מיספּאַלעל זײַן פאַר זײ.

וואָס א דאָר — אַלץ ערגער. נאָך מער, ווי רעב מאָטעלע, האָבן אָפּגעקערט פון רעב נאָכעמטשעס הויכע און ווײַטע דראָכים די אײניקלעך. אכט הויפן האָבן זיך פאַרמאָסטן צווישן זיך, ווער רײַכער, ווער פּריצישער, בא וועמען מער שענערע פּאָקאָיעס, בא וועמען מער שענערע זילבערנע און גילדענע קײלים, בא וועמען מער שטאַרקערע ווײַנען, מער זאַטערע טישן, בא וועמען מער כסידים און בא וועמען מער פּידיוינעס.

ווי ווײַט ס'איז געווען דער מעהאַלעך פון רעב ייִסראָעל באַלשעמטאָווס סקריפּענדיקן טאַבורעט ביז דאָווידל טאַלנערס גאָלדענער שטול, אף וועלכער ס'איז געווען אויסגעקריצט: „דוד מלך ישראל חי וקים" — דאָוויד דער קײסער פון די ייִדן לעבט!

די אורײניקלעך זײַנען אַוועק נאָך ווײַטער פון די אײניקלעך. ס'איז דערגאַנגען אזוי ווײַט, אז די טשערנאָבילער כסידישע מעלוכע האָט זיך צעטײלט אף צוויי מעלוכעס, אף צוויי באַזונדערע הויפן, אף צוויי באַזונדערע טישן.

מיר איז אויסגעפאַלן צו זען די לעצטע צוויי הויפן אין טשערנאָביל, די לעצטע צוויי ראַבײִם. שלוימע־שמועל האָט געהײסן „דער אַלטער" און שלוימע־בענציִען — „דער יונגער". צוויי שוועסטערקינדער, צוויי טווערסקיס, און געווען זײַנען זײ צווישן זיך פײַער און וואַסער. און ווי די ראַבײִם — אזוי די כסידים.

האָט זיך באַגעגנט א כאָסיד פון דעם אַלטן רעבן מיט א כאָסיד פון דעם יונגן — האָט געמוזט קומען צו א מאַכלויקעס: „מײַנער און דײַנער, דײַנער און מײַנער".

— דײַנער האָט קײן פונק ניט פון די רײשוינים.

— און דײַנער איז צווישן די אַכרוינים דער לעצטער שעבעלעצטער.

— דײַנער איז א נעמער!

— און דײַנער איז א געבער?

— מײַנער באַנוגט זיך מיט ווײניק. אז מע גיט אים איבעריקס, גיט ער אויסגאָב. און דײַן רעב שלוימע־שמועלקע האָט א גראָבן בויך, און א גראָבער בויך באַדאַרף האָבן א סאַך.

— דײַנער קען קוים אָפּדראַפּען א פּײרעק מישנײַעס.

— און דײַנער ווײסט ניט, וויִאזוי א געמאָרע עפנט זיך.

— בא דײַנעם זײַנען ייִנגלעך באַכמאַטשעס מיט קאַפּאָטקעס און מיט פּוסטע קעפּ, זײ ווילן ניט און וועלן קײנמאָל ניט קענען לערנען.

— און די טעכטער פון דײַנעם שפּאַצירן אינדערפינצטער מיט געגאָלטע, מיט דער רועך ווײסט וועמען...

די צוויי טשערנאָבילער באַזונדערע כסידישע לאַגערן האָבן ניט געקאָנט שאָלעם מאַכן און בעשום־אויפן זיך ניט געקאָנט פאַרשטעלן,

אַז צוויי קיניגן זאָלן קיניגן מיט איין קרוין. די כסידים פון דעם יונגן רעבן האָבן געהאַלטן, אַז די קרוין קומט בלויז שלוימע־בענציענען, און די כסידים פון דעם אַלטן רעבן זײַנען זי־כער געווען, אַז דער עמעסער צאַדיק איז שלוימע־שמועל, אַז בלויז זײַן קאָפּ איז דער געזאַלבטער קאָפּ, אַז בלויז זײַן קאָפּ איז ראָוע צו טראָגן די קרוין פון כאַסידעס.

אויף די שטענדיקע, אומופהערלעכע רײַסערײַען און קריגערײַען צווישן די פאַרשיידענע ראַבײַי־שע הויפן האָט יאַנקעוו קראַנץ, דער דובנער מאַגיד, אַמאָל געזאָגט:

— אַ מאָדנע זאַך מיט די כסידים! אַז איך רעד מיט אַ כאָסיד פון קאָצק, שיט ער פעך און שוועבל אויפן מאַנאַסטרישטשער רעבן, און ווען איך רעד מיט אַ כאָסיד פון מעזשביזש, מאַכט ער אויסצודרייען דעם ריזשינער, דער ריזשינער איז גאָר קיין רעבע ניט. איינער גלייבט ניט דעם אַנדערן. איך גלייב זיי אָבער אַלע, זיי זײַנען אַלע גערעכט...

איינער אַ כאָסיד האָט באַשטימט זיך אָפּרע־כענען מיטן דובנער מאַגיד פאַר זײַן לעסטערן אַלע ראַבײַים, און ער האָט אים ליפני קאָהאָל וועדאָ אַזאַ זאַך געטאָן:

— רעב יאַנקעוו, ווי קומט דאָס, אַז איר, אַזאַ איש טאָם וועיאָשאָר, וואָס האַלט אין איין מוסערן אַ וועלט פון דעם גרעסטן ביזן קלענסטן, וואָס רעדט וועגן די ראַבײַישע פּי־דיונעס ווי וועגן גזילע, זאָל פּאָדערן גע־צאָלטס פאַר שטראָפן, ווי קומט עס, האַ?

דער דובנער מאַגיד האָט זיך ניט פאַרלוירן און מיט אַ שמייכל גוטמוטיק אָפּגעענטפערט דעם כאָסיד:

— עס מאַכט ניט אויס, גאָט שטראָפט אויך ניט אומזיסט...

„רעב בער, אַן אייצע,
רעב בער, אַ שײַלע"

אונדזער שטוב איז געשטאַנען אויף אַ בערגל. דער ברייטער הויף מיט זײַן אַרוף און אַראָפּ איז ניט געווען פאַרצאַמט מיט קיין פּלויט. ווער נאָר ס'האָט ניט געוואָלט אָנלייגן קיין איבעריק וועג, פלעגט ער דורכגיין אונדזער הויף. אויף דורכפאָרן מיט אַ פור האָט מען אויך ניט באַ־דאַרפט האָבן קיין באַזונדערע דערלויבעניש, מיט איין וואָרט — אַ רעשוס־האָראַבים־הויף. איז מען טאַקע ניט געווען אַליין, איז טאַקע ניט געווען אומעטיק — אַלעמאָל אַן אַנדער דורכגייער, אַלעמאָל אַ באַזונדער מין מענטש, אַלעמאָל אַ באַזונדערער גאַנג, אַ באַזונדער געַנגל.

די שטוב אונדזערע איז געווען די גרענעץ צווישן דעם אַלטן און נײַעם שטעטל — איר מיזרעך־וואַנט האָט געשעפּט זון־אויפגאַנג און זון־שײַן פון דער אַלטער שטאָט, און די שקיִע, ווי אַפּצולאָכעס, פלעגט פאָרקומען אין דעם נײַעם שטעטל — דאָרט, ווו די סאַוויונעס האָבן געלעבט.

פאַרזינדיקט איז געווען אונדזער שטוב ניט בלויז מיט איר מיזרעך־וואַנט, נאָר אויך מיט איר גרייס, מיט די צוויי צוגעבויטע הײַזלעך — איינס פון צוויי צימערן און דאָס צווייטס פון איין צימער אויף צו פאַרדינגען שכיינים.

אַזאַ גרייס, אַזאַ אויסשטייַלן זיך האָט נאָך קלענער געמאַכט די קליינע הײַזקעס פונעם אָרעם. און דאָך האָבן די סאַוויונעס ניט גע־טראָגן קיין טאַרומעס אויף אונדזער שטוב, זיך ניט אָפּגעטיילט און ניט אָפּגעשיידט זיך פון איר. פון קליין ביז גרויס האָבן זי געהאַלטן פאַרן אָנהייב פונעם נײַעם שטעטל, פאַר דער ערשטער סאַוויונסקער שטוב.

געבויט האָט די שטוב דער עלטערזיידע רעב בערל, וואָס איז געווען געמאָרע־מעלאַמעד אין רעבנס הויף. דער סכאַרלימעד איז געווען אַ ביז גאָר קליינער, ער האָט קוים געקלעקט אויף זיך ווי־ניט־איז צו דערנערן און אויף צו דינגען אַן ענגן פינצטערן צימער. וווינען אין אַזאַ צימער מיט אַ גרויס הויזגעזינד — האָט מען שוין כיבעט־האַקיוועער ניט באַדאַרפט אָפּקומען. וויִאַזוי זשע און פונוואַנען איז אויסגעבויט געוואָרן אַזאַ דירע, אַז ס'זאָל זײַן געראַם פאַר זיך און מע זאָל נאָך קאָנען פאַרדינגען שכיינים?

נאָך אין די יונגע יאָרן האָט זיך דער על־טערזיידע רעב בערל אַרויסגעוויזן אַלס טאַל־מיד מיט אַן אײַזערנעם זיכאָרן. מע איז אים מעקאַנע געווען: מיט אַזאַ זיכאָרן וועט ער פאַרשפּאָרן זיך אויסברענגען, ער וועט ניט באַ־דאַרפן קיין שראַנק מיט ספאָרים, ער וועט שטענדיק אַרומטראָגן זײַן שראַנק מיט זיך, אין זיך, אין זײַן מויעך, אין זײַן זיכאָרן. ווען בערל איז נאָך גאָר ניט לאַנג געווען בערעלע, האָט ער שוין געקענט אויף אויסווייניק אַלע זעקס סדאָרים פון מישנײַעס, די אַגראַר־דינים פון „זרעים", די דינים וועגן שאַבעס, יאָמטויווים און טאַנייסים פון „מועד", דאָס צוזאַמענלעבן פון מאַן און ווײַב, פאַמיליע־ און געט־רעכט פון „נשים", ציוויל־ און קרימינעל־רעכט און געריכט־פּראָצעדור פון „נזיקין", דאָס ברענגען קאָרבאָנעס, בייסהאַמיקדעש־קולט, שכיטע און הילכעס עסן פון „קדשים", ריטועלע היגיענע־שע ריינקײַט פון מענטשן, קיילים און ביניאָנים פון „טהרות". בערל איז ניט געווען קיין באַ־רימער, ווען ער האָט געזאָגט וועגן זיך, אַז יעדן דין, אין וועלכן מישנײַעס, אין וועלכער מעסיכטע און אין וועלכן פּיירעק ער זאָל זיך ניט אויסבאַהאַלטן, וועט ער אים גלײַך אָנכאַפּן און אָנטאַפּן. פאַר אים זײַנען ניטאָ קיין שום באַהעלטענישן.

ער איז ווײַט ניט געווען קיין באַרימער, ווען ער האָט געזאָגט, אַז ער איז זיכער און ווייסט דעם גאַנג פון מישנײַעס, ווי ער ווייסט די וועגן און שטעגן, די גאַסן און געסלעך פונעם נײַעם שטעטל, אַז אַלץ, אַלץ ציט זיך לײַכט פון זײַן זיכאָרן, רײַסט זיך פון זײַן מויל און

קלינגט אַף דורך זײַן קאָל, ווי דאָס זאָגן אַ גוט־מאָרגן, ווי צווינטשעווען אַ גוט־יאָר.

בערלס רום איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, האָט ווי אַף פליגלען זיך פאַנאַנדערגעטראָגן פון שטעטל צו שטעטל, פון סוויווע צו סוויווע — אַ האַפּלע־וואַפּעלע־יונגערמאַן, אַ יונגער־מאַן אַ צאַצקע, אַזוינס איז נאָך ניט געווען. די „ניט־גלייביקע" האָבן זיך געוואָטן מיט די „גלייביקע": וועט בערל אויסהאַלטן דעם פאַר־הער, גיבן זיי פופציק רובל אים טאַקע, בער־לען, אין קעשענע אַרײַן, און וועט ער זיך פאַרפּלאָנטערן און ניט קאָנען אַרויסקריכן, וועט עס די „גלייביקע" קאָסטן אַ הונדערטער אַף קאַהאַלשע באַדערפעניש.

אַ געוועט איז אַ געוועט. האָט מען אויסגע־טיילט אַ מינינען „כאַפערס" פון די גרעסטע טשערנאָבילער לאַמדים, זיי זאָלן כאַפּן בערלען אין אַ גרײַז, אין אַ טאָעס און באַווײַזן, אַז דער נעס איז קיין נעס ניט, ער איז אויסגעטראַכט פון אָנהייב ביזן סאָף.

נײַגעריקע זײַנען זיך אָנגעפאָרן פון פאַר־שיידענע ערטער, ווי אַף יאָמים־נוראָים. אַפּן טיש זײַנען געווען אויסגעלייגט אַלע זעקס מישנײַעסן אין די לעדערנע אײַנבונדן, גרייט צו יעדער מינוט זיך פאַנאַנדערעפענען און, ווי די שווערדן, אַרויס פון זייערע שיידלען. זעקס מישנײַעסן — ווי זעקס שטרויכלונגען, ווי זעקס לאַקערונגען, גרייט אונטערשטעלן אַ פּיסל, אַז באַ דעם מינדסטן גרײַז זאָל בערל ברעכן רוקן און־לענד.

אָן אָנהייב פון אַ פּאַסעק — און מע פאָדערט פון רעב בערלען אָנווײַזן, ווו איז די מיט, מיט וואָס ענדיקט זיך און מיט וואָס הייבט זיך אָן דער נײַער פּירעק. האָט בערל אויסגעפילט דעם ווילן פון זײַנע „כאַפערס" און איז אַפילע אין קיין אָס ניט געשטרויכלט געוואָרן.

צוויי שאָ האָט געדויערט דער פאַרהער, די „כאַפערס" האָבן זיך אונטערגעגעבן — ס'איז אומעגלעך געווען אים צו כאַפּן!

די „ניט־גלייביקע" האָבן געבעטן בערלען, ער זאָל זיי מוכל זײַן, און אָנשטאָט דעם צו־געזאָגטן פופציקער האָבן זיי אים געגעבן אַ הונדערטער.

אויך די „כאַפערס" האָבן געפּרוווט אויס־קויפן זייער זינד קעגן בערלען, און יעדער איינער האָט אים געשענקט וויפל נאָר ער האָט געקאָנט.

דערנאָך זײַנען אָנגעקומען נײַגעריקע פון גאָר ווײַטע ערטער, און זיי האָבן זיך ניט גע־קאָנט פאַרשטעלן און ניט געקאָנט גלייבן אין דעם, וואָס מע האָט זיי דערציילט וועגן דעם פאַרהער.

— מע האָט אים שלעכט פאַרהערט, אָט מיר וועלן פּרוּוון אים פאַרהערן — בלויז דאַן וועלן מיר זיך איבערצײַגן און איר וועט זיך איבער־צײַגן, אַז ס'איז ניט אַזוי.

די אָנגעקומענע פון די ווײַטע ערטער האָבן אויסגעטיילט נײַע „כאַפערס", וועלכע האָבן באַקומען אָן אָנווײַזונג, אַז זייער פאַרהער זאָל זײַן אַ צען מאָל שווערער, זיי מוזן בערלען פאַרפּלאָנטערן, זיי מוזן אים כאַפּן אין דער נעץ.

און בערל איז געגאַנגען צום צווייטן פאַר־הער רויק און זיכער, ווי צום ערשטן.

די נײַע „כאַפערס" האָבן אָנגעגריפן בערלען מיט אַלע זעקס מישנײַעסן צוזאַמען, מיטאַמאָל. קיין פסוקים אַף זיך אָנכאַפּן איז זיי האָט מען אים ניט געגעבן, זיי האָבן זיך באַנוגנט בלויז מיט געציילטע ניט־דערזאָגטע ווערטער פונדא־נען און פון דאָרטן, און בערל האָט יעדן „פונ־דאַנען" און „פונדאָרטן" אוועקגעשטעלט אַפּן אָרט. ווי אַ קישעפמאַכער מיט פאַרמאַכטע אויגן, וועלכער געפינט אויס אַ נאָדל אין אַ סטויג שטרוי, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אין יעדן וואָרט, אים פאַרבינדט מיט די ווײַטערדיקע ווערטער און געגומען אײַלן איבער די שורעס.

— גענוג, גענוג! — האָבן געגומען שרײַען די „כאַפערס".

פאַר אָט דעם אויסגעשפּילטן געלט האָט דער עלטערזיידע רעב בערל טאַקע אויסגעבויט זײַן שטוב מיט די צוויי צוגאָב־שטיבלעך אַף צו פאַרדינגען שכיינים.

די ערשטע סאַוויונסקע שטוב, וואָס האָט מיט איר מיזרעך־וואַנט געשלאָסן די אַלטע שטאָט און מיט די איבעריקע דרײַ טיילן אירע געעפנט דעם אָנהייב פונעם נײַעם שטעטל, האָט אין טשערנאָביל געהייסן די מישנײַעס־שטוב.

די סאַוויונעס האָבן שטאָלצירט מיט אָט דער שטוב: עפּעס אַ קלייניקײַט, דאָ וווינט דער, וועלכער קען אַזוינס, וואָס קיינער קען ניט!

און דער עלטערזיידע רעב בער האָט געגעבן אייצעס און געפּאַסקנט שײַלעס.

טרײַנע די מילכיקערן, וואָס פלעגט פאַנאַנ־דערטראָגן מילך אין די נעגידישע הײַזער, לויפט אַרײַן מיט אַ גוואַלד:

— רעב בערל! אַ גרויסער אומגליק האָט מיך געטראָפן. מיר דוכט זיך, אַז ווען כ'האָב פאַ־נאַנדערגעטראָגן די מילך פון די עמערס, האָבן עטלעכע טראָפּנס אַ שפּריץ געטאָן אַפּן פלייש, וואָס איז פונקט געלעגן אַפּן זאַלץ־ברעטל.

רעב בערל גיט אַ פרײַנטלעכן שמייכל און באַרויקט טרײַנען:

— און אַוויירע, וואָס עס דוכט זיך, אַז מ'האָט זי געטאָן, איז קיין אַוויירע ניט. דאָס פלייש איז קאָשער, און איר האָט קאָשער פאַרדינט אַ שטיקל פלייש אַף שאַבעס, עסט געזונטער־הייט.

די גליקלעכע טרײַנע באַווײַזט נאָך ניט אַרויס פון בערלס הויז — גלײַך אַ צווייטער אומגליק. דער אומגליק איז אַזוי גרויס, אַז עסטער־איטע די פעדערן־פּליקערן קאָן עס ניט אַרויסרעדן און קאָן עס ניט אויסדערציילן פאַר רעב בערלען — עס שטיקט זי, טרערן קײַקלען זיך פון אירע אויגן, די הענט אירע ציטערן. און דער אומגליק, אײַנגעוויקלט אין אַ ווײַסן האַנטעך, צאַפּלט און וואַרפט זיך און ציטערט פאַר שווערן פּסאַקדין, וואָס אים דערוואַרט דאָ.

רעב בערל גיט א טיפן זיפץ, און זײַן טיפער מיטגעפיל־זיפץ לינדערט עסטער־איטעס ווייטעק און קערט איר אום דאָס לאָשן:

— רעב בערל, פריִער גאָט און נאָכדעם איר!

— וואָס זשע האָט געטראָפן? — ווערן בערלס אויגן פול מיט ראַכמים. און עסטער־איטע וויקלט פאַנאַנדער איר ווּנד.

— מײַן יאַנקעלע האָט די סוכאָטע, האָבן דאָקטוירים געזאָגט, אַז מע דאַרף אים אונטערהאַלטן מיט א פעטער הינערשער יויך. האָב איך אָן אָף געקויפט, איז אָט קוקט און זעט, ס׳ארא בלאָטערן ס׳זײַנען אָף די קישקעלעך.

— יאָ, בלאָטערן, בלאָטערן, — באַטראַכט רעב בערל די פאַנאַנדערגעשניטענע הון, — בלאָטערן, יאָ, בלאָטערן... אָבער בא פיקועך־נעפעש, בא ראַטעווען א לעבן, זײַנען בלאָטערן בלאָטע שעבעבלאָטע, די קישקעלעך וואַרפט ארויס, און דאָס אָף זאָל זײַן א רעפוע אײַער יאַנקעלען.

עסטער־איטעס ציטערנדיקע ליפן ווייסן ניט, וויִאַזוי צו דאַנקען, און זיי האַלטן אין איין איבערכאַזערן איינס און דאָס זעלבע:

— פריִער גאָט און נאָכדעם איר, רעב בערל!

אַן אומגליק נאָך אַן אומגליק. יאַנקעוו־יאָסל דער וואַסערפירער רעדט זיך אויס זײַן ביטער האַרץ פאַר רעב בערלען:

— איר פאַרשטייט, צוואַנציק פאַסיקלעך פאַרשריבן מיט קרײַד אָף בענטשיק דעם שוסטערס טיר. צוואַנציק פאַסיקלעך באַטײַטן צוואַנציק פעסער וואַסער, פאַר וועלכע איך האָב קיין גראָשן ניט באַקומען. וואָס זשע טוט ער אָפּ, אָט דער בענטשיק דער שוסטער? ער טוט זיך א לייג אַוועק און מאַכט א שטאַרב, און זי, די בידנע אַלמאָנע, נעבעך, האָט ניט מיט וואָס זיך פאַנאַנדערצוצאָלן. אָבער איך בין דאָך אויך א גרויסער קאַפּצן, איז וואָס זשע טוט מען, רעב בער?

— יאָ, יאָ, דו ביסט גערעכט, זי האָט, נעבעך, ניט, און דו האָסט, נעבעך, ניט... איז אָט, נעם איך אָף זיך ארומגיין עטלעכע מאָנטיקן און עטלעכע דאָנערשטיקן איבער דער אַלטער שטאָט און בא די באַלעבאַטים צונויפקלײַבן א ביסל געלט, אַז ס׳זאָל סטײַען דיר צו באַצאָלן פאַר די צוואַנציק פעסלעך וואַסער און איר, דער אַלמאָנע, עפּעס אָף זי אונטערצוהאַלטן די ערשטע צײַט.

האָט ערגעץ גענומען ברעכן זיך דער שאָלעם־באַיִס — האָט רעב בערל ניט געוואַרט, מע זאָל קומען רופן צו הילף. ער פלעגט אליין לויפן ווי אָף א סרייפע, אײַנרעדן, אײַנשטילן און זיך ניט רירן פון אָרט, ביז די שאָלעמדיקע שמייכלען פון „לאָמיר זיך איבערבעטן" פלעגן זיך ווײַזן אָף די אָנגעברויגעזטע פענעמער פון מאַן און ווײַב.

א סאַך, א סאַך געטן האָט ער צעשטערט און ניט דערלאָזט. ער האָט געהאַלטן, אַז די אָפּגעפרעמדטקײַט פון הערצער איז דער גרעסטער צאַר, דער גרעסטער אומגליק, און מע טאָר ניט דערלאָזן צו דעם.

קיין טיש בא זיך אין שטוב האָט דער עלטערזיידע רעב בערל ניט געפראַוועט קיינמאָל — דאָס וואָלט באַטײַט גײַווע, דאָס וואָלט באַטײַט, אַז ער האָט זיך געלאָזט אײַנרעדן, אַז ער איז א רעבע. ניין, ער איז ניט קיין רעבע, ניט קיין ראָוו, ער איז ניט מער ווי איינער פונעם נײַעם שטעטל, א סאַוויון, ווי אַלע סאַוויונעס.

אָבער פראַווען טישן בא די סאַוויונעס — דאָס האָט דער עלטערזיידע רעב בערל געהאַלטן פאַר זײַן גרעסטער מיצווע, ער האָט ניט דורכגעלאָזט קיין איינע טנאָיִם, קיין איין כאַסענע, קיין איין בען־זאָכער, קיין איין בריס. זײַן רירעוודיקער ניט הויכער גוף פלעגט בײַקומען די ענגשאַפט פון די נײַשטעטלשע הײַזלעך.

די קנייטשן פון רעב בערלס הויכן ברייטן שטערן, וואָס האָבן, ווי פאַרצוימונגען, געהיט זײַן זיקאָרן, ער זאָל, כאַס־וועכאָלילע, ניט געשטרויכלט ווערן, פלעגן באַם טאַנצן זיך אויסגלײַכן, די ווײַסע גרויסע ברייטע באָרד פלעגט ווערן ברייטער ווי לענגער, און די גרויסע טיף־בלויע דורכדרינגענדיקע אויגן, וואָס פלעגן באַם לערנען אָף אויסווייניק זײַן שטענדיק פעסט צוגעמאַכט און פאַרשטעלט מיט די געדיכטע ברעמען, האָבן געוואַרעמט אַלעמען מיט ברייט צעעפנטע בליקן, וועלכע האָבן זיך געטראָגן ווי פונקען, פאַנאַנדערגעבלאָזענע פון ווינט.

אָף די נײַשטעטלדיקע סימכעס פלעגט דער עלטערזיידע רעב בערל לערנען און אײַנזינגען מיטן עולעם פאַרשיידענע ניגונים, וועלכע ער האָט געקענט אין די הונדערטער. זײַן טענאָרשטים איז געווען א קלינגעוודיקע, א רופנדיקע, א צאַרטע. ער עפנט נאָר דאָס מויל — און אַלעמען ווילט זיך מיטזינגען און נאָכזינגען. אָבער מע דאַרף דאָך וויסן וואָס צו זינגען און וויִאַזוי צו זינגען, און רעב בערל זינגט אויס שטיל דעם ניגן ווי פאַר זיך איין מאָל, צוויי מאָל — און אַלע כאַפּן אונטער, און אַלע ווערן גלײַך היימיש מיטן ניגן, ווי ער זאָל ארויסזינגען פון זיי יאָרנלאַנג.

דער עלטערזיידע רעב בערל איז געווען געבענטשט ניט בלויז מיט אַן אײַזערנעם זיקאָרן, נאָר אויך מיט אַן אָפענעם אויער. האָט ער געהערט איין מאָל א ניגן, האָט ער אים גלײַך אופגעכאַפּט און פאַרגעדענקט אָף אייביק.

ווען דעם רעבנס ניגנמאַכער פלעגט זיך ווען דערמאָנען אַן אַלטן ניגן, וועלכן ער האָט געשאַפן מיט יאָרן צוריק און פאַרגעסן דעם מינדסטן קלאַנג זײַנעם, פלעגט ער זיך ווענדן צום עלטערזיידן:

— זײַט אַזוי גוט, רעב בערל, דערמאָנט מיר דעם ניגן, וועלכן איך האָב געשאַפן און צום ערשטן מאָל אײַנגעזונגען מיט די כסידים מיט דרײַ יאָר צוריק, אין דעם איבעריאָר, אין דעם שאַבעס־מעוואָרכים, ווען מע האָט געבענטשט ראָשכוידעש שוואַט.

— אָ, יענעם ניגן? א טײַערער ניגן! אַזא

קאלטער כּוידעש שוואט, און אזא הייסער ניגון!
ער פארנעמט דעם אויבנאָן אין מײַן הארצן און זינגט פון מיר אָפּט ארויס, און שטענדיק, ווען איך הער אים, דוכט זיך מיר, אז איך הער אים צום ערשטן מאָל, ווײַל אלעמאָל טראָגט ער און ברענגט מיט זיך עפּעס נײַס, אלעמאָל א נײַ אנטפּלעקטן סאָד, אלעמאָל קערט ער דיר אום דאָס, וואָס דו ביסט פריִער דורכגעגאנגען פארבײַ און ניט באמערקט — ס'איז דײַנס, דו האָסט עס פארלאָרן, איז נא דיר עס און היט עס, ווי דאָס שווארצאַפּל פון אויג. א ווונדער־לעכער ניגון! אָט האָט איר אים! אָט נאט אײַך אים!

די ליבע צו רעב בערלען האָט דער דאָר פון די עלטערזיידעס איבערגעגעבן צו די זיידעס, און די זיידעס — צו די טאטעס.

דער טאטע מײַנער האָט געהייסן כאַים, זײַן טאטע האָט געהייסן כאצקל, אָבער גערופן האָט מען אים כאַים־כאצקל־בערלס. די טשערנאָבי־לער האָבן ניט געוואָלט, אז רעב בערלס נאָמען זאָל פארגעסן ווערן.

מײַן עלטערן ברודער בערל, וואָס איז א נאָך־מען געוועזן נאָכן עלטערזיידן, האָט מען גערופן בערל־כאַים־כאצקל־בערלס. אויך מיך האָט דער דאָר פון די זיידעס און טאטעס גערופן ניט אנדערש, ווי אירמע־כאַים־כאצקל־בערלס...

כראָניק

טעאטער און עסטראדע

„דער פארקישעפּטער שנײַדער" אף די בינעס פון דער הויפּטשטאָט

דער מאָסקווער ייִדישער דרא־מאטישער אנסאמבל (קינסטלערי־שער אָנפירער פעליקס בערמאן) האָט לעצטנס באוויזן פאר די צו־שויער פון דער הויפּטשטאָט זײַן נײַעם ספּעקטאקל „דער פארקי־שעפּטער שנײַדער", אינסצענירט לויט שאָלעם־אלייכעמס ווערק. די צושויער־זאלן אין האָטעל „סאָוועטסקאיא" און אין מאָסקווער זומער־גאָרטן אף באומאנס נאָ־מען, ווו דער טעאטער־קאָלעקטיוו איז ארויסגעטראָטן, האָבן יעדן טאָג, צוויי וואָכן נאָכאנאנד, צו־געצויגן א גרויסן אוילעם ליבהאָ־בער פון ייִדישן טעאטער.

גאסטראָלן פונעם ווילנער פאָלקס־טעאטער

נאָך זײַנע ארויסטרעטונגען אין ווילנע האָט דער היגער ייִדישער פאָלקס־טעאטער דורכגעמאכט א גאסטראָל־רײַזע אין דער קוראָרט־שטאָט פּאלאנגע, ווו ער האָט מיט דערפאָלג אופגעפירט איינע פון זײַנע בעסטע שטעלונגען „די קיי־שעפמאכערן".

דער וואָקאל־מוזיקאלישער אנ־סאמבל פונעם פאָלקס־טעאטער אונטער דער אָנפירונג פון י. מא־גיד איז ארויסגעטראָטן אין די ווײַסרוסישע שטעט באָריסאָוו און באָברויסק מיט א רײַכער קאָנ־צערט־פּראָגראם פון ייִדישע לידער און טענץ.

■ ■ ■

קינסטלער
עלִיעזער ליסיצקי

די הילע און די ערשטע זײַט פון מאני לייבס מײַסעלע „ייִנגל־צינגל־כוואַט״

שעדעווערן פון דער פוילישער מאַלעריי־קונסט

(פון דער עקספּאָזיציע אין צענטראַלן אויסשטעלונגס־זאַל אין מאָסקווע)

קינסטלער א. גערימסקי (1850 — 1901)
די פּאַרקויפּערן פון לימענעס

קינסטלער פ. קאָסטשעווסקי (1826 — 1911) א סרייפע איז שטעטל

קינסטלער יאַן מאַטייקאָ
(1893 — 1838)
אויטאָפּאָרטרעט

קינסטלער פּ. שטרייט (1890 — 1839) וואַנדער־קלעזמער

קינסטלער על׳עזער ליסיצקי

אילױסטראַציעס צום בוך „װײַסרוסישע פֿאָלקס־מײַסעלעך"

הערצער זיך צעבליִען

צוזאמען מיט דער ראָטע

כ׳האָב אומגעריכט דערהערט אין גאַס,
ווי ס׳זינגט, מארשירנדיק, א ראָטע
די ליד, וואָס כ׳האָב אמאָל פאַרפאַסט, —
אין איר — מײַן האַרץ, אין איר — מײַן אָטעם.

ס׳איז שוין אדורך אזוי פיל צײַט,
זינט ס׳איז די ליד פאַרפאַסט געוואָרן,
איך הער זיך צו — זי קלינגט פאַרשײַט,
זי האָט איר האסט ניט אָנגעוואָרן —

לינקס! לינקס!
פעסטער שטעל דעם טראָט,
פיל אויס, ווי ס׳פאסט א שלאַכטמאַן,
דעם הייליקסטן געבאָט.

לינקס! לינקס!

נאָר, ווי א כוואַליע שלײַפט דעם שטיין,
די צײַט מײַן ליד האָט אויסגעשליפן.
און ס׳גלוסט זיך מיט דער ראָטע גיין
און אין איר יוגנט זיך פאַרטיפן —

איך האָב די ליד דערקענט און ניט דערקענט —
דער זאַפּעוואָלע האָט א פײַף געטאָן אינמיטן,
אז אופגעציטערט האָבן אַזש די ווענט,
אָט־אָט וועלן די טאַפּליעס זיך צעשיטן —

לינקס! לינקס!
פעסטער שטעל דעם טראָט!
פיל אויס, ווי ס׳פאסט א שלאַכטמאַן,
דעם הייליקסטן געבאָט!

לינקס! לינקס!

פרילינגדיקער רעגן

אך, ווי עס שמעקט דער שטויב,
ווען אים באַשפּריצט א רעגן
אין אָנהייב פרילינג,
דאַן אַלץ ארום ווערט גרין,
און ס׳דוכט: דער ערשטער צוויט
בליט אוף פונמײַנעטוועגן...
איך ווארט אף אים,
ווי ס׳ווארט אף אים די בין,
די אומדערמידלעכע, די פלײַסיקע,
אין מיר געראָטענע,

די האָרעפּאַשניצע,
וואָס זאַמלט דעם נעקטאַר...
אוי, רעגן, רעגן!
ווי דו העלפסט מיר אָטעמען,
איך לויב דיך, פרילינג־רעגן,
אויך דערפאַר,
וואָס הערצער זיך צעבליִען
מיט דײַן קומען.
איך וואָלט די וועלט ארומגענומען,
געבענטשט זײַ, פרילינגדיקער רעגן!

זיס און ביטער

דער יאָדער איז ביטער,
נאָר זיס איז די פרוכט —
איך האָב זיי שויןביידע
ניט איין מאָל פאַרזוכט...

ניט איין מאָל פאַרטראַכט זיך:
— אין וואָס איז דער סאָד?
איך האָב דאָך אליין אים
געפלאַנצט, אונדזער סאָד.

געפלאַנצט און געכאָוועט,
פון ווערעם פאַרהיט,
כ'האָב נאכעס געקליבן,
ווען ער האָט געבליט.

געבליט און פאַרשיקערט
דעם קאָפּ און די פּיס.
דער יאָדער איז ביטער,
די פערשקע איז זיס.

דעם סייכל דערגיין
בין איך ניט אימשטאַנד.
דאָס זיס און דאָס ביטערס
זײַנען שטענדיק באַנאַנד.

מײַן „פריילעכס" און מײַן „שער"

איינער טאַנצט א פּאָלקע,
דער צווייטער — א האָפּאַק,
און איך האָב ליב א „פריילעכס",
וואָס ווערט געטאַנצט געשמאַק.

אינצווייען און אינפירן,
דערנאָך — אין ברייטן קרײַז,
ווי טאַנצן פלעגט מײַן טאַטע
אמאָל, נאָך ייִנגלווײַז.

זאָל יעדער טאַנצן, וואָס ער וויל
און וואָס ס'געפעלט אים מער,
צוזאַמען מיטן שלאַנקן וואַלס
זאָל הילכן אויך מײַן „שער"!

ליטעראַטור-קריטיק
ביבליאָגראַפיע
פראַגן פון קונסט

הערש רעמעניק

פּראָבלעמען פון דעם ניסטערס שאַפן

(צום 90־טן געבורטסטאָג פונעם גרויסן שרייַבער)

וועגן דעם פּסעוודאָנים

מיטן פּסעוודאָנים דער ניסטער איז אין דער ייִדישער ליטעראַטור פונעם אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט געקומען א גרויסער קינסטלער, וואָס זייַן פאַמיליע און זייַן נאָמען איז געווען פּינכאָס קאהאנאָוויטש (1884 — 1950).

פּסעוודאָנימען זייַנען א פאַרשפּרייטע דערשייַנונג אין דער ליטעראַטור. דער פּסעוודאָנים פון א שרייַבער קאָן זייַן באַדינגט פון צופעליקע, מער אָדער ווייניקער אויסערלעכע סיבעס פון געזעלשאַפטלעכן אָדער שטייגערישן כאַראַקטער. פיל שרייַבער און פּאָליטישע טוער (אין רוסלאַנד און אין אַנדערע לענדער) האָבן אַרויסגעגעבן זייערע ווערק אונטער פּסעוודאָנימען איבער פּאָליטישע טעַמים, וועלכע זייַנען געווען פאַרבונדן מיט דער אומלעגאַלער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייַט פון די אווטאָרן.

די גרונטלייגער און די קלאַסיקער פון דער נייַער ייִדישער ליטעראַטור מענדעלע מויכער־ספאָרים (שאָלעם־יאַנקעוו אַבראַמאָוויטש) און שאָלעם־אַלייכעם (שאָלעם ראַבינאָוויטש) האָבן זיך אָנגעייגנט די פּסעוודאָנימען ניט צופעליק, ניט איבער אויסערלעכע סיבעס און טעַמים, נאָר פּרינציפּיעל און צוליב אידייִשע מאָטיוון. מיטן פּסעוודאָנים מענדעלע מויכער־ספאָרים האָט דער שרייַבער אַבראַמאָוויטש געשאַפן דאָס געשטאַלט פון א דערציילער, אין וועלכן עס זייַנען פאַרקערפּערט געוואָרן די אויפקלערערישע און פאָלקס־דעמאָקראַטישע אידייען פונעם שרייַבער אין די זעכציקער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט אין רוסלאַנד. שאָלעם־אַלייכעם איז אוועק נאָך ווייַטער. מיט זייַן פּסעוודאָנים האָט ער געוואָלט אויסדריקן דעם היסטאָרישן באַטייַט פון דער נייַער עפּאָכע, ווען די ליטעראַטור האָט באַקומען א מאַסן־כאַראַקטער, צום וואָרט איז געקומען דאָס פאָלק אַליין. שאָלעם־אַלייכעמס פּסעוודאָנים איז שוין געווען ניט אַזוי דאָס געשטאַלט פונעם דערציילער, ווי דאָס געשטאַלט פונעם פאָלק אַליין — דעם שעפער פון דער געשיכטע און פון דער ליטעראַטור. די פּסעוודאָנימען פון די קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור האָבן געהאַט אין א באַשטימטן זין א סימבאָלישן באַטייַט, פּונקט ווי אין דער רוסישער ליטעראַטור האָבן געהאַט א סימבאָלישן באַטייַט די פּסעוודאָנימען מאַקסים גאָרקי (אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש פּעשקאָוו), דעמיאַן בעדני (יעפים אַלעקסייעוויטש פּרידוואָראָוו) און אַנדערע.

פּינכאָס קאהאנאָוויטש האָט זיך גענומען זייַן פּסעוודאָנים מיטן ערשטן ווערק זייַנעם „געדאַנקען און מאָטיוון" (ווילנע, 1907). דער ניסטער באַטייַט — דער פאַרבאָרגענער, אָדער אַפילו — דער געהיימער. נאַטירלעך, שטעלט זיך א פראַגע: צוליב וואָס האָט דער יונגער דרייַ־און־צוואַנציקיאָריקער שרייַבער זיך צוגעייגנט אַזא אומגעוויינלעכן און מאָדנעם פּסעוודאָנים, וועלכער איז שוין בא אים פאַרבליבן ביזן סאָף פון זייַן לעבן?

אייניקע מעמואַריסטן זייַנען גענייגט דאָס צו דערקלערן מיט צופעליקע סיבעס. מע זאָגט, אַז דער יונגערמאַן האָט ניט געוואָלט גיין דינען אין דער צאַרישער אַרמיי, ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אונטער פאַרשיידענע פאַמיליעס אין זייַנע פּאַספּאָרטן. אַנדערע דערקלערן דאָס מיט דער באַשיידנקייַט פונעם יונגן שרייַבער, וועלכער האָט ניט געוואָלט אָדער עפּשער מוירע געהאַט פאַר הויכע רייד וועגן זיך און וועגן זייַן שאַפן.

די דאָזיקע דערקלערונגען גיבן אָבער ניט קיין באַפרידיקנדיקן ענטפער אויף דער געשטעלטער פראַגע. דער שרייַבער האָט ניט שטענדיק זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן פון דינען אין דער אַרמיי, ער האָט ניט שטענדיק זיך געדאַרפט באַנוצן מיט פאַלשע פּאַספּאָרטן און מיט אויסגעטראַכטע פאַמיליעס, און דער פּסעוודאָנים איז געבליבן דער זעלבער — דער ניסטער. די באַשיידנקייַט פונעם שרייַבער דערקלערט אויך ניט די סיבעס, פאַרוואָס ער איז געבליבן טרייַ זייַן ערשטן פּסעוודאָנים. די לייענער



האָבן ניט געוווּסט, אַז דער ניסטער איז קאהאנאָוויטש. באַשיידנקייט דערקלערט גאָרניט אין דער פראַגע.

אין דערווירקלעכקייט איז דער פסעוודאָנים דער ניסטער פארבונדן מיט דעם שרייבערס אידייִשער אַנטוויקלונג, אָנגעהויבן פונעם ערשטן ווערק זיינס „געדאַנקען און מאָטיוון” און געענדיקט מיט דער עפּאָפּיי „די מישפּאָכע מאשבער” און מיט אַנדערע ווערק.

דער ניסטער אַלס פּערזענלעכקייט און אַלס קינסטלער איז געווען אַ פּרינציפּיִעלע, אידייִיש צילגעווענדטע דערשיינונג. ער איז אָבער אויך געווען ווידערשפּרעכיק סיי אַלס פּערזענלעכקייט, סיי אַלס קינסטלער. אינטעלעקטועל איז דער ניסטער רייף געוואָרן אין דער עפּאָכע פון דער ערשטער רוסלענדישער רעוואָליוציע, וועלכע האָט אויפגעשטעלט אַזויפיל קאָמפּליצירטע פראַגן, וואָס ניט אַלע פאָרשטייער פון דער אינטעליגענץ זיינען געווען בעקויעך צו געפינען אַף זיי אַן ענטפער. אין אָנהייב פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט די ייִדישע ליטעראַרישע אינטעליגענץ זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון טיפער צעפאַלונג, פון אידייִשער צעדריבלונג און אַנטוישונג. די אידעאָלאָגיעס פונעם ניינצנטן יאָרהונדערט, די רעליגיִעזע שטרעמונגען פונעם ראַבּיניזם און כאַסידיזם און אויך די האַסקאָלע און דער פאָלקיזם, וואָס אונטער זייער אידייִשן צייכן האָט זיך אַנטוויקלט די ייִדישע ליטעראַטור אין יענעם יאָרהונדערט, זיינען פאַרעלטערט געוואָרן און האָבן שוין מער ניט אַנטשפּראָכן די באַדינגונגען פון דער נייַער עפּאָכע. די געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג בא די ייִדן כאַראַקטעריזירט זיך איצט דערמיט, וואָס עס אַנטשטייען נייַע שטרעמונגען, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיטן קלאַסנקאַמף אין לאַנד. פון איין זייַט, אַנטוויקלט זיך מיט גיכע טעמפּן די בורזשואַזע באַוועגונג פונעם ציִעניזם (אין אַלע זיינע ריכטונגען און שאַטירונגען), פון דער צווייטער זייַט — די סאָציִאַליסטישע באַוועגונג פונעם פּראָלעטאַריאַט און פון די נאָענטע צו אים דעמאָקראַטישע שיכטן פון דער האָרעפּאַשנער באַפעלקערונג (אויך אין פאַרשיידענע ריכטונגען און שאַטירונגען).

דער ניסטער איז דערצויגן געוואָרן אין אַ פאַרמעגלעכער רעליגיִעזער פאַמיליע מיט שטאַרקע טראַדיציעס פון מיסטיציזם, פון נאַכמען בראַצלאַווערס ראַדיקאַלער ריכטונג אינעם כאַסידיזם, פון דעם זעלבן נאַכמען בראַצלאַווער, וועלכער האָט איבערגעלאָזט אַ שאַרפן שפּור ניט בלויז אין דער כסידישער באַוועגונג, נאָר אויך אין דער נייַער ייִדישער ליטעראַטור, ווירקנדיק אַף דער שאַפונג פון י.־ל. פּערעצן און פון אים, פון דעם ניסטער.

אונטער דער ווירקונג פון דער רעוואָליוציע האָט דער ניסטער זיך דערנענטערט צו דער באַוועגונג פון דער ייִדישער דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ, וועלכע איז פאַרכאַפּט געוואָרן מיטן סאָציִאַליזם אין זייַן „ייִדישלעכער נאַציִאָנאַלער” באַפאַרבונג. אָבער אָט דער קליינבירגערלעכער נאַציִאָנאַליסטישער סאָציִאַליזם, וועלכער איז אין טאָך קיין עמעסער סאָציִאַליזם ניט געווען, האָט אויך ניט געקאָנט באַפרידיקן דעם יונגן וויסנגיריקן קינסטלער. ער האָט געפילט די באַגרענעצטקייט פון דער סוויווע, וואָס רינגלט אים אַרום, ער האָט אָבער אויך ניט געפונען קיין ברייטערן וועג צום סאָציִאַליזם. דער ניסטער האָט אַזויאַרום ניט געהאַט קיין קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן דער היסטאָרישער סיטואַציע, זי איז געווען פאַר אים פאַרבאָרגן, און דערפאַר איז ער אויך געווען פאַרבאָרגן. דער ניסטער איז געווען פאַרבאָרגן ניט פאַר יענעם, נאָר פאַר זיך אַליין; ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן ניט פון דער צאַרישער אַרמיי, ניט מאַכמעס באַשיידנקייט, נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט פאַר זיך ניט געזען קיין קלאָרן וועג. זייַענדיק אַ זוכנדיקע נאַטור און אַ קינסטלער אַ דענקער, האָט ער זיך פאַרבאָרגן פון אַלעמען, און אין דער ערשטער ריי פון זיך אַליין, אין מיסטיק און פאַנטאַסטיק, אין לעגענדעס און אין טרוימען, אין אוראַלטע און מיטלאַלטערלעכע מייַסעס, אין ספּיריטואַליסטישע אידייען, און אויך אין נאַיִווע האָפענונגען אַף אַ בעסערער סאָציִאַליסטישער צוקונפט, וואָס האָט זיך אים אָבער פאָרגעשטעלט אין נעפּלהאַפטע ווייַטן.

דער פסעוודאָנים דער ניסטער איז ניט געווען קיין צופעליקער באַם שרייַבער. פּונקט ווי בא די קלאַסיקער מענדעלע און שאָלעם־אַלייכעם, איז דער פסעוודאָנים דער ניסטער געווען פאַרבונדן פאַר איינעם פון די נייַע קלאַסיקער מיט אַ טיפן אינהאַלט, מיט שווערע מאַכשאָווע̇ס וועגן דעם סאָציִאַלן טאָך פון דער עפּאָכע, וועגן די גרויסע דראַמאַטישע און טראַגישע געשעענישן, פון וועלכע ער איז געווען אַן איידעס.

דאָס אַלץ ווערט באַזונדערס קלאָר, ווען מע באַטראַכט די פראַגע וועגן ניסטערס שאַפן אין פאַרבינדונג מיט די גרונט־פּריִאָדן פון זייַן ליטעראַרישער טעטיקייט.

וועגן פּעריאָדיזאַציע

ווי אלע שרײַבער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן זייער שעפערישן וועג ביז דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע און האָבן פאָרגעזעצט אָט דעם וועג נאָך דעם ניצאָכן פון דער רעוואָליוציע, האָט דער ניסטער דורכגעמאכט א קאָמפּליצירטע אידייִש־שעפערישע עוואָליוציע, וואָס איז פול געווען מיט שארפע זיגזאגן. אָן א ריכטיקן קוק אף די גרונט־עטאפּן פון אָט דער עוואָליוציע איז אומעגלעך זיך פאנאנדערקלײַבן אין דער שאפונג פונעם שרײַבער אינגאנצן גענומען. וויפל געוויסע אויסטײַטשער פון ליטעראטור זאָלן ניט זינגען קיין זעמערלעך, אז דער ניסטער איז איינער און דער זעלבער און מע טאָר אים ניט טיילן אף באזונדערע עטאפּן, מע טאָר ניט דערמאָנען, כאָלילע, אז ער איז געווען א ראָמאנטיקער א סימבאָליסט און איז געוואָרן א רעאליסט, וועט דאָס צו קיין פּאָזיטיווע רעזולטאטן ניט ברענגען. דער ניסטער אלס קינסטלער און פערזענלעכקײַט איז טאקע שטענדיק געווען איינער און דער זעלבער. אָבער דאָס לעבן אין פארשיידענע צײַטן איז ניט איינס און דאָס זעלבע. עס בײַטן זיך די אומשטענדן און אויך דער אינהאלט און די פאָרם פונעם שרײַבערס שאפן. דאָס האָט א שײַכעס ניט בלויז צום ניסטער, נאָר אויך צו דער שאפונג פון אזעלכע שרײַבער, ווי מאקסים גאָרקי, אלעקסאנדער בלאָק, סערגיי יעסענין, אלעקסיי טאָלסטאָי, איליא ערענבורג, און אין דער ייִדישער ליטעראטור — צו אזעלכע שרײַבער, ווי דאָוויד בערגעלסאָן, דאָוויד האָפשטיין, ז. ווענדראָף, פּערעץ מארקיש. זעלבסטפארשטענדלעך, יעדערער פון אָט די שרײַבער האָט דורכגעמאכט אָט די עוואָליוציע אף זײַן אויפן, גאָר אינדיווידועל, אָפּהענגיק פון זײַנע סאָציִאל־פּאָליטישע אָנשויונגען, פון זײַן נאָענטקײַט צום פאָלק און צו דער רעוואָליוציע, פון זײַנע פילאָסאָפיש־עסטעטישע און ליטערארישע מיינונגען, פון די מעטאָדן, מיטלען און דעם סטיל פון קינסטלערישער שאפונג.

די פּראָבלעם פון פּעריִאָדיזאציע איז איינע פון די וויכטיקסטע באם פאָרשן די ליטערארישע טעטיקײַט פונעם קינסטלער און פון זײַן עוואָליוציע. אָט דער פראגע ווערט אין דער ייִדישער ליטעראטור אָפּגעגעבן ווייניק אויפמערקזאמקײַט. ביז הײַנטיקן טאָג קאָן מען אָנטרעפן אין דער אויסלענדישער ייִדישער פּרעסע אזעלכע „מעווינים" אף ניסטערס שאפן, וועלכע האָבן קיין אנונג ניט אין ליטעראטור־פאָרשונג, און זיי מאכן א פּרווו צו פארבײַטן ערנסטע שטודירונג מיט באנאלער באטלאָנישער שרײַבערײַ וועגן ניסטערן, פאלסיפיצירנדיק אזויארום דעם טאָך פון זײַן שאפן און דעם כאראקטער פון זײַן פערזענלעכקײַט. די פּראָבלעם פון פּעריִאָדיזאציע האָט א קאָלאָסאלע באדײַטונג ניט בלויז באם שטודירן דאָס שאפן פונעם שרײַבער, נאָר פאר דער ליטעראטור אינגאנצן גענומען.

וואָס איז שײַעך דער פּעריִאָדיזאציע פונעם ניסטערס שאפן, איז זי פאקטיש נאָך ניט געמאכט געוואָרן. מיט דער פראגע האָט מען זיך אין טאָך נאָך ניט פארנומען ניט אין דער סאָוועטישער ליטעראטור־וויסנשאפט, ניט אין דער ייִדישער קריטיק אין אויסלאנד. באזונדערע פּרווון אין דער ריכטונג זעען מיר אויס צו זײַן ניט קיין געלונגענע. איך וועל דאָ ברענגען בלויז איין בײַשפּיל.

דער ייִסראָעלדיקער ליטעראטור־פאָרשער כ. שמערוק שרײַבט: „דעם ניסטערס ליטערארישע שאפונג האָט באזונדערס בולעט זיך אנטפלעקט אין די יאָרן 1906 — 1929. אין אָט דער עפּאָכע איז פארפעסטיקט געוואָרן זײַן וועג אין דער ליטעראטור, ניט זײַענדיק אונטערגעוואָרפן דעם דרוק פון אויסערלעכע פאקטן. אָבער פון 1929 יאָר איז ער געצווונגען געווען זיך צו רעכענען מיט די פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע פאקטאָרן און זוכן פאר זיך וועגן, קעדיי צו ארײַנדרינגען אין דער סאָוועטישער ליטערארישער סוויווע אין די באגרענעצטע, דערלאָזטע (לעגיטימע) מעגלעכקײַטן. די עפּאָכע ביז 1929 קאָן מען באטראכטן ווי אן עפּאָכע פון מיסטישע זעונגען און פאנטאסטישע מײַסעלעך, און אין דער דאָזיקער עפּאָכע האָט דער ניסטער דערגרייכט פארפולקומונג אין אָט דעם מין ליטעראטור און האָט פארפעסטיקט פאר זיך זײַן אייגענעם סטיל, וואָס האָט ניט קיין גלײַכן צו זיך אין דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראטור"[1].

לויט דער מיינונג פונעם ייִסראָעלדיקן ליטעראטור־קריטיקער באקומט זיך, אזויארום, אז דעם ניסטערס שאפונג טיילט זיך אף צוויי פּעריִאָדן: פון 1906 ביז 1929, ווען ער איז געווען א סימבאָליסט, און פון 1929 ביז 1949, ווען ער איז געוואָרן א רעאליסט. דערבײַ ווערט קלאָר געגעבן צו פארשטיין, אז דער אריבערגאנג פון סימבאָליזם צו רעאליזם איז געווען באדינגט ניט מיט דער אידייִש־קינסטלערישער און שעפערישער עוואָליוציע פונעם שרײַבער אונטער דער ווירקונג פון די אלוועלטלעך־היסטאָרישע געשעענישן, נאָר איבער אויסערלעכע סיבעס, איבער פּאָליטישן און אידעאָלאָגישן דרוק פון דער סאָוועטישער אָרדענונג.

אזא נאִיוו און וולגאר באנעמען דעם טאָך פון ליטערארישער שאפונג גיט א פארקריפּלטע פאָרשטעלונג וועגן דעם ניסטערס ליטערארישן וועג. דער קינסטלער און זײַן שאפן ווערן פולשטענדיק איזאָלירט פונעם לעבן און פון די היסטאָרישע געשעענישן, וועלכע גייען פארבײַ אים. אין כאָנע שמערוקס פּעריִאָדיזאציע איז דורכגעלאָזט, לעמאָשל, אזא „דעטאל", ווי די אָקטיאבער־רעוואָליוציע! צי קאָן מען ריכטיק פארשטיין און דערקלערן די שאפונג פונעם שרײַבער, ניט נעמענדיק אין אכט זײַן באציִונג צו דער רעוואָליוציע, די ווירקונג אף אים פון אָט דער גרעסטער געשעעניש אין דער וועלטגעשיכטע? שמערוק מוז פארבײַגיין די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פונעם ניסטערס שאפן, ער איז ניט בעקויעך צו דערקלערן די זשאנרען און פאָרמען פון דעם שרײַבערס ווערק אין פארשיידענע פּעריִאָדן פון זײַן ליטערארישער טעטיקײַט, פארוואָס איז דער ניסטער אריבער פון דיכטונג צו פּראָזע, פון ליריק צו עפּאָס, פון סימבאָליזם צו רעאליזם, פון פאר־

---

[1] דער נסתר. הנזיר והגדייה. ירושלים, 1963 (דער ניסטער. דער נאָזיר און דאָס ציגעלע. יערושאָלאיִם, 1963). ארײַנפיר פון כאָנע שמערוק, זז. 9־52.

גאַנגענהייַט צו הייַנטצייַטיקייַט? אַזעלכע גרונט־פּראָבלעמען קאָן דערקלערן בלויז אַ וויסנשאַפטלעכער עסטעטישער אַנאַליז פונעם קינסטלערס שאַפן.

איך וויל דאָ מאַכן אַ פּרוּוו פון אַזאַ מין אַנאַליז פונעם ניסטערס שווער געפּרוּווטן וועג לויט באַזונדערע עטאַפּן. איך מיין, אַז דעם ניסטערס שאַפן קאָן מען איינטיילן אין אַזעלכע פּעריאָדן:

דער ערשטער פּעריאָד — **דאָס יאָרצענדליק ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע (1907 — 1917); אָט דעם פּעריאָד אַנטשפּרעכט הויפּטזאַכלעך דעם ניסטערס** סימבאָליסטישע דיכטונג.

דער צווייטער פּעריאָד — **דאָס יאָרצענדליק נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע (1918 — 1928); אָט דעם פּעריאָד אַנטשפּרעכט הויפּטזאַכלעך דעם ניסטערס** סימבאָליסטישע פּראָזע.

דער דריטער פּעריאָד — **פון 1929 ביז 1949; דעם ניסטערס** רעאַליסטישער עפּאָס.

דערבייַ דאַרף מען אין זינען האָבן, אַז יעדע פּעריאָדיזאַציע איז באַדינגלעך און טאָר ניט באַטראַכט ווערן ווי אַ מין סכעמע, אין וועלכער באַזונדערע פּעריאָדן באַקומען זיך אָפּגעריסן איינער פונעם צווייטן, ניט פאַרבונדן צווישן זיך. אין דער ווירקלעכקייַט איז די שאַפונג פון יעדן גרויסן קינסטלער דורכגעדרונגען מיט אינערלעכער אָרגאַנישער איינהייַט, מיט האַרמאָנישער צוזאַמענגעבונדנקייַט פון אַלע עלעמענטן פון זייַן שאַפן, אַפילו בײַ די טיפסטע און שאַרפסטע ווידערשפּרעכיקע טענדענצן פון אידייִשן און עסטעטיש־קינסטלערישן כאַראַקטער.

אַ ריכטיקע פּעריאָדיזאַציע גיט אַ מעגלעכקייַט צו באַטראַכטן די שאַפונג פונעם קינסטלער אין פאַרבינדונג מיט דער הייַנטצייַטיקייַט, מיט די וויכטיקסטע ליטעראַרישע דערשייַנונגען פון דער עפּאָכע, מיט דער ליטעראַרישער טראַדיציע, מיטן ליטעראַרישן קאַמף. אַ ריכטיקע פּעריאָדיזאַציע גיט אַ מעגלעכקייַט צו שאַפן אַ פאַרגאַנצטע פאָרשטעלונג וועגן דעם שרייַבער אין באַזונדערע עטאַפּן און אין פאַרלויף פון זייַן גאַנצער שעפערישער אַנטוויקלונג.

דער ערשטער פּעריאָד — סימבאָליסטישע דיכטונג (1907—1917)

די ערשטע צען יאָר פונעם ניסטערס שאַפן, זייַנע ווערק „געדאַנקען און מאָטיוון" (1907), „העכער פון דער ערד" (1910), „געזאַנג און געבעט" (1912) האָבן גלייַך צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייַט פון דער קריטיק און פון די שרייַבער. די דאָזיקע זאַמלונגען פונעם ניסטערס ווערק האָבן זיך איינגעשלאָסן אינעם אַלגעמיינעם שטראָם פון דער ליטעראַטור אין יענע יאָרן, און אייגנצייַטיק דערמיט האָבן זיי זיך שאַרף אויסגעטיילט מיט זייער פולשטענדיקער אייגנאַרטיקייַט.

אין די יאָרן פון רעאַקציע נאָך דער ערשטער רעוואָליוציע אין רוסלאַנד האָבן אין דער יידישער ליטעראַטור דעם טאָן פאַרגעבן די מאָדערניסטן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון די רעאַליסטישע טראַדיציעס פון די קלאַסיקער מענדעלע און שאָלעם־אַליכעם.

דער אידייִשער דעקאַדאַנס אין דער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג און אין דער ליטעראַטור אין די יאָרן פון דער פּאָליטישער רעאַקציע איז געווען פאַרבונדן מיט דער פאַרשטאַרקונג פון די נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן, ווען עס האָבן זיך צעפלאַקערט די שאַרפסטע שלאַכטן צווישן די העברעיסטן, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז די נאַציאָנאַלע שפּראַך פונעם יידישן פאָלק קאָן זייַן בלויז העברעיש, און די יידישיסטן, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז אויך יידיש, וואָס איז געווען די גערעדטע שפּראַך פון די מאַסן און האָט שוין פאַרמאָגט אַ קלאַסישע ליטעראַטור, אַ פאָלקס־טעאַטער, לינגוויסטישע און היסטאָרישע וויסנשאַפטן, אַ פּובליציסטיק און אַ פּעדאַגאָגישע ליטעראַטור, אַז אויך יידיש קאָן און דאַרף זייַן די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון דער יידישער באַפעלקערונג.

דער מער בולעטער אויסדרוק פון אָט די טענדענצן איז געווען די טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ (1908), וווּ אַ באַזונדערע ראָל פון אַ טעאָרעטיקער און געדאַנקען־הערשער האָט געשפּילט י.־ל. פּערעץ און אויך כאַים זשיטלאָווסקי און אַנדערע פאָרשטייער פון די יידישע קליינבירגערלעכע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען („בונד" און אַנד.). אַ באַדייַטנדיק אָרט אין אָט דער באַוועגונג פון מאָדערניזם און יידישיזם האָט פאַרנומען דער אַלמאַנאַך „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן", וועלכער האָט פּאָרייניקט אַרום זיך די מאָדערניסטישע קרייַזן פון דער יידישער ליטעראַטור אין יענער עפּאָכע.

עס וואָלט געווען ניט ריכטיק און אַנטיהיסטאָריש צו מיינען, אַז מאָדערניזם איז דורכויס רעאַקציע, אַז אין אָט דער באַוועגונג זייַנען ניט געווען קיין פּראָגרעסיווע עלעמענטן. דער מאָדערניזם אין דער יידישער ליטעראַטור איז געווען פאַרבונדן מיטן רוסישן מאָדערניזם (סימבאָליזם, אַקמעיזם, עגאָפוטוריזם, קובאָפוטוריזם). קיינער רעכנט אָבער ניט אַזעלכע שרייַבער, ווי בריוסאָוו, בלאָק, בעלי, אַנדרייעוו, כלעבניקאָוו, פּאַסטערנאַק, אָט די אָנגעזעענע מאָדערניסטן, פאַר פאָרשטייער פון דער רעאַקציאָנערער ליטעראַטור. מע קאָן אויך ניט רעכענען אַלע פאָרשטייער פונעם יידישן מאָדערניזם פאַר רעאַקציאָנערע, באַזונדערס אַזעלכע שרייַבער, ווי פּערעץ, א. ווייַטער און, זעלבסטפאַרשטענדלעך, דער ניסטער.

דעם ניסטערס שאַפן איז געווען צעצווייט און ווידערשפּרעכיק אין דעם אינהאַלט און אין דער פאָרם. לויטן אינהאַלט זייַנען די לידער און די פּראָזע פונעם יונגן שרייַבער געווען אַבסטראַקט, ווי אָפּגעריסן אינגאַנצן פון דער רעאַלער ווירקלעכקייַט. זיי האָבן פאַרטראָגן דעם לייענער אין דער ווייַטער אוראַלטער וועלט פון פאַנטאַסטיק, פון מיפּאָלאָגישע מייַסעס און לעגענדעס, פון רעליגיעז־פילאָסאָפישע פּראָבלעמען און באַטראַכטונגען וועגן דעם טאָך פונעם זייַן, וועגן געטלעכן און מענטשלעכן, וועגן דעם זין פון דערהויבענער ליבע צווישן מאַן און ווייַב. אָבער צוזאַמען דערמיט האָט דער אויטאָר אין אָט די מיפן, לעגענדעס און מייַסעס פון דער פאַרגאַנגענהייַט געזוכט אַן ענטפער אויף די קאָמפּלי־

צירטע פראגן פון דער הײַנטצײַטיקײַט. אין „געדאנקען און מאָטיוון" פילן זיך די זוכונגען פון דער מענטשהײַט אף די וועגן צו דעם באַגערטן ציל פון עמעס און פון א געראַכטיק גליקלעך לעבן, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין ליבע, אין ליידן, אין פריידן. דורך ליבע, דורך פאַרזעצן דעם מענטשלעכן מין, ניט געקוקט אף אווידעס און קאַטאַסטראָפעס, ווערט פאַרווירקלעכט די אידיי פון פאַרנונפטיקן זין פונעם לעבן.

אין זײַנע ווײַטערדיקע ווערק זעצט פאָר דער ניסטער זוכן די געהיימנישן פון מענטשלעכן און געטלעכן, פון אידעאלן און רעאלן, פון פאַנטאַסטישן און ווירקלעכן. זײַנע ספּייקעס און זײַן סקעפּטיציזם פאַרקערפּערט ער אינעם בוך „העכער פון דער ערד", פּרווונדיק אין א טראַנספאָרמירטער און מאָדערניזירטער פאָרם פון „קאַבאָלע" אויסדריקן זײַנע נעפּלהאַפטע פאַרשטעלונגען וועגן דעם געדאַרפטן און דעם ווירקלעכן אין געשטאַלט פון מעפיסטאָפעל, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר א „קאָשמאַרפולן סקעפּסיס", א שאָטן פונעם שיקזאַל. אין טאָך זעצט פאָר דער שרײַבער די מאָדערניסטישע טראַדיציע פון דער מיסטישער שאַפונג.

אָט די מיסטישע פּרוּוון אַנטפּלעקן זיך ווײַטער אינעם בוך „געזאַנג און געבעט", אינעם ערשטן קאַפּיטל „מיר", ווו דער אווטאָר שאַפט א געזאַנג וועגן דעם געשיכטלעכן גורל פונעם ייִדישן פאָלק און וועגן זײַן ווײַטערדיקן קיום. דאָ איז פאַראַלגעמיינערט דאָס שאַרפע טרויער־געפיל וועגן דעם אונטערגאַנג פון דער נאַציאָנאַלער טראַדיציע און וועגן אומקום פון אירע טרעגער, יענע זיידעס,

יענע זקיינים
אינעם שווײַגן
און די טשוווע
מיט די אויגן
מיט די ריינע
און געזעצטע,
וואָס זיי זאָרגן

פאר דער אומע...
נאָר מיט ווינקען
און מיט מיינען
אונדז, די קינדער,
דאָרט באַטראַכטן
טאַטעס קומענדע
נאָך זיי...

די צעצווייטקײַט און ווידערשפּרעכיקײַט פונעם ניסטערס שאַפן אינעם ערשטן פּעריאָד איז באַשטאַנען, אַזויאַרום, אין דעם, וואָס ער האָט זיך אָפּגעזונדערט פון דעם רעאַלן און ערדישן, ער איז אַוועק פון דער ווירקלעכקײַט, „העכער פון דער ערד", אין די ווײַטע פאַנטאַסטישע הימל־ספערן. ער האָט אָבער אויך דאָרט ניט אויפגעהערט צו זוכן אן ענטפער אף די „פאַרשאָלטענע פראַגעס", וועלכע האָבן געערגט זײַן דאָר.

אָט די צעצווייטקײַט און ווידערשפּרעכיקײַט פונעם ניסטערס ווערק דריקט זיך אויס אויך אין דעם, וויאַזוי ער פאַרקערפּערט די פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן. אין דער ערשטער זאַמלונג „געדאַנקען און מאָטיוון" זײַנען נאָך צוזאַמענגעבונדן דער ייִדישער, אַלטגריכישער מאַטעריאַל אַלס אַרסענאַל פון פילאָסאָפיש־פּאָעטישע באַטראַכטונגען פונעם יונגן שרײַבער; אין זײַנע ווײַטערדיקע ווערק ווערט שוין דער אַרסענאַל פון זײַנע זעונגען בלויז ייִדישע מיפּאָלאָגיע. אינעם ווערק „פויליש" שילדערט דער אווטאָר א רעאַל בילד פונעם לעבן. עס טאַנצן דער זיידע און דאָס אייניקל — די קאַלע — אף איר כאַסענע. אָבער דאָס בילד איז דורכגעדרונגען מיט מעטאַפאָרישער סימבאָליק פון דער שפּיל פון דעם פידל און פלייט, וועלכע רופן אַרויס אַסאָציאַציעס און מאָטיוון פון דעם מיסטישן בוך פון מיטלאַלטער „זוהאַר" און פאַראַפראַזן פון „שיר־השירים". דאָס געשטאַלט פונעם זיידן ווערט אַרויסגעשטעלט אַלס סינטעז פון ייִדישער טראַדיציע, פון איר ריינקײַט און הייליקײַט. פאַרקערט, אינעם ווערק „קלעאָפּאַטרע" ווערן ווי קעגנגעשטעלט דער הייליקײַט און ריינקײַט פון דער ייִדישער טראַדיציע אַנטיטעטישע אומריינע שיידים־קויכעס פונעם לײַדנשאַפטלעכן און זינדיקן עראָטיזם.

און, לעסאָף, די צעצווייטקײַט און ווידערשפּרעכיקײַט אינעם ערשטן פּעריאָד פון דעם ניסטערס שאַפן אַנטפּלעקט זיך ניט בלויז אינעם אידייִשן אינהאַלט, נאָר אויך אין דער פאָרם. פון איין זײַט, זײַנען די סוזשעטן און די בילדער פון זײַנע ווערק אין דעם פּעריאָד שטאַרק פאַרשיפרירט אַלס רעמאָזים און אָנדײַטונגען, אַלס אַבסטראַקטע מיסטישע זעונגען, וועלכע עס איז שווער צו אויפדעקן און פאַרשטיין; פון דער צווייטער זײַט, האָט אין ניסטערס שפּראַך און סטיל מאַמעש באַוווּנדערט די פאָלקסטימלעכקײַט און די הויכע שפּראַך־מײַסטערשאַפט, די דורכזיכטיקײַט פונעם מאָלערישן וואָרט, די פאַרבינדונג פון דעם מיפּאָלאָגישן און מײַסעדיקן מאַטעריאַל מיט די ברייטע און טיפע קוואַלן פון דער פאָלקס־שאַפונג, דער פאָלקלאָרישער מעהוס פון דער אומגעזעענער אין דער ייִדישער ליטעראַטור און ביזן הײַנטיקן טאָג ניט איבערגעשטײַגטער שפּראַך־מײַסטערשאַפט.

אין דער שאַפונג פונעם ניסטער קאָן מען שוין אפילע אין ערשטן פּעריאָד פון זײַן ליטעראַרישער טעטיקײַט פעסטשטעלן די פאַרבינדונג מיט די קלאַסישע טראַדיציעס פון דער רוסישער, אַלוועלטלעכער און, פאַרשטייט זיך, ייִדישער ליטעראַטור. מיט י.־ל. פּערעצן פאַרבינדן דעם ניסטער זײַן סימבאָליזם, די פאַרשיפרירטקײַט פון די בילדער, זײַן מאָדערניזם און זײַנע פּרווון פילאָסאָפיש באַזיניקן די הײַנטצײַטיקײַט מיט דער הילף פון מיסטישע פאַרטיפונגען אין דער מיפּאָלאָגיע פונעם 'ווײַטן אַמאָל. מיט שאָלעם־אַליײכעמען פאַרבינדן אים די פאָלקסטימלעכקײַט און די פאָלקלאָרישע סטיכיע פון דער שפּראַך, וואָס אַנטפּלעקט זיך אפן גלענצנדיקסטן אויפן אין דער דיאַלאָגישער פאָרם פון שילדערן בא שאָלעם־אַליײכעמען און אין דער מאָנאָלאָגישער פאָרם בא דעם ניסטער.

דער ניסטער איז געקומען אין דער ליטעראַטור ווי א סימבאָליסט און ווי א מאָדערניסט. אָבער אין זײַן שאַפונג פונעם ערשטן פּעריאָד הערן זיך גאַנץ בוילעט ניט בלויז די טויבע אָפּהילכן פון דעם נאָרוואָס אָפּגעדונערטן שטורעם פון דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע, נאָר אויך גאַנץ באַשטימטע מאָטיוון פון האָפענונג און טרוים וועגן א נײַער רעוואָליוציע. אין דעם איז קיין שום ווונדער ניט פאַראַנען.

דער ניסטער איז געווען נאָענט צו דער רעוואָליוציע, און מיט דער רעוואָליוציע האָט ער פאַר־

בונדן די האָפענונג אָף דעם, אַז איר ניצאָכן וועט ברענגען מיט זיך פרײַהייט און גליק די פעלקער. די רעאַקציע האָט ניט געבראַכט דעם ניסטער צו אַנטוישונג אין דער רעוואָלוציע. אַלעקסאַנדער בלאָק האָט געשריבן, אַז רוסלאַנד, וואָס האָט זיך נאָרוואָס אַרויסגעריסן פון איין רעוואָלוציע, קוקט דאָרשטיק אין די אויגן פון אַ צווייטער. און אַזוי האָט אויך געדענקט דער ניסטער. נאָכעם אויסלענדער האָט געשריבן וועגן דעם אין זײַן אַרבעט „ניסטער — דער דיכטער": „זײַנע ערשטע לידער האָט ניסטער אָנגעהויבן דרוקן מיט פופציק יאָר צוריק, אין דער פינצטערער רעאַקציע־צײַט. אין דער ייִדישער דיכטונג איז דעמלט אָנגעגאַנגען די וואַקכאַנאַליע פון שוואַרצער מאַרעשכווירע. און אַזוי פלעגט עס דעמלט זיך פירן: וואָס מער אַ דיכטער האָט בראַווירט מיט דער אינדיווידואַליסטישער פּאָזע, וואָס מער ער האָט גערימט דאָס אַליין־גיין און אַליין־זײַן, אַלץ מער האָט מען גערימט און געלויבט אים, דעם דיכטער. און אָט אין אַזאַ אַטמאָספער האָט זיך עס דערהערט די שטים פון דעם יונגן ניסטערן, וואָס האָט אין זײַן פּאָעמע „פרילינג" אין יאָר 1909, זיך געווענדט צום פרילינג מיט די ווערטער: „איך וויל ניט זײַן אַליין; איך וויל ניט זײַן באַזונדער, כ'וויל מיט דיר איינינעם זײַן, גרויסער, גרויסער ווּנדער..."

דאָס האָט דורכגעקלונגען ווי אַ פּראָטעסט קעגן דער אַפּאָלאָגיע פון דער איינזאַמקייט, וואָס איז אַזוי ברייט געווען פאַרשפּרייט אין דער דעמלטיקער ייִדישער דיכטונג.

פונקט אַזוי האָט געקלונגען ווי אַ פּראָטעסט קעגן די שטימונגען פון דער דעמלטיקער דיכטונג, ווען ניסטער האָט אין זײַן בוך „געזאַנג און געבעט" (1912) אָפּגעדרוקט אַ גאַנצן ציקל לידער מיט דעם לייטמאָטיוו: „ערד אין מויל צו די, וואָס זאָגן: האָפענונג אומזיסטע..."[1]

עס איז אוודאי אויסלענדערס פאַרדינסט, וואָס ער האָט געווענדט די אויפמערקזאַמקייט אָף דער אָט דער זײַט פון דעם ניסטערס ליטעראַרישער טעטיקייט. עס קאָן זײַן, אַז אין אָט דער אַרבעט איז איבערגעטריבן דער רעוואָלוציאָניזירנדיקער באַטײַט פון דעם ניסטערס שאַפן. דאָס געשטאַלט פונעם שרײַבער דאַרף אוודאי ניט ווערן צוגעפּוצט. דער ניסטער נייטיקט זיך ניט דערין. אָבער דער גרונט־געדאַנק פונעם פאָרשער וועגן דעם, אַז דעם שרײַבערס רעוואָלוציאָנערע שטימונגען, באַזונדערס אין די יאָרן פון ערעוו דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, זײַנען אָפּגעשפּיגלט אין זײַן דיכטונג, האָט זיכער אַ באָדן אונטער זיך. אין ניסטערס דריטן בוך „געזאַנג און געבעט", אין דעם קאַפּיטל „אין יענער נאַכט" ווערט געמאָלט, ווידער טאַקע אין דער פאָרם פון מיסטישע זעונגען, די היסטאָרישע פאַרגאַנגענהייט. דער אויטאָר לאַכט אויס דערבײַ יענע, וואָס האָבן זיך אַנטוישט אין די געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן פונעם קאַמף פאַר אַ נײַ לעבן:

שפּאָט צו יענע זעערס,
שאַנד צו די, וואָס זאָגן:
פאָטערס שוין געפאַלן,
קינדער נישט דערטראָגן...
. . . .
גייט אין אײַער רו!
שלאָף אײַך אָף די ווײַס...
אַלט זײַט איר פאַר זעען,
מידע פאַר נעוויִעס...

דער קינסטלערישער פּאַטאָס פונעם דיכטער איז איצט געווענדט אָף באַזינגען דעם אָנקומענדיקן נײַעם פרילינג פאַרן פאָלק:

ווײַט אין הימלען פליִען
פויגל אין שײַאַרעס
אין דעם לאַנד אין פרילינג
איבער בייס־האַקוואָרעס.
פרײַ דאָס לאַנד פאַר הימלען
און פאַר פויגל פרײַע,
און פאַר יונגע קינדער
גייט אַ וועלט אַ נײַע...

דאָס איז אויך סימבאָליזם, אָבער שוין אַזאַ דורכזיכטיקער און קלאָרער, אַז ער נייטיקט זיך ניט אין קיינע דעשיפרירונגען.

ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָט דעם ניסטערס שאַפן גלײַך פון אָנהייב אָן צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די לייענער און פון דער קריטיק. די דעמאָקראַטישע יוגנט האָט געזוכט אין דעם ניסטערס ווערק פאָלקסטימלעכקייט און אָפּטימיסטישן גלויבן אין אַ בעסער לעבן. אָבער אויך די מאָדערניסטישע ליטעראַרישע אינטעליגענץ האָט אין ניסטערן דערזען אַ נײַעם קויעך פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור. וועגן דעם האָט שפּעטער, אין יאָר 1939, געשריבן אַזאַ אויטאָריטעטער קריטיקער, ווי שמואל ניגער:

„די רעדאַקציע (פונעם אַלמאַנאַך „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן". — ה. ר.) האָט, ווי די גאַנצע ייִדיש־ליטעראַרישע יוגנט פון יענער צײַט, געזוכט צו פאַראייניקן ייִדיש־גײַסטיקע טראַדיציעס מיטן רוסישן אָדער פויליש־קינסטלערישן מאָדערניזם... איז זיך לײַכט פאָרצושטעלן די פרייד, וואָס זי האָט זיך געפרייט מיט ניסטערן... עפּעס אַ קלייניקייט — אַ מאָדערניסטיש־ראַפינירטער דיכטער, וואָס איז אַזוי אײַנגעטונקט אין ייִדישע קולטור־טראַדיציעס!... מיר זײַנען אַלע געווען אַזוי ראָמאַנטיש, — און ס'איז גאָר קיין ווונדער ניט, וואָס ניסטערס פאַרנאַרן און פאַרקישעפן אונדז מיט דער שילדערונג פון עפּעס אַ פאַרכאַלעשטן מיסטיש־עראָטישן טאַנץ איז געווען אונדז ליבער, ווי דער קרעפטיקער נאַטוראַליזם פון איטשע־מייער ווײַסענבערגס „דער טאַטע מיט די באָנים", וואָס מיר האָבן געדרוקט אין די זעלביקע „ליט. מאָנאַטשריפטן""[1].

דעם ניסטערס קומען איז געווען אַ וויכטיקע דערשײַנונג אין דער ליטעראַטור פון יענער צײַט. עס וואָלט אָבער געווען ניט ריכטיק איצט צו פאַרגרעסערן די באַדײַטונג פון זײַן שאַפן אין ערשטן פּעריאָד. דאָס ערשטע יאָרצענדליק פונעם ניסטערס

[1] נאָכעם אויסלענדער. ניסטער — דער דיכטער. „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 11, 1969, ז. 66.

[1] „ייִדישע קולטור", נומ. 8, 1962.

ליטעראַרישער טעטיקייט איז געווען אַ גלענצנדיקער אָנהייב, אָבער בלויז אַן אָנהייב. דעם ניסטער זײַנען נאָך פאַרגעשטאַנען קאָמפּליצירטע און שווערע אויספרווון און מעטאַמאָרפאָזעס. איך מיין, אַז אַ מער ריכטיקע אָפּשאַצונג פונעם ניסטערס שאַפן אין דעם פּעריאָד האָט געגעבן אַן אַנדער אויטאָריטעטער קריטיקער פון יענער צײַט — באַלמאַכשאָוועס. ער האָט געשריבן: „צום ערשטן מאָל, דוכט זיך, דרוקן זיך די שטימונגס־בילדער פון ניסטער, וועלכער איז שוין אין ליטעראַרישע קרײַזן באַקאַנט זײַט עטלעכע יאָר... זײַנע שטימונגען זײַנען ליטעראַרישע פּראָבן, ניט ליטעראַרישע קונסט. אויך ער, ניסטער, איז סענטימענטאַל און רירט נישט דעם לעזער. אין „פּויליש" זעט מען ניט קיין טאַנץ, נאָר מע הערט אַ סאַך עפּיטעטן וועגן טאַנץ. אויך איז ער פול מיט מעליצעס, נאָר זײַנע מעליצעס זײַנען אַזוי נײַ, זײַנע ווערטלעך (אויסדרוקן) זײַנען אַזוי אָריגינעל, דאָס דער ליבהאָבער פון ייִדישער שפּראַך קאָן זיך ניט געניגן אָנקוועלן מיט זיי. ניסטער איז אַן אָנפאַנגער, און ווי בײַ איטלעכן אָנפאַנגער, איז ער מער פול מיט מאַטעריאַל פון קונסט, ווי מיט דער קראַפט דאָס שיינע דעקאָראַטיווע מאַטעריאַל אויסנוצן צו אַ געוויסן קינסטלערישן צוועק. ניסטערן פעלט דער ריטם, די ריינע מענוכע, מיט וועלכער עס צייכנט זיך אויס אַ פאַרטיקער קינסטלער. דערפאַר אָבער באַזיצט ער אַ שפּראַך, וואָס איז אַזוי אָריגינעל, אַזוי רײַך און אַזוי ייִדיש־נאַציאָנאַל, דאָס די ליטעראַטור קאָן האָפן פון ניסטערן נאָך צו דערלעבן אַ סאַך, אַ סאַך נאַכעס"[1].

דער צווייטער פּעריאָד — סימבאָליסטישע פּראָזע (1918—1928)

דעם ניסטערס וויכטיקסטע ווערק אין דעם יאָרצענדליק — „מײַסעלעך אין פערזן" (קיִעוו, 1918), צוויי בענדער דערציילונגען „געדאַכט" (בערלין, 1922 — 1923), אַ זאַמלונג דערציילונגען „פון מײַנע גיטער" (כאַרקאָוו, 1928) און אַ צווייטע אויפלאַגע פון „געדאַכט" (קיִעוו, 1929) — באַווײַזן קלאָר, אַז דער שרײַבער האָט זיך באַפרײַט פון יענע שטימונגען, וועלכע האָבן אים באַהערשט אין דעם פאָריקן יאָרצענדליק.

די צענטראַלע טעמע פונעם ניסטערס ווערק אין צווייטן פּעריאָד פון זײַן שאַפן איז די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע און די וויכטיקע פּראָבלעמען, וועלכע זי האָט געשטעלט פאַר דער ליטעראַטור, פאַר דער אינטעליגענץ, פאַר דעם פאָלק. ניט געקוקט דערויף, וואָס דער ניסטער איז לויט זײַן שעפערישן מעטאָד געבליבן אַ סימבאָליקער, ווי ביז דער רעוואָליוציע, ניט געקוקט אויף דער ווידערשפּרעכיקייט פון זײַנע סאָציאַל־היסטאָרישע, סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע און ליטעראַריש־עסטעטישע אָנשויונגען, האָט זײַן שאַפונג אין די ערשטע צען יאָר נאָך דער רעוואָליוציע באַשטימטע שטריכן פון אַן אויסגעשפּראָכן נײַעם פּעריאָד אין זײַן ליטעראַרישער עוואָליוציע.

אידעאָלאָגיש און פּסיכאָלאָגיש איז דער ניסטער געווען איבעראַשט און באַגײַסטערט מיט דער גרויסאַרטיקייט פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, מיט דער גראַנדיעזקייט פון אירע מאַסשטאַבן, מיט דער נײַקייט און גערעכטיקייט פון אירע צילן און אידעאַלן. ער האָט געזען דעם טריומף און די פרייד פון פעלקער אין צוזאַמענהאַנג מיטן ניצחון פון דער רעוואָליוציע, מיט איר אַלוועלטלעכן אויפשוווּנג. דער ניסטער האָט געזען דעם שאַרפן קאַמף פון צוויי וועלטן, דעם קאַטאַסטראָפישן צוזאַמענשטויס פון צוויי אַנטאַגאָניסטישע לאַגערן, אַ יאַם מיט בלוט און שוידערלעכע רויִנירונג, וועלכע וועט דויערן, ווי עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אָן אַ סאָף.

דער ניסטער האָט געגלייבט אין זיג פון דער רעוואָליוציע. אין דער דערציילונג „נײַגײַסט" האָט ער געשריבן:

„און דער קלאַנג וועגן דעם מענטשן וועט זיך אין יענעם אָרט פאַרשפּרייטן, — און דעם נאָמען זײַנעם וועט מען ווײַט און אַרום אויך אויסער יענעם אָרט דערהערן, און ציִען וועט מען זיך אַהין נעמען, און אָנקומען, און אָנקומען פון אַלע זײַטן, און אַן איידע און אַ ווילד־נײַע וועט זיך דאָרטן בילדן, און אַלטע טאַלמידים און נײַע טאַלמידים וועלן אַהין צוגענומען ווערן, אויף אַרויסגיין פון דאָרט, אין אַלע יאַמען און יאַמבערגעס צו צעשיקט ווערן, אויף נישט געהערטס צו הערן מאַכן און אויף נישט געשעענס צו געשען לאָזן".

אין אַזאַ האַלב־מיסטישן, האַלב־נעוויִישן, אָבער גענוג דורכזיכטיקן סטיל האָט דער ניסטער אויסגעדריקט זײַן באַציִונג צו די אַלוועלטלעך־היסטאָרישע געשעענישן פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. אין אָט דער רעליגיִעז־מיסטישער און סימבאָלישער פאָרם איז פאַרקערפּערט אי באַגײַסטערונג פאַר דער רעוואָליוציע, אי אומקלאָרער פאַרשטאַנד פון איר קאָנקרעט־היסטאָרישן און סאָציאַל־פּאָליטישן אינהאַלט.

דער ניסטער מאַכט קאָלאָסאַלע אָנשטרענגונגען אין זײַן שאַפן, ער פּרוּווט אָפּשפּיגלען און פאַרקערפּערן די פּראָבלעמען פון דער רעוואָליוציע אין אַזעלכע ווערק, ווי „נײַגײַסט", „ווײַנקעלער", „ציגײַנער", „אונטער אַ פּלויט" און אַנדערע.

איינע פון די וויכטיקע פּראָבלעמען אין צווייטן פּעריאָד פונעם ניסטערס שאַפן איז די פּראָבלעם פון דער אינטעליגענץ אין דער רעוואָליוציע, די שווערע זוכונגען פון דער אינטעליגענץ אויף די וועגן צו דער רעוואָליוציע, די איבערשאַצונג פונעם ביזרעוואָליוציאָנערן אידייִש־עסטעטישן באַגאַזש: אינדיווידואַליזם, נאַציאָנאַליזם, מאָדערניזם. אין דעם זין איז כאַראַקטעריסטיש די סאַכאַקלדיקע דערציילונג „אונטער אַ פּלויט", וווּ דער דערציילער אַנערקענט דעם בראָך פון די אידייִשע שטרעבונגען פון דער ייִדישער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ ביז דער רעוואָליוציע און דעם גערעכטיקן אורטייל פון דער געשיכטע איבער איר באַגרענעצטער נאַציאָנאַליסטישער אידעאָלאָגיע. דער העלד און דער דערציילער פונעם ווערק „אונטער אַ פּלויט" דערקלערט

[1] באַלמאַכשאָוועס (ד״ר עליאַשעוו). שריפטן. ווילנע, 1912, ז. 86.

גאנץ איבערצײַגנדיק: „דאָס, וואָס איז מיר געקו־מען, דאָס איז מיר געגעבן".

דער ניסטער האָט דורכגעמאכט דעם זעלבן וועג צו דער רעוואָלוציע, ווי די בעסערע פארשטייער פון דער ייִדישער און רוסישער אינטעליגענץ אין יענער עפּאָכע. אָבער דעם ניסטערס וועג צו דער רעוואָלוציע איז געווען א מער קאָמפּליצירטער איבער זײַן סימבאָליזם, וואָס איז, ווי פריִער, גע־בליבן זײַן קינסטלערישער שעפערישער מעטאָד. די נײַע פּראָצעסן, די נײַע ווירקלעכקײַט האָט דער שרײַבער געפּרוּווט פארקערפּערן אין א גאלעריי סימבאָליסטישע בילדער און געשטאלטן פון דער היסטאָרישער פארגאנגענהײַט, פון דער רעליגיעזער פאנטאַסטיק. די דאָזיקע געשטאלטן זײַנען באדינג־לעכע, אין א באשטימטער מאָס אומקלאָרע, פאר־באָרגענע.

דער סימבאָליזם פונעם ניסטערס מײַסעס און דערציילונגען פארטונקלט אוודאי זייער רעאלן לעבנס־טאָך, מאכט שווער צו פארשטיין זייער אי־דייִשן אינהאלט. אָבער ווען מע לייענט זיך אופ־מערקזאם אַרײַן אין זיי, איז סאָפּקאָלאָסאָף שוין גאָר־ניט אזוי שווער אופצודעקן זייער זין און פילאָסאָ־פישן טאָך. דער גרונט־מאָטיוו פונעם ניסטערס שאפן אין צווייטן פעריאָד איז די באוועגונג פונעם מענטשן, פּינקטלעכער — פון דער מענטשהײַט, אף די וועגן צו דעם ענדגילטיקן ציל. דער ניסטער אלס קינסטלער און דענקער שטעלט אין זײַנע ווערק פון דעם פעריאָד די וויכטיקסטע סאָציאלע און היסטאָריש־פילאָסאָפישע פּראָבלעמען וועגן דער אנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט ביז צו דעם הײַנטצײַטיקן קאמף פאר א גערעכטער סאָ־ציאלער אָרדענונג. דער מענטש גייט מיט א שווערן וועג, שטרעבנדיק צו דערגרייכן דעם ציל, אָבער ער באגעגנט פילצאָליקע שטערונגען, וועלכע ער מוז גויווער זײַן. אָפּטמאָל שלאָגט ער זיך אראָפּ פונעם וועג, בייזע קויכעס פארפירן אים אין א זײַט, ער בלאָנדזשעט, פארלירט זיך, פארגעסט אינעם ציל, וואָס צוליב דערגרייכן אים האָט ער זיך געלאָזט אין ווײַטן וועג, וועלכער איז פאר אים אליין ניט אינגאנצן קלאָר. ער טרעפט אָבער אויך מענטשן קלוגע, הייליקע, דערפאַרענע, זיי פירן אים ארויס פון זײַנע בלאָנדזשענישן, ווײַזן אים דעם ריכטיקן וועג, העלפן אים דערגרייכן דעם ציל.

אין העסקעם מיטן אבסטראקטן אינהאלט פון די ווערק זײַנען אויך אבסטראקט די קינסטלערישע געשטאלטן אין די דערציילונגען פונעם ניסטער. דער העלד פון זײַנע דערציילונגען איז א „גייער", א „וואנדערער", א „נאָזיר"; דער גייער לאָזט זיך „צום בארג" (אזוי הייסט איינע פון זײַנע דערציי־לונגען), קעדיי פון דער הייך פונעם בארג בא־טראכטן די וועלט און דערגרייכן דעם עמעס, גע־ניסן פונעם גליק. די פינצטערע קויכעס, די „שיי־דים" (א נאָמען פון א דערציילונג) פירן אים אוועק פונעם ריכטיקן וועג, ער פאלט ארײַן אין „מידי־בער" (א נאָמען פון א דערציילונג), פארלירט זיך, בלאָנדזשעט, קאָן ניט געפינען דעם וועג. א קלוגער אלטיטשקער טרייסט אים, פארגרינגערט זײַנע ליידן, דערמונטערט אים מיט מוטיקער גרייטקײַט גויווער צו זײַן צאָרעס און אומגליקן; דער אלטער שיקט דעם פארבלאָנדזשעטן גייער צום „נאָזיר" (א נאָמען פון א דערציילונג), וועלכער לעבט איינזאם, גויי־ווער זײַענדיק די ערדישע לײַדנשאפטן, און וועל־כער איז מיט זײַן אסקעטישקײַט דערגאנגען צום סאָד פון אלע רעטענישן אינעם לעבן...

דעם ניסטערס סימבאָליסטישע עסטעטיק אנט־פּלעקט זיך אויך אין דער סטרוקטור פון זײַנע ווערק. קאָמפּאָזיציאָנעל זײַנען זיי געבויט ווי רינגען פון א קייט, וועלכע זײַנען צוזאמענגעבונדן, אָבער אין דער זעלבער צײַט זײַנען זיי זעלבשטענדיק, אײַנהיטנדיק „אויטאָנאָמישקײַט".

וויכטיק איז, וואָס דעם ניסטערס סימבאָליזם איז ניט פארבונדן מיט סאָציאלן פּעסימיזם און אנטוי־שונג. די סימבאָליסטישע געשטאלטן זײַנען לויט זייער טאָך ניט אָנגעשלאָסן צו יענוועלטיקע איליו־זאָרישע פארשטעלונגען. אין דעם ניסטערס ווערק פילט זיך מער אָדער ווייניקער בוילעט די פארבינ־דונג מיט דער רעאלער ווירקלעכקײַט פון דער רע־וואָלוציאָנערער עפּאָכע, מיט אירע אקטועלע פּראָ־בלעמען.

א מערקבארע אייגנשאפט, וואָס גיט די מעגלעכ־קײַט צו פעסטשטעלן א נײַעם עטאפּ פונעם ניסטערס שאפן אין צווייטן יאָרצענדליק פון זײַן ליטעראַרי־שער טעטיקײַט, איז די נײַע זשאנער־פאָרמע. דער שרײַבער גייט איבער פון פּאָעזיע צו פּראָזע. ווען דער ניסטער זאָל געווען בלײַבן א דיכטער און ניט ווערן קיין פּראָזאיקער, וואָלט זײַן ראָל אין דער געשיכטע פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטע־ראטור ניט געווען אזוי באדײַטנדיק. דעם ניסטערס דיכטונג, האגאם זי איז געווען אָריגינעל און אייגנ־ארטיק, איז דאָך ניט קיין עפּאָכע אין דער ייִדי־שער פּאָעזיע. שטרענג גערעדט, איז דאָס ניט גע־ווען קיין דיכטונג אין פּינקטלעכן און אין פולן באטײַט פונעם דאָזיקן באגריף. דאָס איז אין טאָך ריטמיזירטע פּראָזע. די סוזשעטן פון די ווערק, די מײַסעדיקײַט, די אפּוועזנהײַט פון א לירישן אָנ־הייב — דאָס אלץ האָט גערעדט וועגן פּראָזאִישקײַט. איך מיין, אז קיין איין ליטעראטור־היסטאָריקער וואָלט ערנסט ניט געקאָנט אָנעמען דעם ניסטערס דיכטונג אלס אן אויסטערלישע דערשײַנונג פון דער ייִדישער פּאָעזיע אין צוואנציקסטן יאָרהונדערט. פאר אלעמען איז קלאָר, אז דער ניסטער איז גע־וואָרן א קלאסיקער פון דער ייִדישער ליטעראטור ניט אלס דיכטער, נאָר אלס שעפער פון קינסטלע־רישער פּראָזע. די באדײַטונג פון זײַנע פּאָעטישע ווערק באשטייט אין דעם, וואָס זיי האָבן צוגעגרייט דעם אריבערגאנג זײַנעם צו פּראָזע. גופע אינעם נאָמען פון דעם בוך „מײַסעלעך אין פערזן" איז שוין פארלייגט דער פּרימאט פונעם דערציילערישן.

„מײַסעלעך אין פערזן" — איז א מײַסטערישע איבעראַרבעטונג, אייגנטלעך א טראנספאָרמאציע, פון נאִיוון קינדערישן פאָלקלאָר. דאָ האָט דער ניסטער געזוכט לעקסישן מאטעריאל פאר פּראָזע, וואָרט־מאטעריאל פאר דער דערציילערישער פאָרם. ער האָט אין דער סטיכיע פון קינדערישן פאָלקלאָר געפונען פאר זיך, פאר זײַן ארט דערציילן ניט בלויז דאָס וואָרט, נאָר אויך דעם רעדנס־ארט, דעם שפּראך־גאנג, אייניקע אומגעזעענע אין דער ייִדי־שער ליטעראטור דערציילערישע עלעמענטן (אינ־

ווערסיאָנעלע ריטמיזירטע דערציילערישע פּראָזעס און זאַצן, אַ נײַע אַקצענטירונג פֿון די טיילן אין זאַץ, אינערלעכע און אויסערלעכע צוזאַמענבאַהעפֿטונג פֿון אָט די טיילן).

דער ניסטער ווענדט זיך צו נאָכמען בראַצלאַווער טראַדיציע, און דאָס האָט באַטײַט אַ ווענדונג צו פּראָזע אַלס אַזעלכער, ווײַל נאָכמען בראַצלאַווער מײַסעלעך האָבן ניט געהאַט קיין שײַכעס צו דיכטונג. דאָס איז געווען כסידישער דערציילערישער פֿאָלקלאָר אין זײַן עכטער קינסטלערישער אַנטפּלעקונג. דערמיט האָט דער ניסטער אָפּ שטענדיק זיך צעשיידט מיט פּאָעזיע, און ווײַטער האָט ער זיך צו איר מער ניט אומגעקערט.

דאָ האָט ער אָבער גלײַך זיך צונויפֿגעשטויסן מיט נײַע ווידערשפּרוכן. זײַענדיק נאָך אַלץ אַ סימבאָליסט לויטן שעפֿערישן מעטאָד, האָט ער אָנגעהויבן שרײַבן סימבאָליסטישע דערציילונגען. דעם עפּישן דערציילערישן זשאַנער איז אָבער אָרגאַניש פֿרעמד דער סימבאָליזם, אין יעסאָד פֿון וועלכן עס ליגט די אַבסטראַקציע, די אָפּווענדונג פֿונעם קאָנקרעטן, די אָנדײַטונג, דער באַדינגלעכער צייכן, ענדלעך — דער מוזיקאַלישער קלאַנג און דער ריטם. די עפּישע דערציילערישע פֿאָרם, פֿאַרקערט, האָט אין איר יעסאָד די קאָנקרעטע שילדערונג פֿון ברייטע לײַוונטן, סאָציאַל־היסטאָרישע געשעענישן, מאָלערישע שטייגער־בילדער און פּייזאַזשן, מענטשלעכע געשטאַלטן, קאָנפֿליקטן און פּסיכאָלאָגיע. די גאַנצע דערפֿאַרונג פֿון דער אַלוועלטלעכער, רוסישער און ייִדישער ליטעראַטורן באַווײַזט, אַז דער סימבאָליזם האָט געהאַט זײַנע סאַמע אָנגעזעענע פֿאָרשטייער אין דער פּאָעזיע, אָבער ניט אין דער פּראָזע.

ניט גערעכט זײַנען יענע, וועלכע מיינען, אַז דער ניסטער האָט געשאַפֿן זײַן אָרגאַנישן, אײַגנטימלעכן סטיל ביזן 1929, ווען ער איז געווען אַ סימבאָליסט, אַז אין דעם באַשטייט זײַן באַדײַטונג פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער ליטעראַטור. ריכטיק איז, אַז דער ניסטער איז געווען אַ באַדײַטנדיקער אָריגינעלער שעפֿער אין ערשטן און אין צווייטן עטאַפּ פֿון זײַן שאַפֿן. אָבער אַ גרויסער קינסטלער, אַ קלאַסיקער פֿון קינסטלערישער פּראָזע איז דער ניסטער געוואָרן אין דריטן פּעריאָד, ווען ער האָט באַוווּסטזיניק זיך אָפּגעזאָגט פֿונעם סימבאָליזם און איז אַריבער צו רעאַליסטישער שאַפֿונג.

דער דריטער פּעריאָד — קינסטלערישער רעאַליזם. היסטאָרישער עפּאָס (1929—1949)

ווי אַלע סאָוועטישע שרײַבער, איז אויך דער ניסטער געווען באַגײַסטערט פֿון די גראַנדיעזע איבערגעשטאַלטונגס־פּראָצעסן אין לאַנד, און ער האָט געוואָלט מיט זײַן שאַפֿונג מיטהעלפֿן אָט די פּראָצעסן. דאָס איז אָבער געווען אוממעגלעך צו פֿאַרווירקלעכן מיטן סימבאָליסטישן מעטאָד. אין סאָף פֿון די צוואַנציקער און אין אָנהייב פֿון די דרײַסיקער יאָרן האָט דער ניסטער דורכגעמאַכט אַ שאַרפֿן קער אין זײַן שעפֿערישער אַנטוויקלונג. ער האָט פֿולשטענדיק, מיט דער גאַנצער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, מיט דער שרעקלאָזיקייט פֿון אַ גרויסן קינסטלער פֿאַרשטאַנען, אַז ער מוז בײַטן זײַן שעפֿערישן מעטאָד.

אין דריטן פּעריאָד האָט דער ניסטער דערגרייכט די העכסטע שטופֿע פֿון מײַסטערשאַפֿט. דאָס האָט אַ שײַכעס ניט בלויז צו זײַן קרוין־ווערק „די משפּחה מאַשבער", נאָר אויך צו „דרײַ הויפּטשטעט", צו די דערציילונגען וועגן דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מלחמה („מיילעך מאַגנוס", „פֿלאָרא", „ווידערוווּקס", „העשל אַנשעלעס", „מייער לאַנדשאַפֿט", „ריווע יאָסל בונציעס", „מײַן באַקאַנטער", „פּופּע"), צו דעם ראָמאַן „אַרום 1905" און אַנדערע.

אין לעצטן פּעריאָד איז דער ניסטער ניט בלויז אַריבער פֿון סימבאָליזם צו רעאַליזם. וועגן דעם איז שוין גערעדט און געשריבן געוואָרן פֿיל מאָל נאָך אין די דרײַסיקער יאָרן, ווען ס'האָבן זיך באַוויזן „דרײַ הויפּטשטעט" און באַזונדערס „די משפּחה מאַשבער". דעם ניסטערס רעאַליזם — דאָס איז היסטאָרישער עפּאָס. דאָס איז געשיכטע און הײַנטצײַטיקייט אין איינהייטלעכער קינסטלערישער פֿאַרקערפּערונג. דער היסטאָרישער עפּאָס איז דורכגעדרונגען מיט הויכער פֿילאָסאָפֿישער פֿאַראַלגעמיינערונג פֿון דער קאָנקרעטער היסטאָרישער שילדערונג.

אויך אין די ווערק פֿונעם ערשטן און צווייטן פּעריאָד איז ניט שווער געווען צו באַמערקן אָט די שטרעבונג פֿונעם קינסטלער צו פֿאַראַלגעמיינערנדיקער פֿילאָסאָפֿישער פֿאַרקערפּערונג פֿון אַמאָל און הײַנט, פֿון געשיכטע און הײַנטצײַטיקייט. אָבער די סימבאָלישע אַבסטראַקציע האָט פֿאַרשווּריקט דעם פּראָצעס פֿון קינסטלערישער שילדערונג. די קאָנקרעטע קאַוואָנע, דער אידייִשער מיין האָבן זיך ניט געקאָנט אַרויסרײַסן פֿון די געדיכטע אָנהויפֿונגען, פֿון די פֿאַרשטעלטע רעמאָזים און אָנדײַטונגען.

אין די לעצטע צוויי צענדליק יאָר פֿון זײַן לעבן און שאַפֿן האָט דער ניסטער מיט אַ זעלטענער קראַפֿט פֿון גרויסער מײַסטערשאַפֿט זיך דערהויבן צו עכטער פֿילאָסאָפֿיש־קינסטלערישער און היסטאָריש־עפּישער שאַפֿונג. דאָס איז צו זען גאָר בולעט אין די דערציילונגען, וועלכע ער האָט געשאַפֿן אין די יאָרן פֿון דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מלחמה. אין אָט די ווערק איז פֿאַרקערפּערט די נאַציאָנאַלע אידיי, די טראַגישע קאַטאַסטראָפֿע פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין די לענדער און געביטן, וועלכע זײַנען געווען אָקופּירט פֿונעם דײַטשישן פֿאַשיזם. דעם ניסטערס היסטאָריזם געפֿינט אַן אויסדרוק אין דער סטרוקטור, אין קאָמפּאָזיציאָנעלן געבוי פֿון די דערציילונגען. זיי זײַנען געפֿורעמט לויטן היסטאָרישן פּרינציפּ פֿון דיאַלעקטישער איינהייט פֿון אַמאָל און הײַנט. אין דער דערציילונג „מיילעך מאַגנוס" ווערט געשילדערט אַ כאַראַקטעריסטישער טיפּ פֿון אַ ייִדישן דעמאָקראַטישן אינטעליגענט, וועלכער איז גוט געווען באַקאַנט דעם שרײַבער. אין דער דערציילונג זײַנען פֿאַראַן גלענצנדיקע קאַפּיטלען, שאַרפֿע שטריכן צו דער כאַראַקטעריסטיק פֿון דער ייִדישער שעפֿערישער וויסנשאַפֿטלעכער סוויווע ביז דער רעוואָליוציע און

נאָך דער רעוואָליוציע. אזוי זײַנען געבויט אלע דערציילונגען.

דער שרײַבער נעמט אף זיך די ראָל פון א היסטאָריקער. ער מאָלט שטרענג און לאקאָניש, אָן אויסגעשרייען, אָן קלאָלעס. ער איז שרעקלאָז אין דער שילדערונג פון בייז, ווי אן עכטער וויסנשאַפטלער. ער איז אָביעקטיוו, ווי א פאָרשער, נאָך מער — ווי א שטרענגער שויפעט, וואָס טראָגט ארויס דעם גרויזאמען גערעכטן אורטייל. ער איז אָבער ניט בלויז א שויפעט, ניט בלויז דער טרעגער פונעם מידאס־הא־דין, נאָר אויך דער הומאניסט, דער איידעלער פארווירקלעכער פון מידאס־האָראכמים. דער אומראכמאָנעסדיקער, דער אנטשיידענער גערעכטער ריכטער איבער די טרעגער פון בייז און דער צארטער, עכט מענטשלעכער פילבאַרער נאָווי פון די ליידן פון די קאָרבאָנעס.

אין זײַנע דערציילונגען פון די מילכאָמע־יאָרן טרעט דער ניסטער ארויס אין אָט דער צווייענדיקער ראָל פון שטראָפער און טרייסטער. און איינצײַטיק דערמיט איז ער אויך דער זאָרגזאמער דענקער און זוכער פון נײַע וועגן פאר דער מענטשהײַט און פאר זײַן פאָלק. אין דער דערציילונג „פלאָרא” ווײַזט ער דעם וועג, דעם איינציק מעגלעכן אויסוועג פאר דעם מענטשן — דעם וועג פון אנטשיידענעם פארביטערטן קאמף קעגן דײַטשישן נאציסטישן סוינע.

דער ניסטער וויל געפינען אין זײַנע ווערק ניט בלויז דעם וועג צום זיג, נאָר אויך דעם וועג צום ווידערוווקס פון אלע קויכעס, פון אלע פאָלקסקרעפטן און פאָטענצן, וועלכע זײַנען פאראן אין יעדן מענטשן און אין יעדן פאָלק, ווי גרויס עס זאָל ניט זײַן די קאטאסטראָפע, ווי שווער די פארלוסטן. אָט די אידיי, אָט דער טרוים פונעם דענקער און קינסטלער זײַנען פארקערפערט אין „פלאָרא”, אין „ווידערוווקס”, אין אלע, אפילע אין די סאמע טראגישע ווערק פונעם ניסטער אין די מילכאָמע־יאָרן און אין די ווייניקע יאָרן, וואָס אים איז געבליבן צו שאפן נאָך דער מילכאָמע.

מיטן אריבערגיין צום רעאליסטישן און היסטאָרישן עפּאָס איז דער ניסטער געוואָרן יענער מעכטיקער קינסטלער, וואָס איז איצט אנערקענט פאר א קלאסיקער פון דער ייִדישער ליטעראטור, פונקט ווי דאָוויד בערגעלסאָן, שאָלעם אש, יויסעף אָפּאַטאָשו, ה. לייוויק.

דעם ניסטערס וואָרט איז שטענדיק געווען קונסט. אָבער צו דער העכסטער שטופע האָט זײַן וואָרט זיך דערהויבן אין די לעצטע צוויי צענדליק יאָר פון זײַן שעפערישער אנטוויקלונג. איצט איז זײַן וואָרט געוואָרן דאָס וואָרט פון גרויסער קונסט, פון גרויסע אידייען, פון פאנאנדערגעוויקלטע לעבנס־בילדער, פון פאראלגעמיינערטע קינסטלערישע געשטאלטן, טיפן און כאראקטערן, אזעלכע ווי די ברידער לוזי, מוישע און אלטער מאשבער, סרולי גאָל, רעב דאָדי, מיכל בוקיִער, גיטעלע און נאָך אנדערע צענדליקער און הונדערטער לעבעדיקע טיפּן און געשטאלטן מיט לעבעדיקע מידעס און גענג, מיט זייערע פריידן און ליידן. די דאָזיקע געשטאלטן זײַנען אָריגינעל און נײַ אין דער ייִדישער ליטעראטור לויט זייער טיפּישקײַט און לויט זייער אינדיווידואליזאציע, לויט זייער אייגנארטיקן נאַציִאָנאלן און סאָציִאלן טאָך, לויט זייער שפּראך און פּסיכאָלאָגיע, לויט זייערע אופטועָן און לויט זייער גוירל. דאָס וואָרט אין דעם ניסטערס פּראָזע האָט באקומען קאָנקרעטקײַט, באשטימטקײַט און צוזאמען דערמיט עלאסטישקײַט, דורכזיכטיקײַט. דאָס וואָרט איז געוואָרן פול מיט רײַכע פּסיכאָלאָגישע אינטאָנאציעס, אקצענטן און ניואנסן, ניט אָנווערנדיק דערבײַ די מײַסעדיקײַט, די אונטערגרונטיקע טיפקײַט, די אונטערטעקסטועלע סימבאָלישקײַט, פילבאדײַטנדיקײַט. דעם ניסטערס קינסטלעריש וואָרט איז איצט געוואָרן אין דער פולער מאָס דערציילעריש און אין דער זעלבער צײַט — אפאָריסטיש, אָנגעזעטיקט מיט פילאָסאָפישער פובליציסטישקײַט, מיט דיִאלאָגישער פאָלעמישקײַט, מיט איראָניע, פאטעטיק.

„די מישפּאָכע מאשבער” איז דאָס הויפּט־ווערק פונעם ניסטערס שאפן, באזונדערס אין דריטן פעריִאָד. דער ראָמאן איז געבליבן ניט פארענדיקט, אָבער ער זאָגט איידעס וועגן שעפערישן אופשטײַג פונעם אווטאָר, וועגן זײַן ארופגאנג צו די סאמע שפּיצן פון קלאסישער קונסט. אין פעריִאָד פון רעאליסטישער עפּישער שאפונג איז דער ניסטער געוואָרן דער קינסטלערישער געשיכטע־שרײַבער פונעם ייִדישן לעבן, אָנגעהויבן פון די 60 — 70־ער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט, פאָרזעצנדיק מיטן אָנהייב פונעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט, באזונדערס מיט דער עפּאָכע פון דער ערשטער רעוואָליוציע אין רוסלאנד (דער ראָמאן „ארום 1905”), און געענדיקט מיטן פעריִאָד פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע און מיט דער טראגישער קאטאסטראָפע פונעם ייִדישן פאָלק אין אָט די יאָרן (די דערציילונגען פונעם בוך „ווידערוווקס”, מאָסקווע, 1969).

דער ראָמאן „די מישפּאָכע מאשבער” שטייט אין צענטער פון דעם ניסטערס שאפן אלס סינטעטישער סאכאקל פון זײַן ליטעראריש־שעפערישער עוואָליוציע. דערמיט ווערט אבסאָליוט ניט פארמינערט די וויכטיקע באדײַטונג פון אלע אנדערע ווערק, וואָס דער ניסטער האָט געשאפן אין פארשיידענע צײַטן פון זײַן פערציקיאָריקער ליטעראַרישער טעטיקײַט.

די פּלענער און די מאסשטאבן פונעם ניסטערס שאפן באוווּנדערן מיט זייער טיפקײַט, מיט זייער פילארטיקײַט. די פּלענער איז ניט באשערט געווען צו פארווירקלעכט ווערן אין דער מאָס, ווי דער ניסטער האָט זיי פארטראכט. נאָר דאָס, וואָס ער האָט יאָ פארווירקלעכט, שטעלט אים אין איין ריי מיט די סאמע גרעסטע קינסטלער פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

מיט פערציק יאָר צוריק

אין אווגוסט 1934 איז פאָרגעקומען דער ערשטער אלפאַרבאַנדישער צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטישע שרײַבער. דאָס איז א וויכטיקע געשעעניש אין דער געשיכטע פון דער פילנאַציאָנאַלער ליטעראַטור פון אונדזער לאַנד. אין די היסטאָרישע ארויסטרעטונגען פון מ. גאָרקי און פון די אָנגעזעענע שעפער פון אַלע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן זײַנען אונטערגעפירט געוואָרן די סאַכאַקלען פון דער אַנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור, אָנגעהויבן פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. עס איז געשאַפן געוואָרן דער פאַרבאַנד פון סאָוועטישע שרײַבער. די ליטע־ראַטור האָט זיך פאַרפעסטיקט אַף די רעוואָליוציאָ־נערע עסטעטישע און קינסטלערישע פּרינציפּן פון א נײַעם שעפערישן מעטאָד — דעם מעטאָד פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם.

די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע איז געווען דער אָנהייב פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור. די רעוואָליוציע האָט אוועקגעשטעלט פאַר די שרײַבער לאַכלוטן נײַע אופגאַבן און פּראָבלעמען. די נאָוואַטאָרישקייט פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור איז באַדינגט גע־ווען גופא פון דער רעוואָליוציאָנערערווירקלעכקייט, פונעם רעאַלן לעבן, וואָס האָט זיך אינגאַנצן געענ־דערט אין אַלע געביטן.

ביז דער רעוואָליוציע האָט די ליטעראַטור געוויזן הויפּטזאַכלעך טיפּן און געשטאַלטן פון די „באַלע־באַטים פונעם לעבן", די פּריווילעגירטע, און פון די, וועלכע האָבן זיי באַדינט. אין דער סאָוועטישער צײַט האָט זי געשטרעבט צו שילדערן טיפּן און געשטאַלטן פון אַרבעטער, פּויערים, פון די סאַמע ברייטע פאָלקס־שיכטן און פון די, וועלכע האָבן זיי געוויזן דעם וועג, געפירט און געבראַכט זיי צו א נײַ לעבן. די פאָרגעשריטענע פּראָגרעסיווע און דעמאָקראַטישע קינסטלערישע ליטעראַטור ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט שאַרף קריטיקירט די מעלוכע־מאַשין, וואָס מיט איר הילף האָבן די מאַכט־האָבנדיקע אונטערדריקט דאָס פאָלק. זי האָט גע־רופן די פאָלקסמאַסן צום קאַמף קעגן דער מעלוכע פון עקספּלואַטאַטאָרס. די נײַע ליטעראַטור, פאַר־קערט, איז געוואָרן דער אָנשפּאַר פון דער רעוואָ־ליוציאָנערער סאָוועטישער פאָלקס־מעלוכע. אָנשטאָט נאַציאָנאַליזם, נאַציאָנאַלן האַס, נאַציאָנאַלער צע־דרויבלטקייט און נאַציאָנאַלער אָפּגעזונדערטקייט האָט זי באַזונגען און געפּריידיקט אינטערנאַציאָנאַ־ליזם, פרײַנטשאַפט און ברידערלעכקייט פון פעלקער און נאַציעס. די שעפער פון דער סאָוועטישער לי־טעראַטור זײַנען געשטאַנען אַף דער הייך פון דער היסטאָרישער אופגאַבע, זיי האָבן פאַרשטאַנען די גרויסקייט פון דער עפּאָכע, די לאָגיק פון איר באַ־וועגונג און פון איר־ אַנטוויקלונג. די סאָוועטישע שרײַבער האָבן געשטרעבט צו זײַן און זײַנען גע־וואָרן אַקטיווע אָנטיילנעמער פון די גראַנדיעזע רע־וואָליוציאָנערע געשעענישן.

די אידייִשע און עסטעטישע פּרינציפּן פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור זײַנען אויסגעקלאָרט און באַשטעטיקט געוואָרן אין פאַרלויף פון די צוואַנצי־קער יאָרן. עס זײַנען אַנטשטאַנען א היפּשע צאָל ליטעראַרישע גרופּעס און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן פאַרשיידן אופגענומען און פאַרשטאַנען די אופגאַבן פון דער ליטעראַטור אין דער נײַער עפּאָ־כע. א וויכטיקע ראָל האָבן געשפּילט די שעפערישע פאַרייניקונגען „פּראָלעטקולט", „קוזניצא", „אָקטיאַ־בער", „ראַפּפּ", „לעף" (לינקער קונסט־פראָנט), „רעף" (רעוואָליוציאָנערער קונסט־פראָנט), אימאַזשיניסטן, לצק (ליטעראַרישער צענטער פון די קאָנסטרוק־טיוויסטן), „פּערעוואַל", „סעראַפּיאָן־ברידער", „מאָ־לאָדאַיא גוואַרדיאַ" און אַנדערע.

איצט, נאָך דער רײַכער און דויערנדיקער היסטאָ־רישער דערפאַרונג, אין שײַן פון דער רעוואָליוציע, וואָס די אָנטיילנעמער פון אָט די אַלע ליטעראַרישע גרופּעס האָבן דורכגעמאַכט, קאָן מען זיכער זאָגן, אַז קיין איינע פון זיי האָט ניט געהאַט קיין קלאָרע רעוואָליוציאָנערע פּראָגראַמס. אייניקע זײַנען געווען נעענטער צו דער רעוואָליוציע („אָקטיאַבער", ראַפּפּ, „מאָלאָדאַיא גוואַרדיאַ"), אַנדערע זײַנען געשטאַנען אַף מער רעכטע פּאָזיציעס („פּערעוואַל", „סעראַ־פּיאָן־ברידער"). מיט דער צײַט אָבער זײַנען די שרײַבער פון די אַלע ליטעראַרישע גרופּעס און אָרגאַניזאַציעס געוואָרן עכטע סאָוועטישע שעפער.

די קאָמוניסטישע פארטיי האָט אָפגעגעבן א סאך אופמערקזאמקײַט דער קינסטלערישער ליטעראטור. שטיצנדיק די יונגע שרײַבער־קאדרען פון ארבעטער און פויערים, האָט די פארטיי אײַנצײַטיק געהאָלפן די עלטערע דוירעס פון דער ליטערארישער אינטעליגענץ אויסלעבן פרעמדע אידייִשע ווירקונגען און זיך שטעלן אף די פּאָזיציעס פון אקטיוון באטייליקן זיך אין דער בויונג פון דער סאָוועטישער קולטור. אין דער באוווּסטער רעזאָליוציע פון צק רקפ(ב) „וועגן דער פּאָליטיק פון דער פארטיי אין געביט פון קינסטלערישער ליטעראטור” (1925) ווערט אונטערגעשטראָכן די אופגאבע פון קאמף מיט בורזשואזער אידעאָלאָגיע אין דער ליטעראטור. אָבער אין דער זעלבער צײַט וואָרנט די רעזאָליוציע קעגן פארעכענען אלע „מיטלויפער” אין לאגער פון דער בורזשואזער ליטעראטור, קעגן אדמיניסטרירונג, קעגן סעקטאנטישקײַט און קאָמצײַוּוע. די רעזאָליוציע האָט דערקלערט א פרײַע פארמעסטונג פון ליטערארישע גרופּעס און שטרעמונגען אין געביט פון קינסטלערישער פאָרם. „אופדעקנדיק... דעם געזעלשאפטלעך־קלאסעוון אינהאלט פון די ליטערארישע שטרעמונגען, קאָן די פארטיי זיך ניט פארבינדן מיט דער אָנגעהעריקײַט צו א וואָסער־ניט־איז ריכטונג אין געביט פון קינסטלערישער פאָרם”.

דער באשלוס פון צק רקפ(ב) האָט באשטימט דעם כאראקטער פונעם ליטערארישן פּראָצעס, מיטגעהאָלפן באזײַטיקן די פעלערן און אָנגעמערקט דעם וועג פאר אלע סאָוועטישע שרײַבער, אומאָפּהענגיק צו וועלכער גרופּע זיי האָבן געהערט. די ליטעראטור־פּאָליטיק פון דער פארטיי איז באשטאנען דערין, אז עס זאָלן באזײַטיקט ווערן די טעאָרעטישע און אָרגאניזאציאָנעלע שטערונגען אין דער אנטוויקלונג פון דער ליטעראטור, די שרײַבער זאָלן ארויסגעפירט ווערן אפן ברייטן וועג פון קינסטלערישער שאפונג, וואָס זאָל אנטשפרעכן דער עפּאָכע און זאָל אָרגאניש זײַן פארבונדן מיט דער סאָציאַליסטישער בויונג.

די אנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער ליטעראטור נאָך דער רעזאָליוציע פון צק רקפ(ב) האָט אָנגענומען א גאָר ברייטן כאראקטער אין אלע זשאנרען פון קינסטלערישער שאפונג: אין דער פּראָזע, אין דער דיכטונג, אין דער דראמאטורגיע. באנאנד מיט די עלטערע שרײַבער קומען אָן הונדערטער יונגע, וועלכע האָבן פאר א קורצער צײַט געשאפן ווערק פון הויכער מײַסטערשאפט, ווו דער הויפּט־העלד איז געוואָרן דער סאָוועטישער מענטש. שטיצנדיק זיך אף די קלאסישע טראדיציעס פון דעם קריטישן רעאליזם און באזונדערס אף דער שאפונג פון גאָרקין, האָט די סאָוועטישע ליטעראטור אָנגעהויבן צו דערנענטערן זיך צו א נײַעם שעפערישן מעטאָד, וועלכער האָט געדארפט אנטשפרעכן דעם רעוואָליוציאָנערן טאָך פון דער סאָוועטישער ליטעראטור. „אונדזער נײַע רעאליסטישע שול דערהייבט זיך וואָס אמאָל העכער”, — האָט געשריבן א. וו. לונאטשארסקי נאָך אין 1924[1].

אין די צוואנציקער און אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן זײַנען געשאפן געוואָרן די גרונט־ווערק

[1] А. Луначарский. Предисловие к сборнику «Стык». М., 1925, стр. 5.

פון די סאָוועטישע קלאסיקער גאָרקי, שאָלאָכאָוו, פאדייעוו, מאיאקאָווסקי, יעסענין, באגריצקי, טאָלסטאָי, באבעל, ערענבורג, פורמאנאָוו, לעאָנאָוו, פעדין, טיכאָנאָוו און אנד. אין דער רוסישער ליטעראטור, און אויך אין אלע נאציאָנאלע סאָוועטישע ליטעראטורן.

אין שײַן פון דעם שטורמישן אופבלי פון דער סאָוועטישער ליטעראטור האָבן די ליטערארישע אָרגאניזאציעס און גרופּירונגען אָנגעווירן זייער פריִערדיקן באטײַט. די שרײַבער האָבן אלץ מער זיך פארפעסטיקט אף די פּאָזיציעס פון דער סאָוועטישער אידעאָלאָגיע. די ליטערארישע גרופּירונגען זײַנען וואָס ווײַטער אלץ מער אָפּגעשטאנען פון דער ליטעראטור. זיי האָבן אָנגעהויבן פארוואנדלט ווערן אין נעסטן פון גרופּלערײַ, פון קרײַזלדיקע אינטערעסן, האגאם לויט דער אינערציע האָבן זיי נאָך אלץ פרעטענדירט אף אָנפירונג מיטן ליטערארישן פּראָצעס. באזונדערס שארף האָט די טענדענץ פון גרופּלערײַ זיך אנטפּלעקט אין ראפּפּ. זײַנע אָנפירער און טעאָרעטיקער האָבן געשטעמפּלט די אָנגעזעענסטע סאָוועטישע קינסטלער אלס אנטיסאָוועטישע שרײַבער. אין זשורנאל „נא ליטעראטורנאָם פּאָסטו” איז ארויסגערוקט געוואָרן דער שעדלעכער לאָזונג „סאָיוזניק אילי וראג” (א פארבינדעטער אָדער א סוינע); מע האָט דערקלערט א קאמף „קעגן די אלעקסיי טאָלסטאָיס”; איליא ערענבורג איז דערקלערט געוואָרן אלס „שרײַבער פון מעשטשאנסטוואָ”; שאָלאָכאָוו אלס „אידעאָלאָג פון באלעגופּישן קאזאקנטום”; אפילע גאָרקין האָט מען אין די קרײַזן פון די נאפּאָסטאָווצעס גערופן „רופּאָר פון דעם גאנצן רעאקציאָנערן טייל פון דער סאָוועטישער ליטעראטור”. דעם 25 דעקאבער 1929 האָט דער צק אלקפ(ב) ארויסגעטראָגן א ספּעציעלן באשלוס „וועגן דער ארויסטרעטונג פון א טייל סיבירער ליטעראטן און ליטערארישע אָרגאניזאציעס קעגן גאָרקין”, אין וועלכן אָט די ארויסטרעטונג קעגן דעם גרויסן פּראָלעטארישן שרײַבער, דעם גרונטלייגער פון דער סאָוועטישער ליטעראטור, איז קוואליפיצירט געוואָרן „אלס א שארף פעלערהאפטע, וואָס גרענעצט מיט כוליגאנערײַ”[1].

דער גרופּן־קאמף איז אזויארום געוואָרן א טאָרמאָז אין דער אנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער ליטעראטור. די ליטערארישע גרופּירונגען האָבן שוין מער ניט אנטשפרעכט דער רײַכער דערפארונג פון דער שעפערישער אנטוויקלונג פון די שרײַבער. עס האָט זיך געפילט א נויטווענדיקײַט אין א שעפערישער אָרגאניזאציע, וואָס זאָל פאראייניקן אלע סאָוועטישע שרײַבער. די פריִערדיקע אידייִשע מיינונגספארשיידנארטיקײַטן צווישן באזונדערע ליטערארישע גרופּירונגען זײַנען ביסלעכווײַז אָפּגעפאלן. זײַענדיק פארשיידן אין זייער סטיל, זײַנען אָבער די סאָוועטישע שרײַבער געווען אײַנהײַטלעך אין זייערע אידייִשע אָנשויונגען.

באנאנד דערמיט האָט זיך מיט דער שטורמישער אנטוויקלונג פון דער ליטעראטור אלץ מער געפילט א נויטווענדיקײַט אין א פאראלגעמיינערדיקער סיסטעם פון שאפונג, אין א נײַעם שעפערישן מעטאָד

[1] «Правда», 26 декабря 1929 г.

9*

פון דער רעוואָליוציאָנערער סאָוועטישער ליטעראַ־
טור, וואָס זאָל סינטעטיש אײַנשליסן און אָרגאַניש
פאַרייניקן די דערפאַרונג פון דער אַלוועלטלעכער
ליטעראַטור און אירע שעפערישע גרונט־מעטאָדן,
באַזונדערס די דערפאַרונג פונעם ראָמאַנטיזם און
רעאַליזם אין דער אייראָפּעיִשער און אין דער רו־
סישער ליטעראַטור פונעם 19־טן יאָרהונדערט. פאַר
אַלעמען איז קלאָר געווען, אַז דאָס נײַע לעבן און
די רעוואָליוציאָנערע ווירקלעכקײַט, די אויפֿטוען פו־
נעם סאָוועטישן מענטשן אין דער בויונג און אין
דער קולטור דאַרפֿן קינסטלעריש פאַרקערפּערט
ווערן אויף א נײַעם אופן. דער רעאַליזם דאַרף דע־
ריבער אויך זײַן א נײַער. די קריטיק פון די 20־ער
יאָרן האָט געזוכט דעם וועג צו באַשטימען די אייגנ־
אַרטיקײַט פון דער רעאַליסטישער שאַפונג פון דער
סאָוועטישער ליטעראַטור. מע האָט געשריבן וועגן
„ראָמאַנטישן רעאַליזם", וועגן „רעאַליסטישער סאָ־
ציאַלער ראָמאַנטיק", וועגן „צונויפפאָרן רעאַליזם
מיט ראָמאַנטיק", וועגן „העראָישן רעאַליזם", וועגן
א „נײַער רעאַליסטישער שול", וועגן „פּראָלעטאַ־
רישן קינסטלערישן רעאַליזם".

דער באַשלוס פון צק אלקפּ(ב) פונעם 23 אַפּרעל
1932 „וועגן איבערבויען די ליטעראַריש־קינסטלע־
רישע אָרגאַניזאַציעס" האָט אונטערגעפירט א סאַ־
כאַקל פון דעם פריִערדיקן עטאַפּ אין דער אַנטוויק־
לונג פון דער ליטעראַטור און אָנגעמערקט די
פּערספּעקטיוון פאַר איר ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג.
מיט דער ליקווידאַציע פון ראַפּפּ און מיטן שאַפן
אַן אַלפאַרבאַנדישן שרײַבער־פאַריין איז פאַרענדיקט
געוואָרן דער פּעריאָד פון זוכונגען און עס האָט זיך
אָנגעהויבן דער פּעריאָד פון קאָנסאָלידאַציע און
איינהײַטלעכער שעפערישער אַנטוויקלונג פון דער
סאָוועטישער ליטעראַטור פון אַלע פעלקער אין
אונדזער לאַנד.

מאַקסים גאָרקי איז געווען דער גרונטלייגער פון
דער נײַער ליטעראַטור פונעם סאָציאַליסטישן רעאַ־
ליזם. צוזאַמען מיט וו. אי. לענינען האָט גאָרקי
נאָך ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע טעאָרעטיש
און שעפעריש באַגרינדעט די עסטעטישע פּרינציפּן
פונעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם: פאָלקסטימלעכקײַט,
פּאַרטיייִשקײַט, רעוואָליוציאָנערע קינסטלערישע
פאַרקערפּערונג פון דער רעאַלער ווירקלעכקײַט,
אינטערנאַציאָנאַליזם און ברידערלעכע פעלקער־
פרײַנטשאַפט, פאַרשיידנאַרטיקײַט פון קינסטלערי־
שע מיטלען און סטילן — אַט די אַלע פּרינציפּן האָט
גאָרקי פײַערלעך פּראָקלאַמירט אויפן ערשטן אַלפאַר־
באַנדישן צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטישע שרײַבער.

די יידישע סאָוועטישע ליטעראַטור האָט פון סאַמע
אָנהייב זיך אַנטוויקלט אין דער ענגסטער פאַרבינ־
דונג מיט אַנדערע ברידערלעכע נאַציאָנאַלע ליטע־
ראַטורן: מיט דער אוקראַיִנישער, ווײַסרוסישער און
באַזונדערס מיט דער רוסישער ליטעראַטור.

די בעסטע שעפער פון דער יונגער יידישער ליטע־
ראַטור האָבן מיט פרייד באַגעגנט די רעוואָליוציע,
ווײַל זי האָט באַפרײַט די פאָלקסמאַסן פון סאָציאַ־
לער און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג. אַשער
שוואַרצמאַן, דער ערשטער רויטאַרמייער פון דער
יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור, דער העלדיש
אומגעקומענער סאָלדאַט פון דער רעוואָליוציע, האָט

אויף דער ערשטער באַראַטונג פון די יידישע פּראָלעטאַרישע שרײַבער. פון רעכטס אויף לינקס: ערשטע ריי — י. בראָנשטיין, פּ. מאַרקיש, א. פאַדייעוו, אי. כאַריק, אי. פעפער; צווייטע ריי — מ. קולבאַק, א. קושניראָוו, מ. דאַניעל, מ. ליטוואַקאָוו, נאָטע לוריע, ש. גאָדינער

באזונגען די „שורעס מוירדים", וועלכע האָבן „מיט ביקס אין האנט, מיט ווארעם בלוט אין הארצן" זיך אוועקגעלאָזט „אין אופשטאנד" קעגן דער אלטער וועלט, קעדיי „צו ווייַזן די פרייַז פון שטילער מי", „דעם אויסגעשריי פון דוירעס און פון צייַטן". ער האָט גערופן צו געבן א ווידערשטאנד „דעם סוינע בא די טויערן". דאָוויד האָפשטיין האָט פּייַערלעך דערקלערט: „מיר גייען אין דייַנע פּאַרנטיקע רייען, שפּאַנענדיקע מענטשהייַט!". לייב קוויטקאָ האָט באַזונגען „דעם רויטן שטורעם" פון דער רעוואָליוציע. פּערעץ מארקיש האָט אויסגעשריִען: „די נייַע ייִדישע פּאָעזיע איז א קינד פונעם רעוואָליוציאָנערן רוסלאַנד". „צוזאמען מיט דער נייַער רוסישער פּאָעזיע וועט אויך די נייַע ייִדישע דיכטונג אופהייבן די פלאַמענדיקע פאַקעלן רוסלאַנדס".

ווי אין דער רוסישער ליטעראטור, האָבן אויך אין דער ייִדישער ניט אלע שרייַבער באַגריסט די רעוואָליוציע. די העברעיִשע קינסטלערישע אינטעליגענץ האָט מערסטנטייל עמיגרירט אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָליוציע (ביאַליק, ראַווניצקי, קלויזנער, פרישמאַן, פיכמאַן אאַ.). עס האָט עמיגרירט אויך א גרופּע פּען-מענטשן, וועלכע האָבן געשאַפן אַף ייִדיש (ש. ניגער, באַלמאַכשאַוועס, נ. מייַזיל, ש. ראָזענפעלד, ש. גאָרעליק אאַ.). די אָנגעזעענע שרייַבער דאָוויד בערגעלסאָן, דער ניסטער, לייב קוויטקאָ, פּערעץ מארקיש, זייַענדיק אין אויסלאַנד, האָבן אונטערגעהאַלטן ענגע פּאַרבינדונגען מיט דער סאָוועטישער ליטעראטור, פּובליקירט זייערע ווערק אין די סאָוועטישע אויסגאַבעס („אייגנס", „באַגינען", „שטראָם"), דערנאָך האָבן זיי זיך אומגעקערט אהיים און זייַנען געוואָרן גרונטלייגער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור.

אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור איז, נאַטירלעך, ניט געווען אזויפיל ליטעראַרישע גרופּעס און אָרגאַניזאַציעס, ווי אין דער רוסישער. אין 1920 איז אין מאָסקווע געשאַפן געוואָרן א פּאַרבאַנד פון ייִדישע שרייַבער און קינסטלער: ב. אראָנסאָן, ד. בערגעלסאָן, ש. גאָרעליק, כ. גילדין, י. דאָברושין, מ. האַלפּערין, פּ. האַלפּערן, ה. האָכבערג, ד. האָפשטיין, א. ווערויארקע, ז. ווענדראָף, א. זאַרעצקי, א. טאַלמי, מ. טייַטש, ד. טשאַרני, י. טשייַקאָוו, י. יאָפּע, כ. לייזעראָוויטש, ליפמאַן-לעווין, פּ. קאַהאַנאָוויטש, פּ. קאַטעל, ל. קיטײַ, ל. רעזניק, אי. ריבאַק, א. ראָדין, מ. שאַגאַל. אידייִיש איז אָט די גרופּע געווען גאַנץ אומבאַשטימט. אייניקע פון דער גרופּע האָבן שפּעטער עמיגרירט. מיט דער צייַט האָט דער באַשטאַנד זיך געענדערט, עס זייַנען צוגעקומען נייַע מיטגלידער (א. שויכעט, ש. ראָסין, י. מאַרגאָליס). איניגיכן איז אין דער גרופּע געשאַפן געוואָרן א לינקער פליגל, וואָס האָט געשטרעבט צו פּאַרמירן א גרופּע פּראָלעטאַרישע שרייַבער (גילדין, שויכעט אאַ.).

אין דעקאַבער 1923 איז אנטשטאַנען די גרופּע „עקראַן", וואָס האָט פּאַרייניקט די שרייַבער ש. גאָדינער, א. ווערויארקע, ש. פּערסאָוו, א. קושניראָוו און א. שויכעט, וועלכע האָבן דערקלערט, אז זייער גרופּע שליסט איין „אלע ייִדישע שרייַבער, וואָס האַלטן די אָקטיאַבער-רעוואָליוציע פּארן יעסאָד פון זייער שאַפונג".

אין סאָף 1924 איז געשאַפן געוואָרן די ייִדישע סעקציע פון מאַפּפּ. אן אנדער ליטעראַרישע גרופּע איז אופגעקומען באַם זשורנאַל „יונגוואַלד" (פּ. ווילדמאַן, ש. מאַטלין, כ. דאַבין, א. קאַבאַקאָוו, אי. קאָוונער, י. ראַבין, ז. שוסטערמאַן, כ. שייַוויטש, ג. קראַם). אין 1925 זייַנען דערשינען צוויי ליטעראַרישע זאַמלונגען — „אָקטיאַבער" (אויסגאַבע פון דער ייִדישער סעקציע פון מאַפּפּ) און „נייַערד" (אויסגאַבע פון די ייִדישע שרייַבער, וועלכע זייַנען ניט אַרייַן אין קיין ליטגרופּעס). מ. ליטוואַקאָוו האָט געהאַלטן אָט די צוויי זאַמלונגען פאַר א וויכטיקער דערשייַנונג אין דער ליטעראטור. אין זייַן אַרטיקל „באַם איבערבראָך" האָט ער געשריבן: „אין אונדזער ליטעראטור האָט זיך אָנגעהויבן א טיפער און באַוווסטזיניקער פּראָצעס פון דיפערענציאַציע".

אין סענטיאַבער 1924 האָט אָנגעהויבן דערשייַנען דער ערשטער סאָוועטישער ייִדישער כוידעשלעכער זשורנאַל „די רויטע וועלט", ארום וועלכן עס האָבן זיך גרופּירט, מערסטנטייל, די שרייַבער, וואָס זייַנען ניט אַרייַן אין די פּראָלעטאַרישע שרייַבער-אָרגאַניזאַציעס. אין 1925 קומט אוף אין מינסק דער צווייטער ייִדישער כוידעשלעכער זשורנאַל „שטערן". אין אים האָבן זיך הויפטזאַכלעך געדרוקט מיטגלידער פון די פּראָלעטאַרישע שרייַבער-אָרגאַניזאַציעס.

א באַדייַטנדיקע ראָל אין דער אנטוויקלונג פון דער נייַער ייִדישער ליטעראטור האָבן געשפּילט די צייַטונגען „דער עמעס", „דער שטערן", „אָקטיאַבער", דער זשורנאַל „יונגוואַלד", די יוגנטלעכע צייַטונגען „יונגע גוואַרדיע", „יונגער אַרבעטער", די צייַטונגען אין באַזונדערע שטעט — „קאָמפאָן" (קיִעוו), „דער אָדעסער אַרבעטער", „בערדיטשעווער אַרבעטער", די ליטעראַרישע וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבעס „צייַטשריפט" (בענדער 1 — 5, מינסק, 1926 — 1931), „שריפטן" (קיִעוו, 1928), „וויסנשאַפטלעכע יאָרביכער" (מאָסקווע, 1929), די פאַרשיידענע אַלמאַנאַכן, קאָלעקטיווע ליטעראַרישע זאַמלונגען.

אין 1922 איז אין קיִעוו געשאַפן געוואָרן די ליטעראַרישע גרופּע „ווידערוווקס", אין וועלכער עס זייַנען אַרייַן א. שויכעט, אי. פּעפער, מ. שאַפּיראָ, א. וועלעדניצקי, ד. קאַראָל, אי. קיפּניס; אין צייַט זייַנען געווען מיטגלידער פון אָט דער גרופּע אויך מ. כאַשטשעוואַצקי, ע. פינינבערג. וועגן „ווידערוווקס" האָט פּעפער שפּעטער געשריבן, אז זי איז געווען „א דעמאָנסטראַציע פון פרישע קויכעס, וועלכע זייַנען, עמעס, ניט געווען אידייִיש אייגנהייַטלעך, אָבער זיי האָבן געוואָלט דורכשלאָגן די וואַנט פון די אַלטע קאָנסערוואַטיווע טראַדיציעס אין דער ליטעראטור". אין קאָאָפּעראַטיוון פאַרלאַג „ווידערוווקס" זייַנען דערשינען די ערשטע זאַמלונגען פון אי. פּעפער („שפּענער"), מ. שאַפּיראָ („פּאַרטאָג"), א. וועלעדניצקי („לייַטערניש"), אי. קיפּניס („אָקסן"), מ. כאַשטשעוואַצקי („דאָרשט"), ש. שקאַראָווסקי („רעגעס").

באַנאַנד מיט דער גרופּע „ווידערוווקס" איז אין 1925 געגרינדעט געוואָרן די ליטעראַרישע גרופּע „אנטענע", אין וועלכער עס זייַנען אַרייַן ע. פינינבערג, ה. אָרלאַנד, נויעך לוריע, ד. וואָלקנשטיין, ל. רעזניק, מ. דאַניעל. „אנטענע" איז לויט אירע אידייִישע אָנשויונגען געווען נאָענט צו דער אָק-

א גרופּע דעלעגאַטן פונעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטישע שרײַבער. פאָרשטייער פון דער רוסישער, אוקראַיִנישער און ייִדישער ליטעראַטורן

ראַיִנישער פּראָלעטאַרישער ליטגרופּע „האַרט". אין דעם זעלבן יאָר איז געמאַכט געוואָרן א פּרוּוו צו שאַפן אן אַסאָציִאַציע פון ייִדישע שרײַבער אין אוקראַיִנע, וואָס זאָל פאַרייניקן אַלע ליטעראַרישע גרופּעס. די אַסאָציִאַציע האָט אַרויסגעגעבן דעם אַלמאַנאַך „אוקראַיִנע" (1926). שפּעטער איז די גרופּע „אַנטענע" רעאָרגאַניזירט געוואָרן אין דער גרופּע „בוי", וואָס איר ניט אָפיציִעלער אָרגאַן איז פאַקטיש געווען „די רויטע וועלט".

זומער 1927 זײַנען אין אוקראַיִנע געשאַפן געוואָרן צוויי ליטעראַרישע גרופּעס פון ייִדישע שרײַבער: „אַסאָציִאַציע פון רעוואָלוציִאָנערע ייִדישע שרײַבער אין אוקראַיִנע" און די ליטעראַרישע פאַרייניקונג „בוי". אין דער „אַסאָציִאַציע" זײַנען אַרײַן ד. האָפשטיין, אי. פעפער, אי. קיפּניס, א. אבטשוק, מ. אַראָנסקי, א. פּיאַטיגאָרסקאַיאַ, ד. כאַראָל, מ. שאַפּיראָ, א. וועלעדניצקי, ד. ליבקיס, מ. כענקינע, ש. שקאַראָווסקי, מ. ליסאַק, אַווראָם קאַהאַן, פּ. שאַמעס. די איניציִאַטיוו־גרופּע פון „בוי" איז באַשטאַנען פון נ. אויסלענדער, ד. וואָלקנשטיין, נויעך לוריע, ע. פינינבערג, ד. פעלדמאַן, ל. רעזניק.

אין אוקראַיִנע זײַנען אויך אויפגעקומען ליטעראַרישע גרופּעס פון יונגע ייִדישע שרײַבער אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען „יונגע גוואַרדיע". אין כאַרקאָוו זײַנען אין דער יוגנט־גרופּע אַרײַן י. קאָטליאַר, מ. שטורמאַן, פּ. סיטאָ, עמ. קאַזאַקעוויטש; אין קיִעוו — ש. טשערניאַווסקי, נ. אָרלאַנד, כ. טאַבאַטשניקאָוו, ר. באַליאַסנע, אי. דרוקער; אין אָדעס — י. יאַנקעלעוויטש, אי. שיפּעטין, א. וואָליינעץ, ע. גאָרדאָן, ש. מאַרקוס, א. הובערמאַן, ה. רעמעניק, י. בוכבינדער; אין בערדיטשעוו — מ. האַרצמאַן, א. גאָנטאַר, י. ליטינעצקי; אין אומאַן — פּ. אַלטמאַן, א. בערדיטשעווסקי, וו. טעפּליצקי.

אינגיכן האָבן די שרײַבער פון דער „אַסאָציִאַציע" צוזאַמען מיט דער ליטגרופּע „יונגע גוואַרדיע" זיך געווענדט צו אַלע ייִדישע שרײַבער פון אוקראַיִנע מיט א רוף צו שאַפן א ייִדישע סעקציע באַם „וווּספּפּ" („ווסעוקראַיִנסקאַ ספּילקאַ פּראָלעטאַרסקיך פּיסמעניקיוו" — אַלוקראַיִנישע פאַרייניקונג פון פּראָלעטאַרישע שרײַבער). אין דעקאַבער 1927 האָט די אָנפירונג פון „וווּספּפּ" צונויפגערופן די ערשטע באַראַטונג פון די ייִדישע פּראָלעטאַרישע שרײַבער מיט אַזאַ טאָג־סדר: 1. באַריכט פון דער אַלוקראַיִנישער פאַרוואַלטונג פון „וווּספּפּ". 2. דער צושטאַנד און די אויפגאַבן פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד. 3. וועגן ליטעראַטור־קריטיק. 4. פאָרם און אינהאַלט פון א קינסטלעריש ווערק. 5. דער אַרבעטס־פּלאַן פון דער ייִדישער סעקציע „וווּספּפּ". 6. די שפּראַך פון דער ייִדישער קינסטלערישער ליטעראַטור.

אין דער באַראַטונג האָבן אָנטיילגענומען ד. האָפשטיין, אי. פעפער, א. אבטשוק, מ. אַראָנסקי, א. פּיאַטיגאָרסקאַיאַ, ש. שקאַראָווסקי, כ. גילדין, כאַנע לעווין, א. קאַהאַן, מ. לעוויטאַן, ש. בילאָוו, א. וואָראָבייטשיק, פּ. שאַמעס, ס. זשוקאָווסקי, מ. אַלבערטאָן, כ. ווײַנערמאַן, צ. טוזמאַן, י. קאָטליאַר, מ. טאַלאַיעווסקי, אי. גרינזייַד, עמ. קאַזאַקעוויטש, ה. רעמעניק, פּ. סיטאָ, ע. גאָרדאָן, אי. וויטינסקי, ש. טשערניאַווסקי, ס. מאַרקוס אאַ. מ. ליטוואַקאָוו האָט אין זײַן פאָרטראָג „דער צושטאַנד און די אויפ־

גאבן פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד" באַהאַנדלט די צענטראַלע פּראָבלעמען פון דער ליטעראַטור אין יענעם פּעריאָד.

די באַראַטונג האָט אָנגענומען אַ באַשלוס אַרויסגעבן, אָנהייבנדיק פון מאַרט 1928, אַ זשורנאַל „פּראָליט" אַלס אָרגאַן פון דער ייִדישער סעקציע „וואָספּפּ".

אין ווײַסרוסלאַנד איז אין 1923 געשאַפן געוואָרן די ליטעראַרישע גרופּע „יונגער אַרבעטער" אין באַשטאַנד פון מ. טייף, י. גאָלדמאַן, ב. רובינטשיק, ש. העלמאָנד, מ. ליפשיץ, נאָטע לוריע, ב. אָלעווסקי, ר. רובין, ב. מילער, י. סערעבריאַני אאַ. ליטעראַרישע יוגנט־גרופּעס זײַנען געווען אין די שטעט האָמעל, וויטעבסק, פּאָלאָצק, מאָלעוו, סלוצק, באָבּרויסק. אָנהייבנדיק פון אַפּרעל 1926 האָט די צײַטונג „יונגער אַרבעטער" רעגולער געדרוקט אַ ליטעראַריש זײַטל, וווּ עס האָבן פּובליקירט זייערע ווערק ע. קאַהאַן, י. בוכבינדער, י. יאַנקעלעוויטש, אי. מילנער, ל. טאַלאַלײַ, ע. לאַסקער אאַ.

אין סאָף 1928 איז געשאַפן געוואָרן דער „בעלאַפּפּ" (ווײַסרוסישע אַסאָציאַציע פון פּראָלעטאַרישע שרײַבער) מיט אַ ייִדישער סעקציע[1].

אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן האָט אין דער ייִדישער ליטעראַטור זיך פאַרשאַרפט דער קאַמף צווישן פאַרשיידענע ליטעראַרישע גרופּעס, באַזונדערס צווישן דער ראַפּישער גרופּע בראָנשטיין — דונעץ — אָרשאַנסקי און מ. ליטוואַקאָוו מיט זײַנע אָנהענגער. אָפהילכן פונעם דאָזיקן קאַמף האָבן זיך נאָך געהערט אפילו אויף דער באַראַטונג פון די יוגנט־שרײַבער, וואָס איז צונויפגערופן געוואָרן אין פעברואַר 1932 אין כאַרקאָוו.

אפילו נאָכן באַשלוס פון צק אַלקפּ(ב) „וועגן איבערבויען די ליטעראַריש־קינסטלערישע אָרגאַניזאַציעס" האָט אין דער ייִדישער ליטעראַטור נאָך געדויערט דער גרופּן־קאַמף, וועלכער האָט זיך פאַרענדיקט בלויז צום מאָמענט, ווען עס איז צונויפגערופן געוואָרן דער ערשטער אַלפאַרבאַנדישער צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטישע שרײַבער.

ערעוו דעם צוזאַמענפאָר, דעם 5 אויגוסט 1934, האָט אין מאָסקווע זיך געעפנט די אַלפאַרבאַנדישע באַראַטונג פון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער מיט פאָלגנדיקן טאָג־סיידער:

1. וועגן די אויפגאַבן פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור. פאָרטרעגער אַלעקסאַנדער פאַדייעוו.

2. די ייִדישע רעוואָליוציאָנערע און בורזשואַזע ליטעראַטור אין אייראָפּע און אַמעריקע (מ. ליטוואַקאָוו).

3. די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור: א) די פּראָזע (מ. עריק, ש. גאָדינער, כ. דונעץ); ב) קינדער־ליטעראַטור (ל. קוויטקאָ); ג) דיכטונג (י. בראָנשטיין, אי. פעפער, אי. כאַריק, פּ. מאַרקיש); ד) דראַמאַטורגיע (א. וועוויאָרקע, א. קושניראָוו, י. נוסינאָוו); ה) אַרבעט מיט דער יוגנט (מ. כאַשטשעוואַצקי, י. דאָברושין).

אויף דער באַראַטונג איז בײַגעווען דער ייִדישער שרײַבער פון אַמעריקע יוסף אָפּאַטאָשו.

אין דער פּרעסע איז געפירט געוואָרן אַ ברייטע צוגרייטונג צו דער באַראַטונג. דעם 5 אויגוסט 1934 האָט „דער עמעס" געשריבן אין אַ לייטאַרטיקל: „דער ערשטער כאַראַקטעריסטישער מאָמענט פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, ווי פון אַלע אַנדערע ליטעראַטורן פון די פעלקער פונעם ראַטנפאַרבאַנד, איז, וואָס זי איז ניט נאַציאָנאַל איזאָלירט, נאָר אידייִש און אָרגאַניזאַציאָנעל אַן אָרגאַנישער טייל פון דער גאַנצער סאָוועטישער ליטעראַטור". אין לייטאַרטיקל ווערט אונטערגעשטראָכן די נאָוואַטאָרישקײַט פון דער פּאָעזיע, דער נײַער טיפּאַזש און די טעמאַטישע רײַכקײַט פון דער פּראָזע, די פאַרשיידנאַרטיקײַט פון די זשאַנרען.

אין זעלבן נומער „דער עמעס" זײַנען פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען פון ש. גאָדינער — „שרײַבער, געשטאַלט, אַדרעסאַט", ב. אָלעווסקי — „וועגן אונדזער ליריק", נ. אויסלענדער — „וועגן אונדזער נאָוועלע".

די באַראַטונג, וועלכע האָט אונטערגעפירט די סאַכאַקלען פון דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור קימאַט פאַר צוויי צענדליק יאָר, האָט אין דער שײַן פונעם באַשלוס פון צק אַלקפּ(ב) אָנגעמערקט די אויפגאַבעס פון קאָנסאָלידאַציע און פון ווײַטערדיקן שעפערישן אויפשטײַג.

אויפן ערשטן אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטישע שרײַבער האָבן די ייִדישע ליטעראַטור פאָרגעשטעלט: מ. אַלבערטאָן, ז. אַקסעלראָד, ה. אָרלאַנד, ד. בערגעלסאָן, י. בראָנשטיין, ש. ברעגמאַן, ש. גאָדינער, י. דאָברושין, כ. דונעץ, ד. האָפשטיין, א. וועוויאָרקע, אי. כאַריק, א. כאַשין, מ. ליטוואַקאָוו, נאָטע לוריע, ז. לעוו, פּ. מאַרקיש, י. נוסינאָוו, ע. פינינבערג, אי. פעפער, ל. קוויטקאָ, מ. קולבאַק, א. קושניראָוו, י. ראַבין. די שטים פון דער ייִדישער ליטעראַטור האָט זיך געלאָזט הערן אין די אַרויסטרעטונגען פון דאָוויד בערגעלסאָן, איציק פעפער, נאָטע לוריע.

די סאָוועטישע ליטעראַטור איז אַרײַנגעטראָטן אין אַ נײַעם עטאַפּ פון איר אַנטוויקלונג, אַ פאַראייניקטע און קאָנסאָלידירטע אַרום די אידעאַלן פונעם סאָציאַליזם.

די ייִדישע ליטעראַטור איז געווען און איז פאַרבליבן אַן אָרגאַנישער טייל פון דער פילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראַטור.

---

[1] גענויער וועגן דער ליטעראַטור־באַוועגונג — אין דער אַרבעט פון א. אַבטשוק „עטיודן און מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור־באַוועגונג אין פססר. ערשטער בוך. 1917 — 1927, כאַרקאָוו, 1934".

אוקראַיִנישע שרײַבער וועגן די שעפער פון דער יידישער ליטעראַטור

מיט דער פובליקאציע „אוקראַיִנישע שרײַבער וועגן די שעפער פון דער יידישער לי־טעראַטור", ווו עס קומען צום וואָרט די באַרימטע אוקראַיִנישע דיכטער פּאַוולאָ טיטשינאַ, און מאַקסים רילסקי, רירן מיר זיך בלויז צו צו אַזאַ מערקווירדיקער ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכער דערשײַנונג, ווי די שעפערישע פרײַנטשאַפט צווישן די וואָרט־מײַסטערס פון ברידערלעכע סאָוועטישע ליטעראַטורן.

די דאָזיקע טעמע פאַרדינט אַ ספּעציעלע אָפּהאַנדלונג, און ווען אונדזערע ליטעראַטור־פאָרשער וועלן אָפּטאָן אָט די וויכטיקע אַרבעט, וועלן מיר נאָך טיפער דערשפּירן, סאַראַ וווּנדערלעכע לעבנס־זאַפטן עס האָבן געשפּײַזט און שפּײַזן די פאַרברידערטקײַט צווישן פאַר־שיידענע ליטעראַטורן, מיר וועלן דערזען, ווי באַדײַטנדיק עס איז זייער קעגנזײַטיקע האַשפּאָע און ווי נאַטירלעך, אָפט רירנדיק, עס איז די פאַרבונדנקײַט צווישן די אָנגעזעענסטע רוסישע, אוקראַיִנישע, ייִדישע, ליטווישע, מאָלדאַווישע און אַנדערע שרײַבער.

די הײַנטיקע פּובליקאַציע איז אַן אילוסטראַציע צו דעם.

פּ א ו ו ל אָ   ט י ט ש י נ א

אָשער שוואַרצמאַן

ס'איז מיר ניט געווען באַשערט צו זען אָשער שוואַרצמאַנען בײַ זײַן לעבן. אָבער שטענדיק האָב איך דעם געפיל, אַז איך קען אים פון זייער לאַנג, ווי מע קען אַ נאָענטן שאָכן אָדער אַפילע אַ קאָרעווע. אָט דער געפיל פון קרויוועשאַפט איז אויפגעקומען בײַ מיר, ווען כ'האָב צום ערשטן מאָל, אין כאַרקאָוו דערהערט זײַנע לידער. פון דעמלט אָן איז ער מיר ליב געוואָרן אויפן גאַנצן לעבן.

יוגנט, יוגנט,
ווי אַ שפּילנדיקע וועל, —

די דאָזיקע שורעס האָב איך דאַן געהערט אין דער פאָרלעזונג פון אַ ייִדישן שריפטשטעלער, אָשערס אַ פרײַנט. ער האָט געזאָגט:

— הערט, ווי וווּנדערלעך־שיין די ליד קלינגט ווײַטער:

ווי אַ טרער פון פולער פרייד —
דײַן שטעל,
דײַן יונגע פרייד.

איך האָב גענומען בײַם ייִדישן שריפטשטע־לער שוואַרצמאַנס זאַמלונג און זיך באַמיט איבערכאַזערן אויף דער פרעמדער פאַר מיר שפּראַך די דאָזיקע שורעס. נאָר, צום באַדויערן, האָט זיך בײַ מיר גאָרנישט ניט באַקומען: קי־מאַט אויף יעדן וואָרט האָט מײַן צונג זיך ספּאָ־טיקעט. עמעס, די ייִדישע אויסיִעס, ווי אויך באַזונדערע ווערטער האָב איך דעמלט שוין געוווּסט. איך האָב זיי געוווּסט נאָך פון יענער צײַט, ווען כ'האָב שטודירט אין דער טשערני־גאָווער סעמינאַריע. קעדיי די סעמינאַריסטן זאָלן בעסער באַגרײַפן די ביבל, איז בײַ אונדז איין מאָל אין וואָך געווען אַ לימעד פון העב־רעיִש. יאָ, די אויסיִעס און באַזונדערע ווער־טער האָב איך געוווּסט, נאָר וואָס קומט דערפון אַרויס? קעדיי באַזיניקן די גאַנצע טיפקײַט פון אָשער שוואַרצמאַנס שאַפונג, האָט מיר נאָך געפעלט זייער אַ סאַך, און דעריקער — ס'האָט געפעלט דער נייטיקער סכום ייִדישע ווערטער, נאָר דאָס איז נאָך אויך ווייניק, כ'האָב באַ־דאַרפט וויסן דעם ייִדישן זאַצבוי, די באַזונ־

דערקײַט פון דער שפּראַך ביכלאַל, און וואָס פאַר א ריכטונג זי אַנטוויקלט זיך אַדג.

אין א שטיקל צײַט אַרום האָט מען, לויט מײַן באַקאָשע, מיר צוגעזוכט א לערער, און כ'האָב זיך גענומען לערנען ייִדיש. אָט אַזוי האָט אָשער שוואַרצמאַן און זײַן דיכטונג מיט־געווירקט, איך זאָל איבערזעצן פונעם אָרי־גינאַל ווערק פון ייִדישע דיכטער.

וואָס מער כ'האָב זיך פאַרטיפט אין אָשער שוואַרצמאַנס לידער — אַלץ מער האָט מיך באַ־צויבערט סײַ זײַן שאַפונג, סײַ דער שעפער גופע. עס האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט זײַן גרויס האַרץ, זײַנע אומויסשעפּלעכע מעגלעכ־קײַטן, זײַן ריזיקע באַגאַבטקײַט. אין אים איז פאַרבאָרגן געווען א קאָלאָסאַלע קראַפט. וויפל וואָלט ער נאָך געקאָנט אופטאָן אין דער ייִדי־שער ליטעראַטור!

דעם דיכטערס האַרץ — א זויבערס, ווי קרישטאָל — האָט געוויטעקט פאַר זײַן פאָלק. פּראָטעסטירנדיק קעגן די רעדיפעס מיצאַד דער צאַרישער רעגירונג, רופט שוואַרצמאַן אויס מיט צאָרן:

פאַרוואָס זאָל נאָך שטיין ניט געאַקערט דאָס פעלד?
און אָרעמע שטעטעלעך אויסגיין אָן ברויט,
דערפאַר וואָס די וועגן מיט מוירע פאַרשטעלט?

אָשער שוואַרצמאַן האָט א סאַך איבערגע־לעבט אײנײנעם מיט זײַן פאָלק, נאָר ער איז קײנמאָל ניט געפאַלן באַ זיך. ער האָט גע־טרוימט וועגן א פרײַ לאַנד, און אָט דער גלויבן לאָזט זיך פילן אין אַלע זײַנע לידער. אין אייניקע איז דער גלויבן שוין פאַראַן אין דער פראַגע, וואָס ער שטעלט:

אין טריבן מענטשן־לאַנד,
פאַר דעם, וואָס פאַלט שוין אונטער לאַסט פון
פלאָגן,
וואָס קאָן איך זאָגן?
פאַר דעם, וואָס קילט מיט אַש דעם וויי פון
זײַנע ליידן,
וואָס זאָל איך ריידן?

אין אַנדערע לידער איז דער גלויבן אויס־געדריקט אין אַן אויסרוף פון פּראָטעסט קעגן דעם אומרעכט:

און כ'וועל אין לאַנד צוריק ניט קערן,
ביזוואַנען
איך וועל דאָס אויסלייז־וואָרט,
דאָס פאָלק ניט דערהערן.

און דער דיכטער גופע נעמט די ביקס אין האַנט, און אײנײנעם מיט די פאָרשטייער פון אַנדערע פעלקער פון אונדזער לאַנד גייט ער אַוועק אין שלאַכט, קעדיי מיט פײַער באַגע־גענען דעם סוינע („אין אופשטאַנד").

דעם דיכטער פאַרלאָזט קײנמאָל ניט דער גלויבן אינעם ניצאָכן, אין דער צוקונפט פון זײַן פאָלק. ווײַל ער אַליין פאַרמאָגט דאָך א יונג האַרץ. זײַנע שורעס „יוגנט, יוגנט...״ האָב איך אַף אוקראַיִניש איבערגעדיכטעט אַזוי:

Молодість. Молодість!
Ти — як та хвиля прутка,
Як сльоза ти, і блиск,
і вся радість
Ох, яка ж то яка.

באַזונדערס שטאַרק קלינגט דער אַקאָרד פון אָט דער ליד — פונקט ווי דער דיכטער וואָלט אים פון שטאָל אויסגעשמידט:

צעקלאַפּ דעם קאָפּ מיר
אַף א שטיין —
איך דאַרף ניט מיין.

אין מײַן איבערזעצונג האָבן די דאָזיקע שו־רעס זיך אויסגעגאָסן אַזוי:

Мені хоч голову розбій —
Я молодий.

און ווי צאַרט שוואַרצמאַן איז אין זײַנע לידער וועגן דער מאַמען, וועגן דער שוועסטער און זײַן מיידל! —

ס'שמעקט מײַן ליבסטע, ווי אום פרילינג
ווײַנשלגערטנער נאָך א רעגן
— — — — — — — — — — —
ווי אום האַרבסט א רײַפער עפּל,
אַזוי שמעקט איר יונגער קערפּער!

אויב עס גייט שוין א רייד וועגן יוגנט־מאָטיוון, דאַרף מען זאָגן, אַז אָשער שוואַרצ־מאַן האָט אין דעם פּראַט ניט געהאַט קײן סאַך „קאָנקורענטן״ אין דער אוקראַיִנישער דיכטונג אין דעם ביזרעוואָליוציאָנערן פּעריאָד און אין די ערשטע רעוואָליוציע־יאָרן — עפּשער איי־נעם, עפּשער צווײ, אָבער ניט מער; און צווישן זיי ווײַל איך דאָ אָנרופן וואַסילי טשומאַק. טשומאַק און שוואַרצמאַן פאַרמאָגן ניט ווייניק געמיינזאַמס, און ניט בלויז אין זייערע דיכטע־רישע געשטאַלטן, אין ריטמיק, נאָר אויך אין דער וואָרט־באַהעפטונג, וועלכע איז כאַראַקטע־ריסטיש פאַר זיי ביידן. און מע דאַרף זאָגן דעם עמעס: די ווערטער־אויסבילדנדיקע באַ־העפטונגען באַ אָשער שוואַרצמאַנען זײַנען אַף אַזויפיל אייגנאַרטיק און וואָגיק, אַז אונדז איז נאָך דערווײַל ניט געלונגען אין דער פולער מאָס איבערצוגעבן זיי אין אוקראַיִניש.

באַ יעדן פון אונדז לעבט אין האַרצן א גרויסע באַדערפעניש כאָטש איין מאָל אין יאָר קומען צום קייווער פון דײַן באַליבטן דיכטער און זיך דורכשמועסן מיט אים. אָבער ניט אַלע־מאָל גיט זיך עס אונדז אײַן, ווײַל מיר ווייסן ניט, ווו עס געפינען זיך די קוואָרים פון אייני־קע דיכטער. ווער, אַשטייגער, איז אימשטאַנד אונדז ברענגען א בלימל פונעם קייווער פון דעם אַרמענישן קלאַסיקער כאַטשאַטור אַבאָ־וויאַן, וועלכער איז אין איינעם א טאָג אַרויס־

געגאַן פון שטוב און זיך שוין מער ניט אומגעקערט? ווער וועט אונדז באַווײַזן דעם קייווער פון וואַסילי טשומאַקן, וועמען די דעניקינצעס האָבן פאַרפּײַניקט אין קיִעוו? דאָס זעלבע איז מיט אָשער שוואַרצמאַנען. איך ווייס: מענגעס יונגע און עלטערע פאַרערער זײַנע וואָלטן געקומען אַף זײַן קייווער. אָבער ווו געפינט ער זיך, זײַן קייווער? אָשער שוואַרצמאַן איז העלדיש געפאַלן אַפן שלאַכטפעלד, און מיר ווייסן בלויז, אַז זײַן קייווער געפינט זיך ערגעץ צווישן קיִעוו און קאָוועל[1].

אין סאָף פון פאָריקן זומער בין איך געפאָרן אַפן פראָנט, געוועזן פונקט אין יענע ערטער, ווו אָשער שוואַרצמאַן איז צום לעצטן מאָל אַרויס מיט דער ביקס אין האַנט קעגן סוינע. אָן א שיר מאַכשאָוועס וועגן אים האָבן דעמלט געעגבערט מײַן מויעד. אָשער שוואַרצמאַן האָט גוט געקענט די אוקראַיִנישע שפּראַך, ער האָט אַפילע געשריבן לידער אַף אוקראַיִניש — אין טאַראַס שעווטשענקאָס נוסעך, נאָר מיר האָבן אַפילע קיין איין מאָל זיך ניט געטראָפן און ניט דורכגעשמועסט זיך. דערפאַר אָבער זײַנען מיר איצט — סײַ פאַר דער מילכאָמע און ביפראַט אין דער מילכאָמע — די גאַנצע צײַט אינײינעם.

סײַ אַף דעם ערשטן אַלפאַרבאַנדישן שרײַבער־צוזאַמענפאָר אין מאָסקווע אין 1934, סײַ בײַס דזשאַמבולס יובילײ־פײַערונג אין אַלמאַאַטאַ, סײַ אַף דער פײַערונג אין ערעוואַן, געווידמעט דעם עפּאָס „דאַוויד סאַסונסקי", — אומעטום האָב איך אין מײַנע אַרויסטרעטונגען דערמאָנט אָשער שוואַרצמאַנען. אין די טעג, ווען עס איז אָפּגעמערקט געוואָרן טאַראַס שעווטשענקאָס 75־טער יאָרטאָג, האָט די צײַטונג „פּראַווּדאַ" פאַרעפנטלעכט מײַנס אַן אַרטיקל. אין דעם דאָזיקן אַרטיקל האָב איך ספּעציִעל דערמאָנט אָשער שוואַרצמאַנען, וועלכער איז מיר אײַנגעבאַקן אין האַרצן. און אַקוראַט מיט צוויי יאָר צוריק (אָן איין טאָג), דה. דעם צוואַנציקסטן סענטיאַבער 1942, האָב איך אין מײַן אַרויסטרעטונג אין אופאַ אַף דעם אַנטיפאַשיסטישן מיטינג פון די פאָרשטייער פונעם יִדישן פאָלק גערעדט וועגן אָשער שוואַרצמאַנען ווי וועגן א מוסטער פאַר אַלע די, וואָס האָבן געקעמפט און קעמפן פאַרן היימלאַנד.

און דאָרט, אַפן פראָנט, האָב איך געקלערט: מיר האָבן דאָך אין קיִעוו געלעבט מיט אים אַף איין גאַס — אַף דער קוזניעטשנער, וויִאַזוי זשע האָט עס פּאַסירט, אַז ער האָט זיך קיין איין מאָל ניט אַרײַנגעכאַפּט צו מיר צוגאַסט? דערפאַר אָבער איז ער איצט אַרײַן אין מײַן פּאָעמע „קאַטאָווסקי", און דאָס איז פאַר מײַן האַרץ א גרויסע טרייסט[1].

איך האָב זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זײַטן: ערגעץ דאָ, מיט אָט די וועגן און שטעגן, האָט ער געשפּאַנט, — עפשער וועט ער פּלוצעם אַרויסגיין מיר אַנטקעגן מיט דער ביקס אין האַנט?..

איך האָב גערעדט צו זיך אַליין, געבענטשט זײַן העלדנמוטיקײַט, זײַן פייִקײַט אַרײַנצוקוקן אין דער צוקונפט.

איך האָב אַף אוקראַיִניש איבערגעכאַזערט זײַנע ווערטער:

Ой, закипає кров братів моїх
забитих,
Рука к руці й голова до голови —
Зарізаних на полі бою круглої
землі.
. . . .
Я знаю: ніжне тіло людське ще
затріпоче
У мішанині бруду й крові.
. . . .
Та хтось же хоче ції муки!
Та хтось же хоче цієї крові![2]

און עס האָט אַרויסגעשריגן פון מיר דער צאָרן: דער בלוטיקער היטלער האָט געוואָלט שטילן זײַן דורשט מיט די ליידן פון די יִדן. די מענטשנפרעסער האָבן געוואָלט אויסטרינקען פונעם יִדישן פאָלק דאָס גאַנצע בלוט. מיט אָט די מערדערישע טאַטן האָבן זיי געפרוווט אָנשרעקן די פעלקער פון אונדזער לאַנד. אָבער עס לעבט און עס איז אומגעוואַקלט די פרײַנטשאַפט פון די פעלקער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. און זאָלן איצט ציטערן די פאַשיסטן. זייערע פאַרברעכנס — קיין איין טראָפּן! — וועלן מיר ניט מויכל זײַן, ניט פאַרגעסן!

1944

[1] וועגן פּאַוולאָ טיטשינאַ האָט געשריבן דאָס אַרטיקל, איז נאָך ניט פעסטגעשטעלט געווען, אַז אָשער שוואַרצמאַנס געביין איז באַערדיקט אין ברודער־קייווער אין ראַפאַליווקע, הינטער סאַרנע, ראָווער געגנט.

[1] אין דער פּאָעמע „קאַטאָווסקיס שווערד" דערמאָנט טיטשינאַ אָשער שוואַרצמאַנען און ציטירט אין זײַן, טיטשינעס, איבערזעצונג פון יִדיש שורעס פון שוואַרצמאַנס ליד „יוגנט".

[2] ס'זידט אוף דאָס בלוט פון מענגעס מײַנע ברידער,
מיט האַנט צו האַנט און קאָפּ צו קאָפּ געשאָכטענע
אַף שלאַכטפעלדער פון קײַלעכדיקער ערד.
איך ווייס: ס'וועט צאַרטעס מענטשן־לײַב נאָך ציטערן
אין א געמיש פון קויט און בלוט.
— — — — — — — — — — — — — — —
נאָר עמעץ וויל דעם פּײַן און עמעץ וויל דאָס בלוט!
(„אין אופשטאַנד")

מאקסים רילסקי

א פּאָעט א דענקער

ס'האָט אים ליב געהאַט יעדערער, ווער עס שעצט אינעם מענטשן נעשאָמע־זויבערקײַט, איידלקײַט, קלאָרקײַט און ברייטקײַט פון געדאַנק. מ'האָט אים ליב געהאַט פאַר זײַן ברויזיקן כאַראַקטער, פאַר דער פּראָסטקײַט פון זײַן וואָרט און פאַר אופריכטיקײַט. עס האָט איבערראַשט די פּילאַרטיקײַט פון זײַנע אינטערעסן, זײַן ערודירטקײַט. שמועסנדיק מיט אים וועגן דער קלאַסישער ליטעראַטור, וועגן די אַנטישע טראַגיקער, וועגן געטען, היינען, פּושקינען, שעווטשענקאָן, וועגן דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער ליטעראַטור, וועגן פאַרשיידענע פילאָסאָפישע שטרעמונגען, וועגן דעם היסטאָרישן גורל פון דעם אָדער אַנדערן פאָלק, וועגן די אַנטוויקלונגס־וועגן פון דער מענטשהײַט, האָט איר שטענדיק אַנטפּלעקט פאַר זיך עפּעס א נײַעם אַספּעקט פון דער דערשײַנונג, אַרום וועלכער עס איז געגאַנגען א רייד. דערבײַ פלעגן אָפט זיך פאַנאַנדערפלאַקערן הייסע שטרײַטן, אָבער שטענדיק פרײַנטלעכע און פּרינציפּיעלע.

ער איז אָבער בעשום־אויפן ניט געווען קיין קאַבינעט־מענטש. פאַרקערט, ער האָט זיך שטענדיק געצויגן צו דעם געוויינלעכן, וואָכעדיקן פּראַקטישן לעבן. נאָך מער, אָן א גענוגנדיקן גרונט דערצו האָט ער געהאַלטן, אַז ער איז שטאַרק געניט אין אָט דעם פּראַקטישן לעבן. ער האָט ליב געהאַט פיזישע אַרבעט. אין א פרײַער שאָ האָט ער גערן זיך פאַרנומען מיט סטאָליערײַ און שלאָסערײַ, געהאַט א טעווע צונויפּצוקלײַבן, ווו נאָר ס'האָט זיך געלאָזט, שטיקלעך אומנוצלעך דראָט, צעבראָכענע פאַרזשאַווערטע שלעסלעך. דאָס אַלץ פלעגט ער אַראָפּברענגען צו זיך אַהיים (בײַ זײַנע בני־בײַס האָט עס, נאַטירלעך, קיין גרויס אַנציקונג ניט אַרויסגערופן). דערנאָך פלעגט ער אַלץ אויסגלײַכן, אַרומפײַלן, אויסרייניקן... קאָן זײַן, אַז דאָס איז געווען א מין כאַלאַס, אָבער אַזא סימפּאַטישער, אַזא, וואָלט איך געזאָגט, מענטשלעכער...

פרײַנט האָבן זיך געוויצלט וועגן זײַן פענאָמענאַלער צעשטרייטקײַט. איינמאָל, זײַענדיק אין מאָסקווע (געלעבט האָט ער אין קיִעוו), קויפט ער אין א מאַגאַזין צוויי קינדערשע היטעלעך. אָף דער פראַגע, פאַר וועמען ער האָט זיי געקויפט, האָט ער געענטפערט: „וואָס הייסט, פאַר מײַנע קינדער". ווען מע האָט אים דערמאָנט, אַז זײַנע קינדער האָבן שוין פאַרענדיקט א הויכשול, איז ער אין דער ערשטער רעגע אַפילע געבליבן שטיין ווי צעטומלט, נאָר אין א ווײַלע אַרום — הילכיק זיך צעלאַכט...

א צווייט מאָל, אין מאָסקווע, פאָרן מיר זאַלבעצווייט אין טראַמוואַי אין שרײַבער־פאַר־באַנד. ס'האָט פאַסירט אַזוי, אַז מיר האָבן דורכגעלאָזט דעם טראַמוואַי־אָפּשטעל, ווו מיר האָבן באַדאַרפט אַראָפּשטײַגן. ניט לאַנג געטראַכט, טוט דאָוויד א שפּרונג אַרויס פונעם וואַגאָן. אויס באַדאַכטקײַט, צי עפּשער אויס פּאַכדאָנעס, האָב איך אים ניט נאָכגעפאָלגט, און אַראָפּגעשטיגן אָף דעם צווייטן טראַמוואַי־אָפּשטעל, און פון דאָרט זיך אומגעקערט צוריק. כ'האָב געטראָפן מײַן פרײַנט שטיין לעבן א פּאָסט־קעסטל.

— איך האָב שוין באַוויזן אָנצושרײַבן אַהיים א קאַרטל און עס אַראָפּגעלאָזט אין אָט דעם קעסטל! — האָט ער מיר דערקלערט.

— וואָס זשע האָסטו אָנגעשריבן?

— דרײַ ווערטער: „איך בין געזונט און גאַנץ".

— דײַניקע ווייסן דאָך ניט, אַז דו ביסט אַרויסגעשפּרונגען פון א טראַמוואַי!

— אַוואַדע ווייסן זיי ניט! — און ווידער האָב איך דערהערט זײַן הילכיק געלעכטער.

זײַן צעשטרייטקײַט איז געווען א מין אָרגאַנישער וווּנדערבאַרער שטריך, אָן וועלכן עס איז זיך שווער אויסצומאָלן זײַן געשטאַלט...

ער האָט געקאָנט מיט דער גאַנצער אַקשאָנעס זיך מישטאַדל זײַן וועגן אַרויסגעבן א בוך פון א דיכטער אָן אָנפאַנגער, בײַ וועלכן ער האָט דערשפּירט א טאַלאַנט. מיט נאַטירלעכער באַגײַסטערונג פלעגט ער זיך פאַרנעמען מיט איניאָנים פון קנאַפּ־באַקאַנטע און אַפילע אומבאַקאַנטע מענטשן, העלפן עמעצן, לאָמיר זאָגן, אָנשרײַבן אָן ערנסט אַרטיקל, דינגען פאַר עמעצן א דאַטשע...

ער האָט ליב געהאַט מענטשן, נאָר פאַראַכטעט יעטווידע פאַלשקײַט, קרומע גענג, צוויִעס און גראָבקײַט. אומאָרנטלעכקײַט, פּרינציפּלאָזיקײַט, פּשאָרע מיטן געוויסן האָבן אַרויסגערופן בײַ אים פיזישן עקל.

דאָוויד האָפשטיין האָט הייס ליב געהאַט זײַן פאָלק — דאָס ייִדישע פאָלק. ער האָט אויסגעצייכנט געוווּסט זײַן געשיכטע, ווי ער וואָלט אָף זיך גופע געטראָגן די ליידן, וואָס דאָס פאָלק איז אויסגעשטאַנען אין פאַרלויף פון לאַנגע דוירעס.

פון דעם האָט זיך גענומען זײַן לײַדנשאַפטלעכע פײַנטשאַפט צו אַלע פריידיקער פון אָבסקוראַנטיזם, נאַציאָנאַלער אומגלײַכהײַט און דיסקרימינאַציע, זײַן פײַנטשאַפט צו דעם פאַשיסטישן שמוץ. ער האָט מיט טיפער און צאַרטער ליבע זיך באַצויגן צום גרויסן רוסישן

פאַלק און צו אַלע פעלקער פונעם סאָוועטנ־פאַרבאַנד. ער האָט אויסגעצייכנט געקענט די אוקראַיִנישע שפּראַך, פאַרערט טאַראַס שעווטשענקאָן, איוואַן פראַנקאָ, ער איז געווען אַנציקט פון אוקראַיִנישן טעאַטער, מוזיק, געזאַנג. אין זײַן באַציִונג צו אוקראַיִנע, ווי אויך אין דעם אָרגאַנישן געפיל פון הומאָר, איז געווען עפּעס ענלעכס צו שאָלעם־אַלייכעמען.

איך דערמאָן זיך: איינמאָל, ס'איז שוין געווען טיפע נאַכט, שיר ניט באַגינען, האָב איך מיט עטלעכע מײַנע געסט — גרוזינישע שרײַבער — באַשלאָסן ווי צו אַ נאָענטן פרײַנט זיך אַרײַנכאַפּן צו אים אַהיים (ביז דעם צווייטן וועלט־קריג האָבן מיר ביידע אין קיִעוו געלעבט אין איין הויז). און מערקווירדיק — ער האָט זיך לאַכלוטן ניט געכידעשט, דערזעענדיק אונדז אין אַזאַ ניט־פּאַסיקער צײַט. און ס'איז אויסגעקומען, ווי ער וואָלט זיך דערויף געריכט. ס'האָט זיך אָפּגעזוכט אַ פלאַש ווײַן, און מע האָט פאַרפירט אַ פרײַנטלעכן שמועס. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז האָפשטיין קלײַבט זיך גאָר ניט שלעכט פאַנאַנדער אין די פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין דער גרוזינישער ליטעראַטור, נאָך מער — זײַן אינטערעס צו זיי איז זייער גרויס. אַגעוו, ער איז געווען אַ געטרײַער, פּילבאַרער און קלוגער איבערזעצער.

פון זײַנע נעסיִעס קיין אויסלאַנד האָט דער דיכטער מיטגעבראַכט אַ טיפע, אָבער לאַכלוטן ניט קיין כאַניפעסדיקע באַגײַסטערונג פאַר דער אייראָפּעיִשער קולטור, פאַר אירע אומשטערבלעכע דענקמעלער. ער האָט מיט איראָניע, אַפילע מיט סאַרקאַזם, זיך באַציִגן צו דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, צו די ליבעראַלע פּלאַפּלער, און מיט טיפן אָפּשײַ — צו די האָרעפּאַשנע מאַסן אין אויסלאַנד.

געוואָרן אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט דאָוויד האָפשטיין אײַנגעזאַפּט אין זיך די גרויסע לערע פון מאַרקס, ענגעלס, לענין, און באַזונדערס איינע פון אירע צענטראַלע אידייען — די אידיי פון אינטערנאַציאָנאַליזם.

עמעס, זײַן וועג צו דער פּאַרטיי איז געווען ניט קיין גראָדער. ער האָט געהאַט אי שטרויכלונגען, אי ניט קיין ריכטיקע שריט, וועלכע זײַנען געווען אַ רעזולטאַט פון אַ ריי גאַנץ קאָמפּליצירטע סיבעס. וועגן אַזעלכע מענטשן זאָגן פּראָפעסיִאָנעלע ליטעראַטור־היסטאָריקער, אַז זיי האָבן דורכגעמאַכט אַ קאָמפּליצירטן לעבנס־וועג. פאַר אונדז איז אָבער וויכטיק, אַז דער דאָזיקער מענטש איז גויווער געווען זײַנע צײַטווײַליקע פאַרבלענדענישן און איז געוואָרן אַזאַ, ווי ער איז געווען פאַר אונדז אַלעמען — אַן עכטער סאָוועטישער בירגער און קאָמוניסט.

אין דער ליטעראַטור־געשיכטע איז דאָוויד האָפשטיין אַרײַן אַלס אַ גרויסער און אייגנאַרטיקער דיכטער. געבוירן אין 1889 אין קאָראָסטישעוו (געוועזענע קיִעווער גובערניע, איצט זשיטאָמירער געגנט), איז האָפשטיין געוואַקסן אין דאָרף. בײַקומענדיק אומגעהײַערע שווע־ריקייטן און אַרויסווײַזנדיק גרויסע אַקשאָנעס, האָט ער, ווי אַ סאַך אַנדערע ייִדישע יונגעלײַט אין יענער צײַט, באַקומען בילדונג (אין דעם פּעטערבורגער פּסיכאָנעווראָלאָגישן אינסטיטוט און אין דעם קיִעווער קאָמערץ־אינסטיטוט).

זײַנע ערשטע, גאָר פריִע ליטעראַרישע פּרוּוון האָט ער געמאַכט אין דער רוסישער, אוקראַיִנישער און העברעיִשער שפּראַכן. שפּעטער איז ער פולשטענדיק אַריבער צו ייִדיש.

אַ גרויסע באַדײַטונג פאַר האָפשטיינס שעפערישער און אידייִשער אַנטוויקלונג האָט געהאַט זײַן פרײַנטשאַפט מיט דעם אָנגעזעענעם שרײַבער־רעוואָליוציאָנער אָשער שוואַרצמאַן. מיר וועלן אויך קיין טאָעס ניט האָבן, צוגעבנדיק, אַז אַף דער אויסברייטערונג פונעם דיכטערס האָריזאָנט האָט שטאַרק מיטגעווירקט זײַן גרינטלעכע באַהאַוונטקײַט אין דער רוסישער, אוקראַיִנישער, מײַרעוו־אייראָפּעיִשער קלאַסישער ליטעראַטור, ווי אויך די שפּעטערדיקע רעגולערע קאָנטאַקטן מיט די פאָרשטייער פון דער פילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראַטור.

האָפשטיין האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין דער ייִדישער פּרעסע נאָך דער פעווראַל־רעוואָליוציע. זײַן ערשטער בוך, נאָך וועלכן עס זײַנען געקומען אַ ריי אַנדערע, איז ערשט דערשינען אין 1919.

דאָוויד האָפשטיין איז געווען אַ סאָוועטישער דיכטער, אַ סאָוועטישער ליטעראַט ניט בלויז לויט די סימאָנים פון דער צײַט, אין וועלכער ער איז געווען טעטיק. ווי אַן עכטער גרויסער קינסטלער, האָט ער אָפּגעשפּיגלט אונדזער סאָוועטישע ווירקלעכקײַט אין איר גאַנצער פילאַרטיקייט. און אויב אייניקע זײַנע לידער, הויפּטזאַכלעך פון זײַנע פריִסטע יאָרן, זײַנען געווידמעט דעם טרויעריקן און שווערן אָוואַר פון זײַן פאָלק, פאַרנעמט דערנאָך אין זײַן שאַפונג אַלץ מער און מער אָרט די הײַנטצײַטיקע טעמע, די טעמע פון סאָציִאַליסטישער בויונג, די טעמע פון פעלקער־פרײַנטשאַפט, די טעמע פונעם אָקטיאַבער, פון די גרויסע ניצחונס פונעם סאָוועטישן פאָלק.

די ליטעראַטור־קריטיק האָט ניט איין מאָל אָפּגעמערקט, אַז האָפשטיין איז געווען אַ גרויסער מײַסטער פון פאָרם, צונויפפאָרנדיק די קלאַסישע טראַדיציעס מיט דרייסטער נאָוואַטאָרישקײַט. דאָס איז ווירקלעך אַזוי. האָפשטיין איז געווען אומויסשעפּלעך דערפינדעריש אין דער סטראָפיק, אין דער ריטמיק, אין די גראַמען. זײַנע עפּיטעטן, מעטאַפאָרן, פאַרגלײַכונגען איבעראַשן מיט זייער טרעפלעכקײַט און אָפט מיט זייער אומגעריכטקײַט. אָבער ניט דאָס איז דער איקער. דאָס וויכטיקסטע באַשטייט אין דעם, וואָס זײַענדיק אַ בעעמעס גרויסער פּאָעט, האָט דאָוויד האָפשטיין געהאַט זײַן אייגענעם קוק אַף דער וועלט, זײַן אייגענע שטים, ער האָט געקאָנט אַף אַן אייגנאַרטיקן אויפן אַ וועגד טאָן די אָדער יענע טעמע און פּלוצעם באַשײַנען די סאַמע אייינפאַכסטע זאַך

מיט אַן אומגעריכטער שײַן. אין דעם פּראַט איז גענוג זיך דערמאָנען, אַשטײגער, די מיניאַטור־ליד „אין עפּל״ אָדער די נאָך קלענערע ליד „א שפּענדעלע״.

ער האָט מיט נעשאָמע־צאַרטקײַט ליב גע־האַט די נאַטור און האָט אײַנצײַטיק מיט באַ־גײַסטערונג באַטראַכט די פּרעכטיקע מויערן פון א מאָדערנער שטאָט („שטאָט״, „א רעגן״). ער איז געווען אַן עכטער פּאָעט־דענקער, באַ וועלכן די ניט באַדײַטנדיקסטע, אַפן ערשטן קוק, לעבנס־דערשײַנונגען האָבן אַרויסגערופן ברייטסטע און טיילמאָל זייער דרייסטע אַסאָ־ציאַציעס און פּאַראַלעלמיינערונגען. און דעריקער — ער האָט ליב געהאַט דעם מענטשן, ליב געהאַט דאָס פאָלק, ליב געהאַט די מענטש־הײַט.

אָט אַזאַ איז דאַוויד האָפשטיין פאַרבליבן אין אונדזערע הערצער. עס ווילט זיך גלייבן, אַז אָט אַזאַ וועט ער אַרײַנדרינגען אין די הערצער אויך פון דעם יונגן דאָר לייענער, פאַר וועלכע די שאַפונג פון אָט דעם מערק־ווירדיקן יידישן פּאָעט איז צוליב די טראַגי־שע אומשטענדן פון די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן געווען ווי א פאַרכאַסמעטער בוך.

זײַן דיכטונג — מיט זוניקער פרייד דורכגעוועבט

ניט לאַנג פאַר דער צווייטער וועלט־מילכאָ־מע, אין איינעם א וואַרעמען זומער־פאַרנאַכט, זײַנען צו מיר, אין מײַן באַשיידענעם אירפּע־ניער שטיבל[1], אַרײַנגעקומען איציק פעפער און דער איבערזעצער פונעם „אינטערנאַציאָנאַל״ אַף רוסיש אַרקאַדי יאַקאָוולעוויטש קאָץ, וועל־כער האָט דעמלט געוווילט אין אוקראַיִנע.

ס׳האָט גענומען טונקל ווערן. מיר זײַנען געזעסן אין סאָד אונטער ניט קיין הויכער אַול־מע, וועלכער מײַנע פרײַנט האָבן א נאָמען גע־געבן „דער מאַוריקאַנער דעמב״. מיר האָבן געמיטלעך געשמועסט. איך האָב געוווסט, אַז פעפער זינגט זייער פײַן יידישע פאָלקסלידער, האָב איך אים געבעטן עפּעס זינגען. ער האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטן און פאַרצויגן א ליד וועגן א באַלעגאָלע. איינעם רעפרען האָבן זיך אָפּט איבערגעכאַזערט די ווערטער „וויאָ, וויאָ, פערדעלעך״. דאָס איז געווען א טרויע־ריקע ליד, ווי טרויעריק עס איז געווען די דוירעסדיקע געשיכטע פונעם יידישן פאָלק. כ׳האָב זיך אײַנגעהערט אין דער ליד, און פאַר מײַנע אויגן זײַנען אויפגעקומען טריבע שטוי־ביקע שליאַכן, האַרבסטיק־צעווייקטע פעלדער, פאַרוואָרפענע אָרעמע שטעטלעך מיט זייער אַלטן שטייגער, מיט זייער אויסוועגלאָזיקײַט. און אין דער זעלבער צײַט האָט די ליד גע־שפּרודלט מיט יונגער פאַרשײַטקײַט און לוסטי־קײַט, געפינקלט מיט הומאָר.

די דאָזיקע ליד קומט מיר אַפן זינען, ווען איך קלער וועגן איציק פעפערס דיכטערישער שאַפונג.

ער איז געבוירן געוואָרן איז שפּאָלע און האָט אויסגעצייכנט געוווסט דאָס לעבן פון דער שטעטלדיקער אָרעמשאַפט — פון די גאַרבערס און שוסטערס, באַנדערס און שמידן, צווישן וועלכע עס איז דורכגעגאַנגען זײַן יוגנט. גע־בוירן אין סאַמע אָנהייב פונעם יאָרהונ־דערט, האָט ער געוווסט דעם טראַגישן זין פון אַזעלכע ווערטער, ווי „געטאָ״, „פּראָצענט־נאָרמע״, „טכום״, „פּאָגראָם״ — ווערטער, וואָס פאַר דער הײַנטיקער יוגנט דאַרף מען זיי שוין פאַרטײַטשן.

וועגן די שטעטלשע אָרעמע מענטשן, וועגן זײַנע לאַנדסלײַט האָט איציק פעפער געשריבן מיט צאַרטקײַט און ליבע. ער האָט ניט איין מאָל געשילדערט זייער ביטערע נויט, וועלכע איז נאָכן זיג פונעם גרויסן אָקטיאַבער אַף אייביק פאַרשוווּנדן. מיט וואָס פאַר א פרייד האָט אָבער געקלונגען זײַן שטים, ווען באַזונג־דיק, שוין נאָך דער רעוואָליוציע, זײַן שטעטע־לע שפּאָלע, האָט ער געקאָנט זאָגן וועגן דעם קליינעם יאַנקעלען, אַז ער גרויסט זיך: „— איך בין שען א כוידעש א יונגער פּינער...״.

פעפער האָט פאַרהאַסט די נעגידישע „פּעמ־פּיקעס״. פון די יונגע יאָרן אָן האָט ער זיך אָפּגעגעבן דעם רעוואָליוציאָנערן קאַמף. ער איז געווען אַן עכטער קעמפער־קאָמוניסט. זײַן מילדע לירישקײַט און איידעלער הומאָר האָבן אויך פאַרמאָגט פײַערדיקע, צאָרנדיקע סטרו־נעס. ס׳איז קיין סאָפּעק ניט, אַז צווישן זײַנע לערער קאָן מען און מע דאַרף אָנרופן מאַיאַ־קאָווסקין און הײַנען. איך וואָלט נאָך צוגעגעבן דעם נאָמען פונעם גרויסן פראַנצויזישן פּאָעט בעראַנזשע. אין דער ליד „אין א זומער־נאַכט״ שטעלט זיך פעפער פאַר זײַן באַגעגעניש מיט בעראַנזשע:

איך באַקוק אים קאַלט און ניכטער,
איך דערקען אים — יאָ, ס׳איז ער!
ס׳איז דער זינגער, ס׳איז דער דיכטער,
ס׳איז דער אַלטער בעראַנזשע.

און נאָך איין נאָמען וואָלט איך אָנגערופן — דעם נאָמען פון טאַראַס שעווטשענקאָ.

שטייען טאָפּאָלן באַם שליאַך
שלאַנקע, הויכע, גרינע,
שטייען טאָפּאָלן א סאַך
איבער אוקראַיִנע.

[1] אירפּען — א דאַטשע־אָרט אונטער קיִעוו.

דאָס איז דאָך בעעמעס שעווטשענקאָס וווּנ־דערלעכע פּראָסטקײַט, שעווטשענקאָס פּייזאַזש, שעווטשענקאָס טאָפּאָלן.

זײַענדיק איינער פון די אַקטיווע טוער און אָנפירער פונעם פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע שרײַבער פון אוקראַינע און אָפּגעבנדיק פיל מי דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקײַט אויך אין מאָסקווע, האָט פעפער, פונקט ווי מיר אַלע, זיך באַצויגן מיט טיפער אַכטונג צו פּושקינען...

פעפער האָט הייס ליב געהאַט זײַן פאָלק, נאָר אים איז אָרגאַניש געווען פרעמד נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקײַט און נאַציאָנאַלע באַגרענעצטקײַט. אין זײַן ליד „הײמלאַנד־הימל״ האָט ער געשריבן וועגן אונדזער עפּאָכע און וועגן אונדזער פאָטערלאַנד:

ווען עס קרייצן זיך די בליצן
איבער אונדזער הויכן הימל,
ווערן וואַך די הימאַלײַען,
רויִשן וועלדער אין אויסטראַליע...

אין 1930 האָט פעפער אָנגעשריבן אַ ליד „סימלי״, וועלכע ווערט באַגלייט מיט אַן איראַנישן עפּיגראַף: „דער קלימאַט אין אינדיע איז אַ מילדער. די אינדוסן זײַנען אַ גוטמוטיק און געהאָרכזאַם פאָלק, הערשן איבער זיי איז ניט שווער״ (פון אַן אַלטן לערנבוך איבער געאָגראַפיע)״.

טוט אַ קוק מיט אויגן פרישע אַפן לאַנד דעם גרויסן!
און די אַלטע לערנביכלעך וואַרפט אַרויס אין
דרויסן!
זעט, ווי ס'הייבן זיך און שטײַגן אינעם לאַנד די
כוואַליעס
פון די דזשונגליעס, פונעם ציילאָן ביזן ברעג
בענגאַליעס,
פונעם גאַנג און ביז אַסאַמי, ביז די הימאַלײַען,
פונעם טאַר — דעם וויסטן מידבער, ביז די שטעט
די נײַע, —
הייבט זיך אויף דאָס „ווײַכע״ פאָלק, דאָס „רויקסטע״
פון פעלקער,
הייבט זיך אויף און גייט פאַרנעמען שטעט, זאַוואָדן,
פעלדער.
הערט, ווי טויזנטער האַרמאַטן איבער אינדיע הודען,
זעט, ווי ס'פלאַטערן די געטלעך ווישנו, בראַמאַ,
בודע.
איבער הימאַלײַען הויכע הענגען הייסע הימלען,
און דאָס פאָלק, דאָס „רויק־ווײַכע״ רוט אַצינד
אין סימלי...
און דאָס פאָלק דאָס „רויק־ווײַכע״ גרייט איז
„אונטערטעניק״
צו דעם וואַנטל טייקעף שטעלן דעם באַנדיט,
דעם קעניג.

איך לייען די דאָזיקע ליד און איך טראַכט, אַז ס'איז ניט קיין צופעליקע זאַך, וואָס דער ייִדישער דיכטער איציק פעפער איז געקומען צוגאַסט צו מיר, דעם אוקראַיִנישן דיכטער, אינאיינעם מיט דעם איבערזעצער פונעם „אינטערנאַציאָנאַל״.

איציק פעפער איז געווען אַ דיכטער פון אַ ברייטן דיאַפּאַזאָן. פון אונטער זײַן פען זײַנען אַרויס אַזעלכע צאַרטע שורעס:

אין אַזוינע צעשויבערטע,
נאַקעטע טעג,
קאָן איך דען וועלן נאָר דאָס, וואָס מ'מעג?
כ'וואַרט אַלע נאַכט אַף דיר
שטיל בײַ מײַן טיר.
קומסטו נאָר איין מאָל אין כוידעש צו מיר.

מיט זוניקער פרייד זײַנען דורכגעוועבט פעפערס לידער וועגן ביראָבידזשאַן, אָנגעשריבענע אינעם פאַרביקן „פלאַמאַנדישן״ סטיל. פאַר זײַן דיכטערישער פאַליטרע זײַנען אייגנטימלעך פּינקטלעכקײַט, אויסדריקלעכקײַט. ס'זײַנען נאַטירלעך פאַר דעם פּאָעט — דעם קעמפער, דעם סאָלדאַט, דעם קאָמוניסט — אויך אַזעלכע שורעס:

ביז די עלטער האָט איר שטויב
אַף מײַן קאָפּ פאַרלאָרן,
טוט דעם אַלטן ווײַן אַ הייב
פאַר די יונגע יאָרן.
פאַרן אייביק גרינעם וואַלד,
פאַרן מענטש, וואָס ווערט ניט אַלט!

איך האָב ליב געהאַט איציק פעפערן. איך האָב ניט איין מאָל זיך געטראָפן מיט אים — סײַ אין אַ גוטער שאָ, סײַ אויך אין שווערע צײַטן. און איך ווייס, איך בין זיכער, אַז ער האָט געהאַט די פולע רעכט צו זאָגן וועגן זיך מיט די מאַיעסטעטישע ווערטער פון אַ דיכטער און אַ בירגער:

מײַן געוויסן —
דער העכסטער גערעכט פון מײַן זײַן...

ייִדיש — י. טשיטשעלניצקי

אורען גוראַלניק
דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן

די וועלט=באַדײַטונג און די צווישנפֿעלקערלעכע קאָנטאַקטן פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור

נאָך אָף דער שוועל פונעם XX יאָרהונדערט האָט וו. אי. לענין אין זײַן בוך „וואָס דאַרף מען טאָן?" גערעדט „וועגן דער אַלוועלטלעכער באַדײַטונג, וואָס עס באַקומט איצט די רוסישע ליטעראַטור"[1]. איר וועלט־באַדײַטונג האָט לענין אײַנגעזען פריִער פאַר אַלץ אין דער בלוט־אייגענער פאַרבינדונג פון די אידייִש־עסטעטישע זוכונגען און אויפטוען פון די וואָרט־מײַסטערס מיט דער פאָלקס־באַפרײַערישער באַוועגונג אין רוסלאַנד.

די פילנאַציאָנאַלע סאָוועטישע ליטעראַטור אַנטוויקלט איצט אָף אַ נײַער היסטאָרישער באַזע די אומשטערבלעכע טראַדיציעס פון די קלאַסיקער. איינע פון די סאַמע רומפולע טראַדיציעס איז די באַשטעטיקונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ברייטערלעכקײַט און דער געמיינזאַמקײַט פון די לעבנסאינטערעסן פון די האָרעפּאַשנע מענטשן אין דער גאַנצער וועלט. אָט די אייגנשאַפט פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור ציט צו דעם אינטערעס פונעם דעמאָקראַטישן לייענער אין אַנדערע לענדער. אין די ביכער פון גאָרקי און שאָלאָכאָוו, טיטשינע און סטעלמאַך, לאַציס און מעזשעלײַטיס, בערגעלסאָן און מאַרקיש זוכן און געפינען אונדזערע מיטצײַטלער ענטפערס אָף די סאַמע קאָמפּליצירטע פראַגן פון דער סאָציאַלערווירקלעכקײַט.

דער געניאַלער רוסישער רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראַטישער דענקער נ. ג. טשערנישעווסקי האָט אָנגערופן די ליטעראַטור „לערנבוך פון לעבן". די דאָזיקע פאָרמולירונג אַנטשפּרעכט דער ליטעראַטור פונעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם, וואָס האָט דערגרייכט אינעם ראַטנפאַרבאַנד אַ הויכן ניוואָ פון אַנטוויקלונג. לויט די בעסטע ביכער פון אונדזערע שרײַבער לערנען זיך די אונטערוואַקסנדיקע דורעס, וויאַזוי און „פון וועמען צו מאַכן דאָס לעבן" (וו. מאַיאַקאָווסקי).

וועגן דער וועלט־באַדײַטונג פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור זײַנען אָנגעשריבן פיל ביכער. די קאָריפייען פון דער קונסט אין XX יאָרהונדערט — שאָו און ראָלאַן, פויכטוואַנגער און לו סין, פּיקאַסאָ און טאַגאָר, טשאַפּלין און סיקייראָס — האָבן אָנערקענט די גרויסע ראָליע פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור. „בלויז יענע ליטעראַטור, — האָט געשריבן טעאָדאָר דרײַזער, — אַ מײַסטער פון וועלכער ס'איז געווען גאָרקי, די ליטעראַטור, וועלכע זעט די ליידן און פריידן פונעם רעאַלן לעבן, — בלויז זי וועקט און באַוועגט דעם מענטשלעכן געדאַנק. אַדאַנק אַזאַ ליטעראַטור קאָן דער מענטש געפינען אַ וועג פאַר זײַן עקאָנאָמישער באַפרײַונג און ער קאָן בויען אַ גליקלעך לעבן".

אין אונדזערע קורצע נאָטיצן קלײַבן מיר זיך ניט אַלזײַטיק צו באַלײַכטן אָט די פּראָבלעם. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן בלויז אָף איינעם אירן אַן אַספּעקט, וואָס הײַנט־צו־טאָג, אין דער אַטמאָספער פון דער געלינדערטער צווישנפֿעלקערלעכער אָנגעשטרענגטקײַט, אין די באַדינגונגען פונעם פרידנס־אָנגריף, וואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד פירט דורך, באַקומט ער אַן ערשטראַנגיקן אינטערעס. עס האַנדלט זיך וועגן דער גינסטיקער קאָנסטרוקטיווער ראָליע פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור און דער ליטעראַרישער געזעלשאַפטלעכקײַט אינעם אײַנשטעלן און פאַרפעסטיקן פרײַנטשאַפטלעכע באַציִונגען צווישן פעלקער, צווישן מעלוכעס מיט פאַרשיידענע סאָציאַלע סיסטעמען, אין קאַמף פאַר ליקווידירן די טרויעריקע פאָלגן פון דער „קאַלטער מילכאָמע".

הײַנט־צו־טאָג האָבן מיר רעכט אָפּטימיסטיש צו

[1] «В. И. Ленин о культуре и искусстве». Изд-во «Искусство», М., 1956, стр. 60.

קוקן אין דער צוקונפט, די האָפענונג פון דער מענטשהייט אף א פעסטן און דויערהאַפטן שאָלעם באַזירט זיך אף א רעאַלן באָדן. אין דעם אַלעמען האָבן א כיילעק אויך די סאָוועטישע שרײַבער. זיי האָבן אומדערמידלעך פון טאָג צו טאָג, פון יאָר צו יאָר געפּלאַנצט אין די מויכעס פון די לייענער די אידייען פון שאָלעם, דעם גלויבן אין די קויכעס פון פּראָגרעס און גערעכטיקייט. אין אָט דער שײַכעס דערמאָנען מיר מיט דאַנקבאַרקײַט די נעמען פון אַלעקסאַנדער פאַדייעוו און איליא ערענבורג, אַלעקסאַנדער קאָרנייטשוק, וואַנדא וואַסיליעווסקאַיאַ, סאַמויל מאַרשאַק, ניקאָלײַ טיכאָנאָוו, באָריס פּאָלעוואָי און נאָך פיל אַנדערע סאָוועטישע שרײַבער. זייער שטים האָט אין די אומרויִקע פּערציקער און פופציקער יאָרן געקלונגען פון די הויכע טריבונעס פון צווישנפעלקערלעכע קאָנגרעסן, מאָביליזירנדיק צום קאַמף קעגן די אַגרעסיווע קויכעס, קעגן די מילכאָמע־אונטערצינדערס, קעגן די אידעאָלאָגן פון נעאָפאַשיזם און קאָלאָניאַליזם.

די ליטעראַטן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד האָבן נאָכגעפאָלגט גאָרקיס איידלמוטיקן בײַשפּיל. דער גרויסער פּראָלעטאַרישער הומאַניסט איז געווען איינער צווישן די ערשטע, וואָס האָבן אופגעהויבן זייער שטים קעגן דער פאַשיסטישער באַרבאַרײַ, קעגן דער געפאַר פון א צווייטער וועלט־מילכאָמע. גענוג צו דערמאָנען זײַן באַרימטן „ענטפער די אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענטן", דאָס אופרוף־אַרטיקל „מיט וועמען זײַנט איר, מײַסטערס פון דער קולטור?", וואָס איז געווען פאַרעפנטלעכט אין מאַרט פון 1932 יאָר, אין דער צײַט, ווען היטלער און זײַן קליקע האָבן שוין אויסגעשטרעקט זייערע הענט צו דער מאַכט אין דײַטשלאַנד. גאָרקיס אַרטיקל האָט געקלונגען ווי אַן אַליאַרעם־גלאָק. „...די בורזשואַזיע וויל לעבן רויִק, — האָט ער געשריבן מיט סאַרקאַזם, — צוליב איר רויִק לעבן האַלט זי, אַז זי האָט רעכט אומצוברענגען צענדליקער מיליאָנען מענטשן". אין דעם זעלבן אַרטיקל, ריידנדיק וועגן וווּקס פונעם קריזיס פון דער בורזשואַזער ציוויליזאַציע, האָט גאָרקי אָפּן און אָן שום פּניִעס אָוועקגעשטעלט פאַר די מײַסטערס פון דער קולטור א גאַנצע ריי פראַגן. ער האָט מיט אומרו געוואָרנט די אופמערקזאַמקײַט אף דעם, אַז „די פּרעסע פון אייראָפּע און אַמעריקע פאַרנעמט זיך פּלײַסיק און קימאַט אויסשליסלעך דערמיט, וואָס זי האַלט אין איין אַראָפּזעצן דעם קולטור־ניוואָ פונעם לייענער — דעם ניוואָ, וואָס איז אויך אָן איר הילף גענוג נידעריק". ער האָט מיט פאַרביטערונג געוואָרנט, אַז „די סינע פון אַלע צו אַלעמען, וואָס די בורזשואַזיע קולטיווירט, איז שוין אָנגעשוואָלן... ווי אַן אייטערנדיקער בלאָטער, וועלכער וועט, פאַרשטייט זיך, פּלאַצן, און ס'וועלן, מעגלעך, ווידעראַמאָל א פּלייץ טאָן טײַכן מיטן בעסטן, סאַמע געזונטן בלוט פון די פעלקער פון דער גאַנצער ערד"[1]. באַזונדערס האַרב איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן „ראַסעווע מילכאָמעס", וואָס דער קאַפּיטאַליזם פּראָוואָצירט, וועגן דער מענטשנפײַנטלעכער פּראָפּאַגאַנדע פון צווישנאַציאָנאַלער קריגערײַ.

...זעט אויס, אַז איינס פון די סאַמע עפעקטיווע מיטלען אף אײַנצושטעלן קעגנזײַטיקע פאַרשטענדניש — בעסויכעס צווישן מענטשן מיט פאַרשיידענע וועלט־אַנשויונגען — זײַנען פּערזענלעכע קאָנטאַקטן. נאָך אין אַלטערטום איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דער עמעס ווערט געבוירן אין שטרײַט. מע זאָגט אויך: בעסער איין מאָל זען, איידער צען מאָל הערן.

אפילע אין די צײַטן פון דער אַזויגערופענער „קאַלטער מילכאָמע", ווען די רעאַקציאָנערע פּאָליטיקער האָבן אופגעשטעלט אַן „אײַזערנעם פאָרהאַנג", קעדיי אָפּגרענעצן זייערע פעלקער פון דער סאָציאַליסטישער וועלט, אפילע דאַן האָבן די סאָוועטישע שרײַבער ניט דורכגעלאָזט קיין איין מעגלעכקײַט זיך צו באַגעגענען מיט זייערע אויסלענדישע קאָלעגן, קעדיי זיי דערציילן וועגן דעם לאַנד פון די סאָוועטן. דאָס איז געווען ניט פּראָסט, ניט גרינג. ס'איז אויסגעקומען באַקעמפן פאַרשיידענע שוועריקײַטן, קעדיי קומען מיטן עמעסדיקן וואָרט צו די אויסלענדישע אַאודיטאָריעס. די מאַכט־אָרגאַנען אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָבן מיט אַלע מעגלעכקײַטן געשטערט אײַנשטעלן נאָרמאַלע קאָנטאַקטן. פּילצאָליקע פּראָוואָקאַציעס קעגן די סאָוועטישע דעלעגאַציעס האָבן דורכגעפירט נעאָפאַשיסטן פון קאָלערליי רעוואַנשיסטישע פאַרבאַנדן, פאַרעטער נאָך פון דער מילכאָמע־צײַט, וועלכע האָבן געפונען א נעסט אונטערן פליגל פון נײַע באַלעבאַטים. אין די לעצטע יאָרן האָבן צו אָט דעם פּסוילעס זיך אָנגעשלאָסן די קריגערישע ציִוניסטן פון דער אַזויגערופענער „ליגע פאַר פאַרטיידיקן די ייִדן" און אַנדערע ענלעכע אַנטיסאָוועטישע אָרגאַניזאַציעס.

וועגן דער אָנגעשטרענגטער אַטמאָספער, וועלכע פלעגט הערשן אין די זאַלן, ווו מענטשן פון גוטן ווילן פלעגן זיך צונויפזאַמלען, קעדיי אויסהערן די פאַרשטייער פון דער סאָוועטישער שעפערישער אינטעליגענץ, האָט זײַנערצײַט דערציילט קאָנסטאַנטין סימאָנאָוו אין דער ליד „א מיטינג אין קאַנאַדע":

אף דער טריבונע כ'שטיי. דער זאַל
אין א מילכאָמע־פעלד דערמאָנט.
— אָט יענע לײַט, — געוואָרנט מ'האָט, —
וואָס זיצן אף די ערשטע בענק,
זײַנען געקומען — פאַרגעדענקט —
אײַך אויספײַפן מיט האַס און שפּאָט...

צײַטן בײַטן זיך. מע קאָן איצט זײַן צופרידן מיט די ענדערונגען. ס'וואָלט אָבער געווען נאַיִוו צו מיינען, אַז די אַנטיסאָוועטישע טומלער, די קעגנער פונעם סאָציאַליזם, די פײַנט פונעם שאָלעם וועלן פרײַוויליק אָוועקלייגן דאָס געווער און אף שטענדיק זיך אָפּזאָגן פון זייערע פּלענער אָנצובינדן די פעלקער זייער שלעכטן ווילן. דערפאַר טאַקע וואַקסט די באַדײַטונג פון דער מיסיע פון גוטן ווילן, וועלכע די געשיכטע אַליין האָט אַרופגעלייגט אף די שעפער פון דער סאָוועטישער קולטור.

אויב איר וועט, טײַערע לייענער, צעוויקלען פאַר זיך א מאַפּע פון דער וועלט און וועט דורכפירן פון מאָסקווע, לענינגראַד, קיִעוו, טאַשקענט, טביליסי ליניעס, וועלכע ווײַזן אָן די ריכטונגען, אין וועלכע

1 М. Горький. О литературе. «Советский писатель», М., 1953, стр. 544, 548.

עס זײַנען בלויז פאַר די לעצטע יאָרן אַרויסגעפאָרן סאָוועטישע שרײַבער, וועט איר זיך איבערצײַגן, אַז ס'איז ניט געבליבן, מעגלעך, קיין איין ווינקעלע אַף אונדזער ערד, וווהין ס'זאָלן ניט קומען אונדזערע פּאָעטן און פּראָזאַיקער, דראַמאַטורגן און ליטעראַטור-קריטיקער. די צווישנפעלקערלעכע פאַרבינדונגען זײַנען צווייזײַטיקע: ניט בלויז די סאָוועטישע ליטעראַטן פאָרן אַלץ אָפטער אַרויס קיין אויסלאַנד, נאָר אויך צו אונדז קומען צו פאָרן שרײַבער פון מײַרעוו-אייראָפּע און אַמעריקע, אַזיע, אַפריקע, אַווסטראַליע. וועגן אונדזערע פרײַנט און מיטקעמפער אין די לענדער פונעם סאָציאַליסטישן לאַגער איז שוין אָפּגערעדט — זיי פילן זיך אינעם סאָוועטנפאַרבאַנד ווי בא זיך אין דער היים.

ניט לאַנג צוריק האָט דער סעקרעטאַר פונעם שרײַבער-פאַרבאַנד פון פססר וויטאַלי אָזעראָוו אַרויסגעלאָזט א בוך „די זאָרגן פון דער וועלט און דאָס האַרץ פונעם שרײַבער". ווי ס'איז געזאָגט אין דער אַנאָטאַציע, „ווערן אינעם בוך געגעבן פּאָרטרעטן פון די אָנגעזעענע אויסלענדישע ליטעראַטן, ס'ווערט דערציילט וועגן זייערע באַגעגענישן מיט די פאַרשטייער פון דער סאָוועטישער קולטור. אין צענטער פונעם אַווטאָרס אויפמערקזאַמקײַט געפינען זיך עפּיזאָדן פונעם קאַמף פון די טוער פון ליטעראַטור און קונסט פון פיל לענדער פאַר שאָלעם, זייערע קאָמפּליצירטע און אָפט דראַמאַטישע גוריאַלעס". אונדז אינטערעסירט נאַטירלעך אָט דער בוך אין שײַן פון דער טעמע פון אונדזערע נאָטיצן.

נאָר איידער דערציילן גופא וועגן דעם בוך, וואָס דריקט גוט אויס דעם גײַסט פון דער צײַט, ווילט זיך זאָגן א פּאָר ווערטער וועגן דעם אַווטאָר. וויטאַלי אָזעראָוו איז פון איין יאָר מיט דער רעוואָלוציע. פאַר דער מילכאָמע האָט ער געענדיקט דעם מאָסקווער אינסטיטוט פון פילאָסאָפיע, ליטעראַטור, געשיכטע. עטלעכע יאָר איז ער געווען פאַרטרעטער פונעם הויפּט-רעדאַקטאָר פון דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ", די לעצטע פופצן יאָר רעדאַגירט ער באַשטענדיק דעם זשורנאַל «Вопросы литературы» („פּראָגן פון ליטעראַטור"), אָרגאַן פונעם שרײַבער-פאַרבאַנד און פונעם אינסטיטוט פון דער וועלט-ליטעראַטור אַף גאָרקיס נאָמען. אָזעראָוו האָט אָנגעשריבן עטלעכע וויכטיקע ביכער, דערין „א האַלבער יאָרהונדערט פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור" און „אַף די וועגן פונעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם". פאַר דער מאָנאָגראַפיע וועגן אַלעקסאַנדער פאַדייעווס שעפערישן וועג, וועלכע האָט אויסגעהאַלטן עטלעכע אויפלאַגעס, איז אים צוגעייגנט געוואָרן דער וויסנשאַפט-טיטל דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן.

דער בוך „די זאָרגן פון דער וועלט און דאָס האַרץ פונעם שרײַבער", כאָטש ער איז אָנגעשריבן אין אַן עטוואָס טרוקענער מאַניר פון אַן אָביעקטיוון באַריכט, לייענט זיך מיט גרויס אינטערעס. אָנהייבנדיק פון דער ערשטער שורע פונעם ערשטן טייל („די פּראָבלעמען פונעם יאָרהונדערט רײַסן זיך אַרײַן אין אונדזערע היימען") און ביזן שלוס-טייל („אַלגעמיינע צילן — אַלגעמיינע זאָרגן"), ווערט איינעם בוך אײַנגעהיט דער טאָן פון א כאַווערישן שמועס מיטן לייענער. דער טאָן בלײַבט דער זעלבער, ניט אָפּהענגיק פון דער טעמע, וועגן וועלכער דער אַווטאָר דערציילט: צי וועגן דעם אָרדנטלעכן קאָנגרעס פון דער צווישנפעלקערלעכער אַסאָציאַציע פון ליטעראַטור-קריטיקער, וואָס איז פאָרגעקומען אין באַרסעלאָנע, צי וועגן די קאָמפּליצירטע באַציונגען מיטן פּען-קלוב.

וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי איז א סאַך מאָל געווען אין אויסלאַנד. אין פאַריז, ניו-יאָרק, מעקסיקאָ — אומעטום האָט דער דיכטער זיך באַטראַכט ווי א באַפולמעכטיקטער פאַרשטייער פון דער סאָוועטישער קולטור. מיט וואָס פאַר א ווירדע, מיט וואָס פאַר א פּאַטריאָטישער גרויסקײַט האָט ער געמאָלדן וועגן דעם אין דער „ליד וועגן סאָוועטישן פּאַספּאָרט"! די פאַרצייכענונגען „מײַן אַנטדעקונג פון אַמעריקע", די לידער „דער אַטלאַנטישער אָקעאַן", „בלעק ענד אויַט", „בראָדוויי", „די ברוקלינער בריק", „קעמפּ ניט געדײַגעט", „אַהיים", „ווערסאַל", „די פּאַריזשערן" און אַנד. היטן אײַן ביז הײַנטיקן טאָג די פרישקײַט פון רעגונגספולע דיכטערישע דאָקומענטן „וועגן דער צײַט און וועגן זיך". בא די סאָוועטישע שרײַבער רופן געוויס אַרויס אַן אינטערעס אין אויסלאַנד די שיינקײַט פון דער נאַטור, די עקזאָטישע פלאָרע און פאַונע, דער אייגנאַרטיקער לעבנשטייגער, די היסטאָרישע דענקמעלער. דערעיקערשט אָבער אינטערעסירן זיי זיך מיט די מענטשן: וויאַזוי לעבן זיי, וועגן וואָס טראַכטן זיי, צו וואָס שטרעבן זיי? ניט אומזיסט רופן מיר אָן די ליטעראַטור — „מענטשנקענטעניש".

וויניקער פון אַלץ זײַנען די אויסלענדישע טורנע פון די סאָוועטישע ליטעראַטן ענלעך אַף פּאַשעטע טוריסטישע רײַזעס. אַלס קלאַל איז דאָס אַן אַרבעט, אַמאָל א גאַנץ שווערע, אַן אָנגעשטרענגטע, נאָר שטענדיק א באַגײַסטערטע, א מין נעשאָמע-באַדערפעניש. די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָבן געקענט באַקומען א פאַרשטעלונג וועגן דעם כאַראַקטער און צילגעווענדטקײַט, ווי אויך וועגן דער אָנגעשטרענגטער טעטיקײַט פון אונדזערע ליטעראַטן אַף דער צווישנפעלקערלעכער אַרענע, לויט די וועגנאָטיצן פון אָרן ווערגעליס, וועלכע געהערן, לויט מײַן מיינונג, צו פּובליציסטיק פון א הויכער מאַדרייגע. די נאָטיצן טיילן זיך אויס מיט רײַכקײַט פון אָביעקטיווער אינפאָרמאַציע, מיט שאַרפקײַט פונעם קלאַסן-אַנאַליז פון די געשעענישן. אַדאַנק דעם זשורנאַל «Дружба народов» („פעלקער-פרײַנטשאַפט") האָט זיך מיט א. ווערגעליסעס „בריוו פון אייראָפּע" און מיט זײַנע „אַמעריקאַנער טאָגביכער" באַקאַנט אין דער רוסישער איבערזעצונג דער אַלפאַרבאַנדישער לייענער.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו וו. אָזעראָווס בוך. אין אים ווערן געבראַכט פיל בײַשפּילן פון פאַרטײַשער פרינציפּיעלקײַט, וואָס די סאָוועטישע שרײַבער, שעליכים פון אונדזער היימלאַנד, ווײַזן אַרויס, אַרײַנטרעטנדיק בייס זייערע באַגעגענישן אין אויסלאַנד אין א פּאָלעמיק מיט די אידייישע קעגנער. א וואָגיקן בײַטראָג אין די הײַנטצײַטיקע טעאָרעטישע דיסקוסיעס וועגן דעם שעפערישן מעטאָד, וועגן די היסטאָרישע וואָרצלען און באַזונדערקײַטן פונעם רעאַליזם האָט אַרײַנגעבראַכט דער אָנגעזעענער ליטעראַטור-פאָרשער באָריס סוטשקאָוו, די-

רעקטאָר פונעם אינסטיטוט פאַר וועלט־ליטעראַטור, אַוטאָר פון די ביכער „די היסטאָרישע גוריאַלעס פונעם רעאַליזם" און „געשטאַלטן פון דער צײַט".

ו. אַזעראַוו שרײַבט:

„די קאָנטאַקטן האָבן געהאָלפן א סאַך סאָוועטישע שרײַבער צו געפינען אַן אַלגעמיינע שפּראַך מיט די אויסלענדישע פּראָזאַיקער, דיכטער, דראַמאַטורגן. פון אַלבערטאָ מאָראַוויאַ איז אויסגעקומען צו הערן, ווי פיל ער האָט באַקומען פון זײַנע געשפּרעכן מיט קאָנסטאַנטין סימאָנאָוו, פון ערסקין קאָלדוועלן — פונקט אַזעלכע אײַנדרוקן וועגן זײַנע באַגעגענישן מיט אַלעקסאַנדער טשאַקאָווסקין. נאָענטע קאָנטאַקטן מיט מענטשן פון גוטן ווילן — דאָס איז איין זאַך, און גרייטקײַט אַרײַנצוטרעטן אין א שלאַכט מיט קעגנער — דאָס איז א צווייטע זאַך. נאָר אין באַליבּיקע אומשטענדן טרעטן אַרויס די פאָרשטייער פון אַלע מינים און זשאַנרען פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור אַלס פּראָפּאַגאַנדיסטן פון אונדזערע אידייען אין אויסלאַנד".

די סאָוועטישע ליטעראַטור איז אַן אינטערנאַציאָנאַלע לויט איר טאָך. אָט די אָרגאַנישע אייגנשאַפט אירע ווײַזט זיך אַרויס אין אַלץ, נאָר באַזונדערס בולט — אין די ווערק, וואָס זײַנען א רעזולטאַט פון די שרײַבערס רײַזעס אין אַנדערע לענדער, פון זייער אומיטלבאַרער באַקאַנטשאַפט מיט דער אויסלענדישער ווירקלעכקײַט. קעדיי איבערצײַגן זיך אין דעם, איז גענוג אָנצורופן ק. סימאָנאָווס פּאָעטישע שורעס וועגן דעם העלדישן וויעטנאַמער פאָלק, נ. גריבאַטשאָווס „זשענעווער רעפּאָרטאַזש", ד. גראַנינס פאַרצייכענונגען וועגן פינפטן קאָנטינענט, ג. פישס סקאַנדינאַווער נאָטיצן, אי. אַבאַשידזעס „אַף רוסטאַוועליס שפּורן" (וועגן דער רײַזע אַפן נאָענטן מיזרעך). מיר האָבן דאָ אויסגערעכנט פאַרשיידענע לויטן אינהאַלט, לויטן אינדיווידועלן כאַראַקטער, לויטן זשאַנער ווערק, וואָס זײַנען אָנגעשריבן פאַרהעלטניסמעסיק ניט לאַנג צוריק. אַלגעמיינס איז באַ זיי: דער אָפּשײַ צו מענטשן, צו אַנדערשפּראַכיקע קולטורן, מינהאָגים און זיטן, דער גלויבן אינעם טריומף פונעם סייכל און, פאַרשטייט זיך, דער געפיל פון שטאָלץ פאַר אונדזער גרויסן היימלאַנד, וואָס שפּאַנט זיכער אינעם אַוואַנגאַרד פון דער פאָרויסגעשריטענער מענטשהייט.

מיט יעדן טאָג ווערט אַלץ שטאַרקער די אויפמערקזאַמקײַט פון די שרײַבער פון דער גאַנצער וועלט צו דער דערפאַרונג פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור. א באַזונדערע שײַכעס האָט עס צו די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען פון דער שעפערישער סוויווע.

„אונדזערע אויסלענדישע מיטשפּרעכער, — דערציילט ו. אַזעראַוו, — איבעראַשט שטענדיק די שרײַבערישע אָרגאַניזאַציע באַ אונדז אין לאַנד, וועלכע ציילט זיבן טויזנט מיטגלידער. דאָס, וואָס איז אונדז קלאָר און זעט אויס ווי א געוויינלעכע זאַך, ווערט דורך זיי אופגענומען ווי עפּעס דערשיטערנדיקס. און ווירקלעך: ווו, אין וועלכן קאַפּיטאַליסטישן לאַנד נעמען די ליטעראַטן אַזאַ אַקטיוון אָנטייל אין פאַרוואַלטן מיט דער מעלוכע, ווי באַ אונדז? דאָס סאָציאַליסטישע היימלאַנד האָט אָפּגעמערקט אַזויפיל שרײַבער מיט הויכע באַלוינונגען, מיט ערן־טיטלען! 30 העלדן פון סאָוועטנפאַרבאַנד און העלדן פון סאָציאַליסטישער מי, 4300 באַלוינטע מיט אָרדענס און מעדאַלן! העכער 1300 שרײַבער פאַרמאָגן ערן־טיטלען און וויסנשאַפט־טיטלען".

באַם סאָציאַליזם איז אויסגעוואַקסן און האָט זיך אויספאָרמירט א נײַער טיפּ שרײַבער. די סאָוועטישע מײַסטערס פונעם וואָרט זײַנען מיט הונדערטער פעסטע פעדעם פאַרבונדן מיט דער שעפערישער טעטיקײַט פונעם פאָלק, דעם בויער פונעם קאָמוניזם.

■ ■ ■

טעאטער

שמועל גאָרדאָן

שאָלעם־אַלייכעם און לויט שאָלעם־אַלייכעמען...

(„דער פאַרקישעפטער שנײַדער" אינעם מאָסקווער ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל)

מע קאָן ניט זאָגן, אַז דער מאָסקווער ייִדישער דראַמאַטישער אַנסאַמבל באַאומרויִקט איבעריקס אָפּט דעם צושויער מיט נײַע פאָרשטעלונגען. פאַר די קימאַט דרײַצן יאָר פון זײַן עקזיסטענץ האָט ער באַוויזן בלויז זעקס פּיעסן: „200.000", „טעוויע דער מילכיקער", „שפּאַניער", „די קישעפמאַכערן", „איבערן אָקעאַן" און „דרײַ פינטעלעך". עס זײַנען דערצו, פאַרשטייט זיך, געווען אָביעקטיווע סיבעס: אין מעשעך פון עטלעכע יאָר איז דער באַשטאַנד פונעם אַנסאַמבל געווען אַ קלענער. צוליב מאַנגל פון אויספּילער האָט ער אַפילע די פּיעסן, וועלכע ער האָט געשפּילט, געמוזט היפּש קירצן, ווי מיר האָבן עס געזען סײַ אין „200.000", סײַ אין „טעוויע דעם מילכיקן". ס'איז אָבער דערבײַ פאַרהיט געוואָרן שאָלעם־אַלייכעם, און דאָס איז באַזונדערס וויכטיק. איינע פון די סיבעס פון דער קלענער צאָל שטעלונגען איז געווען אויך דאָס, וואָס דער אַנסאַמבל איז אין די ערשטע יאָרן פון זײַן עקזיסטענץ קנאַפּ וואָס געזעסן אַף אַן אָרט. ער איז מערסטנטייל געווען אין וועג, און גרייטן אונטערוועגנס נײַע פאָרשטעלונגען איז ניט פון די לײַכטע זאַכן, אַפילע פאַר אַ סטאַציאָנאַרן טעאַטער. עס זײַנען געווען און אויך איצט נאָך פאַרבליבן אַ ריי אַנדערע סיבעס.

פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר אָבער זײַנען אַ טייל פון די דאָזיקע סיבעס ביסלעכווײַז אָפּגעפאַלן: ס'האָט זיך באַדײַטנדיק פאַרגרעסערט דער באַשטאַנד פונעם אַנסאַמבל, באַזונדערס האָט ער זיך באַרײַכערט מיט יוגנט. צוזאַמען מיטן אָרקעסטער ציילט דער אַנסאַמבל איצט אָן בא 25 מאַן. ער געפינט זיך שוין ניט, ווי פריִער, מערסטנטייל אונטערוועגנס...

און דאָך זײַנען פאַר די לעצטע פינף יאָר באַוויזן געוואָרן סאַכאַקל בלויז צוויי נײַע פאָרשטעלונגען, און אַלץ וועגן דעם ווײַטן נעכטן און אייערנעכטן: „איבערן אָקעאַן" יאַנקעוו גאָרדינס און „דרײַ פינטעלעך" (דרײַ איינאַקטערס) שאָלעם־אַלייכעמס. דאָס דערקלערט זיך ניט, פאַרשטייט זיך, דערמיט, וואָס דער אַנסאַמבל האָט אין דעם גרויסן און רײַכן אויצער פון דער ייִדישער קלאַסישער און סאָוועטישער דראַמאַטורגיע ניט געפונען פאַר זיך קיין איין פּאַסיקע פּיעסע. גיכער פון אַלץ, ווי מיר שײַנט, דערקלערט זיך עס מיט דעם, וואָס דער אַנסאַמבל האָט שוין פון אַ לענגערער צײַט אויפגעהערט צו זײַן אַ שעפעריש־זוכנדיקער קאָלעקטיוו. זאָרגן זיך, אַז ער קאָן צוליב דעם, כאָלילע, בלײַבן „אַרבעטסלאָז", האָט ער דאָך נישט געהאַט וואָס. ווען זײַן רעפּערטואַר זאָל געווען באַשטיין ניט פון זעקס פּיעסן, נאָר אַפילע בלויז פון איינער אָדער פון צוויי, וואָלט ער אויך ניט געזעסן ליידיק. דאָס לאַנד אונדזערס, קיין אײַנהאָרע, איז גענוג רײַך מיט שטעט. אויב אַפילע שפּילן יעדן טאָג, וועלן אויך אויספעלן טעג אין יאָר אַף אַרומכאַפּן אַלע שטעט, ווו ס'איז פאַראַן אַ ייִדישער צושויער.

איז ניט קיין וווּנדער, וואָס בא אַזאַ לאַגע, ווען פון איין פּרעמיערע ביז דער צווייטער גייען דורך יאָרן, ווערט יעדע פּרעמיערע אויפגענומען ווי אַן אויסערגעוויינלעכע געשעעניש.

אַזאַ אויסערגעוויינלעכע געשעעניש איז אויך געווען „דער פאַרקישעפטער שנײַדער" לויט שאָלעם־אַלייכעמען, וואָס איז ניט לאַנג צוריק באַוויזן געוואָרן דעם מאָסקווער צושויער.

און דאָ מוז איך זיך מודיע זײַן. נאָכדעם ווי איך בין מיט אַ יאָר צוויי צוריק געווען אַף דער פאַרלעצטער פּרעמיערע „דרײַ פינטעלעך" — כאָטש ביז איצט פאַרשטיי איך ניט, פאַרוואָס זײַנען שאָלעם־אַלייכעמס דרײַ איינאַקטערס („מענטשן", „אַ דאָקטער", „מאַזלטאָוו") אָנגערופן געוואָרן „דרײַ פינטעלעך", — בין איך מיט אַ געוויסן אומרו געגאַנגען זען די נײַע פאָרשטעלונג. אומרויִק בין איך געווען ניט פאַר די אַקטיאָרן. דער אַנסאַמבל פאַרמאָגט באַדײַטנדיקע קינסטלערישע קרעפטן, וואָס קאָנען באַשיינען די בינע פון אונדזערע ערשטראַנגיקע טעאַטערן, צו וועלכע עס האָט געהערט דער „גאָסעט" און פונוואַנען עס שטאַמען די גרעסטע מערהײַט שוישפּילער פונעם אַנסאַמבל. אומרויִק בין איך געווען פאַר שאָלעם־אַלייכעמען. גייענדיק אַף דער נײַער פּרעמיערע, האָב איך פאַר זיך אַליין געמאַכט אַ שטיקל קאָל־וועכוימער: מאַדאָך, אַז אַף די „דרײַ פינטעלעך" איז שאָלעם־אַלייכעמען שווער געווען צו דערקענען, באַזונדערס אינעם איינאַקטער

א סצענע פונעם ערשטן אקט פון דער שטעלונג „דער פאַרקישעפטער שנײַדער"

„דער דאָקטער", וואָס איז געשפּילט געוואָרן ווי א וואָדעוויל, פּרימיטיווער פּאַרס אָן אַרויסרופן סטאם געלעכטער, און אויך אין „מענטשן", וואָס איז פאַרוואנדלט געוואָרן אין א האַרצרײַסנדיקער מעלאָדראַמע, הײַנט וואָס קאָן מען שוין דערוואַרטן פונעם „פאַרקישעפטן שנײַדער", אויב אָף דער אַפישע איז דערצו נאָך אָנגעוויזן... לויט שאָלעם־אַלייכעמען.

איז דאָס ערשטע, וואָס האָט מיך דערפרייט, ווען די האַנדלונג האָט זיך אַנטוויקלט: דער אומרו מײַנער איז געווען אָן אומזיסטער. איך האָב ניט נאָר דערהערט פון דער בינע שאָלעם־אַלייכעמס שפּראַך, איך האָב אויך דערזען שאָלעם־אַלייכעמס געשטאַלטן.

„דער פאַרקישעפטער שנײַדער" אין דער שטעלונג פונעם נײַעם קינסטלערישן אָנפירער פעליקס בערמאַן איז אין א געוויסער מאָס א פּראָגראַם־ספּעקטאַקל, א קערפּונקט פאַרן טעאַטראַלן קאָלעקטיוו, און דעריבער נייטיקט זיך די דאָזיקע פאַרשטעלונג אין א ברייטערער און גענויערער אָפּהאַנדלונג.

...איש האָיאָ ביזלאָדייעווקע, און א מענטש איז געווען אין זלאָדייעווקע... אושמוי שימען עליִאָהו, און זײַן נאָמען איז געווען שימען־עליע, און גערופן האָט מען אים שימען־עליע שמאַ־קוילײנו... וועהאָיאָ האָיִש כאיעט, און געווען איז דער מענטש א שנײַדער... ווײַהי לוי באָנים אוּוואָנויס, און ער איז געווען א מעטופּל מיט קינדער... ווײַהי האַיוים, און אין איינעם א טאָג איז זיך פאַרלאָפן אַזאַ געשיכטע...

מיטן דאָזיקן עפּיש־טאַנאַכישן גאַנג הייבן זיך אָן פאַנאַנדערוויקלען די אויסטערלישע געשעענישן פון איינער פון שאָלעם־אַלייכעמס פּאָעטישע דערציילונגען „דער פאַרקישעפטער שנײַדער".

דער לייענער געדענקט, פאַרשטייט זיך, דעם סיפּער־האַמײַסע, וועלכע דער גענִיאַלער שרײַבער האָט אַרויסגענומען, ווי ער ווײַזט אָן, פון אַן אַלטן פּינקעס און אים באַפּוצט, א סיפּער־האַמײַסע, ווִיאַזוי דאָדיע דער אַרענדאַר האָט אין א שפּאַס פאַרביטן די ציג, וועלכע שימען־עליע האָט געקויפט באַם קאָזאָדאָיעווקער מעלאַמעד כאַיִם־כאָנע „דעם קלוגן", אָף א צאַפּ און מיט וואָס דער דאָזיקער שפּאַס האָט זיך פאַרענדיקט.

פאַרוואָס האָבן אין פאַרשיידענע צײַטן פאַרשיידענע טעאַטערן זיך ניט איין מאָל געווענדט צו דער אינסצענירונג פון דער דאָזיקער דערציילונג, איז לײַכט צו פאַרשטיין. אויסער דעם, וואָס זי איז ביז גאָר סצעניש לויט דער האַנדלונג און אויסערסט רײַך מיט לעבעדיקע געשטאַלטן און פאַרמאָגט אין זיך א טיפן סאָציִאַלן אינהאַלט, גיט זי דעם רעזשיסער, ווי אויך די אַקטיאָרן א רײַכע מעגלעכקײַט פאַר זייער שעפערישער פאַנטאַזיע, וואָרעם אינעם „פאַרקישעפטן שנײַדער" איז די רעאַלע ווירקלעכקײַט איבערגעמישט מיט פאַנטאַסטישקײַט, ווי געווײַנלעך אין א פּאָעטיש צויבערדיק מײַסעלע... שאָלעם־אַלייכעמס באַמערקונג, אַז דער סיפּער־האַמײַסע פון דער דערציילונג איז אַרויסגענומען פון אַן אַלטן פּינקעס און באַפּוצט, גיט שוין א סמאַך פאַר א נאָוואַטאָרישער סצענישער אופּאַסונג; פונדאַנען — די אידיי צו פאָרשטעלן דעם „פאַרקישעפטן שנײַדער" אין א פילפאַרביקער מוזיקאַלער פאָלקסשפּיל, ניט פאַרטויבנדיק דערבײַ די טיפע סאָציִאַלע מאָטיוון פון דער אינסצענירטער דערציילונג.

שוין גלײַך באַם אַרײַנקומען אין צושויער־זאַל דערפילסטו, אַז דיך דערוואַרט הײַנט אינגאַנצן אַן אַנדער באַגעגעניש מיטן דראַמאַטישן אַנסאַמבל, ווי ביז אַהער: די בינע איז אָן א פאָרהאַנג און די איינציקע דעקאָראַציעס אָף איר זײַנען — די שורע בענקלעך באַ דער זײַטיקער וואַנט פאַרן אָרקעסטער און די בונטע, פאַרביקע לײַוונטן אונטערן סופיט, וואָס שאַפן א שטימונג פון יאָמטעוודיקײַט.

עס באַווײַזן זיך די צוויי מיטבאַגלייטער און אויסטײַטשער פון די געשעענישן (די אַרטיסטן לייב טראַקטאָווענקאָ און מוישע שאַפּיראָ), וועלכע פאַרלאָזן אין מעשעך פון די ביידע אַקטן בלויז געציילטע מאָל און בלויז אַף געציילטע מינוטן די בינע, און וועמענס שליכעס עס באַשטייט דערין, זיי זאָלן מיט שאָלעם־אַלייכעמס וואָרט דערגאַנצן די האַנדלונג. אויב באַם צושויער רופט ניט אַרויס קיין באַזונדערע פאַרוווּנדערונג די בונטפאַרביקע קליידונג פון אָט די צוויי אויסטײַטשער, ווערט אָבער די זאַך קאָשע, ווען די עוויענטע אין זיבן פאָלעס ציפּע־ביילע־רייזע דערשײַנט אַף דער בינע אין דער זעלבער רײַכער בונטפאַרביקער קליידונג. און אַזוי זײַנען אָנגעטאָן אַלע אָנטיילנעמער. נאָר וואָס ווײַטער עס אַנטוויקלט זיך די האַנדלונג, אַלץ קלאָרער ווערט דער פאַרטראַכט פונעם רעזשיסער — באַווײַזן דעם גרויען נעכטן דורך דעם יאָמטעווודיקדערהויבענעם הײַנט. דער דאָזיקער פאַרטראַכט אַנטפּלעקט זיך ניט בלויז אין אָנטאָן אַפן גרויען דאַלעסדיקן נעכטן די יאָמטעוודיקע פילפאַרביקײַט. ער אַנטפּלעקט זיך אין דער שפּיל פון די אַקטיאָרן. די שוישפּילער דערשײַנען פאַר אונדז ניט נאָר ווי די פאַרקערפּערונג פון די געשטאַלטן, וועלכע זיי שאַפן, נאָר אויך ווי אונדזערע מיטצײַטלער, וואָס ווײַזן אַרויס זייער באַציִונג צו דעם, וואָס קומט פאָר אַף דער בינע.

דעם שליסל צום דאָזיקן רעזשיסערישן פאַרטראַכט טראָגן אונדז אונטער די צוויי שעליכים פונעם הײַנט, וואָס באַהאַלטן זיך אויס אונטער דער מאַסקע פון צוויי פּורימשפּילער, וועלכע דערמאָנען ערטערווײַז די צוויי באַדכאָנים פונעם באַוווּסטן גאָסעטישן ספּעקטאַקל „פריילעכס“. און ס׳איז ניט צופעליק. „דער פאַרקישעפטער שנײַדער“ איז אין פיל הינזיכטן קרויוויש דעם יאָמטעוודיקן פאָלקסטימלעכן „פריילעכס“, וואָס איז געקומען ווי אַ טרייסט נאָך די גרויזאַמע מילכאָמע־געשעענישן.

צווישן די צוויי שעליכים זײַנען ניטאָ קיין סטירעס אינעם צוגאַנג צום נעכטן, נאָר דאָס אַרויסבאַגלייטן דעם זלאָדייעווקער און קאָזאָדאָיעווקער נעכטן קומט פאָר באַ זיי פאַרשיידן. דעמלט, ווען איינער פון זיי, וועלכן עס שפּילט טעמפּעראַמענטפול שאַפּיראָ, איז אומבעראַכמאָנעסדיק האַרב, ער באַגלייט אַרויס דעם נעכטן מיט אַ מעכטיקן דזשינדזשען אין די צוויי מעשענע טאַצן, איז דער צווייטער שאָליעך אין דער אויספירונג פונעם באַגאַבטן טראַקטאָווענקאָ אַ מילדער. אַפילע אינעם שרויט פונעם פײַקל, מיט וועלכן ער העלפט נאָכאַנאַנד צו דעם האַרבן מיטבאַגלייטער זײַנעם צו פאַרטרײַבן דעם אומעט פונעם נעכטן, פילט זיך אויך אָט די באַכיינטע מילדקײַט. באַזונדערס דערפילן מיר עס אין זײַן זינגען צוזאַמען מיט זינאָווי קאַמינסקין שיר־האַשירים און ש. אַנ־סקיס „דער אָרעמער שנײַדער“, וואָס איז טיילווײַז געוואָרן דער מוזיקאַלער לייטמאָטיוו פונעם ספּעקטאַקל.

און דאָ שווימט גלײַך אויף אַ פראַגע: ווי פאָרט זיך אָט דאָס אַלץ מיטן אַרײַנלייגן פיר פינגער אין מויל און פאַרהילכן דעם צושויער־זאַל מיט אַ ווילדן פײַפן, וואָס ווערט דערבײַ באַגלייט מיט בריקען זיך און מיט וואָלוועלע כאָכמעס, ווי דאָס ווענדן זיך צום זאַל נאָך וואַלידאַל, ניטראָגליצערין, און אַנדערע „פערלען“?

ענלעכע פראַגן וועלן נאָך ניט איין מאָל אויפקומען באַם באַהאַנדלען דאָס אָדער יענץ געשטאַלט, די אָדער יענע סצענע און דעם ספּעקטאַקל אינגאַנצן גענומען.

אינעם אויבנאָן פון דער פאָרשטעלונג שטייט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, דער שנײַדער שימען־עליע שמאַ קוילײנו מיט זײַן שער־און־אײַזן, וועלכער איז אין אַ געוויסער מאָס דער פאָרגייער פונעם אַמכאָדיקן שימעלע סאָראָקער פונעם „גרויסן געווינס“. אין סאָציִאַלן זין איז שימען־עליע מער פאָרגעשריטענער פון שימעלען. אין קיין איין ווערק שאָלעם־אַלייכעמס ווערט ניט אַזוי קלאָר און דײַטלעך, ווי אין „פאַרקישעפטן שנײַדער“, אַרויסגעזאָגט דער פּראָטעסט פונעם אונטערדריקטן קעגן זײַנע אונטערדריקער. דער האָרעפּאַשניק שימען־עליע מיט זײַן אויסטײַטשן אַף אַן אייגענעם אויפן די פּסוקים, מיטן אויסטײַנען זיך זײַנעם מיט דער וועלט, שימען־עליע מיט זײַן טיפן גלויבן אין גערעכטיקײַט איז אין אַ געוויסער מאָס אויך אַ פאָרגייער פון טעוויען. און אַזאַ דערשײַנט ער פאַר אונדז אין דער פּרעכטיקער שפּיל פון זינאָווי קאַמינסקי.

שימען־עליע וואַקסט אויס באַ קאַמינסקין אין אַ געשטאַלט פון גרויסער פאַראַלגעמיינערונג. עכטע מײַסטערשאַפט פילן מיר אין דער שפּיל פון קאַמינסקין, אין דער באַציִונג זײַנער צום קינסטלערישן וואָרט, וואָס ווערט דורך אים דײַטלעך און מוזיקאַליש־אייגנאַרטיק אַרויסגעבראַכט, אין דער פּלאַסטישקײַט פון די באַוועגונגען, אַפילע אינעם אויפן פונעם זינגען (אַ שטים פאַרמאָגט זינאָווי קאַמינסקי אַ ליריש־רײַכע). אינעם לעצטן בילד פונעם ספּעקטאַקל אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז קאַמינסקי אויך ווי אַ טאַלאַנטפולער טראַגישער אַקטיאָר.

דאָס געשטאַלט פון שימען־עליעס ווײַב ציפּע־ביילע־רייזע פאַרקערפּערט גלענצנדיק ראָזע קורץ — אַן אַקטריסע מיט אַ שטאַרקן טעמפּעראַמענט און מיט אַ קלאָרער רײַכער אויסשפּראַך. ניט געקוקט אַף דעם שלאַל קלאָלעס, מיט וועלכע זי באַגראָבט צען מאָל אַ טאָג איר ברויטגעבער, ווערט דאָס געשטאַלט ניט פאַרוואַנדלט אין קיין שטייגערישס.

אינעם ספּעקטאַקל זײַנען אַרויסגעפירט נאָך דרײַ צענטראַלע פּערסאָנאַזשן: כאַיִם־כאָנע „דער קלוגער“, זײַן ווײַב טעמע־גיטל „די שטילשווײַגעווודיקע“ און דאָדיע דער אַרענדאַר.

כאַיִם־כאָנע דעם מעלאַמעד שפּילט כאַיִם ספּיוואַק. זײַן גאַנצער ווערטער־אויצער, מיט וועלכן ער לאָזט זיך הערן אין מעשעך פונעם אָוונט, באַשטייט פון קוים אַ צוויי צענדליק ווערטער. פאַר אַן עכטן קינסטלער איז עס אָבער גענוג אַף שאַפן אַ בוילעט געשטאַלט פונעם קליינשטעטלדיקן „פילאָסאָף“. אינעם אויסציילן די ווערטער: „ציג, ציג, ציג, עס ציגעט מיך שוין פון דעם אין קאָפּ, ציגעט מיך“, אַנטפּלעקט פאַר אונדז ספּיוואַק דעם פאַרקישעפטן קרײַז, אין וועלכן עס דרייען זיך אַרום די זלאָדייעווקער, מאַזעפּעווקער, יאַמפּאָלער, קאָזאָדאָיעווקער פאַרשווינען און פון וועלכן עס האָט זיך אײַנגעגעבן אַרויסצורײַסן זיך דערווײַל בלויז דעם צאַפּ.

צו וואָס אָבער איז נייטיק געווען אָנטאָן דעם



דער אַרטיסט ז. קאַמינסקי אין דער ראָל פון שימען-עליע (אינדערמיטן) און די צוויי אויסטײַטשער — מ. שאַפּיראָ (רעכטס) און ל. טראַקטאָווענקאָ

מעלאַמעד אין א לאַנגן טאַלעסקאָטן אָן ציצעס, מיט א ברעקל יאַרמלקע אַפן קאָפּ, וואָס גיט אים צו דעם אויסזען פון א קאַרדינאַל? די זעלבע פאַרכידעשטקײַט רופן אַרויס באַם צושויער די צוויי כיידער־יִינגלעך אין דער אויספילונג פון אירע גרינוואַלד און ליובע גאָריאַטשאָווע, וועלכע זײַנען אויך אָנגעטאָן „ווי קאַרדינאַלן" און, לערנענדיק א בלאַט געמאָרע, מאַכן זיי מיט די קערפּערס די זעלבע האַווײַעס, וואָס באַם טאַנצן בוגי-ווּגי.

מיט איין ניט-באַרעכטיקטן פיר מיטן פּענדזל קאָן מען, צומאָל, קאַליע מאַכן דאָס בעסטע בילד, מיינענדיק דערבײַ, אַז דאָס איז מאָדערניזם. אינעם „פאַרקישעפטן שנײַדער", ווי מיר זעען, שטויסן מיר זיך ניט איין מאָל אָן אַף ענלעכס.

צו די געלונגענע געשטאַלטן געהערט, בעלי-סאָפעק, טעמע-גיטל „די שטילשווײַגעוודיקע" אין דער אויספילונג פון דער אייגנאַרטיקער אַרטיסטקע נעכאַמע סיראָטינאַ.

גרויס דערווידערונג רופט אַרויס דאָס געשטאַלט פונעם אַרענדאַר דאָדיע, וועלכן עס שפּילט זאַלמען מיימאַן. פאַרוואַנדלען דעם דאָזיקן אין טאָך גענומען פּאָלקסמענטשן אין א גאַזלען, וועלכער האַלט אין איין קריצן מיט די ציין, טופּען מיט די פיס, דראָען מיט די פויסטן, פּײַפן, אַרײַנלייגנדיק אויך פיר פינגער אין מויל, רעווען לויטן נוסעך פון פּראָווינציִעלע טראַגיקער — האָ-האָ-האָ! — און שרײַען דערבײַ: „נעקאָמע, נעקאָמע, נעקאָמע" (אין וועמען, אין שימען-עליען?) — הייסט ניט נאָר פאַרקריפּלען דאָס דאָזיקע ווונדערלעכע שאָלעם-אַלייכעם-געשטאַלט, נאָר אין א געוויסן הינזיכט אויך די סאָציִאַלע מאָטיוון פונעם ספּעקטאַקל. הײַנט די קליידונג דאָדיעס: פּורפּור-רויט, ווי בא אַן עכטן גאַזלען. דערצו נאָך ווערן אין שאָלעם-אַלייכעמס וווּנדערלעכן טעקסט אַרײַנגעמישט אַזעלכע „פּערל", ווי „אַראַגווי", „פּראָשו", „יורא, ופּעריאָד".

בא שאָלעם-אַלייכעמען איז דאָדיע דער אַרענדאַר אַרויסגעפירט ווי א ליבער, גאַסטפרײַנטלעכער פּאָלקסמענטש, ניט געקוקט דערויף, וואָס ער פאַרמאָגט עטלעכע קי. עמעס, שימען-עליע שעמט זיך א ביסל מיט אים, דעם פאַרגרעבטן דאָרפישן קאָרעוו, וועלכער ווייסט ניט דעם כילעק צווישן א סידער און א מאַכזער, און דאָס איז דאָך די סיבע, וואָס ער פאַרפירט דעם שפּאַס מיטן פאַרבײַטן די ציג אַף א צאַפּ (אָנלערנען שימען-עליען פאַר זײַן אויספּײַנען זיך קעגן אים מיט קענען די קליינע אויסיִעלעך).

איבערן פאַרקריפּלען דאָס געשטאַלט פון דאָדיען דעם אַרענדאַר ווערט שימען-עליעס פּראָטעסט קעגן דעם סאָציִאַלן אומרעכט, קעגן דעם פאַרקישעפטן קרײַז פון נויט און דערנידערונג פאַרוואַנדלט שיר ניט אין א „נעקאָמע-מילכאָמע" צווישן דאָדיען, שימען-עליען און כאַיִם-כאָנען, וועלכע שיידט זיך, אין טאָך, ניט אונטער פון דער „נעקאָמע-מילכאָמע" צווישן איוואַן איוואַנאָוויטשן און איוואַן ניקיפאָראָוויטשן אין גאָגאָלס באַוווּסטער דערציילונג. אָבער ניט דאָס איז דאָך אויסן געווען צו באַווײַזן שאָלעם-אַלייכעם. בא אים גייט אָן, ווי מיר ווייסן, גאָר אַן אַנדער קריג.

ס'ווילט זיך גלייבן, אַז אין דער ווײַטערדיקער אַרבעט איבער דער דאָזיקער ראָל וועט דער אָנגעזעענער בינע-מײַסטער זאַלמען מיימאַן אומקערן דאָדיען דאָס שאָלעם-אַלייכעמדיקע.

אינעם ספּעקטאַקל, ווי ס'איז שוין געווען געזאָגט, זײַנען פאַראַן ניט ווייניק רעזשיסערישע אײַנפאַלן. צו זיי געהערט, בעלי-סאָפעק, דער אײַנפאַל מיטן אַרײַנפירן אין דער האַנדלונג אַלס אָנטיילנעמער די ציג און דעם צאַפּ.

די ראָל פון דער ציג שפּילט דער לאַורעאַט פונעם אַלרוסלענדישן קאָנקורס פּאָלינע אײַנבינדער. ס'איז קיין סאָפעק ניט, אַז פון אָט דער רײַך-באַגאַבטער קינסטלערן קאָנען מיר זייער פיל דערוואַרטן אי ווי פון א דראַמאַטישער אַקטריסע, וואָס איז באַשאָנקען מיט א באַזונדערער אומיטלבאַרקײַט און כיינעוודיקײַט, אי ווי פון א זינגערן. אײַנבינדער פאַרמאָגט א וווּנדערלעכע שטים, און יעדע ליד, וואָס זי זינגט אינעם ספּעקטאַקל, באַווײַזנדיק, וואָס דאָס ווײַסינקע ציגעלע קען, רופט אַרויס אין צושויער-זאַל לאַנגדויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן.

צום באַדויערן, פאַרקלאַפּט דער אָרקעסטער דאָס ניט איבעריק הילכיקע געזאַנג פונעם צאַפּ, וועלכן עס שפּילט לעבעדיק און גראַציִעז מאַרק גייכמאַן.

אײַנפאַלעריש איז אויך דער כאָלעם מיט דער שאַבעסדיקער קאַפּאָטע, וואָס איז צונויפגעשטוקעוועט פון די זעלבע פאַרשיידנקאָליריקע לײַוונטן, ווי די לאַטעס פון שימען-עליעס הויזן, און דער כאָלעם מיט די טאַנצנדיקע פּעסלעך מילך.

ווען איך זאָל געווען שרײַבן א געוויינלעכע רעצענזיע, איז נאָכדעם ווי איך וואָלט אָנגעוויזן, אַז געהילף-רעזשיסער פונעם ספּעקטאַקל איז סאָניע ביניק, קינסטלער — גריגאָרי פּערקעל, באַלעטמייסטער דאָוויד פּלאָטקין, מוזיקאַלישער לייטער — יעווגעני ראָכלין, וואָלט איך פאַרענדיקט די רעצענזיע דערמיט, אַז ניט געקוקט אַף די אַלע בלויזן, איז „דער פאַרקישעפטער שנײַדער" א באַדײַטנדיקע

שעפערישע דערגרייכונג פונעם טאלאנטפולן אנסאמבל און אז די פאָרשטעלונג, וואָס איז זייער וואַרעם אופגענומען געוואָרן פונעם צושויער, וועט אַף לאַנג און מיט רעכט זיך פאַרהיטן אין זײַן רעפּערטואַר.

נאָר ווי געזאָגט, איז „דער פּאַרקישעפטער שנײַדער" אין א געוויסער הינזיכט א פּראָגראַם־ספּעקטאַקל, א באַשטימטער קערפּונקט אינעם שעפערישן וועג פונעם דראַמאַטישן קאָלעקטיוו, און אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם איז נייטיק א מער ברייטערער שמועס. אייגנטלעך, איז פאַר אַזאַ שמועס שוין לאַנג געקומען די צײַט. מיר האָבן דאָך צו טאָן ניט מיט קיין פאָלקס־טעאַטער, ווו אונדזערע פאָדערונגען זײַנען אַנדערע, נאָר מיט א קאָלעקטיוו פון פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן, ביפּראַט, אַז דער קאָלעקטיוו איז שוין אינעם צווייטן יאָרצענדליק פון זײַן עקזיסטענץ.

יאָ, דער דאָזיקער שמועס האָט געדאַרפט פאָרקומען א סאַך פריִער, ווען ס'איז געוואָרן אָנשווילעך קלאָר, אַז דער אַנסאַמבל האָט זיך געלאָזט גיין מיט אַן אַלטן אויסגעטראָטענעם וועג, פון וועלכן ס'האָבן זיך זײַנערצײַט שוין געהאַט אָפּגעזאָגט אַפילע די אַמאָליקע וואַנדער־טרופּעס. עס גייט ניט אַזוי אין דעם, צי מע האָט געדאַרפט אָדער ניט געדאַרפט שטעלן „די קישעפמאַכערן" און „איבערן אָקעאַן" (איך פּערזענלעך האַלט, אַז די ביידע פּיעסן האָבן פרײַ געמעגט אָפּטרעטן זייער אָרט די מער נעענטערע צו אונדזער צײַט דראַמאַטישע שאַפונגען), עס גייט אין דער סצענישער אופאַסונג. סײַ „די קישעפמאַכערן", סײַ „איבערן אָקעאַן" זײַנען געשטעלט געוואָרן, ווי מע האָט זיי געשפּילט אַן ערעך אין גאָלדפאַדענס און גאָרדינס צײַטן. דעם צושויער האָבן די דאָזיקע צוויי ספּעקטאַקלען גאַנץ פאַרכאַפּן ניט מיט דער טראַדיציאָנעלער שטעלונג, נאָר מיט דער שפּיל פון די טאַלאַנטפולע אַקטיאָרן, בעראָש מיטן וועטעראַן פון דער ייִדישער בינע, דעם גרויסן מײַסטער בעניאָמין שוואַרצער.

די „דרײַ פּינטעלעך" איז געווען דער ערשטער פּרוּוו אָפּצוגיין פון אָט דעם פּרוכטלאָזן און אָפּגעפרעגטן וועג, נאָר ניט יעדער פּרוּוו, ווי באַוווּסט, גיט זיך גלײַך אײַן.

און אָט איז געמאַכט געוואָרן א צווייטער פּרוּוו — דאָס מאָל א מער געלונגענער.

מיט דער נײַער פאָרשטעלונג האָט דער דראַמאַטישער אַנסאַמבל ווי געמאָלדן, אַז ער איז ענדלעך אָפּגעגאַנגען פונעם טראַדיציאָנעלן וועג און זיך געלאָזט מיטן וועג פון זוכן און עקספּערימענטירן. און דאָ ווילט זיך וואָרענען דעם טאַלאַנטפולן קאָלעקטיוו און זײַן באַגאַבטן רעזשיסער פון א באַשטימטער געפאַר, וואָס דראָעט אויפן דאָזיקן וועג און וואָס לאָזט זיך ערטערווײַז פילן אינעם „פאַרקישעפטן שנײַדער". שעפערישע ירושה הייסט ניט מעכאַניש קאָפּירן. שעפעריש אַסימילירן אין זיך די רײַכע ירושה פונעם „גאָסעט" הייסט ניט אין אַלץ אים בלינד נאָכפאָלגן, אײַנשליסנדיק אויך די קינדהײַט זײַנע, פון וועלכער דער „גאָסעט" האָט זיך נאָכדעם אַליין אָפּגעזאָגט, שטרעבנדיק צו ווערן א טעאַטער פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם.

אינעם „פאַרקישעפטן שנײַדער" שטויסן מיר זיך אָן אויף אייניקע סצענעס, וואָס וואָרענען וועגן אַזאַ געפאַר. זי לאָזט זיך פילן שוין אינעם סאַמע אָנהייב, אינעם ערשטן בילד, ווען דער גאַנצער אַנסאַמבל, אָנגעטאָן אין ווײַסן, ווי די חסידים אין די קיטלען אינעם „דריטן פּינטעלע" „א נאַכט באַם רעבן", זינגען מיט היסלײַוועס דעם זעלבן חסידישן ניגון. א טייל בילדער קאָפּירן דעם „צענטן געבאָט", „די קישעפמאַכערן", „פריילעכס". ניט אַלע אַקטיאָרן האָבן זיך שוין באַפרײַט פונעם פאַרהאַמעוועטן אַרויסברענגען די ווערטער, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער קינדהײַט פונעם „גאָסעט". נאָר דאָס, וואָס דער מאָסקווער ייִדישער דראַמאַטישער אַנסאַמבל האָט זיך א קער געטאָן צו דער רײַכער סצענישער ירושה, וועלכע עס האָט אים איבערגעלאָזט דער „גאָסעט", איז א ביז גאָר דערפרייענדיקע דערשײַנונג. דאָס באַטײַט, אַז עס וועט אויך פאָרקומען אַן ענדערונג אין רעפּערטואַר. דער ייִדישער סאָוועטישער צושויער גאַרט שוין פון לאַנג צו דערזען אויף דער בינע זײַנע מיטצײַטלער.

מיט דער פאָרשטעלונג פונעם „פאַרקישעפטן שנײַדער", וועלכע איז אַזוי וואַרעם אופגענומען געוואָרן פונעם צושויער, האָט דער אַנסאַמבל באַוויזן, אַז ער איז א קרעפטיקער שעפערישער קאָלעקטיוו, און דער וועג פון זוכן און עקספּערימענטירן, מיט וועלכן ער גייט איצט, וועט אים זיכער ברענגען צו נײַע אידייִש־קינסטלערישע הייכן.



צו אונדזער
קינסטלערישער
בײַלאַגע

יִסראָעל קאָוועלמאַן

על.יעזער ליסיצקיס י.דישע גראַפיק

עלִיעזער ליסיצקי איז פון יענער פלעיאַדע בארימטע קינסטלער, צו וועלכע עס געהערן נאַטאַן אלטמאַן, יוסעף טשײַקאָוו, יִסאָסכער־בער ריבאַק, מארק שאגאל, שלוימע יודאָווין און אנד. אלע האָבן זיי אין אָנהייב פונעם יאָרהונדערט אָנגעהויבן זוכן אַן אייגנאַרטיקן וועג אין דער קונסט. דאָס איז געווען א צײַט, ווען סײַ אין רוסלאַנד, סײַ אין אייניקע מײַרעוו־אייראָפּעִישע לענדער איז מען געווען פארכאַפט מיט דער פאָלקס־קונסט. אויך די דערמאָנטע קינסטלער האָבן דאָס כאַראַקטעריסטישע פאָלקסטימלעכע געזוכט און געפונען אין די באַפּוצונגען פון די באָטעמעדראָשים, אין די אויפשריפטן אף מאַצייוועס, אין דער אויספורעמונג פון שטייגער־כפייצים. זיי האָבן אויך געזוכט אָריגינעלן שריפט און אָרנאַמענטן אין יִדישע ביכער, אַלטערטימלעכע קסאוויאַדן און דאָקומענטן.

פיל אופמערקזאַמקײַט האָבן די דאָזיקע מאָלער געשענקט דעם פּייזאַזש פונעם יִדישן שטעטל.

עליִעזער ליסיצקי איז געבוירן געוואָרן דעם 10 נאָיאַבער 1890 אין א קליין שטעטעלע — פּאָטשינאָק, סמאָלענסקער געגנט. שפּעטער זײַנען די עלטערן זײַנע אַריבערגעפאָרן קיין וויטעבסק. דאָס פּייִקע יִינגל האָבן זיי אוועקגעשיקט צום זיידן קיין סמאָלענסק זיך לערנען אין דער דאָרטיקער רעאַל־שול.

נאָך אין די פריִע קינדער־יאָרן האָט זיך ליסיצקי אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט קונסט. בײַס די זומער־קאַניקולן פלעגט ער קומען אַהיים קיין וויטעבסק. דאָרט האָט ער באַזוכט יעהודע פּעַנס סטודיע. טאַקע דאָ, אין דער סטודיע, האָט ער זיך באַפרײַנדעט מיט פּענס טאַלאַנטפולע טאַלמידים: מארק שאַגאַלן, קאַזימיר מאַליעוויטשן, יוסעף צאַדקינען — די קינפטיקע וועלט־באַרימטע קינסטלער.

נאָכן פאַרענדיקן די רעאַל־שול האָט ליסיצקי אָפּגעגעבן עקזאַמענעס אין דער פּעטערבורגער קונסט־אַקאַדעמיע. ער איז אָבער ניט אָנגענומען געוואָרן. אין 1909 פאָרט ער אַוועק קיין דײַטשלאַנד, ווו ער קומט אָן אין דער דאַרמשטאַדטער טעכנישער שול אפן אַרכיטעקטור־פאַקולטעט, וועלכע ער פאַרענדיקט אין 1914.

אין דער צײַט פון די קאַניקולן באַזוכט ער אייניקע שטעט פון אייראָפּע. אין דער דײַטשישער שטאָט וואָרמס מאַכן אף אים א גרויסן אײַנדרוק דער אוראַלטער בעסמעדרעש — א דענקמאָל פונעם XIII יה. — און די מאַצייוועס פונעם באַרימטן אַלטערטימלעכן בעסוילעם.

קעדיי האָבן די רעכט צו פּראַקטיקירן אין רוס־

עליִעזער ליסיצקי (ערשטער פון לינקס) און מארק שאגאל (דריטער) צווישן די מיטאַרבעטער פון דער וויטעבסקער קונסט־שול (1919)

לאנד אלס ארכיטעקטאָר, האָט ליסיצקי געדארפט אָפּגעבן עקזאמענעס אין ריגער פּאָליטעכנישן אינ־סטיטוט.

א געוויסע צײַט האָט ער מיטגעארבעט מיט די ארכיטעקטאָרן וועליקאָווסקי און קליין. אינײנעם מיטן קינסטלער ריבאק מאכט ער א רײַזע קיין מאָלעוו און דרוע. א באריכט וועגן אָט דער רײַזע מיט צייכענונגען פון די אינערלעכע געמעלן אין די אוראלטע באַטעמעדראָשים, מיט וועלכע אָט די שטעט זײַנען געווען בארימט, האָט ער פארעפנט־לעכט אין דער העברעיִשער צײַטשריפט „רימון” (1923).

אין אָנהייב פון די צוואנציקער יאָרן פארנעמט זיך ליסיצקי אויסשליסלעך מיט ייִדישער גראפיק. ער באטייליקט זיך אקטיוו אין די קונסט־אויסשטע־לונגען פון יענער צײַט.

אין די יאָרן 1922 — 1925 האָט ליסיצקי געלעבט אין אויסלאנד. אומקערנדיק זיך קיין רוסלאנד, באַ־זעצט ער זיך אין מאָסקווע און באשעפטיקט זיך הויפּטזאכלעך מיט קונסטקענטעניש, מיט ארכיטעק־טור, מיט קינסטלערישער פּאָליגראפיע און פאָטאָ־גראפיע. אין אָט די אלע געביטן איז ער געווען דערפינדעריש און נאָוואטאָריש.

עליעזער ליסיצקי איז געווען רעדאקטאָר פון די זשורנאלן וועגן קונסט און ארכיטעקטור — («Вещь» אין 1922 און «АСНОВА»[1] אין 1926). ער האָט ארויסגעגעבן אלבאָמען מיט ליטאָגראפישע געמעלן. לויט זײַנע פּראָיעקטן זײַנען געמאכט געוואָרן די אינטעריערן און עקספּאָזיציעס פון דער אלפארבאנ־דישער פּאָליגראפישער אויסשטעלונג אין מאָסקווע אין 1927 און פון א ריי סאָוועטישע פּאַוויליאָנען אף צווישנפעלקערלעכע אויסשטעלונגען: פון אוויִאציע — אין פאריזש, פון פּאָליגראפיע — אין קעלן, פון פיל־מען און פאָטאָ — אין שטוטהארט. ער האָט זיך באַטיי־ליקט אין אויספורעמען אזעלכע זשורנאלן ווי «СССР на стройке», און געשריבן פלאקאטן.

ליסיצקיס קינסטלערישע יערושע אין געביט פון ייִדישער גראפיק איז ניט קיין גרויסע, זי פארנעמט אָבער א באדײַטנדיק אָרט אדאנק איר אייגנארטי־קער מאניר. מערסטנטייל איז זײַן שאפונג פארבונדן מיט סוזשעטן פון מײַסעלעך. פריִער פאר אלץ דארף אָפּגעמערקט ווערן די אָריגינעלע אויספורעמונג פון מוישע בראָדערזאָנס פּאָעמע „סיכאס־כולן” (וואָכע־דיקע רייד), וואָס איז אָנגעשריבן לויטן סוזשעט פון א פּראָגער לעגענדע. ליסיצקיס צייכענונגען האר־מאָנירן מיטן טעקסט און זײַנען אָרגאניש פארבונדן מיטן אווטאָרס פארטראכט. אפן שארבלאט זעען מיר דעם פּאָעט, דעם מאָלער, דעם סויפער און דעם העלד פון דער לעגענדע — יוינע.

אָריגינעל און אינטערעסאנט האָט ליסיצקי אויס־געפורעמט דאָס מײַסעלע „כאדגאדיע”, וואָס איז ארויסגעגעבן געוואָרן אף א ליטאָגראפישן אויפן. באזונדערע עקזעמפּליארן האָט דער קינסטלער אליין געמאָלט מיט פארשיידענע פארבן, דער טעקסט צו די צען בילדלעך איז געגעבן אף אראמעיִש (די שפראך פונעם אָריגינאל) און אין דער איבערזעצונג אף ייִדיש.

אין דער טרעטיאקאָווער גאלעריי געפינט זיך אן אנדער (ווײַזט אויס, א פריִיקער) ווואריִאנט פון לי־סיצקיס אילוסטראציעס צו אָט דעם מײַסעלע. יעדע צייכענונג ווערט באגלייט מיט א טעקסט, געשריבן פון דער האנט, אין א פרײַער איבערזעצונג אף ייִדיש פון אן אומבאוווּסטן איבערזעצער.

ליסיצקיס מײַסטערשאפט איז באזונדערס צו זען אין דער אויספורעמונג פון מאני לייבס מײַסעלע „ייִנגל־צינגל־כוואט”. דאָס איז געווען דאָס ערשטע בוך פאר קינדער, וואָס האָט פארמאָגט אזעלכע הויך־קינסטלערישע אילוסטראציעס. דער נאָמען פו־נעם בוך איז אפן שארבלאט אָנגעשריבן אין צוויי פאראלעלע שורעס, אין וועלכע עס ווערן אויסגע־טיילט די אלציינע בוכשטאבן.

ע. ליסיצקי אין זײַן אטעליע (1919)


ע. ליסיצקיס צייכענונגס־בויגן פון מוישע בראָדער־זאָנס פּאָעמע „סיכאס־כולן”

אָט דעם אויפן פון אילוסטרירן האָט ליסיצקי ניט איין מאָל אָנגעווענדט אויך אין זײַן ארבעט איבער שארבלעטער און פלאקאטן מיט טעקסטן אין רוסיש און אף אנדערע שפראכן. די שורעס פלעגט ער צעשטעלן ניט נאָר פאראלעל, נאָר אין פאר־שיידענע ריכטונגען, טיילמאָל פלעגן זיך בא אים די שורעס איבערקרייצן.

מיט גרויס געשמאק האָט ליסיצקי אילוסטרירט די „ווײַסרוסישע פאָלקס־מײַסעס” און די „אוקראיִני־שע פאָלקס־מײַסעס” אין לייב קוויטקאָס איבערזע־צונג. ער האָט אויך אילוסטרירט כאיִם־נאכמען ביאליקס „שלוימע האמעלעך” און בענציִען ראסקינס „ארבעה תישים” („ארבאָהא טאיאָשים” — „פיר באָקן”).

[1] «Ассоциация новых архитекторов» — „אסאָציִאציע פון נײַע ארכיטעקטאָרן”.

עס זײַנען אויך באוווסט ליסיצקיס אילוסטראַציעס צו יידישע קינדער־ביכער: בענציען ראסקינס — „דער בער“, „א הון, וואָס האָט געוואָלט האָבן א קאם“, „דער מילנער, די מילנערן און די מילשטיינער“; צו יאנקעוו פיכמאנס — „שאבעס אין וואלד“; צו צאַדעק דאַלגאָפאָלסקיס פיעסע פאר קינדער „דעם זיידנס קלאָלעס“.

אין יענער צײַט זײַנען געווען פּאָפּולער פארלאג־מארקעס. ליסיצקי האָט געשאפן מארקעס פון די פארלאגן: „קיעווער פארלאג“, „יידישער פאָלקס־פארלאג“ און פונעם רוסישן פארלאג «Геликон». ער האָט אויך געמאָלט די טאָוולען און די שארבלע־טער פון דעם קאטאלאָג צו דער קונסט־אויסשטעלונג, וואָס עס האָט אָרגאניזירט די „יידישע געזעל־שאפט צו שטיצן קונסט“; צו לידער מיט נאָטן, וואָס עס האָט ארויסגעגעבן די „געזעלשאפט פון יידישער מוזיק“.

זײַנע געמעלן, וועלכע פארמאָגן נאציאָנאלע מאָ־טיוון און דריקן בוילעט אויס דעם אינדיווידועלן אייגנארט פונעם קינסטלער, קאָן מען דערקענען אפילע אָן אן אונטערשריפט פונעם אווטאָר.

ס'איז קעדײַ אָפּצומערקן, אז די אויסגאבעס מיט ליסיצקיס צייכענונגען זײַנען וויניק באקאנט, ווײַל זיי זײַנען דערשינען אין קליינע טיראזשן אין דער שווערער צײַט פון בירגערקריג.

ליסיצקי איז געשטאָרבן אין מאָסקווע אין דעקא־בער 1941 אין עלטער פון 51 יאָר.

כראָניק

די געשיכטע פון יידן אין יוגאָסלאוויע

די פעדעראציע פון די יידישע געמיינדעס אין יוגאָסלאוויע האָט ארויסגעגעבן אן אלמאנאך „סבאָר־ניק“ („זאמלונג“), געווידמעט דער געשיכטע פונעם יידישן יישעוו אין דעם דאָזיקן לאנד. דעם ארײַנפיר צו דער זאמלונג האָט אָנגעשריבן דער פאָרזיצער פון דער פעדעראציע לאוואָסלאוו קא־וועלבורג.

א צווייט בוך, וואָס איז דער־שינען אינעם פארלאג פון דער פעדעראציע, הייסט „דער יידי־שער בעסוילעם אין ספליט“. דאָס בוך איז אילוסטרירט מיט 700 פאָטאָגראַפיעס פון אלטע און אר־ראלטע מאציייוועס.

מוזיק פון אן אמעריקאנער קאָמפּאָזיטאָר אף די טעקסטן פון סאָוועטישע יידישע דיכטער

דער יידישער מוזיקער און די־ריגענט אלבערט ביטער, וועלכער לעבט אין לאָס־אנדזשעלעס, האָט געשאפן א ציקל זינגלידער אף די טעקסטן פון סאָוועטישע יידי־שע דיכטער.

דער קאָמפּאָזיטאָר האָט אײַנגעשלאָסן אין ציקל יויסעף קאָט־ליארס „שפּיל, דאָווידל, שפּיל“, איציק פעפערס „איך זע אײַך בא פלאַמען פון שטערן“, ארן ווער־געליסעס „א טרער“ און „א קאַ־ראהאָד“, שיקע דריזס „באמבוק־שטעקעלע“, „דעם זיידנס ניגן“ און „א הויכער, שטארקער בוים“, איטשע באָרוכאָוויטשעס „אין אייביקײַט פון עמעס“, דאָרע כײַ־קינעס „כ'דארף קיין גליק קיין פרעמדס ניט האָבן“ אא.

די זינגלידער ווערן אויסגעפילט אין אייניקע פאָלקס־כאָרן, מיט וועלכע דער קאָמפּאָזיטאָר פירט אָן.

■ ■ ■

נ. ריכטער

אין סטירע צו די פאקטן פונעם לעבעדיקן לעבן

די פּאָליטישע דאָקטרינע פונעם ציוניזם, אַז די ייִדן קאָנען זיך ניט צוזאַמענלעבן מיט די אַנדערע פעלקער און בעכיין מוזן זיי, די ייִדן, מאַסנווײַז עמיגרירן קיין פּאַלעסטינע, ווו זיי וועלן זײַן אַליין, אָן שכיינים, — דאָס איז אַ געמיינער שווינדל.

די איבערוואַנדערונג קיין פּאַלעסטינע האָט פאַר די אַרבעטנדיקע ייִדן זיך טאָמיד געענדיקט דערמיט, וואָס זיי האָבן געמוזט האָרעווען מיט ביטערן שווייס, קעדיי פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט. „בזעת אפיך תאכל לחם" — מיטן שווייס פון פּאָנעם זאָלסטו עסן דײַן ברויט, — האָט גאָט געזאָגט צו אָדאָמען, ווען ער האָט אים אַרויסגעטריבן פון גאַניידן. אַזוי קומט שטענדיק פאָר מיט די האָרעפּאַשנע ייִדן, וועלכע לאָזן זיך פירן דורך די ציוניסטן פאַר דער נאָז און נעמען אָן פאַר ערנסט די אויסגעפּאַנטאַזירטע אַליִע. די אַליִע האָט שטענדיק געבראַכט צו שווערע מאָראַלישע ניסיוינעס און צו אַכזערישע פאָרמען פון עקספּלואַטאַציע. טעאָדאָר הערצל, דער גרינדער פונעם ציוניזם, האָט געהאַלטן, אַז קיין ערעץ-ייִסראָעל דאַרפן פריִער פאַר אַלעמען פאָרן די אָרעמע ייִדן, ווײַל זיי וועט מען קאָנען צווינגען צו טאָן שווערע פיזישע אַרבעט.

איינער פון די אידעאָלאָגן פונעם ציוניזם ל. פּינסקער האָט באַהויפּט, אַז עס איז אוממעגלעך צו לייזן די ייִדן-פראַגע אין די ראַמען פון דעם קלאַסנקאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט. „די ייִדן זײַנען צווישן די פעלקער, ווו זיי לעבן, פאַקטיש אַ פרעמדער עלעמענט", — האָט ער געשריבן.

וולאַדימיר איליטש לענין האָט באַוויזן די פאַלשקײַט פונעם טעזיס פון די ציוניסטן וועגן דעם ספּעציפישן כאַראַקטער פונעם ייִדישן פאָלק. די ציוניסטן טײַנען: „קאָל ייִסראָעל כאַווײרים" — ניטאָ בײַ ייִדן קיין קלאַסן-אונטערשיידן, ייִדן זײַנען אייניק אין זייערע אינטערעסן. דער ציל פון אַזעלכע בקירעס איז, — האָט געזאָגט לענין, — אָפּרײַסן די ייִדן פונעם קלאַסנקאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט קעגן דער בורזשואַזיע. דער ציוניזם טראָגט אַרײַן אין דער אַרבעטער-באַוועגונג אָפּגעפרעמדטקײַט און אָפּגעזונדערטקײַט, ניט קיין אייניקײַט, ער קעמפט דערפאַר, אַז אין דער טעטיקײַט פון די אַרבעטער פון פאַרשיידענע נאַציעס זאָל יעדע נאַציע „פּראַווען שאַבעס פאַר זיך".

פּראָפּאַגאַנדירנדיק דעם טעזיס „אַטאָ בעכאַרטאָנו", אַז די ייִדן זײַנען, קלוימערשט, אָן אויסדערוויילט פאָלק, פאַרשטאַרקט דער ציוניזם די „געטאָ-שטימונגען" פון די ייִדן, זייער איזאָליאַציע פון די אַנדערע פעלקער און שטעלט אויף אַ כינעזישע וואַנט צווישן די ייִדישע אַרבעטסלײַט און די אַרבעטנדיקע פון די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן.

די ייִדישע אַרבעטנדיקע האָבן קיינמאָל ניט אונטערגעהאַלטן די ציוניסטישע אידיי וועגן אַליִע צום באַרג ציאָן — קיין פּאַלעסטינע. עס איז אַ פאַקט, אַז אין 1935, ווען די באַפעלקערונג פון פּאַלעסטינע האָט באַטראָפן אָנדערהאַלבן מיליאָן מענטשן, איז די צאָל ייִדן צווישן זיי געווען סאַכאַקל 443 טויזנט.

דער הײַנטיקער ציוניזם טרוימט אַראָפּצוברענגען קיין ייִסראָעל אַלע 15 מיליאָן ייִדן פון דער וועלט און פאַרוואַנדלען די מעדינע אין אַ גאַניידן פאַר די אימפּעריִאַליסטן, פאַר די מיליאָנערן און מיליאַרדערן, ווו זיי וועלן קאָנען פרײַ מאַכן גרויסע געשעפטן. אויף דער קאָנפערענץ פון די ציוניסטן מיליאָנערן און מיליאַרדערן, וועלכע איז אין יוני 1969 פאָרגעקומען אין יערושאָלאַיִם, האָט דער הויפּט פון דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע וויליאַם קאַרטער געזאָגט דעם קאָרעספּאָנדענט פון דער צײַטונג „לאָס-אַנדזשעלעס טײַמס": „ייִסראָעל איז גרייט אויסצושפּרייטן אַ ריזיקן רויטן טעפּיך פאַר יעדן אינוועסטיטאָר, וואָס וויל אַרײַנלייגן געלט אין די נײַע אונטערנעמונגען. דאָס איז קוידעמקאָל שײַעך צו יענע, וואָס האָבן בעדייע צו טאָן דאָס אין די „נײַע ראַיאָנען". מיטן אויסדרוק „נײַע ראַיאָנען" ווערן געמיינט די אָקופּירטע אַראַבישע טעריטאָריעס".

די אידעאָלאָגן פונעם ציוניזם קריכן פון דער הויט, קעדיי צו דערווײַזן, אַז די ייִדן פון אַלע לענדער זײַנען „ענג פאַרבונדן" מיטן ציוניזם. אַלע ייִדן פון דער וועלט, באַהויפּטן זיי, ניט בלויז די

ייִדן פון ייִסראָעל, דארפן וויסן, אז די אינטערעסן פונעם ציִעניזם שטייען אפן ערשטן אָרט. דער געוועזענער פאָרזיצער פון דער „ייִדישער אגענץ" א. פינקוס האָט אין פעווראל 1970 געזאָגט אין זײַן ארויסטרעטונג אף דער דערעפענונג פונעם ציִעניסטישן גענעראל־ראט:

„מיר ווילן, אז דאָס ייִדישע פאָלק זאָל האלטן דעם שווערן קאמף פון ייִסראָעל פאר זײַן קאמף. דערמיט ווערט געמיינט ניט בלויז פינאנציִעלע שטיצע, נאָר אויך אבסאָליוטע גרייטקײַט צו אויספילן יעטווידע פאָדערונג פון ייִסראָעל... דאָס באטײַט — קעמפן פאר די פאָליטישע אינטערעסן פון ייִסראָעל, אויב אפילע אזא קאמף איז אין ווידערשפרוך מיט די אינטערעסן פונעם לאנד, ווו די ייִדן וווינען".

די ציטירטע ווערטער זײַנען א פראָוואָקאציִאָנעלער רוף צו די ייִדן פון גאָר דער וועלט, אן אָפענע רעכילעס אף הונדערטער טויזנטער ערלעכע ייִדישע האָרעפאשניקעס. דאָס איז א בעפיירעשער פרווו צו שאפן קינסטלעך אן אטמאָספער פון אנטיסעמיטיזם אין די לענדער, ווו די ייִדן לעבן און ארבעטן (די ציִעניסטישע לידערס אליין זאָגן דאָך: „אנטיסעמיטיזם איז דער בעסטער פארבינדעטער פונעם ציִעניזם").

די בורזשואז־נאציִאָנאליסטישע אידעאָלאָגיע פונעם ציִעניזם איז אויסגעשפראָכענער אנטיסאָוועטיזם. דער מאָקער פון אנטיסאָוועטיזם איז, ווי באוווסט, — קלאסן־האס צו דער ערשטער אין דער וועלט סאָציִאליסטישער מעלוכע, וועלכע האָט פראקטיש באוויזן דעם וועג, וויִאזוי צו לייזן די „ייִדן־פראגע" ניט אפן ציִעניסטישן אויפן, נאָר אפן יעסאָד פון דער פאקטישער גלײַכהײַט פון אלע נאציעס און פעלקערשאפטן.

די ציִעניסטישע לידערס שטייט ווי א ביין אין האלדז דער פאקט, וואָס די העכער צוויי מיליאָן סאָוועטישע ייִדן זײַנען ניט מאסקים מיטן ציִעניזם, צוזאמען מיט די אנדערע פעלקער ארבעטן זיי ערלעך און פלײַסיק אף אלע באצירקן פון דער קאָמוניסטישער בויונג.

אויסרעכענענדיק אף נאִיווע מענטשן, האָבן די ציִעניסטן פארשפרייט קלאנגען, אז אין ייִסראָעל „לעבט זיך, ווי אין א גאניידן", דאָרט האָבן אלע „גלײַכע מעגלעכקײַטן", „אָרעם און רײַך זײַנען גלײַך". אף דעם סמאך האָבן זיי פאנאנדערגעוויקלט א קאמפאניע, אז די סאָוועטישע ייִדן דארפן פאָרן קיין ייִסראָעל, וואָס איז „זייער ייִדיש היימלאנד". גלײַכצײַטיק האָבן די ציִעניסטן געשטרעבט צו שאפן שוועריקײַטן אינעם סאָציִאליסטישן לאגער, פארשפרייטנדיק דאָרט צווישן די ייִדן נאציִאָנאליסטישן טשאד און עמיגראנטישע שטימונגען.

וואָס איז דערפון ארויסגעקומען?

לאָמיר אינקורצן דערציילן וועגן אייניקע געוועזענע סאָוועטישע ייִדן, וואָס האָבן זיך געלאָזט פאקן אף דער וועגטקע.

ווער געדענקט ניט דעם פאָפולערן זינגער מיכאִיל אלעקסאנדראָוויטש, וואָס אף זײַנע קאָנצערטן פלעגט זײַן שווער צו קריגן א בילעט. ער איז איינער פון די ערשטע פארנארט געוואָרן דורך די ציִעניסטן. איצט איז ער א פאָשעטער כאזן אין א ראמאטגאנער בעסמעדרעש, וועגן ברייטער ארטיסטישער טעטיקײַט קאָן ער אין ייִסראָעל אפילע ניט טרוימען.

דער זינגער מ. מאגיד און דער סאָליסט־וואָקאליסט רײַצין זיצן אָן ארבעט. דאָס זעלבע דער געוועזענער רעזשיסער פון דער מאָסקווער שעפערישער פאררייניקונג „עקראן" י. אָלשאנעצקי, וואָס איז מיט צוויי יאָר צוריק געקומען קיין ייִסראָעל.

דער געוועזענער קינאָ־רעזשיסער מ. קאליק, וועלכער האָט אין סאָוועטנפארבאנד געשטעלט דעם פילם „דער מענטש גייט נאָך דער זון", האָט אין ייִסראָעל געמאכט א פרווו צו צונויפשטוקעווען א סטודיע פון געוועזענע סאָוועטישע קינאָ־טוער. אָבער פונעם פרווו האָט זיך אויסגעלאָזט א בוידעם. אויסגאנגסלאָז און טראגיש איז געווען אין דער מעדינע דער גוירל פון אזעלכע טוער פון דער ייִדישער בינע, ווי מוישע גאָלדבלאט, דאניִעל פינקעלקראוט, וועלכע זײַנען אוועק פון דער וועלט גלײַך נאָכן ערשטן צוזאמענשטויס מיט דער ייִסראָעלדיקער ווירקלעכקײַט.

אין ייִסראָעל דערשײַנט א צײַטונג אף רוסיש מיטן נאָמען „טריבונא". אָט וואָס מיר לייענען דאָרט אין איינער א מיטיילונג: „דער אוילע פון סאָוועטנפארבאנד מיכאָעל האָלצמאן, 51 יאָר אלט, וואָס איז געקומען אין דער מעדינע מיט עטלעכע כאדאָשים צוריק, האָט צוזאמען מיט זײַן פרוי זיך אופגעהאנגען אין זײַן דירע, וועלכע ער האָט פארנומען אינעם צענטער פון אבסאָרבציע אין דימאָן".

און פון א צווייטער מיטיילונג דערוויסן מיר זיך: „אין ראמאט־גאן אין א כאָרעווער צוזאמענוווינונג האָט, ניט קענענדיק אויסהאלטן די ארומלויפעניש נאָך ארבעט און די שווערע לעבנס־באדינגונגען, זיך אופגעהאנגען די געוועזענע מאָסקווער אײַנוווינערן מאניע ספעקטאָר. זעלבסטמאָרד איז באגאנגען אויך דער געוועזענער ווילנער אײַנוווינער לעאָניד כאָנעס".

אזעלכע יעדיִעס קאָן מען אין דער ייִסראָעל־פרעסע באגעגענען ניט ווייניק.

טרויעריק זײַנען אויך די בריוו, וועלכע הערן ניט אוף צו אָנקומען פון דער מעדינע.

יעווגעני קאראמזין שרײַבט צום אינזשעניער־מעכאניקער דאָוויד קאץ:

„אָט דעם בריוו מײַנעם מעגסטו ווײַזן אלעמען. איך האָב אזעלכע בריוו אָנגעשריבן ניט ווייניקער ווי צען, איך האָב שוין באקומען ענטפערס מיט דאנקען. פאָרן אהער הייסט זיך אליין פארמישפעטן צום טויט. דער אומגליק איז, וואָס די רעגירונג אליין איז דאָ קעגן אונדז. די גאנצע פראָפאגאנדע איז געווען ניט מער, ווי א מיִעסע פאָליטישע שפיל אף אונדזערע ביינער. איצט איז שוין די שפיל מער ניט נייטיק, און וואָס שײַעך אונדז, זײַנען מיר סײַ פריִער, סײַ איצט געווען דאָ די פינפטע ראָד אין וואָגן.

גענארערײַ און פאלשקײַט — דאָס זײַנען די מעטאָדן פון זייער סיסטעם. די גערימטע פרעסעפרײַהײַט איז ניט פאר די רוסן (געמיינט — ניט פאר די ייִדן, וועלכע זײַנען געקומען פון סאָוועטנפארבאנד)"...

די רעכטע גרופירונג פון ייִסראָעל לעבט איצט איבער א שארפן פאָליטישן קריזיס, אזא, וואָס זי

די מלחמה, די רעאקציאָנערע פּאָליטיק פון די רעגירנדיקע קרײַזן — א שווערע פּלאָג פאר דעם פאָלק פון ייִשׂראָעל און פון די אנדערע לענדער אין מיטעלן מיזרעך

(לויט די מאטעריאלן פון דער ייִשׂראעלדיקער פרעסע)

...ייִיִן אין תל־אביב

פון יענע בלוטיקע טעג, א בילד פון נאָך דער ישׂראלדיקער באָמבאַרדירונג | „טיימס": ליגקס — אין מעלות; רעכטס אין צירה, א געהרגעטע קינד.

נאָך די רעזאָנאַנץ־באָמבאַרדירונגען איז דער שטאָט צידון אין לבנון איינעם פון די אַרבעטער־קוואַרטאַלן אויף

עלטערן אויפן פרישן קבר פון איינער פון די קורבנות

פרי הבאושים של מדיניות נפסדת

מלחמות, אנעקטיע, צוריקצוג ...

לעצטע נייעס

די נעגאַטיווע דערש
אין ווירטשאַפטלעכן

די חובות פון מדינת ישראל וואַקסן,
דער האַנדלס־דעפיציט וואַקסט,
דער יקרות וואַקסט...

ווידער א מגיפה פון
שטרייקן

פאַרכאַפּט דירות
אין שכונת התקוה

דער לוין פון דער מער־
הייט אַרבעטס - קראַפט
איז נידעריק

די פרייזן שטייגן, די [illegible] ווערן [illegible]; די שטייערן ווערן [illegible]
דעם אַרבעטער הייסט מען אָבער אַרבעטן מער [illegible] און איינציען דעם
די רווחים וואַקסן אָבער...

דער נגיד פון באַנק ישראל:

דער לעבנס־סטאַנדאַרט דאַרף אַראָפּגענידערט ווערן מיט 10 פּראָצ...

דער נגיד פון בנק ישראל, ה' משה ,אונדזער ...

אָרעמשאַפט אין ייִשראָעל

ייִשראָעל־אַרבעטער פּראָטעסטירן קעגן יאַקרעס־אַפּענסיע

אויף וועמענס חשבון

1,854 ישראלים טויט אין מלחמה

30 יונגע פּאָרלעך האָבן פאַרכאַפּט דירות

האָט ניט איבערגעלעבט פאַר דער גאַנצער צײַט, זינט עס עקזיסטירט די מעדינע.

„די צײַט אַרבעט ניט פאַר ייִסראָעל" — אַזאַ איז די איינמוטיקע מיינונג פון אַ סאַך פּאָליטישע איבערזיכטלער.

די ייִסראָעל־פּרעסע אַליין אַליאַרמירט, אַז די עליִע־טעמפּן פאַלן און די אויסוואַנדערונג פון ייִסראָעל ווערט גרעסער. די צײַטונג „מאַאַריוו" שרײַבט: „די אַנטוישונג פון די עוילים, וועלכע שרײַבן זיך דורך מיט זייערע קרויווים אין פּסר, שוואַכט אָפּ דעם ווילן פון די קאַנדידאַטן צו עליִע און איז אַפילע גוירעם דערצו, אַז ייִדן, וואָס באַווײַזן אַרויסצופאָרן, באַנוצן זייער אַרויספאָר־וויזע אָף צו עמיגרירן אין די פאַרייניקטע שטאַטן, אָדער זיי בלײַבן אין אייראָפּע".

לויטן אויפטראָג פון דער טעל־אַוויווער צײַטונג „האַאַרעץ" האָט דער וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישער אינסטיטוט „פּאָרי" שטודירט די געזעלשאַפטלעכע מיינונג פון לאַנד. דער אינסטיטוט האָט פעסטגעשטעלט, אַז 6,5 פּראָצ. פון די אויסגעפאָרשטע ווילן פאַרלאָזן ייִסראָעל און העכער 5 פּראָצ. טראַכטן ערנסט וועגן דער פראַגע. צווישן די יונגע מענטשן פון 18 ביז 29 יאָר האָבן העכער 20 פּראָצ. אויסגעדריקט דעם פאַרלאַנג צו עמיגרירן.

די סטאַטיסטישע ביוראָ פון ייִסראָעל טיילט מיט, אַז 16 פּראָצ. פון די 37 טויזנט עוילים, וועלכע זײַנען געקומען קיין ייִסראָעל אין 1970, האָבן שוין פאַרלאָזט דאָס לאַנד.

דער אַגרעסיווער קורס פון די עקסטרעמיסטן, זייערע פּאָדערונגען, אַז די טעריטאָריעס, וועלכע זײַנען אָקופּירט געוואָרן באַ די שכייניש אַראַבישע מעלוכעס, זאָלן אָף שטענדיק פאַרבלײַבן באַ ייִסראָעל, ווערט פאַרורטיילט דורך אַלע פעלקער פון דער וועלט, דערונטער אויך דורך די פרידנסליבנדיקע קרעפטן פון דער מעדינע.

דער גענעראַל־סעקרעטאַר פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ייִסראָעל מייער ווילנער האָט געזאָגט אין זײַן אינטערוויו דעם קאָרעספּאָנדענט פון „פּראַוודאַ": „די ביטערע דערפאַרונג פון דער מילכאָמע: טויזנטער פאַריאָסעמטע פאַמיליעס, שפּיטאָלן, פול מיט פאַרווונדעטע, שטענדיקע שרעק פאַר אַ נײַער בלוט־פאַרגיסונג, — דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן אַ כוואַליע פון צאָרן און פּראָטעסטן קעגן דעם קורס פון דער רעגירונג, וואָס איר אָפיציעלע פּראָפּאַגאַנדע פירט אַרײַן אין אַ טאָעס די עפנטלעכקייט פון ייִסראָעל".

די ציִוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט ניט בלויז אָפּגענאַרט דאָס פאָלק פון ייִסראָעל, נאָר אויך פאַרפירט אַ טייל פון די ניט־שטאַנדהאַפטיקע ייִדן פון סאָוועטנפאַרבאַנד, וועלכע זײַנען אַוועקגעפאָרן קיין ייִסראָעל. איצט איז פאַר זיי געקומען די צײַט פון ביטערער אַנטוישונג.

ווי מיר זעען, שטימען די פאַלשע ציִוניסטישע כקירעס לאַכלוטן ניט מיט די פאַקטן פונעם לעבעדיקן לעבן.

כראָניק

ביראָבידזשאַנער נײַס

טוריסטישע מאַרשרוטן

דער ביראָבידזשאַנער געגנטלעכער ראַט פון די פּראָפאַריינען האָט געשאַפן אַ ספּעציעלע עקסקורסיע־ביוראָ, ווו מע קאָן אײַנשאַפן טוריסטישע פּוטיאָווקעס לויט פאַרשיידענע מאַרשרוטן: קיין מאָסקווע און לענינגראַד, אין די בײַבאַלטישע רעפּובליקן, מאָלדאַוויע, אוקראַיִנע, קאַווקאַז, מיטל־אַזיע און אין אַנדערע קאַנטן פונעם לאַנד.

אַן אינטערעסאַנטע איז די רײַזע מיטן צוג, וואָס טראָגט דעם נאָמען „אַ בליק אָף כאַבאַראָווסק". די ביראָבידזשאַנער טוריסטן באַקאַנען זיך מיט די מערקווירדיקע ערטער פון דער ווײַט־מיזרעכדיקער הויפּטשטאָט, באַזוכן דאָרט מוזייען, דעם פּלאַנעטאַרי, די טעאַטערן, דעם צירק און מאַכן דורך אַ שפּאַציר איבערן אַמור.

די ביבליאָטעק פון אַ טײַגע־יישעוו

מער פון 200 לייענער האָבן זיך באַטייליקט אין דער לייענער־קאָנפערענץ, וואָס איז לעצטנס פאָרגעקומען אין דער ביבליאָטעק פונעם יישעוו כינגאַנסק. אָף דער קאָנפערענץ איז באַהאַנדלט געוואָרן די זאַמלונג „אָף די ברעגן פון בירע און בידזשאַן", וועלכע איז דערשינען צום פּערציקסטן יוויול פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט.

די ביבליאָטעק פונעם יישעוו כינגאַנסק פאַרמאָגט אַ פאָנד פון 20 טויזנט ביכער.

דער נאָוואָסיבירסקער מעלוכע־טעאַטער אין ביראָבידזשאַן

אין ביראָבידזשאַן האָט גאַסטראָלירט איינער פון די עלטסטע טעאַטערן פון סיביר — דער נאָוואָסיבירסקער אָרדנטרעגערישער מעלוכע־טעאַטער „רויטער פאַקעל".

דער טעאַטער האָט באַוויזן פאַר די צושויער פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט פיר ספּעקטאַקלען פון זײַן רעפּערטואַר: „דער ווענעציאַנער צווילינג" און „די באַלעבאָסטע פונעם אײַנפאָר־הויז" פון ק. גאָלדאָני, „מיס פייפער פירט די אויספאָרשונג" פון ד. פּאַפּלועל און „לאָמיר אַ שמועס טאָן וועגן די קאַפּריזן פון דער ליבע" פון וו. פּאַנאָווע.

די צײַטונגען „ביראָבידזשאַנער שטערן" און „ביראָבידזשאַנסקאַיאַ זוועזדאַ" האָבן געווידמעט די פאָרשטעלונגען פונעם טעאַטער אויספירלעכע רעצענזיעס.

איר צעטלען און פראגעס
פון אונזערע לייענער

לעאָנעל דאדיִאני

דער קלעריקאַליזם אין ייִסראָעל

מיר, סאָוועטישע ייִדן, זײַנען געווױנט דערצו, אַז רעליגיע און מעלוכע האָבן צווישן זיך קיין שום געמיינזאַמס ניט. מיר זײַנען געוווּנט פּאַשעט איבעראַשט, לייענענדיק אין דער פּרעסע, אַז בײַם דעם לעצטן רעגירונגס־קריזיס אין ייִסראָעל זײַנען די רעליגיִעזע פּאַרטייען אַרויסגעטראָטן מיט כוצפּעדיקע פאָדערונגען, מע זאָל אָננעמען אַ מיטלאַלטערלעכן געזעץ, ווער עס קאָן אין ייִסראָעל פאַרעכנט ווערן אַלס ייִד.

מיר בעטן אײַך דערקלערן געננוי וועגן דער ראָליע פונעם יודאַיִזם אין ייִסראָעל — וואָס פאַר אַן אָרט ער פאַרנעמט אינעם דאָרטיקן מעלוכע־לעבן.

מ. גורעוויטש, א. יאַקנעהאָז
און אַנד. סאַמאַרקאַנד.

די רעגירונגס־קרײַזן פון ייִסראָעל טוען אַלץ, קעדיי צו פאַרשטאַרקן דעם בונד צווישן דער רע־ליגיע און דעם ציִעניזם. אַזאַ ענגער בונד האָט זיך אײַנגעשטעלט נאָך אין די ערשטע יאָרן פון דער ציִעניסטישער באַוועגונג, ער איז דערנאָך אויסגע־פרוּווט געוואָרן אין דער פּראַקטיק אין די יאָרן פונעם בריטישן מאַנדאַט אויף פאַלעסטינע. איצט איז ער דערהויבן ביז דער מאַדרייגע פון אַ גרונט־קריטעריִ באַם פעסטשטעלן די „ייִדישקײַט“ פון דער מעלוכע ייִסראָעל, די נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקײַט פון די ייִדן.

דער יודאַיִזם, דער ראַבינאַט און די קלעריקאַלע פּאַרטייען שפּילן אינעם הײַנטיקן ייִסראָעל אַ ביז גאָר וויכטיקע ראָליע. דער ציִעניזם איז אָנערקענט אַלס הויפּט־מיטל צו „אומקערן“ אַ מאַקסימאַלע צאָל ייִדן אין שויס פון יודאַיִזם, פאַרפעסטיקן דעם אוי־טאָריטעט און די פּאָזיציעס פון דער רעליגיע און פונעם ראַבינאַט. דער ציִעניזם, פון זײַן זײַט, נוצט אַקטיוו אויס די דאָגמאַטן פונעם יודאַיִזם און דעם קלעריקאַלן אַפּאַראַט, קעדיי באַרעכטיקן און „קאַ־שערן“ זײַן נאַציאָנאַליסטישע, אַגרעסיווע פּאָליטיק און פאַרשטאַרקן זײַן אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע הערשאַפט איבער דער באַפעלקערונג פונעם לאַנד.

די אַמעריקאַנער בורזשואַזע וואָכנשריפט „ניוסוּיִק“ שרײַבט: „האַגאַם ייִסראָעל איז פאָרמעל ניט קיין טעאָקראַטיע, טרעט אָבער דער יודאַיִזם אַרויס אַלס אַ מעלוכע־רעליגיע און דער אײַנפלוס פון זײַנע קלייקווידעש פאַרשפּרייט זיך ווײַט אויסער די ראַמען פונעם בעסמעדרעש“.

אין ייִסראָעל זײַנען אָפיציִעל אָנערקענט בלויז דער אָרטאָדאָקסאַלער און כאַסידישער[1] יודאַיִזם, דה. די סאַמע קאָנסערוואַטיווע, רעאַקציאָנערע פאָרמען. אין דער מעדינע ווערט ניט דערלאָזן אפילע דער קאָנסערוואַטיווער און רעפאָרמיסטישער יודאַיִזם. די קלענסטע אָפּווײַכונג פון די דאָגמאַטן פון דער אָר־טאָדאָקסאַלער רעליגיע רופט אַרויס שאַרפסטע אָנ־פאַלן מיצאַד די ראַבאָנים און צאַדיקים, אויך מיצאַד די קלעריקאַלע פּאַרטייען.

די רעגירונג־קרײַזן נוצן אויס די רעליגיע אַלס אינסטרומענט אויף צו פאַרפינצטערן די מויכעס באַ אַ היפּשן טייל פון דער באַפעלקערונג, צעצינדן דעם שאָוויניזם, דעם מיליטאַריסטישן פּסיכאָז. איי־נער אַ פּובליציסט פון קליינבירגערלעכן שניט, נ. ווײַנשטאָק, שרײַבט אין זײַן בוך „דער ציִעניזם קעגן ייִסראָעל“: „די ציִעניסטישע פּראַזעאָלאָגיע בלײַבט הענגען אין דער לופט, ווען זי פאַרופט זיך ניט אויף דער רעליגיע. נעמט אַוועק די באַגריפן „אַטאָ־בעכאַרטאָנו“, „ערעץ זאָוואַס כאָלאָוו אודוואָש“, און פונעם ציִעניסטישן פונדאַמענט וועט גאָרנישט ניט בלײַבן“. די אידעאָלאָגן פונעם ציִעניסטישן קלעריקאַליזם פריידיקן, אַז די מעלוכע ייִסראָעל איז אויפגעקומען אין רעזולטאַט פון דעם, וואָס יעהאָווא

---

[1] כאַסידיזם — אַ רעליגיִעזע מיסטישע שיטע, אויפגעקומען אין דער ערשטער העלפט פונעם XVIII יאָרהונדערט. די כסידים האָבן געשאַפן זייער זעלבּ־שטענדיקע שול (כסידישע שטיבלעך), בעראָש פון איר שטייען די צאַדיקים (ראַבײַים).

האָט זיך דירעקט אַרײַנגעמישט אינעם לעבן פֿונעם הײַנטיקן ייִדנטום.

דעם בורזשואזן קלעריקאַליזם באַמקען אונטער די לידערס פֿונעם אַזויגערופֿענעם ציִעניסטישן סאָציאַליזם. אָט וואָס עס האָט זײַנערצײַט געזאָגט בען־גוריאָן: „וועגן דעם, אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק זאָל בלײַבן לעבן און עס זאָל געשאַפֿן ווערן די ייִדישע מעלוכע, האָבן זיך געזאָרגט די נעוויִים...". „די ייִדישע נאַציע און די רעליגיע, — האָט געזאָגט גאָלדע מעיִר, — זײַנען ניט אָפּצוטיילן איינס פֿונעם צווייטן".

דער ראַבינאַט, פֿון זײַן זײַט, נוצט אויס די טעאָריע און פּראַקטיק פֿונעם פּאָליטישן ציִעניזם, סיסטעמאַטיש פֿאַרברייטערנדיק זײַן אײַנפֿלוס און פֿאַרשטאַרקנדיק זײַנע פּאָזיציעס אין אַלע לעבנס־געביטן פֿון ייִשׂראל.

אָנהייבנדיק פֿון יוני 1963 גייען אַרײַן אינעם הויפּט־ראַבינאַט (מע רופֿט אים אויך וואַאַד האַראַבאָנים) צוויי ראַוו־האַקוילעלס און צען אַנדערע ראַבאָנים. דער דאָזיקער אָרגאַן ווערט אויסגעוויילט דורך א קאָלעגיע פֿון 125 מענטשן, אין דער מערהײַט ראַבאָנים (די וואָלן קומען שטענדיק פֿאָר אין אַן אַטמאָספֿער פֿון פֿאַרביטערטן קאַמף צווישן פֿאַרשיידענע גרופּירונגען). דער וואַאַד האַראַבאָנים באַזיצט ברייטע רעכט פֿון קאָנטראָל איבער דער טעטיקײַט פֿון די אָרטיקע רעליגיעזע געריכטן.

די יודאיִשע קעהילע אין ייִשׂראל מיט צוויי ראַוו־האַקוילעלס בעראָש (איינער — פֿאַר די אַשקענאַזים, דה. פֿאַר די ייִדן, וואָס שטאַמען פֿון אייראָפּע און אַמעריקע, דער צווייטער — פֿאַר די מיזרעך־ייִדן, אָדער „שוואַרצע ייִדן", וועלכע זײַנען געקומען פֿון די אַפֿריקאַנישע און אַזיִאַטישע לענדער) האָט 185 אָרטיקע רעליגיעזע מוניציפּאַליטעטן. 45 פּראָצ. פֿון זייערע מיטגלידער ווערן באַשטימט פֿונעם מיניסטעריום פֿאַר רעליגיעזע איניאָנים, 45 פּראָצ. — פֿון די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען און 10 פּראָצ. — פֿון די אָרטיקע ראַבאָנים. די הויצאָעס פֿון די רעליגיעזע מוניציפּאַליטעטן ווערן געדעקט אַף אַזאַ אופֿן: צוויי דריטל אַפֿן כעזשבן פֿון די אָרטיקע מעלוכע־אָרגאַנען און איין דריטל — מיצאַד דעם מיניסטעריום פֿאַר רעליגיעזע איניאָנים. אין 380 קליינע יישווים, וווּ קיין מוניציפּאַלע אָרגאַנען זײַנען ניטאָ, איז פֿאַראַן א וואַאַד (א רעליגיעזער קאָמיטעט), און זײַנע הויצאָעס ווערן אויך אין גרונט געדעקט דורכן אָנגערופֿענעם מיניסטעריום.

אין לאַנד איז פֿאַראַן א גרויסע צאָל באַטעמעדראָשים און טפֿילע־הײַזער (אין 1966 זײַנען געווען אַרום 5 טויזנט, אין 1969 — 6 טויזנט; אין אַווגוסט 1972 האָט דער רעליגיע־מיניסטער ז. וואַרהאַפֿטיק דערקלערט, אַז מע טרעט צו צו בויען נאָך 51 באַטעמעדראָשים).

די מיטגלידער פֿונעם הויפּט־ראַבינאַט און 650 ראַבאָנים ווערן אויסגעהאַלטן דורך דער מעלוכע, די אָרטיקע ראַבאָנים — דורך די רעליגיעזע מוניציפּאַליטעטן. 365 ראַבאָנים זײַנען באַטיטלט מיט א הויכן ראַנג. זיי (און ניט די ציווילע אָרגאַנען) זײַנען באַפֿולמעכטיקט צו רעגיסטרירן און אויספֿורעמען כאַסנעס, געטן, געבורטן אאַז. די ראַבאָנים גיבן אויפֿמערקזאַם אַכטונג, אַז אין גאַנצן לאַנד זאָל מען אָפּהיטן קאַשרעס, מע זאָל ניט מעכאַלעל־שאַבעס זײַן. שאַבעס אַרבעט ניט אין גאַנצן לאַנד, אויסער כײַפֿע, דער געזעלשאַפֿטלעכער טראַנספּאָרט. די רעליגיעזע אָבסקוראַנטן פֿאָדערן אײַנגעשפּאַרט, אַז מע זאָל פֿאַרבאָטן צו פֿאַלמעסן אַפֿילע צוליב מעדיציניש צילן.

אין דער ייִשׂראל־אַרמיי עקזיסטירן אָפֿיציעל מיליטערישע ראַבאָנים. יעדער מיליטער־טייל האָט זײַן בעסמעדרעש. ווען א סאָלדאַט ווערט אַנגענומען אין דער אַרמיי, באַקומט ער, צוגלײַך מיטן געווער, אויך א סידער און א כומעש. די ראַבאָנים טוען אַלץ, קעדיי דערציִען די סאָלדאַטן און אָפֿיצערן פֿון דער ייִשׂראל־אַרמיי אין גײַסט פֿון ראַסיסטישן שאָוויניזם און מיליטאַריזם.

האַגאַם די צאָל פֿרומע ייִדן אין ייִשׂראל באַטרעפֿן ניט מער ווי 25 — 35 פּראָצ. פֿון דער באַפֿעלקערונג, דערלאָזט ניט דער הויפּט־ראַבינאַט אַפֿילע די סאַמע באַשיידענע רעפֿאָרמעס אין פֿראַגן וועגן דעם אָרט פֿון רעליגיע אין דער מעדינע, ער פֿאַרפֿליכטעט שטרענג אָפּצוהיטן אַלע קאַנאָנען. רעליגיעזע יאָמטויווים אין ייִשׂראל זײַנען אין דער זעלבער צײַט אויך מעלוכישע יאָמטויווים.

דער ראַבינאַט איז ניט בלויז דער זײַל פֿון דער אינערלעכער רעאַקציע, נאָר אויך אַן אַקטיווער אָנהענגער פֿון דער עקספּאַנסיאָניסטישער אויסערן־פּאָליטיק. דער געוועזענער ראַוו־האַקוילעל פֿון דער אַרמיי, דער בריגאַדע־גענעראַל פֿון פֿאַראַשוט־ און דעסאַנט־מיליטער ש. גאָרען[1], האָט נאָך דער „זעקסטאָגיקער מילכאָמע" געײַלט צו אײַנשטעלן מיט די אייגענע הענט די ייִשׂראל־פֿאָן אויפֿן באַרג סיני. דעם 15 יוני 1967 האָבן אַלע ראַבאָנים מיספּאַלעל געווען צו גאָט, אַז די דעראָבערטע אַראַבישע טעריטאָריעס זאָלן בלײַבן אַף שטענדיק בא ייִשׂראל. אַף די קורסן פֿון רעליגיעזער בילדונג (אָדער פֿון „ייִדישער דערציִונג"), וועלכע זײַנען די סאַמע מאַסנהאַפֿטע פֿאָרם פֿון ציִעניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, איז פֿאַרבאָטן צו דערמאָנען אַפֿילע וועגן דער מעגלעכקײַט, אַז ייִשׂראל זאָל אַמאָל דאַרפֿן אוועקגיין פֿון די אָקופּירטע אַראַבישע טעריטאָריעס.

די געריכטן פֿונעם ראַבינאַט, וועלכע זײַנען געגרינדעט געוואָרן אין העסקעם מיטן געזעץ פֿון 26 אַווגוסט 1953, האַלטן זיך בא דער האַלאַכע־סיסטעם, דה. בא דער טוירע־שעבעאַלפּע — בא די סאַמע אַרכאַישע און אינערטע נאָרמעס: ניט־ייִדן (אויך פֿרויען) האָבן ניט קיין רעכט אַרויסצוטרעטן אַלס איידעס אין די דאָזיקע געריכטן.

דער באַשלוס פֿונעם אויבער־געריכט פֿונעם ראַבינאַט, וואָס בעראָש פֿון אים שטייען ביידע ראַוו־האַקוילעלס, איז אַן ענדגילטיקער און קאָן ניט אָנגעקלאָגט ווערן אינעם אויבער־געריכט פֿון דער מעלוכע. פֿאַר ניט אויספֿילן די באַשלוסן פֿון די רעליגיעזע געריכטן (אַזעלכע זײַנען אין דער מעדינע פֿאַראַן 19) קאָן מען אַרײַנגעזעצט ווערן אין טפֿיסע. וויִאַזוי די קלעריקאַלן פּאַסן צו צו די הײַנטיקע באַדינגונגען די רעליגיעזע און יורידישע פֿאַרשריפֿטן

---

1 אין אָקטיאַבער 1972 האָט די קעהילע פֿון די אַשקענאַזים אויסגעוויילט גאָרענען אַלס איר ראַוו־האַקוילעל.

פונעם אורעלטער, איז צו זען, לעמאָשל, פונעם יורידישן סטאַטוס פון די פרויען. לויט די געזעצן פון ייִסראָעל קאָן א פרוי ניט ארויסטרעטן אלס איידעס אינעם געריכט פון דער ערשטער אינסטאַנץ. אַן אלמאָנע, וואָס האָט ניט קיין קינדער, מוז לויטן געזעץ וועגן הייראַט און געט, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין 1953, כאַסענע האָבן מיטן ברודער פון איר פארשטאָרבענעם מאַן (אויב ער האָט ניט קיין פרוי). אויב ער איז נאָך א מינדעריאָריקער, דאַרף די אלמאָנע ווארטן, ביז ער וועט אלט ווערן דרײַצן יאָר. אָן דער דערלויבעניש פונעם ברודער פונעם פארשטאָרבענעם מאַן טאָר זי א צווייט מאָל ניט כאַסענע האָבן (זי מוז פריִער נעמען כליצע). ווען מאַן און ווײַב געטן זיך, פארלירט די פרוי די מוטערשאפט־רעכט אַף אירע זין, ווען זיי ווערן אלט זעקס יאָר. אויב דער מאַן איז פארפאלן געוואָרן בא טראַגישע אומשטענדן, אפילע אַף מילכאָמע, ווערט די פרוי געהאַלטן פאַר אַזאַ, וואָס דער מאַן האָט זי געוואָרפן, און זי טאָר מער ניט כאַסענע האָבן. אויב די פרוי ווערט פארפאלן אָן יעדיִעס, מעג דער מאַן כאַסענע האָבן אפסנײַ. קעדיי באַקומען א געט, דאַרף די פרוי ווענדן זיך צום געריכט פונעם ראַבינאַט מיט דער ביטע, מע זאָל אײַנריידן איר מאַן, ער זאָל זי „דורכטרײַבן”. א פרוי האָט קיין רעכט ניט צו געטן זיך מיט א פסיכיש קראַנקן מאַן, דער מאַן אָבער, אויב די פרוי איז פסיכיש קראַנק, מעג באַגיין זיך מיט איר, ווי ער פארשטייט. א פארהייראַטע פרוי האָט רעכט אַפן פארמעגן, וואָס איז געווען אירס ביז דער כאַסענע, אָבער אויב מע געט זיך, גייט דאָס גאַנצע פארמעגן, וואָס איז זיי צוגעקומען פאַר די יאָרן פון זייער צוזאַמענלעבן, אריבער צום מאַן.

ווי מיר זעען, זײַנען אין די געריכטן פון ייִסראָעל אײַנגעפירט אַזעלכע נאָרמעס, לויט וועלכע די פרוי ווערט באַטראַכט אלס א ניט־פולוווערטיקער מענטש. אין דער פּראַקטיק ברענגען אָט די נאָרמעס גאַנץ אָפט צו קאַזוסן, וועלכע טראָגן א בעעמעס טראַגישן כאַראַקטער. מיר ווען דאָס איליוסטרירן מיט א בײַשפיל. זומער 1971 האָט דער געריכט פונעם ראַבינאַט פארבאָטן צוויי ברידער — סאָלדאַטן פון דער ייִסראָעל־אַרמיי — צו כאַסענע האָבן מיט זייערע קאַלעס. דער מאָטיוו: די ברידער זײַנען „ניט קיין פולוווערטיקע ייִדן”, זיי זײַנען מאַמזיירים. אלס מאַמזיירים זײַנען זיי דערקלערט געוואָרן דערפאַר, ווײַל זייער מאַמע, באַקומענדיק בעשײַטע א מיטיילונג, אַז איר מאַן איז געשטאָרבן, האָט כאַסענע געהאַט א צווייט מאָל; איר נײַער מאַן איז דאָס דער טאַטע פון די צוויי ברידער; שפּעטער אָבער האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז די מיטיילונג וועגן דעם טויט פונעם ערשטן מאַן איז געווען א טאָעסדיקע, און דער געריכט האָט באַשולדיקט די פרוי, אַז זי האָט געלעבט מיט צוויי מענער, וואָס עס באַטײַט, אַז אירע קינדער זײַנען מאַמזיירים, „ניט קיין פולבאַרעכטיקטע ייִדן”. א באָכער א מאַמזער מעג כאַסענע האָבן נאָר מיט א מיידל א מאַמזערעס. כאַסענע האָבן מיט מיידלעך, וועלכע זײַנען „פולבאַרעכטיקטע ייִדן”, איז אים פארבאָטן. דער ראָוו קאָן דערלויבן די מאַמזיירים (דערבײַ נאָר די מאַנצבלען) כאַסענע האָבן מיט גאַסן־מיידלעך אָדער מיט שיקסעס, וועלכע ווילן זיך מעגײַער זײַן. די קינדער פון די מאַמזיירים זײַנען אויך מאַמזיירים ביזן צענטן דאָר.

„בא צענדליקער טויזנטער ייִדן פון דער רעפאָרמאַטאָרישער ייִדישער קעהילע אין אַמעריקע, — שרײַבט דער זשורנאַל „נוּוועל אָבסערוואַטער”, — (און צו דער דאָזיקער קעהילע געהערן אין אַמעריקע א מיליאָן ייִדן), וועלכע האָבן כאַסענע געהאַט צום צווייטן מאָל (נאָכן געטן זיך באַם רעפאָרמאַטאָרישן ראָוו), זײַנען די קינדער מאַמזיירים”. אין אַזאַ לאַגע געפינען זיך אויך די ייִדן, וועלכע האָבן אימיגרירט פון פססר, ווו זינט דער רעוואָליוציע פון 1917 עקזיסטירט פּראַקטיש ביכלאַל ניט קיין רעליגיִעזער געט. געמישטע כאַסענעס ווערן גערעכנט פאַר ניט גילטיקע. די קינדער, וועלכע ווערן געבוירן פון אַזעלכע כאַסענעס, זײַנען מאַמזיירים. צו די געזינדן פון געמישטע כאַסענעס פעסטיקט מען צו א לערער און א ראָוו. די ניט־ייִדישע פרויען דאַרפן דערלערנען איווריט און די געזעצן פון יודאַיִזם. דערנאָך עקזאַמענירט מען זיי. ערשט דעמאָלט מעגן זיי זיך מעגײַער זײַן. קאָלזמאַן זיי זײַנען זיך ניט מעגײַער, זײַנען זיי פּאַקטיש ניט קיין ייִסראָעל־בירגער און האָבן ניט די רעכט פון א פרוי און א מוטער. כאַסענעס צווישן ייִדן און אַראַבער קוואַליפיצירן די ציִעניסטן ניט בלויז אלס אַן אַקט, וואָס פארפלעקט די „ריינקײַט פון דער ראַסע”, נאָר אויך אלס פאַראַט. און דאָך... דאָך האָבן אין 1970, ווי עס טיילט מיט דאָס ייִסראָעל־מיניסטעריִום פאַר די אָנגעלעגנהײַטן פון רעליגיעס, 207 ייִדישע מיידלעך כאַסענע געהאַט פאַר אַראַבישע באָכערים. צוזאַמען מיטן ראַבינאַט דערקלערט אויך די רעגירונג פון ייִסראָעל, אַז דער קאַמף פאַר דער „ריינקײַט פון דער ראַסע” איז איינער פון די הויפּט־צילן פונעם ציִעניזם. לויט דער אָנווײַזונג פונעם מיניסטעריִום פאַר די אָנגעלעגנהײַטן פון רעליגיעס ווערן די געזינדן, וועלכע זײַנען אופגעקומען פון געמישטע כאַסענעס, פארשריבן אין די „שוואַרצע צעטלען”.

ווען די קנעסעט האָט באַהאַנדלט דעם פּראָיעקט פון א געזעץ „ווער איז א ייִד?” האָט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קאָמפּאַרטיי פון ייִסראָעל מייער ווילנער געזאָגט אין זײַן ארויסטרעטונג: „אָנעמען אַזאַ געזעץ באַטײַט אָנבינדן דער מעלוכע איבערגוואַלד די רעליגיע, אָפּלייקענען די פרײַהײַט צו האַלטן זיך בא וועלכער עמונע מע וויל און די נאַטירלעכע רעכט פון די עלטערן (בא א געמישטער כאַסענע) צו באַשליסן, וועלכע נאַציִאָנאַליטעט אויסקלײַבן פאַר זייערע קינדער. אַזאַ געזעץ באַטײַט פּאַקטיש צווינגען מענטשן צו מעגײַער זײַן זיך”.

„אין דער צײַט, ווען די גאַנצע וועלט באַפרײַט זיך פון דער הערשאַפט פונעם קלער, — האָט געשריבן דער ייִסראָעל־אַדוואָקאַט ש. אלאָני, — שפּאַנט ייִסראָעל מיט א פעסטן טראָט צוריק, צום כוישעך פון מיטלאַלטער”.

מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען די קלעריקאַלע און אַנדערע אולטראַ־רעאַקציִאָנערע קרײַזן פון ייִסראָעל האָבן געפאָדערט, מע זאָל ארויסגעבן א געזעץ, וואָס זאָל באַשטעטיקן די ראַסיסטישע „דאָקטרינע” וועגן נאַציִאָנאַליטעט און בירגערשאַפט, האָט דער מיטגליד פונעם אויבער־געריכט כ. קאָגאַן קאָנסטאַ־

טירט: „די ביטערע איראָניע פונעם גורל באשטייט דערין, וואָס די זעלבע בּיאָלאָגישע און ראַסיסטישע טעזיסן, וועלכע די נאַציסטן האָבן פּראָפּאַגאַנדירט און באַגײַסטערט מיט זיי די שענדלעכע „נירנבער־גער געזעצן", האָבן געדינט אלס יעסאָד באַם אָפּ־צײַלן באשטימען די בירגערשאַפט אין יִשׂראָעל".

אינעם פּאָליטישן און מעלוכישן לעבן פון יִשׂ־ראָעל שפּילן א ביז גאָר אַקטיווע ראָליע די רעלי־גיִעזע פּאַרטייען, וועלכע באַזירן זיך אַף די קאַנאָנען פונעם יודאַיִזם. די סאַמע אײַנפלוסרײַכע פון זיי איז די נאַציִאָנאַל־רעליגיִעזע פּאַרטיי, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין 1956 דורך פאַרייניקן די פּאַרטייען מיזראַכי און האַפּאָעל האַמיזראַכי. די דאָזיקע פּאַרטיי פאַרמאָגט א שטרענג־אָרגאַניזירטע אַפּאַראַט־נעץ אין לאַנד, זי קאָנטראָלירט צוויי בענק, עטלעכע גרויסע אונטערנעמונגען און קאָמפּאַניעס, 21 קיבוצן אאַוו. אונטער איר אָנפירונג געפינען זיך צוויי יוגנט־אָרגאַניזאַציעס — „בעניי אקיוואַ" (די זין פון אקי־ווע), וועלכע האָט ארום 19 טויזנט מיטגלידער, און „האַנאָאַר האַדאַטי האַאוועד" (רעליגיִעזע ארבעטער־יוגנט) מיט 15 טויזנט מיטגלידער. אין דער נאַציִאָ־נאַל־רעליגיִעזער פּאַרטיי זײַנען באשעפטיקט עטלע־כע טויזנט ראַבאָנים, וועלכע האָבן אין זייער רעשוס אופזעער איבער דער קאַשרעס אין די גאַר־קיכן, אינספּעקטאָרן, וועלכע געפינען אויס די מענטשן, וואָס עסן כאַזער־פלייש, און אנדערע רע־ליגיִעזע טשינאָווניקעס.

די נאַציִאָנאַל־רעליגיִעזע פּאַרטיי איז א קלעריקאַ־לע קערפּערשאַפט, וואָס שטייט אַפן רעכטן פלאַנג פונעם פאַרייניקטן פראָנט פון די ציִעניסטישע פּאַר־טייען פון יִשׂראָעל. די לידערס פון דער דאָזיקער פּאַרטיי זאָגן: „מיר גלייבן, אז יִשׂראָעל וועט ווערן א מעלוכע פון טוירע און שאַבעס", „טוירע — איז די אַלגעמיינע אידעאָלאָגיע פון די יידן פון יִשׂ־ראָעל". „עס וועט קומען א טאָג, ווען די רעליגיִעזע יידן וועלן זײַן די אנטשיידנדיקע קראַפט אינעם אָנפירן מיט דער מעלוכע".

אין דער רעגירונג פונעם גענעראַל איצכאָק ראַ־בין (ראַבין איז פריִער געווען שעף פונעם גענעראַל־שטאַב און געזאַנדטער אין פּשאַ) איז די נאַציִאָנאַל־רעליגיִעזע פּאַרטיי ניט אַרײַן — די דאָזיקע פּאַרטיי האָט געפאָדערט, ערשטנס, אז בלויז די ראַבאָנים זאָלן האָבן דאָס רעכט (אַפן סמאַך פון דער האַ־לאַכע) צו באשטימען „ווער איז א ייִדיִ", צווייטנס, אז אין דער רעגירונג זאָלן אַרײַן פאָרשטייער פונעם עקסט־רעכטן בלאָק „ליקוד", און, דריטנס, עס זאָל גאַראַנטירט ווערן, אז דאָס יִשׂראָעל־מיליטער וועט קיינמאָל ניט פאַרלאָזן די „היסטאָרישע טעריטאָריעס פון שוימרון און יעהודע" (דה. פון מײַרעוו־יאַר־דאַניע).

צוזאַמען מיט די אנדערע רעליגיִעזע פּאַרטייען געפינט זיך איצט פאָרמעל די נאַציִאָנאַל־רעליגיִעזע פּאַרטיי אין אָפּאָזיציע. אָבער די לידערס פון מאַיִ האָפן, אז זי וועט פריִער אָדער שפּעטער ווידער אַרײַן אין דער רעגירונגס־קאָאַליציע.

אין די וואַלן צו דער קנעסעט פון 1974 האָט צום ערשטן מאָל אָנטיילגענומען די „באוועגונג פאַר בירגער־רעכט", וועלכע האָט מיט עטלעכע כאַדאָ־שים ביז די וואַלן אָפּגעשפּאָלטן זיך פון מאַיִ. די דאָזיקע גרופּע (מע דאַרף באַמערקן, אז קיין איינ־הײַט איז צווישן אירע מיטגלידער ניטאָ) טרעט ארויס פאַר דער פרידלעכער אײַנרעגולירונג מיט די שכייניש אראַבישע מעלוכעס (אַף דער באַזע פון טעריטאָריעלע האַנאָכעס), פאַר ליקווידירן דעם אײַנפלוס פון דער רעליגיע און פונעם ראַבינאַט אַפן פּאָליטישן, געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן פון לאַנד, פאַר אײַנפירן ציווילע כאַסענעס און פאַר דער גלײַכהײַט פון אַלע בירגער פון יִשׂ־ראָעל אָן אונטערשייד פון נאַציִאָנאַלער אָנגעהערי־קײַט. דער גרונט־לאָזונג פון דער „באוועגונג" איז — די רעליגיע דאַרף אָפּגעטיילט ווערן פון דער מעלוכע.

אויב די לעצטע פּאַרלאַמענט־וואַלן, אײַנגאַנצן גע־נומען, האָבן באַוויזן, אז אין יִשׂראָעל איז פאָרגע־קומען א נײַער רוק אַף רעכטס (דער „ליקוד" האָט באַקומען אין דער קנעסעט מיט 7 מאַנדאַטן מער, איידער פריִער, און מאַאראַך — דער בלאָק פון מאַיִ און מאַפּאַם — האָט פאַרלאָרן 5 ערטער), איז אָבער קיין סאָפּעק ניט, אז דער דערפאָלג פון דער קאָמ־פּאַרטיי, וועלכע האָט באַקומען אין דער נײַער קנעסעט פיר מאַנדאַטן אַנשטאָט די פריִערדיקע דרײַ, און די דרײַ מאַנדאַטן, וועלכע עס האָט גע־וווּנען די „באוועגונג פאַר בירגער־רעכט", שטעלן מיט זיך פאָר א גרויסן טראָט פאָרויס פון די פּראָ־גרעסיווע קרעפטן.

אַף עקסטרעם־רעאַקציאָנערע פּאָזיציעס שטייען די אולטראַ־אָרטאָדאָקסאַלע פּאַרטייען „אגודאַט יִשׂ־ראָעל" („אַסאָציאַציע פון יִשׂראָעל", עקזיסטירט פון 1913) און „פּאָאַלע אגודאַט יִשׂראָעל" („ארבעטער־אַסאָציאַציע פון יִשׂראָעל", געגרינדעט אין 1926). פונקט ווי די נאַציִאָנאַל־רעליגיִעזע פּאַרטיי, גייען זיי אַרײַן אין היסטאַדרוט, וואָס איז דער איינציקער פּראָפעסיאָנעלער צענטער אין לאַנד. די „פּאָאַלע אגודאַט יִשׂראָעל" האָט אויך איר יוגנט־אָרגאַניזאַ־ציע — „עזראַ", — וואָס ציילט העכער דרײַ טויזנט מיטגלידער און פאַרמאָגט אין איר רעשוס א ריי קיבוצים, א בוי־קאָמפּאַניע, קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון.

אין דער ליטעראַטור, ווי אויך אין אייניקע וויסנשאַפטלעכע ווערק, קאָן מען טרעפן די באַ־הויפּטונג, אז די אָנגערופענע פּאַרטייען זײַנען, קלוימערשט, ניט קיין ציִעניסטישע, ווײַל זיי (ווי אויך די קליינע אולטראַ־אָרטאָדאָקסאַלע יודאַיִשע קעהילע אין יערושאַלאַיִם „נאַטוריי קאַרטאַ") האָבן געהאַלטן, אז דאָס שאַפן די מעלוכע יִשׂראָעל דאַרף אָפּגעלייגט ווערן, ביז מאָשיִעך וועט קומען, זיי טרעטן ארויס קעגן דעם, אז אין דער אַרמיי זאָלן אָנגענומען ווערן אַף מיליטער־דינסט פרויען, אאַוו. אויב אין טעאָלאָגישע און אין אייניקע טאַקטישע פראַגן איז צווישן די אולטראַ־אָרטאָדאָקסאַלע און די אנדערע ציִעניסטישע פּאַרטייען, אײַנגעשלאָסן די נאַציִאָנאַל־רעליגיִעזע פּאַרטיי, פאַראַן נאָך ביז איצט געוויסע כלוקעדייעס, שטייען אָבער אין סטראַטע־גיש־פּאָליטישן פלאַן סײַ די „פּאָאַלע אגודאַט יִשׂ־ראָעל", סײַ די „אגודאַט יִשׂראָעל" פולשטענדיק אַף די פּאָזיציעס ניט בלויז פונעם רעליגיִעזן, נאָר אויך פונעם פּאָליטישן ציִעניזם.

די אולטראַ־אָרטאָדאָקסאַלע פּאַרטייען זײַנען ניט איין מאָל אַרײַן אין באַשטאַנד פון די רעגירונגס־

קאבינעטן פון ייִסראָעל. געפינענדיק זיך אין א פּאַרמעלער אָפּאָזיציע (ווי דאָס איז געווען, לעַמאָשל, אין די לעצטע יאָרן), האָבן זיי צוזאמען מיט די עקסטרעם־רעכטע, פּראָפאַשיסטישע פּאַרטייען און גרופּעס קריטיקירט אין א רײַ פראגן די רעגירונג פון רעכטס, פאָדערנדיק, זי זאָל דורכפירן א נאָך מער רעאקציאָנערע פּאָליטיק אין די אינערלעכע פראגן און ארויסטרעטן מיט נאָך א שטארקערן פויסט (דה. ארויסווײַזן נאָך מער אגרעסיוויקייט) אין די אויסערן־פּאָליטישע פראגן.

אויב די נאַציאָנאַל־רעליגיעזע פּאַרטיי רוקט ארויס דעם לאָזונג: „די געזעצן פונעם ראבינאט דארפן האָבן א גרעסערע קראפט, איידער די מעלוכישע געזעצן", פאָדערן „אגודאט ייִסראָעל" און „פּאָאַלע אגודאט ייִסראָעל" אין זייער פּראָגראַם־מאַקסימום אײַנצושטעלן אין לאַנד א טעאָקראַטיע אונטערן קאָנטראָל פונעם ראבינאט.

אין פעווראל 1949, ווען די גרינדונגס־פארזאמלונג האָט באטראכט דעם פּראָיעקט פון דער ייִסראָעל־קאָנסטיטוציע, ווו עס ווערט אינעם ארטיקל 77 געזאָגט, אז „די געזעצגעבונג פון ייִסראָעל וועט באשטימט ווערן דורך די ייִדישע רעליגיעזע געזעצן", האָבן די לינקע דעפּוטאטן, און קוידעמקאָל די קאָמוניסטן, מיט רעכט קריטיקירט דעם פּראָיעקט דערפאר, וואָס ער איז נאָענט צו דער טעאָקראַטישער קאָנצעפּציע וועגן מעלוכע.

אָבער אפילע די אויבן געבראַכטע פאָרמול האָט ניט געשמעקט די קלעריקאַלע פּאַרטייען, זיי האָבן געפאָדערט צו פאַרפיקסירן אינעם גרונט־געזעץ, אז „די קומענדיקע געזעצגעבונג פון ייִסראָעל איז דער רעליגיעזער געזעץ". דער פּאָרשטייער פון „אגודאט ייִסראָעל" האָט געזאָגט: „ייִסראָעל האָט שוין א קאָנסטיטוציע, דאָס איז טויראס מוישע".

אין יון 1950 האָט די גרינדונגס־פארזאמלונג אָפּגעלייגט אף אן אומבאשטימטן טערמין דאָס אָנעמען די קאָנסטיטוציע; ביז איצט האָט די מעדינע ניט קיין אייגענע קאָנסטיטוציע (אינעם קאָנסטיטוציע־פּראָיעקט זײַנען דאָך געווען אייניקע אָנדײַטונגען אף עקאָנאָמישע און סאָציאַלע רעכט פון די ארבעטנדיקע).

אין יול 1962 האָט די קנעסעט, לויט דער פאָדערונג פון די רעליגיעזע פּאַרטייען, אָנגענומען א געזעץ וועגן פארבאָטן צו האָדעווען אין ייִסראָעל כאַזיירים און צו פארקויפן כאַזער־פלייש און כאַזער־פעטס. איינער פון די אָנפירער פון דער ליגע פון קאַמף קעגן רעליגיעזן ווילקיר, דער פּעדאַגאָג פּונעם ירושאָלאַימער אוניווערסיטעט ר. מאַאוו (דער פאַרלאַמענט־דעפּוטאט פון דער „באַוועגונג פאַר בירגער־רעכט") האָט אין צוזאמענהאַנג מיטן אָנעמען דעם געזעץ געזאָגט: „ווי קאָן מען האָבן דערעכערעץ צו א פאַרלאַמענט, וואָס באַהאַנדלט ערנסט אין XX יאָרהונדערט אזא פּראָבלעם, ווי די „ריינקייט" פון וועלכן־ניט־איז באַלכײַ. כלעבן, א נאַציע מעג האָבן העכערע אידעאַלן, איידער פאַראַכטונג צו א כאַזער"...

אין 1963 האָט די קנעסעט, נאָכגעבנדיק די קלעריקאַלן, אָפּגעוואָרפן מיט די שטימען פון די דעפּוטאטן פון די רעליגיעזע פּאַרטייען, פון „מאַפּאַי" און פון א טייל ליבעראַלן דעם געזעץ־פּראָיעקט וועגן דערקלערן פאַר געזעצלעך א ציווילע כאַסענע.

די וועלטלעכע שול אין ייִסראָעל איז ניט אָפּגעטיילט פון דער רעליגיעזער. דער ראבינאט און די קלעריקאַלע פּאַרטייען האָבן א קאָלאָסאַלן אײַנפלוס סײַ אף דער מיטלשול, סײַ אף דער הויכשול.

אין ייִסראָעל עקזיסטירן דרײַ גרונט־טיפּן מיטלשולן: געוויינלעכע מעלוכישע, מעלוכישע רעליגיעזע און „אומאָפּהענגיקע", דה. ריין רעליגיעזע, וועלכע געהערן צו דער פּאַרטיי „אגודאט ייִסראָעל". אין 1969 האָבן אין די קאָנפעסיאָנעלע שולן זיך געלערנט ארום א העלפט פון אלע שילער. 80 פּראָצ. שילער, וועלכע ענדיקן די מעלוכישע רעליגיעזע שולן פון ערשטער שטופע — דעם כיידער און די טאַלמעטוירע (זיי געפינען זיך אונטערן קאָנטראָל פון דער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער פּאַרטיי), זעצן פאָר זייער רעליגיעזע בילדונג אין די רעליגיעזע הויכשולן — יעשיוועס. די צאָל יעשיוועס וואַקסט. אויב אין 1948 זײַנען געווען 50 יעשיוועס, האָט אין 1969 זייער צאָל שוין דערגרייכט ביז 200, ווו עס האָבן זיך געלערנט 15 טויזנט מענטשן — קינפטיקע ראַבאָנים. די מעלוכישע רעליגיעזע שולן ווערן אינגאנצן אויסגעהאַלטן דורך דער מעלוכע. די יעשיוועס באַקומען פון דער מעלוכע פינאַנציעלע שטיצע.

אין די געוויינלעכע מעלוכע־שולן זײַנען די ביבל, די רעליגיעזע טראַדיציעס, די דאָגמעס פונעם ייִדאיזם גרונט־קענטשאַנדן, אף וועלכע עס גייט אוועק בא א דריטטייל פון דער גאַנצער לערן־צײַט. די לערן־סיסטעם אין די שולן און הויכשולן איז טיף דורכגעזאַפּט מיט רעליגיעזן שאָוויניזם, אנטיסאָוועטיזם און אנטיקאָמוניזם.

אַן אקטיווע טעטיקייט האָבן די קלעריקאַלן פאַנאַנדערגעוויקלט אין געביט פון קולטור. זיי האָבן אײַנגעשטעלט א שטרענגע רעליגיעזע צענזור איבערן גײַסטיקן און קולטורעלן לעבן פון דעם לאַנד. אין ייִסראָעל דערשײַנט א היפּשע ליטעראַטור וועגן פאַרשיידענע קאָנפעסיאָנעלע פראגן, עס גייען ארויס קינאָ־פילמען, וועלכע שטעלן זיך אלס ציל צו פאַרשטאַרקן צווישן דער באַפעלקערונג די רעליגיעזע געפילן. יעדן טאָג ווערן אין א רײַ ראַדיאָפּראָגראַמעס טראַנסלירט ליטורגישע מוזיק, טפילעס, ציטאַטעס פון דער ביבל, פון טאַלמוד אאוו.

די פּראָגרעסיווע קרעפטן פון ייִסראָעל פירן אַן אָקשאָנעסדיקן קאַמף קעגן קלעריקאַליזם, רעאַקציע און ראַסיזם. אין ייִסראָעל איז טעטיק די ליגע פון קאַמף קעגן רעליגיעזן ווילקיר. מיט א געוויסער צײַט צוריק איז אין ייִסראָעל געשאַפן געוואָרן א קאָמיטעט „פאַר ציווילע כאַסענעס", אין אים זײַנען ארײַן פאָרשטייער פון די סאַמע פאַרשיידענע פּאָליטישע ריכטונגען.

די קעגנער פונעם קלעריקאַליזם אָרגאַניזירן פון צײַט צו צײַט מאַסן־אַקציעס. אין אָנהייב 1970, לעַמאָשל, איז אין ירושאָלאַים דורכגעפירט געוואָרן א ברייטע פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע קעגן דעם ראַסיסטישן געזעץ־פּראָיעקט, וואָס איז באַהאַנדלט געוואָרן אין דער קנעסעט, — „ווער איז א ייִד?". די אָנטיילנעמער פון דער דאָזיקער דעמאָנסטראַציע האָבן געטראָגן אזעלכע פּלאַקאַטן: „דעמאָקראַטיע — ניט טעאָקראַטיע", „אָפּטיילן די מעלוכע פון דער

רעליגיע״, „מיר זײַנען ייִדן פון XX יאָרהונדערט און ניט פונעם פּערזאָד, ווען די ייִדן זײַנען ארויס פון מיצראַיִם״. אין די רייען פון דער דעמאָנסטראַציע זײַנען געווען מיטגלידער פון מאַפּאַם.

די קאָמוניסטישע פּארטיי פון ייִסראָעל, וואָס קעמפט פאר שאָלעם און דעמאָקראַטיע, האלט פאר זייער וויכטיק דעם קאמף קעגן דעם רעליגיעזן אָבסקוראַנטיזם. די פּראָגראַם, וועלכע די קאָמפּארטיי פון ייִסראָעל האָט אָנגענומען אף איר XVII צוזאַמענפאָר, שטעלט ארויס די פאָדערונג צו דערשלאָגן זיך פולע און עמעסע גלײַכבארעכטיקונג פאר אלע אײַנוווינער פון ייִסראָעל אין אלע לעבנס־געביטן, אָן שום אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט, עמונע, געשלעכט, וועלט־אָנשויונג אָדער פּארטייִשער אָנגעהעריקײַט. די קאָמפּארטיי פון ייִסראָעל פאָדערט, אז די רעליגיע זאָל אָפּגעטיילט ווערן פון דער מעלוכע און די שול פון דער רעליגיע; זי פאָדערט: גלײַכבארעכטיקונג פאר אלע רעליגיעס; פארבאָט פון צוואַנג אין די פראגן פון רעליגיע; פרײַהײַט פון אויסוואַל פאר די בירגער באַם פארשרײַבן זייער נאַציאָנאַליטעט אין פּערזענלעכע דאָקומענטן און אין דאָקומענטן פון דער פאָלקס־ציילונג; א דעמאָקראַטישע און וועלטלעכע קאָנסטיטוציע; ווירקלעכע גלײַכבארעכטיקונג פון די פרויען; א געזעץ וועגן ציווילע כאַסענעס און געטן; א פּראָגרעסיווער און דעמאָקראַטישער כאראקטער פון דער בילדונג. די קאָמוניסטן דעמאַסקירן די ראַסיסטישע אויסטראַכטענישן וועגן „אַטאַ־בעכאַרטאָנו״ און וועגן דער עקזיסטענץ פון א ייִדישער וועלט־נאַציע, זיי טרעטן ארויס קאָנסעקווענט קעגן גײַסטיקן שווינדל, קעגן ראַסעווער, נאַציאָנאַלער און רעליגיעזער אומטאָלעראַנץ. די קאָמוניסטישע פּארטיי פאָדערט, אז יעטווידע העצע קעגן אנדערע פעלקער זאָל דערקלערט ווערן אלס אַן אַקט, וואָס ווידערשפּרעכט דעם געזעץ, מע זאָל פארבאָטן אין ייִסראָעל די טעטיקײַט פון פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס. די קאָמוניסטן, צוזאַמען מיט אלע פּראָגרעסיווע מענטשן פונעם לאַנד, ווארפן אָפּ די פּרווון פון דער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע צו אויסנוצן די ביבלישע גרונטלאַגן אלס בארעכטיקונג פאר דער עקספּאַנסיאָניסטישער פּאָליטיק פון דער ייִסראָעל־רעגירונג. קעמפנדיק אָן שום קאָמפּראָמיסן קעגן קלעריקאַליזם, פארטיידיקט די קאָמוניסטישע פּארטיי פון ייִסראָעל גלײַכצײַטיק אויך די אינטערעסן פון די בירגער פון ייִסראָעל, וועלכע זײַנען נאָך גלייביקע.

דערקלערנדיק, אז די פּאָליטיק פון דער רעגירונג, פונעם ראַבינאַט און פון דער אָנפירונג פון די קלעריקאַלע פּארטייען געפינט זיך אין א שארפן ווידערשפּרוך מיט די אינטערעסן פון די רעליגיעזע ארבעטנדיקע פון שטאָט און דאָרף, מיט די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון ייִסראָעל, האָט די קאָמוניסטישע פּארטיי אונטערגעשטראָכן אף איר XVII צוזאַמענפאָר, אז הײַנט האָבן די ארבעטנדיקע פון ייִסראָעל, סײַ די רעליגיעזע, סײַ די ניט־גלייביקע, א רעאַלע מעגלעכקײַט פאר א געמיינזאַמען דערפאָלגרײַכן קאמף פאר שאָלעם, פאר פארטיידיקן די רעכט פונעם האָרעפּאַשנעם פאָלק, פאר דעמאָקראַטיע.

אונדזער מיטיילונגען

צונעמענישן באַ שאָלעם־אַלייכעמען

פאַראַן צווייערליי צונעמען. אַזעלכע, וואָס ווערן צוגעגעבן צו אַ פּערזענלעכן נאָמען, קעדיי אינדיווידואַליזירן דעם מענטשן. די דאָזיקע צונעמען זײַנען באַשרײַבלעכע. קיין שום עמאָציעס רופן זיי ניט אַרויס, אין זיי איז ניט פאַראַן קיין אָפּשאַצונג. זיי זײַנען נייטראַל בענעגייע דער אָנגערופענער פּערזאָן און ווײַזן אָן בלויז אַף אָביעקטיווע סימאָנים, וועלכע זײַנען מעסוגל צו אידענטיפיצירן דעם אָדער יענעם מענטשן: אַף זײַן פאַך און באַשעפטיקונג (מאָטל קאַמזויל, כאַיִם בעקער, יאַנקל שויכעט); אַף זײַן אָפּשטאַם־אָרט (שימעלע סאָראָקער, מייער מעדוועדעווקער). אַמאָל איז דער צונאָמען אַן אָביעקטיווע קאָנסטאַטאַציע פונעם פיזישן אויסזען, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן און איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פּערזאָן (בערל דער רויטער, פּישקע דער קרומער, כײַקע די האָרבאַטע).

פאַראַן אויך אַ צווייטע גרופּע צונעמען (עס איז ריכטיקער זיי אָנצורופן „צונעמענישן"), וועלכע האָבן גאָר אַנדערע אייגנשאַפטן. וועגן זיי וועט גיין די רייד אין אונדזער אַרטיקל.

צונעמענישן זײַנען עמאָציאָנעל באַפאַרבט. אין זיי ווערן אויסגעדריקט געפילן פון יענעם מענטשן, וועלכער גיט די צונעמעניש: שפּאָט, איראָניע, הומאָר, האַס, פאַראַכטונג, ביטל, ליבע, אָפּשײַ, קאָוועד אאַוו. געווײנלעך זײַנען זיי אַ באַווײַז פון כאָכמע, פּיקכעס און בילדערישקײַט. צווישן אַנדערע פאָרמען פון פאָלקס־שאַפן טיילן זיך די צונעמענישן אויס מיט זייער קורצקײַט. אין איין וואָרט ווערט געגעבן אַ כאַראַקטעריסטיק, מערסטנטייל אַ אינדיווידועלע, נאָר אויך אַ פאַראַלגעמיינערטע.

ווען אַ צונעמעניש דריקט אויס אָפּשאַצונג, וואַרפט עס אַ מאָמענטאַלע שײַן אַף די ניט געראָטענע מידעס און אייגנשאַפטן פונעם אָביעקט. אָט נעמט, לעמאָשל, אַזאַ אינדיווידועלע צונעמעניש, ווי „פּופּיק". איר זעט פאַר זיך אַ גראָבן נפעש, מיט אַן אויפגעבלאָזענעם בויך, באַ וועמען די אכילע איז דאָס ווערנטלעכסטע אין לעבן. דער בויך, דער פּופּיק — דאָס איז ער, דער פאַרשוין.

מיט דער צונעמעניש „גאָטס סטראַפּטשעס" האָט דאָס פאָלק געשטעמפּלט די פאַלשע ראַבײַים, די כסידים, די שומרע־שאַבעס, קעדיי אונטערצושטרײַכן זייער צוויאַקישקײַט. דאָס וואָרט „סטראַפּטשע" איז טרעפלעך גענומען פונעם אַמאָליקן צאַרישן געריכטס־סיידער. דער סטראַפּטשע איז דאָרט געווען אַ פאַרמיטלער, און גאָר־גאָר ניט קיין אָנשטענדיקער פאַרמיטלער, צווישן דעם פּראָסטן מענטשן, ווען ער האָט געמוזט אָנקומען צום געריכט, און דעם ביוראָקראַטישן, פרעמדן ריכטער, וועלכער פלעגט אַרויסטראָגן זײַן פּסאַקדין לעטויווס דעם, ווער עס האָט געפונען צו אים אַ בעסערן „צוגאַנג". דער סטראַפּטשע פלעגט, פון זײַן זײַט, אויסזויגן באַם באַלדין די לעצטע פּאָר רובל, מיקלוימערשט ניט פאַר זיך כאָלילע, נאָר פאַר די באַאמטע פונעם געריכט אָדער פאַר דעם „יעוואָ פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ" אַליין. וואָס קאָן זײַן טרעפלעכער פון דער אָפּשאַצונג פון די ראַבײַים און זייערע מעשאָרסים, די פאַרמיטלער צווישן גאָט און דעם פּראָסטן מענטשן, ווי דער צונאָמען „גאָטס סטראַפּטשעס"?

אַ צונעמעניש גיט בעדערעך־קלאַל אַ נעגאַטיווע אָפּשאַצונג, אָבער צומאָל אויך אַ פּאָזיטיווע. מיר וועלן דאָ אָפּמערקן אַזאַ טרעפלעכע צונעמעניש, ווי פּעפּערל, מיט וועלכער שאָלעם־אַלייכעם האָט אין „האָדל" געקרוינט דעם יונגן רעוואָלוציאָנער. ס'איז קלוימערשט אַן איבערזעצונג פונעם יִדישן נאָמען פּערעץ. „פּעפּערל" איז אַ ליבלעכע פאַרקלענערונגס־פאָרם. נאָר וואָס פאַר אַ גלענצנדיקע כאַראַקטעריסטיק ליגט אין דער דאָזיקער צונעמעניש! פּעפּערל — „אַ קליינער, אַ שוואַרצער, און אַ צונג — אַ פײַער, זי צופּט און בריט".

צונעמענישן זײַנען אָפט מעטאַפאָריש, מע דאַרף פון זיי פאַרשטיין פּונקט דעם הייפּעך פונעם ריכטיקן באַטײַט. אַ ייִד אַ כאָכעם איז אַ צונעמעניש פאַר אַ נאַר, אַ גוואַר — פאַר אַ שוואַכן, אַ כאָלעש, אַ באַרמאַזל — פאַר אַ שלימאַזל, אַ סאַגי־נאָהער (העברעיִש — אַ שלאַל מיט ליכט) — פאַר אַ בלינדן (און מעטאַפאָריש — פאַר אַ טיפּעש).

אָפט איז די צונעמעניש אַ טאָג־שמעטערלינג, אַן אויסדרוק פון אַ מאָמענטאַלער רעאַקציע, געשאַפן אַפן אָרט אונטערן אײַנדרוק פון אַ געוויסן געפיל. אַנדערע צונעמענישן קלעפּן זיך צומאָל אַזוי צו, אַז זיי פאַרבײַטן דעם עמעסן נאָמען. וועגן אַזעלכע צונעמענישן שרײַבט שאָלעם־אַלייכעם: „אַז די קאַסרילעווקער לייצים זעצן צו עמעצן אַ נאָמען, איז ער ווי געבוירן, ווי צוגעשניטן, אויסגעפרעסט און אָנגעמאָסטן, און „פאַרנוצט געזונט!"

שרײַבער־סאַטיריקער באַנוצן זיך אָפט מיט אַ צוגעטראַכט צונעמעניש, קעדיי צו כאַראַקטעריזירן די פּערסאָנאַזשן פון זייערע ווערק. אַזוי רופט אָן פּאָנגוויזין אין „ניעדאָראָסל" די פאַרגרעבטע פּריצע — סקאָטינינאַ (פונעם וואָרט „סקאָטינאַ" — בעהיימע), דעם לערער פון אַריפמעטיק — ציפירקין, די פּאָזיטיווע העלדן: סטאַראָדום (אַלטער געדאַנק), פּראַוודין (פון „פּראַוודאַ" — עמעס). אין גאָגאָלס „רעוויזאָר" איז דער הויפּט־העלד — כלעסטאַקאָוו (פונעם „כלעסטאַט" — שמײַסן, ער שמײַסט מיט ליגנס), דער ריכטער הייסט ליאַפּקין־טיאַפּקין (ער מישפּעט טיאַפּליאַפּ, אָן געדאַנק), דער גאָראָדאָוואָי הייסט דערזשימאָרדע (האַלט דעם פּאַרצעף). מע דאַרף שוין ניט קיין ווײַטעריקע כאַראַקטעריסטיקעס צו די טרעפלעך געשאַפענע פאַמיליע־נעמען, קעדיי צו איבערצײַגן דעם לייענער, אַז כלעסטאַקאָוו „האַקט אַ טשײַניק" און אַז דערזשימאָרדע קען אַרײַנטיילן אַ קיילעך די מענטשן, וואָס האַלטן זיך פרײַ.

באַ מענדעלע מויכער־ספאָרימען געפינען מיר אין דער „טאַקסע" צונעמענישן אַלס פאַמיליע־נעמען פון

שיינע־ייִדן און קאהאָלשע לײַט: רעב איציק־וואָלף ספאָדעק, רעב שמײַע טאם, רעב מוישע באלטאכלעס, רעב יוינע מאכטייסע, רווון פיאווקע, נאָסן פרעכמאן, בערל לאָקשעוויטש. אויך פאר די פאָזיטיווע פערסאָנאזשן שאפט מענדעלע געהעריקע פאמיליע־נעמען: שלוימע וועקער, געדאליע פיקהאָלץ.

שאָלעם־אלייכעם באנוצט זיך אויך מיט אָט דעם מעטאָד. ער זוכט פאר זײַנע העלדן אזעלכע פאמיליע־נעמען און צונעמענישן, וועלכע זאָלן באלד דערקלערן, ווער און וואָס זיי זײַנען. אין דער קאָמעדיע „יאקנעהאָז” רופט שאָלעם־אלייכעם אָן די באנקירן־שווינדלער מיט די פאמיליע־נעמען פײַפער, קנאקניסל (זיי פײַפן אפן אוילעם, און גיי רוף זיי קנאקניסל) און די רײַכע און פעטע לײַט — פײַנקרוגעל, מייערצימעס. אין די „גאָלדשפינערס” הייסט דער כאלפן און פראָצענטניק ייִדל טאָרבע און דער שטעטלשער כאָכעם — לייווי מאזגאָוואָיער (פון רוסישן „מאָזג” — מויעד).

אייניקע צונעמענישן זײַנען סאָציִאל באפארבט. לעמאָשל, פאר אָרעמעלײַט: בעטלער, זשעבראק, אָני־וועוויען, טאָרבע. איר הערט אין זיי די ביטל־געפילן פון א רײַכן, א פארמעגלעכן צו אן אָרעמאן, וואָס גייט ארום איבער די הײַזער מיט א טאָרבע און „זשעברעוועט”. פארקערט, אין די צונעמענישן כאזער, דאָווראכער, קאמצן, פופיק, פעמפיק לאכט אויס דער אָרעמאן דעם רײַכן, דעם פעטן באלעבאָס, וואָס וויל קיין נעדאָווע ניט געבן.

די צונעמענישן שאבעס־גוי, באָד־גוי, פערדאטש, כאָכעם־באלײַלאָ, כאָכעם פון דער מאנישטאנע האָבן געוויס געשאפן די „איידעלע” לײַט, וואָס קענען אין די קליינע אויסיִעלעך, פאר די, וואָס זײַנען שטומפיק אין דער איווריע. און פארקערט, אין די צונעמענישן גאָטס סטראפטשע, צאדיק אין פעלץ, מאגיד, קאָכלעפל, ציילעם־קאָפ האָט דער פראָסטער מענטש אויסגעדריקט זײַן שפאָט־געפיל צו די „זײַדענע לײַט”, צו די צוויאקעס און קאהאָלשע פארזאָרגער.

די צונעמענישן מיט דער אוקראיִנישער ענדונג „וק” — שנײַדערוק, שוסטערוק, קלעזמערוק — זײַנען געשאפן געוואָרן פון די, וואָס האָבן געהאלטן די באלמעלאָכעס פאר מינדערווערטיקע, גערעדט וועגן זיי מיט ביטל. עס איז קעדײַ דאָ צו באמערקן, אז אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָליוציע איז אף אזא אויפן געשאפן געוואָרן צווישן די ארבעטער די צונעמעניש „בורזשוק”. מיט דער צונעמעניש „בורזשוק” באנוצט זיך מאָטל אין שאָלעם־אלייכעמס „דאָס גרויסע געווינס”.

קעדיי אונטערצושטרײַכן די סאָציִאלע לאגע און די אינטערעסן פון די קליינשטעטלדיקע באלעבאטים אין די „זומערדיקע ראָמאנען”, טראכט שאָלעם־אלייכעם צו פאר זיי צונעמענישן: יאנקל צעריסענער, כאיִם נעכטיקערטאָג, מענדל אסארעדעברייע, ביניאָמין פאָטשעמו (מיט א צווייענדיקן באטײַט — „פארוואָס” און „ווי טײַער”), נאפטאָליע כאפאטענצל, זאלמען בארגאראָף. אין „סטעמפעניו” הייסט דער גוויר כאיִם־בענציען גלאָק (סע קלינגט מיט אים אין דער אומגעגנט).

דעם גרעסטן אינטערעס האָבן די צונעמענישן־זידלערײַען פון שאָלעם־אלייכעמס שטיפמוטער, א בערדיטשעווער ייִדענע. דער קליינער שאָלעם האָט קונדייסיש פארשריבן אירע זידלערײַען אין א העפטל. ער האָט זיי איבערגעגעבן אין זײַן אווטאָביִאָגראפישן ווערק „פונעם יאריד”, אינעם קאפיטל „א מײַנע־לאָשן פון א שטיפמאמע”. דאָס איז א שפרודלדיקער קוואל פון וויצן, פאָלקס־כאָכמע, בײַסנדיקן שפאָט. יעדע צונעמעניש רופט ארויס באם לייענער א פריילעך געלעכטער. דערמאָנט אײַך, וויִאזוי שאָלעם־אלייכעם באשרײַבט דעם אײַנדרוק, וואָס זײַנע פארנאָטירונגען פון דער שטיפמוטערס צונעמענישן — זידלערײַען האָבן געמאכט אף דער שטיפמאמע אליין, ווען זי האָט אינעם צונויפגעשטעלטן אלעפבייס דערהערט אירע אייגענע קלאָלעס און זידלערײַען: „עס איז געשען א נעס... ס'איז אָנגעפאלן אף איר א מאָדנער בייזער געלעכטער, יענע האָט געלאכט אזוי, אזש געקוויטשעט. מע האָט געמיינט, אז זי וועט דעם שלאק באקומען”.

פארן שפראך־פאָרשער איז דאָס מײַנעלאָשן פון דער שטיפמוטער א גאנצער אויצער פון בילדערישע פאָלקלאָרישע צונעמענישן.

מע קאָן די צונעמענישן קלאסיפיצירן לויט זייער אינהאלט:

1. *צונעמענישן פאר א נאר* (מיר ברענגען זיי אין סיידער פונעם אלעפבייס, ווי בא שאָלעם־אלייכעמען): אייזל, אָפגעריסענער נאר, באָלוואן, בלינדערהאָלץ, גוילעם, דערקאטש, האָצמאך, טיפעש, כאָכעם־באלײַלע, נאפודעלע, פעטעלעלע, שויטע בען פיקהאָלץ, שמינדער בעגעץ.
2. *פאר א גראָבן־יונג*: באלעגאָלע, הינטשלעגער, יונגאטש, לאָבוס, פערדאטש, פלאָכט.
3. *פאר אן אויסגעלאָזטן און פארדאָרבענעם*: דאָנאָסטשיק, הולטײַ, העפקעריונג, מעשומעד, ניכפעניק, פאסקודניאק, סמארקאטש, קאָלבויניק, קאָרטן־שפילער.
4. *פאר א שלעכטן מענטש*: אשמעדײַ, גאזלען, האָמען, יאטקע־הונט, ייִמאכשמויניק, סוואָלאָטש, קאטאָרזשניק, קעלעוו־שעביקלאָווים, רוצייעך, ראָשע־מערושע.
5. *פאר א פרעסער*: זויפער, טרייפע קישקע, כאזער, כאפער, נאשער, פופיק, פעמפיק, קישקע אָן א דנאָ, קארטאָפליע־שלינגער.
6. *פאר א טויגעניכטס*: אומגליק, באטלען, כאיִם־יאנקל, לוי־יוצלעך, ליידיקגייער, מאָנדריש, מעלאמעד, נודניק, פוסטעפאסניק, פויליאק, פײַפער, פליאסקעדריגע, שלימאזל, שמענדריק.
7. *פאר א שלעכטן באלמעלאָכע*: הינקעדיקער שנײַדער, וויסטער קאליקע, פארטאטש, קאליקע, קוימענקערער, שקראב.
8. *פאר א קאפצן* (מיט ביטל־ניואנסן): אָני־וועוויען, בעטלער, דאלעס, האָלעדראנעץ, טאָרבע, עוויען.
9. *פאר רעליגיִעזע צוויאקעס*: צאדיק אין פעלץ, צוויאק.
10. *פאר א פריילעכן און קלוגן*: וועוויריק, זומער־פויגל, טערקישער פעפער, כאָלערע, פאיאץ, פארשלעפטע קרענק, ציילעם־קאָפ.
11. *פאר ווײַבער*: געשלייערטע האנזי, זוירע קיסליצע, זיצפלייש, מאלפע, צאָראאס, שלאנג.

די געבראכטע צונעמענישן זײַנען ארויסגערופן דורך דער פארביטערונג פון א פרוי (פון דער שטיפמוטער), וואָס לעבט אין נויט און אין שטענדיקער זאָרג, וויִאזוי אָנצוהאָדעווען די גרויסע מישפאָכע, אָט די אלע „פרעסערס”, „קארטאָפליע־שלינגערס”, „קישקעס־אָן־א־דנאָ”. זי איז אופגעטראָגן אפן מאן, דעם „שלימאזל”, דעם „לוי־יוצלעך”, דעם „טויגעניכטס”, וואָס די פארנאָסע גייט אים ניט. ענלעכע קלאָלעס און צונעמענישן הערן מיר פון שיינע־שיינדלען, ווען זי באקומט פון איר מאן מעגאכעם־מענדל די טײַערע יעדיִעס, אז פון אלע „מיליאָנען” און „פאפירלעך” האָט זיך אויסגעלאָזט א בוידעם. מיר טרעפן זיך מיט זיי אויך אין „מאָטל פייסי דעם כאזנס” און אין אנדערע ווערק בא שאָלעם־אלייכעמען.

זעלבסטפארשטענדלעך, אז קינדער וויסן ניט פון דײַגעס־פארנאָסע און קוקן אף דער וועלט מיט מער ליכטיקע אויגן, מיט גרעסערן צוטרוי. זייערע טמימעסדיקע נעשאָמעס זײַנען ריין פון פאלשקײַט. אין דעם ארום, אין די מענטשן, אין די לעבנס־געשעענישן באמערקן זיי גיכער דאָס קאָמישע, דאָס לעכערלעכע.

קינדער האָבן אויך ליב צו געבן צונעמענישן, נאָר בא זיי איז עס א קינדער־שפיל. זיי האָבן ליב נאָכמאכן, נאָכקרימען, אָבער זיי טוען עס אין גוטן מוט, אָן קאס. זיי זײַנען פארטאָן אין זייער וועלטל, און פון די ערשטע אײַנדרוקן שטאמען בא זיי די צונעמענישן.

אין שאָלעם־אלייכעמס שאפונג פארנעמט די קינדער־וועלט א גרויס, גאָר א גרויס אָרט. די ערשטע דערציילונג, אין וועלכער ער האָט זיך אנטפלעקט

אַלס גרויטער מײַסטער פֿון דער קינדערישער פּסיכאָלאָגיע, איז געווען „דאָס מעסערל״. קינדערשע צונעמענישן האָבן בא אים זייער ספּעציפֿיק:

1. נאָכמאַכערײַ — אָפּלאַכן פֿאַר ניט קענען אַרויסברענגען אַ געוויסן קלאַנג: טאָפּעלע טאַלמענס טוטאַריטו פֿון דאַלאַדאַנאָוועטע, אָנשטאָט קאָפּעלע קאַלמענס קוקאַריקו פֿון גאַלאַגאַנאָווקע; דער פּעטער בעבעבע, אָנשטאָט דער פּעטער וועלוועלע; פּעטעלעלע, וועגן אַזאַ, וואָס רעדט ניט ריין, שווער צו פֿאַרשטיין דעם זין פֿון זײַנע ווערטער.

2. געגראַמטע רייצווערטער: עסטער־פֿלעסטער, מענדל־פֿענדל, איציק־שפּיציק, מייער־דרייער, מאָטל־קאַפּאָטל, לייב־דרויב־אָפּדיריק.

3. הומאָר, אָבער אָן שפּאָט, אָן פֿאַרביטערונג, אַפֿילע ווען מע מאַכט זיך לוסטיק איבער אַ פֿיזישן פֿעלער: בערל מיט דער באַק, די מויד מיט אַן אייגל, די דינסט מיט די וואָנצעס, די ליפּ. מאָטל דעם כאַזנס רופֿן מענאַשע דעם אײַנבינדערס קינדער „די לעפּצן״, ווײַל ווען ער עסט, מאַכט ער מיט די ליפּן, און די טאַלמעטוירע־ייִנגלעך רופֿן אים „הילצערנע הויזן״, ווײַל זײַנע הויזן זײַנען אויפֿגענייט פֿון אַזאַ מאַטעריע, „וואָס אַז מע שטעלט זיי אַוועק, שטייען זיי. מע קאָן זיי ניט צערײַסן, סײַדן צעברעכן״.

דער כיידער און זײַן הערשער, דער מעלאַמעד, רופֿן בא די קינדער אַרויס אויך שרעק. אין דער דערציילונג „דאָס מעסערל״ רופֿן אָן די קינדער זייער מעלאַמעד „מאָטיע מאַלעכהאַמאָוועס״. אין דער דערציילונג „גאַזלאָנים״ שרײַבט שאָלעם־אַלייכעם וועגן אַ מעלאַמעד, וועמען די קינדער האָבן געגעבן אַ צונעמעניש „מאַזעפּע״. דאָס איז אַ מעגושעמדיקער נעפֿעש מיט שוואַרצע בייזע אויגן און ברעמען, מיט לאַנגע האָריקע הענט. אינעם צונעמעניש מאַזעפּע איז אויסגעדריקט איינצײַטיק אי מוירע פֿאַרן רעבן, אי קונדייסישע שטיפֿערײַ איבער זײַן אומגעלומפּערטקײַט.

און אָט איז נאָך אַ צונעמעניש פֿאַר אַ מעלאַמעד, אַ קליינעם, אַ נעבעכדיקן, אַ לוי־יוצלעך. ער שלאָגט אויך די קינדער, נאָר זיי טראָגן אף אים ניט קיין פֿאַרדראָס, ווײַל זיי זעען, אַז ער לאָזט צו זיי אויס זײַן ביטער האַרץ פֿאַר די זידלערײַען און ביזיוינעס, וואָס ער טראָגט איבער פֿון זײַן לאַנגער און דאַרער ייִדענע און שלינגט זיי אַראָפּ מיט אַ שווײַג. זיי רופֿן דעם רעבן „דער קורצער פּרײַטיק״ און די ייִדענע „שאַבעס האַגאָדל״. דער קליינער רעבע און די לאַנגע רעבעצן רופֿן אַרויס בא זיי אַ פֿריילעך געלעכטער, אָן אומדערוואַרטן פֿאַרגלײַך מיט די צוויי געוויסע טעג אין יאָר.

פֿון דער כיידער־וועלט שטאַמען אויך אַזעלכע צונעמענישן, און ניט נאָר בא קינדער, ווי „אויג מעלעך האַבאָשן״ און „גאָליאַס האַפּלישטי״ פֿאַר אַ גוואַר, „האָמען״ און „אייסעוו״ פֿאַר אַ סוינע־ייִסראָעל, „קוירעך״ פֿאַר אַ נאָגיד, „לאָט״ פֿאַר אַ שיקער, „אַלטער טערעך״ פֿאַר אַן אַלטן אַלמען, וואָס שאַדכנט זיך צו אַ יונג מיידל, „עסטער האַמאַלקע״ פֿאַר אַ שיינהײַט, „וואַשטי״ פֿאַר אַ מיִעסער פֿרוי. מענאַשע דעם אײַנבינדערס קינדער רופֿן זייערס אַ ברודערל „וואַשטי״, ווײַל ער האָט אַ גוליע אויפֿן שטערן און דערמאָנט זיי אין אַכאַשווייראָשעס ווײַב וואַשטי, וואָס האָט, לויט אַ טאַלמודישער לעגענדע, געהאַט אַזאַ גוליע און דערפֿאַר ניט געוואָלט זיך באַווײַזן פֿאַר אַכאַשווייראָשעס אָרכים.

שאָלעם־אַלייכעם נוצט אויס אין זײַנע ווערק אַזעלכע גלענצנדיקע צונעמענישן, גענומענע פֿון דער ייִדישער קולטור, ווי „ייִדל קאָטוינטי״ (קטונתי מכל החסדים פֿונעם כומעש) אין „מאַבל״, ווי „אָדאָם האָרישן״ פֿאַר בערקע דעם בעדער, וועלכער גייט אַרום אין באָד אַ נאַקעטער, און „די מוטער כאַווע״ — פֿאַר זײַן ווײַב (זי הייסט טאַקע כאַווע).

אַמאָל נוצט שאָלעם־אַלייכעם אויס צונעמענישן, וועלכע האָבן צוויי באַטײַטן. אף דער אויבערפֿלאַך הערט איר איינס און אין הינטערגרונט עפּעס אַנדערס, אַ פֿאַרבאָרגענעם געדאַנקען־ווונק, אַ רעמעז, לויטן קלאַל — פֿאַר אַ קלוגן איז גענוג אַ ווונק.

אַזאַ מין רעמעז איז די געשיכטע פֿונעם „פּעטער פּיניע מיט דער מומע רייזי״, ווו דער קליינינקער און שטילינקער פּעטער פּיניע (געמיינט יאַפּאָניע), וואָס איז אויסגעשטאַנען קאָלערלײַ צאָרעס און ביזיוינעס פֿון דער גרויסער מומע רייזי (געמיינט דאָס צאַרישע רוסלאַנד) האָט אין איינעם אַ שיינעם פֿרימאָרגן זיך אָנגענומען מיט האַרץ און גענומען שלאָגן און נעריקן די מומע רייזי, אַז זי האָט קוים דעם אָטעם געקאָנט כאַפּן.

אַזאַ צונעמעניש איז בא שאָלעם־אַלייכעמען „די רויטע ייִדעלעך״, אַ רעמעז ניט נאָר אף די לעגענדאַרע ייִדן, וואָס לעבן פֿרײַ און גליקלעך ערגעץ הינטער די האָרע־כוישעך, נאָר אויך אף די הײַנטצײַטיקע „רויטע״, וואָס שטרעבן צו אַזאַ פֿרײַ און גליקלעך לעבן אין אַ ניט אויסגעטראַכטן לאַנד.

נעמט די צונעמעניש „קאָלבוינִיק״, מיט וועלכן שאָלעם־אַלייכעם האָט אָנגערופֿן דעם באָכער פּײַוול, אָדער שראַגע־פּײַוויש־געצל, וואָס גייט אַרום מיט אַ קאָרב אף די פּלייצעס, אין וועלכן ס׳געפֿינען זיך קאָלערלײַ סכוירעס פֿאַר די דאָרפֿישע קראַסאַוויצעס: סטענגעס, נאָדלען, האָרנאָדלען, קנעפּלעך, פֿינגערלעך, זייף און אַפֿילע פֿאַרפֿומען. דאָס צונעמעניש „קאָלבוינִיק״ איז דאָ אַ איבערגעשטאַלטונג פֿונעם רוסישן וואָרט „קאָראָבייניק״, וואָס הייסט טאַקע אַ וואַנדערנדיקער הענדלער מיט אַ קאָרב סכוירעס אף דער פּלייצע. אָבער אין צונעמעניש „קאָלבוינִיק״ איז באַהאַלטן נאָך אַ באַגריף: פֿון אַן אויסגעלאָזטן יונג, אַ „וואָס אין דער קאָרט״. דער דאָזיקער באַטײַט פֿון צונעמעניש שטאַמט פֿונעם כומעש, ווו ייִשמאָעל ווערט כאַראַקטעריזירט ווי אַ קאָלבוי („פּרא אדם, ידו בכל ויד כל בו״ — אַ ווילדער מענטש, זײַן האַנט איז אומעטום און יעדנס האַנט איז אף אים, דאָס הייסט, אומעטום מישט ער זיך און כאַפּט פֿון אַלעמען אַ גאָב).

אַ גלענצנדיקע צווייטײַטיקע צונעמעניש האָט שאָלעם־אַלייכעם געגעבן זײַן פֿאַרקישעפּטן שנײַדער שימען־עליע שמאַ־קוילייִנו. די צונעמעניש, וואָס איז גענומען פֿונעם פּאָסעק „שמע קולנו, אדוני אלוהינו״ — הער צו, גאָט, אונדזער האַר, אונדזער קאָל, רופֿט זיך איבער מיט דעם פֿאַרקישעפּטן שנײַדערס פּערזענלעכן נאָמען שימען — שמאַ און עליע — עלויהייִנו. אין דער מײַסע ווערט דערציילט, ווי־אַזוי עס איז אַנטשטאַנען די צונעמעניש — „מאַכמעס באַם דאַווענען האָט ער געהאַט אַ טעווע שרײַען, אַרבעטן, זינגען און ציקלען זיך אף קוילע־קוילעס״. זײַן אויפֿן פֿון דאַווענען איז געווענדט צום אייבערשטן, ער זאָל אים דערהערן און העלפֿן אין זײַן נויט.

אָבער די דאָזיקע צונעמעניש באַהאַלט אין זיך נאָך אַ באַטײַט, וואָס אף אים גיט שאָלעם־אַלייכעם אַ רעמעז. דער נאַיִווער, טמימעסדיקער שימען־עליע, וואָס קאָן ניט אונטערשיידן פֿון אַ ציג ביז אַ צאַפּ, ווערט פֿיל מאָל אַ קאָרבן פֿון דעם כיטרען רענדאַר, וועלכער שפּילט מיט אים קאַטאָוועס און פֿאַרבײַט אים אַלע מאָל די ציג אף אַ צאַפּ און דעם צאַפּ אף אַ ציג. אַזאַ מין פּראָסטאַק, אַ נאַר רופֿט מען אין ייִדישן שטייגער מיט אַ גראָבלעך וואָרט, און שאָלעם־אַלייכעם נוצט עס אויס, אײַנגעוויקלט אין אַ ליבלעכער פֿאָרם „שמאַ־קוילייִנו״.

ניט נאָר פֿאַר מענטשן טרעפֿן זיך צונעמענישן בא שאָלעם־אַלייכעמען, נאָר אויך פֿאַר אַנדערע לעבעדיקע באַשעפֿענישן און אַפֿילע פֿאַר ניט קיין באַלעכאַיִם. איר געדענקט מיסטאַמע דעם לאָקאָמאָטיוו, וואָס קורסירט אף דעם שמאָלן באַן־וועג צווישן די אָנגעזעצטע ייִדישע שטעטלעך באָפּאָליע, הײַסין, טעפּליק, נעמיראָוו, כאַשטשעוואַטע. שאָלעם־אַלייכעם האָט דעם לאָקאָמאָטיוו געגעבן אַ צונעמעניש „דער ליידיקגייער״, מאַכמעס, ווי ער גיט צו פֿאַרשטיין, „קאָן מען מיט אים פֿאָרן אין אַ ליידיקן וואַגאָן אייגער אַליין, ווי אַ פּאָרעץ״, און פֿאָרן פֿאָרט ער פּאַמעלעך, ער אײַלט זיך ניט (איינער אַ ייִד איז געפֿאָרן צו זײַן מעכוטן קיין כאַשטשעוואַטע אף אַ בריס, איז ער אָנגעקומען צו זײַן באַרמיצווע). זייער באָד האָבן די קאַסרילעווקער ייִדן געגעבן אַ צונעמע־

ניש „דער גאַניידן" — אזוי גוט איז דאָרט, ווען זיי קריכן ארויף אף דער אייבערשטער באַנק, און די הייסע פּארע הילט זיי אײַן אין א הימלשן וואָלקן.

אָדער נעמט די צונעמענישן פאר פערד. קאסריִעל דער וואסערפירער האָט א פערד, וואָס „איז אָנגעשטאָפּט מיט יאָרן און האָט ניט קיין איין צאָן אין מויל", רופט אים דער וואסערפירער אָן „מעסושעלעך", מיטן נאָמען פון דעם עלטסטן פון אלע אלטע, וואָס קאסריִעל ווייסט פונעם כומעש. מייער־וועלוול באלעגאָלע („פונעם יאריד") רופט זײַנע פערדלעך „סוסים", און זיי האָבן בא אים באזונדערע צונעמענישן: איינער הייסט „מודריק" — דער קלוגער, דער צווייטער „טענצער", ווײַל דער גאנג זײַנער איז געווען מיט א טענצל. א שקאַפּקע האָט געהייסן „די יאכסנטע", זי קומט ארויס פון א גרויסן ייִכעס — געווען אמאָל א גאלעכס א פערד.

און ווי זאָל מען זיך ניט דערמאָנען אין דער קאָץ „פייגע־לייע די גאבעטע", וואָס מע האָט איר געגעבן אזא צונעמעניש, ווײַל זי איז אזוי גראָב ווי די עמעסע פייגע־לייע די גאבעטע. וועגן איר דערציילט שאָלעם־אלייכעם אין „מאָטל פּייסי דעם כאזנס" און אין „פונעם יאריד", ווו ער ווידמעט איר און אירע קעצעלעך שיינע עטלעכע שורעס.

צווישן די קינדער־דערציילונגען איז פאראן איינע — וועגן דעם, וויִאזוי קינדער האָבן געפונען א פייגעלע, וואָס איז ארויסגעפאלן פון א נעסט, און זיי האָבן עס געוואָלט אָפּהיטן באם לעבן. אָבער דאָס פייגעלע איז געשטאָרבן. האָבן די קינדער עס באגראָבן און געשטעלט א מאציייוועלע מיט א צוגעטראכטער צונעמעניש, וואָס דריקט אויס די קינדערס ערנסטקייט: „ציפּער בען באָלעק" א נאָמען מיט א צונאָמען פונעם כומעש (צפור איז א פויגל).

צום סאָף — וועגן שאָלעם־אלייכעמס אייגענעם צונאָמען. ווען שאָלעם ראבינאָוויטש האָט זיך באוויזן אף דער ברייטער גאס פון דער ייִדישער ליטעראטור, האָט ער זיך געווענדט צום פאָלק מיט אן אָפּנהארציקן אויסרוף, מיט א פריילעכן ווונטש, מיט וועלכן מע באגעגנט א קאָרעוו, א פרײַנט און גלאט א ייִדן פון א גאנץ יאָר: שאָלעם־אלייכעם! פרידן זאָל זײַן בא אײַך!

ער איז שוין לאנג אוועק פון אונדז, נאָר ער איז פארבליבן אין דער אייביקײַט. אָט קומט ער ווידער מיט זײַן ליבלעכן שמייכל, מיט די פריילעכע אויגן, מיטן קישעפדיקן וואָרט און ווינטשט אונדז אלעמען: שאָלעם־אלייכעם! שאָלעם־אלייכעם!

אווראָם פריבלודע

כראָניק

צום 70־טן געבורטסטאָג פון איזראעל מאיער

די בולגארישע פרעסע האָט אָפּגעמערקט דעם 70־טן געבורטסטאָג פונעם באוווסטן פובליציסט און געזעלשאפטלעכן טוער איזראעל מאיער.

אין דער באגריסונג, וואָס איז פארעפנטלעכט אין דער צײַטונג „יעווריייסקי וועסטי", ווײַזט אָן דער אויספיר־קאָמיטעט פון דער קולטור־אופקלערערישער געזעלשאפט פון די בולגארישע ייִדן אף דעם אומדערמידלעכן קאמף, וואָס איזראעל מאיער האָט געפירט קעגן פאשיזם אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, און אף זײַן אקטיוון אָנטייל אין דער סאָציִאליסטישער בויונג נאָך דער סענטיאבער־רעוואָליוציע.

עס ווערן אונטערגעשטראָכן איזראעל מאיערס פארדינסטן אלס רעדאקטאָר און מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע פון „יעווריייסקי וועסטי", זײַן אָנגעזעענע ראָל אינעם געזעלשאפטלעכן און קולטור־לעבן פון די בולגארישע ייִדן.

אין צוזאמענהאנג מיטן 70־טן געבורטסטאָג און שעצנדיק הויך די גרויסע פארדינסטן פונעם באליוויול, האָט דער מעלוכע־ראט פון דער בולגארישער פאָלקס־רעפובליק באלוינט איזראעל מאיערן מיטן אָרדען „בולגארישע פאָלקס־רעפובליק" פון דער צווייטער שטופע.

די רעדאקציע און רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאנד" באגריסן פרײַנטלעך איזראעל מאיערן און ווינטשן אים געזונט, גליק און אריכאס־יאָמים.

■ ■ ■

ווען מע דערלויבט זיך צו פאַרשווייגן

אין 1972 איז אין בוענאָס־אײַרעס, אַרגענטינע, דערשינען דער 52־טער באַנד פון דער סעריע „מוסטער־ווערק פון דער ייִדישער ליטעראַטור", אונטער דער רעדאַקציע פון שמואל ראָזשאַנסקי. דער באַנד טראָגט דעם פּרעטענציעזן טיטל „דער אַרבעטער־דאָר אין אַמעריקע" (224 זײַטן), טיראַזש — 1500 עקזעמפּליאַרן.

מע דאַרף באַגריסן די וויכטיקע אונטערנעמונג פון דער „ליטעראַטור־געזעלשאַפט באַם ייִוואָ אין אַרגענטינע", וואָס מאַכט מעגלעך, אַדאַנק דעם יוסעף־ליפשיץ־פאָנד, אַרויסצוגעבן מוסטערן פון אונדזער ליטעראַטור — אַזעלכע, ווי שלוימע עטינגערס ווערק, מאַרק וואַרשאַווסקיס פאָלקסלידער, לייב נײַדוסעס געקליבענע שריפטן, גליקל האַמעלס „זיכרוינעס" און די פאַרשיידענע אַנטאָלאָגיעס — „חורבן־אַנטאָלאָגיע", „דאָס קינד אין ייִדישער פּאָעזיע און פּראָזע" און אַנד.

ס'איז אָבער צום גרויסן באַדויערן, וואָס די פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט איז איבערגעגעבן געוואָרן צו אַ מענטשן, וועלכער איז אָנגעזאַפּט מיט פאָרורטיילן און סינע צו אַלץ, וואָס איז פּראָגרעסיוו און ראַדיקאַל אין דער ייִדישער ליטעראַטור. אין די אַלע אַנטאָלאָגיעס האָט ער אויסגעמיטן אַרײַנצונעמען זאַכן פון פּראָגרעסיווע שרײַבער, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע שאַפונגען אויף דעם באַשטימטן געביט.

ווען איך האָב דערזען זײַן „דער אַרבעטער־דאָר אין אַמעריקע", האָב איך זיך דערפרייט, וואָס ער האָט זיך פאַרנומען מיט אונדזערע דרײַ פּיאָנערן: דאָוויד עדעלשטאַט, יוסעף באָוושאָווער און מאָריס ווינטשעווסקי (וואָס שײַעך מאָריס ראָזענפעלדן, איז שוין מיט אַ צײַט צוריק דערשינען אַ באַנד זײַנע געקליבענע ווערק, וועלכער האָט אויסגעהאַלטן צוויי אויפלאַגעס).

אויסער די אויסדערווײלטע לידער און פּראָזע, גיט צו דער רעדאַקטאָר ראָזשאַנסקי אויך „פראַגמענטן פון פאָרשונגס־אַרבעטן צו דער כאַראַקטעריסטיק און זיכרוינעס" וועגן די דרײַ דערמאָנטע שרײַבער.

נאָר ווען איר לייענט, וואָס ער האָט אויסגעקליבן פון דער „כאַראַקטעריסטיק" און וועמען ער ציטירט און וויאַזוי דאָס ווערט ציטירט, באַקומט זיך ווידער אַ שמאָלקעפּיקייט און אַ פּאָשעטע ניט־ערלעכקייט...

מע דאַרף ניט זײַן קיין ליטעראַטור־קענער, כּדי צו וויסן, אַז ווען מע שרײַבט וועגן דאָוויד עדעלשטאַטן און מאָריס ווינטשעווסקין און מע וויל זיך באַנוצן מיט קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן די דאָזיקע צוויי שרײַבער, קאָן מען ניט אויסמײַדן אַזאַ פאָרשער, ווי קאַלמען מאַרמאָר. נאָר ניט באַ ראָזשאַנסקין. מאַרמאָרס נאָמען טאָר ניט געדאַכט ווערן, ווען מע שרײַבט וועגן דער „כאַראַקטעריסטיק און פאָרש־אַרבעט און זיכרוינעס", ווי דער רעדאַקטאָר ראָזשאַנסקי וואָלט, נעבעך, ניט געוווּסט, אַז מאַרמאָר האָט אָפּגעגעבן אַ גרויסע טייל פון זײַן שרײַבערישער פאָרשונגס־אַרבעט דער שאַפונג פון דאָוויד עדעלשטאַט און מאָריס ווינטשעווסקי.

אין זײַן אַרײַנפיר־עסיי „די ליטעראַטור פון דעם אַרבעטער־דאָר אין אַמעריקע" דערמאָנט ראָזשאַנסקי די נעמען פון די ציטירטע שרײַבער. אויך דאָ ווייסט ער, אַז ער האַנדלט ניט ערלעך. ער ציטירט מוישע אָלגינען. איז שוין, דוכט זיך, גוט. נאָר וואָס טוט ער? אין 1915, ווען אָלגין האָט נאָך געאַרבעט אין „פאָרווערטס", האָט ער אַרויסגעגעבן אַ בוך „אין דער וועלט פון געזאַנגען", פון וועלכן ער האָט זיך שפּעטער פּאַקטיש אָפּגעזאָגט. אין יענעם בוך עסייען האָט אָלגין ניט דערשאַצט די ראָל פון באָוושאָווערס לידער. אָלגין האָט אויסגעבעסערט זײַן טאָעס, נאָר ראָזשאַנסקי כאַפּט זיך דאַפקע אָן אין יענעם פּאַראַגראַף, וווּ אָלגין האַלט ניט פון באָוושאָווערן אַלס פּאָעט. ראָזשאַנסקי ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז אָלגין האָט שפּעטער גאָר שטאַרק אָנערקענט באָוושאָווערס וויכטיקן בײַטראָג אין דער ייִדישער דיכטונג און אָפט ציטירט באָוושאָווערס „הייב אויף דײַנע אויגן, אָ, פאָלק!".

אָדער אַזאַ בײַשפּיל. ראָזשאַנסקי דרוקט איבער שאַכנע עפּשטיינס אַרטיקל וועגן מאָריס ווינטשעווסקין אין דער „צוקונפט" פאַר דעקאַבער 1916. ווייסט דאָך ראָזשאַנסקי זייער גוט, אַז שאַכנע עפּשטיין איז שפּעטער געוואָרן אַ רעדאַקטאָר פון דער טעגלעכער „פרײַהײַט" און ווינטשעווסקי איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער דאָזיקער צײַטונג, — צי האָט מען באַדאַרפט שטעלן דעם טראָפּ פּונקט אויף יענעם אַרטיקל פון שאַכנע עפּשטיין?

ראָזשאַנסקי האָט זיכער געקאָנט געפינען מער פּאַסיקן מאַטעריאַל וועגן ווינטשעווסקין באַ קאַלמען מאַרמאָרן. נאָר קאַלמען מאַרמאָרס נאָמען ווערט קיין איין מאָל ניט דערמאָנט אין ראָזשאַנסקיס בוך.

איטשע גאָלדבערג שרײַבט אין זײַנע זיכרוינעס וועגן קאַלמען מאַרמאָרן („זאַמלונגען". נומער 11, 1957): „קימאַט איינער אַליין האָט קאַלמען מאַרמאָר

צוריקגעשטעלט פאר אונדז די ייִדישע ארבעטער־דיכטונג אין אמעריקע... ער האָט מיט אויסערגעוויינלעכער מיזאמקייַט און מיט קענטעניש, צו וועלכע קיינער קאָן זיך ניט פאַרגלייַכן, געהויבן די כשיוועס פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין לאַנד, אַרויסגערוקט איר ספּעציפֿיק און איר היסטאָרישע ראָל באַם אַנטוויקלען דעם באַוווסטזייַן און זעלבסט־דערקענטעניש און ווערן א קויעך, וואָס האָט געהאָלפֿן אויסקריסטאַליזירן דאָס פּאָנעם און די פאָרם פון אונדזער לעבן אין אמעריקע".

אפילע דער „לעקסיקאָן פון דער נייַער ייִדישער ליטעראַטור" אונטער דער רעדאַקציע פון עפראַיִם אויערבאַך און מוישע שטאַרקמאַן דערציילט אין ווינטשעווסקיס ביִאָגראַפיע, אז קאַלמען מאַרמאָר האָט רעדאַגירט די צען בענדער פון מאָריס ווינטשעווסקי. אויך אין דער ביבליִאָגראַפיע וועגן ווינטשעווסקין באַנוצט זיך דער „לעקסיקאָן" מיט קוואַלן פונעם „האַמער", פון דער „מאָרגן־פרייַהייַט" — א. ביק, בער גרין אאוו.

נאָר ווען ראָזשאַנסקי קאָן „דערלאַנגען" די פּראָגרעסיווע, טוט ער דאָס מיט גרויסער האַנאָע, ווייַזט אויס. שרייַבנדיק וועגן ווינטשעווסקין, דערלויבט ער זיך אַזאַ פּאַראַגראַף: „... זייַן לעבן האָט זיך אַזוי טראַגיש געענדיקט, אז נאָך זייַן טריִומפאַלער נעסיִע איבערן ראַטנפאַרבאַנד, ווו מע האָט אים צוגעטיילט א פּערמאַנענטן מעלוכע־געהאַלט, האָט ער געליטן נויט אין ניו־יאָרק, כאָטש די ייִדקאָמוניסטן האָבן אים געהאַלטן אַף זייערע שפּאַלטן, ביז באַ זייַן לעווייַע איז דערגאַנגען צו א סקאַנדאַל", אאוו.

איך וויל זיך ניט אָפּשטעלן אַפן אויסוואַל פון מאַטעריאַלן וועגן די דרייַ פּיִאָנערן. אויך דאָ האָט ראָזשאַנסקי אַרויסגעוויזן א ניט־באַהאַוונטקייַט אין דער אמעריקאַנער ווירקלעכקייַט.

ווי באַוווסט, האָט יאַנקעוו שייפער נאָך מער פּאָפּולער געמאַכט די דערמאָנטע דיכטער מיט דער מוזיק, וואָס ער האָט געשאַפן צו זייערע לידער. האָט מען געקאָנט דערוואַרטן, אז שרייַבנדיק וועגן דער מוזיק, וואָס איז פאַראַן, וועט ראָזשאַנסקי ניט אויסמייַדן די וויכטיקע ראָל פון יאַנקעוו שייפערן.

וואָס זשע האָט ער אָבער געטאָן?

ער האָט אַרייַנגעשטעלט אינעם בוך מיכל געלבאַרטס אַן אַרטיקל וועגן דער מוזיק צו דאָוויד עדעלשטאַטס לידער. דאָס אַרטיקל איז געווען געדרוקט אינעם „עדעלשטאַט־געדענקבוך", וואָס איז דערשינען אין 1952. זיכער האָט געלבאַרט געוווסט, אז שייפער האָט געשאַפן מוזיק צו עדעלשטאַטס לידער. נאָר ער דערמאָנט ניט שייפערן מיט קיין איין וואָרט!

קוקן מיר אָבער אַרייַן אין י.־ב. ביילינס בוך „יאַנקעוו שייפער, זייַן לעבן און שאַפן" (ניו־יאָרק, 1938) און געפינען דאָרט אינפאָרמאַציע, וואָס וואָלט געווען אַזוי שטאַרק פּאַסיק פאַר אַזאַ אַנטאָלאָגיע. צו עדעלשטאַטס „דער אָוונט־גלאָק" האָט שייפער אָנגעשריבן מוזיק פאַר א כאָר נאָך אין 1916 — אַפן גרונט פונעם באַקאַנטן מאָטיוו, וואָס איז נאָך מיט א פערטל יאָרהונדערט צוריק געזונגען געוואָרן.

און פאַרוואָס האָט ראָזשאַנסקי ניט אַרייַנגעשלאָסן אין דער אַנטאָלאָגיע עדעלשטאַטס ליד „שנעל לויפן די רעדער", צו וועלכער שייפער האָט אָנגעשריבן זייַן לעצטע קאָמפּאָזיציע און וואָס ווערט געזונגען פון אונדזערע כאָרן אומעטום? און אין דעם ווינטשעווסקי־אָפּטייל האָט ער ניט אַרייַנגעשלאָסן דאָס פּאָפּולערע „א קאַמפּס־געזאַנג" („וויקלט פאַנאַנדער די פאָנען די רויטע"), צו וועלכן שייפער האָט געשאַפן אַזאַ פּראַכטפולע קאָמפּאָזיציע?

און האָט ראָזשאַנסקי בעעמעס ניט געוווסט, אז שייפער האָט געשאַפן געלונגענע מוזיק צו באָוושאָווערס „הייב אויף דייַנע אויגן, אָ, פאָלק!", וואָס איז געוואָרן פּאָפּולער אויך אין אַרגענטינע אַדאַנק דער מוזיק?

מיט וואָס קאָן זיך שמועל ראָזשאַנסקי פאַרענטפערן פאַרן ייִדישן לייענער?

י.־א. ראָנטש

(„מאָרגן־פרייַהייַט", ניו־יאָרק).

ייִדישע קונסט און ייִדישע קינסטלער

ס'איז אָנגענומען די מיינונג, אז דער אופבלי פון מאָלערייַ־קונסט און סקולפּטור באַ ייִדן אין די לעצטע הונדערט יאָר איז אינגאַנצן א נייַע דערשייַנונג, ווייַל די פּלאַסטישע קונסט איז פריִער געווען שטרענג פאַרבאָטן לויט די ייִדישע דינים. אין דער ווירקלעכקייַט האָט ניט שטענדיק געהערשט דער פאַרבאָט פון מאָלערייַ און סקולפּטור און ניט צו יעדן מין קונסט האָט ער געהאַט א שייַכעס.

די אַנטדעקונג פון די וואַנט־מאָלערייַען אין דער סינאַגאָגע אין דורא־איירָאָפּאָס, וועלכע שטאַמען פון יאָר 244, באַווייַזט, פאַרקערט, א הויך־אַנטוויקלטע מאַדרייגע און זאָגט איידעס וועגן א גאַנץ אַלטער פאַרגאַנגענהייַט אין די טראַדיציעס פון ייִדישער קונסט.

די גרויסע געמעלן אין דורא־איירָאָפּאָס שטעלן פאָר מיט זיך סצענעס פון כומעש, ווי: יאַנקעוו כאָלעם, יעציִאַס מיצראַיִם, מוישע אַפן באַרג סינייַ, די פּלישטים, דאָוויד מיט דער האַרפע, שלוימעס פּסאַק־דין, עסטער, יעכעזקלס נעוווּע אאוו. לויט דעם כאַראַקטער פון די פיגורן און לויט זייער קליידונג קאָן מען אָנעמען, אז א טייל פון די בילדער זייַנען געמאָלט פון ייִדישע קינסטלער. עס זאָגן וועגן דעם איידעס אויך די אונטערגעשריבענע נעמען אין גריכיש, — האַגאַם עס זייַנען דערבייַ געווען אויך פּערסישע און גריכישע מאָלער.

בעמעשעך פון א לענגערן פּעריִאָד, אָנהייבנדיק פון פריִען מיטלאַלטער ביז צו דער נייַער צייַט, האָט זיך, עמעס, פונדאָסנייַ אַייַנגעשטעלט די אוראַלטע קעגנערשאַפט צו פּלאַסטישער קונסט און די פולשטענדיקע באַזייַטיקונג פון מענטשלעכע געשטאַלטן. דאָס איז מינאַסטאַם שוין געווען א רעאַקציע ניט קעגן דער אַלטער געצן־מאָלערייַ מיט אירע פּרימי־

טיווע געצן־בילדער און סקולפּטורן, נאָר קעגן דעם קריסטנטום מיט זײַנע איקאָנעס און הייליקע בילדער פון מאריִע און יעזוסן.

אין אָט דעם פּעריִאָד אנטפּלעקט זיך די ייִדישע קונסט, דערהויפּט אין באפּוצן די פּארמעטענע מעגילעס מיט שיינער קאליגראפישער שריפט און די אָנהייב־בוכשטאבן אָדער שורעס מיט גאָלד און סכעמאטישע צייכנס, וואָס מיר טרעפן שפּעטער אַלץ אָפטער. אויך אָף די שארבלעטער פונעם ייִדישן געדרוקטן בוך, וואָס איז מערסטנס אויסגעפּילט דורך ייִדישע באלמעלאָכעס, באווײַזן זיך אַלץ מער און מער גראווירן און קופּערשטיך אָדער האָלץ־שניטן, באגלייט מיט איליוסטראטיווע עלעמענטן, ווי פאנטאסטישע בלומען און פלאנצן, מענוירעס, קרוגן, ארכיטעקטאָנישע אָדער סטאם געאָמעטרישע פאָרמען.

צום רײַכסטן איליוסטרירט זײַנען געווען די האַגאָדעס און מעגילעס אין פּראָג און איטאליע אין דעם XVI יאָרהונדערט. אָבער צו דער זעלבער צײַט געפינען מיר שוין אפילע גראווירטע פּאָרטרעטן — מוישע ראבייִנו מיט די לוכעס און אנדערע.

דאָס אַלץ האָט געהאט א גרויסע האשפּאָע אָף די שפּעטערע מאָלערײַען אין די ייִדישע הילצערנע שולן פונעם XVII און XVIII יאָרהונדערטער אין ווײַסרוסלאנד, פּוילן און ליטע. דאָס האָט געדינט אלס מוסטער פאר די ייִדישע מאָלער, וועלכע האָבן באדעקט די סופיטן און די ווענט מיטן גאנצן רעקוויזיט פון הייליקע קיילים פון בייסהאמיקדעש, פון די מאזאָלעס, ווי אויך פון פּאָפוגײַען, שלאנגען, קעמלען און אנדערע מעשונעדיקע כײַעס, אָדער מיט צווײַגן פונעם „אייץ־האכאיִם‟, וואָס זײַנען פארוואנדלט געוואָרן אין פאנטאסטישע אָרנאמענטן ארום אופשריפטן פון טפילעס און בראָכעס — אַלץ אין שווערע פארבן, ווי אָקער, צינאָבער, און אין לײַכטע קאלטע טענער פון בלוי און פיִאָלעט.

אָט דער דויִרעסדיקער סטיל האָט זיך געצויגן און דערגרייכט זײַן אפּאָטעאָז אין 1917 — 1920, נאָך דער רעוואָליוציע אין רוסלאנד, וועלכע האָט ברייט געעפנט די טויערן און געגעבן אלע מעגלעכקײַטן פאר נײַע אידייען און פאָרמען. דאָס האָט, אגעוו, געגעבן דעם שטויס פאר א גרעסערער גרופּע ייִדישע קינסטלער און גראפיקער, אזעלכע ווי שאגאל, ליסיצקי, ריבאק, נאטאן אלטמאן, טשײַקאָוו, אראָנסאָן און א סאך אנדערע, וועלכע האָבן געפּרווט ארײַנקוקן אין די אלטע שפּיגלען, קעדיי זיך צו דערגרונטעווען צו דער ייִדישער פאָלקס־קונסט.

אַלץ, וואָס איז פריִער געווען פולשטענדיק איגנאָרירט אָדער איז באטראכט געוואָרן אלס מינדערווערטיק, — שילדן־מאָלערײַ, בארעליעפן אָף די אלטע ייִדישע מאצייווס, טיטל־ביכער פון אלטע ייִדישע ספאָרים אאוו. — איז געוואָרן א נײַער קוואל, ווײַל דאפקע אין אָט דער „פּרימיטיווקײַט‟ און אָפּטמאָל „אומגעלומפּערטקײַט‟ האָט דער קינסטלער גאָר אנטדעקט נײַע באהאלטענע, סוידעסדיקע קויכעס, וועלכע זײַנען א סאך שטארקער און עמאָציִאָנעלער, איידער די ראפינירטע פײַנקײַטן פון דער אָפּיציִעלער סאלאָנען־קונסט.

פיל ייִדישע קינסטלער האָבן זיך געשטעלט פאר א ציל צו שאפן א ייִדישע גראפיק, וועלכע האָט געדארפט זײַן דער העמשעך פון דעם אומויסשעפּבארן קוואל פונעם אָוואר, דער איבערגאנג פון א געצוימטער ייִדישער קונסט צו אן אופגעפּראלטער פרײַער קונסט, העז אין דער פאָרם, העז אין דעם אינהאלט. און מע מוז זאָגן, אז זיי איז באלד געלונגען צו דערגרייכן דעם ציל. זייער נעשאָמע איז געווען פארכאפּט דורך דעם לעבנס־שטראָם, דורך דעם צויבער פון דער צײַט — דעם צויבער, וואָס שטעקט נאָך אדהײַעם אין די הויך־קינסטלערישע צייכענונגען, וואָס זײַנען צו יענער צײַט געשאפן געוואָרן, אזעלכע ווי שאגאלס „דער קונצנמאכער‟, ליסיצקיס „ייִנגל־צינגל־כוואט‟, נאטאן אלטמאנס מאָטיוון פון ייִדישן אָרנאמענט, און די אָנצאָליקע בלעטער פון זייערע אנדערע מײַסטער־ווערק, ניט בלויז פון ייִדישער גראפיק, נאָר פון דער הײַנטצײַטיקער גראפיק ביכלאל.

מ. באהעלפער

(„נײַע פרעסע‟, פאריזש)

פאַרשיידנס

„סטאַניסלאַוו לעם רעקאָמענדירט"

אזוי הייסט די נייַע סעריע ביכער, וואָס דער „ליטעראַרישער פאַרלאַג" אין קראָקע גרייט צום דרוק. אין דער סעריע וועלן אַריַין די פוטוראָלאָגישע און פאַנטאַסטישע ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור, וואָס סטאַניסלאַוו לעם האָט רעקאָמענדירט.

סטאַניסלאַוו לעם, דער סאַמע פּאָפּולערער פון די הײַנטצײַטיקע פּוילישע שרײַבער, איז געווען א שווייסער, אַן אווטאָמעכאַניקער, אין די סטודענטישע יאָרן האָט ער פאַרעפנטלעכט עטלעכע לירישע לידער. באַקומען א דיפּלאָם פון א דאָקטער. באַרימט איז ער געוואָרן אַלס פאַנטאַסט. פאַר צוויי און צוואַנציק יאָר האָט ער אָנגעשריבן דרײַסיק ביכער, וואָס זײַנען פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע לענדער פון דער וועלט מיט א טיראַזש פון זעקס מיליאָן עקזעמפּליאַרן.

א זינגליד, וואָס איז אַלט 3400 יאָר

א ניט געוויינלעכער קאָנצערט איז פאָרגעקומען אין איינער פון די אַאודיטאָריעס פונעם קאַליפאָרניער אוניווערסיטעט. פאַר די פאַרזאַמלטע איז אויסגעפילט געוואָרן בלויז איין זינגליד אין דער באַגלייטונג פון אַן עלפסטרונעדיקער לירע. פונדעסטוועגן האָט די אַנציקונג פון דער אַאודיטאָריע ניט געהאַט קיין גרענעץ. די סיבע איז אין דעם, וואָס די זינגליד איז געשאַפן געוואָרן מיט 3400 יאָר צוריק. דעם ליימענעם טאָוול מיט דער מעלאָדיע און טעקסט פון דער זינגליד, וואָס איז אָף אים פאַרשריבן, האָט מען געפונען בײַס די אויסגראָבונגען אין סיריע, אָף דער טעריטאָריע פון דער אוראַלטער מעלוכע אוגאַריט.

א גרופּע געלערנטע פונעם קאַליפאָרניער אוניווערסיטעט אונטער דער אָנפירונג פונעם פּראָפעסאָר ען קילמער האָט זיך אײַנגעגעבן צו דעשיפרירן די פאַרנאָטירונג פון דער מעלאָדיע. אָבער די ווערטער פון דער ליד האָט זיך, צום באַדויערן, ניט אײַנגעגעבן איבערצוזעצן. דעריבער איז אויך ניט געלונגען צו באַשטימען דעם כאַראַקטער פון דער אַלטערטימלעכער ליד, וואָס קלינגט פאַר אונדזערע מיטצײַטלער ווי א וויגליד אָדער ווי א צעצויגענע פאָלקסליד. דער פּראָפעסאָר קילמער האָפט פונדעסטוועגן צו פאַרענדיקן די איבערזעצונג אין מעשעך פונעם קומענדיקן יאָר.

די אַלטערטימלעכע קאָמפּאָזיטאָרן פון אוגאַריט האָבן אויסגענוצט די זעלבע הויפּט־גאַמע, וועלכע ווערט אָנגעווענדט אויך אין דער הײַנטצײַטיקער מוזיק. מע האַלט, אַז דער טאָוול מיט דער אוגאַריטישער זינגליד איז דער עלטסטער דענקמאָל פון פאַרשריבענער מוזיק.

די אָפּעראַציע „קידנעפּ"

דרײַ אַזייגער באַנאַכט האָט א גרילציקער קלונג פון טעלעפאָן אופגעהויבן פרידריך יאַנען פון בעט. ערשט הײַנט באַטאָג האָט דער עסטרײַכישער מיליאָנער מיט דער צונעמעניש „דער קיניג פון געבראָטענע הינדלעך" אָפּגעמערקט די פאַרברייטערונג פון זײַן „אימפּעריע" — די עפענונג פונעם 401־טן רעסטאָראַן אין דער שטאָט לינץ. דער פאָפּאַשע יאַן האָט ניט טייקעף פאַרשטאַנען, וואָס ס'האָט געטראָפן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זײַן 22־יאָריקע טאָכטער עוועלינע האָבן פאַרכאַפּט מינכענער גאַנגסטערס און פאָדערן פאַר איר באַפרײַונג ניט מער און ניט ווייניקער ווי דרײַ מיליאָן מאַרק.

עפּעס א טיף מיט א שטאַרקן באַוואַרער אַקצענט האָט דורכן טעלעפאָן אַרויסגעשטעלט די אולטימאַטיווע פאָדערונגען: דרײַ מיליאָן מיט קופּיורן פון טויזנט, פינף הונדערט און הונדערט מאַרק. דער טערמין פונעם אולטימאַטום ענדיקט זיך אין צוועלף שאָ אַרום.

נאָכדעם האָט זיך אינעם טרײַבל דערהערט עוועלינעס פאַרוויינטע שטים, פאַרשריבן אָף א טאַשמע. די טאָכטער האָט שטאַרק געבעטן דעם פאָטער, ער זאָל באַצאָלן די סומע, וואָס מע פאָדערט פאַר איר אויסקויף, און ניט מיטיילן דער פּאָליציי. „דער קיניג פון די געבראָטענע הינדלעך", ווי ס'שרײַבן די עסטרײַכישע צײַטונגען, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס א געטרײַער פאָטער און האָט אָן וואַקלונגען באַצאָלט די סומע, וואָס מ'האָט געפאָדערט פאַר דער טאָכטער. עוועלינע איז באַפרײַט געוואָרן, און די גאַנגסטערס מיט זייער רויב זײַנען פאַרשוווּנדן, ניט איבערלאָזנדיק קיין שום שפּורן.

אָף דער שפּראַך פון די אַמעריקאַנער און מײַרעוו־אייראָפּעיִשע קרימינאַליסטן האָבן אַזאַ מין פאַרברעכנס באַקומען דעם ענגלישן נאָמען „קידנעפּ", וואָס באַטײַט פאַרכאַפּן מענטשן, כּדי באַקומען פאַר זיי אויסקויף־געלט.

די צאָל פון אַזעלכע פאַלן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז באַדראָענדיק אויסגעוואַקסן. אין איטאַליע, צום בײַשפּיל, זײַנען פונעם 1960 ביזן 1973 יאָר פאַרכאַפּט געוואָרן 318 מענטשן. 310 פון זיי זײַנען אויסגעקויפט געוואָרן פאַר א סומע פון 15 מיליאַרד ליר, 8 מענטשן האָט מען געהאַרגעט. בלויז אין 130 פאַלן האָט זיך אײַנגעגעבן פאַרהאַלטן די גאַנגסטערס.

ס'ווערט פאַרגרעסערט ניט נאָר די צאָל פאַרברעכנס, נאָר די אויסקויף־טאַקסעס. א רעקאָרד אין דער הינזיכט האָט געשטעלט ווידעראַמאָל אַן איטאַליענישע גאַנגסטער־באַנדע, וואָס האָט באַקומען פאַרן מײַלאַנער פּעטראָ טאָריִעלי איין מיליאַרד 250 מיליאָן ליר.

„דאָס פאַרכאַפּן מענטשן, כּדי באַקומען אויסקויף־געלט, איז עפּשער די העכסטע „דערגרייכונג" פונעם הײַנטצײַטיקן גאַנגסטעריזם", — שרײַבט די איטאַליענישע צײַטונג „פּאַעזע סעראַ". אָט די באַנדעס זײַנען קאָמפּלעקטירט פון גאָר „געהויבענע" פאַרברעכער, וואָס פאַרמאָגן א סאָלידן „סטאַזש" פון אַזאַ „אַרבעט". זיי זײַנען גוט באַוואָפנט, גוט אויסגעניִבט צו שיסן אין באַוועגלעכע צילן, זיי פאָרן אַרום אָף אווטאָמאַשינעס. ניט קיין קליינע ראָל אינעם דערפאָלג פון אַזאַ סאָרט אָפּעראַציעס שפּילן די פאַרבינדונגען פון די פאַרברעכער מיט דער פּאָליציי, — שרײַבט די רוימישע צײַטונג.

ר. סאַמאָילאָוו („וועטשערניאַיאַ מאָסקוואַ")

די נײַע שטאָט באַוול

די שטאָט באַוול איז צווישן דעם 1894 און 538 יאָר פאַר אונדזער ערע געווען די הויפּטשטאָט פון דער באַוולשער מעלוכע און אויך דער עקאָנאָמישער און קולטורעלער צענטער פון פאָדער־אַזיע. די איראַקישע רעגירונג האָט איצט באַשטימט אופשטעלן די וויכטיקסטע געבײַדעס פון אָט דער אַלטערטימלעכער שטאָט.

ווי ס'איז געמאָלדן געוואָרן אין באַגדאַד, וועלן קיין איראַק אײַנגעלאַדן ווערן די אָנגעזעענסטע אַרכעאָלאָגן פון א סאַך לענדער, קעדיי אָנטיילצונעמען אינעם אופשטעלן אָט דעם אומשאַצבאַרן דענקמאָל פונעם אַלטערטום. לויט די געמעלן, וואָס זײַנען צו אונדז דערגאַנגען פונעם טיפן אוראַלט, ווערט פאַרויסגעזען צו רעסטאַווירן פיל געבײַדעס פון דער שטאָט, צווישן זיי אויך דעם באַוולטורעם, פון וועלכן ס'איז געבליבן בלויז דער פונדאַמענט.

א געפינס אין א סייף

אינעם אַנאַטאָמישן אינסטיטוט אין אָסלאָ, אין איינעם פון די שטאָלענע סייפן פאַר וויכטיקע דאָקומענטן, האָט מען געפונען... דעם מאַנוסקריפּט „די ווידע פון א טיפּעש", וואָס עס האָט אין 1887 — 1888 יאָרן אָנגעשריבן דער קלאַסיקער פון דער שוועדישער ליטעראַטור א. סטרינדבערג. פאַרן אָפּדרוקן איז דער בוך דורכגעגאַנגען א שטרענגע צענזור. מע האַלט, אַז די ווערט פונעם געפינס איז ניט איבערצושאַצן, ווײַל אין דער שוועדישער קלאַסישער ליטעראַטור איז ניט פאַראַן קיין גרעסערע פיגור ווי א. סטרינדבערג. אינטערעסאַנט, אַז זײַנערצײַט האָט מען א. סטרינדבערגן אַרויסגעשטעלט אַלס קאַנדידאַט אָף צו באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע. אָבער פאַר די הויכגעשטעלטע הערן פון דער שוועדישער אַקאַדעמיע זײַנען ניט געווען אַנעמבאַר די סאָציאַלע אַספּעקטן און די קריטיק פון דער געזעלשאַפט אין סטרינדבערגס ווערק. דער גרעסטער שוועדישער קלאַסיקער איז טאַקע ניט געוואָרן קיין נאָבעל־לאַורעאַט.

ווי עס טיילן מיט די צײַטונגען, האָט בעדייע דער פּראָפעסאָר פון ליטעראַטור פונעם געטעבאָרגער אוניווערסיטעט ע. לינדבערגער פאַרעפנטלעכן סטרינדבערגס ראָמאַן אַזוי, ווי דער אַוטאָר האָט אים אָנגעשריבן.

מ. זובקאָ („איזוועסטיא")

דער גורל פון ווענעציע

ווי מיר האָבן שוין געשריבן אין אונדזער זשורנאַל, איז די געזעלשאַפטלעכקײַט און די רעגירונגען פון א סאַך לענדער באַאומרויִקט צוליב דער געפאַר, וואָס באַדראָעט ווענעציע — דעם פּערל פון דער וועלט־ציוויליזאַציע. שוין מער פון א יאָר, ווי די איטאַליענישע רעגירונג האָט אָנגענומען א ספּעציעלן געזעץ וועגן די אויסעראָרדנטלעכע מאָסמיטלען אָף ראַטעווען ווענעציע.

דער געזעץ האָט פאָרויסגעזען גרויסע אַסיגנירונגען אָף פאַרהיטן די שטאָט: 300 מיליאַרד ליר אָף די יאָרן 1973 — 1977. לויטן באַשלוס פון יונעסקאָ האָט איטאַליע אָף אָט דעם צוועק באַקומען צווישנפעלקערלעכע קרעדיטן. אינעם ערשטן יאָר האָט מען געדאַרפט אויסגעבן 25 מיליאַרד ליד, ס'איז אָבער ניט אויסגענוצט געוואָרן קיין איין ליר. א גאַנץ יאָר איז אַוועק אָף „קאָנטאַקטירן", זיך צונויפרײדן.

דערווײַל קומען צו צו דער צעשטערערישער טעטיקײַט פון דער נאַטור הײַנטצײַטיקע צעשטערערישע פאַקטאָרן, וועלכע עס שאַפט דער מענטש גופא. די נאַפט־כימישע קאָמפּלעקסן אין מאַרגער, לעבן ווענעציע, האַלטן אין איין אָפּסאַמען די לאַגונע און די לופט איבער דער שטאָט. די פלאָרע און פאוגע פון דער לאַגונע ווערן אָפּגעטייט דורך די אָפּפאַלן פון טאָגן שעדלעכע זאַלצן.

דער סענאַטאָר סאַרטי, וואָס פאַרנעמט זיך מיט די פּראָבלעמען פון ווענעציע, האָט איינמאָל געזאָגט: „מע קאָן ראַטעווען ווענעציע, פאַרניכטנדיק די ווענעציאַנער, אָדער ראַטעווען די ווענעציאַנער, פאַרניכטנדיק ווענעציע".

דער זין פון אָט דעם פּאַראַדאָקס באַשטייט אין דעם, וואָס די אײַנוווינער פון ווענעציע זײַנען בלוטיק פאַרינטערעסירט אין דער אינדוסטריע, וואָס איז אופגעקומען דאָ ניט ווײַט אָף דער „גרויסער ערד", בלויז דאָרט קאָנען זיי געפינען אַרבעט און עקזיסטענץ־מיטלען. אין דער ווירקלעכקײַט אָבער איז קיין דילעמע ניט פאַראַן. די איטאַליענישע פּרעסע שרײַבט, אַז מע קאָן אָפּשטעלן דעם וווּקס פון די אונטערנעמונגען אין מאַרגעט, אויב דאָס ווידערשפּרעכט די אינטערעסן פון ראַטעווען ווענעציע.

פאַרנדיק מיטן גרויסן קאַנאַל, קאָן מען זען עטלעכע פּאַלאַצן און טעמפּלען אין רישטעוואַניעס. עפּעס־וואָס ווערט פונדעסטוועגן געטאָן. ס'ווײַזט זיך אָבער אַרויס, אַז די אַרבעט ווערט געפירט לויט דער איניציאַטיוו און אָפּן כעזשבן פון ספּעציעלע קאָמיטעטן און פּריוואַטע פאָנדן פון אַנדערע לענדער — פראַנקרײַך, ענגלאַנד, דײַטשישע פעדעראַטיווע רעפּובליק, אַפילע פון אויסטראַליע.

לויט וו. אַרדאַטאָווסקיס נאָטיץ אין „איזוועסטיא"

דער צווייטער קורבן פון פּאָמפּיי

מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק, ווען די שטאָט פּאָמפּיי האָט זיך אָקאָרשט אָנגעהויבן באַווײַזן פון אונטער די שיכטן ווולקאַנישער לאַווע, האָבן אָף די גראָבונגען געאַרבעט דרײַסיק מענטשן. הײַנט־צו־טאָג זײַנען פונקט אַזויפיל מענטשן פאַרנומען בא דער אַרבעט אָף אײַנהיטן די גיגאַנטישע טויטע שטאָט. פּאָמפּיי לײַדט פון די מענגעס טוריסטן, וועלכע סטאַרען זיך עפּעס־וואָס מיטנעמען מיט זיך „אָף אָן אָנדענק". די סאַמע ווערטפולע פּרעסקעס פירט מען אַריבער אין די נעאַפּאָלער מוזייען.

ווי ס'האָט געמאָלדן די אַדמיניסטראַציע, קלעקן ניט די מיטלען, וואָס ווערן אויסגעטיילט אָף אויסהאַלטן איינעם פון די גרעסטע דענקמעלער פונעם אַלטערטום, אַפילע אָף אויספּאָלען דאָס ווילדגראָז. די ביזנעסמענער האָבן הארט בא די ווענט פון דער אוראַלטער שטאָט אויסגעבויט געשמאַקלאָזע ריזיקע האָטעלן און ווין־הײַזער. אין צוואַנציק אָדער דרײַסיק יאָר אַרום וועט פּאָמפּיי כאַרעוו ווערן, און שוין אָף שטענדיק, — האָט געמאָלדן דער דעפּוטאַט פון פּאַרלאַמענט עדאַרדאָ ספּעראַנצא.

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

כאַיִם סולער נעמט זיך אָן די קריוודע פונעם ציִעניזם

אין יון־נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַר הײַנטיקס יאָר האָט נ. ריכטער פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן דעם 17־טן צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ייִסראָעל, אין וועלכן ס'איז באַטאָנט דער באַשײַמפּערלעכער פאַקט, אַז די ציִעניסטן גייען אין זייער אַנטיסאָוועטישער טעטיקײַט האַנט בא האַנט מיט די סאַמע רעאַקציאָנערע קרעפטן.

אָט די באַהויפּטונג האָט אַרויסגערופן אַן אויסברוך פון קאַס באַם מיטרעדאַקטאָר פון דער ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרײַהײַט" כאַיִם סולער. אין זײַנעם א וועכנטלעכן איבערזיכט אין דער צײַטונג האָט ער ניט געקאָנט צוימען די נערוון און איז אַרויס מיט אַזאַ מין לאָשן: „מיר האַלטן, אַז אַזוי אַוועקשטעלן די פראַגע וועגן דעם מעהוס, וועגן דעם כאַראַקטער פונעם ציִעניזם איז מאַמעש פאַרברעכעריש און שפּילט נאָר אַרײַן אין די הענט פון ציִעניסטן"... דאָס געזאָגטע וועגן דער אַנטיסאָוועטישער טעטיקײַט פון די ציִעניסטן האַנט בא האַנט מיט די סאַמע רעאַקציאָנערע קרעפטן רופט סולער אָן — „אויסטראַכטן ווילדע זאַכן וועגן דעם ציִעניזם..."

לאָמיר גלײַך אָפּמערקן, אַז עס איז ניט נייטיק אויפצוקלערן כ. סולערן דעם פאַרשטענדלעכן פאַר יעדן איינעם עמעסן מיין פון דער דערמאָנטער שטעל אין נ. ריכטערס אַרטיקל. סולער ווייסט גאַנץ גוט, אַז ניט אין אַקאַדעמישע דעפיניציעס פונעם מעהוס פון ציִעניזם גייט דאָ. לעבנדיק אין ניו־יאָרק, איז ער אויך געווען ניט איין מאָל אַן איידעס פון די שענדלעכע מײַסים, וועלכע ס'נעמען פאָר די ציִעניסטן אָף צו באַשמוצן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

סולערן גרילצט אין די אויערן, ווען מע זאָגט דעם עמעס וועגן ציִעניזם. אָנווענדנדיק די פאָרמול וועגן „גוטע" און „שלעכטע" ציִעניסטן, רוקט ער אַרויס אַזעלכע לעכערלעכע „אַרגומענטן", ווי — „די ציִעניסטישע באַוועגונג איז געגרינדעט געוואָרן, איידער עס איז אויפגעקומען דער סאָוועטנפאַרבאַנד" (און דאָס דאַרף באַטײַטן, אַז זי איז „עפּעס מער", איידער אַן אַנטיסאָוועטישע באַוועגונג...), און — „עס זײַנען דאָ ציִעניסטן, וואָס האַלטן זיך אויך פאַר סאָציאַליסטן" (איז עס, הייסט עס, א באַווײַז, אַז זיי וועלן ניט גיין פאַרנעמען זיך מיט אַנטיסאָוועטיזם...).

סולער וואָלט עפּשער אײַנגעגאַנגען אָף דעם, אַז ציִעניסטן זײַנען אומפרײַנט בענעגייע דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, אָבער בא איין באַדינג — מע זאָל זיך דורכגיין איבער זייערע רייען און אָפּטיילן דעם „גוטן" ציִעניסט פון דעם „שלעכטן", דה. דעם ציִעניסט, וואָס איז איבער געוויסע סיבעס סולערן צום האַרצן, און דעם, וואָס האָט ניט אין זיך גאָרניט פּאָזיטיווס, לויט סולערן. דער אומגליק איז אָבער, וואָס סולערס אָפּשאַצונגען פון „גוטע מידעס" אינעם „שלעכטן ציִעניזם" זײַנען, פון אונדזער שטאַנדפּונקט, סוביעקטיווע, דער צוגאַנג — ניט קיין וויסנשאַפטלעכער, א מײַלנווײַטער פונעם מאַרקסיסטישן, און דאָס איז די סיבע, פאַרוואָס די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" קאָן ניט מאַסקים זײַן מיט כאַיִם סולערס דערווידערונגען קעגן נ. ריכטערס אָפּשאַצונג פון דער שענדלעכער ראָל פון די ציִעניסטן אין די אַנטיסאָוועטישע קאַמפּאַניעס.

און וואָס איז שײַעך דעם טאָן פון סולערס אַרויסטרעטונג אין זײַן וועכנטלעכן איבערזיכט אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט", איז דאָ צום אָרט אייצענען סולערן, ער זאָל זיך פאַרטראַכטן וועגן דעם, צי ס'איז ניט מעגלעך אָנמעסטן אָף זײַן אייגענער פּאָזיציע די ווערטער זײַנע: „...אַזוי אַוועקשטעלן די פראַגע... איז מאַמעש פאַרברעכעריש און שפּילט אַרײַן אין די הענט פון ציִעניסטן".

מענטשן=רעכט... אָף מעזוזעס

סאָפּקאָלסאָף האָט זיך אין ייִסראָעל אָפּגעזוכט כאָטש א שטיקל פּראָבלעם (אַניט קאָן מען מיינען, אורטיילנדיק לויט געוויסע ייִדישע צײַטונגען פון דער מעדינע גופע און פון כוץ־לעאָרעץ, אַז אין ייִסראָעל איז אַלץ ווי גאָט האָט געבאָטן — ניטאָ קיין אַרבעטסלאָזיקײַט, ניטאָ קיין פאַרברעכערישקײַט, ניטאָ קיין אָרעם און רײַך...). וואָס זשע איז עס פאַר א פּראָבלעם אינמיטנדערינען?

איינער אַן אײַנוווינער פון לאָד האָט אַנומלטן דערזען, אַז די מעזוזע בא אים אין שטוב איז, באַהיט זאָל מען ווערן, א פאַלשע. האָט ער עס דערציילט דעם כאָסיד יאַנקעוו רייניץ, און יענער איז צוזאַמען מיט זײַנע קאָלעגן־כסידים אַוועק איבער די הײַזער און דאָרט אויפגעדעקט הונדערטער פאַלשע מעזוזעס. וועגן דעם לייענען מיר איצט אין דער ייִסראָעל־פּרעסע.

די כסידים האָבן זיך דערמאָנט, אַז אין דער ייִסראָעלדיקער רעגירונג איז פאַראַן א „מיניסטער אָן א פּאָרטפעל", די פרוי שולאַמיס אַלאָני, וואָס סײַ איר וואַל־רעשימע אין קנעסעט, סײַ זי אַליין, די פרוי מיניסטער אָן א פּאָרטפעל, רופן זיך קעמפער פאַר בירגער־רעכט.

ווי עס איז צו זען פונעם בריוו, וואָס פרוי אַלאָני האָט אָפּגעשיקט די כסידים פון לאָד, האָבן די קעמפער פאַר בירגער־רעכט אין דער ייִסראָעלדיקער רעגירונגס־קאָאַליציע אויפגענומען דעם פאַל מיט די פאַלשע מעזוזעס ווי א סיגנאַל אַרויסצוווײַזן זייער ענערגיע. באַרעכנט אַליין: ביז דער כאָסיד יאַנקעוו רייניץ האָט זיך דערבאַרעמט אָף זיי, זײַנען אָט די קעמפער געזעסן אָן א שטאָך אַרבעט: אַלע בירגער־רעכט אין ייִסראָעל זײַנען גוט באַוואָרנט, ס'איז ניטאָ קיין ראַסן־אונטערדריקונג, קיין אַדמיניסטראַטיווע אַרעסטן, קיין צושמידונגס־געזעצן, — מאַמעש ניטאָ וואָס צו באַקעמפן...

איצט וועט מען, אימירצעשעם, אויך אופשטעלן די רעכט פון יעדן בירגער פון ייִסראָעל — אַרײַנגערעכנט די, וואָס האָבן ניט קיין שטוב ווו צו וווינען, — זיי זאָלן האָבן אַלס פּריוואַט־אייגנטום עכטע, ניט קיין פאַלשע מעזוזעס...

● ● ●

שרײַבער און ווערק

נאָטיצן אפֿן קאַלענדאַר

מיט 220 יאָר צוריק איז אין ליטע געבוירן געוואָרן דער באַקאַנטער דענקער און שרײַבער שלוימע מײַמאָן.

שלוימע מײַמאָן איז אין XVIII יה. געווען ברייט באַוווּסט אַלס א געלערנטער, וואָס פאַרנעמט א בעקאָוועדיק אָרט אין דער דײַטשישער קלאַסישער ליטעראַטור. זײַן אויטאָביִאָגראַפיע איז דורך די הויכגעבילדעטע מענטשן פון דײַטשלאַנד געשעצט געוואָרן אף איין ניוואָ מיט רוסאָס „ווידוי".

שלוימע האָט אין דער יוגנט געטרוימט צו שטודירן מעדיצין. מיט גרויסע שוועריקײַטן געקומען קיין בערלין, האָט ער זיך באַקאַנט מיטן גרונטלייגער פון דער האַסקאָלע מוישע מענדעלסאָן. דעם געדאַנק וועגן שטודירן מעדיצין האָט שלוימע מײַמאָן דעמלט פאַרלאָזט, ער האָט זיך גענומען צו פילאָסאָפיע און פיזיק, שטודירט לאַטײַן און פראַנצויזיש, אַרויסגעוויזן גרויסע פייִקײַטן אין מאַטעמאַטיק. נאָך איידער ער איז געקומען קיין בערלין, האָט ער אופמערקזאַם שטודירט דעם ראַמבאַמס בוך „מוירע־נעוווּכים", וואָס האָט געמאַכט אף אים א שטאַרקן אײַנדרוק. אין בערלין האָט ער שטודירט קאַנטס ווערק „די קריטיק פונעם ריינעם פאַרנונפט". זײַנע פילאָסאָפישע אָנשויונגען האָט שלוימע מײַמאָן באַשריבן אינעם ווערק „א פרווו פון א טראַנסצעדענטאַלער פילאָסאָפיע". ווען קאַנט האָט איבערגעלייענט מײַמאָנס ווערק, האָט ער דאָס הויך אָפּגעשאַצט און האָט אים געייצעט אַרויסגעבן דאָס ווערק אין א באַזונדער בוך. אין 1790 איז דאָס בוך דערשינען. פון דעמלט אָן איז מײַמאָן געוואָרן אַן אָנגעזעענער פילאָסאָפישער שרײַבער, מיט אים האָבן זיך פאַראינטערעסירט געטע און שילער.

אין 1792 איז אין בערלין דערשינען מײַמאָנס אויטאָביִאָגראַפיע אין 2 בענדער אונטערן נאָמען „שלוימע מײַמאָנס לעבנס־געשיכטע" (פאַראַן אויך א העברעיִשע איבערזעצונג). מיט א יאָר פריִער (אין 1791) איז אין בערלין אַרויס פון דרוק אין העברעיִש מײַמאָנס קאָמענטאַר צום ראַמבאַמס „מוירע־נעוווּכים". פאַקטיש איז דאָס ניט קיין קאָמענטאַר, נאָר א ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג פון די פּראָבלעמען פון דער דערקענטעניש־טעאָריע, איבערגעגעבן אין גײַסט פון קאַנטס טעאָריע.

שלוימע מײַמאָן איז געשטאָרבן דעם 22 נאָיאַבער 1800 אין ניידערזיגערסדאָרף, לעבן פרײַשטאַט (נידערשלעזיען) און איז געבראַכט געוואָרן צו קווורע אפן ייִדישן בעסוילעם אין דער שטאָט גלאָגוו.

מיט 100 יאָר צוריק איז אין דאָרף בראָזשע, ניט ווײַט פון באָברויסק, געבוירן געוואָרן דער דיכטער און זשורנאַליסט—מענדל עלקין.

מ. עלקין האָט א סאַך געשריבן וועגן טעאַטער. אין 1912 האָט ער צוזאַמען מיט א. קירזשניצן רעדאַגירט דעם „באָברויסקער וואָכנבלאַט", געגרינדעט אין באָברויסק א פאַרלאַג אונטערן נאָמען „מענאַכעם" און אַרויסגעגעבן די ווערק פון זײַן נאָענטן פרײַנט פערעץ הירשביין „מײַן בוך" און „די פוסטע קרעטשמע".

עלקין האָט א יאָר 10 — 12 געשפּילט אין ייִדישן טעאַטער אַלס ליבהאָבער, געווען אויך רעזשיסער אין דער טרופּע פון סעם אַדלער (קיִעוו). אפן דריטן צוזאַמענפאָר פון די ייִדישע אַרטיסטן אין פּוילן, אין סענטיאַבער 1921, איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאַרזיצער פונעם ייִדישן אַרטיסטן־פאַריין. צוזאַמען מיטן דר. י. שיפּער און דר. מ. ווײַכערט האָט ער רעדאַגירט דעם זשורנאַל „ייִדיש טעאַטער".

אין 1923 האָט עלקין איסגע־
וואנדערט קיין אמעריקע, ווו ער
האָט באנאנד מיט דר. מוקדוני
רעדאגירט דעם אָרגאַן פון דער
יידישער טעאטער־געזעלשאפט
„טעאליט". ווען די געזעלשאפט
איז ליקווידירט געוואָרן, איז ער
אריַין אין דער גרופּע פון דאַוויד
פינסקי, פּערעץ הירשביין, ה. לייַ־
וויק, וואָס האָבן אָנגעפירט מיטן
יידישן קונסט־טעאטער.

זייַנע ארטיקלען וועגן טעאטער־
פּראגן און די בעלעטריסטישע
ווערק האָט מ. עלקין געדרוקט
אין פיל צייַטשריפטן. אין נומ.
1000 פון „ווילנער טאָג" איז פאַר־
עפנטלעכט געוואָרן זייַנע א
פּאָעמע, אין זשורנאל „צוקונפט" —
די פּאָעמע „דער שאמאן". עלקין
איז דער אוטאָר פון א היפשער
צאָל מאָנאָגראפיעס וועגן יידישע
ארטיסטן און מוזיקער, אויך פון
איינאקטערס, וועלכע זייַנען אופ־
געפירט געוואָרן אין פּעטערבורג
אין 1917.

צו זייַן 60־טן געבורטסטאָג איז
אין ניו־יאָרק ארויס א מענדל־
עלקין־בוך מיט ארטיקלען און
זיכרוינעס פון אווראָם רייזען,
ש. ניגער, ד. פינסקי, פּ. הירש־
ביין, מיט לידער פון ה. לייוויק
אא.

מענדל עלקין איז געשטאָרבן
דעם 22 אפּרעל 1962 אין ניו־
יאָרק.

היַינטיקן כוידעש ווערט אלט
70 יאָר דער אוקראַיִנישער סאָ־
וועטישער דיכטער מיקאָלא באַ־
זשאַן.

מ. באזשאַן איז געבוירן גע־
וואָרן אין קאמענעץ־פּאָדאָלסק.
דרוקן האָט ער זיך אָנגעהויבן

אין 1923 אין דער צייַטונג „באָל־
שעוויק". ער איז דער אוטאָר
פון דער ברייט באקאנטער טרי־
לאָגיע „אומשטערבלעכקייַט"
(וועגן ס. מ. קיראָוון, 1937), פון
די פּאָעמעס „טאטעס און קינ־
דער" (1938), „די מוטער" (1939).
ער האָט אָנגעשריבן היפש ווערק
וועגן פעלקער־פרייַנטשאפט („באַ־
ריסלאַוווער דערציילונגען",
„יאמבן" אא., 1939 — 1940).

אין 1942 — 1943 איז דערשי־
נען מ. באזשאנס א בוך לידער
וועגן דעם העראָיִזם פון די סאָ־
וועטישע שלאכטלייַט אפן סטא־
לינגראדער פראָנט. זייַן ליד „די
שווּוּע" איז געוואָרן דער שלאכט־
הימן פונעם אוקראַיִנישן פאָלק.
אין 1942 שרייַבט ער אָן די היס־
טאָרישע פּאָעמע וועגן די קאמפן
פונעם אוקראַיִנישן פאָלק פאַר
פרייַהייט — „דאניִיל גאַליצקי".
מ. באזשאנס ווערק פון די מיל־
כאָמע־יאָרן („די שווּוּע", „דאַ־
ניִיל גאַליצקי", „דאָס סטאַלינגראַ־
דער העפט") איז אָפּגעמערקט
געוואָרן מיט דער מעלוכע־פּרע־
מיע.

אינעם ציקל לידער „קיִעווער
עטיודן" (1945) דערציילט דער
אוטאָר וועגן דער באפרייַונג פון
קיִעוו פון אונטער דער דייַטשיש־
פאשיסטישער אָקופּאציע. דער ליַי־
דער־ציקל פון 1949 „ענגלישע
אייַנדרוקן" איז דורכגעדרונגען
מיט די אידייען פון קאמף פון
די פעלקער פאַר שאָלעם, קעגן
די מילכאָמע־אונטערצינדער. דער
אוטאָר מאָלט די סימפּאטיעס פּו־
נעם ענגלישן פאָלק צו די פּאָ־
שעטע מענטשן פונעם לאַנד פון
סאָציאַליזם.

הויכע מוסטערן פון פּאָעזיע
זייַנען געגעבן אין באזשאנס לי־
דער „באם ספּאסקער טורעם" און
„מיצקעוויטש אין אָדעס". די
הויפּט־טעמע איז אויך דאָ פעל־
קער־פרייַנטשאפט.

מ. באזשאן האָט איבערגעזעצט
אף אוקראַיִניש שאָטא רוסטאווע־
ליס פּאָעמע „דער גיבער אין א
טיגער־פעל" (1937), דאַוויד גוראַ־
מישווויליס „דאַוויטיאַני" (1950),
פיל ווערק פון אלישער נאוואָי,
א. פושקין, וו. מאיאָקאָווסקי און
פון די הייַנטיקע רוסישע און
גרוזינישע דיכטער.

באזשאנס לידער צייכנענען זיך
אויס מיט טיפקייַט פונעם געדאנק,
מיט פילאָסאָפישע פאראלגעמיי־
נערונגען און פּאָליטישער שאַרפ־
קייַט.

מ. באזשאן האָט אויך אָנגע־
שריבן דאָס אריַינפיר־ארטיקל צו
דער צווייטער זעקסבענדיקער
איסגאבע פון שאָלעם־אליי כעמס
ווערק אף רוסיש.

■ ■ ■

כאַווײרים מײַנע!

ווערטער פון ארן ווערגעליס

מוזיק פון סערגיי טשעבאָטאַריאָוו





כאווירים מײַנע! זעלנער פונעם שטרײַט!
די פינף און צוואנציק יאָר פון אונדזער יוגנט —
זיי ווערן הײַנט געפּרוווט מיט נאָך איין טויט.
די ערשטע ליבע אונדזערע זיך שפּיגלט
ניט אינעם פרישן וואסער פונעם טײַכל.
ניט אין די בלויע הימלען אונדזער ליבע,
נאָר אין צעגליטן אײַזן פון דער ביקס.
ווו זײַנען זיי, די מאמעס און די טאטעס?
די כופּע שטייט אינמיטן שלאַכט בא אונדז,
און אינעם פײַער לעבן מיר א לעבן
אין דער מינוט, ווען אייביק איז די ליבע.

כאווירים מײַנע! זעלנער פונעם שטרײַט!
מיר ליגן אונטער הימלען אין טראנשייען.
דאָס הארץ געלײַטערט, הייליק איז די ליבע.
כאווירים מײַנע! זעלנער פונעם שטרײַט!
די פינף און צוואנציק יאָר פון אונדזער יוגנט —
זיי ווערן געפּרוווט מיט נאָך איין טויט.
און ווו געוועזן מיר זײַנען, שײַנט די זון,
און ווו מיר זײַנען דאָ, איז גליק און ליידן.
עס לעבט די גרויסע ליבע, קלאַפּט אין הארצן —
די ליבע אין טראנשיי.

БЕСЕДЫ В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

דויערדיקע און מאָמענטאַלע ווערבן[1]

א סאך ווערבן האָבן פאָרמעס, וואָס ווײַזן דעם דויער פון דער טוונג[2]. פאַרגלײַכט לעמאָשל:

קוקן[3]	האלטן[4] אין קוקן	א קוק טאָן (געבן)[5]
שטופן[6]	האלטן אין שטופן	א שטופּ טאָן (געבן)[7]

די ווערבן רעכטס[8] ווײַזן א טוונג סטאַם[9]. אינמיטן[10] ווײַזן די ווערבן **דויערדיקע** טוונגען, און לינקס[11] — טוונגען, וואָס קומען פאָר[12] **מאָמענטאַל**.

די סטרוקטור פון א **דויערדיקן** ווערב איז הילפוווערב „האלטן" + פּרעפּאָזיציע „אין" + אן אינפיניטיוו, וואָס ווײַזט די טוונג. ווען מע וויל די דויערדיקײַט פון דער טוונג נאָך מער פאַרשטאַרקן[13], שטעלט מען פאַרן אינפיניטיוו ארײַן דאָס וואָרט „איין". לעמאָשל: ער האלט אין איין קוקן, ער האלט אין איין שטופן. זי (די מאמע) האלט אין איין יאָמערן[14] און אין איין כאלעשן[15] בא מײַן ברודער עליע אף די הענט (**שאָלעם-אליי כעם**). בוני די קעכן[16] האָט געהאלטן אין איין בלאָזן[17] (**ד. בערגעלסאָן**).

די סטרוקטור פון א **מאָמענטאַלן** ווערב איז הילפוווערב „טאָן" אָדער „געבן" + ארטיקל „א" + א סובסטאַנטיוו, וואָס ווײַזט די טוונג. דערבײַ קאָן דער סובסטאַנטיוו יאָ אָדער ניט צונויפפאלן[18] מיט דער ווערבאלער באַזע. לעמאָשל:

פאלן צונויף	פאלן ניט צונויף
איך נעם — איך טו (גיב) א נעם.	איך וואַרף[19] — איך טו (גיב) א וואָרף.
איך זאָג — איך טו (גיב) א זאָג.	איך שרײַ[20] — איך טו (גיב) א געשריי.

טיילמאָל קומט א מאָמענטאַלער ווערב מיטן הילפוווערב „כאפּן". לעמאָשל: דערבײַ[21] כאפּט זי (די מאמע) דערווײַל[22] א ווײן און א וויש די אויגן[23] (**שאָלעם-אליי כעם**). זײַנע אויגן כאפּן א גנייווישן קוק פון אונטערן שטערן[24] (**ד. בערגעלסאָן**).

דער מאָמענטאַלער ווערב קאָן קומען אין אלע צײַטן: אין קעגנוואַרט, ווי אין די פּאַריקע בײַשפּילן, אין פאַרגאַנגענהײַט (איך האָב א נעם געטאָן, א וואָרף געטאָן), אין צוקונפט (איך וועל א נעם טאָן, א וואָרף טאָן) און אויך אין דער פּילמאָליקער פאַרגאַנגענהײַט: איך פלעג א נעם טאָן, א וואָרף טאָן[25].

Перевод: 1) длительные и мгновенные глаголы; 2) продолжительность действия; 3) смотреть, глядеть; 4) держать; 5) посмотреть, взглянуть; 6) толкать; 7) толкнуть; 8) справа; 9) вообще — без определенного видового значения; 10) в середине; 11) слева; 12) происходят; 13) усилить; 14) вопить, стенать; 15) падать в обморок; 16) кухарка Буня; 17) дуть (только одно и делала — дула); 18) совпасть, совпадать; 19) бросаю; 20) кричу; 21) при этом; 22) пока; 23) «вейн» — от «вейнэн» — плакать; «виш» — от «вишн» — вытирать; 24) воровской взгляд из-под лба; 25) в этих примерах многократное прошедшее мгновенного (одократного) вида обозначает мгновенное действие, повторявшееся много раз.

ווען א מאָמענטאַלער ווערב איז מיט א צוגאָב, קומט דער צוגאָב באַזונדער, נאָך דעם ווערבאלן סובסטאַנטיוו. לעמאָשל: דערנאָך גיט ער זיך פלוצעם א **שטעל אויף**[1] (**מענדעלע**). איך טו זיך א **רײַס אויס**[2] (**שאָלעם-אליי כעם**). דער היפּשער אוילעם[3] ארום דער פאַרמאכטער קאַרעטע[4] האָט זיך געגעבן א **רוק אָפּ**[5], זיך געטאָן א **מיש אויס**[6] (**ד. בערגעלסאָן**).

דער ווערבאלער סובסטאַנטיוו פון א מאָמענטאַלן ווערב קאָן האָבן אדיעקטיוון[7]. לעמאָשל: א גוטע קאָווענע אז מע טוט א **רעכטן**[8] **טרייסל**[9], טוען די קערלעך[10] א פאַל ארויס[11] (**שאָלעם-אליי כעם**).

קוקט זיך צו צו די ווײַטערדיקע ווערבפאָרמעס אין די פראַגמענטן פון שאָלעם-אלייכעמס „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס יינגל" און אין ש. כאַלאָדענקאָס ליד.

1) מיטאמאָל[12] טוט זיך דער דאָקטער א דריי אויס מיטן בענקל צום קראנקן טאטן[13]. 2) אַפֿ עפּל און אַפֿ בארן איז רוּוֹן שוין איינמאָל א מייוון[14]. ער, אז ער טוט א קוק מיט איין אויג אַפֿ א בוים, וועט ער אײַך באלד זאָגן[15], וויפל פארנאָסע[16] דער בוים קאָן געבן. 3) בא מענאשעכע דער רויפּעטע אין גאָרטן זײַנען דאָ צוויי רייען קליינעביימעלעך, הארט בא דער ערד[17], אָנגעזעצט מיט ווײַמפּערלעך[18]. אַפֿ דער זון ברענען זיי און פינקלען אָפּ[19], און עס גלוסט זיך[20] כאָטש איין צווײַגעלע[21], כאָטש איין ווײַמפּערל[22] מיט צוויי פינגער[23] געבן א ריס אָפּ[24] און גלײַך אין מויל ארײַן![25] 4) דאָס אָנגעשריבענע[26] האָט ער (דער ברודער עליע) צוגעטראָגן פריִער[27] צו דער מאמען, נאָכדעם צו מײַן שווּעגערן בראָכע. די ביידע האָבן געגעבן א קוק ארײַן[28] און א זאָג צו אים: — סע שרײַבט! 5) באלד נאָכדעם האָט מען זיך גענומען ווידער[29] צו דער פריִערדיקער[30] ארבעט. אָנגעגאָסן נאָך א פּאָר עמער וואסער[31], האָט מײַן ברודער עליע אופגעהויבן די האנט: „גענוג!"[32] ווידעראמאָל אײַנגעטונקען די פען אין פאס[33], ווידעראמאָל געגעבן א שרײַב ארײַן אין ווײַסן פּאפּיר[34] ארײַן און ווידעראמאָל צוגעטראָגן דאָס אָנגעשריבענע פריִער צו דער מאמען און נאָכדעם צו מײַן שווּעגערן בראָכע. די ביידע האָבן ווידער געגעבן א קוק ארײַן אין פּאפּיר ארײַן און א זאָג: — סע שרײַבט.

סײַ אין פרייד און סײַ אין טרויער[35]
הײַזער האלט מען אין איין בויען[36],
קינדער האלט מען אין איין האָבן[37],
און... פארשטייט זיך, גריבער גראָבן[38].

שיינע אָדעמלעך און כאוועס[39],
זינט[40] די וועלט איז נאָר געבאָרן,
האלטן שטענדיק[41] אין איין האווען[42]
אַפֿ דעם מאָרגן צו באזאָרגן[43].

איך באגיי די זעלבע אוולע[44],
שטענדיק טראכט איך וועגן מאָרגן,
ווײַל[45] א מענטש כ'בין גלײַך מיט אלע[46],
איך פארגרייט, און איך באוואָרן[47].

נאָר בעשאס די הייסטע דײַגעס[48]
בלײַב איך שטיין און איך פארטראכט זיך[49],
כ'זאָל קיין גרעזל[50] ניט פארבײַגיין,
כ'זאָל קיין מענטשן ניט פאראכטן[51].

שיפרע כאלאָדענקאָ

Перевод: 1) от глагола «уфштэлн зих» — встать; 2) от глагола «ойсрайсн зих» — вырваться; 3) значительный (большой) народ (толпа); 4) около закрытой кареты; 5) от глагола «опрукн зих» — отодвинуться; 6) от глагола «ойсмишн зих» — смешаться; 7) прилагательные; 8) настоящий (должный); 9) от глагола «трейслэн» — трясти; 10) зёрнышки; 11) от глагола «аройсфалн» — выпасть; 12) сразу, вдруг; 13) доктор вместе со стулом поворачивается к больному отцу; 14) большой знаток; 15) сразу скажет; 16) сколько прибыли; 17) два ряда маленьких приземистых кустов; 18) усыпанных красной смородиной; 19) краснеют и сверкают; 20) хочется; 21) хоть одну веточку; 22) смородинку; 23) двумя пальцами; 24) от глагола «опрайсн» — оторвать; 25) прямо в рот; 26) написанное; 27) поднёс сначала; 28) от глагола «арайнкукн» — заглянуть; 29) снова; 30) прежняя; 31) влили еще пару ведер воды; 32) довольно; 33) снова обмакнул перо в бочку; 34) белая бумага; 35) и в радости и в печали; 36) дома́ строят; 37) детей рожают; 38) ямы копают; 39) Адамчики и Евы; 40) с тех пор; 41) постоянно; 42) суетятся; 43) обеспечить; 44) делаю (допускаю) ту же несправедливость (дурной поступок); 45) ибо; 46) как и все (одинаково со всеми); 47) заготавливаю и обеспечиваю; 48) но во время самых горячих забот; 49) задумываюсь; 50) травинка; 51) презирать.

דאָצענט ע. פאלקאָוויטש

יאקאָוו גאָלמאן

נאָך א לאנגדויערנדיקער קראנקײַט, אין עלטער פון 71 יאָר, איז אין טשערנאָוויץ געשטאָרבן דער ייִדישער אקטיאָר יאקאָוו גאָלמאן.

פופציק יאָר פון זײַן לעבן האָט יאקאָוו גאָלמאן אָפּגעגעבן דער סאָוועטישער ייִדישער בינע.

אויב פּרוּוון באצייכענען דעם טאָך פון די פילצאָליקע געשטאלטן, וואָס ער האָט געשאפן פאר זײַן פיליאָריקער אומדערמידלעכער אקטיאָרישער טעטיקײַט, קאָן מען זאָגן — דאָס איז דאָס געשטאלט פונעם פאָלקסמענטש, דעם פּאָשעטן אמכאָ מיט אלע זײַנע טרוימען, פריידן און ליידן, מיט אלע זײַנע יאָמטויווים און אינדערוואָכנס.

די לעצטע יאָרן איז יאקאָוו גאָלמאן געווען באוווּסט און באליבט באם ייִדישן צושויער אויך אלס זינגער. זײַן שטים האָט געקלונגען אַפֿ דער בינע פון א סאך שטעט און שטעטלעך פונעם סאָוועטנפארבאנד. מיט זײַן פאָלקסטימלעכער נעגינע האָט יאקאָוו גאָלמאן געגעבן א נײַעם טיקן דער ייִדישער פאָלקסליד, ער האָט אויך ברייט פּאָפּוליאריזירט די נײַע סאָוועטישע זינג־לידער.

יאקאָוו גאָלמאן איז געווען שעפעריש און גזעלשאפטלעך אקטיוו ביז די לעצטע טעג פון זײַן לעבן.

ערע זײַן אָנדענק!

צו די לייענער און געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער
פון „סאָוועטיש היימלאַנד"

עס ווערט פאָרגעזעצט די אַבאָנירונג אויף דער פעריאָדישער פרעסע אויפן 1975 יאָר.

פאַרגעסט ניט באַצײַטנס אויסשרײַבן דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" אויפן קומענדיקן יאָר. האָט דערבײַ אין זינען, אַז אין איינצל־פאַרקויף קומט דער זשורנאַל אָן אין אַ באַגרענעצטער צאָל.

אַבאָנירן זיך אויף אונדזער זשורנאַל אויפן 1975 יאָר קאָן מען אָן באַגרענעצונגען אין אַלע אָפּטיילונגען פון „סאָיוזפּעטשאַט", אין די פּאָטשט־אָפּטיילונגען און בײַ די געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער אויף די אונטערנעמונגען און אין די אַנשטאַלטן.

דער אינדעקס פונעם זשורנאַל איז 70821.

„סאָוועטיש היימלאַנד" דערשײַנט 12 נומערן אַ יאָר.

אַבאָנעמענט־פּרײַז: אויף אַ יאָר — 6 רובל. אויף 6 חדשים — 3 רובל.

לייענט און פאַרשפּרייט „סאָוועטיש היימלאַנד"!

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(На еврейском языке)

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **Х. Бейдер, Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон, М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Меламуд, Б. Миллер, Г. Полянкер, С. Фрай, И. Чичельницкий** (зам. главного редактора).
Ответственный секретарь И. Шустер

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.
Телефоны: главный редактор — 228-27-91; заместитель главного редактора — 294-46-69; ответственный секретарь — 223-96-07
Художеств. и техн. редакция: М. Сафронович, С. Черняк
Корректор М. Ландман

Подписано к печати 18/IX 1974 г. Формат 70×108 1/16. Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125.
Цена 50 коп. Зак. 1689.

Ордена Трудового Красного Знамени московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли.
Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1974 г.

Цена 50 коп.

Индекс 70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 10

1 9 7 4

В НОМЕРЕ:

Г. Полянкер. Крепче стали (роман. Окончание).
Рассказы Ш. Горшман, М. Альтмана.
Очерки М. Хазина, И. Друкера.
Стихи А. Вергелиса, А. Гонтаря, М. Талалаевского.
Произведения наших читателей.

Литературная критика. Библиография. Вопросы искусства

Г. Ременик. Проблемы творчества Дер Нистора.
Сорок лет тому назад (о первом съезде советских писателей).
Украинские писатели о мастерах еврейской литературы.
У. Гуральник. Мировое значение и международные контакты советской литературы.
С. Гордон. «Заколдованный портной» в Московском еврейском драматическом ансамбле.
И. Ковельман. Графика Э. Лисицкого.

Отвечаем на вопросы наших читателей

Л. Дадиани. Клерикализм в Израиле.
Н. Рихтер. Вопреки фактам действительности.

Листая журналы и газеты. Разное. Хроника. Заметки на календаре.
Э. Фалькович. Беседы о еврейском языке.